STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10126

HINTER SHTEKHIGE DROHT UN GRATES

Rudolf Rocker

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הינטער שטעכיגע דראָהט
און גראַטעס

ערזינערונגען פון דער קריגס־געפאנגענשאפט אין ענגלאנד

פון רודאָלף ראָקער

אידיש פון א. פרומקין

צווייטער באַנד

ארויסגעגעבען פון
רודאלף ראָקער שריפטען קאָמיטעט
נויארק, 1927

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

זייט

קאַפּיטעל 13

שטורמדיגע טעג אין לאַגער 5

קאַפּיטעל 14

דער טעראָר פון „איל־אַף־מען" 39

קאַפּיטעל 15

איך ווער באַטאַליאָן־פיהרער 69

קאַטיפּעל 16

משוגעים אין לאַגער 102

קאַפּיטעל 17

די געלע העצעריי און די געפאַנגענע 138

קאַפּיטעל 18

די ערנערונגס־פראַגע 175

זייט

קאפיטעל 19

די ווירקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע 209

קאפיטעל 20

א נייער קאָמאַנדיר, נייע צרות 241

קאפיטעל 21

די שפּיאָנען-מגפה 274

קאפיטעל 22

אין דער פּאַרלאַמענט-געביידע 305

קאפיטעל 23

איינצעלהאַפט און מאַסען-אינטערנירונג 336

קאפיטעל 24

דאָס לעצטע גליק 368

קאפיטעל 13

שטורמדיגע טעג אין לאַגער

דער ערשטער אויסצוג — אונטער'ן שוץ פון דער „טעאַטער־מוזע" — די נייע אָרעסטירטע — די „שוואַרצע האַנד" אָדער „דייטשער אנשוי־אונגס־אונטעררעכט" — דער אונטערגאַנג פון'ם „ראָיאל עדוואַרד" — די רעדע פון'ם קאָמאַנדיר — פאַסטאָר שמידט — דאָס אַנטלויפען פון'ם קאַפּיטאַן שמידט — מונדינג רעזיגנירט פון זיין שטעלע אלס באַטאַליאָן־פיהרער — נייע טראַנספּאָרטען נאָך דער „אייל־אָף־מען" — דער „אוממאָראַלישער זאַלא" — דער פאַל לעפּש — צוזאמענ־שטויסען מיט'ן נייעם צענזאָר.

ווען מיר האָבען איינגעאָרדענט אונזער נייע „היים" אין דעם „פעלעם", האָבען אסך פון אונז געהאָפט, אז זיי וועלען אצונד ענד־ליך האָבען א געלעגענהייט אָנצואווענדען זייער צייט אויף א ניצ־ליכערן אופן, ווי דאָס איז געווען מעגליך אויף'ן „ראָיאל עדוואַרד", וואו די אומגינסטיגע פאַרהעלטענישען און באַזונדערס די ענגשאַפט האָבען צונישט געמאכט יעדען פארזוך פאר אן ערנסטער באשעפ־טיגונג. מיר האָבען געהאט צווישען אונז א גאנצע רייה פון פעדאַ־גאָגיש געשולטע קרעפטען אויף די פארשידענסטע געביטען, וועלכע זיינען געווען גרייט לויט זייערע בעסטע מעגליכקייטען בייצוטראָ־גען צו דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון זייערע מיטגעפאנגענע. אמת, אז די פלעצער, וואָס מיר האָבען פאר די דאָזיגע צוועקען געהאָט אין;ם אלעקסנדרא פעלעם, זיינען גאָרנישט געווען באַפרי־דיגענד, אָבער דאך האָבען זיך שוין געהאט צוזאמענגענומען פאר־שידענע קלאסען צום געמיינשאפטליכען שטודירען, און מען האָט

שוין געטרוימט וועגען א פּלאַנמעסיגער צוזאַמענשטעלונג פון די איינצעלנע אָפּטיילונגען און געהאַלטען דערביי אויסצואַרבייטען א באַשטימטען לעהר־פּלאַן פאַר דאָס גאַנצע, ווען מען האָט אונז איין שענעם טאָג געלאָזט וויסען, אַז אומגעפעהר טויזענד מאַן פון אונז וועלען אריבערגעפיהרט ווערן אויף דער „אייל־אָף־מען״. דאָס איז געווען א קלאַפּ, אויף וועלכען קיינער האָט זיך ניט געריכט. מיר זיינען אלע געווען איבערצייגט, אַז מען וועט אונז דאָ האַלטען ביז עס וועט געשלאָסען ווערן פרידען, און אצונד זיינען מיט איינמאָל צופאַלען אלע פּלענער וואָס מיר האָבען זיך געמאַכט, און א דריטעל פון אונז האָט ווידער אמאָל געמוזט זיך איבערגעבען אין די הענט פון אַן אומבאַשטימטען שיקזאַל.

גאַנץ באַזונדער זיינען דורכדעם געטראָפען געוואָרן די יעניגע פון אונזערע ליידענס־חברים, וועמעס פאַמיליעס עס האָבען גע־וואוינט אין לאָנדאָן, און וועלכע האָבען דאָ געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן און צו ריידען מיט זייערע קרובים וועניגסטענס איין מאָל אין מאָנאַט. אזוי ווי עס האָט זיך דאָ געהאַנדעלט וועגען א גזרת וואָס איז געקומען פון׳ם קריגס־מיניסטעריום, האָט דער קאָמאַנדיר גאָרנישט געקאָנט ענדערן און געמוזט דעם באַפעהל דורכפיהרען, ניט קוקענדיג אויף אלע טענות און אלע בקשות וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט. אבער ווען עס האָט זיך גלייך נאָכדעם ארויסגע־שטעלט, אַז אין דער מיליטער־פּאַרוואַלטונג האָט מען בדעה פון אונזער באַטאַליאָן אליין אוועקצושיקען זיבען ביז אַכט הונדערט מאַן, בעת ווען דעם באַטאַליאָן „סי״ האָט מען כמעט אין גאַנצען געוואָלט אויסלאָזען, הגם עס האָבען זיך דאָרט געפונען גאַנצע מחנות פון יונגע לייט, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין איין אייגע־נעם מענשען אין לאָנדאָן, האָט דאָס ארויסגערופען אסך בייז בלוט און געגעבען א גרונד צו אלערליי השערות.

ווען מען האָט זיך נאָך דערצו דערוואוסט, אַז פון דעם אזוי־גערופענעם „טעאַטער־פּאַראַיין״, וואָס האָט זיך געהאַט געגרינדעט אין לאַגער מיט פינף אָדער זעקס וואָכען פאַרדעם, וועט, לויט א באַזונדערן באַפעהל פון׳ם קאָמאַנדיר, קיין איין מאַן ניט איבערגע־

שיקט ווערן אויף דער „איל־אָף־מען“, האָט זיך ביי אונז אין באַטאַליאָן אויפגעהויבען א שטורם פון ענטריסטונג, וואָרים מען האָט גאַנץ גוט געפיהלט, אז דער דאָזיגער באַפעהל איז ניט געקומען פון דעם קאָמאַנדיר׳ס אייגענער איניציאַטיווע, נאָר אז ער איז איהם פאָרגעשלאָגען געוואָרן פון די גוטע „פּאַטריאָטען“ אין באַטאַליאָן „סי“. צווישען די מיטגלידער פון׳ם דערמאָנטען פאַראיין האָט זיך קוים געפונען איינער, וואָס האָט געהאַט קרובים אין לאָנדאָן. געוויס האָט מען געקאָנט פאַרשטעהן, אז יעדער איינער, וואָס איז שוין ארומגעשליידערט געוואָרן אין דריי, פיער פאַרשידענע לאַגערן, האָט געהאַט א באַדערפניש איינמאָל פאַר אַלע מאָל צו קומען צו רוה און בלייבען זיצען אויף אַן אָרט, אַלצאיינס, צי ער האָט געהאַט פאַמיליע אין לאָנדאָן אָדער ניט. אבער אזוי ווי עס האָט פאַר יעדען איינעם געמוזט זיין קלאָר, אז גראַד די פאַמיליע־לייט זיינען אַם שווערסטען געטראָפען געוואָרן פון דער גזרה, איז דאַס געווען א פליכט פון מענשליכקייט, אז מען זאָל זיי קודם כל נעמען אין באַטראַכט. אָבער דאָס האָבען גראָד די הערן פון׳ם טעאַטער־פאַראיין, ווייזט אויס, ניט געוואָלט באַגרייפען, וואָרים זיי האָבען אויך ווייטער אָנגעווענדט יעדען מיטעל זיך אויסצודרעהען פון פאַרשיקט ווערן אויף דער „איל־אָף־מען“, ניט האָבענדיג די מינדסטע איינזעהעניש מיט זייערע פאַרהייראַטע מיטגעפאַנגענע.

אָט דער טעאַטער־פאַראיין האָט אין לאַגער איבערהויפּט ניט געהאַט קיין באַזונדערס גוטען נאָמען, און בייגעטראָגען דערצו האָבען ניט קיין אַנדערע, נאָר זיינע אייגענע פאַרטרעטער. אין א מעלדונג, וואָס דער פאַראיין האָט פאַרעפענטליכט גלייך נאָכדעם ווי ער האָט זיך געגרינדעט, איז ערקלערט געוואָרן, אז די איניציאַטאָרס ווילען ניט בלויז זאָרגען פאַר דער אונטערהאַלטונג אין׳ם לאַגער, נאָר פריהער פון אַלץ איז זייער צוועק צו פאַרשפּרייטען די קונסט־שטרעבונגען און דערהויבען דאָס גייסטיגע לעבען פון זייערע מיטגעפאַנגענע. אָט די אַביסעל צו גרויסע פּרעטענזיעס זיינען על כל פנים געשטאַנען אין א שרייענדען ווידערשפּרוך צו די אייגענטליכע לייסטונגען פון אונזערע נייע קונסט־פריינט, וועלכע האָ־

בען ניט געמאכט קיין שריט איבער דעם סאַמע געווענליכסטען שונד. יעדענפאַלס זיינען די הערין אליין געווען זעהר ענטציקט פון זייערע אויפטואונגען און האָבען זיך געהאַלטען פאַר געוואַלדיגע קענער. איין טאָג זיינען זיי געקומען אויף דער געניאַלער אידעע אויפצופיהרען דעם „ווילהעלם טעל“. ס'איז איינפאַך געווען א שרעק. באַזונדערס די סצענע, וואו דער עפּעל דאַרף אַרונטערגעשאָסען ווערן, איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז זאָגאַר דער הינטער־וואַלדישער הומאָר פון א מאַרק טוויין וואָלט זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכען דערמיט. שפּעטער האָבען זיי געמאכט א פאַרזוך מיט א דעטעקטיווּ־פּיעסע אויף דעם שניט פון אונזערע שונד־ראָמאַנען און מיט פאַרשידענע „פרעהליכע אווענטען“, וועגען וועלכע ס'איז בעסער צו שווייגען.

אָט די מענשען, וואָס די מעהרסטע פון זיי האָבען פריהער קיינמאָל ענגלאַנד ניט געזעהן, האָבען אַצונד געזאָלט בלייבען דאָ אין די אינטערעסען פון דער „קונסט“, בעת ווען פאַמיליען פאָטערס האָבען אויף זייער פּלאַץ געמוזט וואַנדערן נאָך דער „אייל־אָף־מען“. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, מיט וואָס פאַר א פאַרביטערונג די דאָזיגע ידיעה איז אויפגענומען געוואָרן אין גאַנצען לאַגער.

באַלד נאָכדעם ווי מונדינג האָט געבראַכט די נאַכריכט פון דעם קאָמאַנדיר, אַז אַזוי־פיעל מענשען וועלען מוזען פאַרלאָזען אונזער באַטאַליאָן, האָב איך זיך מיט איהם דורכגערעדט און ער איז געווען פולשטענדיג איינפאַרשטאַנען מיט מיר, אַז קודם כל מוז מען נעמען אין באַטראַכט די פאַרהייראַטע לייט. אָבער אַזוי ווי די געפאַנגענע זיינען געווען מורא'דיג אויפגערעגט צוליעב די אומזויבערע מאַנעווערעם וואָס זיינען פאָרגעקומען אין'ם באַטאַליאָן „סי“, האָט מונדינג ערקלערט, אַז ער מוז איבערלאָזען פאַר דעם קאָמאַנדיר אליין אויסצוקלייבען די מענשען, וועלכע זאָלען אָפּגעשיקט ווערן אויף'ן אינזעל, ווייל ער וויל ניט איינשטעלען זיין גוטען נאָמען אין קאָן. ס'האָט זיך נעמליך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז מונדינג סטאַרעט זיך צו שאָנעווען די קאָמפּאַניע פון דעם הערר פאָן מ., ווייל ער האָט דאָרט די מעהרסטע פריינט זיינע. ס'איז קיין וואָהר וואָרט ניט

געווען אין דעם דאָזיגען קלאנג, אָבער די געפאנגענע זיינען געוואָרן מיסטרויאיש און האָבען איבעראל געזעהן בלויז אינטריגעס און פארשווערונגען. דאָס איז הויפּטזאכליך געווען דער גרונד פארוואָס מונדינג האָט געפונען פאר נייטיג זיך אָפּצוטרייסלען פון וואָס פאר עס איז פּאראַנטוואָרטליכקייט אין דער דאָזיגער זאַך. איבעריגענס האָט הערר פאָן מ. אליין אָפּגעשוואכט אָט די אומבאגרינדעטע פארדאכטען, דערמיט וואָס ער און די מעהרסטע פון זיין קאָמפּאַניע האָבען זיך פּריוויליגּ אָנגעבאָטען אריבערגעפיהרט צו ווערן אויף דער „אייל־אָף־מען“. דאָס איז געווען א בראווע און מוטיגע האנדלונג, וועלכע האָט געמוזט מאכען א זעלטען גוטען איינדרוק, ווען מען האָט זי פארגליכען מיט דער טרויעריגער אויפפיהרונג פון די מיטגלידער פון׳ם טעאטער־פאראיין.

עס האָבען זיך געמוזט שיידען פון אונז היבשע עטליכע פריינט און באַקאנטע, מיט וועלכע איך בין געווען צוזאַמען די גאנצע צייט, זינט מיין אינטערנירונג, און דאָס הארץ האָט מיר וועה געטאָן וואָס מיר האָבען זיך געמוזט שיידען איינע פון די אנדערע. ס׳איז לײדער ניט געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב געמוזט איבערלעבען אזעלכע און ענליכע מאָמענטען.

אזוי גיך ווי דער ערשטער טראנספּאָרט איז נאָר אָפּגעפאָהרען, זיינען די פריי־געוואָרענע פּלעצער שנעל ווידער אויסגעפילט געוואָרן דורך נייע אָנגעקומענע, וועלכע מען האָט ערשט איצט געהאט ארעסטירט. אין די ניי־אָנגעקומענע גרופּען האָבען זיך געפונען מאנכע אלטע באַקאנטע מיינע, צווישען אנדערע אויך אונזער עסטרייכישער קאמעראד באָיער, מיט וועמען איך בין זינט לאַנגע יאָהרען געווען באקאנט דורך דער באוועגונג, און וועלכען איך האָב נאטירליך גלייך אויפגענומען אין מיין קאָמפּאַניע. אויך א גאנצע רייה געוועזענע מיטגלידער פון׳ם „קאָמוניסטישען ארב. בילדונגס־פאראיין“, פון 107 שארלאָט סטריט, זיינען געקומען צו אונז אין לאַגער, אבער זיי זיינען מייסטענטיילס איינגעקווארטירט געוואָרן אין׳ם אזויגערופענעם „רינג“ אין באטאליאָן „סי“. צווישען זיי האָבען זיך אויך געפונען די קאמעראדען ווירץ און בעקער,ביידע

סאָציאַל־דעמאָקראַטען, צווי בראַווע, מוטיגע מענער, מיט וועמען איך בין שפּעטער גוט באַפריינדעט געוואָרן.

א וואָך נאָך דעם ערשטען טראַנספּאָרט איז פאָרגעקומען א צווייטער אויסצוג, ביי וועלכען איך האָב פאַרלאָרן א גרויסע צאָהל מענשען פון מיין קאָמפּאַניע. אויך קאָנראַד, אויגוסט און די מעהר־סטע אנדערע מאַטראָזען, מיט וועלכע איך האָב זיך נאָך אויף'ן „ראָיאַל עדוואַרד" באַקענט, האָבען דאָס מאָל געמוזט געהן. איך האָב זיך געפונען אין א גאַנץ מעלאַנכאָלישער שטימונג, אָבער גליקליכערוויז האָב איך ניט געהאַט קיין סך צייט זיך אָפּצוגעבען מיט מיינע געפיהלען, ווייל איך האָב געהאַט איבער און איבער־גענוג צו טאָן מיט די ניי־אָנגעקומענע. די מענשען האָבען פאַר דער צייט געהאַט פיעל דורכגעמאַכט, און ווען מען האָט זיך צוגע־הערט צו זייערע ערצעהלונגען, האָט מען פאַקטיש ניט געוואוסט, צי די „פרייהייט" אונטער אזעלכע אומשטענדען איז בעסער, איי־דער זיין אינטערנירט. די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען זעהר דערשלאָגען, ווייל זיי האָבען איבערגעלאָזט זייערע פאַמיליעס אומ־פאַרזאָרגט, און ס'האָט גענומען א היבשע צייט, ביז זיי האָבען זיך צוגעוואוינט צו די נייע פאַרהעלטענישען. איבער א העלפט פון מיין קאָמפּאַניע איז אצונד באַשטאַנען פון נייע לייט, אָבער מיר האָבען זיך שנעל פאַרשטאַנען איינע די אנדערע, און די נייע ליי־דענס־חברים זיינען שפּעטער אביסעל געוואָרן שטאַרק צוגעבונדען צו מיר. אין דער ערשטער צייט איז עס דאָפּעלט נויטווענדיג צו זיין פריינדליך צו די מענשען און זיי ארויסהעלפען מיט ראַט און טאַט, כדי זיי זאָלען קאָנען איבערקומען זייערע ערשטע זאָרגען. א פּאָר פריינדליכע, פאַראינטערעסירטע ווערטער טוען אָפט אויף וואונדער און העלפען פיעל, אז די מענשען זאָלען שלום מאַכען מיט זייער נייער לאַגע.

ליידער האָט מען דאָס ניט איבעראַל באַגריפען, און אזוי האָ־בען די נייע געמוזט אויסשטעהן געוויסע צרות, פון וועלכע מען וואָלט זיי לייכט געקאָנט אויסהיטען. באַזונדערס אין'ם באַטאַליאָן „סי", וואו דער פּאַטריאָטישער עלעמענט איז געווען שטאַרק פאַר־

טראָטען, האָבען די ניי־אָנגעקומענע געמוזט זיין זעהר פּאָרזיכטיג, ניט צו ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון יענע פּוסטע חברה־לייט, וועלכע האָבען פיגורירט אַלס די פאַרטרעטער פון׳ם ריינעם דייטשטום, בעת ווען זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט געווען בלויז די פאַרטרעטער פון זייער פּוסטער ענג־האַרציגקייט. אָט די אידיאָטישע קעפּ האָבען אין יעדען ניי־אָנגעקומענעם שוין פון פאָרויס דערזעהן אַ פאַרדעכטיגע פּערזאָן. דאָס וואָס מען האָט איהם אַזוי שפּעט געהאַט אַרעסטירט, איז ביי זיי אין די אויגען געווען אַ געניגענדער באַוויז, אַז ער האָט געמוזט זיין אַ שלעכטער דייטש. וואָס פאַר עס איז אומבאַרעכענט וואָרט האָט פאַר אַזאַ מענשען לייכט געקאָנט ווערן אַ געפאַר. ס׳איז גענוג געווען צו מאַכען די באַמערקונג, אַז עס איז אוממעגליך אַז דייטשלאַנד זאָל קאָנען געווינען די מלחמה, כדי באַפאַלען און געשלאָגען צו ווערן פון אַ באַנדע ווילדע טרוסען. געוועהנליך פלעגט מען וואַרטען ביז דער קרבן, וואָס מען האָט זיך אויסגעקליבען, פלעגט ליגען בייננאַכט אין בעט. דאַן פלעגט מען איהם אריבערוואַרפען אַ קאָלדרע איבער׳ן קאָפּ, בעת ווען צוויי חברה־לייט פלעגען איהם צוהאַלטען און די איבעריגע פלעגען איהם שלאָגען מכות רצח מיט שטעקענס און אַנדערע געגענשטאַנדען. אַזוי האָט מען איין טאָג אין באַטאַליאָן „סי״ אויף אַ מורא׳דיגען אופן צו׳נהרג׳ט אַ געוויסען דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע, דערפאַר וואָס ער האָט געזאָלט האָבען אונטערגעשריבען זיין נאָמען אויף אַ פּראָטעסט־ערקלערונג געגען דער פאַרזינקונג פון דער „לוזיטאַניא״, כאָטש דאָס איז גאָר ניט באַוויזען געוואָרען אויף זיכער. אין דעם דאָזיגען פאַל איז דער קאָמאַנדיר געצוואונגען געווען אוועקצושיקען דעם מאַן אין אַן אַנדער לאַגער.

אַזא עקזעקוציע האָט מען גערופען דאָס „באַווייזען זיך פון דער שוואַרצער האַנד״ אָדער „דייטשער אַנשויאונגס־אונטערריכט״. ווי דאָס איז כמעט שטענדיג דער פאַל, זיינען די מעהרסטע פון אָט די ווילדע יונגען געוועזען גאַנץ געמיינע פייגלינגע, וועלכע פלעגען אָנפאַלען בלויז אויף שוואַכע און שרעקעדיגע מענשען וואָס האָבען זיך ניט געקאָנט פאַרטיידיגען געגען זיי. אָבער דאָס גע־

מיינסטע איז געווען וואָס אָט די ווילדע אָנפאַלען זיינען אינספּי־רירט געוואָרן פון אַ קליינער קליקע פון אַזויגערופענע „בעסערע הערן", וועלכע האָבען, פאַרשטעהט זיך, שטאַרק געהיט זייער איי־גענע פעל און זיך געהאַלטען ווייט פון געפאַר, נאָר שטענדיג אוי־בערגעלאָזט די עקזעקוציעס פאַר אנדערע, וועמען זיי פלעגען אויס־דריקען זייער צושטימונג נאָכדעם ווי די זאַך איז געווען אָפּגעטאָן. דער וואָס האָט געוואגט מוטיג און אָהן מורא ארויסצוזאָגען זיין מיינונג, דעם האָט מען קיינמאָל ניט געסמייעט צו טשעפּען. ליידער זיינען צווישען אונז געווען בלויז ווייניג אַזעלכע, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט. אַזוי האָט מען געגען מיר, וואָס איך האָב קיינמאָל מיינע מיינונגען ניט באַהאַלטען, זיך שטאַרק געקאָכט און מיך געסטראַשעט, אָבער קיינער האָט ניט געוואגט ווען עס איז נאָהנט צוצוקומען צו מיר. און אין דעם גראָד איז געלעגען דאָס געמיינע און נידערטרעכטיגע פון דער גאַנצער זאַך.

באַלד פון אָנפאַנג אָן, אָבער באַזונדערס נאָך דעם ערשטען אויסצוג, האָט זיך אין יעדען איינעם פון די דריי באַטאַליאָנען ענטוויקעלט אַ גאַנץ באַזונדערע אַטמאָספערע. דער באַטאַליאָן „סי" איז געווען די פעסטונג פון די פּאַטריאָטען אין לאַגער, און זיי זיינען דאָרט אַ לאַנגע צייט געשטאַנען ביים רודער; באַזונדערס נאָך דער אָפּרייזע פון הערר פאָן מ., ווען הערר בוראַנדט און זיין קרייז האָבען זיך אריבערגעצויגען אין „סי", ווייל זיי האָבען זיך ניט געפיהלט זעהר היימיש אין אונזער באַטאַליאָן. דער „סי"־באַטאַליאָן האָט געהאַט אין זיך די מעהרסטע פאַרמעגליכע לייט וואָס האָבען זיך געפונען אין לאַגער און איז געווען באַקוועמער איינגעאָרדענט ווי די אַנדערע צוויי באַטאַליאָנען. די מענשען זיי־נען ניט געצוואונגען געווען צו וואוינען צוזאַמען אין איין זאַל ווי מיר, נאָר זיי האָבען זיך פאַרטיילט אויף אַ גאַנצער צאָהל פון גרעס־סערע און קלענערע צימערען. דאָרט זיינען אויך געווען באַזונדערע עסס־זאַלען און אַנדערע באַקוועמליכקייטען, פון וועלכע מען האָט אין די אַנדערע צוויי באַטאַליאָנען ניט געוואוסט.

דער באַטאַליאָן „בי" איז צום גרעסטען טייל באַשטאַנען פון

מענשען, וועלכע האָבען געהערט צום ארבייטער־שטאַנד. דאָך זיינען צווישען אונז אויך געווען א היבש ביסעל אינטעליגענטען, אזוי ווי עטליכע פֿארמעגליכע מענשען, וועלכע האָבען זיך הויפּטזאכליך געפֿונען אין די פֿיער לעצטע קאָמפּאניעס. א דאנק דער אויפקלערענדער פּראָפּאָגאנדא, וועלכע מיינע פֿריינט און איך האָבען דא פֿון אָנפאנג אָן געהאט ענטוויקעלט, האָט אין׳ם „בי״־באַטאַליאָן געהערשט א פֿיעל פֿרייערער גייסט און אָן אכטונג צו אנדערע מיינונגען, דאָס פֿון וואָס מען האָט אין „סי״ א לאַנגע צייט ניט אָנגעהויבען צו ווּיסען. אויך האָט ביי אונז אין באַטאַליאָן געהערשט א שטארקערער געפֿיהל פֿון אחדות און נאַטירליכע סאָלידאריטעט.

דער „איי״־באַטאַליאָן איז געווען איינגעאָרדענט אם ערגסטען. ער איז באַשטאַנען פֿון צוויי גרויסע צימערען, וועלכע זיינען געווען פֿארבונדען איינס מיט׳ן אנדערן, און פֿון א באַזונדערן פּלאַץ, וואו די געפֿאַנגענע פּלעגען עסען זייערע מאָהלצייטען. אָט די צימערען זיינען געווען באדעקט פֿון א גלעזערנעם דאַך, און אזוי ווי זיי זיינען געווען אסך נידעריגער ווי אונזער זאַל, האָט דאָרט זומער געהערשט אַן אומערטרעגליכע היץ. די גאנצע אָפּטיילונג האָט געמאַכט אַן אויסערגעווענליך קלעגליכען און טרויעריגען איינדרוק און האָט מיך שטענדיג דערמאָנט אָן דער „אָלימפּיא״. די איינוואוינער פֿון „איי״ זיינען געווען כמעט אויסשליסליך ארבייטער, צווישען זיי האָט זיך אויך געפֿונען א גרויסער פּראָצענט פּאָליאקען, וועלכע האָבען געהאט ווייניג געמיינשאפטליכעם מיט זייערע מיטגעפאנגענע. פּילייכט ערקלערט דאָס אויך ביז א געוויסען גראַד די מערקווירדיגע אינדיפערענץ, וועלכע איז געווען כאַראַקטערסיטיש פֿאַר דעם באַטאַליאָן „איי״. אחוץ עטליכע אויסנאַמען האָט מען זיך אין „איי״ כמעט גאָרנישט אינטערעסירט פֿאַר גייסטיגע באַשעפטיגונג, דערפֿאַר אבער זיינען אלערליי קאָרטען־שפּילען דאָרט געווען מעהר אין גאַנג, ווי אין די אנדערע באַטאַליאָנען. ס׳האָט דאָרט געפֿעהלט אַן אינערליכע צוזאַמענהאַלטונג, וואָס נאָר זי אליין איז אימשטאַנד צו שאַפֿען א באַזונדערע אטמאָספערע. נאָמינעל האָבען אויך די באַוואוינער פֿון׳ם „טורם״ געהערט צום באַטאַליאָן

„איי“. דאָס איז געווען א קליינע קאָמפּאַניע פון פּאַרמעגליכע מענער, וועלכע האָבען געוואוינט אין א טורם־געביידע און דאָרט געפיהרט א באזונדער קיך, צאָהלענדיג פאר די דאָזיגע באקוועמליכקייטען א באשטימטע סומע יעדע וואָך. דאָך פלעגען אָט די לייט קומען גאנץ ווייניג אין באַריהרונג מיט די אייגענטליכע באוואוינער פון׳ם „איי“־באַטאַליאָן.

דעם 17טען אויגוסט האָבען די ענגלישע ציימונגען געבראכט דעם באריכט, אז דער „ראָיאל עדווארד“ מיט איבער טויזענט סאָלדאַטען איז פארזונקען געוואָרן פון א פיינדליכער סובמארין. אָט די ידיעה האָט אונזערע פאטריאָטען ווידער אמאָל געגעבען די געלעגענהייט פאר א ליארמענדער מאניפעסטאַציע אין׳ם לאַגער. זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט ווי די משוגעים, און עס האָט גארנישט געוואָלט נעמען קיין סוף צו די הורא־געשרייען. איך ווייס ניט, וואָס עס וואָלט געשעהן אין אן אינטערנירונגס־לאַגער אין דייטשלאנד, ווען עס שפּילען זיך דאָרט אָפּ אזעלכע זאַכען. ביי אונז איז קיין אנדער זאך ניט געשעהן, נאָר דאָס וואָס דער קאָמאנדיר האָט אויף מאָרגען אין דעם „קאָמפּאונד“ געהאַלטען א קורצע רעדע, אין וועלכער ער האָט צווישען אנדערעם ערקלערט, אז ער באדויערט די מאַניפעסטאציע פון פאָריגען אָוועגט צוליעב אונזערטוועגען אליין. ער קאָן פארשטעהן, האָט ער געזאָגט, אז אלס דייטשען זאָלען מיר האָבען דעם וואונש, אז אונזער לאַנד זאָל ארויסגעהן זיגרייך פון דער איצטיגער מלחמה, אָבער עס איז איהם שווער צו באגרייפען, ווי אזוי מען קאָן אויף אזא טאַקטלאָזען אופן אויסדריקען די פרייד אויף דעם אונטערגאנג פון א שיף מיט זיין גאנצער מאַנשאַפט. „כ׳גלויב, אז איך קאָן זאָגען באשטימט,“ האָט ער ערקלערט, „אז דאָס וואָלט געווען אוממעגליך צווישען ענגלענדער.“

נאָך די דאָזיגע ווערטער האָט ער אונז שטיל געגריסט און איז אוועק. די מעהרסטע פון אונז האָבען, פארשטעהט זיך, געפיהלט, אז ער איז גערעכט געווען. פיליכט איז עס ניט געווען גאנץ ריכטיג פאראנטוואָרטליך צו מאכען דעם גאנצען לאַגער פאר די נארישדרייסטע האנדלונגען פון עטליכע פוסטע קעפּ. גראָבע יונגען זיי־

נען דאָך פאַראַן איבעראַל, הגם איך אַליין גלויב, אַז די גראָב־יונג־שאַפט איז אין ערגעץ ניט אַזוי שטאַרק אַנטוויקעלט ווי ביי אונז.

עטליכע טעג נאָך דעם דאָזיגען פיינליכען אויפטריט האָט מען צו אונז אין באַטאַליאָן געבראַכט צעהן אָדער צוועלף אַלטע לייט, פון וועלכע איינציגע זיינען געווען איבער זיבעציג, דער יונגסטער ניט אונטער זעכציג יאָהר אַלט. עטליכע פון זיי האָבען זיך בלויז מיט גרויס מיה געקאָנט אַרומשלעפּען, אַנגעשפּאַרט אָן זייערע שטע־קענס, און מען האָט זיי באַלד געמוזט אָפּשיקען אין שפּיטאָל. דאָס זיינען געווען דייטשען וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין ענגלישע אַנשטאַלטען פאַר אָרימע לייט. דורך דער רעגיסטראַציע פון אַלע „פיינדליכע אויסלענדער" איז מען געקומען אויף זייער שפּור און מען האָט זיי איבערגעשיקט אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער.

זיינען ווירקליך געווען מענשען אין ענגלאַנד, וועלכע האָבען געגלויבט, אַז די זיכערקייט פון דער בריטישער וועלט־מלוכה וואָלט געקאָנט געשטעלט ווערן אין געפאַר דורך די דאָזיגע אָרעמע טייוואָ־לים? אין ענגליש „וואָרקהאַוז" איז ניט קיין גן־עדן, און הגם אָט די אינסטיטוציע פאַרדינט אפשר היינט שוין ניט דעם זעלבען נאָמען וואָס זי האָט געהאַט אין די צייטען פון דיקענס, זיינען נאָך פונ־דעסטוועגען אַלץ דאָ אַסך טויזענטער ענגלישע הונגער־ליידער, וועל־כע וועלען ליעבערשט שטאַרבען אויף דער גאַס, איידער צו זוכען אַ „מקום מנוחה" אין אַ וואָרקהאַוז. ס'איז אַלזאָ זיכער געווען די ביטערסטע נויט און די אַבסאָלוטע אומפעהיגקייט צו קאָנען אַליין זיך דערהאַלטען ביים לעבען, וואָס האָבען געטריבען אָט די אָרעמ־סטע פון די אָרעמע אין וואָרקהאַוז. נו, האָט מען זיי ניט פאַרגונען אפילו אָט דעם לעצטען מקום מנוחה און מען האָט זיי, וועלכע זיי־נען שוין געשטאַנען מיט איין פוס אין קבר, אַריינגעהעצט אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער, איינפאַך דערפאַר ווייל זיי האָבען זיך ניט פאַרזאָרגט מיט אַן אַנדער אַזויגערופענעם פאָטערלאַנד. זאָגאַר דער אָפיציר, וועלכער האָט יענעם טאָג אויפגעפּאַסט אויף דער צעהלונג פון די געפאַנגענע, האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווען ער האָט געזעהן די אַלטע לייט.

ארום ענדע אויגוסט האָט זיך צווישען מונדינג'ן און דעם קאָ־מאנדיר געמאכט דער ערשטער צוזאמענשטויס, וועלכער האָט שיער ניט געפיהרט צו א נייעם אויפרוהר אין לאַגער. דער קאָמאנדיר האָט געקריגען א באַפעהל פון'ם קריגס־מיניסטעריום צוזאמענצו־שטעלען א ליסטע פון אלע אייזענדרעהער, מעכאניקער א. א. וו., וואָס האָבען זיך געפונען אין לאַגער, און וועלכע זיינען געווען גרייט צו ארבייטען ביי זייער פאַך אויף דרויסען, אויסערהאלב דער גע־פאַנגענשאַפט. ס'איז געווען גאנץ קלאָר, אז עס האָט זיך אין דעם דאָזיגען פאַל געקאָנט האנדלען בלויז וועגען קריגס־ארבייט. ווען דער אלטער האָט אלזאָ אויפגעפאָדערט מונדינג'ן און די אנדערע צוויי באטאַליאָן־פיהרער צוזאמענצושטעלען אזעלכע ליסטען אין זייערע באטאַליאָנען, האָט זיך מונדינג גאנץ דייטליך ענטזאגט צו דערפי־לען זיין וואונש. ער האָט איהם גאנץ אָפען ערקלערט, אז פאַר איהם האנדעלט זיך דאָ וועגען א פראגע פון געוויסען, און אז ער וועט קיינמאָל ניט צולעגען זיין האנד דערצו, צו באוואָגען זיינע לאנדס־לייט, זיי זאָלען מאכען קריגס־ארבייט פאַר דער ענגלישער רעגירונג. אזוי ווי מונדינג איז פון די דריי באטאַליאָן־פיהרער געווען דער איינציגער, וועלכער האָט גענומען אָט די שטעלונג, איז דער אלטער געוואָרען מלא רציחה און געשריען אויף מונדינג'ן, אז אין דעם פאַל מוז ער ציהען די קאָנזעקווענצען און זיך צוריקציהען פון זיין שטעלע אלס באטאַליאָן־פיהרער. מונדינג האָט ניט איבערגעטראכט קיין רגע, האָט ארונטערגענומען זיין רויט בענדעל פון אָרם און רעזיגנירט.

ווען ער איז באלד נאָכדעם צוריקגעקומען אין באטאַליאָן און האָט אונז איבערגעגעבען וואָס צווישען איהם און דעם קאָמאנדיר איז פאָרגעקומען, האָבען זיך די קאָמפּאניע־פיהרער גלייך פאַרזאַ־מעלט, כדי צו נעמען א שטעלונג צו דער פראגע. בעת מיר האָבען אָפּגעהאלטען אונזער זיצונג, איז איבער'ן גאנצען באטאַליאָן ענט־שטאנען א גרויסע אויפרעגונג, וואָרים די נאָכריכט האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבעראַל. ס'האָט קיין שום ספק ניט געקאָנט זיין, אז מונדינג איז גערעכט געווען, און מען האָט אויף קיין פאַל ניט

געקאַנט אָננעמען, אז דער מאַן זאָל טאָן אַ זאַך וואָס איז געווען געגען זיין טיפסטער איבערצייגונג. איך האָב זיך דערום גלייך ערקלערט סאָלידאריש מיט איהם און איך האָב אין קורצע ווערטער באגרינדעט מיין שטאַנדפונקט. קארל׳טשיק און פאסטאָר שמידט, דער קפּאיטאַן פון דער דריטער קאָמפּאַניע, האָבען אין אַלגעמיינג איינגעשטימט מיט מיר. דערמיט האָט זיך די זאַך געענדיגט, וואָרים אויך די איבעריגע קאַפּיטאַנען האָבען קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, הגם א טייל פון זיי זיינען גאָרנישט געווען צופרידען מיט אַט דעם נייעם קריזיס.

די פארזאמלונג פון די קאַפּיטאַנען האָט באַאויפטראַגט פּאַסטאָר שמידט און מיך, אויף א פּרינציפּיעלען און זאַכליכען אופן צוזאַמענצופאַסען די איינצעלנע פּונקטען, וועלכע האָבען אונז באַוואויגען צו נעמען אונזער שטעלונג, און עס איבערגעבען דעם קאָמאַנדיר. מיר האָבען זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט, אבער איידער מיר האָבען נאָך צייט געהאַט זי צו פאַרענדיגען, איז שוין פּאַרגעקומען אַן ענדערונג אין דער לאַגע. דער קאָמאַנדיר האָט זיך, ווייזט אויס, דערוואוסט וועגען דער אויפרעגונג אין׳ם לאַגער, פּינקטליכט האָט ער אויך אליין גרינדליכער נאָכגעדענקט איבער דער פראַגע, — קורץ און גוט, ער האָט געשיקט רופען מונדינג׳ן צו זיך אין צימער און האָט איהם ערקלערט, אז ער האָט אבסאָלוט ניט די אַבזיכט איהם ארייינצוברענגען אין אַ קאָנפליקט מיט זיין געוויסען, אבער אין דעם פאַל האַנדעלט עס זיך איבערהויפּט ניט וועגען קריגס־ארבייט. מונדינג האָט איהם געענטפערט, אז אַלס געפאַנגענער קאָן ער ניט אָפּגעבען קיין אורטייל איבער דעם, וואָס פאַר אַ צוועק די ענגלישע רעגירונג האָט מיט דער צוזאַמענשטעלונג פון די דאָזיגע ליסטען, אבער ער מוז זיך אבסאָלוט אָפּזאָגען דערפון אויף וואָס פאַר עס איז אופן צו דינען אַלס אינסטרומענט פאַר אַזעלכע זאַכען. דערמיט איז די אָנגעלעגענהייט פאַרלויפיג געווען ערליידיגט, אבער איך האָב אינסטינקטיוו געפיהלט, אז ווייטערע צוזאַמענשטויסען זיינען געווען אומפאַרמיידליך. אויך מונדינג האָט עס געפיהלט. אחוץ דעם איז איהם דאָס לעבען דאָ געוואָרען

גאַנץ אומערטרעגליך. זיינע בעסטע באַקאַנטע האָבען זיך שוין געהאַט אריבערגעקליבען אויף דער „איל־אָף־מען“. דערצו איז נאָך געקומען דאָס וואָס ער האָט געמוזט זיך פאַרטיידיגען געגען די נידעריגסטע אינטריגעס און פאַרשווערונגען אין זיין אייגענעם קרייז, אַזוי אַז עטליכע וואָכען נאָך דער דאָזיגער פּאַסירונג האָט ער געבעטען דעם קאָמאַנדיר, אַז ער זאָל איהם אַרויפשטעלען אויף דער ליסטע צוזאַמען מיט די אַנדערע, וועלכע האָבען געדאַרפט מיט דעם נעקסטען טראַנספּאָרט אָפּגעשיקט ווערן נאָך „איל־אָף־מען“. דער אַלטער האָט אויפגענומען מונדינג׳ס באַשלוס, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט אַפילו געגען דעם.

אין מיין באַשרייבונג פון׳ם לעצטען קריזיס האָב איך אויך דערמאָנט דעם נאָמען פון׳ם פּאַסטאָר שמידט, וועלכער איז צו יענער צייט געווען קאַפּיטאַן פון דער דריטער קאָמפּאַניע. דער פּאַסטאָר איז אָהן צווייפעל געווען איינע פון די מערקווירדיגסטע פּערזענליכקייטען אין אונזער מיט און איינער פון די אויסגעצייכנעטסטע מענשען, מיט וועלכע איך בין ווען עס איז געקומען אין באַריהרונג. פאַר דער מלחמה איז ער געווען דער פאָרשטעהער פון א קליינער זעלבסטשטענדיגער רעליגיעזער געמיינדע אין א קליינער ענגלישער שטאָט, וועמעס נאָמען ס׳איז מיר אַרויס פון זינען. הגם ער האָט זיך שוין אויף׳ן „ראָיאַל עדוואַרד“ געפונען צווישען אונז, האָט ער דאָרט קיינמאָל ניט געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט. ערשט אין אַלעקסאַנדראַ פּעלעס זיינען מיר געוואָרן באַקאַנט. איין טאָג, ווען איך בין געזעסען אויף׳ן גרויסען באַלקאָן אויף א באַנק און איך האָב אַרונטערגעקוקט אויף דער שטאָט, האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר און האָט מיך אַריינגעצויגען אין א געשפּרעך. צו מיין ערשטוינונג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער האָט רעגעלמעסיג באַזוכט מיינע פאָרטראָגען אין טעאַטער און אַז ער איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין זיי. א קורצע צייט פאַר דעם האָב איך געהאַט געהאַלטען זעקס פאָרטראָגען איבער „לעוו טאָלסטאָי אַלס קינסטלער און סאָציאַל־פילאָזאָף“, וועלכע האָבען געמאַכט אויף איהם א שטאַרקען איינדרוק. אַזוי ווי איך בין נאָך דאַמאָלס ניט

געווען באקאנט מיט זיין שטעלונג, האב איך איהם געהאלטען פאר א פאסטאר פון׳ם געוועהנליכען שניט, און אצונד האב איך צו מיין איבעראשונג געמוזט אויסגעפינען, אז דער דאזיגער מאן איז אויך געווען אן אמת׳ער קריסט.

ווען ער האט מיר פארזיכערט, אז ער איז פולשטענדיג איינ־פארשטאנען מיט די אויספיהרונגען, וואס איך האב געמאכט אין מיינע פארטראגען, האב איך זיך ניט געקאנט צוריקהאלטען איהם צו זאגען, אז ער מוז אין דעם דאזיגען פאל זיין א ווייסער ראב, מחמת זיינע קאלעגען וואלטען ניט אזוי לייכט געקאנט אננעמען מיינע אידעען. דערויף האט ער מיר געענטפערט, אז ער געהערט ניט צו קיין אפיציעלער קירכען־געמיינדע, נאך מעהר, ער פארטרעט דעם שטאנדפונקט, אז פאר אן אמת׳ן קריסט איז אינערהאלב דער קירכע קיין פלאץ ניטא. אצונד איז מיר דער מאן ערשט געווארן אינטערעסאנט, און איך האב זיך פון איהם דערוואוסט, אז באלד אין אנפאנג פון דער מלחמה האט ער פאר זיין געמיינדע גערעדט געגען דעם קריג און איהם באצייכענט אלס א פארברעכען געגען גאט און די מענשען. גלייך נאכדעם האט מען איהם געגעבען א ווארנונג פון אויבען, אז ער זאל אפשטעלען זיינע דרשות געגען קריג, אויב ניט, וועט מען זיין געצוואונגען איהם אוועקצושיקען אין אן אינטערנירונגס־לאגער. ער איז געבליבען טריי זיין איבערצייגונג און האט אויסגעוועהלט דאס לעצטע.

זינט דאן פלעגען מיר עפטער ריידען צוזאמען, און איך האב אין דעם פאסטאר דערקענט א גרונד־עהרליכען, הויך־ענטוויקעלטען כאראקטער, וועלכער איז ניט געווען פעהיג צו קיין נידעריגער האנד־לונג. ער פלעגט ריידען מיט גרויסער ליעבע וועגען זיין פאמיליע און פלעגט שטארק באדויערן וואס מען האט איהם אוועקגעריסען פון א טעטיגקייט, וועלכע האט איהם פארשאפט פיעל פרייד. וואס עס האט זיך מיר באזונדערס געווארפען אין די אויגען, איז געווען דער אומשטאנד, וואס ער האט קיינמאל קיינעם ניט פאראורטיילט און האט געהאט א גוט ווארט פאר יעדען וואס איז געקומען מיט איהם אין בארירונג. דורך מיינע פארטראגען איז ער ערשט ריכ־

טיג באַקאַנט געוואָרן מיט די לעהרען פון טאָלסטאָי, וועמען ער האָט ביז אָהער געקענט בלויז אַלס פאָרטרעטער פון'ם פּאַסיוועו ווידערשטאַנד און פון וועמען ער האָט אַחוץ די ראָמאַנען געהאַט געלייענט בלויז אַ פּאָר קלענערע שריפטען. וועגען טאָלסטאָי'ם אָפּזאָגונג פון'ם שטאַאַט און פון'ם אייגענטום האָט ער פריהער גאָרנישט געוואוסט, און גראָד אָט די פראַגען האָבען איהם איצט שטאַרק באַשעפטיגט. ווען איך האָב איהם איינמאָל ערקלערט די היסטאָרישע צוזאַמענהאַנגען צווישען דעם מאָדערנעם מיליטאַריזם און דעם קאַפּיטאַליסטישען שטאַאַט, האָט ער אַ היבשע ווײַלע נאָכגעדענקט און געזאָגט:

„איך מיין, איהר זיינט גערעכט. וואָס לענגער איך טראַכט וועגען דעם, אַלץ שטאַרקער ענטוויקעלט זיך ביי מיר די איבערצייגונג, אַז דער שטאַאַט אין זיין היינטיגער פאָרם איז די אָרגאַניזירטע אומפריינדליכקייט."

ווען איך האָב איהם אויף זיין פאַרלאַנג גרינדליכער ערקלערט מיינע אייגענע אָנשויאונגען, האָט ער געזאָגט, אַז ער קאָן נאַטירליך מיט דעם גרעסטען טייל דערפון זיין איינפאַרשטאַנען, נאָר עס וואונדערט איהם וואָס מיר גיבען ניט קיין שום באַדייטונג דער לעהרע פון דער קריסטליכער ערלייזונג און לאָזען קענטיג אין גאַנצען ארויס פון אויג די טיפע אינערליכע מאָראַל פון'ם קריסטענטום. כ'האָב געזוכט איהם צו געבען צו פאַרשטעהן, אַז די אידעע וועגען דער ערלייזונג דורך דעם כלומר'שטען זוהן פון גאָט שליסט איבערהויפּט ניט איין אין זיך קיין טיפערן זין. נאָר דאָן ווען מען באַטראַכט יעזוס'ן אַלס מענש און בלויז אַלס מענש, קריגט זיין אָפּפער פאַר זיין לעהרע אַ באַדייטונג. פּאַסט מען איהם אָבער אויף אַלס גאָט, דאָן איז די אידעע וועגען דעם כלומר'שטען אָפּפער וואָס ער האָט געבראַכט, דירעקט אומזיניג, ווייל אין דעם דאָזיגען פאַל קאָן מען ניט לויז וועדען פון'ם געדאַנק, אַז אַ גאָט וואָלט גערארפט קאָנען געפינען אַ לייכטערן וועג פאַר דער ערלייזונג. אָבער וואָס איז שייך צו דער מאָראַל, האָב איך אויסגעפיהרט, האָט זי פאַר איהר אורשפּרונג ניט צו פאַרדאַנקען קיין שום רעליגיאָן, נאָר זי איז גיכער

פון אלץ א דירעקטער רעזולטאט פון׳ם מענשליכען צוזאמענלעבען און פון די געזעלשאפטליכע באדערפענישען. יעדע מאראל געפינט סוף כל סוף איהר ערקלערונג אין דער געזעלשאפטליכער עקזיסטענץ פון׳ם מענשען. אלע זיטען, מנהגים און אלגעמיינע געוואוינהייטען האבען געמוזט ענטשטעהן אויף אזא׳ן אופן און האבען שפעטער געפונען זייער גייסטיגע באטאנונג אין די פארשידענע רעליגיעזע און פילאזאפישע סיסטעמען פון די מענשען.

כ׳האב געפיהלט, אז איך האב דא אנגעריהרט א פונקט, וועלכער האט איהם אפט געמוזט אריינווארפען אין צווייפעל, ווארים ער האט ניט געהאט קיין שום ממשות׳דיגעם ארויסצושטעלען געגען מיינע אויספיהרונגען, נאר ער האט בלויז ערקלערט, אז איך בין אין דער ווירקליכקייט א בעסערער קריסט ווי מיליאנען אנדערע, פאר וועמען דאס קריסטענטום איז געווארן בלויז אויסערליכע דעקאראציע.

דער ארעמער פאסטאר! זיינע טעג אין אלעקסאנדרא פעלעם זיינען געווען געצעהלט, און ס׳איז ווידער אמאל געווען זיין מוטיגע שטעלונג פאר זיין איבערצייגונג, וואס האט איהם געזאלט אריינווארפען אין א צרה.

אין די ערשטע טעג פון סעפטעמבער איז אנטלאפען א מאן פון דער דריטער קאמפאניע, וואו פאסטאר שמידט איז געווען קאפיטאן. דאס איז צוגעגאנגען אזוי געהיים, אז די ענגלישע באאמטע האבען זיך צוערשט ניט געכאפט און ניט געהאט קיין שום אהנונג דערפון. ס׳האט זיך געהאנדעלט וועגען א מאן וואס האט זיך גערופען מיט דעמזעלבען נאמען ווי דער פאסטאר, א געוויסער שיפס־קאפיטאן שמידט, וועמען די ענגלענדער האבען מיט א שטיקעל צייט צוריק געהאט געפאנגען. ער איז פריהער א לאנגע צייט ארומגעפאהרען אויף א האלענדישער שיף און האט קענטיג זעהר פארזיכטיג צוגעגרייט זיין אנטלויפען.

אין יענער צייט פלעגט מען נאך יעדען מיטוואך נאכמיטאג פיהרען אין דייטשען האספיטאל, אין דאלסטאן לעין, אזעלכע געפאנגענע, וועלכע האבען געליטען פון אויגען־קראנקהייט אדער וואס

פאַר עס איז אַנדער איבעל, וואָס מען האָט ניט געקאָנט אויסקו־רירען אין׳ם לאַגער גופא. געוועהנליך האָט עס זיך געהאַנדעלט וועגען איינעם אָדער צוויי מענשען, וועלכע פלעגען באַגלייט ווערען פון א סאָלדאַט. דער סאָלדאַט האָט געהאַט א באַפעהל צו וואַרטען אין שפּיטאָל ביז די פּאַציענטען זיינען באהאַנדעלט געוואָרען, און דער־נאָך האָט ער זיי געמוזט צוריקברענגען אין לאַגער. אָבער די סאָל־דאַטען פלעגען דאָס רוב ניט נעמען אזוי פּינקטליך און ערנסט דעם באַפעהל, און פאַר א שילינג אָדער צוויי זיינען זיי גערן געווען גרייט איבערצולאָזען די געפאַנגענע אויף א פּאָר שטונדען אליין. שפּע־טער פלעגט מען זיך צו א באַשטימטער צייט טרעפען אויף א גע־וויסען, פון פריהער אָפּגעמאַכטען פּלאַץ, און פון דאָרט פלעגט מען געהן צוזאַמען צוריק אין לאַגער.

דער קאַפּיטאַן שמידט האָט אַלזאָ עטליכע מאָל באַזוכט דעם דייטשען האָספּיטאַל, כלומר׳שט צוליעב א געמאַכטער קראַנקהייט, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער די עטליכע באַזוכען באַנוצט דער־צו צו מאַכען די נייטיגע פּאָרבאַרייטונגען פאַר זיין אַנטלויפען. אלס קאַפּיטאַן, וועלכער איז יאָהרען־לאַנג אַרומגעפאָהרען צווישען האָ־לאַנד און ענגלאַנד, האָט ער אָהן צווייפעל געהאַט גוטע פאַרבינ־דונגען, און נאָכדעם ווי ער האָט געקריגען פריינט וואָס זיינען גע־ווען גרייט איהם מיטצונעמען קיין האָלאַנד, האָט ער בלויז געדאַרפט אין א באַשטימטער צייט זיך אַרויס׳גנב׳ענען פון „פּעלעם“ און פון דאָרט געהן דירעקט צו דער שיף וואָס האָט איהם אוועקגעפיהרט פון ענגלאַנד. אזוי גיך ווי ער איז אָנגעקומען אין האָלאַנד האָט ער געשריבען צום קאָמאַנדיר א פּאָסט־קאַרטעל, אין וועלכען ער האָט איהם מודיע געווען וועגען זיין געלונגענעם אַנטלויפען.

די פראַגע איז נאָר געווען, ווי אזוי האָט ער זיך געקאָנט אַרויס־גנב׳ענען פון׳ם „פּעלעם“. וועגען דעם זיינען די באַאַמטע קיינמאָל ניט געוואָרען גאַנץ קלאָר, און אויך צווישען די געפאַנגענע זיינען געווען בלויז געצעהלטע עטליכע, וועלכע האָבען געהאַט אַן אהנונג דערפון. אויך איך האָב פון גאָרנישט געוואוסט, ביז דער מאַטראָז קליין האָט מיר ערשט מיט עטליכע וואָכען שפּעטער ערקלערט די

זאך. לויט זיין ערקלערונג האט זיך דאס אנטלויפען אפגעשפילט אויף פאלגענדען אופן:

איינינע מאטראזען אין לאגער האבען זיך צום צייט־פארטרייב אויסגעבויט קליינע מיניאטור זעגעל־שיפלעך און האבען געקריגען אן ערלויבעניש פון׳ם קאמאנדיר ארומצופאהרען מיט זיי אויף א קליינעם טייכעל וואס האט זיך געפונען אויף דער מזרח־זייט פון׳ם „פעלעס“. דאס איז איבעריגענס א באליעבטער ספארט אין ענגלאנד. אזוי ווי דאס טייכעל האט זיך געפונען אביסעל אויסערהאלב פון׳ם גדר פון שטעכיגע דראהט, מיט וועלכען דער לאגער איז געווען ארומגערינגעלט, פלעגט מען אויסשטעלען וואכען אין דער צייט וואס די געפאנגענע פלעגען דארט ארומפאהרען. אבער אפנים אז די באוואכונג האט געמוזט זיין שוואכליך, ווארים ס׳איז דעם קאפיטאן שמידט, וועלכער פלעגט רעגעלמעסיג אנטייל נעמען אין דעם דאזיגען ספארט, געלונגען זיך צו באהאלטען אין א גריבעל. דער מאטראז קליין האט איהם צוגעדעקט מיט אלערליי בלעטער, און ער איז דארט געלעגען רוהיג ביז עס איז פינסטער געווארן. דאן האט ער בלויז געדארפט אריבערקלעטערן איבער א וואנט פון ברעטער, און ער איז געווען א פרייער מענש.

כדי צו האלטען דעם קאפיטאן׳ס אנטלויפען אזוי לאנג ווי מעגליך געהיים, האבען א פאר געפאנגענע, וועלכע האבען געוואוסט פון׳ם סוד, אנגעווענדעט א גאנץ איינפאכען מיטעל: אזוי ווי מען האט זינט ארנדט׳ס אנטלויפען אויפגעגעבען די צעהלונגען ביי די בעטען, און די געפאנגענע זיינען געצעהלט געווארן אין דערפריה, ווען מען האט פארלאזען דעם זאל, און פארנאכט, בעת מען האט געדארפט צוריק אריינגעהן, האט מען געמוזט זארגען דערפאר אז די צעהלונגען זאלען שטימען. ווארים די פראצעדור איז צוגעגאנגען אויף א שטרענגען אופן, אונטער דעם קאנטראל פון אן אפיציר, א סארדזשענט און א קארפאראל. נו, האט זיך אויף דער רעכטער זייט פון אונזער באטאליאן־פלאץ געפונען דער שוין דערמאנטער „איטאליענישער גארטען“, וועלכער איז אין אנהויב געווען צוגענגליך בלויז פאר די באוואוינער פון דעם באטאליאן „סי“. א דאנק די בא־

מיהונגען פון אונזער באַטאַליאָן־פיהרער האָט דער קאָמאַנדיר ענד־ליך איינגעווילּיגט אוועקצושטעלען אין מיטען פון דעם גרויסען הויף א פּאַרקען דריטהאַלבען מעטער די הויך, אזוי אז מיר האָבען געהאַט א העלפט פון'ם הויף פאַר זיך און מיר זיינען דורכדעם גע־ווען אימשטאַנד אויך נאָך דער אווענט־צעהלונג צו פאַרברענגען א פּאָר שטונדען אויף דער פריי.

אזוי ווי די פאַרנאַכטיגע צעהלונג איז אין אלע דריי באַטאַליאָ־נען פאָרגעקומען אין דערזעלבער צייט, האָט יעדען אָווענט פון'ם „סי"־באַטיליאָן בלויז איין מאן פון די שוין איבערגעצעהלטע גע־דאַרפט אריבערקלעטערן איבער'ן פּאַרקען, כדי צו זיין ביי אונז אין באַטאַליאָן. די ערשטע צעהלונג האָט נאַטירליך ניט געשטימט, אזוי אז מען האָט גלייך געמוזט מאַכען א צווייטע. דערווייל איז דער מאַן פון „סי" שוין געווען ביי אונז אין באַטאַליאָן, און אצונד האָט עס געשטימט. דאָס מערקווירדיגסטע איז געווען, וואָס די ידיעה וועגען קאַפּיטאַן שמידט'ס אנטלויפען האָט זיך אויף אן אומגלויב־ליך שנעלען אופן פאַרשפּרייט אין גאַנצען לאַגער. מען האָט איבע־ראַל גערעדט דערפון. אָבער ניט קוקענדיג דערויף זיינען פאַרביי גאַנצע דריי טעג, ביז די ענגלישע פאַרוואַלטונג האָט עס ענדליך דערשמעקט. דעם סאַרדזשענט איוועַנס איז פאָרגעקומען מאָדנע, וואָס די ערשטע צעהלונג אין „בי" האָט קיינמאָל ניט געשטימט, בעת ווען די צווייטע איז שטענדיג געווען ריכטיג. פּיליכט האָט אויך די באַנעמונג פון די געפאַנגענע ארויסגערופען אין איהם א געוויסען פאַרדאַכט. יעדע דאָפּעלטע צעהלונג פלעגט געוועגליך שטענדיג באַגעגענט ווערן מיט דער שטאַרקסטער אומצופרידענקייט און עס איז אויך ווירקליך ניט געווען קיין אנגענעמע זאַך. אָבער זינט די לעצטע דריי טעג האָבען זיך די געפאַנגענע אונטערוואָר־פען אונטער דער דאָזיגער פּאָרצעדור מיט דער גרעסטער באַרייט־ווילּיגקייט, און די נאַכריכט, אז עס מוז נאָך אמאָל געצעהלט ווערן, וועלכע פלעגט געוועגליך אויפגענומען ווערן מיט דעם גרעסטען פּראָטעסט, איז איצט פון אלעמען באַגעגענט געוואָרן מיט א פרעה־ליך געמיט. דאָס איז געווען פאַרדעכטיג.

אין זונטאג פאַרמיטאג — ס'איז געווען אומגעפעהר עלף אזייגער — איז פלוצלינג געקומען א באַפעהל זיך צו שטעלען ביי די בעטען פאר א „ראַל־קאַל". זאַגאר דער גאַטעס־דינסט אין'ם טעאַטער איז פלוצלינג איבערגעריסען געוואָרן, און מען האָט די געפאַנגענע צוריקגעטריבען אין דעם באַטאַליאָן־זאַל. מונדינג און דער פאסטאָר האָבען אצונד געפונען פאר ראטזאם צו לאָזען וויסען דעם קאָמאנדיר, אז עס פעהלט א מאַן פון דער דריטער קאָמפּאַניע. דער אַלטער איז, פארשטעהט זיך, ווידער ארויס פון די כלים און האָט געשאָלטען אויף וואָס די וועלט שטעהט. ווען ער האָט ענדליך געפרעגט דעם פאסטאָר, זינט ווען דער מאַן פעהלט, האָט איהם דער דאָזיגער, וועלכער האָט ניט געקאָנט זאָגען קיין ליגען, געענטפערט: „זינט דריי טעג." דאָ איז דעם אלטען שיער דער אָטעם אויסגעגאנגען פאר כעס, און ער האָט אָנגעהויבען צו ליארעמען ווי א משוגענער. ווען ער האָט זיך נאָך אמאָל געווענדט צום פאסטאָר און מיט צאָרן איהם געפרעגט, פארוואָס ער האָט איהם פריהער ניט געלאָזט וויסען וועגען דעם, האָט איהם דער דאָזיגער גאַנץ רוהיג געענטפערט, אז ער פיהלט זיך ניט פארפליכטעט צו טאָן פּאָליציי־ארבייט. מונדינג האָט זיך געשטעלט אויף דעם זעלבען שטאַנדפונקט. אצונד איז דער אַלטער געבליבען אָהן לשון. ער האָט עס, ווייזט אוים, ניט ערווארטעט. שפּעטער, ווען ער האָט רוהיג באַטראכט די זאַך, האָט ער אָהן צווייפעל געמוזט איינזעהן, אז דער פאסטאָר איז גערעכט געווען, אָבער ער האָט איהם קיינמאָל ניט געקאָנט פארגעסען פאר זיין האנדלונג.

אין „בי" האָט זיך אצונד איבערגע'חזר'ט דאסזעלביגע בילד ווי דאָן, ווען ארנדט איז פארשוואונדען. דער גאנצער באַטאַליאָן איז איינגעשלאָסען געוואָרן, בעת ווען די אנדערע צוויי באַטאַליאָנען האָבען געקאָנט ארויסגעהן אין'ם „קאָמפּאונד". דאָ זיינען די געפאנגענע געוואָרן ווילד. אייניגע האָבען ארונטערגעריסען דעם פאַרקען אין'ם „איטאַליענישען גאָרטען", וואָס האָט אונז אָפּגעטיילט פון „סי", און זיינען אויף אזא'ן אופן ארוים אויף דער פריי. דאָס איז געווען אָן אָנפאנג וואָס האָט אונטער אומשטענדען געקאָנט

האָבען גאַנץ שלעכטע פאָלגען, וואָרים מען האָט ניט געקאָנט אננע־מען, אז דער קאָמאנדיר וועט שטענדיג נאָכגעבען. אבער פאַרנאַכט איז דער אדיוטאַנט געקומען אין באַטאַליאָן און האָט ערקלערט אין דעם קאָמאנדיר'ס נאָמען, אז מען האָט ניט בדעה צו באַשטראָפען די געפאַנגענע, און אז מיר וועלען מאָרגען ווידער קאָנען ארויס־געהן אין'ם „קאָמפּאונד". זיינע ווערטער זיינען פון אלעמען אויפ־גענומען געוואָרן מיט קענטיגער צופרידענקייט, און אין דעם באַ־טאַליאָן האָט ווידער געהערשט רוה און פרידען.

אויף מאָרגען האָט מיך מיידזשאָר מאָט געשיקט רופען צו זיך און מיך געבעטען, איך זאָל מאַכען מיט איהם אַ קליינעם שפּאַציר אויף דער אויבערשטער טעראַסע, ווייל ער וואָלט גערן געוואָלט זיך דורכריידען מיט מיר איבער פאַרשידענע זאַכען. ער איז געווען פריינדליך און העפליך ווי תמיד און איז גלייך, אָהן צערעמאָניעס, צוגעטראָטען צו זיין ציעל, פרעגענדיג ביי מיר, וואָס איך דענק ווע־גען די לעצטע געשעהענישען אין'ם לאַגער. איך האָב איהם אויף אַ רוהיגען און זאַכליכען אופן ערקלערט, אז לויט מיין מיינונג זיינען מונדינג און דער פּאָסטאָר אומבאַדינגט גערעכט, וואָרים די טעטיג־קייט פון די קאַפּיטאַנען איז באַשרענקט בלויז אויף די פראַגען פון דער אינערליכער פאַרוואַלטונג. אבער מען קאָן אונטער קיינע אומ־שטענדען ניט ערוואַרטען פון די מענשען, אז זיי זאָלען טאָן פּאָ־ליציי־ארבייט פאַר דער ענגלישער רעגירונג.

ער האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און דאַן האָט ער געזאָגט, אז ער באַגרייפט גאַנץ גוט, אז דער פּאַסטאָר האָט ניט געקאָנט גלייך אויף'ן שטעל לאָזען וויסען דעם קאָמאַנדיר וועגען שמידט'ס אנטלויפען, אבער דאָס וואָס ער האָט די זאַך געהאַלטען פאַרבאָרגען דריי טעג נאָכאַנאַנד קאָן מען דאָך ניט אזוי לייכט רעכטפאַרטיגען. איך האָב איהם געענטפערט, אז איבער אזעלכע זאַכען וואָלט מען אם בעסטען געקאָנט אורטיילען, ווען מען זאָל פּרוּווען אליין זיך ארייננשטעלען אין דער לאַגע פון'ם פּאַסטאָר.

„שטעלט זיך פאָר, מיידזשאָר", האָב איך געזאָגט, „אז די ראָ־לען האָבען זיך געביטען, און אז איהר אליין געפינט זיך אין אַן

אינטערנירונגס־לאַגער צווישען אייערע לאַנדסלייט. ווי אַזוי וואָלט איהר אַלס מאַן געהאַנדעלט אין אַן עהנליכען פאַל?"

ווען איך האָב איהם געשטעלט די פראַגע אין אָט דער דירעקטער פאָרם, האָט ער גאָר אָהן צערעמאָניעס צוגעגעבען, אַז ער וואָלט נאָטירליך ניט געקאָנט אַנדערש האַנדלען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער מיך געפרעגט, צי איך פאַרטרעט דעם שטאַנדפּונקט, אַז אַ געפאַנגענער איז איבערהויפּט באַרעכטיגט צו אַנטלויפען. ניט טראַכטענדיג קיין רגע אפילו האָב איך איהם געענטפערט:

„געוויס גלויב איך דאָס. ס'איז מיין טיפסטע און אינערסטע איבערצייגונג, אַז אַ געפאַנגענער האָט דאָס אומבאַשטרייטבאַרע רעכט זיך צו פאַרשאַפען די פרייהייט, וואו נאָר עס מאַכט זיך איהם אַ געלעגענהייט דערצו, וואָרים דער פאַקט אַז מען האַלט איהם געפאַנגען געגען זיין ווילען, איז די בעסטע באַשטעטיגונג פון דעם דאָזיגען רעכט."

„אין דעם פאַל," האָט ער געזאָגט, „מוזט איהר דאָך אויך באַטראַכטען פאַר אַן אומרעכט מצד די באַאַמטע, ווען זיי באַשטראָפען אַ געפאַנגענעם פאַר אַ פאַרזוך צו אַנטלויפען."

„גאַנץ געוויס," האָב איך געענטפערט. „די באַאַמטע באַשטראַפען דעם געפאַנגענעם ניט דערפאַר ווייל זיי איז געגעבען געוואָרן דאָס רעכט דערצו, נאָר איינפאַך ווייל זיי האָבען די מאַכט."

אַזוי ווי די ענגלישע צייטונגען האָבען מיט עטליכע טעג פאַר אונזער געשפרעך געבראַכט די ידיעה וועגען צוויי ענגלישע ציוויל־געפאַנגענע וואָס זיינען אויף אַן ערפאָלגרייכען אופן אַנטלאָפען פון'ם אינטערנירונגס־לאַגער אין רוהלעבען, און וועלכע האָבען דורכגעוואַנדערט צופוס גאַנץ דייטשלאַנד, כדי צוצוקומען צו דער האָלענדישער גרעניץ, וועלכע זיי זיינען אריבער בשלום, האָב איך איהם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם דאָזיגען פאַל. איך האָב איהם געוויזען, ווי אַזוי די גאַנצע עפענטליכע מיינונג איז אייניג וועגען דעם, אַז ניט בלויז זיינען די צוויי געפאַנגענע געווען באַרעכטיגט צו אַנטלויפען, נאָר מען באַטראַכט זייער דרייסטע טאַט פאַר אַ באַזונדער פאַרדינסט.

„איך אליין,“ האָב איך געזאָגט, „גראַטוליר די צוויי מענער צו זייער גליקליך געלונגענעם אנטלויפען און איך וואָלט עס פון האַר־צען באַדויערט, ווען זיי פאַלען דורך אין זייער אונטערנעמונג. דער־ביי איז מיר אבסאָלוט אַלצאיינס, צי עס האַנדעלט זיך וועגען דייט־שען, ענגלענדער אָדער פראַנצויזען. פאַר מיר זיינען עס פריהער פון אלץ געפאַנגענע, וועלכע האָבען געבענקט נאָך דער פרייהייט, און אָט די בענקשאַפט גיט זיי דאָס מאָראַלישע רעכט פאַר זייער טאַט.“

ס'איז קענטיג געווען, אַז מיינע ווערטער האָבען געמאַכט אויף איהם אַ שטאַרקען איינדרוק, וואָרים ער האָט מיר ניט אָפּ־געענטפערט מיט קיין איין וואָרט. ענדליך האָט ער מיר געזוכט צו ערקלערן, אַז דער קאָמאַנדיר קאָן דאָך ניט זיך פאַרהאַלטען גלייכ־גילטיג צו די אָפטע פאַרזוכען וואָס ווערן געמאַכט צו אנטלויפען, מחמת עס ליגט דאָך אויף איהם אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט. דערפאַר איז עס באַגרייפליך, ווען ער טראַכט און זוכט מיטלען און וועגען ווי אַזוי אָפּצושטעלען אַזעלכע פאַרזוכען אין דער צוקונפט. דערויף האָב איך איהם געענטפערט, אַז איך קאָן זיך נאַטירליך אריינטראַכטען אין דער לאַגע פון'ם אַלטען מאַן, אָבער פאַרזוכען צו אַנטלויפען קאָן מען ניט אין גאַנצען אָפּשטעלען, און ווען מען זאָל אפילו אָנווענדען מי יודע וואָס פאַר גרויסע און זיכערע מיט־לען.

„ווען אַ מענש נעמט זיך אריין פעסט אין קאָפּ צו אנטלויפען,“ האָב איך געזאָגט, „וועט ער שטענדיג פריהער אָדער שפּעטער אויס־פיהרען זיין פּלאַן. עס זיינען אנטלאָפען מענער פון דער באַסטיל און פון די בליי־קאַמערען פון ווענעציאַ. פאַרוואָס זאָל זיך ניט איינגעבען איינצעלנע מענשען צו אנטלויפען פון דעם אלעקסאַנדראַ פּעלעס, וואו עס זיינען פאַראַן אַסך ווייניגער הינדערנישען איבער־צוקומען? צו די דאָזיגע זאַכען מוז זיך סוף כל סוף אויך דער קאָמאַנדיר צוגעוואוינען.“

ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפען און געמוזט צושטימען צו מיינע רייד.

„אבער ס'איז פאראן נאך א פונקט וואס באשעפטיגט שטארק דעם קאמאנדיר," האט ער דאן געזאגט. „איהר ווייסט, אז איהר און די איבעריגע קאפיטאנען קאנט צוקומען און ארומגעהן אין ערטער, וועלכע זיינען ניט צוגענגליך פאר די אנדערע געפאנגענע, און פון וואנען מען וואלט געקאנט אסך לייכטער אנטלויפען. דאס הייסט, אז דער קאמאנדיר פארלאזט זיך אויף די קאפיטאנען און האט צו זיי א געוויסען צוטרוי, ווייל אנדערש וואלט ער זיי דאך ניט צוגעלאזט צו אזעלכע פלעצער. וואלט איהר אלזא ניט געקוקט אויף דעם צוטרוי, וואס ווערט אייך געשענקט, און אויסגענוצט אייער שטעלע, כדי צו קאנען בעסער דורכפיהרען א געפלאנטען פארזוך צו אנטלויפען?"

ער האט מיר ארייגעקוקט גלייך אין די אויגען, בעת ער האט מיר געשטעלט די פראגע. איך האב רוהיג אויסגעהאלטען זיין בליק און געענטפערט:

„זעלבסטפארשטענדליך קאן איך אין דעם דאזיגען פאל ריידען בלויז פאר זיך אליין. און דא קאן איך אייך זאגען, אז עס איז קיינמאל ניט געווען מיין טבע צו מיסברויכען א צוטרוי, וואס מען האט מיר געשאנקען. ווען איך וואלט אלזא געהאט די אבזיכט צו אנטלויפען, וואלט איך פריהער געפונען א וועג ווי אזוי זיך צוריקצוציהען פון מיין שטעלע."

„דאס איז עס, וואס איך האב הויפטזעכליך געוואלט וויסען," האט ער געזאגט, מיר געבענדיג די האנד. „אייגענטליך האב איך גאר עפעס אנדערש ניט ערווארט פון אייך."

דאס זאגענדיג האט ער זיך פריינדליך אפגעזעגענט און איז אוועק, בעת ווען איך בין געגאנגען צוריק אין באטאליאן און גלייך דערצעהלט מונדינג'ן וועגען דעם דאזיגען געשפרעך אונזערן.

ס'איז מיר געווען גאנץ קלאר, אז דער אלטער האט אפריהער גערעדט מיט'ן מיידזשאר איבער די זאכען און פילייכט אויך געפיהרט דערצו, אז יענער זאל מיט מיר פארבינדען דעם שמועס. מען האט דערום מיט א געוויסער זיכערקייט געקאנט אננעמען, אז דער מיידזשאר וועט אויך איבערגעבען דעם קאמאנדיר וואס ער האט מיט מיר גערעדט. דאס וואס ער האט זיך גראד געווענדט צו

מיר, איז מיר אין׳ם ערשטען מאָמענט פאָרגעקומען אביסעל זאָנדערבאַר, אבער ס׳איז דאָך געווען באַגרייפליך. מען האָט אין דער פאַרוואַלטונג געוואוסט גאַנץ גוט, אז איך האָב געהאט א ניש׳קשה׳דיגען איינפלוס אין לאַגער. מחמת דעם האָט מיין שטעלונג צו פאַרשידענע פראַגען שטענדיג געהאט אַן אינטערעס פאר דער מיליטער־פאַרוואַלטונג.

דער אַלטער קאָמאַנדיר איז אין יענער צייט שטארק געפּלאָגט געוואָרן פון זיין קראַנקהייט, און עס איז געווען שווערער ווי ווען עס איז מיט איהם אויסצוקומען. אין „אָרדערלי רום" האָבען זיך כמעט טאָג־טעגליך אָפּגעשפּילט סצענעס, איבער וועלכע מען האָט בלויז געקאָנט שאָקלען מיט׳ן קאָפּ, און ס׳איז גאָרנישט אנגענעם געווען פאר די, וועלכע האָבען געמוזט אריינקומען אהין. דאָס וואָס דער אַלטער מאַן איז געווען קראַנק און ליידענדיג, איז פון א ריין מענשליכען שטאַנדפּונקט באַטראַכט געווען צו באַדויערן, אבער דאָס וואָס קרוב צו דריי טויזענד מענשען האָבען עס כמעט יעדע מינוט געמוזט פיהלען, איז געווען אַן אומזין, א לעבערליכקייט. עס פלעגט אלזא אויך צווישען מונדינג׳ן און דעם אלטען כמעט טאָגטעגליך קומען צו אַלערליי רייבערייען, ביז עס האָט מונדינג׳ן ענדליך דערעסען דער גאַנצער עסק און ער האָט געמאַכט א קורצען סוף דערצו, רעזיגנירענדיג פון זיין שטעלע אלס באַטאַליאָן־פיהרער. אין א קורצער צייט ארום איז ווידער אמאָל אָפּגעגאַנגען א טראַנספּאָרט פון דריי הונדערט געפאַנגענע פון אונזער באַטאַליאָן צו דער „איילאָף מען," און צווישען זיי איז אויך געווען מונדינג און דער פאַסטאָר שמידט.

דאָס וואָס דער אַלטער האָט פארשיקט מונדינג׳ן נאָך „איילאָף־מען" איז נאָך ווי עס איז געווען צו באַגרייפען, ווייל מונדינג אליין האָט עס אמאָל געהאט געבעטען. אָבער די דערוווייטערונג פון׳ם פאַסטאָר איז געווען א קליינליכע האַנדלונג, וואָרים פאַסטאָר שמידט איז געווען אַן עהרליכער און אויפריכטיגער מאַן, וועלכער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אויף קרומע וועגען. מען האָט איהם אויף קיין פאַל ניט געקאָנט באַצייכענען אלס מיטהעלפער פון דעם

קאַפּיטאַן שמידט, וואָרים ער האָט ניט געהאט די מינדסטע אהנונג
פון יענעמס פּלענער. זיין איינציג פאַרברעכען איז באשטאנען אין
דעם וואָס ער האָט זיך ניט ערנידעריגט צו ווערן א פאַררעטער.
איהם דערפאַר צו באַשטראָפען איז ווירקליך ניט געווען קיין נאָ־
בעלע האנדלונג. אויך דער קאָמאַנדיר אליין האָט געמוזט קומען
צום שלום, אז דער פּאַסטאָר האָט אלס מאַן אנדערש ניט געקאָנט
האַנדלען. אבער דער געדאַנק, אז דעם קאַפּיטאַן האָט זיך פּאַקטיש
איינגעגעבען צו אנטלויפען, האָט דעם אַלטען ניט געלאָזט רוהען.
ער האָט די דאָזיגע טאַט אנגענומען פּונקט ווי א באליידיגונג, וועל־
בע מען האָט איהם פּערזענליך אָנגעטאָן, און דערפאַר האָט ער גע־
האנדעלט אזוי אומגערעכט געגען דעם פּאַסטאָר. ווי שטאַרק דאס
אנטלויפען פון קאַפּיטאַן שמידט איז איהם געגאנגען אויף די נער־
ווען, באווייזט פאָלגענדער עפּיזאָד: עטליכע טעג נאָכדעם ווי מען
האָט זיך דערוואוסט וועגען דאס דאָזיגע אנטלויפען, האָט דער אַל־
טער פארזאמעלט אַלע קאַפּיטאַנען פון׳ם לאַגער ארום זיך און האָט
אונז געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האָט ערקלערט, אז ער
האָט גאָרנישט צו דעם אנטלאָפענעם דערפאַר וואָס ער האָט געזוכט
די פרייהייט, אָבער דער אופן ווי אזוי ער האָט דורכגעפיהרט זיין
פּלאַן איז שענדליך. ער האָט פארלאָזען דעם לאַגער ווי א גנב,
אָנשטאָט זיך ארויסצורייסען מיט געוואלט, וואָס וואָלט געווען א
מוטיגע האנדלונג. די היפּלאָזע נאאיוויטעט פון דער דאָזיגער אר־
גומענטאציע האָט אונז פּשוט ענטוואפענט. אזוי ווי עס וואָלט
איבערהויפּט מעגליך געווען פאַר אן אומבאוואפענטען מאַן אויפצו־
נעמען אן אָפענעם קאַמף מיט פּאַטרולען, וועלכע זיינען געווען באַ־
וואפענט פון קאָפּ ביז די פיס.

ווען מונדינג האָט אויפגעגעבען זיין שטעלע, איז מען ווידער
אַמאָל צוגעשטאַנען צו מיר פון אלע זייטען, איך זאָל איבערנעמען
זיין פּלאַץ. די איבער־גרויסע מעהרהייט פון׳ם באַטאַליאָן האָט מיט
באַשטימטקייט ערוואַרט, אז דאָס מאָל וועל איך זיך ניט אָפּזאָגען
דערפון. אָבער די ערפאַרונגען פון דער לעצטער צייט האָבען מיר
די זאַך נאָך אָפּשטויסענדער געמאַכט. וואָלט איך געהאט די מענ־

ליכקייט צו ארבייטען מיט א מאן ווי מיידזשאר מאָט, דאן וואָלט איך פיליי‌כט איינגעגאנגען אויף דעם אלגעמיינעם פארלאנג פון מיינע לײדענס-חברים, אָהן זיך לאַנג צו לאָזען בעטען. אבער מיט דעם אלטען, פון שווערער קראַנקהייט געפּלאַגטען קאָמאנדיר איז געווען אוממעגליך לאנג אויסצוקומען, אזוי אז איך האָב זאָגאר ניט געוואָלט מאכען קיין פּארזוך. איך האָב דערום אין קורצע ווערטער ערקלערט מיינע מיטגעפאנגענע, אז איך בין אויך אויף ווייטער גרייט צו ארבייטען אין די אינטערעסען פון׳ם באטאליאָן, אבער צוליעב גוט-דורכגעטראכטע אורזאכען קאָן איך ניט אָננעמען די שטעלע אלס באטאליאָן-פיהרער. ווען מען האָט ענדליך איינגעזעהן, אז איך וועל זיך ניט לאָזען איבעררײדען, האָט מען אויסגעקליבען דעם קאַפּיטאַן פון דער נײנטער קאָמפּאניע, א געוויסען הערר טרעפּטע, אלס באטאליאָן-פיהרער. דער דאָזיגער האָט אנגענומען די שטעלע און אין א קורצער רעדע האָט ער באטאָנט, אז ער פאר־לאָזט זיך באזונדערס אויף מיין מיטהילף.

דורך דעם לעצטען טראנספּאָרט נאָך „אייל־אָף־מען" האָב איך ווידער אמאָל פארלאָרען א גרויסען טייל פון מיינע אלטע פריינט און באקאנטע, און עס איז מיר געווען גאנץ מרה־שחורה׳דיג אויף׳ן הארצען. וואָלט איך ניט געהאט מיינע ליעבע און טייערע אין לאנדאָן, וואָלט איך קיין רגע ניט איבערגעטראכט און נאָכגעפאָלגט די אנדערע. דאָס לעבען דאָ איז געוואָרן אלץ אומעטיגער. די איינ־ציגע באפרידיגונג וואָס איך האָב נאָך געהאט איז געווען פון די וועכענטליכע פּאָרטראָגען, וועלכע זיינען געקרוינט געוואָרן מיט אן אויסערגעוועהנליכען ערפאָלג און האָבען מיר געגעבען די געלעגענ־הייט צו ווירקען פאר מיינע אידעען.

איך האָב שוין געהאט געהאלטען א גאנצע רייה פון פּאָרטראַ־גען, אָהן דעם איך זאָל זיך דארפען צו שטארק היטען אין מיינע אויספיהרונגען. פון זיכערקייט וועגען האָב איך צוערשט אויסגע־קליבען כמעט ריין ליטעראַרישע טעמעס. דערביי האָב איך זיך נאָ־טירליך שטענדיג באמיהט צו צוגלידערן אויף א ברייטען אופן די אלגעמיינע געזעלשאפטליכע צושטענדען, אונטער וועלכע דער איינ־

צעלנער קינסטלער און זיין ווערק האָבען זיך ענטוויקעלט. צייטענ־וויז פלעגט זיך באַווייזען איינער פון די צענזאָרס אין'ם טעאַטער, אָבער מייסטענטיילס זיינען די פאַרזאַמלונגען אָפּגעלאָפען אָהן וואָס פאר עס איז באַוואַכונג.

כ'האָב גראָד געהאַט אָנגעפאַנגען א נייע סעריע פון פאָרטראַ־גען איבער דער „ראָמאַנטישער שולע אין דייטשלאַנד“, ווען עס האָבען זיך מיר צום ערשטען מאָל געשטעלט שוועריגקייטען אין וועג. דער ווידערשטאַנד איז געקומען פון דעם נייעם צענזאָר, וועל־כער איז מיט א קורצער צייט פאר דעם אריינגעטראָטען אין זיין שטעלע. פאר די גאָר ערשטע געפאַנגענע איז ער אייגענטליך ניט געווען קיין נייער, וואָרים ס'איז געווען דערזעלבער הערר וו., מיט וועלכען מיר האָבען זיך שוין געהאַט באַקענט אויף דעם „ראָיאַל עדוואַרד“. איך בין דאָרט בלויז א פּאָר מאָל געקומען אין באַריהרונג מיט דעם מאַן און איך האָב איהם דערום ניט גענוי געקענט. דאָ אָבער, וואו איך האָב אלס קאָמפּאַניע־פיהרער געמוזט אָפּט פאַרהאַנדלען מיט איהם, האָט ער זיך ארויסגעוויזען פאר מיר פון דער סאַמע אומאַנגענעמסטער זייט. שוין דאס אויסערליכע אליין פון'ם מאַן האָט געמאַכט אן אומגינסטיגען איינדרוק. ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט קוקען א מענשען גלייך אין פּנים אריין, און טאָמער האָט איהר געקוקט אויף איהם און איהם דורכגענומען מיט אייער בליק, האָט ער גלייך אראָפּגעלאָזט די אויגען, אזוי ווי מען וואָלט איהם געכאַפּט ביי דער האַנד מיט עפּעס א שלעכטער טאַט. ווען מען האָט גערעדט מיט איהם, האָט מען שטענדיג גע־האַט דאָס געפיהל, אז מען מוז זיין פאָרזיכטיג, אז מען מוז זיך היטען פאר איהם. דערביי האָט ער שטענדיג ארויסגעצייגט א מין קריכערישע פריינדליכקייט, אבער אָהן וואָס פאר עס איז ווארם געפיהל. ער איז געווען אויסערגעווענליך נייגעריג און האָט אויס־גענוצט זיין אַמט אלס צענזאָר אריינצושטעקען זיין נאָז אין די אינטימסטע פאַמיליען־פאַרהעלטענישען פון די געפאַנגענע, וועלכע זיינען איהם אבסאָלוט ניט אָנגעגאַנגען — אן אייגענשאַפט, וועלכע מען געפינט זעלטען ביי ענגלענדער. ער איז געשטאַנען אין פאַר־

בינדונג מיט א גאנצער רייה פון פילאנטראָפּישע געזעלשאפטען און מיסיאָנערען־פאראיינען, און ווי מען האָט מיר איבערגעגעבען איז ער אליין געוועזען א מיטגליד פון אזא היפּאָקריטען־געזעלשאפט, וואָס האָט זיך מערקווירדיג אָפּגעשפּיגעלט אין זיין גאנצען כאראקטער. ער האָט שטענדיג געטריפט מיט מאָראל און האָט איבעראל דער־שמעקט זינד און פאַרדאָרבענקייט, אָבער דאָס וואָס ער און זיין גלייכען האָבען געהאלטען פאר רעליגיאָן, איז אין גרונד גענומען געוועזען בלויז דערווידערדיגע פרומקייט און היפּאָקריטישע אויגענ־גלאָצעריי. זאָגאר צווישען זיינע אייגענע קאָלעגען האָט מען איהם ניט געטרויט, און איך האָב צייטענווייז געהערט מיינונגען, וועלכע זיינען געוועזען אלעס וואָס איהר ווילט, נאָר ניט שמייכעלהאפטע פאר איהם. דער אלטער קאָמאנדיר האָט איהם ניט געקאָנט פארטראָגען, און שפּעטער, ווען ער האָט איהם צוויי מאָל געכאפּט ביי דירעקטע ליגענס, איז דאָס פארהעלטעניש צווישען זיי געוואָרן אזוי גע־שפּאנט, אז הערר וו. האָט געמוזט פארלאָזען זיין שטעלע, צו דער פרייד פון׳ם גאנצען לאַגער.

צוליעב זיינע רויטליכע האָר האָבען איהם מיינע מיטגעפאנ־גענע גערופען דער „רויטער“ און עס איז זיכער ניט געוועזען קיין איינציגער צווישען אונז, וואָס האָט געהאט די מינדסטע סימפּאטיע צו איהם. יעדער איינער וואָס האָט געהאט צו טאָן מיט איהם, האָט וועגען איהם געקריגען דעם אומאנגענעמסטען איינדרוק, וואָרים דער טאקטלאָזער אופן, ווי אזוי ער האָט געזוכט אריינצוקריכען אין דעם פּריוואט־לעבען פון די געפאנגענע, האָט אלעמען אויפגעבראכט.

וואָס פאר א סאָרט מענש דאָס איז געוועזען, דערפאר בלויז איין ביישפּיל צווישען הונדערטע:

אונזער פריינד לעפּש, וועגען וועמען ס׳איז שוין פריהער גע־וועזען די רייד, האָט פאר זיין אינטערנירונג געארבייט ביי אן ענגלי־שען פריזירער, מיט וועמען ער איז די גאנצע צייט געוועזען גוט בא־פריינדעט. בעת ער איז אינטערנירט געוואָרן האָט ער פארמאָגט אביסעל אָפּגעשפּאָרט געלד, וואָס ער האָט צום גרעסטען טייל אנט־ליהען זיין בלומר׳שטען פריינד אויף יענעמס פארלאנג. ווייל דער

דאָזיגער האָט איהם פאַרזיכערט, אז ער וועט איהם שטענדיג צושיקען אין לאַגער וויפיעל געלד ער וועט דארפען. לעפש, וועלכער האָט געהאַט דעם פולען צוטרוי צו דעם מאַן, האָט איהם גערן געגעבען דאָס געלד. אין דער ערשטער צייט האָט איהם דער אנדערער ווירקליך צוגעשיקט ווען ניט ווען א קליינע סומע, ביז ער האָט מיט אמאָל אויפגעהערט צו לאָזען הערען פון זיך. ווען לעפש איז געוואָרן שטארק פארענגט און האָט געשריבען צו דעם מאַן, בעטענדיג ביי איהם זיין געלד, האָט איהם יענער געענטפערט, אז ער פיהלט זיך אבסאָלוט ניט געבונדען און האָט ניט קיין פארפליכטונגען צו א „פיינדליכ:ען אויסלענדער“. מיט דעם דאָזיגען בריעף איז לעפש געגאנגען צו דעם צענזאָר וו. און האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהם העלפען געגען אזא אומדאנקבארע און שענדליכע האנדלונג. אָבער וו. האָט גאנץ קאלטבלוטיג געענטפערט, אז ער קאָן זיך ניט פארבינדען מיט א שונא פון זיין לאנד, כדי ארויסצוטרעטען געגען איינעם פון זיינע לאנדסלייט.

אָט דער ענטפער ווייזט גאנץ קלאָר און דייטליך דעם כאראקטער פון'ם מאַן. ניט דער קאָמאַנדיר, ניט מיידזשאָר מאָט און ניט ווער עס איז פון די אנדערע צענזאָרען וואָלטען אָנגענומען אזא שטאנדפונקט, וואָס האָט אזוי גוט ווי גערעכטפארטיגט יעדע געמיינע לומפעריי.

צווישען מיר און וו. איז פון אָנפאנג אָן געווען א געשפאנטע באציהונג, וואָרים די גאנצע פאלשע נאַטור פון'ם מאַן איז מיר געווען דערווידער. ער האָט דאָס גוט געפיהלט, און הגם ער איז שטענדיג געווען אויסערגעווענליך פריינדליך צו מיר, האָב איך איהם ניט געטרויט אויף א האָר. באלד נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעפאנגען זיין טעטיגקייט אין אלעקסאנדרא פעלעס, האָט ער געפרואווט פארהאלטען מיינס א פעקעל מיט ביכער און בראָשורען, וועלכע איך האָב געוואָלט פארשפרייטען אין לאַגער. דערביי האָט ער מיר אויף דעם פריינדליכסטען און ליעבענסווירדיגסטען אופן פארזיכערט, אז זיינע פאָרשריפטען ערלויבען איהם ליידער ניט ארויסצוגעבען סאָציאליסטישע ביכער צו געפאנגענע. איך האָב איהם געענטפערט

אין קורצען, אז אין דעם דאָזיגען פאַל בין איך געצוואונגען צו פאָדערן די ענטשיידונג פון׳ם קאָמאנדיר. דאָס האָט ער קענטיג ניט ערווארטעט. אָבער דער קאָמאנדיר האָט איהם גאָר אָהן צערע־מאָניעם געהייסען מיר איבערגעבען מיינע ביכער. כ׳האָב געקאָנט ארויסלייענען פון זיינע אויגען, ווי פיינליך די זאַך איז געווען פאַר איהם, כאָטש ער האָט זיך געמאַכט ווי דאָס אַרט איהם גאָרנישט.

באלד נאָכדעם האָט זיך געמאכט אַן אנדער פאַל, וועלכער האָט איהם געגעבען א געלעגענהייט מיר נאָך מעהר צו ערגערן. א געפאנגענעם פון מיין קאָמפאניע האָט מען פון דרויסען צוגעשיקט א פּאָר ביכער, צווישען וועלכע ס׳האָט זיך אויך געפונען א דייטשע איבערזעצונג פון זאָלא׳ס „זשערמינאל“. אָבער דער צענזאָר האָט זיך ענטזאגט איהם ארויסצוגעבען דאָס בוך, מיט דער באגרינדונג, אז דאָס איז אַן אוממאָראליש ווערק. דער מאן האָט מיר דערצעהלט די זאַך, וועלכע האָט מיך אויפגעבראכט, און אזוי ווי איך בין געווען זיין קאָמפאניע־פיהרער, בין איך גלייך אריבערגעגאנגען צו וו., כדי נאָך אמאָל צו באַהאַנדלען די פראגע מיט איהם. ער איז געווען פריינדליך ווי אימער און האָט געזאָגט, אז ער קאָן זיך ניט פאָר־שטעלען, אז איך זאָל האָבען אַן אינטערעס אריינצוברענגען אומ־זויבערע ווערק אין לאַגער. איך האָב איהם געענטפערט, אז איך האַלט זאָלא׳ס ווערק דורכאויס ניט פאר אומזויבערע, און איך האָב איהם געפרעגט, אויף וואָס ער באגרינדעט זיין מיינונג. מיין עקשנות האָט איהם קענטיג פארדראָסען, אָבער ער האָט זיך צוזאמענגענו־מען און געזאָגט מיט א טאָן פון אויפגעבראכטקייט:

„און איהר גלויבט ווירקליך, אז די סצענע, וואו אומפארשעמטע ווייבער מאכען דעם קרעמער פאר אוים מאן, איז ניט סקאנדאלעז אויף׳ן העכסטען גראד?“

כ׳האָב איהם אָנגעקוקט אביסעל צוטומעלט, וואָרים איך בין געווען ערשטוינט צו זעהן, מיט וואָס פאר א געשיקטקייט פרומאַ־קעם פון זיין שניט גראָבען שטענדיג אוים אזעלכע שטעלען פון א בוך. דאן אָבער האָב איך זיך ניט געקאָנט צוריקהאלטען איהם צו פרעגען מיט אביסעל א צו־להכעיס טאָן, צי ער האָט אין דעם

גאַנצען ווערק ניט ענטדעקט קיין שום אנדער זאַך ווי נאָר אַט די סצענע. דאָס האָט איהם קענטיג אריינגעבראכט אין א פאַרלעגענהייט און ער האָט מיט אמאָל אָפּגעבראָכען דעם געשפּרעך. אָבער איך האָב דעם מאַן, ועמען מען האָט פארהאַלטען זיין בוך, אָנגעשריבען א בריעף צום קאָמאַנדיר, און אין עטליכע טעג ארום האָט מען איהם גאָר אָהן צערעמאָניעס ארויסגעגעבען דאָס פארהאַלטענע ווערק.

אָט דער הערר וו. אַלזאָ איז עס געווען, וועלכער האָט מיר ביי מיינע פאָרטראַגען געזוכט צו לעגען די ערשטע שוועריגקייטען אין וועג. איך האָב שוין געהאַט געהאַלטען צוויי פאָרטראָגען איבער דער „ראָמאַנטישער שולע" און אצונד האָב איך צוגעגרייט א פאָרטראַג איבער ע. טה. א. האָפמאַן, ווען וו. האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דעם קאָמאַנדיר, אַז לויט א נייער באַשטימונג פון'ם קריגס־מיניסטעריום טאָר מען מעהר אין די אינטערנירונגס־לאַגערען ניט ריידען איבער מאָדערנע דייטשע ליטעראַטור, ווייל די דייטשען האָבען אין רוהלעבען ארויסגעגעבען אַ ענליכע גזרה. דער קאָמאַנדיר האָט מיך דערום געשיקט רופען און מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם נייעם באַפעהל און באַדויערט, וואָס ער קאָן מיך אונטער די דאָזיגע אומשטענדען ניט לאָזען ריידען איבער דער געפּלאַנטער טעמא. איך האָב איהם געענטפערט, אַז עס געשיקט זיך עפעס ניט, אַז א שריפטשטעלער וואָס איז געשטאָרבען נאָך אין יאָהר 1822 זאָל באַטראַכט ווערן אַלס דער רעפּרעזענטאַנט פון דער מאָדערנער ליטעראַטור אין דייטשלאַנד.

נו, האָט זיך דער אַלטער א קעהר געטאָן אַביסעל אָן א זייט און אָפּגעמאָסטען מיט זיין בליק דעם הער וו. ווי גרויס ער איז געווען. דער דאָזיגער איז געוואָרן רויט ווי אַן אינדיק און האָט קיין אנדער זאַך ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען ווי נאַר, אַז עס האַנדעלט זיך יעדענפאַלס וועגען א פאָרטראַג איבער דייטשע ליטעראַטור. דאָ האָט איהם דער קאָמאַנדיר געפרעגט מיט אָפענער איראָניע, צי ער האָט שוין אמאָל בייגעוואוינט מיינע פאָרטראַגען. אצונד איז וו. אריינגעקומען נאָך אין א גרעסערער פארלעגענהייט און האָט

געענטפערט, אז ער האָט ביז אהער לײדער נאָך ניט געהאַט קײן געלעגענהײט דערצו.

„גוט אלזא,“ האָט דער אלטער קורץ ענטשידען, זיך װענדענדיג װידער אמאָל צו מיר. „איהר קאָנט האַלטען אײער פאָרטראַג, און הערר װ. װעט זיך געבען די מיה אײך צוצוהערען.“

כ'האָב זיך געמוזט אָנטאָן א כוח ניט ארויסצושיסען מיט א געלעכטער, זעהענדיג דאָס צוטומעלטע געזיכט פון'ם צענזאָר, און איך בין שנעל אװעק. דעם אָװענט פון'ם פאָרטראַג איז ער געקו־מען באצײטענס און האָט זיך אויסגעקליבען א פּלאַץ אין דער פאָ־דערשטער רײה. אז דער פאָרטראַג איז געװען צו ענד, איז ער צו־געקומען צו מיר און האָט מיר הארציג געדאַנקט פאַר דעם גענוס־רײכען אָװענט. װען מײן פרוי האָט מיך אין עטליכע טעג ארום באזוכט, האָט ער מיט איהר פארבונדען א געשפּרעך און האָט זיך גאָרנישט געקאָנט גענוג אפּלויבען מײן פאָרטראַג. אָבער איך האָב גאַנץ גוט געװאוסט, װאָס פאַר א װערט דאָס אלעס האָט געהאַט. אין א קורצער צײט ארום האָב איך ערפאַרען פון א זיכערן קװאַל, אז ער האָט אָנגעװענדט אלע מיטלען, מען זאָל מיך פארשיקען אויף דער „אײל־אָף־מען“, אבער ער האָט ניט געהאַט קײן גליק מיט זײנע אינטריגעס, װאָרים דער אלטער קאָמאנדיר האָט גאַנץ אײנפאַך אויסגעמעקט מײן נאָמען פון דער ליסטע צוזאַמען מיט עטליכע אנדערע, װעלכע װ. האָט איהם פאָרגעלעגט אלס קאנדידאַטען פארשיקט צו װערן.

קאפיטעל 14

דער טעראָר פון „איי־לי־אָף־מען“

די ניי־אָנגעקומענע — אומעטיקע שטימונג אין לאַגער — דער נייער צענזאָר — געשפּרעכן מיט אַן ענגלישן אָפיציר איבער סאָציאַליזם און אַנאַרכיע — דאָס אָנקומען פון די מאַטראַזן פון איסטקאָט — אַלטע באַקאַנטע — צעפּעלינען איבער לאָנדאָן — אין דער פינסטערניש — דער פאַל פון ביטער — דער טויט פון׳ם קאָמפּאָניסט און מוזיק־דיריגענט גוסטאַוו וואַנדאַ — אין דער קרעמאַטאָריע פון „גאָלדערס גרין“ — קריסטמאַס־פּאָרבאַרייטונגען — דער דר. מערקעל־קאָמיטעט — ערב ניי־יאָהר׳ס שטימונג.

ס׳איז געווען זעלבסטפארשטענדליך, אז די אָפּטע טראַנספּאָרטען נאָך „איי־ל־אָף־מען“ און די שטענדיגע אויספילונג פון די באַטאַליאָנען דורך נייע ארעסטירטע האָבען ביסלאַכווייז געמוזט ארויסרופען א פולשטענדיגע ענדערונג אין דער גייסטיגער לאַגע פון די געפאַנגענע. די ניי־אָנגעקומענע זיינען בכלל נים געווען קיין ערגערע מענשען ווי אַלע אַנדערע, אָבער זיי זיינען געווען איינגעשראָקען און פאַר׳דאגה׳ט צוליעב די שטענדיגע צרות און פארפאָלגונגען, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטעהן אויף דרויסען. די יעניגע צווישען אונז, וועלכע מען האָט אינטערנירט באַלד ביים אָנהויב פון דער מלחמה, האָט דאָך געפעהלט די געלעגענהייט זיך אויף ריכטיג צו באַקענען מיט דער ראַדיקאַלער איבערקערעניש אין דער עפענטליכער מיינונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין משך פון׳ם לעצטען יאָהר. די ביינאַכטיגע אָנגריפען וואָס די דייטשע לופט־פליהער פלעגען מאַכען אויף לאָנדאָן און אַנדערע שטעט און די אומגע־

הייִערע העצעריי פון דער געלער פרעסע, האָבען פאנאנדערגעבלאָזען ביז דער העכסטער שטופע דעם האַס פון דער באפעלקערונג געגען אלעם וואָס איז געווען דייטש. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען איז דאָס לעבען פאר אַן אזויגערופענעם „פיינדליכען אויסלענדער“ געווען אלצדינג, נאָר ניט אנגענעם, און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס אסך דייטשען און עסטרייכער האָבען זיך פרייוויליג איבערגעגעבען צו דער פאָליציי אינטערנירט צו ווערן. אזוי האָט זיך צווישען די לאנדסלייט, וועלכע האָבען נאָך אלץ גענאָסען די צווייפעלהאפטע פריווילעגיע פון דער „פרייהייט“, ביסלאכווייז ענטוויקעלט יענעם כאראַקטעריסטישע געפיהל פון שטענדיגער אומזיכערקייט און הויכגראדיגער נערוועזקייט, וואָס מען האָט ביי די מעהרסטע פון די ניי־ארעסטירטע געקאָנט אראָפּלייענען פון פנים אראָפּ.

די גרויסע מעהרהייט פון די ניי־אָנגעקומענע זיינען געווען מענשען, וועלכע האָבען זינט לאנגע יאָהרען געלעבט אין ענגלאנד, און אסך פון זיי זיינען געווען פארהייראט מיט ענגלישע פרויען. פיעל פון זיי האָבען געמוזט איבערלאָזען זייערע פאמיליעס אויף דרויסען אונטער די אָרעמסטע פארהעלטענישען, און זיי זיינען דערום געווען פול מיט טיפע זאָרגען וועגען זייער שיקזאל. דערצו איז נאָך איצט צוגעקומען די שטענדיגע מורא, אז מען קאָן זיי נאָך פיליכט אוועקשיקען אויף דער „אייל־אָף־מען“ — א מורא, וואָס האָט געשוועבט ווי א דאמאָקלעס־שווערד איבער אלעמען און האָט די מענשען אָהן אויפהער געמאַטערט. ס'איז געווען קלאָר, אז צוליעב די צרות און פארפאָלגונגען וואָס זיי האָבען געהאט אויסצושטעהן, איידער מען האָט זיי אינטערנירט, און צוליעב דער שטענדיגער זאָרג פאר זייערע פאמיליעס, זיינען אַט די מענשען אין אלגעמיין געווען שרעקעדיגער און געהאָרכזאמער ווי מען איז עס פריהער געוואוינט געווען צו זיין. אַט דער פאקט איז ניט געבליבען קיין סוד פאר דעם קאָמאנדיר און זיין שטאב און די מיליטער־פארוואלטונג האָט דאָס אויסגענוצט אלס מיטעל אָנצוציהען, פארשטייפען די דיסציפּלין אין'ם לאגער און כסדר דערמאָנען די געפאנגענע אָן זייער האַפּ־

נונגסלאָזער אָפּהענגיגקייט. ווער ס'האָט ניט געפאָלגט, דער האָט געמוזט געהן אויף דער „אייל־אָף־מען“. קיין זאַך איז ניט געווען איינפאכער, אָבער אויך קיין זאך ניט גרויזאמער, ווי אָט די שטענדיגע דראָהונג, וועלכע האָט פארביטערט דאָס לעבען פון די געפאנגענע און זיי דערשלאָגען אויף'ן ערגסטען אופן. ביסלאכווייז פלעגען די אלטע איינוואוינער פון'ם לאגער קריגען א געוויסען איינפלוס אויף די נייע, אזוי אז די דאָזיגע פלעגען וואגען צו נעמען אביסעל א דרייסטערע שטעלונג. אבער ביז וואנען דאָס איז געשעהן, פלעגט שוין ווידער פאָרקומען א נייער טראנספּאָרט נאָך דער „אייל־אָף־מען“, און דיזעלבע פּראָצעדור האָט זיך אלץ איבערגע־חזר'ט פון דאָס ניי.

אונטער די דאָזיגע אומשטענדען איז ניט געווען וואס מקנא צו זיין א באטאליאָן־פיהרער פאר זיין שטעלע, וואָרים זיינע פאָדערונגען אין די אינטערעסען פון'ם כלל האָבען אצונד ביים קאָמאנדיר און ביי אלע אנדערע באאמטע פון דער מיליטער־פארוואלטונג געפונען א גרעסערן ווידערשטאנד ווי דאָס איז געווען פריהער. אין דעם זיינען אָהן א שום ספק פריהער פון אלץ שולדיג געווען די געענדערטע פארהעלטענישען, הגם מען קאָן ניט לייקענען, אז עס האָט זיך נאָך איצט, און איצט מעהר ווי ווען עס איז, געווענדט אָן דער פערזענליכקייט פון'ם פיהרער. לוידער האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז אונזער נייער באטאליאָן־פיהרער איז ניט געווען דער מאן, וואָס האָט זיך געפּאסט פאר דער נייער סיטואציע. ער האָט ניט געהאט ניט די מוטיגע, דרייסטע ענערגיע פון מונדינג און ניט די פעסטע ענטשלאָסענקייט, וועלכע לאָזט זיך ניט ארויסברענגען פון דער גלייכגעוויכט און פארפאָלגט א באשטימטען ציעל. מחמת דעם האָט מען אין'ם באטאליאָן באלד געקאָנט באמערקען א ריקטריט אין אלע זאכען, און מעהר ווי איין פּאָזיציע, וועלכע מיר האָבען מיט שווערער מיה שוין געהאט אויסגעקעמפט, איז ווידער פארלאָרן געגאנגען, אָהן דעם אז דאָס זאָל באגעגענען וואס פאר עס איז ווידערשטאנד.

דאָס ערגסטע אבער איז געווען, וואָס אונזער באטאליאָן־פיהרער,

טרעפּטע, איז אַלץ מעהר און מעהר ארונטערגעפאַלען אונטער דעם איינפלוס פון׳ם צענזאָר וו., וועלכער האָט איהם געפיהרט צו אַזעל־כע זאַכען, וועמעס ווירקונגען האָבען געמוזט זיין געפעהרליך. אין דער ערשטער צייט האָב איך זיך געגעבען די מיה איהם באַהילפיג צו זיין מיט ראַט און טאַט, און ער איז אויך געווען צופרידען און דאַנקבאַר פאַר דער הילף וואָס איך האָב איהם געגעבען. אָבער בים־לאַכוויין האָט ער זיך אַלץ מעהר צוגעהערט צו די עצות פון א קליינער מחנה פון גינסטלינגע, וועלכע האָט זיך אָנגעזעצט אויף איהם און איהם אָפּט געטריבען צו האַנדלונגען, וועלכע האָבען גע־מוזט זיין שעדליך פאַר איהם. אַז ער איז דאַן אריינגעפאַלען אין אלערליי צרה׳דיגע פּלאָנטערס און האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי ארויסצוקריכען, פלעגט ער געוועגליך קומען צו מיר און געבעטען ביי מיר אַן עצה, וועלכע איך האָב איהם קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט. איך האָב איהם מעהר ווי איינמאָל געהאָלפען ווי עס איז ארויסצו־פיהרען דעם וואָגען אויף׳ן ריכטיגען וועג, הגם איך האָב זיך אַלץ מעהר און מעהר איבערצייגט, אַז מען קאָן איהם גאָרנישט העלפען. אַזוי גיך ווי ער איז נאָר איבערגעקומען א קריזיס, פלעגט ער באַלד ווידער אריינפאַלען אין א נייער צרה, זיך צוהערענדיג צו אלערליי פרעמדע איינריידענישען, ביז איך האָב ענדליך אויפגעהערט איהם צו געבען עצות, ווייל עס האָט דאָך ניט געהאַט קיין שום צוועק.

עס וואָלט געווען אומגערעכט צו מאַכען דעם מאַן פאַראַנט־וואָרטליך פאַר אַלצדינג וואָס האָט זיך אין יענער צייט אָפּגעשפּילט ביי אונז אין באַטאַליאָן. עס זיינען געווען פיעל זאַכען, וועלכע ער וואָלט מיט זיין בעסטען ווילען ניט געקאָנט ענדערן. אָבער מען קאָן׳ אויך ניט פאַרלייקענען, אַז ער האָט פיעלעס פאַרזאַמט און האָט זיך אונטערוואַרפען געוויסע באַפעהלען, געגען וועלכע ער וואָלט געמוזט פּראָטעסטירען מיט אַלע כוחות און ניט דערלאָזען אַז זיי זאָלען דורכגעפיהרט ווערן.

איינע פון די אומגליקליכסטע ערשיינונגען אונטער טרעפּטע׳ס פיהרערשאַפט איז געווען דאָס אריבערטראַנספּאָרטירען פון גאַנצע קאָמפּאַניעס נאָך „אייל־אָף־מען“. ביז אהער פלעגט מען נאָך אַלץ

מאַכען א געוויסען אונטערשיד ביי דער אויסוואהל פון די וואס זייי־נען באשטימט געווארן פאר׳ן טראנספּאָרט און מען האָט געהאט איינזעהעניש מיט די פארהייראטע לייט, וועלכע האָבען געהאט זייערע פאמיליעס אין לאנדאָן. זאָגאר דאן, ווען מונדינג האָט ערקלערט דעם קאָמאַנדיר, אז ער ענטזאגט זיך אליין אויסצוקלייבען די מענשען און לאָזט איבער די ארבייט פאר דער מיליטער־פאַר־וואַלטונג, האָט די אלגעמיינע אויפרעגונג אין׳ם לאַגער באוואויגען די ענגלישע מיליטער־פאַרוואלטונג צו געברויכען א געוויסע מע־טאָדע ביי דער אויסוואַהל פון די געפאנגענע. דאָס האָט זיך איצט אין גאנצען געענדערט. מען האָט זיך די ארבייט געמאכט זעהר לייכט און באקוועם, ארויפשטעלענדיג איינפאך גאנצע קאָמפּאניעס אויף דער ליסטע פון די וואָס האָבען געזאָלט פארשיקט ווערן, כדי אויף אזא׳ן אופן צו דערגרייכען די פאָרגעשריבענע צאָהל פון׳ם קריגס־מיניסטעריום.

דער איינענטליכער ערפינדער פון דער דאָזיגער מעטאָדע איז געוועזן דער צענזאָר וו., און טרעפטע האָט לײדער געהאט די באדויע־רענסווערטע שוואַכקייט, אז ער האָט זיך ניט געשטעלט מיט דער גאַנצער ענערגיע געגען אָט דעם גרויזאמען און אומזיניגען איינפיהר. זאָגאר די צענזאָרען פון „איי“ און „סי“ האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ איבער דעם איינפאכען אופן ווי אזוי זייער קאָלעגע וו. פלעגט אויסקלייבען די מענשען אין אונזער באַטאַליאָן. איינער פון מיינע מיטגעפאַנגענע, וועלכער איז געוועזן אָנגעשטעלט אין דעם צענ־זאָר׳ס ביוראָ אלס שרייבער, האָט מיר דערציילט, ווי אזוי מר. מארלי, דער צענזאָר פון „איי“, האָט אין זיין געגענווארט אויסגע־רעדט וו.׳ן פאר זיין האנדלונג, אָבער דער דאָזיגער האָט איהם גאנץ קאַלטבלוטיג געענטפערט: „מיר געפינען זיך אין קריג, און יעדער איינער מוז ליידען.“ אָט די גרויזאמע ווערטער זיינען כאראקטע־ריסטיש פאר דער גאנצער נאטור פון דעם פרומען היפּאָקריט.

מען האָט זיך זאָגאר ניט גענומען די מיה צו לאָזען וויסען די פאמיליעס פון די פארהייראטע לייט, וועלכע מען האָט אויף אזא׳ן אופן אריבערגעפיהרט אויף דער „איילאָף־מען“. די אָרעמע פרויען

האָבען זיך ערשט דערוואוסט וועגען דער פאַרשיקונג פון זייערע מענער, דאַן ווען זיי זיינען געקומען אין „פּעלעס“ אויף באזוך. וואָכענלאַנג פלעגען זיך אין באזוך־צימער טאָג־טעגליך אָפּשפּילען מורא׳דיגע סצענעס. א טייל פרויען פלעגען ווערן אויסער זיך, ניט קאָנענדיג צוריקהאַלטען זייער ווייטאָג. אנדערע פלעגען וויי־נען שטיל פאַר זיך און האָבען קוים געהאַט די קראַפט צו געהן צוריק אהיים. מר. וו. האָט דאָס אַלעס געזעהן, אָבער ס׳איז איהם גאָר ניט איינגעפאַלען צו ענדערן זיינע מעטאָדען. כדי צו בארור־היגען זיין געוויסען האָט ער זיך איינפאַך געזאָגט, „אין קריג מוזען אַלע ליידען“.

איבערהויפּט האָט די צענזור, איבער וועלכער די געפאַנגענע האָבען זיך שטענדיג געהאַט צו באַקלאָגען, אין יענער צייט פיעל געלאָזט רעדען פון זיך. די אָפּליפערונג פון אונזער קאָרעספּאָנ־דענץ פלעגט זיך איצט פאַרשלעפּען נאָך מיט עטליכע טעג מעהר ווי פריהער. מען האָט זיך ניט געקאָנט ערקלערן פאַרוואָס עס איז געוועזען אזוי, ביז עס האָט זיך א היבשע צייט שפּעטער ארויסגע־שטעלט, אַז אונזערע בריעף זיינען צוויי מאָל צענזורירט געוואָרן, איינמאָל אין׳ם לאַגער און נאָך אמאָל אין סאָלסבורי האוז. ס׳איז שווער צו זאָגען, צי ס׳האָט זיך דאָ געהאַנדעלט וועגען אַן איבער־טריבענע פאָרזיכטיגקייט פון דעם קריגס־מיניסטעריום אָדער — וואָס איז וואַרשיינליכער — וועגען א מיספאַרשטענדניש צווישען די צוויי צענזור־שטעלען. אָבער עס זיינען אויך פאָרגעקומען זאַכען, איבער וועלכע מען האָט נאָר געקאָנט שאָקלען מיט׳ן קאָפּ, ווייל מען האָט איבערהויפּט ניט געקאָנט געפינען קיין שום ערקלערונג פאַר זיי. אזוי פלעגט דער צענזאָר גאָר אָהן צערעמאָניעס קאָנ־פיסקירען יעדען בריעף וואָס א געפאַנגענער האָט דערהאַלטען פון זיין פאַמיליע, אויב עס איז דאָרט געלעגען וואָס פאַר עס איז קליינע פאָטאָגראַפיע. איבער זעקס חדשים זיינען פאַרגאַנגען, ביז מען האָט אָפּגעשאַפט אָט די אומזיניגע און צוועקלאָזע גזרה, וועלכע האָט זיך העכסט וואַרשיינליך גענומען דורך א פאַלש־פאַרשטאַנע־נער פאַרשריפט פון דער אויבערשטער צענזור. פאַר אָט די זאַ־

כען האָט מען נאַטירליך ניט אַזוי לייכט געקאָנט פאַראַנטוואָרטליך מאַכען די צענזאָרען אין׳ם לאַגער. אָבער ווען הערר וו. פלעגט יעדע וואָך פאַרהאַלטען צענדליגע בריעף, ווייל דער אַדרעס פון׳ם שיקער איז כלומר׳שט ניט געווען אין גאַנצען אויסגעשריבען אויף׳ן קאָנווערט, איז דאַס איינפאַך געווען אַן אַקט פון פערזענליכער מוט־ווילינגקייט. מיט וואָס פאַר אַ לעכערליך איבערטריבענער פינקט־ליכקייט אָט דער מאָן האָט פאַרוואַלטעט זיין אַמט, דערפאַר בלויז איין ביישפיל צווישען הונדערט עהנליכע: אַ מאַן פון מיין קאָמפּאַניע, מיט׳ן נאָמען שפּאָהר, האָט געשריבען זיין פרוי אַ בריעף צו איהר געבורטסטאָג, און אַזוי ווי ער האָט איהר אין דעם פייערליכען טאָג געוואָלט געבען וואָס פאַר עס איז צייכען פון זיין איבערגעבענקייט צו איהר, האָט ער אין דעם בריעף אַריינגעלעגט אַ גרינעם קאָסטאַניען־בלאַט. אַכט טעג שפּעטער האָט ער געקראָגען זיין בריעף צוריק מיט אַ באַמערקונג פון׳ם צענזאָר וו., אַז עס איז ניט ערלויבט אַריינצולעגען אַ גרינעם בלאַט אין אַ בריעף. לאָמיר אָננעמען, אַז עס איז ווירקליך געווען פאַרבאָטען אַריינצו־לעגען אַן אומשעדליך בלעטעל אין אַ בריעף, וואָס זשע אין דער וועלט האָט אָפּגעהאַלטען דעם הערר וו. דערפון שטילערהייט אוועק־צונעמען דעם פאַרבאָטענעם געגענשטאַנד און אָפּשיקען דעם בריעף? פאַרוואָס האָט ער גערויבט ביי צוויי מענשען דאָס אומ־שולדיגע פאַרגעניגען, זיי געשטערט די שמחה, אויסצוטוישען אַ פּאָר צערטליכע ווערטער אין אַ טאָג, וואָס האָט פאַר זיי געהאַט אַ באַזונדערע באַדייטונג? בלויז רשעות, בייזער ווילען האָט דאַ גע־קאָנט זיין אין שפּיל, ניט עפּעס אַנדערש. אַזעלכע ביישפּילען וואָלט מען געקאָנט ברענגען אָהן אַ צאָהל, און קיין זאַך האָט ניט געקאָנט מעהר אויפרעגען די מענשען, איידער אָט די קליינליכע נאָדעל־שטעך, וועלכע זיי האָבען שווערער אַריבערגעטראָגען ווי אָפענע ברוטאַליטעט. מען מוז זיך פיליכט אליין האָבען געפונען אין אַן עהנליכער לאַגע, כדי צו קאָנען ריכטיג אָפּשאַצען אָט די טאַטזאַך.

איין טאָג, אַ קורצע ווײלע פאַר דער אָווענט־צעהלונג, ווען איך בין געזעסען אויף׳ן אויבערשטען באַלקאָן און בין געווען פאַר־

טיפט אין וואָס פאַר עס איז ציימונג, איז צוגעקומען צו מיר דער פּאַטרולירענדער אָפיציר און האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט מיר אין אַ געשפּרעך. נאַטירליך האָבען מיר גערעדט וועגען דער אומגליק־ליכער מלחמה, וועלכע איז אין יענער צייט געווען כמעט די איינ־ציגע טעמא פאַר די געשפּרעכען פון די מענשען. ער האָט קענטיג געהערט עפּעס וועגען מיר און ער האָט זיך דערום אינטערעסירט צו הערען מיין מיינונג וועגען דעם קריג. איך האָב ניט געמאַכט פון מיין הארצען קיין מערדער־גרוב, זיך ניט באהאַלטען מיט מיינע געדאַנקען און איהם גאַנץ אָפען געזאָגט מיין מיינונג. ער האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו מיינע רייד און צולעצט האָט ער גע־זאָגט, אַז עס איז צו באַדויערן וואָס אַזעלכע אידעען זיינען אַזוי וועניג פאַרשפּרייט צווישען די פעלקער פון אייראָפּא. דערנאָך האָט ער מיר גאַנץ איינפאַך און קלאָר ערקלערט, אַז אויך לויט זיין מיי־נונג איז דער קריג אַ שוידערליכער פאַרברעכען, וואָס האָט זיינע וואָרצלען אין דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם פון אונזער צייט. ער איז זאָגאַר געגאַנגען אַזוי ווייט צו זאָגען, אַז אַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואָס איז ניט אימשטאַנד צו פאַרהינדערן אַזאַ מוראָ׳דיגען אַטענטאַט אויף דער גאַנצער מענשליכער קולטור, האָט פאַרלאָרען יעדעס רעכט אויף איהר עקזיסטענץ.

דער אופן ווי אַזוי ער האָט גערעדט האָט דערוועקט מיין אינ־טערעס, וואָרים איך האָב אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז דאָס זיינען ניט קיין פּוסטע פראַזען, נאָר אַז דאָ איז אַ לאַנגזאַם רייף־געוואָרענע איבערצייגונג געקומען צום אויסדרוק. אחוץ דעם האָט ער געהערט צו די געצעהלטע עטליכע אָפיצירען אין לאַגער, וועלכע האָבען זיך שטאַרק באַליעבט געמאַכט ביי אַלע געפאַנגענע דורך זייער מענ־שען־פריינדליכער און לייטזעליגער באַנעמונג. זינט דאַן האָבען מיר אָפט גערעדט איינער מיט׳ן אַנדערן, און איך בין געווען ער־שטוינט צו דערגעהן, אַז ער האָט זיך גאַנץ געשמאַק אָפּגעגעבען מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. ער איז געווען באַקאַנט כמעט מיט אַלע סאָציאַליסטישע אויטאָרען פון אונזער דור אין ענגלאַנד און אַמעריקא און האָט זיך באַזונדערס אינטערעסירט מיט אַלפרעד

ראַסעל וואַלאַס און די לאַנד־רעפאָרמער. פון קראָפּאָטקינען האָט ער שוין אפילו געהאט געהערט, אבער גאָרנישט געלייענט, און אזוי ווי מען האָט איהם געזאָגט, אז איך בין אַן אַנאַרכיסט, איז עס איהם זעהר שטאַרק געגאַנגען אין דעם זיך צו באַקענען מיט מיינע אַנשויאונגען איבער דעם געזעלשאַפטליכען לעבען אין אַלגעמיין און באַזונדערס איבער די באַציהונגען פון׳ם איינצעלנעם צו דער געזעלשאַפט. וועגען אונזערע אידעען האָט ער ביז דאַן קיין אנדער זאַך ניט געהאט געלייענט, נאָר בערנאַרד שאָו׳ס „אימפּאָסיבּיליטי אָף ענערקיזם“ (די אוממעגליכקייט פון אַנאַרכיזם). אבער דאָס איז געווען גענוג, כדי צו דערוועקען אין איהם די איבערצייגונג, אז סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם שטעלען פאָר מיט זיך צוויי הפכים, אומפאַראייינבאַרע געגענזאַצען, וועלכע האָבען ניט קיין שום באַריהרונגס־פונקטען איינער מיט׳ן אַנדערן.

ער איז דערום געווען זעהר איבעראַשט, ווען איך האָב איהם ערקלערט, אז אזא געגענזאַץ איז גאָר באמת ניטאָ, נאָר ער איז פשוט אויף א קינסטליכען אופן געשאַפען געוואָרן פון די שטאַאַט־סאָציאַליסטישע ריכטונגען. איך האָב איהם געציינט, אז די גרויסע באַגרינדער פון דער מאָדערנער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, פּרודאָהן, באַקונין און קראַפּאָטקין, זיינען אין זייער קריטיק איבער דער היינטיגער געזעלשאַפטס־אָרדנונג און אין זייער שטעלונג צו די פאַרשידענע פראַגען פון׳ם לעבען שטענדיג ארויסגעגאַנגען פון געזעלשאַפטליכע פאָרויסזעצונגען און די סומע פון׳ם מאַטעריעלען און גייסטיגען וואוילזיין פון׳ם איינצעלנעם האָבען זיי איינפאַך באַטראַכט אַלס מאַסשטאַב פון דער קולטור־מדרגה פון׳ם געזעלשאַפטליכען בנין. געוויס, האָב איך איהם ערקלערט, זעהט דער אַנאַרכיסט דאָס פאַרהעלטעניש פון׳ם איינצעלנעם צו דער געזעלשאַפט אין א גאַנץ אנדער ליכט, ווי די פאַרשידענע שטאַאַט־סאָציאַליסטישע ריכטונגען און פאַרטייען, וועלכע זיינען אַלע מעהר אדער ווייניגער באַאיינפלוסט פון מאַרקסיסטישע אידעען־גענג. פאַר זיי איז דער איינצעלנער מענש בלויז אַן אומוויכטיגער באַשטאַנדטייל אין׳ם אַלגעמיינעם מעכאַניזם פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוק־

ציע, אין „ארבייטס־קראפט“, א ווערקצייג פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, וועלכע באשטימט זיין גייסטיג לעבען און די אויס־דריקען פון זיין ווילען. אזוי ווייט ווי דער יחיד, דער איינצעלנער שפילט איבערהויפט א ראָלע פאר יענע ריכטונגען, באטראכט מען איהם אלס א געזעלשאפטליכען דורכשניטס־פּראָדוקט, וואָס מוז געמאָסטען ווערן מיט דעם מאסשטאב פון אלגעמיינע באגריפען. אויף דעם דאָזיגען אופן האָבען זיי זיך געשאפען א באשטימטע פאָרשטעלונג פון דער לעבעדיגער ווירקליכקייט און זיינען געוויסער־מאסען די אָפּפער פון א פארבלענדעניש, פון אן אויגען־טוישונג, פארבייטענדיג די „פאטא מאָרגאנא“, דעם מיראזש וואָס זייער פאָר־שטעלונגס־קראפט ווייזט זיי, מיט דער ווירקליכקייט גופא. זיי זעהען אין דער געשיכטליכער ענטוויקלונג בלויז די טויטע רעדער, דעם אויסערליכען מעכאניזם, און זיי פארגעסען דערום גאָר לייכט, אז הינטער די קרעפטען און באדינגונגען פון דער פּראָדוקציע שטע־הען לעבעדיגע מענשען, מענשען פון פלייש און בלוט, מיט פער־זענליכע וואונשען, נייגונגען און פאָרשטעלונגען, און אזוי ווי די אינ־דיווידועלע פארשידענקייט, וועלכע איז דאָך דער ווירקליכער רייכ־טום פון'ם לעבען, ערשיינט פאר זיי בלויז ווי אן אומוויכטיגע נע־בענזאך, ווערט זיי דאס לעבען גופא פארבלאָז און שאָטענדיג.

פון דער אנדער זייט האָב איך איהם ענטוויקעלט די אויפפא־סונג פון די אנארכיסטען איבער דעם אינדיווידאום און זיינע באציהונגען צו דער געזעלשאפט. פאר אונז איז דער איינצעלנער ניט קיין אבסטראקטער שאָטען־באגריף, אָפּגעשעפּעט פון זיין גע־זעלשאפטליכער אומגעבונג, נאָר א סאָציאל וועזען, וואָס איז פאר־בונדען מיט זיינע מיטמענשען דורך טויזענד מאטעריעלע, גייסטיגע און זעלישע באציהונגען. כדי צו אורטיילען איבער דעם געזעל־שאפטליכען וואוילזיין, די פרייהייט, די קולטור פון א פאָלק, האלט זיך דער אנארכיזם ניט אָן דעם סכום פון די אלגעמיינע פּראָדוק־ציאָנס־רעזולטאטען, אדער אָן דער פאָרמעלער „פרייהייט“, וועלכע איז באגרינדעט אין וואָס פאר עס איז קאָנסטיטוציע, אויך ניט אָן דער אזויגערופענער קולטור־הויך פון א באשטימטען פעריאָד. ער

זוכט גיכער פעסטצושטעלען, ווי גרויס עס איז דער פּערזענליכער אנטייל פון׳ם וואוילזיין, פון׳ם רייכטום, וואָס צופאלט אויף יעדען איינצעלנעם מיטגליד פון דער געזעלשאפט, אויף וויפיעל דער איינצעלנער איז אין דער לאַגע צו באַפרידיגען זיינע פּערזענליכע נייגונגען, וואונשען און פּרייהייטס־באדערפעניששען אין די ראַהמען פון׳ם כלל, און בִיז וואָס פאר א גראַד די אַלגעמיינע קולטור געפינט איהר אינדיווידועלען אויסדרוק אין יעדען איינצעל־וועזען. לויט דעם דאָזיגען רעזולטאַט גיט ער ארויס זיין אורטייל איבער דעם גאַנצען כאַראַקטער פון דער געזעלשאפט. פאר אונז איז די פּערזענליכע פרייהייט דורכאויס ניט קיין אומבאַשטימטער אבסטראקטער באַגריף; זי ערשיינט אונז אלס די פּראַקטישע מעגליכקייט פאר יעדען איינצעלנעם צו קאָנען פולשטענדיג ענטוויקלען זיינע פון דער נאַטור געשענקטע קרעפטען, זיין טאַלאַנט און זיינע פעהיגקייטען. און אזוי ווי מיר זעהען אין דעם פּערזענליכקייט־געפיהל דעם העכסטען אויסדרוק פון׳ם מענשליכען פרייהייט־אינסטינקט, פאַרוואַרפען מיר פּרינציפּיעל יעדען פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, וואָס איז סוף כל סוף קיינמאָל ניט געווען עפּעס אנדערש ווי די אידעאָלאָגיע פון דער ברוטאַלער געוואַלט. די פּרייהייט אויף דעם באָדען פון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלייכהייט איז די אבסאָלוטע פאָרבאַדינגונג פון א בעסערער צוקונפט. בלויז אונטער אזעלכע באַדינגונגען זעהען מיר די מעגליכקייט צו ענטוויקלען דאָס געפיהל פון פּערזענליכער פאַראַנטוואָרטליכקייט אין יעדען מענשען צו דער העכסטער בליהונג און ענטוויקלען אין איהם דאָס לעבעדיגע באַוואוסטזיין פון סאָלידאַריטעט ביז צו אזא גראַד, אז זיינע אינדיווידועלע וואונשען און באַדערפעניששען וועלען זיך אזוי צו זאָגען אנטפּלעקען אלס רעזולטאַטען פון זיין סאָציאַלען געפיהל.

ער האָט נאָכגעפאָלגט מיינע אויספיהרונגען מיט דעם גרעסטען אינטערעס און האָט מיר ערקלערט, אז איך האָב פאר איהם אויפגעעפענט גאַנץ נייע גייסטיגע פּערספּעקטיווען. אויף זיין וואונש האָב איך איהם פאַרשאַפט קראָפּאָטקינס הויפּט־שריפטען: „גענענזייטיגע הילף“, „ברויט און פרייהייט“, „פעלדער, פאבריקען און

וואָרקשאָפּס״, „די פראַנצויזישע רעוואָלוציע״, „מאָדערנע וויסענשאַפט און אַנאַרכיע״ און די „מעמוארען״. ער האָט זיך פאַרטיפט מיט אַן אמת פייערדיגען חשק אין די דאָזיגע ביכער, און יעדעס מאָל וואָס ער האָט מיך געזעהן, האָט ער געהאַט אַ מאַסע פראַגען מיר צו שטעלען. באַזונדערס האָט די „געגענזייטיגע הילף״ געמאַכט אויף איהם אַ שטאַרקען איינדרוק, און ער האָט מיר ערקלערט, אַז דאָס דאָזיגע וואונדערבאַרע ווערק האָט איהם געגעבען אַ גאַנץ נייע פאַרשטענדעניש פאַר דער געשיכטע.

ערשט איצט האָט ער ריכטיג באַגריפען דעם גרויסען אונטערשיד צווישען די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנס־שאַפונגען און די פאַרשידענע פאָרמען פון'ם שטאַאַט, — אַן אונטערשיד וואָס ווערט פולשטענדיג איגנאָרירט פון די מעהרסטע סאָציאַליסטען. ווען איך האָב איהם אין פאַרלויף פון אונזער געשפּרעך ערקלערט, אַז לויט מיין מיינונג וועט די פּראַקטישע פאַרווירקליכונג פון'ם סאָציאַליזם אַרויסקומען הויפּטזאַכליך פון די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבייטער, אַז עס קאָן זיך דאָ ניט האַנדלען פאַר די אַרבייטענדע קלאַסען צו עראָבערן די פּאָליטישע מאַכט און פאַרהעלפען וואָס פאַר עס איז פּאַרטיי צום זיעג, נאָר עס געהט ניבער אין דעם צו קריגען די אָרגאַניזאַטאָרישע און אַדמיניסטראַטיווע פעהיגקייטען, וואָס נאָר זיי אַליין קאָנען זיי געבען די מעגליכקייט צו אונטערנעמען אַ רעאָרגאַניזירונג פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע און פון'ם קאָנסום אויף'ן באַזיס פון'ם פרייהייטליכען סאָציאַליזם, האָט ער זיך געוואונדערט, וואָס ער איז ניט פון זיך אַליין געקומען אויף דער דאָזיגער אידעע. ער האָט מיר ערקלערט, אַז איצט זעהט ער גאַנץ קלאָר און ער קאָן באַגרייפען די פּראַקטישע פאַרווירקליכונג פון'ם סאָציאַליזם.

ס'איז שטענדיג געווען אַ פרייד פאַר מיר צו ריידען מיט דעם דאָזיגען מאַן אין דעם אָפיצירסקען מונדיר, וואָס האָט געפיהלט אַזוי מענשליך און זיך געגעבען אַזויפיעל מיה צו דערגרונטעווען די סאָציאַלע פּראָבלעמעס. צום באַדויערן, איז ער שפּעטער אַריבערגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדער לאַגער, און איך האָב מעהר גאָרנישט

געהערט פון איהם. ווי אזויפיעל אנדערע פון יענער צייט פון דער שווערער נויט איז ער פולשטענדיג פארשוואונדען פון מיין לעבענס־קרייז. אָבער איך פיהל, אז די נייע לעהרע האָט ביי איהם געפונען א פרוכטבארען באָדען, וואָרים ס'איז געווען מעהר ווי א צופעליגער אינטערעס, וואָס האָט איהם באַוואויגען זיך נעהנטער צו באקענען און באשעפטיגען מיט איהר.

אין די לעצטע טעג פון סעפטעמבער זיינען אָנגעקומען צו אונז א היבש ביסעל מאטראָזען פון דעם אזויגערופענעם „טרייד יוניאָן קעמפּ“ פון איסטקאָט, וועלכער איז אויפגעלייזט געוואָרן אויף'ן באַפעהל פון'ם קריגס־מיניסטעריום. צווישען זיי האָב איך ווידער געטראָפען אייניגע אלטע באקאנטע, מיט וועלכע איך האָב זיך שוין געהאַט באקענט אויף'ן „ראָיאל עדוואַרד“. דער טרייד יוניאָן קעמפּ פון איסטקאָט איז ענטשטאַנען א דאַנק דער איניציאַטיוו פון'ם באקאנטען ענגלישען ארבייטער־פיהרער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער מאטראָזען־פעדעראַציע, האַוועלאָק ווילסאָן, וועלכער האָט גע־פועל'ט ביי דער רעגירונג צו באשטימען פאַר די דייטשע מיטגלידער פון זיין יוניאָן א באזונדערן לאַגער, וואו זיי האָבען גענאָסען א היבש ביסעל פרייהייט. דער לאַגער איז געשטאַנען אונטער דער פאַרוואַלטונג פון א ציוויל־קאָמאַנדיר, וועלכער איז, לויט דער איינשטימיגער מיינונג פון די אינטערנירטע מאטראָזען, געווען א מילדער און מיטפיהלענדער מאַן, וואָס האָט זיי געגעבען געוויסע פריוויליגיעס, פון וועלכע מען האָט ביי אונז זאָגאָר ניט געוואגט צו חלום'ן. אויך איז די קעסט וואָס די מענשען האָבען דאָרט געקראָגען, געווען באדייטענד בעסער ווי אין אנדערע לאַגערן. ווילסאָן פלעגט זעהר אָפט באזוכען דעם לאַגער און נעמען א שטאַרקען אינטערעס אין די געפאַנגענע. אויך טאָם מען, וועלכער האָט זיך אין פארלויף פון דער גאַנצער מלחמה געהאַלטען פון ווייטען, איז עטליכע מאָל געקומען אין'ם לאַגער און געהאַלטען רעדעס פאַר די אינטערנירטע מאטראָזען, אין וועלכע ער האָט זיי אויסגעדריקט זיין מיטגעפיהל און זיין סאָלידאַריטעט.

אבער שפּעטער, ווען דער האַס נעגען די דייטשען האָט זיך

אלץ מעהר פארשארפט דורך די אומאויפהערליכע העצרייען אין דער געלער פרעסע, האָט דער „וואָר אָפיס” נאָר אָהן צערעמאָניעס אויפגעלייזט דעם לאַגער פון איסטקאָט און אריבערגעשיקט די גע־פאנגענע אין׳ם אַלעקסאַנדרא פעלעס. ווי עס ווייזט אויס, האָט האָוועלאָק ווילסאָן, וועלכער איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר ארונטער אונטער דעם איינפלוס פון די הורא־פאַטריאָטען, אויך ניט געהאט מעהר קיין אינטערעס צו פּראָטעסטירען געגען דעם דאָזיגען באַ־פעהל.

דאָס אָנקומען פון די לייט פון איסטקאָט איז געווען אַ שוישפּיל פאַר געטער. די מיליטערישע באוואַכונג איז נעמליך געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס איז כמעט אויסגעקומען אַ סאָלדאט פאַר יעדען מאַטראָז. ס׳איז שווער צו זאָגען, וואָסערע אורזאכען עס האָבען באוואויגען די מיליטער־באַאַמטע אָנצונעמען אַזעלכע מיטלען, און אַסך פון אונז האָבען זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון׳ם געדאַנק, אַז עס איז דאָ פּשוט געגאַנגען אין דעם צו מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דעם ענגלישען פּובליקום. די געפאַנגענע פון איסטקאָט זיינען זיכער ניט געווען קיין פאַרברעכער, נאָר אין זייער גרויסער מעהר־הייט רוהיגע און פאַרשטענדיגע לייט. צווישען זיי האָט זיך גע־פונען אַ גאַנצע אַנצאָהל פון אַלטע מענער. ווען איך האָב געפרעגט איינעם פון זיי, אַ געוויסען אָטטאָ, וועלכער איז אָנגעקומען צו מיר אין דער קאָמפּאַניע, ווי אַלט ער איז, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז אַלט ניין און זעכציג יאָהר. ווען ער האָט באַמערקט, אַז איך האָב זיך געוואונדערט, האָט ער מיר דערצעהלט, אַז ער איז ווייט ניט דער עלטסטער, ווייל צווישען זיינע קאַמעראַדען געפינען זיך מענער פון צוויי און זיבעציג און דריי און זיבעציג יאָהר. דאָס וואָס מען האָט אריינגעזעצט אַזעלכע אַלטע מענער אין אַן אינטער־נירונגס־לאַגער, איז געווען אַ האַנדלונג, וואָס איהר אָפּשרעקענדע ברוטאַליטעט האָט זיך דורך קיין שום זאַך ניט געלאָזט רעכטפאַר־טיגען.

אין סעפּטעמבער און אָקטאָבער האָט לאָנדאָן געהאט אָפטע צעפּעלין־אָנגריפען, וועלכע האָבען, אמת, פאַראורזאַכט אַלערליי

פאַרוויסטונגען און פאַרניכטעט צאָהלרייכע מענשען־לעבענס, אבער זיי האָבען ניט ערפילט וואָס פאר עס איז סטראַטעגישען צוועק. ס׳איז געווען אן אריבערטראָגונג פון׳ם קריג אָהן א שום איינזעהע־ניש געגען א שוצלאָזע ציוויל־באַפעלקערונג, א זאך וואָס מען האָט ביז אהער נאָך ניט געהאט געזעהן. מען קאָן כמעט מיט זיכערקייט אָננעמען, אז אין דייטשלאַנד האָט מען געהאָפט דורך אזא טעראָ־ריזירונג פון דער לאָנדאָנער באַפעלקערונג וויכער צו מאכען די ענגלישע רעגירונג און איהר איבערציינגען אין דער נויטוועגדינקייט פון א באַלדיגען פרידען. קיין זאך איז ניט געווען פארקערטער ווי אזא אויפפאסונג פון דער לאַגע, וועלכע האָט נאָר באַוויזען, ווי האָפנונגסלאָז בלינד עס זיינען געווען די הערשענדע קרייזען אין דייטשלאַנד, און ווי עס האָט זיי דורך און דורך געפעהלט יעדע פאַרשטענדניש פאר דעם גייסט, פאר דער נשמה פון אנדערע פעלקער. גראָד דער היפוך דערפון איז דורכדעם דערגרייכט גע־וואָרן. דער טויט פון שוצלאָזע פרויען און קינדער האָט פאנאנדער־געבלאָזען דעם האַס פון׳ם ענגלענדער געגען דייטשלאַנד ביז צו משוגעת און האָט זיך ארויסגעצייגט אלס א בעסער פּראָפּאַגאַנדאַ־מיטעל פאר דער ענגלישער ארמיי, ווי פאַרזאמלונגען און צייטונגען. ווער עס קען די פאַרהאַרטעוועטע נאַטור פון׳ם ענגלענדער, דער וועט זיך דעריבער ניט וואונדערן. א פאָלק, וואָס האָט זינט פיעל צענדליגע יאָהרען גענאָסען פּערזענליכע פרייהייטען, וועלכע קוקען אוים פאר די מעהרסטע דייטשען זאָגאר נאָך זייער רעוואָלוציע ווי עפּעס וואָס מען קאָן ניט דערגרייכען; א פאָלק וואָס שטעהט ניט אויף שריט און טריט אונטער פּאָליציילי־כער אויפזיכט, באַזיצט א זעלבסטשטענדיגקייט פון האנדלען, וואָס מען וועט אומזיסט זוכען אין אויסגעשפּראָכענע מיליטער־שטאַאטען, וואו דער איינצעלנער ווערט איינפאַך באַטראַכט אלס אן אויטאָמאַטיש צוגעהער פון א גרויסען גאַנצען.

אָבער פאר אונז אליין האָבען אָט די אָנגריפען געהאַט זעהר אומאַנגענעמע פאָלגען. איין שענעם טאָג האָט מען זיך גענומען דערצו צו פאַרשמירען די גלעזערנע דעכער פון אונזער געפענגעניש מיט

שווארצער פארב, כדי ניט צו געבען די פיינדליכע פליה־מאַשינען קיין אָנהאַלטס־פּונקטען ביי זייערע בייזאַכטיגע אַטאַקעס. דורכ־דעם זיינען הויפּטזאכליך געטראָפען געוואָרען די באַטאַליאָנען „איי" און „בי", וועלכע האָבען געקריגען זייער ליבט אויסשליסליך פון אויבען. וואָס ווייטער מען איז געקומען מיט דער אָפּפאַרבונג פון די ריזיגע גלאָז־דעכער, אַלץ פינסטערער איז עס געוואָרען ביי אונז, ביז דער גרויסער האַל, וואו מיר האָבען געוואוינט, האָט ענדליך געמאַכט דעם איינדרוק פון א ריזיגען קבר, אין וועלכען ס'איז קוים אַריינגעקומען א זונענשטראַל. און עס האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי די מענשען, וועלכע האָבען זיך באַוועגט ווי שאָטענס אין אָט דער טרויעריגער טונקעלקייט, וואָלטען אויך געוואָרען פינסטערער און אָר־מעטינער.

גליקליכערווייז איז דאָס וועטער אויף דרויסען נאָך געווען שען, אזוי אז מיר האָבען געקאָנט פארברענגען דעם גרעסטען טייל פון טאָג אין'ם „קאָמפּאונד", אָבער ס'איז מיר שוין איצט אריבער א גרויל איבער'ן לייב, דענקענדיג וועגען דער צייט פון די נעבעלס וואָס האָט באַלד געזאָלט אָנקומען, ווען מיר וועלען מוזען אָפּלעבען אונזערע טעג אין דער דאָזיגער פינסטערניש. נאָר די נאַטור איז געווען בעסער צו אונז ווי די מענשען, וואָרים ארום סוף אָקטאָבער האָט אָנגעהויבען רעגענען און ס'האָט אָנגעהאַלטען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד, אזוי אז די שווארצע פארב איז אַלץ מעהר און מעהר פארשוואונדען, ביז מיר האָבען ענדליך ווידער געקאָנט זעהן דעם הימעל איבער אונז. א צווייטער פארזוך אונז איינצוהילען אין פולשטענדיגער פינסטערניש, איז אויך געווען אָהן ערפאָלג, ווייל נייע רעגענס האָבען צו שאַנד געמאַכט די ארבייט פון די מענשען. נאָכדעם ווי מען האָט אויף אזא אופן צוויי מאָל אומזיסט און אומ־נישט פארשווענדעט צייט, געלד און ארבייט, האָט מען עס געלאָזט ווי עס איז געווען.

די קאַלטע צייט איז אין יענעם יאָהר געקומען זעהר פריה. אין מיטען נאָוועמבער איז שוין אויסגעפאַלען א געדיכטער שניי, וואָס איז אין לאָנדאָן אַ און פאַר זיך א זעלטענע ערשיינונג. אזוי ווי

די דאַמפּ-הייצונג האָט ניט פונקציאָנירט ביי אונז אין באַטאַליאָן. האָט אין דעם גרויסען האָל, וואו דער ווינט האָט געקאָנט אריינ-דרינגען דורך אומצעהליגע עפענונגען, געהערשט א ביטערע קעלט. די געפאַנגענע זיינען געווען געצוואונגען דעם גרעסטען טייל פון טאָג צו ליגען אויף זייערע בעטלעך, פעסט איינגעהילט אין זייערע קאָלדרעס. די אלגעמיינע שטימונג איז דערום געווען זעהר גע-דריקט, ווארים דער געדאַנק וועגען דעם אָנקומענדען ווינטער האָט יעדען פון אונז אָנגעפילט מיט טיפער זאָרג. כמעט יעדער פון אונז האָט דעמאָלט געליטען פון כראָנישע פארקיהלונגען, און אזוי ווי דער שפּיטאָל איז געווען אין גאַנצען איבערפילט, איז די גרויסע מעהרהייט פון די קראַנקע געצוואונגען געווען זיך צופרידענצושטע-לען מיט דעם באַטאַליאָן-פּלאַץ. דאָס האָט זיך ערשט געענדערט אביסעל אין א מאָנאַט ארום, ווען די הייצונג איז ענדליך אזוי ווייט פאַרריכט געוואָרן, אז דער דאַמף האָט זיך געקאָנט האַלטען אין די רעהרען.

איך אליין האָב דאַמאָלס אלע דייטליכער געפיהלט די סימפּ-טאָמען פון אן אינפלוענצא. דער קאָפּ האָט מיר וועה געטאָן, און עס איז מיר געלעגען ווי בליי אין אלע גלידער. ניט קוקענדיג דער-רויף האָב איך מיט אלע מיטלען געזוכט צו באַקעמפען די קראַנק-הייט, ביז איך האָב זיך איין פריהמאָרגען מעהר ניט געקאָנט אויפ-הויבען פון מיין געלעגער. איך האָב געהאַט אביסעל פיבער און דער קאָפּ האָט מיר אזוי וועה געטאָן, אז איך האָב געמיינט ער וועט צושפּרינגען. מיינע חברים האָבען זיך מיט א ריהרענדער אויפ-מערקזאַמקייט באַמיהט מיר צו העלפען. יעדער האָט פאַרזוכט מיר צו טאָן וואָס פאַר עס איז גוטס, און מיט זייער הילף איז מיר אויך געלונגען אין עטליכע טעג בייצוקומען די בייזע קראַנקהייט. נאַ-טירליך האָב איך נאָך א שטיקעל צייט געפיהלט שוואַך, אבער דאָס פיבער איז געווען באַזיגט. ערגער פון אלע זיינען געווען די נעכט, וועלכע איך האָב אין פאַרלויף פון מיין קראַנקהייט דאָס רוב פאַר-בראַכט אָהן שלאָף. דאָס קרעכצען, זיפצען, הוסטען און כאָרכלען האָט דאַן גאָר ניט געוואָלט אויפהערען, און יעדער טאָג האָט אין

דעם ריזיגען האָל ארויסגערופען א מאָדנעם אַפּקלאַנג. ס'האָט זיך געדוכט, אזוי ווי אַן אָלפּ וואָלט געלעגען אויף אַט די אַלע שלאָפענדע מענשען. דאָס גאַנצע האָט געמאכט אַן אומהיימליכען, א טרויעריגען איינדרוק, און אין יענע שטונדען איז מיר אַט דער אָרט פאָרגעקומען ווי א פּלאַץ פון גרויל און שרעק.

אין אַט די נעכט האָט אויך געטראָפען, אַז איינער פון די מאטראַזען, וועלכע זיינען געקומען פון איסטקאָסט, איז פּלוצלינג געשטאָרבען. כ'האָב געהערט דאָס שווערע כאָרכלען פון'ם מאַן און איך האָב פון מיין בעטעל געזעהן, ווי פארשידענע פון זיינע קאַמעראדען האָבען זיך ווי טונקעלע שאָטענס באוועגט ארום זיין געלעגער. אין צוויי שעה ארום, ווען דער דאָקטאָר איז ענדליך געקומען, כדי צו זעהן וואָס עס איז געשעהן מיט דעם מאַן, האָט ער שוין געפונען א טויטען קערפּער.

אין יענער צייט האָט זיך אויך אָפּגעשפּילט דער פאַל פון ביטער, וואָס האָט אריינגעבראכט אונזער באטאליאָן אין א גרויסער אויפרעגונג. ביטער, וועלכער איז געווען ביי אונז אין באַטאַליאָן, איז פּלוצלינג קראנק געווארן און האָט געמוזט אריבערגעפיהרט ווערן אין שפּיטאָל, נאָכדעם ווי ער האָט עטליכע טעג געקעמפּט געגען דעם. וואָרים אין יענער צייט האָט נאָך עקזיסטירט די גרויזאמע גזרה, אַז קראנקע וואָס זיינען געלעגען אין בעט און האָבען קיין כוח ניט געהאט אריבערצוגעהן אין די באזוך־צימערען, האָבען איבערהויפּט ניט געטאָרט אויפנעמען קיין געסט. גראָד דעמאָלט, ווען די ליעבע און צערטליכקייט פון זיינע אייגענע זיינען פאר דעם מענשען געווען א דאָפּעלט באדערפעניש, האָט מען איהם דורך א ברוטאלען באפעהל בּאַרויבט פון דער דאָזיגער איינציגער טרייסט.

ביטער'ס קראנקהייט האָט זעהר שנעל אנגענומען א געפערליכען כאַראַקטער, אבער ניט קוקענדיג דערויף וואָס דער שטאַרבענדער מאַן האָט זיך געהאלטען אין איין בעטען, מען זאָל ערלויבען זיין פרוי איהם צו באזוכען, האָט מען זיין בקשה גאַנץ איינפאַך אָפּגעזאָגט. יאָ, מען האָט זאָגאר דער פרוי ניט געלאָזט וויסען

דעם ערנסטען צושטאנד פון איהר מאן. ערשט ווען ער איז געשטאָרבען, האָט מען איהר אין טרוקענע ווערטער מיטגעטיילט וועגען זיין טויט. די אָרימע פרוי האָט געשריבען צו איינעם פון אונזערע מיטגעפאנגענע א פארצווייפעלטען בריעף, וועלכער האָט דורכגעוואנדערט איבערן גאנצען לאגער און האָט יעדען איינעם פון אונז זעהר שטארק געריהרט. אַזוי ווי פרוי ביטער איז געבליבען פולשטענדיג אָהן מיטלען און דורך איהר מאן׳ס טויט האָט זי אויך פארלאָרן די קליינע אונטערשטיצונג, וועלכע די ענגלישע רעגירונג פלעגט געבען די פרויען פון אינטערנירטע דייטשען און עסטרייכער, האָבען מיר אין׳ם לאַגער פאר איהר געזאמעלט צוויי און צוואנציג פונט סטערלינג, כדי איהר דורכדעם אויסצודריקען אונזער מיטגעפיהל פאר דעם שווערען פארלוסט, וואָס האָט איהר געטראָפען.

דעם 30טען נאָוועמבער האָבען מיר געליטען א שארפען פארלוסט, ווען דער טויט האָט אוועקגעריסען פון צווישען אונז א געפאנגענעם מיט׳ן נאָמען גוסטאוו וואנדא, א זעהר באַגאבטען, טאַלאנטפולען מוזיקער, וועמעס נאָמען איז געווען באקאנט אין גאנץ אייראָפּא. וואנדא האָט געשטאַמט פון בודאַפּעסט, וואו ער האָט באזוכט די קאָנסערוואטאָריע. נאָכדעם ווי ער האָט פארבראַכט היבשע עטליכע יאָהר אין וויען און פאריז האָט ער זיך באזעצט אין בערלין, וואו ער איז זיבען יאָהר צייט געווען דער לייטער פון׳ם אָרקעסטער אין׳ם „ווינטערגאָרטען“ און פיער יאָהר איז ער געווען דיריגענט אין דעם נייעם אָפּערעטען־טעאטער. אין פארלויף פון דער דאָזיגער צייט האָט ער אויך מיט א גוטען ערפאָלג זיך געפּרואווט אלס קאָמפּאָניסט פאר אָפּערעטעס. אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער געווירקט אלס דיריגענט אין „געיטי“ און אדעלפי־טעאטער אין לאָנדאָן. ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער איז געווען אָן אָפטער גאסט ביי דעם ענגלישען פּרעמיער־מיניסטער אסקוויט אין הויז, און פרוי אסקוויט האָט גענומען א גרויסען אינטערעס אין׳ם קינסטלער, האָט דאָס איהם פונדעסטוועגען ניט געקאָנט רעטען פון דער אינטערנירונג. די גאַלע פרעסע

האָט דאמאָלס מיט אָפענע, שארפע אויגען פארפאָלגט יעדע באַוועגונג פון׳ם מיניסטער און זיין הויז־געזינד און האָט אויסגענוצט יעדע קלייניגקייט, כדי וואָס שנעלער צו ברענגען זיין מפּלה. ווען די צייטונגען האָבען אלזא עפענטליך געפאָדערט מען זאָל ארעסטירען דעם „הונען־דיריגענט", האָט מען זיך שוין מעהר ניט געקאָנט שטעלען אנטקעגען דעם דאָזיגען אולטימאטום פון׳ם פאטריאָטיזם, און וואנדא האָט געמוזט געהן אין דעם אינטערנירונגס־לאַגער.

אָבער מען האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט דעם אליין, און ווען רעוואלווער־זשורנאליסטען פון׳ם סאָרט פון א האַריישאָ באטעמלי האָבען געהאט דאָס גליק אויסצושפּירען, אז מרס. אסקוויט האָט געשיקט עטליכע בריעף צו וואנדא׳ן און — אויב איך האָב קיין טעות ניט — איהם זאגאר איין מאָל באזוכט אין לאַגער, האָבען זיי אויפגעהויבען א געוואלטיגען געשריי און געשטעלט דעם מיניסטער עפענטליך פראגען אין די צייטונגען, צי ער האָט א ידיעה וועגען דעם, אז זיין פרוי האַלט אָן באציהונגען מיט אינטערנירטע „הונען".

וואנדא איז געוועז איינער פון די ליעבענסווירדיגסטע און צוגענגליכסטע מענשען אין׳ם לאַגער. זיין מונטערקייט, זיין פרעהליכער געמיט האָט איהם געוואונען יעדען איינעם פאר א פריינד. דערביי איז ער געווען דורכגעדרונגען פון׳ם גאנצען פרייהייטליכען טעמפּעראמענט פון׳ם קינסטלער און אן אינטעליגענטער באָאבאכטער פון מענשען און זאכען: אין דער געפאנגענשאפט איז ער פּלוצלינג באפאלען געוואָרן פון א שווערער מאָגען־קראנקהייט, אזוי אז מען איז געצוואונגען געווען איהם אריבערצופיהרען אין דייטשען האָספּיטאל, וואו ער איז נאָך שווערע ליידען געשטאָרבען. זיין טויט האָט זעהר שטארק געריהרט זיינע צאָלרייכע פריינט אין׳ם לאַגער און האָט באזונדערס שמערצליך געווירקט אויף דעם ענגערן קרייז פון זיינע לאנדסלייט, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען מוזיקער פון פראָמינענטער באדייטונג, ווי די העררן לאָראנט און רעשאָווסקי. דורך דער פארמיטלונג פון׳ם קאָמאנדיר, אבער

הויפּטזאַכליך א דאַנק דער באַמיהונג פון מיידזשאָר לאַרקין, האָט דער „וואָר אָפיס“ ארויסגעגעבען אן ערלויבעניש, אַז עטליכע פון וואַנדאַ'ס ענגערע פריינט אין לאַגער זאָלען קאָנען בייוואוינען דאס פאַרברענען פון'ם קינסטלער'ס קערפּער אין דער קרעמאַטאָריע פון גאָלדערס גרין. ווען דאָס איז באַקאַנט געוואָרן, האָבען זיך די פריינט פון'ם פאַרשטאָרבענעם געווענדט צו מיר מיט דער ביטע, צו ריידען א פּאָר ווערטער ביי וואַנדאַ'ס ארון.

דעם 8טען דעצעמבער האָבען מיר אונזערע פערצעהן לייט פאַר־לאָזען דעם לאַגער. מען האָט אונז אין אָנפאַנג געוואלט מיטגעבען א גאַנצע וואָך פון באַוואָפענטע סאָלדאַטען, אָבער א דאַנק מיי־דזשאָר מאָט, וועלכער האָט זיך דא ארייינגעמישט, האָט מען זיך באַנוגענט דערמיט וואָס מען האָט אונז געגעבען א פּאָר אָפיצירען אלס באַגלייטער. ס'איז געווען א כמורנער, נאָס־קאָלטער טאָג, וואָס האָט געקאָנט ארויספיהרען אויף אלערליי מעלאַנכאָלישע באַטראַכ־טונגען. ווען מיר זיינען אַנגעקומען אין דער קרעמאַטאָריע, האָבען מיר שוין דאָרט געפונען פאַרזאַמעלט א קליינע טרויער־געזעלשאַפט, וועלכע איז געקומען אָפּגעבען די לעצטע עהרע דעם טויטען. מיר איז געוואָרן גאַנץ מאָדנע אויף'ן הארצען אין אָט דער זעלטזאַמער אומגעבונג, נאָך די אלע לאַנגע מאָנאַטען פון דער געפאַנגענשאַפט. דער האַלב־טונקעלער, פייערליכער צימער פון דער קרעמאַטאָריע מיט די פאַרזאַמעלטע מענער און פרויען אין שווארצע טרויער־קליידער, וועמעס געזיכטער עס האָבען זיך אויף א מאָדנעם אופן געוואָרפען אין די אויגען אין דעם מאַטען בין השמשות־ליכט. אין'ם הינטערגרונד די אָפיצירען און ניט ווייט פון'ם שווארצען ארון דער קליינער קרייז פון מיינע ליידענס־חברים. לאַנגזאַם און פייערליך האָבען געברויזט די אַקאָרדען פון בעטהאָווען'ס טרויער־מארש דורך דעם האַלב־טונקעלען צימער און האָבען דורכגענומען די נשמה מיט א טיפען שוידער. ווען די לעצטע קלאַנגען זיינען לאַנגזאַם אָפּגעשטאָרבען, בין איך צוגעגאַנגען צו דער טרונע פון'ם טויטען קינסטלער, כדי איהם צו זאָגען די לעצטע עטליכע ווער־טער.

איך האָב זיך דעם גאַנצען פריהמאָרגען אומזיסט באַמיהט צו־זאַמענצושטעלען ביי מיר אין געדאַנק אַ פּאָר פּאַסענדע ווערטער, אָבער איך האָב ניט געקאָנט אויף קיין איין רגע קאָנצענטרירען מיינע געדאַנקען. די נייע איינדריקען אויף דרויסען פון׳ם לאַגער, דאָס געשפּרעך פון די פריינט, אַלצדינג האָט געווירקט מיט מאַכט אויף מיר און האָט מיר ניט געגעבען קיין רוה, אַזוי אַז איך האָב ענדליך אויפגעגעבען אויסצוקלערן עפּעס פּאַסענדעס. אָבער ווען איך בין אַריינגעקומען אין דעם מאַט־באַלויכטענעם צימער, וואו דער אַרון איז פייערליך געשטאַנען אין מיטען, און איך האָב דער־פיהלט די קלאַנגען פון׳ם אָרגעל דורכשטראָמען דורך מיין זעלע, דאַן האָב איך גענוי געוואוסט, אַז איך וועל געפינען די ריכטיגע ווערטער.

לאַנגזאַם איז פאַרשוואונדען דער אַרון מיט די רעשטען פון׳ם טויטען קאַמעראַד אין אַ קליינער עפענונג אין דער וואַנט, בעת ווען די טענער פון דער מוזיק האָבען זיך קלאָגענדיג פאַנאַנדערגע־גאָסען דורך דעם האַלב־טונקעלען צימער. מיר איז אַלעס פאַרגע־קומען ווי אַ מאָדנער, פאַנטאַסטישער טרוים, און עס האָט געדויערט עטליכע מינוט, ביז איך האָב זיך ווידער געפונען אין דער ווירק־ליכקייט. ס׳איז געווען אַ טרויעריגער טאָג, און טרויעריג איז גע־ווען די שטימונג, וואָס האָט זיך אונז געלעגט אויף די הערצער, ווען מיר זיינען געגאַנגען צוריק אין „פעלעם“.

נאָך דעם זעלבען טאָג האָבען זיך די ענגערע פריינט פון׳ם פאַרשטאָרבענעם געווענדט צו מיר און מיך געבעטען אויפשרייבען די ווערטער, וועלכע איך האָב גערעדט ביי וואַנדאַ׳ס אַרון, כדי מען זאָל זיי קאָנען אָפּדרוקען. איך האָב דערפילט זייער וואונש, און עטליכע טעג שפּעטער האָב איך זיי איבערגעגעבען דעם מאַ־נוסקריפּט. דער קאָמאַנדיר האָט עס אָוועקגעשיקט אין „וואָר־אָפיס“ און געוואַרט אויף אַ גוטהייסונג. אין אַ וואָך אַרום איז אַרויסגעגעבען געוואָרען די ערלויבעניש. איינער פון אונזערע מיט־געפאַנגענע, וועלכער איז פאַר זיין אינטערנירונג אַליין געווען אַ שותף אין אַ דרוקעריי, האָט באַזאָרגט די דרוק־אַרבייט. אַלס מאָטאָ

האָט דער יונגער, טאַלאַנטפולער קינסטלער אַלעקס רעשאָווסקי פאַר מיינע ווערטער אוועקגעשטעלט צוועלף טאַקטען פון זיינע „טרויער־קלאַנגען", וועלכע ער האָט געווידמעט זיין טויטען פריינד. די קליינע שריפט איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין גאַנצען לאַגער און דאָס געלד וואָס זי האָט איינגעבראַכט איז פאַרטיילט געוואָרן צווישען די נויט־ליידענדע קאַמעראַדען.

אין'ם לאַגער האָט מען זיך איצט שטאַרק באַשעפטיגט מיט די פּאַרבאַרייטונגען פאַר דעם אַנקומענדען ווייהנאַכטס־יום טוב — דעם צווייטען, וואָס מיר האָבען געזאָלט דורכמאַכען אין דער געפאַנגענשאַפט. מען האָט געוואָלט פאַרשאַפען די פיעלע אָרעמע קאַמעראַדען אין'ם לאַגער א קליינע פרייד דורך א פּאַרבעסערונג פון די מאָלצייטען אין די יום טוב טעג. צו דעם דאָזיגען צוועק האָט זיך פאָרמירט א באַזונדער קאָמיטעט, וועלכער איז לויט די כוחות אונטערשטיצט געוואָרן דורך פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס אין און אויסער דעם לאַגער. דאָ האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכענט דער „דר. מערקעל־קאָמיטעט", וואָס האָט כמעט די גאַנצע צייט פון אונזער געפאַנגענשאַפט אויף א לויבענסווירדיגען אופן געזאָרגט פאַר דער באַפרידיגונג פון די פאַרשידענע באַדערפעניששען פון די געפאַנגענע. דר. מערקעל איז געוועזן א געבוירענער דייטש, וועלכער איז, לויט דעם ווי מען האָט מיר איבערגעגעבען, מיט לאַנגע יאָהרען צוריק געוואָרען אַן ענגלישער בירגער. ניט קוקענדיג אויף אַלע אַטאַקעס אין דער געלער פּרעסע, האָט ער זיך געגעבען די גרעסטע מיה בייצושטעהן די געפאַנגענע מיט ראַט און טאַט. ער האָט געליפערט דאָס נייטיגע געלד פאַר דער גרינדונג פון ביבליאָטעקען אין די פאַרשידענע אינטערנירונגס־לאַגערען. ער האָט פאַרזאָרגט די גייסטיג שטרעבענדע עלעמענטען מיט וויסענשאַפטליכע לעהר־ביכער, וואָס אסך פון זיי זיינען אין דער ערשטער צייט — ווייסט דער גוטער יאָהר פאַרוואָס — פאַרהאַלטען געוואָרן פון דער מיליטער־פאַרוואַלטונג. די געפאַנגענע, וועלכע האָבען געהאַט א באַדערפעניש זיך צו באַשעפטיגען מיט קליינע האַנד־אַרבייטען, זיינען פון דר. מערקעל'ס פאַרטרעטער פאַרזאָרגט געוואָרן מיט די

נייטיגע געצייג און רויהע מאַטעריאַלען, און די שולען אין׳ם לאַגער זיינען פון זיי אויסגעשטאַט געוואָרן מיט די נייטיגע לעהר־מיטלען. מיט איין וואָרט, דער דאָזיגער קאָמיטעט האָט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ ענטוויקעלט א געבענשטע, גליק־ליכע טעטיגקייט, וועלכע האָט אסך פון אונז געגעבען די מעגליכ־קייט לייכטער אריבערצוטראָגען זייער לאַגע.

דער „דר. מערקעל־קאָמיטעט״ האָט אין יעדען לאַגער געהאַט א פאַרטרעטער צווישען די געפאַנגענע, וועמעס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו פאָרמירען א באַשטימטע קאָמיטע פון עטליכע מענער, כדי מיט זייער הילף אָרגאַניזאַטאָריש צוזאַמענצופאַסען די ווירק־זאַמקייט פון׳ם קאָמיטעט אין לאַגער און געבען דעם פאַרטרעטער באַשטימטע פאָרשלאָגען פאַר זיין טעטיגקייט. דער פאַרטרעטער פון׳ם „דר. מערקעל־קאָמיטעט״ ביי אונז אין לאַגער איז געווען א געוויסער הערר קעסטנער, וועלכער האָט דערפילט זיין אויפגאַבע, וואָס איז ניט אימער געווען לייכט, אויף דעם בריימסטען און גע־רעכטסטען אופן. ביי זיין זייט זיינען געשטאַנען עטליכע מענער, וועלכע האָבען איהם טריי געהאָלפען. באַזונדערס דאַרף דאָ דער־מאָנט ווערן הערר טרינקס פון אונזער באַטאַליאָן, וועלכער איז געווען טעטיג פאַר דעם קאָמיטעט אויף אַן אומערמידליכען און אומאייגענניציגען אופן.

מיט דער הילף פון׳ם „דר. מערקעל־קאָמיטעט״ איז די קריסט־מאַס־קאָמיטע אימשטאַנד געווען צו פאַרטיילען אין גאַנצען לאַגער צעטלאַך, אויף וועלכע יעדער איינער האָט געקאָנט אויסדריקען זיינע באַזונדערע וואונשען. נאַטירליך האָט זיך דאָ געהאַנדעלט בלויז וועגען קליינינקייטען, וועלכע מען האָט געקאָנט ווי עס איז ערפילען. יעדענפאַלס האָט מען זיך געגעבען פיעל מיה צו פאַר־שאַפען יעדען איינעם א קליינע פרייד. אויך די פאַרשידענע פאַר־איינען און קערפערשאַפטען, וועלכע האָבען זיך געהאַט ענטוויי־קעלט אין׳ם לאַגער מיט דעם צוועק צו אונטערהאַלטען די געפאַנ־גענע און זיי צו געבען א געלעגענהייט צו געניסען פון דער קונסט, — אויך זיי זיינען ניט אָפּגעשטאַנען און האָבען זיך באַמיהט צו

מאַכען די אונטערנעמונג ערפאָלגרייך. דער „קאָנצערט־פאראיין“ האָט פאַראַנשטאַלטעט עטליכע קאָנצערטען אין׳ם טעאטער, און די פינאַנציעלע רעזולטאַטען זיינען געגאַנגען פאַר׳ן וויינאַכטס־פאָנד.

אָט דער פאראיין איז ארויסגערופען געווארן אין לעבען עטליכע חדשים נאָך אונזער אָנקומען אין אַלעקסאנדרא פּעלעס און האָט זיך אין א גאַנץ קורצער צייט ענטוויקעלט צו אַן אויסגעצייכענטען אָרקעסטער. איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָבען אין לאָנדאָן געלעבט א היבשע צאָהל דייטשע מוזיקער, וועלכע זיינען געווען טעטיג אין די פיעלע טעאטערע און קאָנצערט־הייזער פון דער ענגלישער הויפּט־שטאָט. אזוי איז עס געקומען, אז נאָך דער אינטערנירונג פון די דייטשען אין ענגלאַנד האָט מען כמעט אין יעדען לאַגער געקאָנט געפינען א היבש ביסעל דייטשע מוזיקער. באַזונדערס האָט דאס צוגעטראָפען ביי אונז, וואו אַלע אינסטרומענטען זיינען געווען פארטראטען אין א פּאַסענדער פּראָפּאָרציע. נו, האָט זיך אַלזא פארמירט אַן ארקעסטער, וואָס האָט אין פארלויף פון די מלחמה־יאָהרען זיכער געהערט צו די בעסטע, וועלכע לאָנדאָן האָט געהאַט. באַזונדערע פאַרדינסטען פאר דער ענטשטעהונג און געזונטער ענטוויקלונג פון׳ם קאָנצערט־פאראיין האָט זיך ערוואָרבען איינער פון אונזערע מיטגעפאַנגענע, הערר ה. שטרעקער, א זוהן פון דער אלטער רהיין־שטאָט מאינץ און איינע פון די סימפּאַטישסטע פיגורען אין גאַנצען לאַגער. דער פאראיין האָט געהאַט די באַזונדערע סימפּאַטיע פון דעם אלטען קאָמאַנדיר, וועלבער האָט זעלטען פארפעהלט א קאָנצערט און פלעגט נאָך געווענליך מיטברענגען עטליכע געסט פון דרויסען. דער קאָמאַנדיר איז געווען ניט בלויז פּערזענליך א פריינד פון מוזיק, ער איז אויך געווען מיט דער מיינונג, אז די מוזיק איבט אויס א זעהר וואוילטוענדען איינפלוס אויף די געפאַנגענע, א זאַך וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט אָפּלייקענען.

אונטער דער לייטונג פון׳ם קאפּעלמייסטער אנטאָן וויסט פלעגט דער קאָנצערט־פאראיין יעדען זונטאג אווענט אין טעאטער געבען קאָנצערטען, וועלכע פלעגען באַזוכט ווערן פון הונדערטער

געפאנגענע, און וועלכע האָבען זיי געגעבען שטילע שטונדען פון אינערליכער פארטיפונג און פארגעסען, וואָס האָבען ניט געקאָנט הויך גענוג אָפּגעשאצט ווערן. דער פאראיין פלעגט פון צייט צו צייט אראנזשירען מוזיקאלישע אווענטען, וועלכע זיינען געווען געווידמעט באשטימטע מייסטער פון דער טאָן־קונסט, ווי בעטהאָווען, ליסט, וואגנער א. א. וו., און האָט זיך ביי די דאָזיגע געלעגענהייטען ווירקליך אויסגעצייכענט.

אויסער די מיטגלידער פון׳ם אָרקעסטער זיינען אין לאַגער געווען נאָך עטליכע מוזיקאלישע קינסטלער פון א גאַנץ היבשער באַדייטונג. די דאָזיגע האָבען געבילדעט א קליינע גרופּע פאר זיך און פלעגען אראנזשירען פון צייט צו צייט קאָנצערטען אין א קלענערן זאל, וועלכע זיינען ווירקליך געווען מייסטערהאפט. איך דארף ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט ניט פארגעסען צו דערמאָנען די צוויי יונגע אונגארישע קינסטלער פערי לאָראנט און אלעקס רעשאָווסקי. הערר לאָראנט איז געווען א וויאָלין־ווירטואָז, וואָס האָט געהאט א טעכנישעס וויסען און א טיפקייט פון אויסדרוק, וועלכע פלעגען זיך אָפט אָנטפּלעקען אין דעמאָנישע פאָרמען. דאָס פייער און די הינרייסענדע קראפט פון זיין שפּילען האָבען ארויסגערופען גאַנץ אומגלויבליכע ווירקונגען. ס׳איז מעגליך, אז די געפאנגענשאפט האָט געמאכט אז איך זאָל אָט די ווירקונגען נאָך טיפער דערפיהלען, ווי עס וואָלט געווען דער פאַל אונטער אנדערע אומשטענדען. איך גלויב זאָגאר באשטימט, אז די געפאנגענשאפט מאכט דעם מענשען פיעל עמפּפענגליכער פאר די אינערליכע סענזאַציעס, וואָס די מוזיק רופט ארויס. יעדענפאלס האָב איך באַזונדערם דעם „סואוועניר דע מאָסקו“ קיינמאָל פריהער ניט געהערט שפּילען מיט אזא איבערוועלטיגענדער קראפט.

אלעקס רעשאָווסקי איז געווען א מייסטער ביי דער פּיאנאָ. ער האָט ניט באזעסען די שטורמישע, אייגענווילינע קינסטלערנאַטור פון זיין פריינד לאָראנט, נאר ער איז ניכער געווען א פארטראכטער, מעהר נאָך אינעוויינינ געניינטער כאראקטער, וואָס האָט זיך געגראָבען אין דער טיפקייט. זיין שפּילען איז געווען

פון פאָלקאָמענער פיינקייט און האָט אויף א מייסטערהאפטען אופן אויסגעדריקט יעדע ניואַנס פון'ם געפיהל. ווען איך האָב זיך צוגעהערט צו זיינע טענער, איז שאַפען פאַר מיר געוואָרן ווי אן אינערליכע איבערלעבעניש, און איך האָב געפיהלט דעם גאַנצען שווידער פון דער דאָזיגער נערוועז־שמייסענדער מוזיק, ווי עס וואָלט אַפגעקלונגען אין יעדען ווינקעל פון דער נשמה.

פאר זייערע טעגליכע איבונגען האָט דער קאָמאנדיר די צוויי קינסטלער אַנגעוויזען א באזונדערן פלאַץ אונטער'ן אָרגעל, וועלכער האָט ליידער געהאט דעם חסרון וואָס ער האָט געקאָנט באלויבטען ווערן בלויז קינסטליך, דאָס הייסט דורך עלעקטריציטעט, און איז געווען זעהר שלעכט ווענטילירט. אזוי ווי איך בין געווען זעהר באפריינדעט מיט די צוויי קינסטלער, האָב איך אָפט געהאט די געלעגענהייט זיי צו באזוכען אין זייער „קדשי קדשים" און זיך צו באַרוישען מיט זייער שפּילען. דאָס געהערט צו די שענסטע ערינערונגען, וועלכע איך האָב מיטגענומען מיט זיך פון מיין געפאנגענשאפט.

כדי אויך פון זייער זייט עפּעס בייצוטראָגען צו דעם ווייהנאכטס־פאָנד, האָבען די הערן לאָראַנט, רעשאָווסקי און עטליכע פון זייערע פריינט אראַנזשירט אַן אָווענט פאַר קאמער־מוזיק, וואָס האָט, אויסער דעם קינסטלערישען גענוס פאַר די צוהערער, איינגעבראכט דער קריסטמאַס־קאַסע די סומע פון פיער און פופציג פונט סטערלינג.

אזוי האָבען זיך אלע געגעבען די מיה צו מאכען די ווייהנאכטס־טעג אין לאַגער אזוי אנגענעם ווי ס'איז נאָר מעגליך געווען אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדען. אין גאַנצען לאַגער האָט זיך ארום דער דאָזיגער צייט געלאָזט באמערקען א געוויסע רוה, פון וועלכער מען האָט געוועגליך ניט געוואוסט, און וועלכע איז בלויז איין מאָל פלוצלינג אונטערבראָכען געוואָרן. דאָס איז געווען עטליכע טעג פאר קריסטמאס, ווען די מאטראָזען, וועלכע זיינען נעקומען צו אונז פון'ם לאַגער פון איסטקאָט, זיינען פלוצלינג אריבערגעפיהרט געוואָרן נאָך דער „אייל־אָף־מען". פאר די אָרעמע

מענשען איז דאס געווען א פיינליכע איבערראשונג, ווארים זיי האָ־בען זיך שוין געהאט צוגעוואוינט צו דער נייער אומגעבונג. א טייל פון זיי זיינען שוין געווען אין אכט און צעהן פארשידענע אינטערנירונגס־לאגערען און האָבען זיך געפונען אזוי צו זאָגען די גאנצע צייט אויף'ן וועג. מיר האָבען זיי געזוכט אביסעל צו פארזיסען די ביטערע פיל, מיט דעם וואָס מיר האָבען זיי פאר'ן אָפּשיד איבערגעגעבען א טייל פון דעם וויהנאכטס־פאָנד.

פאר וויהנאכטס־אָווענט האָט מען ארראנזשירט אן אונטערנע־מונג אין'ם טעאָטער, ביי וועלכער ס'האָט אויך מיטגעווירקט דער קאָנצערט־פעראיין. מען האָט מיך געבעטען צו האלטען א קורצע רעדע, וואָס איך האָב אויך געטאָן. כ'האָב דערביי גענומען די גע־לעגענהייט צו לאָזען פריי מיינע געדאנקען און צו געבען איניגע אויגענשיינליכע באטראכטונגען איבער דער פרעהליכער בשורה: „פרידען אויף דער ערד און וואוילזיין צו די מענשען!“ און איבער דעם שוידערליכען טויטען־טאַנץ, וואָס האָט זינט אכצעהן חדשים געבושעוועט איבער אייראפא און איבעראל איבערגעלאָזט הינטער זיך צוריסענע מענשען־קערפערס, בלוט און רואינען. אויף דער גרויסער מעהרהייט פון מיינע ליידענס־חברים האָבען מיינע ווער־טער געמאכט א שטארקען איינדרוק, בלויז די פאטריאָטען האָבען אויסגעקוקט צו זיין ניט צופרידען דערפון, און הערר בוראנדט האָט שפעטער אין קרייז פון זיינע נאָהנטע פריינט אין'ם „סי“־באטאַ־ליאָן ערקלערט, אז אזא רעדע „טוט דער דייטשער זאך מעהר שאַ־דען, איידער דער פארלוסט פון פינף הונדערט קאנאָנען“.

הגם אין פארלויף פון די פייערטעג האָט זיך אין גאנצען לאגער געלאָזט מערקען א פריינדליכע שטימונג, האָט אבער דאך ניט גע־וואָלט קומען קיין ריכטיגע פרייד. די געדאנקען פון די מעהרסטע זיינען נאטירליך געווען ביי זייערע אייגענע, ביי זייערע פאמיליעס, און מעהר ווי איינער פון אונז איז געזעסען שטום, פארטיפט אין זארגען. וואָס פאר אן אונטערשיד צווישען היינט און פאר איאָה־רען! דעמאָלט איז יעדער איינער געווען פעסט איבערצייגט, אז אונזער געפאנגענשאפט וועט ניט לאנג דויערן, און ווען אימי־

צער וואָלט געזאָגט, אז מיר וועלען אין א יאָהר ארום נאָך אלץ זיצען אונטער שלאָס און ריגעל, וואָלט מען איהם געהאלטען פאר א משוגענעם נאר. אויך היינט זיינען די מעהרסטע פון אונז נאָך געווען באזעלט פון דער שטילער האָפנונג, אז דער אומגליקליכער קריג קאָן מעהר לאנג ניט אָנהאלטען. מען האָט אָנגעגעבען אלער־ליי גרינדען דערפאר, און אסך פון אונז האָבען פעסט געגלויבט, אז מיר האָבען זיך געפונען ערב גרויסע און ענטשיידענדע געשעע־הענישען. ניט קוקענדיג אויף דעם אלעם איז די שטימונג געווען געדריקט, און מען האָט געפיהלט א געוויסע אומזיכערקייט, וועלכע מען האָט מיט א יאָהר פריהער ביי קיינעם ניט געקאָנט באמערקען.

וואָס איז שייך געווען צו מיר פערזענליך, האָב איך זיך ווירק־ליך געפונען אין א געהויבענער שטימונג. די ליעבע פריינט פון דרויסען האָבען מיר ניט בלויז פארזאָרגט מיט אלעם מעגליכען, כדי מיר צו פארשאפען א פרייד. איך האָב אויך אין פארלויף פון די לעצטע טעג געהאט ערהאלטען א היבשע צאָהל בריעף פון פריינט, וועלכע זיינען מיר געווען ליעב און טייער. מאלאטעסטא, דער אל־טער, אומערמידליכער קעמפער, האָט מיר געשריבען, אז ער וועט מיך אין קורצען באזוכען, און איך האָב זיך שוין איצט געפרעהט מיט אָט דעם ווידערזעהן. אויך טאָם קיעל, דער ארויסגעבער פון „פרידאָם", האָט צוגעזאָגט מיך צו באזוכען און האָט געפונען פאר מיר ברידערליכע ווערטער פון טרייסט און סימפאטיע. פון אמע־ריקא האָב איך געקריגען א בריעף פון דער אלטער פריינדין עמא גאָלדמאַן, וועלכע האָט אין יענער צייט צוזאמען מיט אנדערע קאָ־מעראדען אָנגעפיהרט אן אומערשראָקענע פראָפאָגאנדא געגען דער מלחמה, ביז מען האָט איהר שפּעטער, נאָכדעם ווי אמעריקא אליין איז אריין אין קריג, פארמאכט דאָס מויל, פארשפּארענדיג זי הינ־טער שלאָס און ריגעל. פון די פיעלע גענאָסען אין אמעריקא, וועל־כע האָבען גענומען א לעבעדיגען אינטערעס אין מיין לאגע, איז עס באזונדערס געווען מיין אלטער פריינד דר. מיכאל קאָהן, וועלכער האָט אין פארלויף פון דער גאנצער מלחמה זיך רעגעלמעסיג דורכ־געשריבען מיט מיין פרוי און מיט מיר, און האָט אונז אויף יעדען

אופן ארויסגעוויזען זיין ברידערליכע סאָלידאריטעט. דאס באַוואוסטזיין, אז איך האָב איבעראל אין דער וועלט אזעלכע בראווע פריינט און חברים, איז פאַר מיר שטענדיג געווען א פרייד־פולע באַפרידיגונג אין די לאַנגע מאָנאַטען פון דער געפאַנגענשאַפט.

אזוי זיינען אריבער די פייערטעג, און דער אָנפאַנג פון׳ם נייעם יאָהר האָט זיך דערנעהנטערט. א טאָג פאַר ניי־יאָהר האָבען מיך באַזוכט מיינע ליעבע צוזאַמען מיט מיין אַלטען פריינד לאַזאַר זאַבעלינסקי, וועלכער געהערט צו די טרייעסטע חברים פון מיין לעבען. הגם מיר האָבען זיך ניט געקאָנט פיעל זאָגען אין די עטליכע מינוטען, וואָס מיר האָבען פאַר זיך געהאַט, איז מיין הארץ דאָך געווען פול מיט פרייד, און אווארם, גוט געפיהל האָט מיך דורכגענומען, ווען איך האָב מיינע ליעבע ווידער געמוזט געבען די האַנד, זיך צו געזעגענען מיט זיי.

דער קאָמאַנדיר האָט אונז ערלויבט ערב ניי־יאָהר נאַכט אויפצוזיין ביז האלב נאָך צוועלף אזייגער. איך בין געזעסען מיט עטליכע פריינט אין א ווינקעל, ווען דער זייגער האָט געשלאָגען צוועלף און מען האָט זיך אָנגעהויבען ווינשען א „גליקליכען ניי־יאָהר". אצונד האָבען זיי זיך א לאָז געטאָן פון אלע זייטען צו מיר און מיך געבעטען צו זאָגען א פּאָר ווערטער. און איך האָב גערעדט צו זיי, כ׳האָב אָפּגעפרישט זייער מוט און זיי באַשוואָרען אריבערצוטראָגען מוטיג זייער שיקזאל און קיינמאָל ניט צו פאַרצווייפלען. מיר אליין איז אין יענער נאַכט געווען אזוי לייכט אויף׳ן הארצען, און איך האָב געפיהלט, ווי מיין אייגענע שטימונג האָט אריבערגעשטראָמט אין זיי און אָנגעצונדען אין זיי די האָפנונג אויף בעסערע טעג, וועלכע איז פאַר די מעהרסטע פון זיי געווען אזוי נייטיג, כדי ניט אין גאנצען צו פאַרצווייפלען. איך אָבער האָב אין דער דאָזיגער נאַכט לאַנג ניט געקאָנט געפינען קיין רוה. איינע נאָך די אַנדערע, אין פיעל־פאַרביגע רייהען, זיינען פאַר מיר אויפגעשטיגען די טומעלדיגע איבערלעבענישען פון די לעצטע יאָהרען, און דער פּלאָנטער איז געוואָרן אלץ געדיכטער און געדיכטער, ביז איך בין ענדליך לאַנגזאַם פאַרזונקען אין שלאָף.

קאפיטעל 15

איך ווער באַטאַליאָן־פיהרער

די מורא׳דיגע טראגעדיע פון׳ם פישער־מאַן מיכאעלים — אויפרוף פון דער דייטשער קרוינפּרינצעסין צו די מוטערם — א געפערליכער קריבער — קורצער פראָצעס פון די פישער־לייט — דער זעלבסט־מאָרד פון׳ם סארדזשענט סודער — מאַניפעסטאציע פון די פאטריאָטען געגען דאָס נעהען פון פּאָסט־זעק אין׳ם לאַגער — א שאַרפער ענטפער — דאָס בילד פון׳ם קייזער — נייטראַלע אין׳ם לאַגער — ביים קראנקען קאָמאַנדיר — מיין „שטעקבריעף“ — דער יום טוב פון די אונגארען — אינערליכער קריזים — מיין ערוועהלונג צום באַטאַליאָן־פיהרער — אן ערשטער שריט.

דאָס נייע יאָהר האָט גענומען א טרויעריגען אָנפאנג. איינער פון אונזערע מיטגעפאנגענע, דער פישער־מאן מיכאעלים, האָט אין דעם טאָג פון ניי־יאָהר געקריגען פון זיין פרוי פון דייטשלאנד די שרעקליכע נאכריכט, אז זיינע פיער זיהן זיינען אין משך פון איין וואָך צייט געפאלען אויף׳ן „פעלד פון דער עהרע“. זיין שנור האָט ביים אָנקומען פון דער איוב־בשורה פארלאָרן דעם פאר־שטאנד און האָט געמוזט אָפּגעפיהרט ווערן אין א משוגעים־הויז. איך זעה דעם מאן נאָך היינט פאר מיר. ער האָט ניט גערעדט קיין וואָרט, איז געזעסען אויף זיין בעטעל און פינסטער געקוקט פאר זיך. זיינע קאמעראדען האָבען געזוכט איהם צו טרייסטען אויף זייער רויהען, נאָר גרונד־עהרליכען שטייגער, אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט, און ס׳איז קענטיג געוועזן, אז ער האָט קוים געהערט וואָס זיי האָבען גערעדט צו איהם. וואָס פאר א טרייסט־

וואָרט וואָלט דען דאָ געקאָנט העלפען? דאָ איז א מענשען־זעלע אויף א ברוטאַלען אופן צוטראָטען געוואָרן, א האַרץ איז אויסגע־ברענט, פאַרדאַרט געוואָרן אזוי, אז עס האָט ניט געקאָנט טראָגען מעהר קיין פרישע שפּראָצונגען. און דער מאַן איז געזעסען דאָ אין דער געפאַנגענשאַפט, בעת ווען זיין פרוי איז דאָרט איינגע־גאַנגען אין אומבאַשרייבליכען פּיין און האָט ניט געהאַט אַרום זיך קיין איינציגען מענשען, וואָס זאָל איהר קאָנען זאָגען א וואָרט פון טרייסט. אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט טאָן איז געווען, צו שיקען זיין פרוי די פון דער צענזור ערלויבטע זעקס און צוואַנציג שורות, וועלכע זי האָט פּיליכט געקאָנט באַקומען אין צוויי חדשים אַרום.

דער פישער איז געווען א מוטיגער מאַן. ער האָט געפיהלט, אז דאָס אומאויפהערליכע גריבלען זיך קאָן איהם נאָך רויבען דעם פאַרשטאַנד. האָט ער זיך דערום פעסט צוזאַמענגענומען און האָט נעטראָגען זיין שיקזאַל. ער האָט ניט געוויינט, ניט געקלאָגט, נאָר פאַרביסען מיט די צייהן און געשוויגען. ווען מען האָט איהם אזוי אָנגעקוקט, האָט ער געמאַכט א רוהיגען און געפאַסטען איינדרוק. אָבער ווער ווייס, וואָס אין דער אָרעמער נשמה איז פאָרגעגאַנגען. מיך פלעגט שטענדיג באַפאַלען א געהיימער גרויל, ווען איך האָב געזעהען דעם שווייגענדיגען, מאָגערן מאַן פאַרבייגעהן פאַרביי מיר, וואָרים איך האָב געהאַט דאָס געפיהל, אז ער האָט מעהר גאָרנישט געהאַט וואָס צו זוכען אין לעבען.

אַרום דערזעלבער צייט האָב איך אין א נומער פון דער „נאָרד־וועסט־דייטשער צייטונג“, וואָס איינער פון אונזערע קאַמעראַדען האָט געקריגען פאַרבאָרגען אין א פּעקעל פון דייטשלאַנד, געלייענט אַן אויפרוף פון דער קרוינפּרינצעסין צו די דייטשע מאַמעס, אז זיי זאָלען שענקען דעם פאָטערלאַנד שטאַרקע זיהן, כדי אויסצו־פילען די לעכער, וואָס די מלחמה מאַכט דעם לאַנד. אָט דער אפּיל צו דעם אייגענטליכען באַרוף פון דעם פּראָלעטאַריאַט, צו צושטעלען דעם שטאַט ביליג קאַנאָנען־פלייש, וואָס איז גרייט זיך צו לאָזען דער׳הרג׳ענען פאַר א זאַך, וועלכע איז ניט זיין זאַך,

האט געמאכט אויף מיר אן עקעלהאפטען איינדרוק פנים אל פנים מיט אט דער שוידערליכער טראגעדיע, וועלכע האט דא געטראפען איין איינצעלנעם פון אונז. כ׳לעבען, אן איידעלער בארוף, צו צאלען דעם בלוט־שטייער צו דעם אזויגערופענעם פאטערלאנד, וואס האט ווי סאטורן אויפגעפרעסען זיינע אייגענע קינדער.

די פישער־לייט, צו וועמען מיכאעלים האט געהערט, האבען צונויפגעשטעלט אן אייגענארטיגען עלעמענט אין׳ם לאגער. זיי האבען זיך מיט עטליכע חדשים פאר דעם געפונען אין נארד־ים, זיך אפגעבענדיג מיט זייער געפערליכער פראפעסיע, ווען זיי זיינען איבעראשט געווארן פון ענגלישע קריג־שיפען און אויף אזא׳ן אופן אריינגעפאלען אין געפאנגענשאפט. אומגעפער הונדערט און פופ־ציג פון זיי האט מען איינגעקווארטירט ביי אונז אין באטאליאן, פון׳ם קאפיטאן ביז צום שיף־איינגעל. זיי האבען געבילדעט א באזונדערע קאמפאניע און האבען אויסגעקליבען איינעם פון זייערע קאפיטאנען, א געוויסען האלצהויזער, צום קאמפאניע־פיהרער. האלצהויזער האט ניט פארשטאנען קיין ווארט ענגליש, אבער ער האט זיך איבעראל דורכגעבראכען זיין וועג צו די פארטרעטער פון דער ענגלישער מיליטער־פארוואלטונג, ווען נאר די אינטערעסען פון זיינע לייט האבען עס געפאדערט. ס׳איז געווען א פראכטפולער סארט מענשען, אט די פישער־לייט, אין וועמען ס׳האט נאך גע־לעבט פיעל אורשפרינגליכעס און קינדליכעס. די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען ארגאניזירט אין געווערקשאפטען און מעהר אדער ווייניגער גענייגט צו סאציאל־דעמאקראטישע אידעען. זיי האבען רעגעלמעסיג באזוכט מיינע וועכענטליכע פארטראגען אין׳ם טעא־טער און פלעגען געוועהנליך זיצען אין די ערשטע רייהען. איך בין באלד מיט זיי נעהנטער באקאנט געווארן, און מיר האבען זיך אויסגעצייכענט פארשטאנען. ווען זיי האבען דא אין דער געפאנ־גענשאפט באקומען די ערשטע בריף פון זייער היים־לאנד, האבען זיך אסך פרויען באקלאגט, אז מען האט געפאדערט ביי זיי שטייערן. אויף זייער טענה, אז זייערע מענער געפינען זיך אין ענגלישער

געפאנגענשאַפט, האָט מען זיי געענטפערט, אז בלויז די פרויען פון סאָלדאטען, וועלכע זיינען גענומען געוואָרן געפאנגען אין דער מלחמה, זיינען באפרייט פון שטייערן, אָבער ניט די פרויען פון ציוויל־געפאנגענע. ס'איז געווען קלאָר, אַז אָט די אויסטייטשונג איז געווען א גאנץ מוטווילינע און האָט קענטיג געשטאַמט פון אונטערגעאָרדענטע באאמטע. ווען עטליכע פון די לייט זיינען געקומען צו מיר און האָבען זיך פאַר מיר באקלאָגט וועגען דעם, האָב איך זיי אָנגעשריבען עטליכע בריעף דאָרט וואו ס'איז נייטיג געווען און קלאָר געמאכט די זאַך. דער רעזולטאַט איז געווען, אז אין אלע פאַלען, וועגען וועלכע איך האָב געשריבען, זיינען די פרויען באפרייט געוואָרען פון די שטייערן. ווען דאָס איז באקאנט געוואָרן צווישען די פישער־לייט, האָבן זיך וועניגסטענס צוויי טוץ פון זיי געווענדט צו מיר מיט דער ביטע, אז איך זאָל אויך זיי אָנשרייבען אזעלכע בריעף צו די דייטשע באאמטע. איך האָב זעלבסטפארשטענדליך ערפילט זייער וואונש, און ווי ס'איז גאָר אנדערש ניט געווען צו ערווארטען, האָב איך אויך אין יעדען פאַל געהאט ערפאָלג.

ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט האָב איך רעגעלמעסיג געקאָנט באמערקען פאָלגענדעס: יעדעס מאָל, ווען איך האָב איינעם פון די פישער־לייט דערלאנגט דעם בריף צו די באאמטע פון זיין היימאט־דאָרף, פלעגט ער גלייך ארויסנעמען זיין געלד־בייטעל און מיך פרעגען, וויפיעל ער איז שולדיג. ווען איך האָב איהם געזאָגט, אז עס איז ניט מיין געוואוינהייט צו נעמען באצאָלט פאר אזעלכע זאכען, איז ער באשטאַנען דערויף, אז איך דארף קריגען א געוויסע באצאָהלונג פאר מיין מיה, ביז איך האָב איהם ענדליך קלאָר געמאכט, אז עס איז מיר דאָ איינפאך געגאנגען אין דעם, איהם צו טאָן א טובה. דאן האָט ער מיט קענטיגער פארלעגענהייט צוריק אריינגעלעגט דעם בייטעל אין טאש און געזאָגט: „נא, א שענעם דאנק אייך דערפאר“.

אונזערע פישער־לייט זיינען געווען רוהיגע און בראווע מענער,

מיט וועלכע מען האָט זעהר גוט געקאָנט אויסקומען, נאַטירליך אויב מען איז זיך מיט זיי באַגאַנגען מענשליך און ניט אַראָפּגע־קוקט אויף זיי פון אויבען אַראָפּ. אָבער עס זיינען אויך געווען זאכען, אין וועלכע זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען קיין שפּאַס. וועגען דעם א כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל:

באַלד נאָכדעם ווי די פישער־לייט זיינען אָנגעקומען, האָט מען צו אונז אין לאַגער אויך געבראַכט א געוויסען דר. קאַרל לייבראַנד, וועמען מען האָט דעם זעלבען טאָג געהאַט אַרעסטירט אין לאָנדאָן. שוין דער גאַנצער אויסזעהן פון׳ם מאַן איז געווען אין העכסטען גראַד אומסימפּאַטיש. זיין זיסליכע, קאַצען־פריינד־ליכע נאַטור איז יעדען איינעם, וואָס איז נאָר געקומען מיט איהם אין נאָהענטער באַריהרונג, באַלד געווען דערווידער. מען האָט אינסטינקטיוו געפיהלט, אז דער מאַן האָט זיך אויסגעגעבען אַנ־דערש, ווי ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט. נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעווען א שטיקעל צייט דאָ, איז געוואָרן אויפפאַלענד וואָס ער האָט כסדר געהאַט צו טאָן מיט׳ן צענזאָר און מיט די איבעריגע ענגלישע פאַרוואַלטונגס־באַאַמטע. ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט אויף׳ן אַרבעל ניט געטראָגען קיין צייכען פון דער אינערליכער פאַרוואַלטונג, פלעגט ער רוהיג דורכגעהען פאַרביי אלע פאַטרולען אין׳ם לאַגער און איז שטענדיג צוגעקומען צו די פאַרשידענע ביו־ראָס, אָהן דעם אז אימיצער זאָל זיך קאָנען ערקלערן, ווי דאָס איז צוגעגאַנגען. ס׳האָט אלזאָ ניט געקאָנט זיין קיין וואונדער, וואָס דער מאַן איז אריינגעפאַלען אין פאַרדאַכט ביי די געפאַנגענע און איז פון אלעמען באַטראַכט געוואָרן אלס אומזיכערער בחור. שפּע־טער האָט זיך אויך ווירקליך אַרויסגעשטעלט, אז דער פאַרדאַכט פון די מענשען איז ניט געווען אומבאַגרינדעט, וואָרים דער צופאַל האָט אונז אריינגעשפּילט אין די הענט עטליכע דאָקומענטען, וועל־כע לייבראַנד האָט צוגעשיקט צו דער ענגלישער מיליטער־פאַרוואַל־טונג, און פון וועלכע מען האָט געקאָנט דייטליך אַרויסזעהן, אז דער דאָזיגער מאַן האָט געשפּילט א פאַלשע ראָלע. צווישען אַט די

שריפטען האָבען זיך אויך געפונען עטליכע מלחמה־הימנעס, פראָ־דוקטען פון זיין פּאַטרישער מוזע, פון וועלכע איך גיב דאָ א פערז אַלס פּראָבע:

Yet kept on fighting until they had won
Victory over the German Hun,
Crushing for ever the godless foe!—
Glorious heroes they! Yonder they go!
Join in the hurrahs, Fred! Welcome them loud!
Mothers and sweethearts and wives in the crowd
How of their menfolk they now must be proud!

דאָס וואָס הערר ליבראנד האָט ארייגעשיקט די קינדער פון זיין מוזע צום צענזאָר, האָט אויגענשיינליך געהאט דעם צוועק זיך צו מאכען באליבט ביי דער מיליטער־פּארוואלטונג. אָבער דאָס וואָלט ניט געווען דאָס ערגסטע. ערגער דערפון איז געווען דאָס, וואָס אָט דער עהרענמאן האָט געפּרואווט, און עס איז איהם אויך געלונגען, צו פארפיהרען איינגע פון זיינע מיטגעפאנגענע, זיי איבעררעדענדיג אָנצונעמען ארבייט אין ענגלישע אמוניציע־פאבריקען. דאָס האָט ער אין איינעם פון די דערמאָנטע דאָקומענטען אליין צוגעגעבען, שרייבענדיג צווישען אנדערעם:

„אין פארלויף פון די פינף מאָנאט פון מיין אינטערנירונג אין אלעקסאנדרא פּעלעס האָב איך קיינמאָל און אויף קיין אופן ניט פארלייקענט מיין לאָיאַלע איבערגעבענהייט צו ענגלאנד, נאָר אין געגענטהייל, זי איבעראַל אויסגעדריקט אין וואָרט און טאָט. דאָס קאָן מען שוין זעהן דערפון, וואָס איך האָב זיך באַמיהט צו זיין ניצליך דעם דאָזיגען לאנד, מיט דעם וואָס איך האָב צווישען די אינטערנירטע דייטשען געקריגען א גאנצע רייה פון ערשט־קלאַסיגע מעכאניקער, וועלכע זיינען פריינדליך צו ענגלאנד און האָבען זיך ערקלערט גרייט צו טאָן קריגס־ארבייט,

א האנדלונג, וועלכע מאכט, אז זיי זאָלען זיך מעהר קיינמאָל ניט קאָנען צוריקקערען אין זייער היימלאַנד".

ס'האָט דעם הערר לייבראַנד נאַטירליך ניט געקאָנט ארויפקו־מען אויף'ן זינען, אז אָט די דאָקומענטען וועלען ווען עס איז ארייגפאלען צו אונז אין די הענט, אזוי אז מיר זיינען אימשטאַנד געווען אראָפצונעמען קאָפּיעס פון זיי. אָבער דאָס איז געשעהן א היבשע צייט שפּעטער, און דאָס וואָס איך וויל דאָ דערצעהלען האָט זיך אָפּגעשפּילט אין א צייט, ווען מיר האָבען נאָך אין אונזערע הענט ניט געהאַט קיין פּאָזיטיווע באוויזען פאַר לייבראַנד'ס שולד.

איין טאָג האָט זיך געמאכט, אַז איך האָב צוליעב וואָס פאַר עס איז גרונד געמוזט אויסלאָזען מיין וועכענטליכע פארזאמלונג אין טעאַטער. אויף מאָרגען זיינען צו מיר אין דעם באַטאַליאָן־ביוראָ געקומען עטליכע פּישער־לייט. אָן זייער שפּיץ, אלס וואָרט־פיהרער, איז געשטאַנען א געוויסער שמידט, א העכסט בראַווער מאַן, פון וועמען איך האָב שטאַרק געהאַלטען. כ'האָב געפרעגט די מענשען, וואָס זיי ווילען פון מיר, און שמידט האָט מיר ער־קלערט, אז זיי זיינען געקומען, כדי פון מיר פערזענליך צו דער־געהן דעם גרונד, פארוואָס איך האָב נעכטען אָוועגט ניט געהאַלטען קיין פּאָרטראַג. איך בין געווען אביסעל ערשטוינט, אָבער איך האָב זיי געגעבען די געווינשטע אויסקונפט.

„דאָס הייסט אלזאָ", האָט שמידט געזאָגט, „אז איהר וועט קומענדע וואָך ווידער רייד‏ען?"

„גאַנץ געוויס!" האָב איך געענטפערט.

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו זיינע קאמעראַדען און געזאָגט:

„זעהט איהר, ס'איז אימער בעסער, ווען מ'פרעגט זיך אפריהער נאָך".

אצונד בין איך געוואָרן ווירקליך נייגעריג און איך האָב איהם געפרעגט, וואָס דאָס אלעס באַדייט. צוערשט האָט ער ניט געוואָלט ארויסקומען מיט לשון, אָבער ענדליך האָט ער זיך דאָך ענטשלאָסען מיר אלעס צו דערצעהלען.

„פארשטעהט איהר מיך", האָט ער געזאָגט, „אין לאָנער האָט זיך נעכטען פארשפרייט א קלאנג, אז דער פארדאמטער קריכער, דער לייבראנד, האָט אייך פאר'מסר'ט פאר'ן קאָמאנדיר, און דער דאָזיגער האָט אייך פארבאָטען ווייטער צו האלטען פארזאמלונגען אין לאָגער. אזוי ווי איהר האָט אונז אצונד פארזיכערט, אז דאָס איז ניט אזוי, זיינען מיר צופרידען, און די זאך איז פאר אונז ערליידיגט."

כ'האָב איהם אָנגעקוקט מיט א שמייכעל און געפרעגט:

„און ווען עס וואָלט ווירקליך אזוי געווען, וואָס וואָלט איהר געטאָן?"

דאָ האָט ער אויסגעשטרעקט זיינע צוויי ריזענשטארקע אָרעמס צו מיר און אויסגעקרימט די פינגער, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אימיצען פאקען.

„וואָס מיר וואָלטען געטאָן?" האָט ער געזאָגט. „מיר וואָלטען דעם קערל דערטרונקען אין די „דאַרדאַנעלען" (אזוי האָבען די מאַטראָזען גערופען אונזערע קלאָזעט־קאנאלען) און דערנאָך איהם באַגראָבען אין'ם „איטאליענישען גאָרטען"."

ווי ער איז אזוי געשטאַנען דאָרט פאר מיר, האָט ער פול־שטענדיג געמאכט דעם איינדרוק, אזוי ווי עס וואָלט זיך דאָ ניט געהאנדעלט בלויז אום ווערטער. זיינע קאמעראדען האָבען צוגע־שטימט צו איהם און ערקלערט, אז דער חברה־מאַן ווערט סיי ווי סיי ניט האָבען קיין גוטען סוף. איך האָב זיי געבעטען צו לאָזען לייב־ראנד'ן צורוה, ווייל עס לוינט זיך ווירקליך ניט, אז אן עהרליכער מענש זאָל פון זיינעטוועגען אריינפאלען אין אן אומגליק. דאָס האָבען זיי אויך איינגעזעהן און האָבען מיר צוגעזאָגט, איהם צו לאָזען לויפען. אין עטליכע וואָכען ארום האָט זיך אָבער ארויס־געשטעלט, אז לייבראנד האָט אין געהיים צוזאמענגעקריגען אין לאָגער ארבייטער פאר ענגלישע אמוניציע־פאבריקען. ווען דאָס איז באקאנט געוואָרן, האָט ער נאַטירליך אויסגעשפּילט. איינער פון די פישער־קאַפּיטאנען האָט איהם דערטאפּט אין'ם „קאמ־

פאונד", און ער האָט געשפּילט מיט גליק וואָס ער האָט געקאָנט אנטלויפען צו די סאָלדאטען, וועלכע האָבען איהם גענומען אונטער זייער שוץ און איהם אַפּגעפיהרט. דעם אלטען קאָמאנדיר און אויך מיידזשאָר מאָט איז אָט דער אינטריגאנטישער קריכער געווען שרעקליך דערווידער, און זיי האָבען געהאַט פאר איהם די טיפסטע פאראכטונג, ווי איך האָב עס געקאָנט דייטליך ארויסהערן פון עטליכע צופעליגע באמערקונגען. נאָכדעם ווי לייבראנד האָט זיך געמוזט אויפהאלטען עטליכע טעג אין דער וואַש־שטוב, האָט מען איהם משלח געווען אין אן אנדער לאגער.

דעם 4טען יאנואר אין דערפריה האָט מען אין דעם קליינעם טייבעל אויף דער מזרח־זייט פון'ם „פעלעס" געפונען דעם טויטען קערפער פון'ם סארדזשענט סודער. מען האָט גלייך דערקענט, אז דאָ איז באגאנגען געוואָרן א זעלבסטמאָרד. באלד נאָכדעם האָבען מיר זיך אויך דערוואוסט די אורזאך, וואָס האָט געפיהרט דעם אומגליקליכען מאן צום טויט. סודער האָט אין'ם „סי"־באטאליאָן געליהען ביי א מאן צוויי שילינג, וועלכע ער האָט נייטיג באַדארפט, כדי עפּעס צו קויפען. אָט די אבסאָלוט אומשולדיגע פּאַסירונג איז געקומען צו די אויערען פון דעם פעלדפעבעל פון'ם לאגער, וועלכער האָט וועגען דעם אַפּגעגעבען א באריכט דעם קאָמאנדיר. סודער איז געשטעלט געוואָרן פאר א קריגס־געריכט, וואָס האָט איהם פאר'משפט צו זעקס וואָכען ארעסט און דעגראדירונג. דער אָרעמער טייוועל האָט זיך דערפון אזוי שטארק גענומען צום הארצען, אז נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסען זיין שטראָף, האָט ער געמאכט א סוף צו זיין לעבען. די סאָלדאטען זיינען געווען מורא'דיג אויפגעבראכט אויף דעם פעלדפעבעל און האָבען גאנץ אָפען אויסגעדריקט זייער פאראכטונג איבער דער שענדליכער מסירה. באלד נאָכדעם האָט מען דעם פעלדפעבעל, וועלכער איז די געפאנגענע געווען זעהר אומסימפּאטיש, איבערגעשיקט אין אן אנדער לאגער.

אזוי ווי סודער האָט זיך שטענדיג באנומען זעהר מענשליך צו

די געפאנגענע, האָט מען אין׳ם לאגער געמאכט א קליינע זאמלונג פאר זיין אלמנה, וואָס האָט איינגעבראכט די סומע פון זעקס פונט סטערלינג. דורך דער פארמיטלונג פון׳ם קאָמאנדיר האָט מען דאָס געלד איבערגעגעבען צו דער אָרעמער פרוי, וועלכע האָט אין א באזונדערן בריעף אויסגעדריקט איהר טיפסטען דאנק צו די געבער.

אין פעברואר האָט די מיליטער־פארוואלטונג אין׳ם לאגער געלאָזט וויסען, אז געפאנגענע, וועלכע ווילען נעהען פאָסט־זעק פון דער רעגירונג, קאָנען קריגען ארבייט. אזוי ווי די דאָזיגע ארבייט איז פריהער צום גרעסטען טייל געמאכט געוואָרן אין די געפענגנישען, איז די באצאָלונג נאטירליך געווען זעהר קליין. דאָך האָבען זיך אין לאגער געפונען א גאנצע אָנצאָל פון געפאנגענע, וועלכע זיינען געווען גרייט אָנצונעמען די באשעפטיגונג. טיילווייז האָט דאָ געווירקט דער געדאנק, איבערהויפּט עפּעס צו טאָן, כדי ליכטער צו פארטרייבען די גרויע מאָנאָטאָניע פון דער געפאנגענ־שאַפט, טיילווייז האָט זיי אָנגעצוויגען די אויסזיכט צו קאָנען געבען זייערע פאמיליעס א קליינע הילף. ס׳איז אמת, אז די פרויען פון אינטערנירטע „פיינדליכע אויסלענדער״, אויב זיי זיינען געווען אבסאָלוט אָהן מיטלען, פלעגען קריגען אויסגעצאָלט פון דער ענגלי־שער רעגירונג א קליינע וועכענטליכע אונטערשטיצונג, אָבער דאָס איז געווען פארבונדען מיט אזויפיעל ערנידעריגונגען, אז בלויז די פרויען, וועלכע האָבען אבסאָלוט ניט געהאט קיין אנדער אויסוועג, פלעגען נעמען די דאָזיגע אונטערשטיצונג. דערצו האָבען זיך גראָד אין דער לעצטער צייט געלאָזט הערען אָפטע קלאָגעס פון די פרויען, אז מען האָט זיי אונטער אלע מעגליכע תירוצים פארקלענערט אָדער גאָר אין גאנצען ניט געגעבען די וועכענטליכע אונטערשטיצונג. אזוי האָט מען פולשטענדיג צוגענומען די אונטערשטיצונג ביי דער פרוי פון א מיטגעפאנגענעם אין מיין קאָמפּאניע, א געוויסע פרוי זייץ, וועלכע האָט געהאט פיער קינדער און האָט אין גיכען גע־דארפט געלעגען ווערן מיט א פינפטען. מען האָט איהר איינפאך

ערקלערט, אז אויב זי דאַרף געלד צו לעבען, זאָל זי פאַרקויפען איהרע הויז־זאַכען. אז דאָ האָט דער ביוראָקראַטיזם און אין אסך פאַלען די דירעקטע רשעות פון די לאָקאַלע קליינע באאַמטע גע־שפּילט די הויפּט ראָלע, — דאָס איז געווען גאַנץ קלאָר און דייטליך.

אזעלכע קלאַגעס פון די אָרעמע פרויען, וועלכע פלעגען קומען אַלץ עפטער, האָבען געהאַט א נידערשמעטערענדע ווירקונג אויף די מעהרסטע פון מיינע ליידענס־חברים. ס'איז ניט געווען קיין ערגערע, דריקענדערע זאַך פאַר די געפאַנגענע, ווי צו מוזען זיצען דאָ ליידיג, בעת ווען די פאַמיליעס דאָרט דרויסען האָבען געליטען דעם ביטערסטען עלענד און נויט.

אחוץ דעם איז נאָך געקומען אין באַטראַכט דאָס, וואָס מען האָט אין דער געפאַנגענשאַפט ניט געקאָנט דורכקומען, אויב מען האָט ניט פון וואָס פאַר עס איז זייט געקראָגען געוויסע צוגאַבען. די באַרונג, וואָס מען האָט אונז צוגעשטעלט פון דער ענגלישער רעגי־רונג, איז ווייט ניט געווען אימשטאַנד כאָטש אויף וויפיעל עס איז צו קאָנען באַפרידיגען די באַדערפעניששען פון די געפאַנגענע, און אין 1916, ווען די פאַרציעס זיינען אויף'ן באַפעהל פון'ם „וואָר אָפיס" כסדר פאַרקלענערט געוואָרן, איז די לאַגע פאַר דער גרויסער מעהרהייט פון די אינטערנירטע געוואָרן פשוט פאַרצווייפעלט. געוויסע פרויען האָבען דערום געאָפּפּערט דאָס לעצטע, כדי ווי עס איז דערטרעגליך צו מאַכען די לאַגע פאַר זייערע מענער אין דער געפאַנגענשאַפט. די גרויסע מעהרהייט פון די געפאַנגענע האָט געהערט צו דעם ארבייטער־שטאַנד און האָט ניט געהאַט קיין אנדער קוואַל פון הכנסה ווי נאָר זייער אייגענע ארבייט. זאָגאַר די, וועל־כע האָבען פריהער געהאַט די מעגליכקייט אָפּצושפּאָרען אביסעל געלד, האָבען עס שוין לאַנג געהאַט אויסגעגעבען. ס'איז דארום ניט געווען קיין וואונדער, ווען א היבשע צאָהל פון די געפאַנגענע האָבען זיך ערקלערט גרייט צו נעהען פּאָסט־זעק, הגם די ארבייט האָט אזוי ווייניג איינגעבראַכט.

אבער דאָ איז פאַר זיי פּלוצלונג ענטשטאַנען א הינדערניש,

אויף וועלכע זיי האָבען זיך ניט געהאט געריכט. די פארטרעטער פון׳ם „אמת׳ן דייטשטום“ אין׳ם באטאליאָן „סי“ האָבען ערקלערט, אז מען טאָר אונטער קיין אומשטענדען ניט ארבייטען פאר די ענגלענדער, און זיי האָבען באצייכענט אלע די וואָס זיינען ניט געווען מיט זייער מיינונג אלס „פאררעטער פון׳ם פאטערלאנד“. די געפאנגענע אין׳ם „סי“־באטאליאָן, וועלכע האָבען זיך שוין געהאט געמעלדעט צו דער ארבייט; זיינען געשטערט געוואָרן דעריין דורך אלערליי סטראשונקעס און טיילווייז מיט ברוטאַלער געוואלט. אָבער אזוי ווי מען האָט אין „איי“ און „בי“ געהאט אָנגענומען א גאנץ אנדער שטאַנדפונקט, האָבען די איבער־פאטריאָטען פון „סי“, וועלכע האָבען כמעט אויסשליסליך געהערט צו די באזיצענדע קלאסען, געפאָדערט, אז מען זאָל אין „בי“ איינרופען א פארזאמלונג פון די קאָמפאניע־פירער, וואו זיי זאָלען קאָנען קלאָר מאכען זייער שטאנדפונקט. דער דאָזיגער פארלאנג איז זיי אויך נאָכגעגעבען געוואָרן.

וואָס מיר האָבען געקראָגען צו הערען זיינען געווען די אלטע, אָפגעשטאַנענע פראזען, וועלכע זיינען די מעהרסטע פון אונז שוין לאנג געקראָכען פון האלז. א היבשע ווײלע האָב איך זיך צוגעהערט צו דער פלאפלעריי, ביז די געדולד האָט מיר ענדליך געפלאצט און איך בין ארויסגעטראָטען געגען די הערען מיט א טאָן, וועלכען זיי האָבען געמוזט פארשטעהן. איך האָב זיי געפרעגט, ווער עס גיט זיי דאָס רעכט צו זיצען דאָ און משפּט׳ן איבער דער אָרימקייט און איבער דעם עלענד און נויט פון זייערע אומבאמיטעלטע קאמעראדען.

„איהר, מיינע הערען“, האָב איך געזאָגט, „זיינט געבענשט מיט אלעם גוטען. איהר באקומט יעדען מאָנאט היבשע סומען געלד און יעדע וואָך פעקלעך מיט זאכען, ווען וועלכע דריי פערטעל פון אייערע אָרעמע מיטגעפאנגענע וואגען אפילו ניט צו חלום׳ן. האָט איהר אין אייער איבערפלוס זיך געטיילט מיט אייערע נויטליידענדע מיטגעפאנגענע? האָט עס אייך אָנגעהויבען צו אַרען, ווען אן אָרעמער טייפעל האָט זיך צייטענווייז צוגעקוקט

צו אייך און צו אייערע וואוילטאגען און די סלינע איז איהם ארי־בער איבער׳ן מויל? אייערע פריווילעגיעס, וועלכע איהר געניסט דא א דאנק אייער געלד, גיבען דאס דער געלער פרעסע טאג־טעגליך די געלעגענהייט זיך אויפצורעגען איבער אונזער כלומר׳שטען גוטען לעבען, פון וועלכען נייו צענטעל פון אונזערע לײדענס־חברים הויבען ניט אן צו וויסען. אז איהר, מיינע הערען, וועט ניט נעהען קיין פאסט־זעק, דאס איז קלאר, און אין אייער לאגע איז עס זעהר לייכט צו שפילען דעם גרויסען פאטריאט, וואס וויל ניט ארבייטען פאר די ענגלענדער. אבער מיט וואס פאר א רעכט ווילט איהר צווינגען אנדערע, וועלכע זיינען ניט אין אייער אנגענעמער לאגע, זיך צו בויגען צו אייער ווילען? זיינט איהר גרייט פון היינט אן זיך צו טיילען ברידערליך מיט אייערע ארעמע מיטגעפאנגענע מיט אלע געלדער און פעקלעך וואס איהר וועט ערהאלטען? אויב דאס איז דער פאל, דאן לאזט זיך ווייטער ריידען איבער דער פראגע. ביי אייער גרויסען פאטריאטיזם וואלט עס אייך ניט געדארפט אנקומען שווער".

אויף דעם זיינען די הערען, ווייזט אויס, ניט געווען געפאסט. כדי מען זאל ניט זעהן, ווי געשלאגען זיי זיינען, האבען זיי נאך געפרואווט מאכען אלערליי איינווענדונגען, אבער ווען זיי האבען געזעהן, אז אלע קאפיטאנען זיינען געווען אויף מיין זייט, האבען זיי אפגעצויגען ווי די באגאסענע הינטלעך.

דער באטאליאן „בי" איז אונזערע פאטריאטען אין „סי" איבער־הויפט געשטאנען ווי א ביין אין האלז, וויל מיר זיינען זיך גע־גאנגען אונזער אייגענעם וועג און זיך ניט אונטערוואַרפען די דיקטאטור פון עטליכע ענג־קעפיגע חברה־לייט. אין פארלויף פון די קריסטמאס־טעג האבען די פארטרעטער פון׳ם „דר. מערקעל־קאמיטעט" געהאט אראנזשירט א קליינע אויסשטעלונג פון זאכען וואס זיינען געמאכט געווארן אין׳ם לאגער, שניצערייען, צוזאמענ־געלעגטע קעסטלעך און שאכטלעך, צייכענונגען, בילדער א. א. וו. נו, זיינען די פאטריאטען פון „סי" אויך ערשינען אויף דעם פלאן

מיט א בילד פון״ם דייטשען קייזער און האָבען געפּאָדערט פון הער קעסטנער, אז ער זאָל דאָס דאָזיגע בילד נעמען פאר דער אויסשטעלונג. אָבער קעסטנער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז ער וועט דערמיט שטעלען די גאנצע אונטערנעמונג אין געפאהר, ווייל דער קאָמאנדיר, וועלכער איז פון זיין זייט ווידער געווען געבונדען דורך די באפעהלען פון „וואָר אָפיס״, וואָלט אונטער קיינע אומשטענדען ניט ערלויבט די אויסשטעלונג פון׳ם בילד. ער האָט אלזאָ אומזיסט געפּרואווט איינ׳טענה׳ן מיט די לייט און זיי ערקלערן די זאַך. געגען דער ענג־קעפּיגקייט פון די דאָזיגע העררן האָט קיין שום בארעדזאמקייט ניט געקאָנט העלפען. צולעצט האָט קעסטנער ענדליך פארלאָרן די געדולד און האָט פּשוט צוריק־געוויזען דאָס בילד. דורכדעם האָט ער אָנגעצונדען דעם פּאַטריאָטי־שען צאָרן פון די דייטשע מענער ווי א העליש פייער, און איינער פון זיי, א געוויסער וו., האָט ארויסגערופען קעסטנער׳ן אויף א דועל. ווי אזוי אונזער פּאַפּירענער העלד האָט זיך אייגענטליך פאָרגעשטעלט די זאַך, דאָס איז געבליבען זיין געהיימניס. יעדענ־פאלס האָט ער געקריגען דעם ענטפער, וואָס ער האָט פארדינט.

נו, האָבען די העררן מיט זייער קייזער־בילד אראָנזשירט אן אמעריקאנישע אויקציאָן, וועלכע האָט אין׳ם „סי״־באטאליאָן איינ־געבראכט דריי און צוואנציג פונט סטערלינג. דערנאָך האָבען זיי געפּרואווט זייער גליק אויך אין „בי״, אָבער ניט קוקענדיג אויף אלע אָנשטרענגונגען האָט מען דאָ צוזאמענגעמאכט ניט מעהר ווי ניינצעהן שילינג. אזא שוואכען אָפּקלאַנג פון׳ם פּאַטריאָטישען גייסט האָבען הערר בוראנדט און זיינע לייט באטראכט דירעקט אלס באליידיגונג, און מען קאָן פארשטעהן, אז זיי זיינען ניט געווען פריינדליך צו אונזער באטאליאָן. דערצו איז נאָך געקומען אן אינצידענט, וועלכער האָט נאָך מעהר געמוזט אויפברענגען די פּאַטריאָטישע מענער געגען אונז. נאָך די וויהנאַכט־פייערונג, ווען די אזויגערופענע „קריסטמאס־קאָמיטע״, פון וועלכער איך האָב שוין פריהער גערעדט און וועלכע האָט געהאט איהר זיץ אין „סי״, איז ארויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט מיט אן אָפּרעכענונג, וועל־

כע איז געווען אלץ וואָס איהר ווילט נאָר נים קיין אָפּרעכענונג, און פון וועלכער מען האָט נאָר געקאָנט זעהן איין זאַך, אז די הערון האָבען געהאט די אבזיכט אויף א גאנץ געמיינעם אופן צו באשווינדלען די באטאליאָנען „איי" און „בי", האָט זיך אין גאנצען לאגער אויפגעהויבען אזא שטורם פון ענטריסטונג געגען די מעשים פון אָט די לייט, אַז דער קאָמאַנדיר אליין האָט זיך ענדליך געמוזט אריינמישען. דער אלטער האָט ערקלערט די ערשטע אָפּרעכענונג פאר נול און נישטיג און האָט צוגעזאָגט די געפאנגענע, אז ער וועט זאָרגען דערפאר, עס זאָל געגעבען ווערן א ווירקליכע אָפּרעכענונג, צו וועלכער עס זאָלען צוגעצויגען ווערן רעוויזאָרען פון אלע דריי באטאליאָנען. דאָס וואָס דער באטאליאָן „בי" האָט דוקא מיך און קארל׳טשיקען באשטימט אלס רעוויזאָרען, האָט די הערון אין „סי" ערשט ריכטיג אריינגעבראכט אין כעס. און אצונד אָט דער לעצטער אַפּאַהר מיט די פּאָסט־זעק — דאָס איז געווען מעהר ווי מען האָט געקאָנט אריבערטראָגען.

ארום יענער צייט פלעגען מיר כמעט יעדען טאָג צוקריגען נייע געפאנגענע אין׳ם לאַגער. דאָס רוב זיינען עס געווען ניי־אַרעסטירטע פון לאַגדאָן, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען עטליכע אלטע באקאנטע מיינע. אזוי זיינען אין אונזער באטאליאָן געקומען די געבּרידער אַלבערט וויזהייט און ריכארד קלאָזע, צוויי אלטע קעמפער פון דער אַנארכיסטישער באוועגונג אין דייטשלאנד. אויך די קאמעראדען אדאָלף פיינגאָלד און אויגוסט שטראקע זיינען געקומען צו אונז. שטאַרקע איז פריהער געווען אויף דער „אייל־אָף־מען" און האָט ענדליך געמוזט געבראכט ווערן אהער, ווייל מיט זיין קינסטליכען פוס האָט ער זיך קוים געקאָנט באוועגען אויף די דויהע, נים אויסגעטראָטענע וועגען פון׳ם דאָרטיגען לאַגער. אינטערעסאנט איז געווען די טאַטזאַך, וואָס ארום יענער צייט האָט מען צו אונז געבראכט א גאנצע רייה פון מענשען וואָס האָבען געהערט צו נייטראַלע לענדער, און וועלכע מען האָט געהאט ארונטערגענומען פון פארשידענע שיפען. אזוי האָבען מיר צו אונז אין

לאגער געקריגען שפּאניער, האָלענדער, אמעריקאנער, רוסען א. א. וו. צווישען די ניי־געבראכטע האָט זיך אויך געפונען אן עכטער ענגלענדער, וועלכער איז געבוירען געוואָרן ניט ווייט פון בירמינגהאם. מענשען, וועלכע זיינען אויף דעם דאָזיגען אופן אריינגעפאלען אין דער געפאנגענשאַפט, האָבען געהאט צו זינגען און צו זאָגען דערפון, וואָרים אזוי לייכט ווי מען האָט געקאָנט אָנקומען אין אן אינטערנירונגס־לאגער, אזוי שווער איז עס געווען פון דאָרט צוריק ארויסצוקומען. עס פלעגט געווענליך געדויערן מאָנאטען, ביז זיי האָבען זיך געקאָנט שטעלען אין פארבינדונג מיט די פארטרעטער פון זייערע לענדער אין ענגלאנד, און טאָמער זיינען זייערע פּאפּירען ניט געווען פולשטענדיג אין אָרדנונג, האָט געקאָנט אריינפליסען פיעל וואסער אין ים, איידער זיי האָבען צוריקגעקריגען זייער פרייהייט. א שפּאניער און אַן ארגענטינער זיינען געווען פיער מאָנאט ביי אונז אין לאגער, איידער מען האָט זיי פריינעלאָזט, א האָלענדער פינף מאָנאט. א רוס האָט מען געהאלטען זיבען חדשים, ביז ער איז ענדליך געוואָרען גאנץ ווילד און האָט גע־סטראָשעט, אז ער וועט צוברעכען אלעם אין שטיקער. אָבער מען האָט איהם איינפאך אריינגעזעצט אין א צעל, ביז ער איז געוואָרען רוהיגער.

שענער פון אַלץ איז געווען די געשיכטע פון'ם ענגלענדער, וועלכען מען האָט געבראכט צו אונז. מען האָט איהם אראָפּגענומען פון וואָס פאַר עס איז שיף און צוזאמען מיט אנדערע געבראכט צו אונז אין לאגער, ווייל זיינע פּאפּירען זיינען עפּעס ניט געווען אין גאנצען אין אָרדנונג. אָבער ער האָט זיך אויף קיין שום אופן ניט באמיהט פריי צו ווערן, מחמת ער האָט מורא געהאט, אז מען קאָן איהם נאָך שיקען אין דער ארמיי. ער איז אלזאָ געווען צופריידען מיט דער געפאנגענשאַפט און האָט געלעבט מיט אונז אין דער ברידערליכסטער הארמאָניע. ווען איך האָב איהם איינמאָל געפרעגט, פארוואָס ער טוט גאָרנישט פאַר זיין באפרייאונג, האָט ער מיר גאנץ געמיטליך געענטפערט, אז לויט זיין מיינונג איז אסך

באקוועמער אלס לעבעדיגער ענגלענדער צו זיין אינטערנירט מיט דייטשען, איידער אלס טויטער ענגלענדער באגראבען צו ווערן אין פראנקרייך אָדער אין בעלגיע. דער מאן האָט געהאט הומאָר, און וואָס דאָס בעסטע איז געווען, ער האָט באַגריפען, אז ער האָט גאָרנישט וואָס צו זוכען אין די טראנשעען. ערשט אין זעקס חדשים ארום האָט מען זיך דערמאָנט אָן איהם און איהם באפרייט, פון וואָס ער איז פיליכט גאָרנישט געווען צופרידען, הגם אין פארלויף פון די לעצטע מאָנאטען האָט די געפאנגענשאפט אויך איהם שטאַרק דערעסען.

אין פעברואר איז דער אלטער קאָמאנדיר ערנסט קראנק געוואָרן און איז געלעגען צו בעט אויבען ביי זיך אין דער וואוינונג. אין זיין אָפּוועזענהייט האָט מיידזשאָר מאָט געפיהרט די פאַרוואלטונג, און יעדער האָט געפיהלט, אז אלעס איז צוגעגאנגען רוהיגער און גלאטער ווי געוועהנליך, ווען די גאנצע אינערליכע פאַרוואלטונג פלעגט זיך שטענדיג געפינען אין א צושטאנד פון כראָנישער נערוועזקייט.

איין טאָג האָט מיך אונזער באַטאַליאָן־פיהרער איבעראשט מיט דער נאָכריכט, אז דער אלטער וויל עפּעס ריידען מיט מיר. איך בין געווען אביסעל ערשטוינט, וואָרים איך האָב זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלען, וואָס דער קראנקער מאן האָט געקאָנט וועלען פון מיר. די גאנצע צייט פון זיין קראנקהייט האָט ער ניט געהאט אויפגענומען קיינעם פון מיינע מיטגעפאנגענע, אויסער די דריי באטאליאָן־פיהרער, און דאָס אויך נאָר ווען ער איז שוין געווען אויף'ן וועג פון בעסערונג. וואָס זשע האָט איהם אלזאָ געקאָנט באוועגען גראָד צו שיקען נאָך מיר?

צוזאמען מיט אונזער באטאליאָן־פיהרער טרעפטע בין איך ארויף אין ערשטען עטאזש פון'ם לינקען זייטען־פליגעל, וועלכער איז געלעגען גראָד איבער דעם רעסטאָראנט פון די אָפיצירען, און וואו איך בין נאָך ביז אהער קיינמאָל ניט געווען. אין דעם פאָרצימער האָבען מיר באגעגענט דעם דאָקטאָר און א קראנקען־שוועס־

טער. דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז דער קאָמאַנדיר געפינט זיך, אמת, אויף'ן וועג פון בעסערונג, אָבער אַז ער איז נאָך אַלץ שוואַך, און ער האָט מיך געבעטען ניט אויסציהען דעם געשפּרעך מיט'ן קראַנקען לענגער ווי צען מינוט. איך האָב עס איהם צוגע־זאָגט. די קראַנקען־שוועסטער האָט מיר געעפענט די טיר און שטיל אָנגעוויזען אויף אַ שפּאַניש ווענטעל אין הינטערגרונד פון'ם גרויסען, לופטיגען צימער, הינטער וועלכען ס'איז געשטאַנען דאָס בעט פון'ם קראַנקען. דאס גאַנצע צימער איז געווען איינגעטונקען אין אַן אָנגענעמען האַלב־טונקעלען שיין, ווייל די פאָרהענגלעך זיינען געווען האַלב אַראָפּגעלאָזען. איך בין צוגעגאַנגען צו דעם אַלטען, וועלכער האָט זיך מיט מיה אביסעל אויפגעהויבען און מיך באַגריסט מיט אַ שוואַכען שמייכעל. די קראַנקהייט האָט שטאַרק געווירקט אויף איהם. ער האָט מיר אויסגעקוקט צעהן יאָהר עלטער: ער האָט אויסגעזעהן אין גאַנצען איינגעטריקענט, און דאָס געל־ברוינע געזיכט איז געווען דורך און דורך באַדעקט מיט קליינע קנייטשעלעך, וועלכע איך האָב פריהער קיינמאָל ניט געהאַט באַ־מערקט. ס'איז מיר שווער געווען צו גלויבען, אַז דאָס איז דער־זעלבער מאַן, וואָס האָט געקאָנט אַזוי טעמפּעראַמענטפול פלוכען און ליאַרעמען, און וועלכער פלעגט, ניט קוקענדיג אויף זיין הויכער עלטער, זיך אַרומדרעהען איבעראַל אין לאַגער און מיט פלינקע, עלאַסטישע טריט לויפען הין און צוריק איבער דער טעראַסע.

כ'האָב איהם געפרעגט, ווי ער פיהלט זיך און אויסגערעדריקט די האָפנונג, אַז ער וועט באַלד ווידער געזונט ווערן. ער האָט מיעד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט, אַז אַ מאַן אין זיינע יאָהרען קאָן מעהר ניט האָבען קיין גרויסע טענות צום לעבען. דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט געשיקט נאָך מיר, כדי צו ערפאַרען, ווי עס זעהט אויס ביי אונז אין באַטאַליאָן. איך האָב איהם געענטפערט, אַז זינט זיין אָפּוועזענהייט האָט זיך קיין זאַך ניט געענדערט און אַלעס געהט זיך זיין רוהיגען גאַנג. אַ מאַטער שמייכעל איז אַריבערגעלאָפען איבער זיין געזיכט. ער האָט מיר

פארזיכערט, אז ער האט זיך אין פארלויף פון זיין קראנקהייט אָפט געזאָרגט וועגען אונז. ווייזט אוים, אז ער איז ווירקליך געווען אונטער דעם איינדרוק, אז אָהן איהם האָט קיין זאַך ניט געקאָנט געהן. זיין שטימע האט געקלונגען שוואך און ציטערענדיג, און מען האט געקאָנט דייטליך הערען פון זיין ריידען, אז די קראנק־הייט האט איהם פולשטענדיג אויסגעמוטשעט.

נאָך א קורצער פויזע האט ער פלוצלינג גאנץ דירעקט געזאָגט צו מיר, אז ער האט שטענדיג געהאט אין אויג די בעסטע אינטע־רעסען פון די געפאנגענע.

„פיעלע ווילען עם ליידער ניט פארשטעהן", האט ער געזאָגט, „אבער ס'איז דאָך אזוי! ווי איך זאָג. נאטירליך קאָן איך ניט יעדען איינעם צופרידענשטעלען, ווי איך וואָלט עס גערן געוואָלט. אבער אלס פארנינפטיגער מאן וועט איהר באגרייפען, אז אין פיעל באציהונגען זיינען מיר די הענט געבונדען. איך קאָן ניט אימער האנדלען ווי איך וויל. איך באדויער די אומגליקליכע לאגע פון די מענשען און ווייס, וואס עס הייסט, ווען מען ווערט פלוצלינג אויף יאָהרען לאנג אָפגעריסען פון דער פאמיליע און פון די לעבענס־קרייזען. באזונדערס פאר די עלטערע לייט איז דאָס זעהר שווער, און מען מוז טאָן אלצדינג אָפצופרישען זייער מוט, כדי זיי זאָלען ניט אין גאנצען אריינפאלען אין פארצווייפלונג".

איך בין געווען זעהר שטארק איבעראשט, ווען איך האב איהם געהערט ריידען אָט די ווערטער. איז עס איהם ווירקליך נאָר גע־גאנגען אין דעם, מיר דאס צו זאָגען? וואס פאר אן אבזיכט האט ער דערמיט געהאט? האט איהם זיין באלדיגער סוף געשוועבט פאר די אויגען און האט איהם געמוטשעט דאס באדערפעניש זיך לייכטער צו מאכען דאס הארץ? אָט די אלע געדאנקען זיינען מיר דורכגעלאָפען אין קאָפ, ביז דאס טיף מענשליכע פון דער גאנצער סצענע איז מיר ענדליך געקומען צום באוואוסטזיין.

כ'האב איהם פארזיכערט, אז די מעהרסטע פון אונז זיינען איבערצייגט אין זיינע גוטע אבזיכטען, אבער אז מען מוז עס גע־

פינגען באַגרייפליך, ווען מענשען אין אונזער לאַגע פאַרלירען צייטענווייז די געדולד און רעוואָלטירען געגען דאָס אומרעכט וואָס ווערט געגען זיי באַגאַנגען. זיין איינגעפאַלען געזיכט האָט אָנגענומען א צופרידענעם אויסדרוק, און א קראַנקער שמייכעל האָט געשוועבט אַרום זיין פאַלביגען מויל. דאָ האָט זיך שטיל געעפענט די טיר, די קראַנקען־שוועסטער איז אַריינגעקומען אין צימער און האָט מיר געגעבען א לייכטען וואונק. כ'האָב איהם געזאָגט, אַז איך וויל איהם מעהר ניט שטערען, ווייל א לענגערער געשפּרעך קאָן זיין שעדליך פאַר זיין געזונט. ער האָט שטום א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און מיר דערלאַנגט די האַנד צום אָפּשיד, וואָס ער האָט פריהער קיינמאָל ניט געהאַט געטאָן.

עטליכע וואָכען שפּעטער איז דעם אַלטען'ס צושטאַנד שוין געווען אַזוי פאַרבעסערט, אַז ער האָט שוין געקאָנט געהן שפּאַצירען אויף דער טעראַסע, זיך אָנשפּאַרענדיג אָן דעם אָרם פון דער קראַנקען־שוועסטער. ער פלעגט אויך ווידער עפּטער קומען אין לאַגער, א קוק טאָן וואָס עס טוט זיך, און איז די גאַנצע צייט געווען אויסערגעוועהנליך מילד. די שווערע קראַנקהייט האָט איהם ווי אומגעוואַנדעלט. אָבער דאָס האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. קוים האָט ער זיך נאָר דערפילט אין גאַנצען ערהוילט, האָט זיך צו איהם צוריקגעקערט זיין אַלטע נאַטור. ער האָט ווידער אָנגעהויבען פלוכען און ליאַרעמען ווי א משוגענער און מען האָט איהם זעלטען געקאָנט צופרידענשטעלען. אַזוי זאָנדערבאַר איז די מענשליכע נאַטור.

אַרום יענער צייט איז מיין „שטעקבריעף" דורך א צופאַל אַריינגעפאַלען צו מיר אין די הענט. אַזוי אָפט ווי די פּאָליציי האָט נאָר אַרעסטירט א דייטש און איהם איבערגעגעבען אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער, פלעגט דער קאָמאַנדיר פון'ם לאַגער גלייכצייטיג קריגען פון דער לאָקאַלער פּאָליציי א באַזונדער דאָקומענט, וואָס האָט ענטהאַלטען א מעהר אָדער ווייניגער פולקאָמענע באַצייכענונג פון'ם אַרעסטירטען. אין דעם דאָזיגען דאָקומענט, וואָס

האָט געטראָגען די אויפשריפט „מעטראָפּאָליטאַן פּאָליס, פּוירסאָנעל פּאַרטיקולארס אָף ע פּריזאָנער אָף וואָר", זיינען געווען צעהן פּונקטען, וועלכע זיינען אויסגעפילט געוואָרן פון דער פּאָליציי פאר אינפאָרמאציע פון די מיליטער־באאמטע: 1. נומער פון׳ם אינטערנירטען אין דעם אויסלענדער־רעגיסטער פון דער פּאָליציי; 2. פאמיליען־נאָמען; 3. פאָר־נאָמען; 4. נאַציאָנאַליטעט און געבורטס־אָרט; 5. וואוינונג; 6. באשעפטיגונג; 7. אויב פארהייראט און צאָהל פון די קינדער; 8. אויב אָרים; 9. ווי לאנג אין ענגלאנד; 10. אורזאך פון דער אינטערנירונג.

מיין „שטעקבריעף" האָט געהאט דעם נומער 5627 און געטראָגען דעם שטעמפּעל פון דער לאָקאל־פּאָליציי פון לעמאן סטריט. ביי פּונקט 10, וואו עס זיינען געווען אָנגעגעבען די גרינדען פון דער אינטערנירונג, זיינען געשטאַנען פאָלגענדע ווערטער:

He has no naval or military service, but is of an age when liable for service in the enemy's forces, and is considered as one likely to engage in acts inimical to this country."

(ער האָט, אמת, ניט געדינט ניט אין דער ארמיי און ניט אין דעם פלאָט, אָבער ער געפינט זיך אין אַן עלטער, ווען ער איז פארפליכטעט צו דינען אין דער ארמיי פון׳ם שונא, און ער ווערט באטראכט אלס איינער, וועלכער איז ווארשיינליך געניינט דערצו זיך צו באטייליגען אין פיינדליכע האנדלונגען געגען דעם דאָזיגען לאנד.)

גע׳חתמ׳עט איז אָט דער דאָקומענט געווען פון דזש. בילינגס, סופּעראינטענדענט, און ב. טהאמסאן, אסיסטענט קאָמישיאָנער.

עס לוינט זיך ניט צו פארלירען קיין וואָרט איבער דער נאריִשער באגרינדונג פון מיין אינטערנירונג, וועלכע קאָן ניט פארבלענדען די אויגען און פארדעקען די טיפערע אורזאכען. צי ס׳איז אויסער דעם דאָזיגען דאָקומענט פון דער לאָקאל־פּאָליציי אויך

געווען איינער דירעקט פון סקאָטלאַנד יארד, האָב איך ליידער ניט געקאָנט דערגעהן.

ווי אזוי איז אָט דער דאָקומענט אריינגעפאלען צו מיר אין די הענט? זעהר איינפאַך: דער צענזאָר וו. האָט, ווייזט אויס, נייטיג געהאט זיך איינצוקוקען אין דעם פּאָליציי־באריכט איבער מיין פּערזאָן. ער איז אָבער דערמיט ארומגעגאנגען אזוי אומפאָר־זיכטיג, אז דער דאָקומענט איז אריינגעפאלען צווישען אלטע פּאפּי־רען, וואו איינער פון מיינע מיטגעפאנגענע האָט עס געפונען און עס מיר געגעבען אלס מתנה.

דעם 15טען מערץ האָבען די אונגארען אין׳ם לאגער געהאט בדעה צו פייערן זייער אַזוי־גערופענעם אומאָפּהענגיגקייטס־יום טוב. מען האָט זיך געקליבען צו אראנזשירען א מוזיקאלישען אָוועגט, אין וועלכען די הערן לאָראנט, רעשאָווסקי, זסאָלט און אנדערע האָבען זיך געזאָלט באטייליגען. די אונטערנעמונג האָט געזאָלט פּאַרקומען אין דעם שול־זאל פון׳ם באטאליאָן „סי“, און מען האָט דערצו איינגעלאדען אלע אונגארען און א פּאָר דייטשע געסט. ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט האָט זיך דער פעסט־קאָמיטעט גע־ווענדעט צו מיר מיט דער ביטע, איך זאָל אין דעם אָווענט האלטען א קורצע רעדע איבער די מערץ־געשעהענישען פון׳ם יאָהר 1848 אין אונגארן און עסטרייך. כ׳האָב זיך ערקלערט גרייט נאָכצוקומען דעם דאָזיגען וואונש, אבער איך האָב גלייך באמערקט, אז מיין אויפפאסונג פון די דאמאָלסדיגע געשעהענישען איז בעצם אנדערש ווי די געוועהנליכע, אָנגענומענע באשרייבונגען. דערויף האָט מען מיר געענטפערט, אז מען האָט עס גאָר אנדערש ניט ערוואַרט, און אז עס איז גאנץ זעלבסטפאַרשטענדליך, אז איך קאָן נאָר אויסדריי־קען מיין פּערזענליכע איבערצייגונג.

אָבער ווען די „עכטע דייטשען“ אין באטאליאָן „סי“ האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם פּלאן פון די אונגארען, זיינען זיי גע־ווארען שרעקליך אויפגעבראַכט. א פאַרהערליכונג פון די רעוואָ־לוציאָנערע געשעהענישען פון׳ם יאָהר 1848, דאָס איז געווען מעהר, איידער א פּאטריאָטיש הארץ האָט געקאָנט פארטראָגען. אָבער

גאַנץ באזונדער האָט עס די העררן געקרענקט, וואָס מען האָט דווקא מיך איינגעלאדען צו האלטען די פעסט־רעדע, און דערצו נאָך אין זייער באַטאַליאָן, וואו מען האָט ביז אהער ניט געדולדעט קיין אנדער מיינונג, ווי די, וועלכע הערר בוראנדט און זיין קרייז האָבען אָנערקענט אלס די איינציגע אמת׳ע. וואָס זשע איז דאָ געווען צו טאָן? ווי ס׳איז ביז אהער שטענדיג צוגעגאַנגען אין אזעלכע פאלען, האָבען די דייטשע העלדען, וועלכע האָבען געהאסט ענגלאנד אויס פרינציפּ און געמאכט זייער אומזיניג „גאָט שטראָף ענגלאנד!“ פאר א מאָרגען און אָוועט־געבעט, אויך דאָס מאָל זיך ניט געקאָנט קיין אנדער עצה געבען, ווי זיך צו ווענדען צו דעם ענגלישען קאָמאנדיר נאָך הילף.

דער קאָמאנדיר, פאר וועמען מען האָט די זאך אזוי פאָרגעשטעלט, ווי דער יום טוב פון די אונגארען וואָלט געקאָנט פיהרען צו גרויסע שטערונגען אין׳ם לאגער, האָט נאטירליך גיט געוואָלט, אז דער אינערליכער פרידען זאָל געשטערט ווערן. ער האָט דערום געשיקט רופען דעם קאָמיטעט פון די אונגארען און געבעטען די מענשען, אז זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון זייער פייערונג צוליעב די אינטערעסען פון שלום אין לאגער. דער קאָמיטעט האָט ערפילט דעם דאָזיגען וואונש. אָבער קוים האָט זיך די ידיעה וועגען אָט דער נייער הינטערליסטיגער שטוקע פון דער פּאַטריאָטישער קליקע פארשפּרייט אין די באַטאַליאָנען, האָט אָפּגעקלונגען אזא געשריי פון צאָרן דורך דעם גאנצען לאגער, אז עס איז די העררן געוואָרן ביטער אויף׳ן הארצען, און זיי האָבען גלייך געפּרואווט מאכען פארהאנדלונגען מיט דעם פעסט־קאָמיטעט. זיי האָבען ערקלערט, אז זיי ווילען ניט שטעהן אין וועג און שטערן די פייערונג, הגם עס שיינט זיי, אז די צייט איז ניט אָנגעמאָסטען דערצו ארויסצורופען די רעוואָלוציאָנערע ערינערונגען פון׳ם יאָהר 1848. יעדענפאלס האָבען זיי ערווארטעט פון דער לאָיאליטעט פון די אונגארען, אז זיי וועלען ניט ארויסשטעלען אן אויסגעשפּראָכענעם רעוואָלוציאָנער און אנארכיסט צו האלטען די פעסט־רעדע. אָבער

די אונגארען האָבען געלאָזט וויסען די דייטשע העררן, אז זיי מוזען זיך אָפּזאָגען דערפון צו פיהרען פארהאנדלונגען מיט מענשען, וועלכע האָבען זיך אויפגעפיהרט אויף אזא ניט שענעם און היני־טערליסטיגען אופן געגען זייערע אייגענע מיטגעפאנגענע.

אָבער מיינע ענגערע פריינט און איך האָבען באשלאָסען ניט צו לאָזען די זאך אָפּלויפען אזוי רוהיג. אזוי ווי ס'איז ניט געווען פראקטיש צו בעטען ביים קאָמאנדיר די ערלויבעניש פאר א באזונ־דער פארזאמלונג אין'ם טעאַטער־זאל, ווייל אין דעם דאָזיגען פאל וואָלט איך געמוזט ערקלערען דעם צוועק דערפון, זיינען מיר גע־קומען אויף'ן געדאנק, איינצורופען אויף'ן אָווענט פון'ם 15טען מערץ אן אלגעמיינע פארזאמלונג אין דעם באַטאַליאָן „בי". דורך אפישען אין די דריי באטאליאָנען איז באקאנט געמאכט געוואָרן, אז איך וועל האלטען א פאָרטראג איבער דעם רוסישען שריפט־שטעלער מאקסים גאָרקי. יעדער איינער האָט פונדעסטוועגען גע־וואוסט, אז די טעמא איז דאָ בלויז לפנים און אז אין דערווירק־ליכקייט וועט דאָרט גערעדט ווערן איבער גאנץ אנדערע זאכען.

דעם 15טען מערץ אין אָווענט האָט זיך אין'ם באטאליאָן „בי" פארזאמעלט א ריזיגע מענשען־מאסע. א האלבער לאגער איז גע־ווען אויף די פיס. דער גאנצער פלאץ פון'ם אָרקעסטער ארום דעם גרויסען אָרגעל אין „בי" איז געווען געדיכט באזעצט, און איבעראל אין זאל, אין די דורכגענג, צווישען די בעטלעך האָט זיך די מאסע צוזאמענגעשפארט. ווען איך האָב פונקט זעקס אזייגער פארנומען מיין פלאץ אויף דער רעדנער־ביהנע, איז אין זאל געוואָרן טויט־שטיל. איך האָב קודם כל ערקלערט די פארזאמעלטע, אז איך האָב זעלבסטפארשטענדליך ניט בדעה צו ריידען היינט איבער מאק־סים גאָרקי, נאָר אז איך וועל זיך אין מיינע באטראכטונגען אָפּ־שטעלען אויף די רעוואָלוציאָנערע געשעהענישען פון די יאָהרען 1848־1849 אין עסטרייך און אונגארן. נאָר איידער איך בין ארי־בער צו דער טעמא, האָב איך זיך א צוואנציג מינוט צייט באשעפ־טיגט מיט דער אומערהערטער אויפפיהרונג פון די העררן אין „סי",

וועמעס בלינדער האַס און קלײנליכע דומהייט האָט שוין מעהר ווי אײנמאָל אַרײנגעבראַכט דעם גאַנצען לאַגער אין אַ צאָרנדיגער אויפרעגונג. איך האָב די הערךן גאָרנישט געשאָנעוועט, און די ברויזענדע אַפּלאָדיסמענטען פון דער פאַרזאַמלונג, וועלכע האָבען באַגלײט די אַגרעסיווסטע טײלען פון מײנע אויספיהרונגען, זײנען געווען אַ צײכען, אַז איך האָב אַרויסגערעדט דאָס וואָס איז געלעגען בײ דער גרויסער מעהרהײט פון מײנע מיטגעפאַנגענע אויף'ן האַרצען.

איך האָב געשלאָסען מײן אַנגריף מיט די ווערטער:

„קײנער זאָל ניט געצוואונגען ווערן אַנטײל צו נעמען אין פאַרזאַמלונגען און אונטערנעמונגען, וועלכע זײנען געגען זײן איבער־צײגונג און זײנע אַנזיכטען. אָבער קײנער האָט ניט קײן רעכט צו שטערן דעם פרײען אויסדרוק פון אַן אַנדערן'ס איבערצײגונג. אָט דער פּרינציפּ פון געגענזײטיגער טאָלעראַנץ איז די אײנציגע גרונדלאַגע, וואָס מאַכט דאָס לעבען דאָ אײניגערמאַסען ערטרעגליך. אָט צוליעב דעם וועלען מיר מעהר ניט דולדען, אַז אַ קלײנע צאָהל פון באַשרענקטע חברה־לײט און גײסטיגע נולען זאָלען אונז אומ־אויפהערליך זאָגען דעות. צופיעל אומפאַרשעמטקײט פאַלט אונז צו לאַסט, און מיר וועלען ווײזען די הערךן, אַז מיר פאַרשטעהען ווי זיך צו וועהרען געגען זײ!" — דאָ האָט זיך אויפגעהויבען פון אַלע זײטען אַ שטורמדיגער בײפאַל, וועלכער האָט ניט געוואָלט אויפהערן פאַר עטליכע מינוטען לאַנג.

אונטער דער שטילסטער אויפמערקזאַמקײט פון דער פאַרזאַמ־לונג האָב איך דערנאָך גערעדט איבער די געשעהענישען פון'ם פאַר־ריקטען יאָהר אין עסטרײך און אונגאַרן. ווען איך וואָלט, ווי עס איז אין אָנפאַנג געפּלאַנט געוואָרן, בלויז געהאַלטען אַ קורצע רעדע אין'ם קלײנעם קרײז פון די אונגאַרען, וואָלט איך זיכער ניט גערעדט לענגער ווי העכסטענס אַ פערטעל שעה. אַצונד אָבער האָב איך זיך ניט באַדאַרפט באַגרעניצען און איך האָב געקאָנט טיפער אַרײנדרינגען אין די דאַמאָלסדיגע פּאַסירונגען. דערבײ

האָב איך נאַטירליך אויך געהאט די געלעגענהייט, אריינצופיהרען די געשעהענישען פון דער געגענוואָרט אין דעם קרייז פון מיינע באַטראַכטונגען.

אָט די פאַרזאַמלונג האָט געווירקט ווי דער קראַך פון א באָמבע. די מענשעלעך אין „סי" האָבען גאָר ניט געוואוסט, ווי אזוי דאָס איז זיי געשעהן, און אייניגע פון זיי האָבען זיך געקרימט און געוואויעט ווי געשלאָגענע הינט. מען האָט געזוכט זיך צו פאַרענטפערן מיט אַלערליי ענטשולדיגונגען, כדי א קעהר צו טאָן די עפּענטליכע מיינונג אין לאַגער, אבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען. אין „סי" גופא, וואו אונזער קאמעראד ווירץ האָט באזונדערס געווירקט, האָבען זיך די פּרייהייטליכע עלעמענטען צוזאמענגענומען, כדי איינמאָל פאַר אלע מאָל צו מאכען א סוף צו דער אפּיקון'שאַפט און דער טעראָריזירונג פון די דייטשע העלדען, ארויסנעמען ביי זיי דעם ווינט פון די זעגלען. אין אלע דריי באטאליאָנען האָט צירקולירט א פּעטיציע צו דעם קאָמאנדיר, אין וועלכער ס'איז אויפגעהויבען געוואָרן א שאַרפער פּראָטעסט געגען די אומפאַראנטוואָרטליכע מעשים פון א קליינער מינדערהייט, וועלכע האָט געהאט די חוצפה ביי יעדער געלעגענהייט צו שפּילען די ראָלע פון פאַרמיטלער ביי דער ענגלישער מיליטער־פאַרוואלטונג, כדי אויסצואיבען איהר איינפלוס אויף אינערליכע אנגעלעגענהייטען, אין וועלכע נאָר די געפאַנגענע זיינען געווען פאַראינטערעסירט. אָט די פּעטיציע איז גע'חתמ'עט געוואָרן פון דער גרעסטער מעהרהייט פון מיינע מיטגעפאַנגענע אין גאַנצען לאַגער. זאָגאַר אין באטאליאָן „סי", וואו מען האָט ניט אויסגעלאָזט קיין שום מיטעל צו שטערן די צירקולירונג פון דער פּעטיציע, האָט זי פון קאָרגע זיבען הונדערט באוואוינער געקריגען דריי הונדערט איין און זעכציג אונטערשריפטען.

נאָך אמאָל האָבען די פּאטריאָטען אין „סי" זיך געפּרואווט אָנפיהרען געגען אונז אן אינטריגע, וועגען וועלכער עס וועט שפּעטער נאָך זיין די רייד, אָבער זיי האָבען שוין ביי דעם פאַרזוך אין

זייער אייגענעם באַטאַליאָן געכאַפּט אַזאַ אָפּשניט, אַז זיי האָבען ענדליך אויפגעגעבען אונז צו לעגען שטיינער אין וועג און ארויפ־צוצווינגען זייער דיקטאַטור אויף'ן לאַגער.

אין פאַרלויף פון אונזער זיין דאָ פלעגט עס אָפט פּאַרקומען, אַז דער איינער אָדער דער אַנדערער פון אונזערע מיטגעפאַנגענע האָט פּלוצלינג געקריגען אַ באַפעהל איינצופּאַקען זיינע זאַכען, און אין דער באַגלייטונג פון אַ סאָלדאַט פלעגט ער אָפּגעשיקט ווערן נאָך דער „אייל־אָף־מען". אַזעלכע איינצעלנע טראַנספּאָרטען זיינען נאַטירליך געווען קאָסטבאַר און פלעגען פּאַרקומען כמעט שטענדיג אויף אַ באַזונדער באַפעהל פון'ם „וואָר אָפּיס". אַזעלכע באַפעהלען האָט מען, פאַרשטעהט זיך, ארויסגעגעבען בלויז אין באַזונדערע פאַלען. אַזוי איז עס געשעהן, אַז אַ געבווירענער טראַנס־וואַלער, וועמען מען האָט אינטערנירט צוליעב זיין דייטשער אָפּ־שטאַמונג, איז פּלוצלינג טראַנספּאָרטירט געוואָרן נאָך דער „אייל־אָף־מען". ווי ס'האָט זיך באַלד נאָכדעם ארויסגעשטעלט, איז דאָס געשעהן בלויז דערפאַר, ווייל דער באַטרעפענדער האָט געזאָלט קריגען דעם באַזוך פון פיליפּ סנאָודען, דעם פינאַנץ־מיניסטער פון דער שפּעטערדיגער „ארבייטער־רעגירונג" אין ענגלאַנד. אַזוי ווי דער „וואָר אָפּיס" איז קענטיג געווען פאַראינטערעסירט, אַז סנאָו־דען זאָל דעם מאַן ניט זעהן, האָט מען איהם איינפאַך פאַרשיקט אויף דער „אייל־אָף־מען".

אַזעלכע פאַלען זיינען פאָרגעקומען מעהר ווי איינמאָל. אָבער עס זיינען אויך געווען אַנדערע פאַלען, ווען דער קריגס־מיניסטע־ריום האָט זיך געמישט אין זאַכען, וועגען וועלכע מען האָט אייגענט־ליך געדאַרפט אָננעמען, אַז זיי זיינען געלעגען אויסער דער ספּערע פון זיינע אינטערעסען. אַזוי איז אַ געוויסער מאַן מיט'ן נאָמען העקער פּלוצלינג אויף אַ באַפעהל פון'ם „וואָר אָפּיס" פאַרשיקט געוואָרן פון אונזער לאַגער אויף דעם טרויעריג באַרימטען אינזעל. דערפאַר ווייל ער איז געווען פאַרליבט מיט אַן ענגליש מיידעל. באַאיינפלוסט דורך דער אַלטעגליכער העצעריי אין דער געלער

פּרעסע, זיינען די עלטערען פון דער כּלה באַשטאַנען דערויף, אַז דער שידוך זאָל אָפּגעלאָזט ווערן. אָבער דאָס מיידעל איז גע־בליבען טריי איהר אויסגעוועהלטען און האָט איהם כּסדר באַזוכט. דאָ האָט דער כּלה'ס פאָטער געשריבען צום „וואַר אָפיס", און דער שטיין איז גלייך אָפּגעראַמט געוואָרן פון וועג.

אַן ענליכער שיקזאַל האָט געטראָפען דעם אונגאַרישען מוזיקער צ. אין ענגלענדער האָט — צי מיט רעכט אָדער אומרעכט, דאָס ווייס איך ניט — געהאַט אויף איהם אַ חשד, אַז זיין פרוי האָט זיך אין איהם פאַרליעבט. דער באַליידיגטער באַלעבעסעל האָט ניט געטראַכט לאַנג און אַוועקגעשיקט אַ בריעף אין „וואַר אָפיס" מיט דעם רעזולטאַט, אַז צ. איז גלייך אויף אַ באַזונדער באַפעהל טראַנספּאָרטירט געוואָרן נאָך דער "אייל־אָף־מען". דאָס וואָס דער קריגס־מיניסטעריום האָט איז אַזאַ שווערער צייט נאָך צייט געהאַט צו ווידמען אַ טייל פון זיין סטראַטעגיע אויך אויף דעם שווערען געביעט פון דער ליעבע, איז יעדענפאַלס אַ טאַטזאַך, וואָס האָט זיך איהר געוויסען רייץ.

אונזער באַטאַליאָן האָט זיך אין די ערשטע מאָנאַטען פון'ם נייעם יאָהר געפונען אין אַ שטענדיגען אינערליכען קריזיס, וועל־כער איז אַלץ מעהר און מעהר געוואַקסען. דער באַטאַליאָן־פיהרער איז אין גאַנצען אריינגעפאַלען אין אומ'חן ביי די געפאַנגענע און ער האָט ניט געוואוסט וואו ער האַלט אין דער וועלט. טיילוויז איז אין דעם שולדיג געוועזן די פאַרקלענערונג פון די פּאָרציעס וואָס מען האָט איינגעפיהרט, און געגען וועלכער טרעפּטע האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן, ווייל דאָס איז דורכגעפיהרט געוואָרן אויף אַ באַזונדער באַפעהל פון'ם „וואַר אָפיס". אָבער טיילווייז האָט ער אויפגעבראַכט די מענשען געגען זיך דורך אַלערליי אומבאַרעכענ־טע שריט, ווייל ער האָט צו שטאַרק נאָכגעגעבען דעם צענזאָר וו. אין יאַנואַר און פעברואַר איז עס שוין געקומען צו אַ גרויסען שטורם אין'ם באַטאַליאָן, אַזוי אַז טרעפּטע'ס מפּלה האָט שוין דאַמאָלס אויסגעזעהן אומפאַרמיידליך. אַזוי ווי ער האָט זיך אין

ביידע פאַלען באַראַטען מיט מיר, האָב איך איהם אָפען געזאָגט, וואָס עס מוז לויט מיין מיינונג געטאָן ווערן, אום איינצוהאַלטען די שטימונג, וועלכע האָט זיך געגען איהם ענטוויקעלט. ער האָט דאָס אויך איינגעזעהן און האָט פאַרשפּראָכען צו טאָן אַלץ וואָס ער וועט נאָר קאָנען. דורך מיין אַריינמישונג האָט זיך אויך איינגעגעבען נאָך אַמאָל אָפּצושטעלען די אַלגעמיינע אומצופרידענקייט. אָבער יעדער איינער האָט געקאָנט פיהלען, אַז די זאַך וועט מעהר ניט קאָנען לאַנג אָנהאַלטען.

אין מערץ האָט דער אינערליכער קריזיס ווידער אָנגענומען גאַנץ ערנסטע פאָרמען. עטליכע באַזונדערס עקסטרעם געשטימטע לייט האָבען זיך געווענדעט דירעקט צו טרעפּטע'ן און געפאָדערט פון איהם, אַז ער זאָל זיך צוריקציהען פון זיין פּאָסטען, אויב ניט וועט מען איהם צווינגען דערצו. דעם 17טען מערץ איז עס ענדליך געקומען צו דער קאַטאַסטראָפע. טרעפּטע האָט סוף כל סוף אַליין געמוזט איינזעהן, אַז עס קאָן מעהר קיין רייד ניט זיין וועגען פיהרען ווייטער די געשעפטען דורך זיין פּערזאָן, און ער האָט געבעטען דעם קאָמאַנדיר ער זאָל איהם אָפּלאָזען. דער אַלטער, וועלכער איז אָהן צווייפעל געווען אינפאָרמירט איבער דעם וואָס איז אָנגעגאַנגען אין'ם באַטאַליאָן, האָט זיך ניט געשטעלט געגען דעם דאָזיגען פאַרלאַנג און אָנגענומען טרעפּטע'ס רעזיגנאַציע.

כ'האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס מאָל וועל איך זיך שוין מעהר ניט קאָנען שטעלען געגען דעם אַלגעמיינעם דרינגענדען פאַרלאַנג פון מיינע מיטגעפאַנגענע. און ווירקליך, די זאַכען האָבען ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען אויף זיך. קוים האָט זיך נאָר אין באַטאַליאָן פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז טרעפּטע האָט זיך צוריקגעצויגען, האָט מען זיך געווענדעט צו מיר פון אַלע זייטען און מיך געבעטען אָנצונעמען דעם פּאָסטען. אויך די קאָמפּאַניע־פיהרער, וועלכע האָבען זיך באַלד נאָך טרעפּטע'ס רעזיגנאַציע פאַרזאַמעלט צו א באַראַטונג, זיינען געווען איינשטימיג מיט דער מיינונג, אַז איך טאָר מעהר ניט צוריקווייזען דעם אַלגעמיינעם וואונש

פון׳ם באַטאַליאָן. דאָס האָב איך אויך איינגעזעהן. און אזוי ווי איך האָב קיין ברירה ניט געהאט און עס געמוזט טאָן, האָב איך זיך אויך ניט געלאָזט לאַנג בעטען און זיך ערקלערט גרייט איבער־צונעמען די פיהרונג, בתנאי, אז די גרויסע מעהרהייט פון׳ם באַ־טאַליאָן זאָל דערמיט זיין איינפארשטאַנען.

די וואהל איז פאָרגעקומען נאָך דעם זעלבען טאָג און האָט זיך געענדיגט דערמיט וואָס איך בין אויסגעקליבען געוואָרן אלס באַטאַליאָן־פיהרער מיט 893 געגען 87 שטימען. 13 געפאנגענע האָבען זיך צוריקגעהאלטען פון שטימען. דער רעזולטאַט פון דער וואהל איז איבעראל באגריסט געוואָרן מיט א שטורמישער פרייד, און איך בין יעדענפאלס געווען דער איינציגער אין גאנצען באַטאַ־ליאָן, וועמען ס׳איז אבסאָלוט ניט געווען פרעהליך אויף׳ן הארצען. איך האָב ניט בלויז געפיהלט די גאנצע שווערע פאראנטוואָרטליכ־קייט, וואָס איך האָב איבערגענומען צוזאמען מיט דעם דאָזיגען פאָסטען, כ׳האָב אויך געוואוסט, אז דורך די כסדר׳דיגע פארקלע־נערונג פון די פאָרציעס, וועלכע איז איינגעפיהרט געוואָרן זינט דער לעצטער צייט, וועט די אלגעמיינע לאגע אלץ שווערער ווערן און וועט מוזען פיהרען צו פארשידענארטיגע פארוויקלונגען. ס׳איז מיר דערפאר ניט געווען באזונדערס גוט אויפ׳ן הארצען. כ׳האָב זיך פעסט פאָרגענומען צו טאָן אלצדינג וואָס וועט נאָר ליגען אין מיין קראפט, כדי צו פארלייכטערן די לאגע פון מיינע מיטגעפאנ־גענע, און פריהער פון אלץ צו האלטען מיין פערזענליכע אומאָפּ־הענגיגקייט אומפארלעצט אין מיינע פארהאנדלונגען סיי מיט דעם אלטען קאָמאנדיר, סיי מיט מיינע ליידענס־חברים. דעמאָלט בין איך איבעריגענס געווען פעסט איבערצייגט אין דעם, אז איך וועל אָט די שטעלע ניט צו לאנג קאָנען אָנהאלטען. אין דעם פרט האָב איך זיך יעדענפאלס גרינדליך גענארט, וואָרים איך בין געבליבען צוויי יאָהר צייט געבונדען דערצו און איך בין ערשט דאן באפרייט געוואָרן דערפון, ווען איך האָב געמוזט פארלאָזען דעם לאַגער און אויך ענגלאַנד.

אויף מאָרגען — ס'איז געווען דער 18טער מערץ — בין איך געגאַנגען צום קאָמאַנדיר, כדי איהם מיטצוטיילען וועגען דעם רע־זולטאַט פון דער וואהל, וואָס ער האָט שוין נאַטירליך אַליין גע־וואוסט. ער האָט מיך פריינדליך באַגריסט און מיר געוואונשען גליק צו מיין ערוועהלונג. כ'האָב איהם געדאַנקט און איהם מיט אַ שמייכעל ערקלערט, אַז איך פערזענליך קאָן די זאַך לײדער ניט באַטראַכטען אַלס גליק און אַז איך האָב זיך בלויז דורך דעם מאָראַ־לישען דרוק פון מיינע מיטגעפאַנגענע ענטשלאָסען דערצו אָנצונע־מען דעם אַמט. ס'איז קענטיג געווען, אַז מיינע ווערטער האָבען איהם געקלונגען אביסעל פרעמד, און ער האָט געזאָגט, אַז עס איז דאָך יעדענפאַלס אַ גרויסער כבוד פאַר אַ מענשען צו האָבען דעם צוטרוי פון זיינע חברים. כ'האָב איהם געענטפערט, אַז אויך איך פאַר־שטעה גאַנץ גוט ווי צו שאַצען דעם דאָזיגען צוטרוי, אָבער אַז דער פאָסטען גופא האָט פאַר מיר פערזענליך קיין שום רייץ ניט. דער־רויף האָט ער באַמערקט, אַז ניט יעדער אין מיין לאַגע וואָלט אַזוי געדענקט ווי איך.

דאָן האָט ער אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז איך וועל איהם העלפען נאָכקומען זיינע שווערע פליכטען און מעגליך מאַכען, אַז מיר זאָלען אַרבייטען האַרמאָניש צוזאַמען. איך האָב געענטפערט, אַז עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אויך מיין וואונש צו אַרבייטען מיט איהם אין גוטער איינפאַרשטענדעניש, אָבער אַז דערצו איז מיר נאָך נייטיגער זיין אַנטקעגען־קומען, ווי איהם דאָס מיי־ניגע. און אַזוי ווי איך האָב געוואוסט, אַז ער האָט מיין פאַר־געננגער אָפט גאַרנישט געוואָלט אויסהערען, ווען ער האָט געהאַט בדעה איהם עפּעס פאַרצוברענגען, האָב איך דאָ גלייך אויסגענוצט די געלעגענהייט און איהם געזאָגט:

„אַלס פאַרטרעטער פון מיין באַטאַליאָן מוז איך, פאַרשטעהט זיך, פריהער פון אַלץ זיך אַננעמען פאַר די אינטערעסען פון מיינע מיטגעפאַנגענע. אָבער איהר וועט מיך שטענדיג געפינען באַרייט זיך מיט אייך געמיינשאַפטליך צו באַראַטען און צו לייזען אַלע

פראגען און נויטווענדיגקייטען, וועלכע ווען זיך ווארשיינליך מאַכען אין פארלויף פון דער צייט. דערצו איז נייטיג, אז איהר זאָלט מיך אויסהערען. איך זאָג אייך צו, אז איך וועל אייך ניט באַלעסטיגען מיט נישטיגקייטען און אז איך וועל אליין מיט מיינע לײדענס־חברים איינאָרדנען אלע אינעווייניגסטע אנגעלעגענהייטען, אזוי ווייט ווי דאָס וועט ליגען אין מיין מאכט. דערפאַר אָבער דענק איך, אז איך קאָן מיט פולער באַשטימטקייט אָננעמען, אז איך וועל האָבען אייער הילף און אייער אנטקעגען־קומען אין אלע פראגען פון באדייטונג, וועלכע מיר קאָנען ניט ערליידיגען אָהן אייער באַזונדערע ערלויבעניש. ווען דאָס וואָלט ניט געווען מיין פעסטע איבערצייגונג, וואָלט דאָך עס גאָר קיין צוועק ניט געהאַט פאַר מיר אָנצופאַנגען די ארבייט".

כ'האָב גערעדט גאַנץ אָפּענהארציג צו איהם, אזוי אז ער האָט אומבאַדינגט געמוזט פיהלען, אז איך האָב דערביי ניט קיין שום הינטער־געדאַנק. און ער האָט עס אויך געפיהלט, וואָרים ער האָט זיך געלאָזט הינרייסען צו אזא אָפּענהארציגקייט, וועלכע האָט מיך זעהר שטאַרק איבעראַשט. ער האָט מיר נעמליך גאַנץ פריי און אָפען דערצעהלט, אז אזוי גיך ווי ער האָט זיך געכטען דערוואוסט וועגען דעם רעזולטאַט פון דער וואַהל אין אונזער באַטאַליאָן, האָט ער זיך נאָך א לאַנגען ישוב הדעת ענטשלאָסען אָנצופרעגען ביי דער פּאָליטישער פּאָליציי אין סקאָטלאַנד יארד און קריגען נעהנטערע אינפאָרמאציע וועגען מיין פּערזאָן. ער האָט מיר ערקלערט, אז דאָס איז געוויינליך ניט זיין שטייגער אזוי צו טאָן, אָבער צוליעב מיין גייסטיגער טעטיגקייט האָט ער זיך אלס קאָמאַנדיר פון'ם לאַגער געפונען פארפליכטעט צו פאָדערן אזא אויסקונפט, כדי צו קאָנען באַצייטענס פאַרמיידען מעגליכע שלעכטע קאָנזעקווענצען.

ער האָט געשוויגען א ווייַלע, דערנאָך האָט ער ווייטער געזאָגט:

„אויף מיין טעלעפאָנישער אָנפראַגע האָט מען מיר געענטפערט: „ראָקער איז זינט לאַנגע יאָהרען איינער פון די טעטיגסטע אנארכיסטען אין ענגלאַנד, אָבער געגען זיין פּערזענליכער עהרענ־

האפטיגקייט איז גאָר ניטאָ וואָס איינצואווענדען". דאָס איז אלץ וואָס איך האָב געוואָלט וויסען. איבער אייערע פּאָליטישע אנשוי־אונגען בארף איך ניט אָפּגעבען קיין אורטייל. די פּערזענליכע עהרליכקייט פון א מאן איז פאר מיר גענוג".

כ'האָב שוין געהאט בדעה איהם צו זאָגען, אז די פּאָליציי איז לויט מיין מיינונג די ערגסטע אינסטיטוציע, ביי וועלכער מען קאָן אין אזעלכע זאכען קריגען אן אורטייל. אָבער איך האָב זיך באַ־צייטענס בארעכענט און געשוויגען. וואָס פאר א צוועק וואָלט עס דען געהאַט? דער אלטער איז ביז אהער אודאי געווען מיט דער מיינונג, אז אן אנארכיסט שטעלט מיט זיך פאָר וואָס פאר עס איז באזונדער מין פון'ם פארברעכערטום. דערפאר ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען מיין וואהל, האָט ער געפונען פאר ראַטזאַם זיך אָנצופרעגען וועגען מיר ביי די פּאָליציי, ווייל ער האָט קענטיג מורא געהאַט, אז איך קאָן איהם נאָך צובונטעווען דעם גאנצען לאגער. ווען ער האָט געקריגען דעם ענטפער, אז איך בין ניט קיין פארברעכער, האָט ער מיך ווארשיינליך געהאלטען פאר אביסעל א צודרעהטען, אבער מיין „ספלין" האָט איהם ווייניג וואָס געקימערט, אזוי לאנג ווי ער האָט פון מיר ניט געהאט צו ערווארטען קיין „פארברעכערישע האנדלונגען".

דערמיט האָט זיך געענדיגט אונזער ערשטע אונטעררעדונג, און איך האָב זיך אצונד געקאָנט נעמען צו דער ארבייט, וועלכע איז, אמת, ניט אימער געווען לייכט, אבער האָט אויך ניט געזאָלט זיין אין גאנצען אומניצליך.

קאַפּיטעל 16

משוגעים אין לאַגער

קיבען־פּאָליטיק — די לעצטע פּראָבע אין „סי“ — די דאַנקבאַרע אונ־גארען — די באַטאַליאָן־פיהרער — די ענלישע וואַכען צוריקגעצוי־גען — מאַלאַטעסטאַ'ס באַזוך — צושטענדען אין שפּיטאָל — דער קאַמף וועגען דער „קאַנטין“ — דער פאַל פּאַדערטאַ — 206 פּריסטער און מאָנאַכען אין'ם לאַגער — פּאָטער געבהאַרדט — דער אָפּשיד פון די „אַמוניציע־ארביטער“ — דעבאַטע אין ענגלישען פּאַרלאַמענט—מאכנער'ס זעלבסטמאָרד אין שפּיטאָל.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון'ם קאָמאנדיר אין באַטאַליאָן, האָב איך צוזאַמענגערופען די קאָמפּאַניע־פיהרער צו א באַזונדער באַראַטונג און איך האָב זיי געלאָזט וויסען, אז דער אלטער האָט באַשטעטיגט מיין וואַהל. דערנאָך האָב איך זיי ערקלערט, אז לויט מיין מיינונג איז אומבאַדינגט נייטיג צו מאַכען געוויסע ענדערונ־גען אין דער אינערליכער פּאַרוואלטונג, אָבער דערצו וועלען מיר זיך ערשט קאָנען נעמען, נאָכדעם ווי עס וועלען פריהער פאַרקומען נייע וואַהלען פאַר די קאַפּיטאַנען. די מעהרסטע זיינען גלייך גע־ווען איינפאַרשטאַנען דערמיט, נאַר עטליכע פון זיי האָבען זיך ניט געקאָנט באַגייסטערן פאַר דער זאַך, מחמת זיי זיינען ניט געווען אין גאַנצען זיכער, אז זיי האָבען דעם צוטרוי פון זייערע לייט. איך האָב זיי גאָרנישט געקאָנט העלפען, ווייל עס איז מיר קודם כל גע־גאַנגען אין דעם, אז אלע אָרגאַנען פון דער אינערליכער פאַרוואל־טונג זאָלען געטראָגען ווערן פון דעם צוטרוי פון זייערע מיטגעפאַנ־גענע, וואָרים נאָר אויף אזא'ן אופן איז מעגליך געווען א רעאָרגאַ־

ניזאַציע, וועלכע זאָל אויסשליסליך האָבען אין אויג די אינטערעסען פון׳ם כלל, פון דעם גאנצען באַטאַליאָן. ביי די וואהלען, וועלכע זיינען נאָך פארגעקומען דעם זעלביגען טאָג, זיינען כמעט אלע אלטע קאַפּיטאַנען ווידער ערוועהלט געוואָרן; בלויז אין צוויי אדער דריי קאָמפּאניעס האָט מען זיך ענטשלאָסען צו ערוועהלען נייע פאַר־טרעטער.

ביי א צווייטער פארזאמלונג פון די קאַפּיטאַנען האָב איך אלזא ענטוויקעלט אין קורצע ווערטער די ריכט־ליניעס, וועלכע מוזען לויט מיין מיינונג געהאַלטען ווערן אין אויג, כדי אונטער די גענע־בענע פארהעלטענישען צו ציהען די גרעסטע נוצען פאר דער אלגע־מיינהייט. פריהער פון אלץ איז עס מיר געגאַנגען אין דעם, אז אלע אינערליכע אָנגעלעגענהייטען פון׳ם באַטאַליאָן זאָלען צווישען אונז אליין איינגעאָרדענט ווערן און מיט דער ענגלישער מיליטער־פאַר־וואַלטונג זאָל מען זיך באַראַטען בלויז אין אזעלכע זאַכען, וואו עס אין קיין אנדער ברירה ניטאָ. מחמת דעם האָב איך געפאָדערט פון די קאַפּיטאַנען, אז די אלטע מעטאָדען פון איינצעלנע קאָמפּאניע־פיהרער, וועלכע פלעגען מעלדען דעם קאָמאנדיר וועגען געפאַנגענע וואָס האָבען זיך פארזינדיגט געגען דער אָרדנונג פון׳ם לאגער א. א. וו., מוזען איינמאָל פאר אלע מאָל אויפהערען, און איך האָב זיך אָנגעבאָטען, אז דאָרט, וואו עס וועלען אין דער דאָזיגער באַציהונג פאָרקומען שוועריגקייטען, וועל איך אליין איבערנעמען די פאַרמיט־לונג.

די ערשטע פראַגע, וואָס האָט אונז באַשעפטיגט איז, פאַר־שטעהט זיך, געוועזען וועגען די ערנערונגס־פארהעלטענישען אין לאַגער, וועלכע זיינען אין משך פון די לעצטע זעקס חדשים געוואָרן אלץ ערגער און ערגער. ס׳איז אמת, אז מיר האָבען אין דעם דאָזיגען פּרט ווינציג וואָס געקאָנט ענדערן, מחמת די פּאַרציעס זיינען באַשטימט געוואָרן פון דער ענגלישער רעגירונג, און זאָגאר דער קאָמאנדיר אליין האָט אונז מיט דעם בעסטען ווילען ניט געקאָנט העלפען. אלץ וואָס מיר האָבען דא געקאָנט טאָן איז געווען, זיך צו ווענדען צו דעם אמעריקאַנישען אמבאַסאַדאָר, וועל־

כער האָט דעמאָלט געהאט איבערגענומען די פארטרעטונג פון די דייטשען און עסטרייכער אין ענגלאנד, און איהם בעטען, ער זאָל זיך פאר אונז אָננעמען. דאס האָבען מיר אויך געטאָן, אָהן דעם אז מיר זאָלען דערמיט — ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן — האָבען דערגרייכט דעם קלענסטען ערפאָלג. אבער אויב מיר זיינען ניט אימשטאנד געווען גרעסער צו מאכען די פּאָרציעס, וועלכע מען האָט אונז צוגעשטעלט, האָבען מיר וועניגסטענס געקאָנט זאָרגען דערפאר, אז די פּראָדוקטען, וועלכע מען האָט אונז, לויט דער פּאָרשריפט, געמוזט אָפּליפערן, זאָלען אָנקומען גאנץ, אין א פולער מאָס צו די געפאנגענע. און גראָד אין דעם פּרט איז עס אין די מעהרסטע אינטערנירונגס־לאָגערן צוגעגאנגען גאנץ שלעכט. אין אסך לאָגערן זיינען אויפגעדעקט געווארן גרויסע פאלשקייטען, און דערביי האָבען זיך אין אלע פאלען באטייליגט די אייגענע לאנדסלייט. ווי אומגלויבליך עס זאָל ניט קלינגען, לאָזט עס זיך לוידער ניט אָפּלייקענען, אז עס זיינען כמעט אין יעדען לאָגער געווען געוויסענלאָזע מענשען, וועלכע האָבען גע־פּועל'ט ביי זיך אויף אזא אדער אן אנדער אופן צו באשווינדלען זייערע אייגענע ליידענס־חברים, זיי אָפּרייסען דעם ביסען פון מויל און זיך פארשאפען פערזענליכע פּאָרטיילען אויף'ן חשבון פון'ם כלל. דאָס איז איינס פון די פינסטערסטע קאפּיטלען פון אונזער געפאנגענשאפט, און פיליכט דאָס שענדליכסטע פון אלע.

אויך ביי אונז איז ניט אלעס געווען, ווי עס האָט געזאָלט זיין, און מען האָט געמורמעלט וועגען אלערליי זאכען, וועלכע האָבען כסדר ארויסגערופען דעם מיסטרוי פון די מענשען. איך וויל צוגעבען, אז אין פיעל פאלען האָט עס זיך דאָ געהאנדעלט וועגען אומקאָנטראָלירבארע קלאנגען, וועלכע זיינען פונדעסטוועגען, ווי עס איז גאנץ אומפארמיידליך אין אזא מאסען־לאגער, פון אסך געפאנגענע אָנגענומען געווארן פאר גוט געלד און פיליכט נאָך איבערטריבען געווארן אויף'ן גרויסען שטייגער. מחמת דעם האָט מען געמוזט זעהן, אז אזעלכע קלאנגען זאָלען גאר ניט קאָנען ארויפקומען אדער — אזוי ווייט ווי זיי זיינען שוין ארומגעגאנגען

— צונעמען דעם באָדען פון אונטער זיי. אבער דאס האָט געקאָנט געשעהן בלויז דורך א שטרענגען קאָנטראָל. איך האָב דערום פאָרגעשלאָגען די לייט, אז זיי זאָלען פון זייערע אייגענע רייהען אויסקלייבען א „פוּד אינספּעקטאָר", וועמעס אויפגאבע עס זאָל זיין אליין איבערצונעמען די לעבענס-מיטלען וואָס זיינען געליפערט געוואָרן פון דער רעגירונג און אכטונג צו געבען דערויף, אז די פאָרגעשריבענע קוואנטיטעט און קוואָליטעט זאָל פּינקטליך געליפערט ווערן. כדי צו פאַרהיטען, אז ביי דעם טראנספּאָרט פון די סקלאַדען צו דער קיך זאָל ניט עפּעס ארונטערגענומען ווערן, האָט מען איינגעשאפט א ספּעציעלע וואָג, אזוי אז אין דער קיך האָבען אלע ליפערונגען נאָך אמאָל געקאָנט איבערגעוואויגען ווערן.

צום קאָנטראָל אין קיך גופא האָט מען שוין פריהער געהאט באַשטימט א באזונדערע קיך-קאָמיסיע. איהרע אויפגאבען זיינען צווישען אנדערעס געווען אויסצוהערען קלאגעס פון די געפאנגענע און פריהער פון אלץ אכטונג צו געבען, אז אין דער קיך זאָל אלץ צוגעהן ראיעל. נאָך מיין ערוועהלונג איז אָט די אינסטיטוציע געשטעלט געוואָרן אויף א ברייטערן באזיס. יעדע קאָמפּאניע האָט געשיקט א פאָרטרעטער אין דער קיך-קאָמיסיע, און די דאָזיגע פלעגען זיך יעדען טאָג בייטען אין דער אויפזיכט איבער דער קיך. אויף אזא אופן איז אונז געלונגען צו שאפען אן ערטרעגליכען צושטאנד. די געפאנגענע האָבען אצונד געוואוסט, אז זיי קריגען ווירקליך די פּאָרציעס וואָס זיינען פאר זיי באשטימט געוואָרן. אָבער פריהער פון אלץ האָט מען שטרענג אכטונג געגעבען דערויף, אז מיט דעם מאטעריאל וואָס מען האָט זיי צוגעשטעלט זאָלען די קעבער ווירקליך מאכען דאס בעסטע, וואָס איז מעגליך געווען אונטער די אומשטענדען. דאָס איז ניט געווען קיין לייכטע אויפגאבע, וואָרים מיט די זאכען, וועלכע די רעגירונג האָט אונז געליפערט, האָט מען געקאָנט האָבען ווייניג אָפּוועקסלונג. אחוץ דעם האָבען מיר ניט געקריגען קיין שום געווירצען, אויך ניט קיין פרישע גרינוואָרג, וואָס איז געווען אזוי נייטיג פאר דעם געזונט פון די געפאנגענע. דאָס אלעס האָבען מיר זיך געמוזט אליין קויפען, און

וואָס מעהר געלדער מיר האָבען פאר דעם צוועק געהאט, אלץ בעסער איז געווען אונזער עסען.

מיין ערוועהלונג צום באטאליאָן־פיהרער איז פאר די פאטריאָטען אין „סי" געווען א שווערער קלאפּ. ניט דערפאר, ווייל זיי האָבען פון מיין זייט געהאט פאר וואָס עס איז מורא צו האָבען, נאָר דער געדאנק, אז גראָד איך, וועמען זיי האָבען די גאנצע צייט אזוי שטארק באַקעמפט, האָב אצונד געזאָלט פארטרעטען דעם שטאַרקסטען באַטאַליאָן אין לאַגער, איז פאר זיי געווען אומערטרעגליך. אפשר האָבען זיי אויך מורא געהאט, אז דער איינפלוס פון „בי" קאָן זיך פון איצט אָן לאָזען שטארקער באמערקען אויך אין די צוויי אנדערע באַטאַליאָנען, אין וואָס זיי זיינען אייגענטליך גאָר ניט געווען אומגערעכט. ס'איז אמת, אז הערר בוראנדט און זיינע אָנהענגער האָבען זיך געמוזט זאָגען, אז עס איז פארפאלען, זיי האָבען דאָ גאָרנישט געקאָנט ענדערן, אבער די פּוסטע גאווה פון אָט די העררן איז געווען אזוי גרויס, אז זיי האָבען געמוזט ארויפציהען אויף זיך א נייע מפּלה, ביז זיי זיינען גרינדליך אויסגעקורירט געוואָרן. אזוי ווי זיי האָבען פון די אלע נידערלאגעס, וואָס זיי האָבען ביז אהער געהאט, גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט פארגעסען, זיינען זיי געקומען אויף דעם אומגליקליכען געדאנק, איינצורופען אין „סי"־באַטאַליאָן א קליינע פארזאמלונג פון זייערע געטרייע, און דורך א געשיקטע פּראָטעסט־רעזאָלוציע ארויפלעגען זייער „וועטאָ" געגען מיין וואהל. וואָס די גוטע לייט האָבען זיך אייגענטליך געטראכט דערביי, איז געבליבען זייער געהיימנים. קורץ און גוט, די פארזאמלונג איז פאָרגעקומען. אבער אזוי ווי די זאך איז ניט געווען קיין סוד און מען האָט וועגען דעם פריהער גערעדט, זיינען צו דער פארזאמלונג אויך געקומען א היבשע צאָהל אונגאַרען און לייט פון דעם אזויגערופענעם „רינג" אין „סי", וואו אונזער פריינד ווירץ איז געווען קאפּיטאן. אויך פון די אנדערע אָפּטיילונגען פון'ם „סי"־באַטאַליאָן זיינען געקומען א גאנץ באדייטענדע צאָהל פון מענשען, ווען די האנדלונג פון די דאָזיגע איבער־פּאַטריאָטען אין'ם לאַגער האָט שוין פון לאנג געהאט דערעסען.

הערר בוראנדט, ווען ס'האט געמוזט זיין אביסעל קאלעמוטנע אויף'ן הארצען, ווען ער האט דערזעהן, אז ניט בלויז זיינע געטרייע זיינען דא אויף'ן פלאץ, האט ערקלערט דעם צוועק פון דער פארזאמלונג. ער האט עטליכע מאל פארזיכערט די צוהערער, אז ער האט אבסאלוט גארנישט וואס איינצואווענדען געגען מיר אלס פערזאן, אדרבה, אז ער איז פעסט איבערציינגט אין דער עהרליכקייט פון מיין ווילען און אין דער לויטערקייט פון מיינע באשטרעבונגען. אבער לויט זיין מיינונג איז דאס ניט גענוג. ער איז געווען מיט דער מיינונג, אז מיר האבען א גרויסע פאראנטווארטליכקייט געגענאיבער דער דייטשער רעגירונג, און אז עס איז דערום אוממעגליך צו דערלאזען, אז אן אויסגעשפראכענער אנארכיסט זאל דא פארטרעטען עטליכע טויזענט דייטשע מענער.

נאך איהם האט וויר'ץ גענומען דאס ווארט און האט עס באצייכענט אלס אן אומפארשעמטקייט אויסער גלייכען, ווען מען נעמט זיך דא די העזה ארויסצוטרעטען געגען דער כמעט איינשטימיגער ווילענס־מאניפעסטאציע פון'ם שטארקסטען באטאליאן אין לאגער. ער האט אויסגעדריקט די מיינונג, אז מיין וואהל איז באגריסט געווארן מיט טיפער צופרידענקייט פון דער איבערוועלטיגענדער מעהרהייט פון'ם גאנצען לאגער. ער האט אויך געזאגט, אז די מעהרסטע פארזאמעלטע זיינען געווים איינוג דעריבער, אז פאר א באטאליאן־פיהרער געהט עס ניט אזוי אין דעם זיך צו בארוישען מיט פוסטע, אויסגעדראשענע פראזען, נאר גיכער אין דעם אויף אן עהרליכען אופן צו ווירקען פאר די אינטערעסען פון זיינע מיטגעפאנגענע און זיי צו פארטיידיגען מיט מענליכער ענטשלאסענקייט, ווען ער שטעהט פנים אל פנים מיט דעם קאמאנדיר. דערביי שפילען די פאליטישע אנזיכטען איבערהויפט ניט קיין ראלע, ווייל מען האט עס שוין ליידער צו אפט געזעהן ווי אזוי מענשען, וועלכע קאנען זיך קיינמאל ניט גענוג אויסצייכענען אין זייער אזויגערופענעם פאטריאטיזם, ווערן איינגעשרומפען און פארלירען דאס לשון, ווען זיי שטעהען אנטקעגען דעם קאמאנדיר און דארפען פארטיידיגען די אינטערעסען פון זייערע מיטגעפאנגענע.

איינער פון די פּאַטריאָטען, א כלומר'שטער רעזערוו־אָפּיציר, האָט מיט שטאָלץ ערקלערט, אז עס איז זיין און זיינע פריינט'ס אויפגאבע צו פּאַרהיטען זייערע מיטגעפאנגענע פון דומהייטען. דערמיט איז די מאָס געווען פּאַרפול. מען האָט דעם הערר גאַנץ גראָב ערקלערט, אז פאַר מענשען, וועלכע האָבען דורך זייער באַנע־מונג באוויזען, אז זייער גאַנץ ביז אהעריג לעבען איז געווען איין איינציגע דומהייט, פּאַסט עס גאָרנישט זיך צו זאָרגען איבער די כלומר'שטע „דומהייטען" פון אנדערע. ווען א געוויסער הערר שאַרף, וועלכער איז געווען באקאנט אין גאַנצען לאַגער אלס רוהי־גער און באַזאָנענער מאַן, האָט דערנאָך דעם הער בוראנדט געגעבען איבער'ן קאָפּ, ערקלערענדיג, אז לויט זיין מיינונג איז דאָס דורכ־אוים ניט פּאַסיג פאַר די געוואוינהייטען פון א גוטען דייטש ארוים־צופיהרען זיין פּאַטריאָטיזם אלע ווייל אין א שטופּ־וועגעלע, איז דער שיקזאל פון דער דאָזיגער פאַרזאַמלונג געווען ענטשידען. הערר בוראנדט און זיינע אָנהענגער האָבען אצונד גאַנץ גוט געפיהלט, אז זיי האָבען פאַרשפּילט זאָגאַר אין זייער אייגענעם באַטאַליאָן, און זיי האָבען שוין מעהר ניט געפּרואווט אונז לעגען שטיינער אין וועג.

איך האָב נאָך ביז אהער ניט געהאַט געמאַכט די באַקאַנט־שאַפט פון'ם לעהרער שאַרף, וועלכער איז אזוי מוטיג ארויסגע־טראָטען אויף יענער פאַרזאַמלונג. מיר האָבען זיך ערשט באַקענט אין א שטיקעל צייט ארום. אזוי אָפט ווי איך טראַכט וועגען מיין געפאַנגענשאַפט שוועבט מיר פאַר די אויגען דאָס בילד פון דעם דאָזיגען שטילען מאַן, אין וועמעס אינטעליגענטע צוגען ס'איז גע־לעגען פאַרבאָרגען אַזויפיעל איינגעהאַלטענע ליידען. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר יעדעס מאָל, ווען איך האָב איהם געזעהן פאַר מיר, האָב איך געמוזט דענקען וועגען זשאַן פּאָול, און איך גלויב נאָך היינט אויך, אז ער וואָלט זיך בעסער אריינגעפּאַסט אין דער זעלטזאַמער וועלט פון יענעם גרויסען דייטש, איידער אין דער היינטיגער. ביי דעם דאָזיגען מאַן האָט געברענט א שטילע בענק־שאַפט אין הארצען, וועלכע האָט ניט געקאָנט געפינען קיין באפריי־

דיגונג אין אונזער גראָב מאַטעריאַליסטיש איינגעאָרדנעטער עפּאָכע. הינטער זיין וואונדערבאַרער באַשיידענקייט האָט זיך באַהאַלטען אַ טיכטיג ווייסען און דער עיקר אַ גילדערנער כּאַראַקטער, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין קרומע וועגען. מיר האָבען, אמת, קיינמאָל ניט גערעדט איבער פּאָליטישע זאַכען, און איך ווייס נאָך היינט ניט, צי עס זיינען צווישען אונז געווען וועלכע ס'איז באַריהרונגס־פּונקטען. אָבער מיר זיינען זיך מענשליך געקומען זעהר נאָהנט איינער צום אנדערן, און עס זיינען געווען אייניגע מאָמענטען, ווען איך האָב געקאָנט אַנקוקען פּנים אל פּנים די טיפע זעלע פון אָט דעם זעלטענעם מאַן. אין דער געפאַנגענשאַפט איז די באַקאַנט־שאַפט פון אַזאַ מענשען אַ טאָפּעלטע געשעהעניש. איז זי דאָך אַ זיסע ענטשעדיגונג פאַר דער געצוואונגענער געזעלשאַפט פון אַזוי־פיעל מיאוס'ע ברואים, מיט וועלכע מען קומט יעדע שטונדע אין באַריהרונג, און וועלכע קוקען אויס צו זיין אייגענס געשאַפען דערצו אייך אומזיסט און אומגישט צו פאַרביטערן דאָס לעבען.

אויב די הערדן בוראַנדט און קאָמפּאַניע אין „סי" האָבען ניט אויסגעלאָזט קיין שום מיטעל, כּדי מיר עפּעס אָפּצוטאָן, האָב איך אָבער ביי דער גרויסער מעהרהייט פון מיינע מיטגעפאַנגענע געהאַט אַ סימפּאַטיע, וועלכע האָט צייטענווייז אָנגענומען אומגעהייערע פאָרמען. עטליכע טעג נאָך דער פאַרזאַמלונג אין „סי" איז געווען מיין געבורטסטאָג. איינער פון מיינע ענגערע פריינט האָט אודאי געמוזט וועגען דעם עפּעס דערמאָנען, ווארים איך האָב זיך יענעם טאָג קוים געקאָנט אָפּטשעפּען פון די גליק־ווינשער, און די האַנד האָט מיר אין אווענט וועה געטאָן פון דעם פיעלען דריקען. אָבער אין אָוונט האָט מען, אָהן דעם אַז איך זאָל עפּעס האָבען געוואוסט דערפון, אַראַנזשירט אין דעם בופעט־צימער פון אונזער באַטאַליאָן אַ פראַכטפולען קליינעם קאָנצערט, וועלכען די הערדן לאַראַנט און רעשאַווסקי האָבען דורך זייער קונסט געגעבען אַ באַזונדערע פייער־ליכקייט. די אונגאַרען אין'ם לאַגער האָבען מיר ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט פּרעזענטירט מיט אַ פּרעכטיג בילד, וואָס דער אונ־גאַרישער מאַלער סאָטאָן האָט געמאָלען. דאָס בילד האָט זיך גע־

פונעם אין א וואונדערבאר געארבייטען דרעה־ראהם, וואָס איז אויך געמאכט געווארן אין לאַגער. אויף איין זייט האָט מען געזעהן די געשטאַלט פון׳ם אונגארישן פריוהייטס־דיכטער פּעטעפי און דעם פּראָגראם פון׳ם אונגארישען פריוהייטס־פעסט, וואָס די הערן אין „סי״ האָבען דעמאָלט צושטערט. אויף דער אנדער זייט, דאָס איי־גענטליכע בילד, האָט מען געזעהן נעבען א פעלזען־קוואַל א זיצענדע פרויען־געשטאַלט, וועמעס בליק האָט געקוקט פארטראַכט אין דער ווייטענס, בעת ווען די רעכטע האנד האָט געהאַלטען א גריפעל גרייט צום שרייבען. אויף דעם בלוי־גרויען פעלז האָבען כמעט אַלע אונגארען אין׳ם לאַגער גע׳חתמ׳עט זייערע נעמען. איבער דעם גאַנצען איז געשטאַנען די ווידמונג: „די דאנקבארע אונגארען זייער ליעבען ראָקער.״

אזוי ווי איך האָב אין יענעם טאָג אויך געהאַט דעם באזוך פון מיין פאמיליע, וועלכע האָט מיר געבראַכט די אומצעהליגע גליקוואונשען און קליינע מתנות פון מיינע קאַמעראַדען פון דרוי־סען, האָב איך זיך געפונען אין א גליקליכער שטימונג און איך האָב זיך געזאָגט און ווידער אמאָל געזאָגט, אז א מענש אין מיין לאַגע האָט נאָך אַלעם דעם קיין אורזאַך ניט צו פארצווייפלען ווע־גען דער וועלט און די מענשען.

דורך מיין שטעלע בין איך אצונד אויך געקומען אין נעהנטע־רער באריהרונג מיט מיינע צוויי קאָלעגען פון „איי״ און „סי״, ווייל מיר האָבען אָפט געמוזט צוזאמענקומען, כדי זיך צו בּאראַטען אי־בער געמיינשאפטליכע אנגעלעגענהייטען פון׳ם לאַגער. מיר האָבען אויך אַלע דריי געמוזט כמעט יעדע וואָך א פּאָר מאָל ערשיינען פאר דעם קאָמאנדיר, כדי אויפצונעמען באפעהלען אָדער זיך דורכ־ריידען מיט איהם איבער פראגען פון דער אינערליכער פארוואל־טונג.

ווענען דעם באַטאַליאָן־פיהרער הוט פון׳ם „סי״־באַטאַליאָן זיי־נען ארומגעגאנגען די פארשידענסטע קלאַנגען, און ווען איך האָב איבערגענומען די פארטרעטונג פון׳ם „בי״־באַטאַליאָן האָבען פאר־שידענע פון מיינע מיטגעפאַנגענע געפונען פאר נייטיג מיך צו וואָ־

רעגען געגען איהם. אזוי ווי איך האב געוואוסט פון ערפארונג, ווי לייכט אזעלכע קלאנגען פלעגען ענטשטעהן און פארשפרייט ווערן, האב איך ניט געלעגט קיין שום באדייטונג אויף די ווארנונגען. איך האב ניט געהאט ברעה צו געהן אויף קרומע וועגען, דערפאר האב איך ניט געהאט קיין גרונד, פאר וועמען עס איז מורא צו האבען. די ערשטע צייט האט זיך הוט באצויגען צו מיר מיט א געוויסער צוריקגעהאלטענקייט, אבער ווען ער האט זיך נעהנטער באקענט מיט מיר, האט זיך צווישען אונז ענטוויקעלט א זעהר גוטע פארהעלטעניש, וואס איז אין פארלויף פון דער גאנצער צייט פון אונזער צוזאמענארבייטען קיינמאל ניט געשטערט געווארן. איך וויים ניט, ווי די לאגע איז געווען, איידער איך האב איבערגענומען די פארטרעטונג פון „בי". ס'איז זעהר מעגליך, אז הוט האט זיך פריהער אביסעל צו שטארק געלאזט באאיינפלוסען דורך די פאר־טריאטען אין „סי", וועלכע האבען איבער א יאהר צייט טעראריזירט דעם גאנצען באטאליאן. אזוי ווייט ווי מיינע פערזענליכע ערפארונגען האבען מיר געוויזען, קאן איך זאגען, אז הוט האט עהרליך ערפילט זיין פליכט צו דער אלגעמיינהייט. איבעריגענס איז דאך דער איינפלוס פון די הערן בוראנדט און קאמפאני, אין דער צייט וואס איך האב איבערגענומען די שטעלע, שוין כמעט געווען געבראכען, מחמת מען האט זיי זאגאר אין זייער אייגענעם באטאליאן שוין מעהר ניט גענומען ערנסט. אונטער די דאזיגע אומשטענדען האט עס הוט'ן געמוזט זיין פיעל לייכטער צו געהן זיין אייגענעם וועג.

אויך מיט דעם באטאליאן־פיהרער לום פון „איי" האב איך די גאנצע צייט געארבייט אין בעסטער איינפארשטענדניש. עס וואלטען צווישען אונז סיי ווי ניט געקאנט ארויסקומען קיין רייבונגען, ווייל אין די מעהרסטע פאלען האט לום איבערגעלאזט הוט'ן און מיר די גאנצע איניציאטיווע, סיי בנוגע צו דער פאר־מולירונג פון אונזערע פאדערונגען צום קאמאנדיר און סיי אין דער מינדליכער באגרינדונג פון דיזעלביגע.

מיר האבען שוין געהאט אפגעוואוינט שעהן מאנאט צייט אין

„פעלעס“, און נאָך אימער האָבען מיר טאָג און נאכט געהאט דריי באוואפענטע וואכען אין באטאליאָן, וועלכע זיינען באזונדערס אין די נעכט געווען אן אומאנגענעמע ערשיינונג פאר די געפאנגענע. דאס בייטען זיך פון די וואכען אינמיטען דער נאכט און די קאָמאנדא־געשרייען וואס זיינען געווען פארבונדען דערמיט, האָבען יעדעס מאָל אויפגעוועקט אסך געפאנגענע פון זייער בעסטען שלאָף. באזונדערס אומאנגענעם איז די סיטואציע געווען פאר די יעניגע צווישען אונז, וועלכע האָבען געהאט זייערע געלעגערס גאנץ נאָהנט ביי די צוויי פלאטפארמעס, אויף וועלכע די וואך־לייט פלעגען די גאנצע נאכט ארומגעהן מיט זייערע שווערע סאָלדאטסקע שטיוועל ארויף און אראָפ. די יונגערע לייט האָבען זיך ביסלאכווייז צוגעוואוינט דערצו, אָבער פאר די עלטערע מענער, וועלכע האָבען אָהן דעם אויך ניט געהאט קיין לייכטען, רוהיגען שלאָף, זיינען אָט די בייגאכטיגע רוה־שטערונגען געווען אן אומאויפהערליכע מאטערניש. איך דערמאָן זיך נאָך היינט מיט טיפען מיטלייד אָן א געוויסען דר. אָרנשטיין, א מאן פון צוויי און זיבעציג יאָהר, וועלכער פלעגט זיך בסדר מיטן טרערען אין די אויגען קלאָגען פאר מיר און אָפט גאנצע נעכט ניט קאָנען צומאכען קיין אויג. דער אלטער מאן האָט זיך איבערהויפט געפונען אין א שלעכטער לאגע. ער איז יאָהרען־לאנג געווען דייטשער וויצע־קאָנזול אויף'ן אינזעל כיאָס, ביז די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, און איין שענעם טאָג איז ער באפאלען געוואָרן פון די ענגלענדער אין זיין וואוינונג און מיט זיינע צוויי זיהן געבראכט געוואָרן קיין ענגלאנד. צוגעוואוינט צו דעם מילדען קלימאט פון גריכענלאנד, האָט דער גרייז־גרויער מאן מורא'דיג געליטען אונטער דער רויהקייט פון די ווינטער־מאָנאטען און איז כמעט שטענדיג געווען קראנק. אלס קאָנסולארער באאמטער האָט ער געקאָנט אויסגעטוישט ווערן פאר וואס פאר עם איז ענגלישען געפאנגענעם אין דייטשלאנד, אבער ניט קוקענדיג אויף זיינע באמיהונגען האָט עס גענומען כמעט א יאָר צייט ביז ער האָט ענדליך געהאט ערפאָלג.

מיינע צוויי פאָרגענגער האָבען מעהר ווי איינמאָל נעפרואווט

באוועגען דעם קאמאנדיר צוריקצוציהען די וואכען פון'ם לאגער, ערקלערענדיג, אז זייער אנוועזענהייט ערפילט קיין שום צוועק ניט, אבער דער אלטער האט גארנישט געוואלט הערען דערפון. הגם עס איז דערום געווען ווייניג ווארשיינליך, אז איך וועל זיין ער־פאלגרייכער, האב איך פונדעסטוועגען זיך פארגענומען צו ארביי־טען דערפאר מיט אלע כוחות. ווען איך האב דעם אלטען קאמאנ־דיר פארגעלעגט מיין פארשלאג און באזונדערס געלעגט געוויכט דערויף איהם קלאר צו מאכען, ווי שווער די אלטע לייט הויפט־זאכליך מוזען ליידען אונטער דעם איצטיגען צושטאנד, האט ער זיך פארטראכט א ווייל און מיר געענטפערט, אז ער וויל זיך מישב זיין וועגען דעם. ס'איז אריבער א וואך, אבער דער אלטער האט ניט גערעדט וועגען דער זאך. ווען איך האב איהם ענדליך דערמאנט אן דעם, האט ער זיך אהן צערעמאניעס געווענדעט צו זיין אדיוטאנט און געגעבען א באפעהל, אז די וואכען זאלען נאך היינט צוריקגעצויגען ווערען, וואס דער דאזיגער האט גלייך איינגעשריבען אין זיין בוך. די פרייד אין לאגער איז נאטירליך געווען גרויס, ווען מען האט זיך דערוואוסט וועגען דעם רעזולטאט פון מיינע באמיהונגען. באזונדערס דער אלטער דר. ארנשטיין האט גאר ניט געוואוסט וואס צו טאן פאר שמחה און איז ניט מיעד געווארן מיר צו דאנקען, הגם איך האב איהם פארזיכערט, אז די זאך האט מיך גאר קיין אנשטרענגונגען ניט געקאסט.

אזוי ווי די זאך מיט די וואכען איז אפגעלאפען אזוי גלאט, האב איך זיך גלייך גענומען דערצו צו פרואווען באזייטיגען אן אנדער צרה, וועלכע איז אלעמען געפאלען צו לאסט. דעם גאנצען טאג האבען מיר נעמליך אין דעם באטאליאן־זאל געהאט א סארדזשענט און צוויי קארפאראלען, וועמעס אויפגאבע ס'איז געווען צו זארגען דערפאר, אז די פארשריפטען פון'ם לאגער זאלען איבעראל אפגע־היט ווערען. אט די לייט האבען דאס רוב געלעבט פריינדליך מיט די געפאנגענע און האבען זיך — באזונדערס שפעטער — ניט צו שטארק אומגעקוקט אויף זייערע פארשריפטען. נאר אין אווענט פלעגט עס כמעט שטענדיג קומען צו אומאנגענעמע סצענעס. די

אורזאך דערפון איז געווען, וואָס די סאָלדאַטען האָבען זיך ניט געקאָנט פריהער צוריקציהען, ביז אלע געפאנגענע זיינען געווען אין בעט. דאָס איז געווען פארבונדען מיט געוויסע שוועריגקייטען, באזונדערס אין פארלויף פון די זומער־מאָנאַטען, וואָרים די מעהרסטע פון אונז האָבען גאר קיין חשק ניט געהאט שוין אום ניין אזייגער צו ליגען אויף'ן בעטעל. די סאָלדאַטען אָבער האָבען נאַטירליך געהאט אן אינטערעס אין דעם צו זעהן, אז די געפאנגענע זאָלען ווי ווייט מעגליך פינקטליך געהן שלאָפען, וואָרים זיי האָבען אויך געוואָלט רוהען נאָך זייער דינסט. אָבער ניט אלע האָבען עס באגריפען, און מאנכע האָבען אין דער האנדלונג פון די סאָלדאַטען געזעהן בלויז געווענליכע צו־להכעיס־שטיק.

די גאנצע געשיכטע איז געווען איינפאך לעכערליך, וואָרים די געפאנגענע האָבען געקאָנט געהן שלאָפען אויך אָהן דער אויפזיכט פון די סאָלדאַטען. איך האָב זיך דערום געווענדט צום קאָמאַנדיר, איהם פאָרגעשטעלט די זאך און איהם געבעטען, צו זעהן, אז די סאָלדאַטען זאָלען קאָנען פארלאָזען דעם באַטאַליאָן־זאַל גלייך ווי זיי ווערן פארטיג מיט זייער דינסט, און ניט מוזען ווארטען ביז יעדער איינער ליגט אין בעט, אזוי אז דורכדעם וואָלטען אויסגעמידען געווארן אסך אומאנגענעמע רייבערייען. צוערשט האָט ער מיך אָנגעקוקט גאנץ פארוואונדערט, אזוי ווי ער וואָלט ניט פארשטאַנען וואָס איך רייד, און דאַן האָט ער מיך געפרעגט, ווער דען זאָל די מענשען באַוועגען צו געהן שלאָפען, אויב ניט די סאָלדאַטען. כ'האָב זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטען א שמייכעל צו טאָן און איך האָב איהם געענטפערט, אז די מעהרסטע פון מיינע מיטגעפאנגענע זיינען דאָך סוף כל סוף דערוואַקסענע מענער, וועלכע זיינען אויך פאר דער מלחמה אָהן פרעמדער הילף יעדע נאכט געגאנגען שלאָפען. ער האָט געשוויגען א ווײַלע, דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט, צי איך בין גרייט צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט, אז די געפאנגענע וועלען אָהן דער הילף פון זיינע סאָלדאַטען געהן שלאָפען אין אָרדנונג און צו דער באַשטימטער שטונדע.

„געווים", האָב איך געענטפערט, „און אויב איהר וועט ערלוי־

בען די מענשען, וועניגסטענס אין פארלויף פון די זומער־מאנאטען אויפצוזיין ביז צעהן אזייגער, בין איך פעסט איבערצייגט, אז אלעס וועט צוגעהן אין דער בעסטער ארדנונג.״

„גוט,״ האט ער געזאגט. „איך וועל נאך היינט היסען, אז מיינע סאלדאטען זאלען זיך צוריקציהען אום ניין אזייגער אין אווענט, כ׳פארלאנג אבער, אז די לייט זאלען שפעטסטענס ביז צעהן אזייגער זיין אין די בעטען. אלעס אנדערע לאז איך אייך איבער. וועט זיך אבער ארויסשטעלען, אז איהר האט מעהר פארשפראכען, ווי איהר קאנט האלטען, דאן וועלען מיר מוזען זיך צוריק אומקערען צום אלטען סיסטעם״.

כ׳האב באלד נאכדעם צוזאמענגערופען די לייט און זיי ערקלערט דעם רעזולטאט פון מיין אונטערהאנדלונג מיט׳ן קאמאנדיר. אין דערזעלבער צייט האב איך אפעלירט צו זייער פארנונפט און זיי אויפגעפאדערט, פינקטליך אבצוהיטען די נייע באשטימונגען, כדי ניט דורך לייכטזיניגקייט קאליע צו מאכען דעם גאנצען געווינס. אלע זיינען געווען זעהר צופרידען, און איך בין געווען איבערצייגט, אז איך האב ניט געהאט וואס מורא צו האבען פאר קיינע שוועריגקייטען.

דריי וואכען נאכדעם ווי ס׳איז אריין אין קראפט די נייע איינארדנונג, וועלכע איז געווען זעהר ווילקאמען ניט בלויז פאר אונזערע לייט, נאר אויך פאר די סאלדאטען, בין איך געזעסען ביי־נאכט — ס׳האט שוין אודאי געמוזט זיין עלף אזייגער — אין מיין ביורא, כדי ארויסצוענדיגען אלערליי ארבייטען. פלוצלינג האב איך דערהערט א גערויש פון שליסלען און באלד נאכדעם האט אי־מיצער גערופען מיין נאמען. ס׳איז געווען דער אלטער, וועלכער איז געקומען אויספרואווען, ווי אזוי דער נייער עקספערימענט האט געארבייט. ווען איך בין מיט איהם דורכגעגאנגען די רייהען פון די שלאפענדע קאמפאניעס, האט ער אין הינטערשטען ווינקעל פון׳ם גרויסען האל ענדעקט פינף אדער זעקס אלטע מענער, וועלכע זיינען געזעסען אויף א באנק און שטיל גערעדט איינע מיט די אנדערע. דאס איז געווען ווי געפונען פאר איהם, ווארים אצונד

האָט ער מיר געקאָנט ווייזען, אַז דער אַלטער סיסטעם איז דאָך געווען בארעכטיגט. אָבער איך האָב איהם גאַנץ רוהיג געזאָגט, אַז אויב ער וויל דאָס פאַרהינדערן, דאַן מוז ער די גאַנצע נאַכט האַלטען סאָלדאַטען אין באַטאַליאָן, און אפילו דאַן איז נאָך אַ צווייפעל, צי ער וועט האָבען ערפאָלג דערמיט. צווישען די דערטאַפּטע האָט זיך אויך געפונען אַ מאַן פון דריי און זיבעציג יאָהר. אויף דער פראַגע פון'ם קאָמאַנדיר, פאַרוואָס ער איז נאָך אויף, האָט ער ערקלערט, אַז עס איז איהם אוממעגליך אנשלאָפען צו ווערען פאַר האַלבע נאַכט, און אַז ער זיצט דערפאַר דאָ, בלויז כדי זיך איינצושפּאָרען עטליכע פּיינליכע שטונדען. כ'האָב אויפמערקזאַם געמאַכט דעם קאָמאַנדיר, אַז די מענשען האָבען זיך מיט אַ כיוון אוועקגעזעצט אין דעם ווייטסטען ווינקעל פון'ם גרויסען האָל, כדי קיינעם ניט צו שטערען אין זיין רוה, און עס האַנדעלט זיך דאָ אין זייער פאַל זיכער ניט וועגען אַ ביזוויליגער איבערטרעטונג פון דער אָרדנונג אין לאַגער. דאָ איז דער אַלטער פּלוצלינג געוואָרן גאַנץ ווייך און האָט געזאָגט, אַז ער האָט גאָרנישט צו די אַלטע לייט און אַז ער פאַרלאָזט זיך איבעריגענס אין גאַנצען אויף מיר.

ארום ענדע אַפּריל האָב איך פּלוצלינג געקריגען אַ שטאַרקען פיבער און האָב געמוזט אויף'ן באַפעהל פון'ם דאָקטאָר איבערגעהן אין שפּיטאָל. אין מיין אָפּוועזענהייט האָב איך באַאויפטראַגט קאַרל'טשיקען צו פאַרטרעטען דעם באַטאַליאָן און איך האָב אָפּגעמאַכט מיט איהם, ער זאָל מיר יעדען טאָג צושטעלען אַ באַריכט. מיין קראַנקהייט איז געווען אַ מין אינפלוענצאַ. דער קאָפּ האָט מיר וועה געטאָן, און איך האָב געפיהלט, ווי מיינע גלידער וואַלטען געווען אָנגעפילט מיט בליי. דערביי האָב איך ניט געהאַט קיין שום אַפּעטיט, און יעדע שפּייז איז מיר געווען דערווידער.

אין שפּיטאָל האָט אין יענער צייט געהערשט אַ יאָמערליכער צושטאַנד. די מעהרסטע קראַנקע זיינען געלעגען אויף געוועהנליכע הילצערנע געלעגערס ווי אין באַטאַליאָן. לייל־אַכער זיינען געווען אַן אומבאַקאַנטער אַרטיקעל, און ווער עס האָט ניט מיטגעבראַכט קיין אייגענע בעטוועש, האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט געוועהנליכע

פערד־דעקעס. אלצדינג האָט געפעהלט, און אויסער א פּאָר אָפּ־פּיהר־מיטלען איז כמעט גאָר קיין מעדיצין ניט געווען. דערביי איז געווען שטרענג פארבאָטען צו באַציהען פון דרויסען מעדיצין־זאכען אויף אייגענע קאָסטען. מחמת דעם האָבען די מעהרסטע חולאים אויף קיין פּאַל ניט געוואלט געהן אין שפּיטאָל, זאָגאר דאן, ווען מען האָט נאָך דעם טראַגישען סוף פון אונזער קאמעראד ביטער דאָך ערלויבט די קראַנקע אויפצונעמען געסט אין שפּיטאָל.

בלויז עטליכע ביישפּילען, כדי צו זעהן, ווי שלעכט עס איז אונז אין דעם פּרט געגאַנגען אין יענער צייט: אן עסטרייכישער אַרצט און נאַטור־פאָרשער, דר. יאַנאָווסקי, האָט צייטוויילינג זעהר שטאַרק געליטען פון מאַלאַריא. דער מאַן האָט געלעבט א לענגערע צייט אין האָלענדיש־אינדיען און איז אין פארלויף פון א רייזע אריינגעפאלען צו די ענגלענדער אין די הענט. אָבער אין גאַנצען שפּיטאָל האָט זיך ניט געפונען קיין קערנדעל כינע, וואָס נאָר דאָס אליין האָט איהם געקאָנט ברענגען א פארלייכטערונג. פיעל ערנס־טער איז געווען דער פאַל פון זיין קאָלעגע דר. קראוזע — דערזעל־בער, וועלכער האָט שפּעטער פארעפענטליכט א זעהר וויכטיג ווערק איבער דער קולטור פון די איינוואוינער פון׳ם אינזעל באַלי. דר. קראוזע איז מיט א צייט צוריק ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון דער האָלענדישער רעגירונג נאָך באַלי, כדי זיך דאָרט הויפּטזאכליך צו באַשעפטיגען מיט דער באַהאַנדלונג פון פּעסט־, כאָלערא־ און לעפּר־קראַנקע. דער מאַן איז געווען טריי איבערגעבען זיין פּראָ־פעסיע און האָט טויזענטער מענשען דאָס לעבען געראַטעוועט. דערביי האָט עס זאָגאר פּאַסירט, אז זיין פרוי איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט פּעסט. א קורצע צייט נאָכדעם ווי ער איז געבראַכט געוואָרן צו אונז אין לאגער האָט זיך ביי איהם אויף א פינגער פון דער רעכטער האַנד געמאַכט א קליין בלאָטערל, וואָס האָט לויט זיין אנזיכט גאַנץ מעגליך געקאָנט זיין א סימפּטאָם פון דער מורא׳־דיגער לעפּר־קראַנקהייט. אזוי ווי דר. קראוזע האָט כסדר געהאַט צו טאָן מיט לעפּר־קראַנקע, איז ניט געווען אויסגעשלאָסען, אז ער האָט געקאָנט אָנגעשטעקט ווערן פון דער קראַנקהייט. דאָס איינ־

ציגע מיטעל, וואָס האָט דאָ געקאָנט פארשאפען זיכערקייט, איז געווען א בלוט־אַנאַליז. אבער אין׳ם שפּיטאל האָבען געפעהלט אלע פּארבארייטונגען דערצו, און דאָס אומגליק האָט נאָך געוואָלט, אז א קורצע צייט פאר דעם איז ארויסגעגעבען געווארן א באַפעהל פון׳ם „וואָר אָפיס“, לויט וועלכען קיין געפאנגענער האָט מעהר ניט געקאָנט געשיקט ווערן אין דייטשען האָספּיטאל אין לאנדאָן, כדי זיך צו לאָזען גרינדליך אונטערזוכען פון די דאָרטיגע דאָקטוירים. אזוי האָט דער מאן ניט געקאָנט האָבען קיין קלאָרען באגריף איבער זיין צושטאַנד און האָט די גאַנצע צייט געלעבט אונטער דער מורא׳דיגער אומזיכערקייט. איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסען, מיט וואָס פאר א סטאָאישער רוה אָט דער מאן האָט זיך געזוכט צוצוגעוואוינען צום געדאנק, אז עס איז גאנץ מעגליך אז ער ליידט פון דער לעפּר־קראנקהייט. אין דעם דאָזיגען פאל איז ער געווען ענטשלאָסן צו זעהן, אז מען זאָל איהם אריבערפיהרען אין א קאָלאָניע פון לעפּר־קראנקע, וואו ער האָט געוואָלט אָפּלעבען דעם רעשט פון זיינע טעג און זיך ווידמען דער פאָרשונג פון אָט דער שוידערליכער קראנקהייט. דאָס איינציגע, וואָס האָט איהם געמאכט אומעטיג, איז געווען דער געדאנק וועגען זיין פרוי. כ׳האָב געקריגען אן אומבאגרענעצטע אכטונג פאר אָט דעם ערנסטען געלערטען, וועלכער איז, פונקט ווי זיין קאָלעגע דר. יאנאָווסקי, געווען דער אידעאלער טיפּ פון א דאָקטאָר, ווי מען ווינשט זיך איהם גערן צו זעהן. גליקליכערווייז האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז דר. קראוזע׳ס מורא איז געווען אומבאגרינדעט, ווי ער האָט מיר דערצעהלט מיט צוויי יאָהר שפּעטער, ווען מיר האָבען זיך ווידער געטראָפען אין אמסטערדאם.

ווי אומגליקליך און געפערליך דער באפעהל פון׳ם „וואָר אָפיס“ האָט געקאָנט ווערן פאַר דעם איינצעלנעם, האָט באוויזען דער פאל פון איינעם פון אונזערע יונגע קאמעראדען, א געוויסער אלטשעפעל. איך האָב זיך שוין אויף דעם „ראָיאל עדוואַרד“ געהאט באקענט מיט דעם יונגען מאַן, וועלכער איז די גאנצע צייט געווען פולשטענדיג געזונט. אין אלעקסאנדרא פּעלעס האָט ער פּלוצלינג

אנגעהויבען ליידען אויף די אויגען. אזוי ווי עס איז געווען פאר־באטען צו שיקען דעם מאן אין דייטשען האספיטאל, כדי גרינדליך אונטערזוכט צו ווערן, האט מען זיין קראנקהייט אויף א שרעקליכען אופן פארנאכלעסיגט, ביז מען האט איהם ענדליך דאך אפגעשיקט אין אן ענגלישען אויגען־האספיטאל. אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. ווען אלטשעפעל איז צוריקגעקומען אין לאגער, האט ער געהאט בלויז א שוואכן שיין און האט קוים געקאנט זעהן. צוליעב זיין צושטאנד האט מען איהם באלד נאכדעם איבערגע־שיקט קיין דייטשלאנד, אויסטוישענדיג איהם פאר אן ענגלישען געפאנגענעם, און אין א בריעף וואס ער האט אונז צוגעשיקט פון מינכען, — א בריעף וואס אן אנדערער האט פאר איהם געשריבען— האט ער אונז מיטגעטיילט, אז ער איז אין גאנצען בלינד געווארן.

אזוי ווי מיר האבען אין לאגער געהאט א היבש ביסעל דאק־טוירים, האבען זיי זיך פון דרויסען פארשאפט פארשידענע נייטיגע רפואות, כדי צו קאנען העלפען זייערע מיטגעפאנגענע אין א נויט־פאל. פארשטעהט זיך, אז דאס האט געמוזט געטאן ווערן גאנץ געהיים, ווארים ס'איז ניט בלויז געווען שטרענג פארבאטען צו באציהען פון דרויסען וועלכע ס'איז מעדיצין־זאכען, נאר עס איז אויך אונטער די שטרענגסטע שטראפען געווען פארווערט פאר די דייטשע דאקטוירים אין לאגער צו באהאנדלען קראנקע.

אין איינעם פון די לעצטע טעג וואס איך בין געווען אין שפי־טאל האט מיך באזוכט מיין פרוי צוזאמען מיט מיין אלטען פריינד ערריקא מאלאטעסטא. ס'איז פאר מיר געווען א זיסער פארגנע־ניגען צו קאנען נאך אזא לאנגער צייט באגריסען דעם מוטיגען פארקעמפער, וועלכער איז דורך זיין ענטשלאסענער שטעלונג גע־גען דעם קריג נאך נעהנטער געקומען צו מיין הארצען. ער האט זיך ניט געהאט געענדערט אויף א האר, און זיינע פייערדיגע אויגען האבען געלויכטען אזוי פריינדליך ווי ווען עס איז פריהער. ער האט מיר דערצעהלט וועגען דעם צושטאנד פון אונזער באוועגונג אין די פארשידענע לענדער און איז געווען פעסט איבערצייגט, אז די

מלחמה וועט זיך ענדיגען אין א רעוואָלוציאָנערער פעריאָדע, וועלכע מוז פיהרען צו גרויסע סאָציאַלע פאַרענדערונגען אין גאַנץ איירָאָפּא. לויט זיין מיינונג, האָט ער געזאָגט, וועט דייטשלאַנד נים קאָנען לאַנג אויסהאַלטען דעם מיליטערישען דרוק פון די אַליאירטע און באַזונדערס די בלאָקאַדע. מחמת דעם מוז דער אַלטער רעזשים דאָרט פריהער אָדער שפּעטער צוזאַמענברעכען און אין זיין צוזאַמענברוך ארויסרופען גרויסע רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען. אָבער אויך די אַליאירטע מעכטע מוזען ביז דאָן זיין אַזוי אָפּגעשוואַכט, אז מען וועט סוף כל סוף נים קאָנען ריידען נים פון זיגער און נים פון באַזיגטע. אָבער אין דעם ליגט די בעסטע גאַראַנטיע פאַר אַן ערפאָלגרייכע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין גאַנץ איירָאָפּא. גאַנץ אַנדערש אָבער וועט די לאַגע זיך ענטוויקלען, אויב אמעריקא וועט אריינגעצויגען ווערן אין דער מלחמה. אין דעם דאָזיגען פאַל וואָלט דער קריג זיך געמוזט ענדיגען מיט א פולשטענדיגען זיג פאַר די אַליאירטע, וואָס וועט מוזען ברענגען דערצו, אז פאַר די נעקסטע פינף אָדער צעהן יאָהר וועט די רעאַקציע אין פראַנקרייך נעמען די לייצעס אין איהרע הענט. אָבער דאָס איז א גרויסע געפאַר פאַר דער ענטוויקלונג פון א סאָציאַלער רעוואָלוציע אין איירָאָפּא.

די צייט איז פאַר אונז צו שנעל פאַרביי. פאַר׳ן אָפּשיד האָט ער מיר אין געהיים איבערגעגעבען עטליכע נומערען פון דער נייער פראַנצויזישער צייטונג „סע קע פאָ דיר“, וואָס אונזער פריינד סעבאַסטיאַן פאָר האָט מיט א קורצער צייט פריהער אָנגעהויבען ארויסגעבען אין פאַריז. די צייטונג האָט אויסגעזעהן שרעקליך, וואָרים דער בליישטיפט פון׳ם צענזאָר האָט אומ׳ברחמנות׳דיג געבושעוועט אין איהרע שפּאַלטען. פונדעסטוועגען איז עס געווען אַן ערפרעהענדער צייכען, אז זי האָט איבערהויפּט געקאָנט ערשיינען.

ווען איך בין באַלד נאָכדעם צוריקגעקומען אין באַטאַליאָן, האָבען מיך אַלע באַגריסט מיט גרויסער פרייד. כ׳האָב געפונען זעהר

פיעל וואָס צו טאָן, און הגם איך בין נאָך ניט געווען אין גאנצען ביי די כחות, האָב איך זיך ניט געקאָנט מעהר אָפּרייסען פון דער ארבייט. ס'איז געווען באזונדערס די „קאנטינען"־פראגע, וועלכע האָט אונז דעמאָלט שטאַרק באשעפטיגט. אַט די פראגע האָט זינט אונזער אָנקומען אין „פּעלעם" אונז פארשאַפט פיעל זארגען, אָהן דעם אז מיר זאָלען קאָנען קומען א טריט נעהנטער מיט איהר לייזונג. דער אזויגערופענער „אלעקסאנדרא פּעלעם טראָסט", א פריוואט־געזעלשאַפט, צו וועמען דער „פּעלעם" האָט באלאנגט, האָט נעמליך געהאלטען די „קאנטינען", די בופעטען אין די דריי באטאליאָנען, ווי אויך די „קאנטין" פון די סאָלדאטען, אונטער זיין פארוואלטונג. מיר זיינען דערום געצוואונגען געווען צו קויפען ביי דעם טראָסט יעדע קלייניגקייט, וואָס מיר האָבען נייטיג געהאַט פאר די באטאליאָן־קיכען אויסער די פּאָרציעס, וועלכע די רעגירונג האָט אונז צוגעשטעלט. דערפאר האָט מען אונז, פונקט ווי די סאָלדאטען, געגעבען צעהן פּראָצענט פון דער איינקונפט. אַט דער אזוי־גערופענער קאנטינען־פאָנד איז געווען אונטער דער פארוואלטונג פון מיידזשאָר מאָט. דערפון פלעגט מען צאָלען יעדע וואָך די שכירות פון די קעכער און די אנדערע קיך־אָנגעשטעלטע, די געהאלטען פון די ארבייטער, וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט דער רייניגונג פון די קלאָזעטען און די וואש־ און באָד־צימערען א. א. וו. אויסערדעם האָט יעדער באטאליאָן יעדע וואָך געקריגען א געוויסע סומע צושטייער פאר דער פארבעסערונג פון זיין קיך. די גרויס פון דער דאָזיגער סומע איז אָפּגעהאנגען פון די איינקינפטען פון די קאנטינען.

נו, זיינען אָבער די פּראָדוקטען, וועלכע דער „אלעקסאנדרא פּעלעם טראָסט" האָט אונז צוגעשטעלט, על פי רוב געווען פון א ביליגערן סאָרט, און אחוץ דעם האָבען מיר פאר זיי געמוזט באַצאָלען א היבש ביסעל טייערער, ווי מען האָט זיי געקאָנט קויפען אויף דרויסען. מיר האָבען זיך דערום שוין מעהר ווי איינמאָל געהאט געווענדעט צום קאָמאנדיר מיט דער ביטע, ער זאָל זעהן,

מען זאָל אונז איבערגעבען די פאַרוואַלטונג פון דער „קאַנטין‟, אָבער אָהן ערפאָלג. ווי עס איז מיר פון א זיכערן קוואַל באַקאַנט, האָט זיך דער אַלטער זאַגאַר וועגען דעם געווענדט צום קריגס־מיניסטעריום און געזוכט צו דערפילען אונזער בקשה, אָבער אַפּנים איז דער טראָסט האָט דאָרט געהאַט איינפלוסרייכע פריינט, וואָרים זאַגאַר אונזער באַקלאָגען זיך ביים אַמעריקאַנישען אַמבאַסאַדאָר האָט ניט געפיהרט צו קיין רעזולטאַט.

עטליכע טעג נאָך מיין ארויסקומען פון שפּיטאָל האָט זיך פּלוצלינג אויף'ן שוואַרצען ברעט באַוויזען א באַקאַנטמאַכונג, לויט וועלכער קיין געפאַנגענער האָט מעהר ניט געטאָרט קריגען פון דרויסען קיין פּעקלעך, וואָס האָבען ענטהאַלטען זאַכען, וועלכע מען האָט געקאָנט קויפען אין דער „קאַנטין‟. אָט די אומפאַרשעמטע באַגינסטיגונג פון א קאַפּיטאַליסטישער פּריוואַט־געזעלשאַפט אויף'ן חשבון פון שוצלאָזע געפאַנגענע האָט אין גאַנצען לאַגער ארויס־גערופען א שטורם פון אויפגעבראַכטקייט. איך האָב די לייט באַ־רוהיגט אָבן קודם כל פאַרהינדערט, אז די אַנאָנסע זאָל ניט ארונ־טערגעריסען ווערן. דאַן בין איך גלייך אוועק צום קאָמאַנדיר, כדי זיך מיט איהם אויסצו'טענה'ן מכח דעם נייעם באַפעהל. דער אַלטער איז שוין אָבער ניט געווען אין אָפיס, און איך האָב גע־קאָנט בלויז ריידען מיט מיידזשאָר מאַט, וועלכער האָט נאָך גאָר־נישט געוואוסט וועגען דעם באַפעהל. איך האָב איהם ערקלעהרט דעם צושטאַנד און איהם דרינגענד געבעטען, ער זאָל אויב מעגליך נאָך היינט אָוונט ריידען מיט דעם קאָמאַנדיר איבער דער זאַך, כדי די אומזיניגע באַקאַנטמאַכונג זאָל אזוי שנעל ווי מעגליך פאַר־שווינדען, ווייל אויב ניט, מוז איך אראָפּוואַרפען פון זיך יעדע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער רוה אין'ם באַטאַליאָן. אויף מאָר־גען אין דערפריה האָט מען אויף א באַפעהל פון'ם קאָמאַנדיר ארונטערגענומען די אַנאָנסע פון'ם שוואַרצען ברעט. שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט, אז דער צענזאָר וואַלטאָן איז דאָס אייגענטליך געווען דער איניציאַטאָר פון אָט דער גזרה. וואָסערע

אורזאַכבען עס האָבען געטריבען מר. וועלטאָן זיך אַזוי שטאַרק אָנצו־נעמען פאַר די געשעפטליכע אינטערעסען פון'ם „אַלעקסאַנדרא פּעלעס טראַסט", איז אונז נאַטירליך געבליבען אומבאַקאַנט.

אין עטליכע וואָכען ארום האָבען די ענגלישע צייטונגען גע־בראַכט א קליינעם נאָטיץ איבער דער יעהרליכער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פון די „אַלעקסאַנדרא פּעלעס טראַסטים". דאָרט איז געוועזען באַריכטעט, אַז דער פּאַרזיצענדער פון דער דאָזיגער געזעל־שאַפט, העררּ פּ. ס. סטאַקאַרד, איז שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען דעם, וואָס עס האָט זיך אין ענגלאַנד פאַרמירט א קערפּערשאַפט, מייסטענטיילס פון קוויקערס, וועלכע האָט דעם צוועק דורך פאַר־שידענע געשאַנקען ערטרעגליכער צו מאַכען די לאַגע פון די אינ־טערנירטע דייטשען און עסטרייכער.

„ווען מען האָט א געלעגענהייט צו זעהן, מיט וואָס פאַר א ברייטער האַנד עס ווערט אין אַלעקסאַנדראַ פּעלעס געזאָרגט פאַר די דייטשען און עסטרייכער", האָט העררּ סטאַקאַרד ערקלערט, „מוז מען קומען צום שלוס, אַז עס איז ניטאָ קיין נויטווענדיגקייט פאַר אַזאַ פאָנד".

צום שלוס האָט דער מענשען־פריינדליכער פאַרטרעטער פון'ם „אַלעקסאַנדרא פּעלעס טראַסט" אָן עצה געגעבען די העררן קעד־בורי, ראָונטרי א. א. וו., זיך בעסער צו באַשעפטיגען מיט דער לאַגע פון די אינטערנירטע ענגלענדער אין דייטשלאַנד און עסט־רייך.

דאָס וואָס גראָד א פאַרטרעטער פון'ם „אַלעקסאַנדרא פּעלעס טראַסט" האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ פּראָטעסט אין דער וועלט, איז געוויס ניט געווען אָהן אינטערעס. אַזאַ מענשען־פריינדליכע האַנד־לונג האָט זיך באַזונדערס גוט צוגעפּאַסט פאַר א געזעלשאַפט, וועלכע האָט פון דער אינטערנירונג פון די דייטשען געצויגען גאַנץ היבשע פּראָפיטען. אָדער האָט אפשר דער געדאַנק, אַז דורך דער דרויסענדיגער שטיצע קאָנען נאָך חלילה פאַרקלענערט ווערן די „קאַנטין"־פּראָפיטען פון'ם טראַסט, דעם העררּ סטאַקאַרד ניט גע־

לאָזט שלאָפען? דער פאקט איז, אז די גרויסע מעהרהייט פון אונזערע מיטגעפאנגענע, וועלכע איז געווען כמעט אויסשליסליך אנגעוויזען אויף די פּאַרציעס פון דער רעגירונג, האָט שוין דעמאָלט קיינמאָל ניט געהאט די געלעגענהייט זיך ריכטיג זאט אָנצועסען. יעדענפאלס האָט די ערקלערונג פון'ם הערר סטאקארד, וועגען וועל־כער ער האָט געווים ניט ערווארטעט, אז זי וועט אונז קומען פאר די אויגען, געהאט אין זיך דאָס גוטע, וואָס זי האָט ארויסגערופען דעם אלגעמיינעם צאָרן פון די געפאנגענע, און דער סוף איז געווען, אז די „קאנטין"־פּרייזען זיינען אביסעל ארונטערגעזעצט געוואָרן, און מיר האָבען געקריגען דאָס רעכט צו באציהען אונזערע פּראָ־דוקטען פאר דער קיך פון ערגעץ אנדערש.

צווישען די נייע־אָנגעקומענע פון די לעצטע מאָנאטען האָט זיך מיר כסדר געוואָרפען אין די אויגען א מאַן, וועלכער האָט געדאַרפט אלט זיין אומגעפער דרייסיג יאָהר און האָט שטענדיג אויסגעזעהן, אזוי ווי עס וואָלט איהם געלעגען א שווערע לאסט אויף דער נשמה. כ'האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן ריידען מיט אנדערע. ער האָט קענטיג ניט געהאט קיין איינציגען פריינד דאָ און האָט שטענדיג אויסגעקוקט ווי פארזונקען אין פינסטערע געדאנקען. איין טאָג האָב איך זיך געווענדט צו איהם און איהם געפרעגט, פארוואָס ער איז אזוי נידערגעשלאָגען. ס'האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי מיין פראגע וואָלט פאר איהם געווען פיינליך און ער האָט קיין חשק ניט געהאט צו ריידען. דערנאָך האָב איך איהם געבעטען, ער זאָל אריבערגעהן מיט מיר אביסעל אין דעם באטאליאָן־ביוראָ. ווען מיר זיינען דאָרט אָנגעקומען, האָב איך גענומען ריידען צו איהם פריינדליך און איהם געגעבען צו פארשטעהן, ווי וויכטיג עס איז, אז ער זאָל זיך שטארקען און זיך ניט אריינוואַרפען אין די אָרעמס פון דער פאַרצווייפלונג. כ'האָב איהם געפרעגט, צי איך קאָן עפּעס טאָן פאר איהם, און איהם פארזיכערט, אז איך בין גערן גרייט איהם צו העלפען אזוי ווייט ווי ס'איז נאָר אין מיינע כוחות. דאָ האָט ער מיער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

„העלפען? מיר איז מעהר ניטאַ וואָס צו העלפען".

און אצונד האָט ער מיר דערצעהלט זיין גאנצע שוידערליכע געשיכטע:

דער מאַן האָט געהייסען פאול פאַדערטאַ און האָט פאַר דער מלחמה געוואוינט אין פּאַלקסטאָן, וואו ער איז געוועזען גליקליך פאַר־הייראַט מיט אַן ענגלענדערין און געהאַט מיט איהר דריי קינדער. אזוי ווי פּאַלקסטאָן, אלס קליינע האַפען־שטאָטביים ענגלישען קאַ־נאַל, האָט געהערט צו דער „פאַרבאָטענער געגענד", איז פאַדערטאַ שוין דעם 22טען אָקטאָבער 1914 אַרעסטירט געוואָרן, און מען האָט איהם פאַרשיקט אויף דער „אייל־אָף־מען". אָבער די פרוי, וועלכע איז געבוירען געוואָרן אין פּאַלקסטאָן און האָט דאָרט געהאַט איהרע עלטערען, איז פון דער פּאָליציי ערקלערט געוואָרן אלס „פיינדליכע אויסלענדערין" און אַרויסגעשיקט געוואָרן פון איהר געבורט־שטאָט. זי האָט זיך געמוזט אַריבערקלייבען מיט איהרע דריי קינדער קיין לאָנדאָן, וואו זי האָט ניט געהאַט קיין איין מענ־שען, וואָס זאָל איהר קאָנען ביישטעהן אין איהר נויט. ערשט אין דעצעמבער האָט מען איהר אויסגעצאָלט די ערשטע וועכענטליכע אונטערשטיצונג — עלף שילינג און זעקס פּענס פאַר זיך און דריי קינדער. ס'איז געוועזען קלאָר, אז די פרוי האָט דערפון ניט געקאָנט לעבען. צושיידט פון איהר מאַן און פון איהרע עלטערען, אויס־געזעצט צו די ערגסטע פאַרהעלטעניסען, איז זי וואָס ווייטער גע־וואָרען אַלץ דערשלאָגענער, ביז זי האָט זיך ענדליך אריינגענומען אין קאָפּ, זיך צו נעמען דאָס לעבען. אזוי ווי זי האָט אין ערגעץ ניט געקאָנט קריגען קיין גיפט, איז די אומגליקליכע געקומען אויף דעם מורא'דיגען געדאַנק אריינצושטעקען אַ נאָדעל אין דיקען גרינעם זשאַוועל און זיך דערמיט צושטעכען די ליפּען. זי האָט אויך דער־גרייכט איהר צוועק, ווייל עס איז דערפון געקומען בלוט־פאַרגיפ־טונג. אַ יסורים־פולער טויט איז געוועזען דער סוף.

דער מאַן האָט שטיל געקרעכצט, ווען ער האָט מיר שטיק פאַר שטיק איבערגעגעבען די מורא'דיגע טראַגעדיע פון זיין לעבען, און

ער האָט עטליכע מאָל געמוזט אונטערברעכען זיין ערצעהלונג, ווייל זיינע אינערליכע ליידען האָבען איהם פולשטענדיג איבערוועלטיגט. די אָרעמע פרוי האָט זיך געראנגעלט מיט'ן טויט, אָהן דעם אז פאדערטאָ זאָל האָבען אן אהנונג דערפון. א גייסטליכער האָט געשיקט נאָך דער „אייל־אָף־מען" זעקס טעלעגראַמעס, פון וועלכע מען האָט פאדערטאָ'ן איבערגעגעבען בלויז די לעצטע צוויי, אין וועלכע מען האָט איהם געלאָזט וויסען, אז זיין פרוי איז טויט. אזוי ווי עס האָבען געפעהלט די מיטלען צו באַצאָלען די רייזע קיין לאָנדאָן, האָבען זיינע מיטגעפאנגענע צווישען זיך געמאכט א קליינע זאמלונג, כדי דער אומגליקליכער מאן זאָל האָבען די מעגליכקייט אָפּצוגעבען זיין טויטער פרוי די לעצטע עהרע. ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט אליין געמוזט באצאָלען פאר זיין רייזע, איז אויף דעם פאס, וואָס מען האָט איהם ארויסגעגעבען, געשטאַנען די באמערקונג: „איז פארזאָרגט געוואָרן פון דער רעגירונג מיט א באהן־בילעט צו זיין ציעל־פונקט".

„ווען איך בין געזעסען אין דער באהן", האָט מיר דער אומגליקליכער דערצעהלט, „האָב איך געמאכט דעם פּלאן, איבערצושניידען מיינע קינדער די העלזער און דערנאָך זיך אליין מאכען דעם טויט. אָבער אז איך בין אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט מען שוין די קינדער געהאט פארטיילט. דאָס קלענסטע האָט מען אוועקגעשיקט צו דעם זיידען מיט דער באַבע'ן אין פּאָלקסטאָן, און די צוויי אנדערע האָט צוגענומען צו זיך די שוועסטער פון'ם גייסטליכען, וועלכער האָט מיר געלאָזט וויסען וועגען דעם טויט פון מיין פרוי. איצט האָב איך מעהר קיין מוט ניט צו לעגען אויף זיך א האנד, אָבער מיין לעבען איז קאַפּוט. פאר מיר איז מעהר נישטאָ קיין צוועק אין לעבען".

די ערצעהלונג פון דעם שווער־געפּרואווטען מאן האָט מיך צו־טרייסעלט ביז אין די טיפּענישען פון מיין זעלע. כ'האָב געזוכט צו ווירקען אויף איהם און איך האָב איהם אויפגעמונטערט זיך צו שטארקען און צו לעבען פאר זיינע קינדער. אָבער איך האָב גע־

פיהלט, אז מיינע ווערטער האָבען ניט געמאַכט אויף איהם קיין איינדרוק. ער איז געווען פאַרטיג מיט'ן לעבען. ניט קוקענדיג דערויף וואָס איך האָב זיך אויך ווייטער געגעבען די גרעסטע מיה איהם צו ערמוטיגען, איז ער געוואָרען אַלץ אומעטיגער, דערשלאָגע־נער, ביז דער טויט האָט איהם ענדליך אין סעפּטעמבער פון'ם זעל־בען יאָהר אויסגעלייזט פון זיינע טיפע ליידען.

אין מיטען מאַי האָט אונזער לאַגער געקריגען אַן אייגענאַרטי־גען צואוואַקס. מען האָט אונז געבראַכט 206 גלחים, אָרדענס־לייט און מיסיאָנערען פון אינדיען, וועלכע מען האָט דאָרט אינטער־נירט אַלס דייטשען און נאָך א לענגערער געפאַנגענשאַפט אריבער־געפיהרט קיין ענגלאַנד. די מעהרסטע פון די ניי־אָנגעקומענע האָ־בען געהאַט לאַנגע, געדיכטע בערד, און עָס זיינען געווען אייניגע צווישען זיי, וועלכע וואָלטען געקאָנט דינען אַלס פּראַכטפולע כאַ־ראַקטער־קעפּ פאַר א מאָלער. די נייע געסט אין זייערע מאָדנע אָרדענס־קליידער האָבען דעם לאַגער געגעבען א גאַנץ באַזונדערן אויסזעהן. די גלחים, צווישען וועלכע עָס האָבען זיך געפונען סיי קאַטאָליקען און סיי פּראָטעסטאַנטען, האָבען געזאָלט בלייבען דאָ בלויז א קורצע צייט און שפּעטער אויסגעטוישט ווערן נאָך דייטש־לאַנד. עס זיינען צווישען זיי געווען אסך אינטערעסאַנטע לייט, פון וועלכע מאַנכע האָבען פאַרבראַכט אין אינדיען צוואַנציג יאָהר און לענגער. א היבשע צאָהל פון זיי האָט זיך אָפּגעגעבען מיט דער פאָרשונג פון לאַנד און לייט און געהאַט צו דערצעהלען פון דאָרט פיעל אינטערעסאַנטע און זעלטענע זאַכען.

ווען איך האָב זיך מיט די מענשען נעהנטער באַקענט, האָב איך זיך אויך דערוואוסט וועגען זייערע איבערלעבענישען אין אינ־דיען אין צייט פון דער מלחמה. לויט זייערע ערצעהלונגען האָבען זיי געמוזט אריבערטראָגען שרעקליכע ליידען. ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכען, האָט מען זיי פאַרזיכערט, אז זיי וועט גאָרנישט געשעהן, אזוי לאַנג ווי זיי וועלען זיך פאַרהאַלטען נייטראַל. אבער דאָס האָט זיך זעהר שנעל געענדערט, און די רעגירונג האָט זיך גענומען אינטערנירען אַלע דייטשען אין לאַנד. די געפאַנגענע זיי־

נען צוזאַמען מיט פרויען און קינדער איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין בלעכענעביידלעך, וואו זיי האָבען געמוזט וואוינען צוזאמען אין א היץ פון 45 גראַד „רעאָמיר“. די באַהאַנדלונג איז געווען זעהר גראָב און ווילד. אזוי איז א מאַן, וועלכער האָט זיך דערוועגט צו־צוגעהן צו נאָהנט צו די שטעכיגע דראָהטען, גאַנץ איינפאַך דורכ־געשטאָכען געוואָרן פון א סאָלדאַט מיט'ן באַיאָנעט. ווען מען האָט זיי ענדליך אויפגעזעצט אויף א שיף, כדי זיי צו פיהרען קיין איירָאפּא, האָט מען זיי געזאָגט, אז מען וועט זיי ברענגען דירעקט קיין דייטשלאַנד. ערשט ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין טילבורי, האָבען זיי זיך דערוואוסט, אז זיי מוזען זיך דערווייל צופרידענשטע־לען מיט אן אינטערנירונגס־לאַגער, ביז מען וועט זיי שפּעטער קאָנען שיקען ווייטער.

ווען איך האָב געפרעגט ביי איינייגע פון די ניי־אָנגעקומענע, וואָס פאַר אן איינדרוק דער קריג צווישען די כלומר'שטע איירָא־פּעאישע קולטור־פעלקער האָט געמאַכט אויף דער אינדישער באַ־פעלקערונג, האָט מען מיר געענטפערט, אז די אינדיער האָבען בלויז געצווינגען מיט די פּלייצעס און האָבען קענטיג געהאַט זייערע באַזונ־דערע אַנזיכטען איבער די פּאַרטרעטער פון דער קריסטליכער לעה־רע. מערקווירדיג איז פאַר מיר געווען צו געפינען, אז א גרויסער טייל פון די פּריסטער און אָרדענס־לייט זיינען געווען אויסגעשפּראָ־כענע פּאַטריאָטען און האָבען מיט פייערדיגער באַגייסטערונג פאַר־טיידיגט די מלחמה, באַזונדערס געגען ענגלאַנד. זיי זיינען געווען זעהר נייגיריג צו וויסען, צי די צעפּעלינען האָבען אָפּט באַזוכט לאָנדאָן, און זיי האָבען זיך שטאַרק געפרעהט, ווען זיי האָבען גע־הערט וועגען די אָפּטע לופט־אַטאַקעס פון די דייטשען. א רויט־האָריגער מאָנאַך האָט מיר מיט טיפער אויפגעבראַכטקייט דער־צעהלט, אז די ענגלענדער האָבען אָפּגעפאַרבט די „קאַלקאָנדאַ“ — דאָס איז געווען דער נאָמען פון דער שיף וואָס האָט די לייט גע־בראַכט קיין איירָאפּא — ווי א הילפס־קרייצער. צוערשט בין איך געווען אונטער דעם איינדרוק, אז ער האָט דערמיט געוואָלט אנדיי־טען, אז די ענגלענדער האָבען אויף אזא'ן אופן געזוכט צו ציהען

די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשע סובמארינס אויף דער „קאַל־קאַנדא", כדי דאָס שיף זאָל געזונקען ווערן. אָבער דאָס איז ניט געווען דער פאַל. דער פרומער מאַן איז גאָר געווען אויפגעבראַכט איבער דעם וואָס די דייטשען, וועלכע האָבען לויט זיין מיינונג געקראָגען א ידיעה וועגען דער מאַסקירונג פון דער „קאַלקאַנדא", האָבען געשאַנעוועט פינף ביז זעקס ענגלישע שיפען, מורא האָבענדיג אז זיי קאָנען נאָך אומברענגען זייערע אייגענע לאַנדס־לייט.

אָט דער מאָנאַך איז איבעריגענס געווען א קאַפּיטעל פאַר זיך. שוין זיין גאַנצער אויסזעהן האָט אבסאָלוט ניט געמאַכט דעם איינדרוק פון א בעל־תשובה. אין די אָוונט־שטונדען פלעגט ער זיצען אויף זיין בעטעל, ארומגערינגעלט פון א געדיכטען קרייז פון נייגעריגע, וועמען ער פלעגט דערצעהלען אלערליי מעשיות, וועלכע האָבען שטענדיג ארויסגערופען א הילכענדען געלעכטער ביי זיינע צוהערער. איינמאָל האָט מיך די נייגעריגקייט געטריבען צוצוגעהן אומבאמערקטערהייט צו זיין קרייז, כדי צו הערען, וואָס ער האָט אייגענטליך געהאט צו דערצעהלען. צו מיין גרעסטער איבעראַשונג האָב איך אויסגעפונען, אז ער האָט אמוזירט די לייט מיט די געמיינסטע אויסגעלאַסענע געשיכטעס, אי דאָס אין א שפּראַך, וועלכע וואָלט געווען א גרויסער כבוד פאַר דעם מאַרקיז דע סאַד.

נאַטירליך איז אָט דער רויט־האָריגער מאָנאַך געווען אן אויסנאַהם אין זיין קרייז. אלע אנדערע פון זיינע שיקזאַלס־חברים האָבען זיך באַנומען זעהר ערנסט און ווירדיג, און מאַנכע צווישען זיי האָבען געהאט אין זיך עפּעס א מאָדנע פייערליכקייט, וואָס האָט אייך ווי פאַרטראָגען אין פרעמדע וועלטען. אומגעפעהר פערציג ביז פופציג פון די גלחים און אָרדענס־לייט פלעגען רעגעלמעסיג באַזוכען מיינע פאַרטראַגען. איך האָב אין יענער צייט געהאט אנגעפאַנגען א לענגערע סעריע פון פאָרטראַגען איבער דער סאָציאַלער ענטוויקלונג פון אייראָפּאַ נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דערביי האָב איך זיך ניט באַשרענקט בלויז אויף די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַרענדערונגען אין די איינצעלנע לענדער, נאָר איך האָב אין מיינע באַטראַכטונגען אויך איינגעפלאָכטען די פאַר־

שידענע פילאָזאָפישע און ליטעראַרישע שטרעמונגען פון יענער עפּאָכע. צופעליג האָט זיך געמאַכט, אַז איך האָב גראָד געהאַלטען דערביי צו באַהאַנדלען די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע און קאָמוּ־ניסטישע סיסטעמען אין פראַנקרייך, ווען די לייט פון אינדיען זיינען אָנגעקומען. איך האָב שוין געהאַט גערעדט איבער סען סימאָן און שאַרל פוריע און זייערע קרייזען, און איך האָב אַצונד געפּרואווט באַקענען מיינע צוהערער מיט די אידעען פון לערו און בישע, און דערביי האָב איך אויך ניט פאַרפעהלט זיך ברייטער אָפּ־צושטעלען אויף די סאָציאַלע שטרעבונגען און אויף דער מעכטיגער פּערזענליכקייט פון ל אַ מ נ ע. קענטיג אַז גראָד אָט די פאַר־טראַגען האָבען געהאַט אַ באַזונדער אינטערעס פאַר מיינע צוהע־רער. כ'האָב באַמערקט, ווי אייניגע פון זיי האָבען מיט חשק זיך געמאַכט נאָטיצען און זיך צוגעהערט מיט דער געשפּאַנטסטער אויפ־מערקזאַמקייט צו מיינע אויספיהרונגען.

צווישען מיינע דאַמאָלסדיגע צוהערער האָט זיך אויך געפונען אַ יעזואיטען־עלצטער, פּאַטער געבהאַרדט, וועלכער איז איין אָוועגט געקומען צו מיר אין ביוראָ, כדי זיך מיט מיר נעהנטער צו באַקע־נען. פּאַטער געבהאַרדט איז געווען אַן אינטערעסאַנטע ערשיינונג. דער הויכער שטערן, די געדיכטע באָרד און דער עיקר די לעבהאַפ־טע, קלוגע אויגען, אין וועלכע ס'האָט צייטענווייז אויפגעבליצט דער פוקס, — דאָס אַלעס האָט דעם אויסזעהן פון'ם מאַן געגעבען עפּעס אויסערגעוועהנליך אָנציהענדעס. נאָך זיין ערשטען באַזוך פלעגט ער עפטערס קומען צו מיר. מיר האָבען קיינמאָל ניט גע־רעדט איבער רעליגיעזע פראַגען. קענטיג, אַז עס איז איהם פּשוט געגאַנגען אין דעם צו פאַרבריינגען מיט מיר. פּאַטער געבהאַרדט איז געווען אַ זעהר באַלעזענער מאַן און אַן אויסערגעוועהנליך אינ־טערעסאַנטער געזעלשאַפטער מיט אַ שאַרפען בליק וואָס איז ניט געווען פאַרוואָלקענט דורך זיין הויכער בילדונג. זיין אורטייל אי־בער זאַכען און מענשען פלעגט כמעט שטענדיג טרעפען אויף'ן ריכטיגען פלאַץ און זיין אויסגעצייכענטער הומאָר האָט זיינע מיי־נונגען געגעבען נאָך אַ באַזונדערן גוטען געשמאַק. ער האָט געלעבט

א לאנגע צייט אין אינדיען און איז געווען גרינדליך באקאנט מיט די סאציאלע פארהעלטענישען פון'ם לאנד, פון וועלכען ער האט גע־האט פיעל זעלטענעם צו דערצעהלען. מענשען פון זיין סארט זיינען אין דער געפאנגענשאפט געווען זעהר זעלטען, און עס האט מיר הארציג באנג געטאן צו פארלירען זיין געזעלשאפט, ווען ער האט זיך געמוזט שיידען פון אונז. ווי מאדנע דאס לעבען פיהרט צייטענווייז צונויף די מענשען. איך, דער אנארכיסט, און אט דער יעזואיטען־עלצטער — אין אונזערע לעבענס־אנשויאונגען און אי־דעען איבער וועלט און מענשען אפגעטיילט דורך אן אפגרונד איי־נער פון אנדערן—, און דאך זיינען אויך צווישען אונז געווען מענש־ליכע באריהרונגס־פונקטען, וועלכע מען ענטדעקט פיליכט בלויז אין דער געפאנגענשאפט.

דעם 20טען מאי איז פארגעקומען א גרויסע אויפרעגונג אין'ם באטאליאן. א גרופע מעכאניקער האבען נעמליך פלוצלינג געקריי־גען א באפעהל איינצופאקען זייערע זאכען, ווייל מען האט זיי געוואלט אריבערפיהרען אין אן אנדער לאגער. אזוי ווי איינינע פון זיי זיינען פריהער געשטאנען אין ענגער פארבינדונג מיט דעם טרויעריג־בארימטען דר. לייבראנד, זיינען אלע געפאנגענע אין לא־גער גלייך געווען איינינג, אז דאס נעמט מען די לייט צו מאכען אמוניציע־ארבייט פאר דער ענגלישער רעגירונג. די נאכריכט האט זיך פארשפרייט ווי א העליש פייער צווישען די געפאנגענע, און מען איז זיך צוזאמענגעלאפען פון אלע זייטען, אזוי אז די וואך האט שנעל געלאזט וויסען דעם קאמאנדיר, וועלכער איז גלייך נאכ־דעם געקומען מיט עטליכע אפיצירען אין באטאליאן. די מעכאני־קער האבען שוין געהאט איינגעפאקט זייערע זאכען, און צושראקענע האבען זיי זיך באהאלטען הינטער צוויי ענגלישע סאלדאטען, וועל־כע זיינען געקומען זיי באשיצען געגען דעם אנפאל. אבער דאס האט זיי ווינציג וואס געהאלפען, ווארים די אויפגעבראכטע לייט האבען אפגעשטופט די סאלדאטען אן א זייט און האבען זיך מיט ברענענדען צארן ארויפגעווארפען אויף די כלומר'שטע „פאררעטער“. איינעם פון זיי האט מען שטארק צושלאגען, און בלויז א דאנק דעם

וואָס עס איז געלונגען די סאָלדאַטען אריינצושטופען די אָנגע־גריפענע אין א קאָרידאָר, וואָס האָט געפיהרט צו דער וואך, איז עס ניט געקומען צו ערגערע רעזולטאַטען. ווען די געפאנגענע האָבען געזעהן, אז די חברה־לייט האָבען זיך אויסגעדרעהט פון זייערע הענט, האָט מען זיך א וואָרף געטאָן אויף זייערע זאכען און צוריסען אלעס אין שטיקער.

ענדליך האָט זיך דעם קאָמאַנדיר איינגעגעבען צו שאפען אבי־סעל רוה און ער האָט גערעדט געלאַסען און פארנינפטיג צו די אויפגערעגטע לייט. ער האָט זיי ערקלערט, אז מען וועט די מענשען ניט אוועקפיהרען אין אן אמוניציע־פאבריק, ווי זיי דענקען, נאר אין א נייע־ערעפענטען ארבייטס־קעמפ אין העקני וויק, וואו מען מאכט בלויז נעה־מאשינען. די געפאנגענע האָבען זיך אויך באַ־רוהיגט, הגם יעדער איינער איז געווען פעסט איבערציינגט, אז די געשיכטע מיט די נעה־מאשינען איז בלויז אן אויסרייד. און דאך האָט זיך שפּעטער ארויסגעשטעלט, אז דער קאָמאַנדיר האָט גע־זאָגט דעם אמת. די געפאנגענע זיינען פאקטיש אָפּגעפיהרט גע־וואָרן נאָך העקני וויק און זיי האָבען דאָרט פאבריצירט נעה־מאשי־נען. בלויז דער פאקט וואָס עטליכע פון זיי זיינען געווען אינטים באפריינדעט מיט לייבראַנד'ן האָט אויף זיי ארויפגעצויגען דעם פאַרדאַכט.

דעם 26טען מאי האָבען די צייטונגען געבראַכט באריכטען וועגען דער דעבאַטע אין ענגלישען פּארלאַמענט איבער דער גרויזאַמער לאַגע פון די ציוויל־אינטערנירטע אין רוהלעבען. אין זיין באריכט איבער די צושטענדען אין רוהלעבן האָט לאָרד ניוטאָן גאַנץ באַזונדערס באַטאָנט, אז עטליכע פון די אויסגעטוישטע ענגלענדער האָבען דאָרט פארלאָרן דעם פארשטאַנד. איך בין שטענדיג געווען פעסט איבערציינגט אין דעם, אז די לאַגע פון די ענגלישע ציוויל־געפאַנגענע אין דייטשלאַנד איז אויף קיין פאַל ניט געווען בעסער, איידער די אונזעריגע, ווי מען פלעגט אזוי אָפט ערקלערן אין לאַ־גער. דיזעלבע אורזאכען האָבען איבעראַל געמוזט ארויסרופען די־זעלבע ווירקונגען. די גאַנצע אינטערנירונג פון די ציוויל־לייט איז

געווען א גרויזאם פארברעכען, וואָס האָט דורך קיין שום זאך ניט געקאָנט גערעכטפארטיגט ווערן. אָבער עס וואָלט געווען פאלש אנ־צונעמען, אז אונזער לאגע איז געווען א בעסערע. זאָגאר דער פאקט, וועלכען לאָרד ניוטאָן האָט מיט רעכט אויף א באזונדערן אופן באַ־טאָנט, דער פאקט, אז די געפאנגענשאפט האָט איינצעלנע געפאנ־גענע געטריבען צו משוגעת, וואָלט אויך ביי אונז געקאָנט אויף א מורא׳דיגען אופן באוויזען ווערן דורך א גאנצע רייה פון פאלען.

בלויז עטליכע טעג פאר דעם, איידער לאָרד ניוטאָן האָט אָפּגע־געבען זיין באריכט אין פארלאמענט, האָט זיך איינער פון אונזערע מיטגעפאנגענע, א געוויסער מאכנער, איבערגעשניטען דעם האלז. דאָס איז געשעהן אין אָנפאל פון וואנזין, ווען דער מאן איז גע־לעגען אין שפּיטאָל. איך בין געלעגען גראָד אנטקעגען מאכנער׳ן, בעת איך בין געווען אין שפּיטאל, און איך האָב באמערקט, ווי ער פלעגט שטענדיג ליגען פארזונקען אין געדאנקען, ניט ארויסריידענ־דיג קיין וואָרט צו וועמען עס איז. זאָגאר זיין פרוי, וועלכע פלעגט איהם באזוכען, האָט קוים געקאָנט ארויסקריגען פון איהם עטליכע ווערטער. די אומגליקליכע פרוי האָט געשריבען עטליכע פאר־צווייפעלטע בריעף אין „וואר אָפּיס״, אין וועלכע זי האָט פאָרויס־געזאָגט, אז איהר מאן וועט באגעהן זעלבסטמאָרד. אָבער ווער האָט זיך געקימערט וועגען אזעלכע קלייניגקייטען אין אזא מורא׳דיגער צייט?

איך האָב פערזענליך בייגעוואוינט איבער א טוץ פאלען, ווען איינצעלנע פון מיינע מיטגעפאנגענע זיינען אראָפּ פון זינען און האָבען געמוזט אָפּגעפיהרט ווערן אין דול־הויז, אָבער דאָס איז שטענדיג געשעהן ערשט דאַן, ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט. יאָ, ס׳איז פאָרגעקומען מעהר ווי איין מאָל, אז מען האָט אונז נאָך עטליכע וואָכען צייט צוריקגעשיקט דיזעלבע משוגעים אין לאַגער. ס׳איז געווען שרעקליך צוצוקוקען, ווי דער פארשטאנד האָט זיך ביי איינצעלנע פון מיינע ליידענס־חברים ביסלאכווייז פארוואָלקענט, ביז דער וואנזין האָט ענדליך איין שענעם טאָג אויפגעפלאקערט אין זייער אָרעמען מוח.

דאַ זיינען בלויז עטליכע פאַלען:

אין באַטאַליאָן „איי" האָט זיך געפונען אַ שיפּס־קאַפּיטאַן מיט'ן נאָמען קויפמאַן, אַ מאַן פון אומגעפער פערציג יאָהר. דער מאַן איז געווען פולשטענדיג נאָרמאַל, ווען ער איז געקומען צו אונז. אָבער פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן זיך גריבלען אין זיך און ריידען אומ־זין, וואָס האָט אין אָנפאַנג בלויז אַרויסגערופען דעם שפּאָט פון זיין קרייז, ביז דער וואַנזין האָט זיך ענדליך מאַניפעסטירט ביי איהם אין דער עפענטליכקייט. אַלע פאַרזוכען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן צו דערוויייטערן דעם מאַן פון'ם לאַגער, זיינען צונישט גע־מאַכט געוואָרן דורך דעם ווידערשטאַנד פון'ם ענגלישען דאָקטאָר. ביז עס איז ענדליך געקומען אַזוי ווייט, אַז דער אומגליקליכער האָט פאַר דעם גאַנצען באַטאַליאָן אין די אויגען געטריבען אָנאַניזם און אַראָפּגעשלונגען זיין אייגענעם זאַמען. ערשט דאַן האָט מען דעם מאַן אָפּגעפיהרט אין אַ משוגעים־הויז, וואו ער איז אין אַ פּאָר מאָנאַט אַרום געשטאָרבען.

אַן אַנדער פאַל: ביי אונז אין באַטאַליאָן האָט זיך געפונען אַ געוויסער באָנזעל, אַ מאַן פון אומגעפער צוויי און פופציג יאָהר. ס'איז געווען אַן אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וועלכער פלעגט רעגעלמעסיג באַזוכען מיינע פּאַרטראַגען, און אַזוי בין איך מיט איהם נעהנטער באַקאַנט געוואָרן. באָנזעל איז געווען דער טיפּ פון אַן אינטעליגענטען אַרבייטער, וועלכער האָט גענוי געוואוסט, וואָס ער האָט געוואָלט. כ'האָב מיט דעם מאַן פאַרבראַכט מאָנאַטען־לאַנג, אָהן דעם אַז עס זאָל מיר האָבען אויפגעפאַלען די קלענסטע קליי־ניגקייט וועגען איהם. ביז איך האָב איין טאָג באַמערקט, אַז באָנ־זעל איז אָפּט געזעסען שטונדען־לאַנג אויף זיין בעטעל און האָט זיך געגריבעלט אין זיך. דאָס איז שטענדיג געווען אַ שלעכטער צייכען, און איך האָב איהם עטליכע מאָל געפרעגט, וואָס איהם איז געשעהן, אָבער ער האָט מיר געענטפערט מיט אַ האַלבען מויל און צייטענווייז זאָגאַר אַביסעל בייזלאַך. איין אָווענט — מיינע מיט־געפאַנגענע זיינען שוין געווען אין די בעטען, און איך בין נאָך געזע־סען ביי מיר אין ביוראָ, לעזענדיג אַ בוך — איז באָנזעל פּלוצלינג

ערשינען פאַר מיר. זיינע אויגען האָבען שרעקליך געברענט און זיין געזיכט איז געווען בלייך ווי קאַלך.

„וואָס איז איך, באַנזעל?" האָב איך געפרעגט אביסעל דער־שראָקען, וואָרים איך האָב גלייך אויף'ן ערשטען בליק דערזעהן, אז עפּעס איז מיט איהם ניט געווען אין אָרדנונג.

דאָ האָט ער אָנגעהויבען וואויען ווי א קראַנקע חיה און האָט געזידעלט זיין פרוי מיט די שמוציגסטע ווערטער. ער האָט ער־קלערט גאַנץ פעסט און זיכער, אז זי פיהרט ליעבעס מיט די ענגלי־שע אָפיצירען אין „פּעלעס", און האָט געמאַכט אַלערליי ווילדע סטראַשונקעס. איך האָב זיך געגעבען די גרעסטע מיה איהם צו בארוהיגען, וואָס עס איז מיר ענדליך אויך געלונגען. ער איז דאַן געוואָרן שוואַך ווי א קינד און די טרערען האָבען איהם געפּלאָסען פון די אויגען.

ווען זיין פרוי איז ווידער געקומען צו איהם אויף באזוך, בין איך עקסטרא געגאַנגען פאָרויס, כדי זיך מיט איהר צו באַקענען. איך האָב געפונען אן אָרעמע, אויסגעמאַרעטע פרוי, פון וועמען די מורא'דיגע נויט האָט ארויסגעשריען אויף שריט און טריט. ניין, אַט די פאַר דער צייט פאַרוועלקטע פּראָלעטאַריער־פרוי האָט ווירק־ליך ניט אויסגעזעהן אזוי, ווי זי וואָלט געפיהרט געהיימע ליעבעס. איך האָב זיך ביי איהר נאָכגעפרעגט וועגען איהר מאַן. דאָ זיינען איהר די טרערען געקומען אין די אויגען, און זי האָט מיר מודה געווען, אז זינט די לעצטע מאָנאַטען באגעהט ער זיך געגען איהר זעהר בייז, באזונדערס ווען עס טרעפט איהר, אז זי קומט אביסעל צו שפּעט.

„און דאָך איז דאָס ניט מיין שולד," האָט די אָרעמע פרוי גע־וויינט. „פון אונזער הויז קאָסט דאָס פאָהרען פיער פּענס, און איך קאָן אזויפיעל ניט אויסגעבען. איך בין אָפט געצוואונגען צו געהן א טייל פון'ם וועג צופוס. דערפאַר קום איך צייטענווייז צו שפּעט."

ס'האָט מיר טיף אין דער נשמה וועה געטאָן פאַר דער אָרעמער פרוי. ווען די באזוך־צייט איז פאַרביי, האָב איך געשיקט רופען באַנזעל'ן און געהאַט מיט איהם אן ערנסטען געשפּרעך. כ'האָב

איהם געזאָגט גלייך אין פנים אריין, אז עס איז געמיין פון איהם אויף אזא אומ׳ברחמנות׳דיגען אופן צו פאַרדעכטיגען זיין אָרעמע פרוי. ער האָט מיך שטילערהייט אויסגעהערט און געוויינט ווי א קינד. איך האָב גענומען ביי איהם א צוזאַג, אז ער וועט זיין פרוי גוט באהאנדלען. ער האָט מיר אָנגענומען ביי דער האנד און גע־בעטען איך זאָל איהם פארצייהען. אזוי זיינען ווידער אריבער עטליכע וואָכען.

אבער איין אווענט איז ער ווידער אמאָל אריינגעפאלען צו מיר אין ביורא. ער האָט געקייכט פאר צאָרן, און דער שוים איז איהם געלאָפען פון מויל.

„וואָס איז געשעהן, באָנזעל?“ האָב איך אויף איהם א געשריי געטאָן.

דאָ האָט ער מיר מיט א הייזעריגער שטימע דערצעהלט, אז ער האָט נאָר וואָס געזעהן, ווי זיין פרוי איז דורכגעגאנגען דורך׳ן לאגער, געאָרעמט מיט אן אָפיציר. ביי זיין בעט האָבען זיי זיך ביידע אָפּ־געשטעלט אויף א רגע און האָבען איהם אויסגעלאכט.

„אָבער דאָס איז דאָך אַלעס אומזין!“ האָב איך געשריען אויף איהם. „דאָס האָט זיך אייך נאָר גע׳חלומ׳ט!“

אָבער ער איז באשטאנען אויף זיין טענה, און עס האָט מיר גענומען וועניגסטענס צוויי שטונדען, ביז איך האָב איהם ווי עס איז בארוהיגט.

אויף מאָרגען אין דערפריה האָט באָנזעל געפעהלט ביי דער צעהלונג. דער סארדזשענט האָט איהם געפונען איינגעקנורעט אין א ווינקעל און האָט עס געמעלדעט דעם קאָמאנדיר. איך האָב דעם אלטען ערקלערט, אז דער מאן איז קראנק און איהם דערצעהלט וועגען מיין ערפארונג מיט איהם. דער קאָמאנדיר האָט געגעבען א באפעהל, מען זאָל דעם מאן נעמען צום דאקטאר פאר אן אונ־טערזוכונג. מען האָט עס געטאָן. אבער דר. מאָפארד האָט ער־קלערט, אז באָנזעל מאכט אויף איהם דעם איינדרוק פון אן איינ־געפרעסענעם אנאָניסט, וועמען עס וועט אבסאָלוט גאָרנישט שאָדען, ווען מען וועט איהם באשטראָפען. אין עטליכע טעג ארום האָט דער

מאַן געקריגען אַנפאַלען פון משוגעת און מען האָט איהם אויף גיך געמוזט אוועקשיקען אין א דול הויז, וואו ער איז געשטאָרבען.

נאָך א פאַל: איין טאָג איז צו מיר אין ביוראָ געקומען א געוויסער גראַיל, א שטילער, רוהיגער מענש, וואָס האָט קיינעם ניט באַלעסטיגט. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אן אייגענטימליכען בליק און מיר געבעטען, איך זאָל זעהן מען זאָל ניט אוועקרויבען ביי איהם זיין קינד. אויף מיין ערשטוינטער פראַגע, וועגען וואָס עס האנדעלט זיך דאָ, האָט ער מיר דערצעהלט, אז ער איז לעצטע נאַכט געווען אין גיהנום. דאָרט האָט ער געזעהן טויזענטער פּיראַ־מידען, אויפגעבויט פון לאַכענדיגע טויטען־שאַרבענס. פון די ליידיגע אויגען־לעכער האָבען אָהן אויפהער ארויסגעשפּריצט בלויע פונקען. פּלוצלינג האָט זיך ביי א ים פון בלוט באַוויזען פאר איהם דער טייוועל און האָט איהם דערלאַנגט א גליהענדען לעפעל. אָבער ער האָט זיך ניט פארברענט די האנד, ווייל ער האָט דריי מאָל ארויס־געזאָגט דעם נאָמען יעזוס. איצט האָט ער פון דער ביבעל דערזעהן, אז דער טייוועל וויל ביי איהם צונעמען זיין איינציג קינד.

אין א פּאָר טעג ארום האָט מען דעם מאַן אָפּגעשיקט אין משוגעים־הויז. וואָס פון איהם איז געוואָרן, איז מיר אומבאַקאַנט.

עס וואָלט פאר מיר געווען די לייכטסטע זאַך דאָ צו ברענגען נאָך א טוץ אנדערע פאַלען. אָבער וואָס פאר א צוועק וואָלט עס געהאַט? ס'איז געווען שרעקליך צוצוקוקען, ווי א מענש ווערט טריט ביי טריט געטריבען דעם וואנזין אין די אָרעמס, אָהן דעם אז מען זאָל קאָנען טאָן דאָס מינדסטע דאגעגען. א מורא'דיג געפיהל פּלעגט מיך דורכנעמען יעדעס מאָל, ווען איך האָב אויף דעם אופן געקאָנט צוזעהן, ווי א פארשטאַנד ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר אויסגעלאָשען. דאָס איז געווען איינע פון די שווידערליכסטע ערפאַרונגען פון מיין לעבען. אין אנדערע צייטען וואָלטען אָט די זאַכען אויפגערודערט א גאנצע וועלט, אָבער ווער האָט זיך דער־מאָלט געקימערט וועגען דעם, ווען ס'האָט אויסגעזעהן אזוי ווי די גאנצע מענשהייט וואָלט פארלוירען דעם פארשטאַנד, און די צייט איז געשטאַנען אין צייכען פון'ם רויטען וואנזין?

קאפיטעל 17

די געלע העצערײ און די געפאַנגענע

די ידיעה װעגען לאָרד קיטשנער׳ס טױט — אונזערע ערפאַרונגען מיט דער אמעריקאַנישער געזאַנדשאַפט — מר. באָס׳ ארטיקעל אין דעם „װיקלי דיספּעטש — די װירקונג פון דער צײטונג־העצערײ אויף די געפאַנגענע — טהאָמאַס קיעל ארעסטירט — שאפּיראָ, ל. און לענאָבל פאר׳ן געריכט — דער „ארבײטער פרײנד” מוז זיך אָפּשטעלען — מײן פרױ ארעסטירט — זעלען־מאַטערניש — געפאַנגענע מיט דײטשע פרױען אָדער אזעלכע פון נײטראַלע לענדער מוזען אריבער אויף דער „איל־אָף־מען” — מורא׳דיגע סצענעס — מילי פאַר דער אדװײזאָרי קאָמיטע.

דעם 7טען יוני נאָכמיטאג האָט זיך צװישען די געפאנגענע פארשפּרײט די נאָכריכט װעגען קיטשנער׳ס טױט און איז מיט א בליץ־שנעלקײט דורכגעלאָפען דורך׳ן גאַנצען לאַגער. אין אָנפאנג האָט מען גאָר ניט געװאָלט גלױבען אין דעם, נאָר שפּעטער, װען אין לאַגער זײנען אָנגעקומען עטליכע אָװענט־צײטונגען, װעלכע האָבען אין קורצע נאָטיצען באַשטעטיגט דעם פאקט, אז לאָרד קיטשנער האָט געפונען זײן טױט, װען זײן שיף איז אונטערגעגאַנגען מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט אויף א רײזע קײן רוסלאנד, דאַן איז איבער די געפאנגענע געקומען אַן אײגענארטיגע שטימונג, װעלכע ס׳איז ניט לײכט אָנצורופען בײם נאָמען. אין „סי” האָבען די הורא־פּאַטריאָטען געװאָלט מאכען א מאניפעסטאציע, אָבער זי איז דערשטיקט געװארן פון די איבעריגע געפאנגענע נאָך אײדער זי האָט זיך אָנגעהויבען. ס׳איז ניט געװען די פרײד, װאָס דער מאַן

האט געפונען זיין טויט, וועלכע האט די מענשען באזעלט, ניין, ס'איז געווען דאס אומגעהייערליכע פון דער פאסירונג גופא, וואס האט געפאנגען אלע הערצער און גאר ניט צוגעלאזען קיין אנדערע געפיהלען. מען איז געווען ווי פאראליזירט אונטער דער גרויסקייט פון דער געשעהעניש, וועלכע די פאנטאזיע פון די געפאנגענע האט נאך וואונדערליכער אויסגעמאלט, ווי זי האט געקאנט זיין אין דער ווירקליכקייט. ערשט אויף מארגען, ווען מען האט געלייענט די צוגעפראוועטע באריכטען אין די צייטונגען, וועלכע האבען געבראכט גענויערע איינצעלהייטען, אזוי ווייט ווי די מיליטער־צענזור האט זיי ניט אונטערדריקט, — ערשט דאן איז די שפאנונג ביסלאכוויז פארשוואונדען, און מען האט זיך גענומען מאכען אלערליי השערות. און גאר פון זיך אליין האבען זיך פארשפרייט די וואונדערליכסטע קלאנגען, וואס קיינער האט ניט געקאנט דערגעהן פון וואנען זיי האבען זיך גענומען. מערקווירדיגערוויז זיינען אלע געווען אונטער דעם איינדרוק, אז דער קריג קאן שוין אצונד ניט לאנג אנהאלטען. א פלוצלינגע האפנונגס־פרייד האט זיך פארשפרייט אין גאנצען לאגער און דורכגענומען די הערצער מיט מאכט. יעדער טאג האט געבראכט א נייעם קלאנג. אזוי האט מען געוואלט האבען, אז די שווייץ האט שוין מיט ערפאלג אנגעפאנגען צו פארמיטלען צווישען די פיינדליכע מעכטע. מען האט דאס אלעס געוואוסט פון „גאנץ זיכערע קוואלען", און, וואס איז געווען די הויפטזאך, מען האט עס געגלויבט. די מענשען האבען געוואוסט, אז לארד קיטשנער איז געווען דער ארגאניזאטאר פון'ם קריג אין ענגלאנד. מחמת דעם האבען זיי גערן געגלויבט, אז עס וועט זיך ניט געפינען קיינער וואס זאל קאנען פארנעמען זיין פלאץ. און אויף אט דער פוסטער השערה האבען זיי באגרינדעט זייער גאנצע האפנונג. בלויז גאנץ וועניגע האבען געהאט אן אהנונג, צוליעב וואס אט די מלחמה איז סוף כל סוף אנגעפיהרט געווארען, און אט די וועניגע האבען אויך געוואוסט, אז דער פארלוסט פון איין מאן האט די פראגע ניט געקאנט לייזען. — ערשט ביסלאכוויז איז ווידער פארשוואונדען די האפנונג, מאכענדיג פלאץ פאר א מאטע־

רענדער אומזיכערקייט, און די אלגעמיינע שטימונג איז געוואָרן אומעטיגער און אומעטיגער.

עטליכע טעג נאָכדעם ווי עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגען קיטשנער'ס אונטערגאנג זיינען געקומען אייניגע האָלענדישע זשור־נאַליסטען באקוקען דעם לאַגער. צו מיין איבעראשונג האָב איך צווישען זיי דערקענט א געוויסען י. סאמסאָן, א געוועזענער אנאר־כיסט, וועלכער איז געווען איינער פון די הויפט איניציאטאָרם פון'ם אינטערנאַציאָנאַלען אנארכיסטען־קאָנגרעס אין אמסטערדאם (1907), וואו איך האָב זיך מיט איהם פערזענליך באקענט. כ'האָב געקאָנט מערקען אָן איהם, אז אונזער באגעגעניש אונטער אזעלכע מערקווירדיגע אומשטענדען איז איהם ניט געווען באזונדערס אנ־גענעם. ער האָט אויסגעדריקט זיין באפרידיגונג איבער דעם, וואָס די ענגלישע רעגירונג באהאנדעלט אונז מיט אזויפיעל איינזעהן, און ער האָט געדענקט, אז מיר דארפען זיך דאָ אייגענטליך פיהלען גאַנץ גוט. איך האָב איהם געענטפערט איראָניש, אז ער זאָל אקאָרשט פרוואווען בלייבען דאָ א מאָנאט צייט, וועט ער פילייכט האָבען אָן אנדער מיינונג וועגען דעם. דער צענזאָר פון „סי", וועל־כער האָט באגלייט די זשורנאליסטען, האָט מיר צוגעוואָרפען א מאָרנעם בליק פון דער זייט, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט. אָבער הערר סאמסאָן האָט זיך האסטיג אָפּגעזעגענט מיט מיר, כדי צו מאכען א סוף צו דער אומבאקוועמער סיטואציע.

דעם 15טען יוני האָט אונז באזוכט דער אמעריקאנער אמבא־סאדאר דר. פּיידזש בכבודו ובעצמו, און מיר האָבען געהאט די מעגליכקייט צו ריידען מיט איהם עטליכע שטונדען צייט. מיט אונזער אזויגערופענער פארטרעטונג איז עס געשטאַנען שלעכט. מיר האָבען, אמת, געוואוסט, אז די אמעריקאנער געזאנדשאפט האָט איבערגענומען די פארטרעטונג פון אונזערע אינטערעסען, אָבער ביז יאנואר 1916 האָבען מיר גאָרנישט געמערקט דערפון. אין פארלויף פון דער גאנצער מורא'דיגער צייט אין דער אָלימפּיא האָבען מיר ניט געהאט קיין מענשען, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאר אונז. אויך אין דער צייט וואָס מיר זיינען געווען אויף'ן „ראיאל

עדוואַרד" האָט אונז קיינער קיינמאָל ניט באזוכט, כדי זיך צו ער־קונדיגען איבער אונזער לאַגע. ערשט נאָכדעם ווי מיר זיינען שוין געווען זיבען מאָנאט אין'ם „פעלעס", האָט אונז א פארטרעטער פון דער אמעריקאנער געזאנדשאפט אין לאָנדאָן אָפּגעשטאַט א באזוך, אבער דאָס איז געשעהן ערשט נאָכדעם ווי מיר האָבען עס געבעטען דורך א בריעף. שפּעטער האָט מען אונז געזאָגט, אז פארטרעטער פון דער געזאנדשאפט האָבען שוין פריהער צוויי מאָל אָפּגעשטאַט באזוכען אין'ם לאַגער, אָבער מען האָט אונז וועגען דעם ניט גע־לאָזט וויסען, און קיינער פון אונז האָט ניט געהאט די מעגליכקייט צו קאָנען זעהן די הערן און ריידען מיט זיי.

אין דעצעמבער 1915 האָבען מיר קורץ צוזאמענגעפאסט אונ־זערע טענות און קריוודעס אין א בריעף און עס אװעקגעשיקט אין דער אמעריקאנער געזאנדשאפט. מיר האָבען דאָרט הויפּטזאכליך דערמאָנט די „קאַנטין"־פראגע, די באזוכען, די אומגלויבליכע פאר־שלעפונג פון אונזער קאָרעספּאָנדענץ, די קלעגליכע צושטענדען אין'ם שפּיטאָל, די מאנגעלהאפטע ערנעהרונג פון די געפאנגענע, דעם פארבאָט צו קריגען וויסענשאפטליכע ביכער א. א. וו. צום שלום האָבען מיר אויסגעדריקט די האָפנונג, אז מיר וועלען אין דער צוקונפט האבען רעגעלמעסיגע באזוכען פון פארטרעטער פון דער געזאנדשאפט, כדי צו קאָנען אויסווירקען א פארבעסערונג פון אונ־זער אלגעמיינער לאַגע.

דערויף האָבען מיר פון דער אמעריקאנער געזאנדשאפט גע־קריגען א בריעף, וואָס האָט געטראָגען דעם דאַטום פון'ם 26טען יאנואר 1916 און איז געווען אונטערגעשריבען פון מר. עדוואַרד ג. לאָנג. אין דעם דאָזיגען אייגענארטיגען דאָקומענט האָט מען אונז אין קורצען מיטגעטיילט, אז אלע אונזערע טענות און תביעות זיינען פארגעלעגט געוואָרן פאר דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע האָט זיי אָפּגעזאָגט. קיין איין איינציגער פונקט איז ניט ענטשידען געוואָרן פאר אונזער טובה. זאָגאר די אָפענע עקספּלואַטאַציע פון די געפאנגענע דורך א פּריוואַט־קאָמפּאַניע ווי דער „אלעקסאנדרא פּעלעס טראָסט" איז גערעכטפארטיגט און גוטגעהייסען געוואָרן.

אבער דאָס טרויעריגסטע איז געווען, וואָס אורטיילענדיג לויט דעם קאלטען, געשעפטסמעסיגען טאָן פון׳ם בריעף האָט מען געמוזט אננעמען, אז די אמעריקאנישע געזאנדשאפט אליין איז איינשטימיג מיט דער אויפפאסונג פון דער ענגלישער רעגירונג. מכח דער האָפ־נונג וואָס מיר האָבען אויסגעדריקט וועגען רעגעלמעסיגע באזוכען פון פארטרעטער פון דער געזאנדשאפט, איז אין דעם בריעף קיין ווארט ניט דערמאָנט געוואָרן.

דאָס איז געווען א ביטערע ענטוישונג נאָך די אלע מאָנאטען, אין וועלכע מען האָט זיך קיינמאָל וועגען אונז ניט געקימערט. אָט דער איינדרוק איז נאָך פארערגערט געוואָרן דורך די באריכטען אי־בער די באָמיהונגען פון דעם אמעריקאנער אמבאסאדאר אין בער־לין פאר די אינטערנירטע ענגלישע ציוויל־געפאנגענע, וועלכע זיי־נען גראָד אין יענער צייט פארעפענטליכט געוואָרן אין דער ענגלי־שער פרעסע. אזוי האָט, צום ביישפיל, די „מאָרנינג פאָסט“ דעם 8טען פעברואר 1916 געדרוקט פאָלגענדעס: „מר. דזשעראַרד, דער אמעריקאנער אמבאסאדאָר, האָט זיכער ניט געזשאלעוועט קיין מיה אין זיינע פארזוכען צו קריגען אינפאָרמאציע פון דער ערשטער האנד איבער די צושטענדען פון די געפאנגענע. ביז אָנהויב דע־צעמבער (1914) האָט ער אָפגעשטאַט צעהן פערזענליכע באזוכען אין דעם לאַגער פון די ציוויל־געפאנגענע אין רוהלעבען. אין אוי־גוסט (1915) איז ער געבליבען פיער טעג נאָכאנאנד אין לאַגער און האָט געגעבען יעדען איינעם פון די פינף טויזענד ענגלישע געפאנ־גענע, וואָס האָט עס נאָר געוואונשען, די געלעגענהייט צו קאָנען ריידען מיט איהם פערזענליך. אויסערדעם האָבען די קאַפּיטאַנען פון רוהלעבען וועניגסטענס איין מאָל אין דער וואָך קאָנפערירט מיט איהם אין דער געזאנדשאפט אין בערלין“.

ס׳איז געווען קלאָר, אז די געפאנגענע האָבען זיך געמוזט פיה־לען זעהר דערשלאָגען, ווען זיי האָבען געלייענט אָט די באריכטען אין די צייטונגען. אונזערע באטאליאָן־פיהרער האָבען ניט בלויז ניט געהאט קיין געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט׳ן אמבאסאדאר ביי איהם אין הויז, כדי אומגעשטערט זיך דורכצוריידען מיט איהם,

מיר האָבען זאָגאר ניט געקאָנט אָפּשיקען קיין בריעף צו דער געזאנדשאפט, אָדער קריגען פון דאָרט א בריעף, וואָס איז ניט אפריהער געעפענט און געלייענט געוואָרן פון׳ם קאָמאנדיר. ביז דעם באזוך פון מר. פיידזש האָבען מיר דריי מאָל געהאט די געלעגענהייט אויפצונעמען פארטרעטער פון דער אמעריקאנער געזאנדשאפט. ביי די צוויי ערשטע באזוכען זיינען די גאנצע צייט אנוועזענד געוועזען באאמטע פון דער ענגלישער מיליטער־פאַרוואלטונג. ערשט דאַן, ווען מיר האָבען אין א בריעף צו דער געזאנדשאפט אויפגעהויבען א פּראָטעסט געגען אָט דער זעהר מאָדנער געוואוינהייט, האָבען מיר ביים דריטען באזוך געקאָנט בלייבען אליין מיט דעם פארטרעטער פון דער געזאנדשאפט. דערביי האָט זיך אָפּגעשפּילט אן אינטערעסאנטע פּאסירונג. ווען מיר, די פארטרעטער פון די געפאנגענע, האָבען פארלאָזען דעם יאפּאנישען טעמפּעל, וואו די באזוכען פלעגען יעדעס מאָל פאָרקומען, האָבען מיר הינטער דער דינער ברעטער־וואַנט באמערקט דעם צענזאָר וו., וועלכער איז שנעל אנטלאָפען, ווען ער האָט אונז דערזעהן. קענטיג, אז ער איז די גאנצע צייט געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט, א ראָלע, וואָס האָט געוויס ניט פארגרעסערט זיין פּאָפּולאריטעט, וועלכע איז שוין אזוי אויך געוועזען נול. ווען מען האָט איהם באלד נאָכדעם איבערגעשיקט אין א מיליטער־לאַגער אין נאָרד־פראנקרייך, איז דער גאנצער לאַגער געוועזען מלא שמחה וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון א צרה.

אין מערץ האָבען מיר געענטפערט אויף דעם ערשטען בריעף פון דער געזאנדשאפט און נאָך אמאָל באריכות ארומגערעדט אלע פּונקטען נאָך דער רייה נאָך. געהאָלפען האָט עס אונז ניט. אצונד, ווען דר. פיידזש אליין איז געקומען צו אונז, כדי צו דערגעהן וואס מיט אונז טוט זיך, האָבען מיר ווידער אמאָל באגרינדעט אונזערע טענות און קריוודעס אין אלע איינצעלהייטען. אבער געהאָלפען האָט אונז אויך דאס דאָזיגע ניט. אונזער לאַגע איז געבליבען אומפארענדערט, און אלע פארבעסערונגען, וועלכע מיר האָבען אין פארלויף פון דער צייט געהאט צו פארצייכענען, האָבען מיר מיט

אונזערע אייגענע כוחות געוואונען אדער צייטענווייז פשוט ארויס־געריסען.

דעם 20טען יוני האָט דער „וויקלי דיספעטש“ אָפּגעדרוקט א סענזאציאָנעלען ארטיקעל: „ביטערע קאָנטראסטען צווישען צוויי אינטערנירונגס לאגערען“, אין וועלכען עס זיינען געמאכט געוואָרען פארגלייכען צווישען דער לאגע פון די אינטערנירטע ענגלישע ציוויל־לייט אין רוהלעבען און די באדינגונגען, וועלכע מיר האָבען בלומר׳שט געהאט אין אלעקסאנדרא פעלעס. דער שרייבער איז געווען א געוויסער אלעקסאנדער באָס, וועלכער איז געווען אינטערנירט נייצעהן מאָנאט אין רוהלעבען און איז מיט א קורצער צייט פארדעם געהאט אויסגעטוישט געוואָרען קיין ענגלאנד. ס׳איז געווען א פינסטער בילד וואָס איז דאָ געמאָלט געוואָרען, א פינסטער בילד, אהן וואָס פאר עס איז ליכטיגע זייט. און דאָך בין איך איבערצייגט, אז דער שרייבער האָט די זאכען אזוי געשילדערט, ווי ער האָט זיי אליין איבערגעלעבט און דורכגעליטען. ווער עס האָט ניט אליין איבערגעלעבט די שרעקען פון א יאָהרען־לאנגער אינטערנירונג, דער איז קוים אימשטאנד, זיך צו מאכען א ריכטיגען בילד פון דער לאגע.

אָבער הערר באָס איז געגאנגען ווייטער. ער האָט געצויגען פאראלעלען צווישען אונזער בלומר׳שטען וואויל־לעבען און דער טרויעריגער לאגע פון זיינע לאנדסלייט אין רוהלעבען. לויט זיין באשרייבונג האָבען מיר זיך געפונען אין א גן עדן, און ס׳האָט אונז בלויז געפעהלט די מתנה פון אומשטערבליכקייט, כדי אונזער גליק זאָל זיין פולשטענדיג. מר. באָס האָט דערצעהלט, אז איינער פון אונזערע מיטגעפאנגענע האָט ערקלערט, אז ער וויל מעהר ניט צוריקפאָהרען קיין דייטשלאנד, אפילו ווען מען גיט איהם פיער טויזענט פונט סטערלינג א יאָהר. לויט זיין באהויפּטונג איז יעדער איינער ביי אונז אין לאגער געווען אימשטאנד דורך די גוטע פארדינסטען וואָס ער האָט געהאט אין לאגער, זיך אָפּצושפּאָרען א היבשע סומע. וואָס האָט איהם געזאָלט גוט צוניץ קומען שפּעטער

ביי זיין צוריק־קעהר אין'ם ציוויל־לעבען. פון וואנען אט די פאר־דינסטען האבען זיך גענומען, דאס האט הערר באס יעדענ־פאלס ניט אנגעגעבען. עס זיינען געווען ביי אונז איינצעלנע בעל־מלאכה'ס, דער עיקר שניידער, וועלכע האבען פון צייט צו צייט געקאנט פארדינען עפעס, אבער זייער צאהל איז געווען אזוי קליין, אז זי האט ניט באטראפען קיין האלבען פראצענט פון'ם לאגער. די מעהרסטע אנגאבען איבער די פארהעלטענישען אין דעם „פעלעם" זיינען געווען אדער בייזוויליגע אונטערדריקונגען פון'ם אמת אדער איינפאכע ערפינדונגען, וועלכע מר. באס האט זיך אויסגעזויגען פון'ם פינגער, ווי צום ביישפיל זיין באהויפטונג, אז יעדער פון אונז איז געווען פארזארגט מיט אן אייזערן מיליטער־בעטעל, און נאך אזעלכע זאכען. דערביי איז דער גאנצער ארטיקעל פול געווען מיט די משונה'דיגסטע ווידערשפרוכען. פון איין זייט האט הערר באס געטאנצט פאר שמחה איבער דעם, וואס אין דייטשלאנד פעהלט אלצדינג, און פון דער אנדער זייט האט ער פארווארפען דער דייט־שער רעגירונג מיט זידעל־ווערטער דערפאר, וואס זי האט די גע־פאנגענע ניט צוגעשטעלט קיין זייף א. א. וו. ער האט דערצעהלט זיינע לעזער, אז דריי פערטעל פון די אינטערנירטע אין רוהלעבען האבען געקריגען פון ענגלאנד פעקלעך מיט לעבענס־מיטלען, ווייל אהן דעם וואלטען זיי געמוזט הונגערן. און באלד נאכדעם האט ער מיט טריאומף באריכטעט, אז די צאהל פון די פעקלעך, וועלכע דער איינצעלנער פון אונז האט ערהאלטען פון דייטשלאנד, איז זעהר קליין. „איינער פון די געפאנגענע אין אלעקסאנדרא פעלעם", האט געשריבען הערר באס, „האט געוויזען א ווורשט, וואס ער האט באקומען פון דייטשלאנד, און ער האט דאס אנגעגעבען אלס באווייז, אז עס קאן נאך אין דייטשלאנד ניט זיין אזא גרויסער מאנגעל אין לעבענס־מיטלען. ווען מען האט איהם געענטפערט, אז מען האט איהם פיליכט בלויז דערפאר געקאנט שיקען די ווורשט, ווייל דער געבער אליין האט זיך דערמיט ניט געטארט באנוצען פאר זיך, איז ער געווארן זעהר דערשלאגען". יעדענפאלס האט מר. באס באהויפטעט, אז צוליעב די אויסגעצייכענטע קעסט

וואָס מיר האָבען געקריגען, האָבען מיר זיך גאָר ניט גענייטיגט אין קיין פּעקלעך מיט לעבענס־מיטלען.

מען קאָן באַגרייפען, אַז אַ מאַן וואָס איז געווען אינטערנירט ניינצעהן חדשים צייט, האָט מיט רעכט געמוזט זיין פאַרביטערט. קיין זאַך רופט ניט אַרויס אַזויפיעל ביטערע געפיהלען אין דער מענשליכער נשמה ווי דאָס באַוואוסטזיין, אַז מען מוז אומשולדיגערהייט אַריבערטראָגען אומרעכט. אָבער פון מר. באָס' אַרטיקעל האָט ניט אַרויסגערעדט בלויז די ביטערקייט פאַר די דערליטענע אומרעכטען. נאָר פון יעדען זאַץ זיינעם האָט אַרויסגעלאַכט דער דזשינגאָ, וועמען עס פעהלט פולשטענדיג יעדע פאַרשטענדעניש פאַר פרעמדע ליידען, וועמען ס'איז גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז צווישען אונז און זיינע געפאַנגענע לאַנדסלייט אין רוהלעבען זיינען געווען טיפע מענשליכע באַריהרונגס־פונקטען, ניט קוקענדיג אויף אַלע נאַציאָנאַלע אונטערשידען. פונקט אַזוי ווי ער וואָלט איינער פון אונזערע הורא־פּאַטריאָטען געשריבען, ווען ער וואָלט געמאַכט פאַרגלייכען צווישען די פאַרהעלטנישען אין רוהלעבען און אין אַלעקסאַנדראַ פּעלעס, נאָר אין דעם פאַל וואָלט רוהלעבען, פאַרשטעהט זיך, געווען דער גן עדן.

אין דעם גאַנצען אַרטיקעל זיינען געווען בלויז צוויי פּונקטען, אין וועלכע הערר באָס איז אומבאַדינגט גערעכט געווען. ס'איז קיין שום ספק ניט, אַז די לאַגע פון אַלעקסאַנדראַ פּעלעס איז געווען אַסך שענער, איידער די לאַנדשאַפטליכע אומגעבונג פון'ם לאַגער אין רוהלעבען, ווי איך האָב זיך נאָך דער מלחמה אַליין מיט מיינע אייגענע אויגען געקאָנט איבערצייגען. אָבער זאָגאַר אין דעם דאָזיגען פאַל וואָלט זיך מר. באָס באַדאַרפט זאָגען, אַז די שענע לאַנדשאַפטליכע פּאָזיציע, אין וועלכער מיר האָבען זיך געפונען, איז דאָך בלויז געווען צו פאַרדאַנקען דעם צופאַל. קיין אַנדער לאַגער האָט זיך אין דעם פּרט ניט געקאָנט פאַרגלייכען מיט אונז. אָבער אין אַלעקסאַנדראַ פּעלעס האָבען געוואוינט בלויז קנאַפּע דריי טויזענד געפאַנגענע, בעת ווען די גרויסע מאַסע פון די אינטערנירטע דייטשען און עסטרייכער האָט געמוזט לעבען אין נאָקאָלאָ,

אויף דער „אייל־אף־מען“, וואו מען האט צוזאמענגעבראכט דריי־סיג טויזענט מענשען. עס וועט אבער קיינעם ניט איינפאלען צו זאגען, אז די לאנדשאפטליכע פאזיציע פון נאקאלא איז געווען רייצענדער ווי די פון רוהלעבען, גאנץ באזונדערס ניט אין פארלויף פון די לאנגעווינטער־חדשים, ווען די מענשען האבען געמוזט אויסשטעהן אלערליי צרות פון׳ם שטורמדיגען וועטער. און עס זיינען געווען אנדערע קעמפּס אין לאנדאן גופא, וואס זייער פאזיציע איז געווען אהן אן ערך ערגער, איידער די לאנדשאפטליכע לאגע פון רוהלעבען. ווער מען האט עס, צום ביישפיל, געקאנט ארויפקומען אויף׳ן זינען אפילו צו וועלען פארגלייכען רוהלעבען מיט דעם אינטערנירונגס־לאגער אין סטראטפארד?

נאך איין פונקט, אין וועלכען הערר באס איז גאר אהן א שום ספק גערעכט געווען: מען האט די געפאנגענע אין רוהלעבען ניט ערלויבט קיין באזוכען פון זייערע פאמיליעס ערשט ביז צוואנציג חדשים נאכדעם ווי די מלחמה האט אויסגעבראכען. דאס איז זיכער געווען א גרויזאמע האנדלונג, וואס איהר רשעות׳דיגקייט קאן נאר דער אפמעסטען, וועלכער איז אמאל געווען אין אן עהנליכער לאגע. ס׳איז געווען איינפאך א פארברעכען, וואס מען האט דא באגאנגען געגען שוצלאזע מענשען, א פארברעכען וואס האט דורך קיין שום זאך ניט געקאנט גערעכטפארטיגט ווערן. אבער ווען עס וואלט דעם הערר באס בלויז געגאנגען אין דעם אויסצוגעפינען דעם אמת, וואלט ער אויך דא געמוזט אנווענדען אן אנדער מאסשטאב. אמת טאקע, אז מען האט אונז אין ענגלאנד קיינמאל ניט פארלייקענט דאס רעכט אויפצונעמען באזוכען, הגם די באזוכען זיינען צייטענווייז פארגעקומען אונטער באדינגונגען, וועלכע האבען זיי גיכער געמאכט פאר א זעלען־מאטערניש, איידער אן ערהוילונג. אבער פון דער אנדער זייט דארף מען ניט פארגעסען, אז פאר דער אומגעהייערער מעהרהייט פון די אינטערנירטע האט דאס דאזיגע רעכט עקזיסטירט בלויז פאר׳ן פאפיר, ווייל זיי זיינען פראקטיש קיינמאל ניט געווען אימשטאנד זיך דערמיט צו באנוצען. אפילו קיין האלב פראצענט פון אונזערע אינטערנירטע לאנדסלייט אויף

דער „אייל־אָף־מען“ האָט ניט געקאָנט ווען עס איז דענקען דערפון אויפצונעמען באזונדער, ווייל זייערע פאמיליעס זיינען גאר ניט געווען בכוח אָפּצוגעבען די צייט און געפינען דאָס געלד וואָס איז נייטיג געווען דערצו. עס זיינען געווען טויזענטער געפאנגענע, וועלכע האָבען אין פארלויף פון דער גאנצער צייט וואָס די מלחמה האָט אָנגעהאלטען קיינמאָל ניט געזעהן זייערע פאמיליעס. באזונדערס די קלענערע קינדער זיינען אויף־דעם דאָזיגען אופן אין גאנצען פארפרעמדט געוואָרן צו זייערע פאָטערס.

דער ארטיקעל אין דעם „וויקלי דיספּעטש“ האָט ארויסגערופען א שטורם פון צאָרן אין׳ם גאנצען לאַגער. פאר די געפאנגענע האָט אָט דער לויב־געזאַנג וועגען אונזער כלומר׳שט גלענצענדער לאַגע געמוזט קלינגען ווי א גרויזאַמער שפּאָט, וועלכען זיי האָבען געמוזט נאָך טיפער פיהלען, ווייל זיי האָבען זיך ניט געקאָנט וועהרען געגען דעם. אָבער דאָס וואָס עס האָט די מענשען באזונדערס אויפגערעגט, איז געווען דער אומשטאנד, אז באַס האָט געמוזט האָבען געווען אין לאַגער, ווי עס איז גאנץ קלאָר געווען צו זעהן פון זיין ארטיקעל. באזוכען זיינען דאָך דאָ ניט געווען קיין זעלטענהייט, נאָר אין די מעהרסטע פאלען האָט מען ניט געוואוסט, וועגען־וועמען עס האנדעלט זיך. כדי די לייט איינ־צוגערמאַסען צו בארוהיגען, זיינען הוט, לום און איך זיך צוזאַמענגעקומען צו אן ערנסטער בעראַטונג. מיר האָבען אויסגעדריקט אונזער פּראָטעסט געגען די ליגענס און פאלשקייטען פון דעם הערר באָס אין א געמיינשאפטליכען בריעף צו דעם קאָמאנדיר, אין וועלכען מיר האָבען איהם אויפגעפאָדערט צו זעהן, אז מען זאָל אונז אין דער צוקונפט פארהיטען פון אזעלכע באזוכען, ווייל אויב ניט, קאָנען מיר ניט נעמען אויף זיך קיין שום פאראנטוואָרטליכקייט פאר די פאָלגען וואָס דאָס קאָן ברענגען. אונזער בריעף איז געווען געשריבען אין א גאנץ שארפען טאָן, פיללייכט אביסעל צו שארף אין אָנבאטראכט פון אונזער לאַגע אלס געפאנגענע. אָבער די אויפגעבראכטקייט, וועלכע האָט אין אונז געקאָכט, איז געווען אזוי שטארק, אז מיר האָבען ניט געקאָנט זיין אזוי פאָרזיכטיג און אָפּוועגען אונזערע ווערטער.

וועלכע זיינען איבעריגענס געווען בלויז דער אויסדרוק פון'ם אלגע־מיינעם געפיהל פון אונזערע מיטגעפאנגענע.

נו, האט דער צופאל געוואלט, אז גראד אין דעם טאג, ווען דער קאמאנדיר האט באקומען אונזער בריעף, איז איינער פון די גע־פאנגענע, א געוויסער קרעפקע, אנטלאפען פון אונזער באטאליאן. הגם די מיליטער־פארוואלטונג האט זיך געמוזט דערוויסען דערפון גלייך נאכדעם ווי דאס איז געשעהן, ווייל אין א האלבער שעה ארום האט שוין דער גאנצער לאגער געקאכט דערמיט, איז עס קרעפקע'ן דאך געלונגען זיך אויסצודרעהען און צו געפינען זיין וועג קיין דייטשלאנד. אויסער דעם קאפיטאן שמידט איז ער געווען דער איינציגער, וועמען דאס האט זיך איינגעגעבען, אבער דערפאר איז ער דאך, ווי יענער, אויך געווען א מאטראז. דער אלטער קאמאנדיר האט זיך צוליעב דעם געפונען אין א גאנץ מיאוס'ער שטימונג און איז ארומגעלאפען איבער'ן לאגער ווי א משוגענער. ווען ער האט איבערגעלייענט אונזער פראטעסט, האט ער אונז אלע דריי גלייך געשיקט רופען און האט זיך באנומען ווי א פאררריקטער. ער האט פון גארנישט געוואלט וויסען און ניט געוואלט הערען קיין טענות. ער האט אונז ערקלערט, אז אונזער בריעף איז אן אפענער בונט און אונז געסטראשעט מיט א קריגס־געריכט. דערויף האבען מיר איהם ערקלערט, אז אונטער אט די אומשטענדען קאנען מיר ניט פיהרען ווייטער די געשעפטען און באלד נאכדעם האבען מיר איהם שריפטליך צוגעשיקט אונזער רעזיגנאציע.

אויף מארגען האט אונז דער אלטער ווידער געשיקט רופען. דאס מאל האט ער זיך שוין געפונען אין א גאנץ אנדער שטימונג און האט זיך רוהיג צוגעהערט, ווען הוט און איך האבען איהם צו־גלידערט די איינצעלהייטען פון דער טרויעריגער געשיכטע און איהם ערקלערט, וואס פאר ווירקונגען אזעלכע ליגנערישע באריכטען מו־זען האבען אויף די געפאנגענע. ער האט אליין מיט שארפע ווער־טער אויסגעדריקט זיין אויפגעבראכטקייט איבער דעם ארטיקעל און האט אונז פארזיכערט, אז איידער באס האט באקוקט דעם לאגער האט ער געגעבען זיין עהרענווארט, אז ער וועט גארנישט פאר־

עפּענטליכען אין די ציימונגען. אָבער ער האָט געבראָכען זיין וואָרט. פון איהם אלס קאָמאַנדיר קאָן מען דאָך ניט פארלאַנגען ער זאָל זיך אריינלאָזען אין א פּאָלעמיק אין דער פּרעסע, שוין דערפאַר ניט, ווייל ער קאָן דאָס ניט טאָן אָהן דער ערלויבעניש פון זיינע עלצטע. אָבער ער האָט אונז צוגעזאָגט צו שרייבען צו מיידזשאָר לאַרקין אין קריגס מיניסטעריום און איהם ערקלערן די זאַך. דער־מיט איז דער אינצידענט געווען ערליידיגט. אָבער דאָס האָט אויך אויף ווייטער ניט געקאָנט פאַרהינדערן די העצערייען פון די ציי־טונגען, וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין באַשעפטיגען זיך מיט אונזער כלומר׳שטען וואוילטאָג און אויפגעפאָדערט די רעגירונג צו פאַרקלענערן די פּאָרציעס פון די „הונען“.

אָט די אומאויפהערליכע אָנגריפען אין דער פּרעסע האָבען פאַרביטערט די געפאַנגענע דאָס לעבען און זיי בסדר געהאַלטען אין א צושטאַנד פון נערוועזער שפּאַנונג. מיר ווייסען, וואָס פאַר א מורא׳דיגע ראָלע די טעגליכע ציימונגען האָבען געשפּילט אין אַלע ענטוויקלונגס־פאַזען פון דער מלחמה, ווי זיי האָבען פאַרגיפטעט אַלע ברונענס פון דער עפענטליכער מאָראַל און אָפּגעליגנערט און געפעלשט אַלע באַגריפען פון רעכט און גערעכטיגקייט. אָבער בלויז גאַנץ ווייניג מענשען קאָנען זיך מאַכען א באַגריף דערפון, ווי אזוי אָט די טעגליכע העצעריי האָט געווירקט אויף דעם געמיט־צושטאַנד פון די געפאַנגענע און זיי אונטערוואָרפען אונטער די ערגסטע זעלי־שע מאַטערנישען. מען מוז פּרואווען אריינגעהן אין דער לאַגע פון די אינטערנירטע. אָט די מענשען האָבען קיינעם קיין שום שלעכטס ניט געטאָן. יעדער פון זיי האָט געהאַט דאָס באַוואוסט־זיין פון זיין אומשולד און די געוויסהייט פון׳ם אומרעכט וואָס איז געגען איהם באַגאַנגען געוואָרן. מען האָט זיי אַרויסגעריסען פון׳ם קרייז פון זייערע פּאַמיליעס, זיי עקאָנאָמיש רואינירט און זיי אליין געמאַכט דאָס לעבען צו לאַסט. אָבער אויך אין זייער אומגליק האָט מען זיי ניט צורוה געלאָזט, נאָר מען האָט זיך אָהן אויפהער געראַיעט אין די וואונדען, וועלכע מען האָט זיי געמאַכט, און זיי טאָג־טעגליך פאַרוואָרפען מיט נייעם שמוץ. א געוועהנליכער פאַר־

ברעכער, ווען ער האט געקראגען זיין אורטייל, ווערט ניט מעהר באשמוצט, ווארים ס'איז א ניט־געשריבענער געזעץ פון דער מענש־ליכקייט, אז מען ווארפט ניט קיין שטיינער אויף אן אומגליקליכען, וועלכער קאן זיך מעהר ניט וועהרען. מיר אבער זיינען געשטאנען א ו נ ט ע ר דעם פארברעכער, און יעדע פרעס־היענע האט זיך אהן אויפהער געשארפט די ציינער אן אונזער אומגליק.

מען קאן זיך פארשטעלען, וואס די מענשען האבען געמוזט פיהלען, ווען די געלע פרעסע האט אויפגעפאדערט די ענגלישע פרויען פון דייטשע אינטערנירטע צו באווייזען זייער טרייקייט צו זייער געבורטס־לאנד דורכדעם וואס זיי וועלען זיך לאזען גט'ן פון זייערע מענער; ווען דיזעלביגע צייטונגען האבען באריכטעט, אז עס האט זיך צו דעם דאזיגען צוועק פארמירט א באזונדער פאראיין — יא, ווען פרויען, וועלכע זיינען געקומען באזוכען זייערע מענער, האבען זיי מיט טרערען אין די אויגען דערצעהלט, אז אויף'ן וועג, פאהרענדיג אין לאגער, זיינען זיי אפגעשטעלט געווארן פון אגענטען פון דעם דאזיגען פאראיין און אויפגעפאדערט געווארן זיך צו שיי־דען מיט זייערע מענער. און אט די זויבערע אגיטאציע איז מארא־ליש אונטערשטיצט געווארן זאגאר פון אזעלכע קרייזען, פון וועלכע מען האט אייגענטליך געדארפט ערווארטען אביסעל מעהר צוריק־געהאלטענקייט. אזוי האט אן ענגלישער ריכטער, לויט א באריכט אין „ריינאלדס ניוספייפער" פון'ם 13טען פעברואר 1916, ערקלערט אין א גט־קלאגע, אז „ס'איז איהם אוממעגליך צו פארשטעהן, ווי אזוי אן ענגלישע פרוי קאן הייראטען מיט א דייטש אדער אן עסט־רייכער".

ניט ווייט פון בלומסבורי סקווער איז געפונען געווארן דער צושניטענער קערפער פון א פרוי („וואוזען קיים"), אבער נאך איידער מען האט פעסטגעשטעלט, ווער דער מערדער איז געווען, האבען זיך איניגע צייטונגען ניט געשעמט צו שרייבען, „אז אין דער דארטיגער נאכבארשאפט נעמט מען אין אלגעמיין אן, אז דער פארברעכען איז באגאנגען געווארן פון וואס פאר עס איז דייטש, וועלכען די פאליציי האט נאך ביז איצט ניט אינטערנירט".

און דערצו זיינען נאָך געקומען די כמעט טעגליכע באריכטען וועגען דאס גרויסארטיגע לעבען, וואָס מיר האָבען געפיהרט. אונזער לאגער איז פאָרגעשטעלט געוואָרן אלס דאָס אמת'ע גאָלדענע לאנד. די באזונדערע פריווילעגיעס און פארגעניגענס, וועלכע א הייפעלע מענשען צווישען אונז האָבען זיך געקאָנט קויפען דורך זייער געלד, ווי צ. ב. ש. א טענים־פלאץ, וואָס דער „אלעקסאנדרא פּעלעס טראָסט" האָט אָפּגעגעבען עטליכע פארמעגליכע הערען פאר געצאָהלט, דאָס אלעס איז פון דער פרעסע גענעראליזירט און ארויסגעשטעלט געוואָרן געגען אונז. און דאָך האָט די ענגלישע פארוואלטונג צ ו ג ו ט געוואוסט, אז 99 פּראָצענט פון די געפאנגענע האָבען אפילו ניט געקאָנט חלום'ן פון אזעלכע זאכען, ווייל עס האָבען זיי געפעהלט די מיטלען צו קאָנען האָבען זאָגאר דאָס סאמע נייטיגסטע. כמעט אין יעדען נומער פון די פארשידענע צייטונגען האָט מען געלייענט איבערשריפטען ווי: „אונזערע גוטגעקאָרמעטע הונען", „אונזערע געצערטעלטע הונען", „א לוסטיגע אינטערנירונג", „הערט אויף צו צערטלען די הונען!" „ווערט פּטור פון די הונען, אבער שאנעוועט אונזערע הינט!" און נאָך אנדערע אזעלכע שענע קעפּלעך.

געוויס, עס זיינען אויך געווען צייטונגען, וועלכע האָבען ניט גענומען קיין אנטייל אין דער דאָזיגער אומאויפהערליכער העצעריי, אָבער זיי האָבען ניט געהאט קיין מאָראלישען מוט ארויסצוטרעטען געגען די ברונען־פארגיפטער פון דער עפענטליכער מיינונג. זיי האָבען געשוויגען אוים מורא, אז מען קאָן זיי נאָך פיליכט אנרופען „פּראָ־דזשוירמענס", און זיי האָבען איבערגעלאָזט דאָס פעלד פאר פּאָליטישע אוואנטוריסטען ווי האָריישאָ באטעמלי, וועלכער איז געווען באַקאָנט אין גאנץ ענגלאנד אלס א געוויסענלאָזער שארלאטאָן, אָדער א טשאטערטאָן, דעם באגרינדער פון דער בארימטער „אנטי־דזשוירמען ליעג", וועלכער האָט פון'ם פאטריאָטיזם געמאכט א גלענצענד געשעפט און איז נאָך אין פארלויף פון'ם קריג פאר שווינדעל פאר'משפט געוואָרן צו זעקס מאָנאט שווערע ארבייט. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען האָבען זיך אָט די געפערליכע אוים־

וואורפען פון דער מענשליכער ראסע ניט געדארפט צוריקהאלטען פאר קיין זאך, און באטעמלי האט געקאנט זיכער זיין מיט דעם בייפאל פון די „גוטע פאטריאטען", ווען ער האט אין זיין צייטונג געשריבען, אז מען זאל אונז געבען דערנער צום עסען.

זאל מען מיך ניט מיספארשטעהן. איך בין גאנץ ווייט דערפון צו וועלען דא באהויפטען, אז בלויז די ענגלישע פרעסע האט זיך אין דעם פרט טרויעריג בארימט געמאכט. איך האב זינט מיין צוריקקומען קיין דייטשלאנד אפט געהאט די געלעגענהייט צו בלעטערן אין אלטע יאהרגענג פון די פארשידענע צייטונגען, און איך האב דארט געפונען דיזעלבע ווילדקייט, דיזעלביגע ציניזשע ברוטאליטעט פון דענקען און פיהלען, דאס זעלביגע פארברעכערישע שטרעבען צו פארגיפטען די עפענטליכע מאראל און אנצינדען די נידעריגסטע לײדענשאפטען געגען מענשען פון אנדערע פעלקער. אין אט דער באציהונג איז ניט געווען קיין אונטערשיד, און איך דערמאן אט די זאכען דא בלויז אלס טרויעריגען צייכען פון דער שאנד פון אונזערע צייטען.

בלויז ווייניג מענשען האבען אן אהנונג דערפון, וויפיעל האס און ביטערניש אט די טיווועלשע ארבייט פון דער פרעסע האט ארויסגערופען אין די געפיהלען פון די געפאנגענע. אבער איך האב מעהר ווי איינמאל באאבאכט, ווי גאנץ רוהיגע און געזעצטע מענשען זיינען ביים לייענען פון וואס פאר עס איז צייטונגס־ליגען ארייננגעקומען אין א צושטאנד פון ווילדען צארן און האבען זיך ניט געקאנט מעהר קאנטראלירען. אנדערע האבען זיך איבערהויפט מעהר ניט צוגעריהרט צו קיין צייטונג, כדי זיך ניט צו מוזען בסדר אפעסען דאס הארץ, אבער דאס האט זיי ווייניג וואס געהאלפען, ווארים זייערע שכנים האבען שוין געזארגט דערפאר, אז זיי זאלען באקאנט ווערן מיט די זאכען. פון אט די יסורים איז אוממעגליך געווען זיך אויסצודרעהען.

דעם 29טען יוני האב איך פון דרויסען באקומען די ידיעה, אז אונזער ענגלישער קאמעראד טהאמאס קיעל, דער ארויסגעבער פון דער אנארכיסטישער מאנאט־שריפט „פרידאם", איז צוליעב אן

ארטיקעל פאראורטיילט געוואָרן צו דריי מאָנאט געפענגניש, אויף גרונד פון דעם אזויגערופענעם „דעפענס אָף דהי ריעלם עקט". ער האָט מוטיג פארטיידיגט זיין שטאַנדפּונקט און זיך ערקלערט אלס פּרינציפּיעלער געגנער פון דער מלחמה. קיעל'ס פאראורטיילונג האָט ארויסגערופען אין מיר די מורא, אז דער „ארבייטער פריינד" וועט אויך פאלען אלס אָפּפער פון דער אלץ שטארקער ווערענדיגער רעאקציע. זינט מען האָט מיך ארעסטירט איז די צייטונג די גאנצע צייט ערשינען רעגעלמעסיג, ניט ענדערענדיג אויף דאָס מינדסטע איהר ענטשידענע שטעלונג געגען דעם קריג, הגם אונטער די נייע אויסנאם־באשטימונגען האָט זיך די רעדאקציע געמוזט האלטען אביסעל אין צאַהם. די גענאָסען האָבען געטאָן זייער בעסט, אויפ־צוהאלטען די צייטונג אונטער אלע אומשטענדען, ניט קוקענדיג דערויף וואָס מען האָט זיך יעדען טאָג געדארפט ריכטען אויף אן איבערפאל פון דער ענגלישער פּאָליציי.

מיין פאָר־געפיהל האָט מיך ניט אָפּגענארט. דעם 24טען יולי, ווען מיין פרוי האָט מיך באזוכט צוזאמען מיט איהר יונגערער שוועסטער ראָוז, האָט זי מיר מיטגעטיילט, אז אונזערע קאמעראדען א. שאפּירא, ס. ל. און מ. לענאָבל זיינען ארעסטירט און אנגעקלאָגט געוואָרן אויף גרונד פון אן ארטיקעל, וואָס איז ערשינען אין „אר־בייטער פריינד". אזוי ווי איך האָב געוואוסט, אז מילי איז זעהר ענג געווען פארבונדען מיט דער ארויסגאבע פון דער צייטונג, האָט מען ניט געקאָנט אוועקמאכען מיט דער האנד די געפאר, אז אויך זי האָט געקאָנט יעדען מאָמענט ארעסטירט ווערן. ווען מיר האָבען זיך ענדליך אָפּגעזעגענט, האָב איך געהאַט דאָס באשטימטע געפיהל, אז מיר האָבען זיך דאָ אויף א לאנגער צייט געזעהן צום לעצטען מאָל. א פיינליכע אומרוהיגקייט איז איבער מיר געקומען, און איך האָב אומזיסט געזוכט זי צו באהערשען. כ'האָב פאַרויסגעזעהן טרויעריגע זאכען, און די צוקונפט איז געלעגען פינסטערער ווי ווען עס איז פאר מיינע אויגען.

דעם 26טען יולי זיינען אונזערע דריי קאמעראדען ערשינען פאר דעם ריכטער אין טעמז פּאָליס קאָורט. די אָנקלאגע איז געמאכט

געוואָרן געגען זיי אויף גרונד פון׳ם „רעפּענס אַף דהי ריעלם עקט״. שאַפּיראָ איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אלס רעדאַקטאָר, ל. אלס דער ארויסגעבער און לענאָבל אלס דער זעצער פון דער צייטונג. דער ערשטער איז געווען א געבוירענער רוס, דער צווייטער עסטרייכער, דער דריטער רומעניער. אויסער די דריי האָט מען אויך אָנגעקלאָגט עדוואַד ראַיד, דעם דרוקער פון דער צייטונג, וועלכער איז געשטאַנען בלויז אין געשעפטליכע באַציהונגען מיט דער גרופּע „ארבייטער פריינד״ און איז ניט געווען קיין אַנאַרכיסט.

דער אָנקלעגער מויר האָט באַצייכענט די דריי ערשטע אָנגעקלאָגטע אלס געפערליכע אַנאַרכיסטען און אָנגערופען דעם ארטיקעל וואָס איז ערשינען אין „ארבייטער פריינד״ א גיפטיגער פּראָדוקט פון דער אַנאַרכיסטישער צייטונגס־ליטעראַטור. כדי צו באַקרעפטיגען זיינע ווערטער, האָט ער פון דעם ארטיקעל פאָרגעלעזען פאָלגענדע שטעל:

„פאַרגאַנגענעם פרייטאג האָט די ענגלישע רעגירונג ארויסגעגעבען אן ערקלערונג, אז א געוויסע צאָהל פון אויסלענדער האָבען אויסגעדריקט דעם וואונש אריינצוטרעטען אין דער ענגלישער ארמיי, כדי אויף דעם דאָזיגען אופן ארויסצואווייזען דאַנקבאַרקייט צו זייער אדאָפּטירונגס־לאַנד. די רעגירונג האָט געפאַסט דעם באַשלוס צו ערפילען דעם פאַרלאַנג און געבען די מענשען די מעגליכקייט אריינצוטרעטען אין דער ענגלישער ארמיי. צי עס וועט בלייבען דערביי, ווייסען מיר ניט. יעדער איינער האָט דאָס רעכט צו טאָן מיט זיך וואָס ער געפינט פאַר ריכטיג, און אויב עס זיינען נאָך איצט זאָגאר פאַראַן מענשען, וועלכע גלויבען נאָך אלץ אין א באַפרייאונגס־קריג, זאָלען זיי קעמפען. זיי וועלען פאַר זייערע האַלוצינאַציעס מוזען באַצאָלען מיט זייער אייגען בלוט, און בעסערע מענשען וועלען פיליכט פאַרנעמען זייער פּלאַץ״.

דער אָנקלעגער האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז אזעלכע גיפטיגע ווערטער, וועלכע ווערן געלעזען פון ברייטע שיכטען פון דער באַפעלקערונג פון איסטענד, א באַפעלקערונג, וואָס געניסט

דעם שוץ פון די געזעצען פון׳ם דאָזיגען לאַנד, מוזען דערשטיקט ווערן, איידער זיי טראָגען וואָס פאר עס איז פרוכט. ווי געפערליך אזא אגיטאציע איז, האָט ער געזאָגט, זעהט מען שוין דערפון וואָס ערשט נעכטען האָט מען אין א גרויסען באַקאַנטען מוזיק־האָל פון איסטענד בעת דער פארשטעלונג ארונטערגעוואָרפען פון דער גאַלע־ריע א מאַסע אויפרייצענדע פלוג־שריפטען אין דער אידישער שפראך. בלויז דורך די שארפסטע מיטלען קאָן מען אזא אגיטאציע אָפּשטע־לען.

דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר מעקגארט, וועלכען מען האָט ארויס־געשטעלט אלס עדות, האָט ערקלערט, אז די אָנגעקלאָגטע זיינען איהם באַקאַנט זינט די לעצטע אַכט יאָהר אלס פיהרער פון דער אנארכיסטישער באוועגונג אין איסטענד פון לאָנדאָן, און האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז מען קאָן זיך ניט פארלאָזען אויף זייער לאָיאַליטעט צו ענגלאַנד. אלס פארטיידיגונגס־עדות פאר שאַפּיראָ׳ן איז ערשינען פּראָפעסאָר אויגוסטוס דעזירע וואַלער, דער דירעקטאָר פון דער פיזיאָלאָגישער לאַבּאָראַטאָריע פון דער לאָנ־דאָנער אוניווערזיטעט, ביי וועמען דער אָנגעקלאָגטער איז זינט יאָהרען געווען באשעפטיגט אלס פריוואט־סעקרעטער. ער האָט ערקלערט, אז שאַפּיראָ איז א מאַן פון גרויסע פעהיגקייטען און מיט א ריינעם כאראקטער.

אזוי ווי קיינער פון די אָנגעקלאָגטע האָט ניט באשטריטען זיין בלומר׳שטע שולד און יעדער איז געווען גרייט צו נעמען אויף זיך די פאראנטוואָרטליכקייט פאר זיינע האנדלונגען איז דער פּראָצעס געגאַנגען ווי געשמירט און האָט זיך געענדיגט דערמיט וואָס שאַ־פּיראָ איז פאר׳משפּט געוואָרן צו זעקס און ל. צו דריי מאָנאַט גע־פענגניש. לענאָבּל איז אָפּגעקומען מיט איין מאָנאַט. געגען דעם דרוקער ראַיד האָט דאָס געריכט ארויסגעגעבען א געלד־שטראָף פון פופציג פונט סטערלינג. דער זאַץ פון׳ם „ארבייטער פריינד" איז קאָנפיסקירט געוואָרן פון דער פּאָליציי און דעם געשעפט־פּלאַץ פון דער ציטונג האָט מען פארשלאָסען און פארזיגעלט.

דעם 29טען יולי האָט מיך מילי געזאָלט באזוכען, אָבער ווען

איך האב אנשטאט איהר דערזעהן אונזער האלענדישען קאמעראד שטאאמער, האב איך גלייך געוואוסט, וואס עס איז געשעהן, אהן דעם אז ער זאל עס מיר דארפען דערצעהלען. שטאאמער האט מיר דאן דערצעהלט, אז מילי איז ארעסטירט געווארן דעם 28טן מיטאג־צייט ביי אונז אין דער וואוינונג, און מען האט איהר אפילו ניט ערלויבט צו לאזען וויסען וועגען דעם אימיצען, וואס זאל קאנען אכטונג געבען אויף אונזער אכט יאריגען אינגעלע. בלויז דורך א צופאל האט שטאאמער, וועלכער האט גראד ארויסגעקוקט דורך'ן פענסטער, באמערקט, ווי מען האט זי אוועקגעפיהרט. וואוהין מען האט זי צוגענומען, האט קיינער ניט געוואוסט, ווייל די פאליציי האט צוערשט זיך ענטזאגט צו געבען וואס פאר עס איז אויס־קונפט. צוזאמען מיט מילי'ן איז אויך אונזער עלטסטער זוהן ארעסטירט געווארן אין זיין ארבייטס־פלאץ, אהן דעם אז ער זאל האבען אן אהנונג וועגען דעם ארעסט פון דער מוטער. פון דער פאליציי האט מען איהם דירעקט אפגעפיהרט אין דעם אינטערני־רונגס־לאגער פון סטראטפארד.

הנם איך בין געוויסערמאסען געווען צוגעגרייט צו הערען אט די זאכען, האט מיך פונדעסטוועגען די שרעקליכע בשורה דאך געטרא־פען מיט איהר גאנצער שווערקייט. כ'האב געפיהלט, אזוי ווי די ערד וואלט זיך געעפענט אונטער מיינע פיס. אלע מיינע גדאנקען האבען זיך געדרעהט אין א קרייז, און איך האב זיך געמוזט אנטאן אלע כוחות, כדי ווי עס איז צו קאנען נאכדענקען איבער דער נייער סיטואציע. כ'האב דורכגעמאכט פיעל שווערקייטען אין מיין לעבען און מעהר ווי איינמאל געקוקט די געפאר אין פנים אריין, אבער איך גלויב, אז יענע שטונדע איז געווען די שווערסטע אין מיין גאנץ לעבען. ווען מען איז זינט לאנגע יאהרען אויף דאס טיפסטע צו־זאמענגעוואקסען מיט א מענשען, פיהלט מען די ליידען פון'ם אנ־דערן שטארקער ווי די אייגענע. אבער וואס עס האט מיין ווייטאג פארשארפט ביז צו אומערטרעגליכקייט, איז געווען דער אומשטאנד, וואס איך בין געזעסען דא א געפאנגענער און האב ניט געקאנט טאן דאס מינדסטע צו באזייטיגען די צרה. קיין זאך איז ניט אזוי

פיינליך אין אַזאַ לאַגע, ווי דאָס געפיהל פון אבסאָלוטער אָהנמאכט. כ'האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אז די פריינט דרויסען וועלען אנווענדען אלע כוחות, כדי צו קומען מילי'ן צו הילף, אָבער דאָס אַלעס האָט מיר ניט געקאָנט געבען קיין רוה. דער געדאנק, אז איך האָב ניט געקאָנט אליין אריינוואַרפען מיין גאַנצען איך אין דער וואָגשאָל, כדי אויסצואווירקען איהר באפרייאונג, האָט מיך שיער דערשטיקט.

אלע אָוועגט-בלעטער האָבען געבראַכט די נאַכריכט וועגען מילי'ס ארעסט. די „איוונינג ניוס" האָט זאָגאַר געבראַכט איהר בילד מיט אונזער זיהנדעלע, וואָס זיי האָבען געקריגען ביי א פאָטאָגראַף אין איסטענד. אזוי ווי מילי איז א געבוירענע פון רוסלאַנד, זיינען די מעהרסטע באריכטען געווען געשריבען אין אן אנשטענדיגען טאָן.

אזוי ווי איך האָב צוויי טעג נאָך שטאַאמער'ס באזוך ערווארט מילי'ס שוועסטער פאָלי מיט אונזער אינגעלע, האָב איך געבעטען דעם קאָמאנדיר אונז צו באַשטימען א באַזונדער צימער, ווייל עס איז מיר אין מיין דאַמאָלסדיגען צושטאַנד אוממעגליך געווען צו זיצען צוזאַמען מיט אנדערע מענשען אין דעם אַלגעמיינעם באזוךצימער. ער האָט אָהן צערעמאָניעס דערפילט מיין וואונש און האָט מיר אויסגעדריקט זיין באדויערן איבער'ן אומגליק, וואָס האָט מיך געטראָפען.

די אָרעמע פאָלי! כ'האָב עס איהר געקאָנט אראָפּלייענען פון געזיכט, ווי מורא'דיג די לעצטע געשעהענישען האָבען זי דערשלאָגען, הגם זי האָט זיך אָנגעטאָן א כוח אויסצוקוקען האָפנונגס-פול און פרעהליך. אלץ וואָס מען האָט ביז אהער געקאָנט דערגעהן איז געווען, אז מילי האָט זיך געפונען אין וויין סטריט פּאָליס סטיישאָן, אָבער ביז איצט האָט זי נאָך קיינער ניט געקענט זעהן. זאָגאַר אן אדוואָקאַט, וועמען מען האָט געהאט איבערגעגעבען די זאַך, איז ניט צוגעלאָזען געוואָרן צו איהר, ווען ער האָט זי געוואָלט באזוכען. ווען מיר זיינען אזוי געווען אין מיטען געשפּרעך, האָט זיך פּלוצלינג אויפגעעפענט די טיר, און מיין עלטסטער זוהן רודאָלף איז אריין

אין צימער. דאָס איז געווען אַ גרויסע איבעראַשונג פֿאַר אונז אַלע־מען. ער האָט אונז דערצעהלט, אַז אַזוי גיך ווי ער האָט זיך דער־וואוסט, וואָס איז דערהיים פֿאָרגעקומען, האָט ער ניט גערוהט, ביז מען האָט איהם געבראַכט פֿאַר דעם קאָמאַנדיר פֿון סטראַטפֿאָרד. פֿון דעם דאָזיגען האָט ער פֿאַרלאַנגט, אַז אַזוי ווי אונזער גאַנצע פֿאַמיליע איז אַרעסטירט, זאָל מען איהם געבען אַ טאָג אורלויב, כדי ער זאָל קאָנען אַריבערגעהן אַהיים און אַ קוק טאָן וואָס דאָרט טוט זיך, אָדער, אויב דאָס געהט ניט, זאָל מען איהם ווענינגסטענס גע־בען די מעגליכקייט צו קאָנען זיך זעהן און ריידען מיט מיר. צו־פֿעליג האָט דער קאָלאָנעל גאָרדאָן קומינג, וועלכער האָט מיך גע־קענט פֿון׳ם „פֿעלעס“, אין יענער צייט פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿון׳ם קאָמאַנדיר פֿון סטראַטפֿאָרד. ער האָט ערקלערט מיין זוהן, אַז ער האָט ניט די מאַכט איהם צו געבען אַ טאָג אורלויב, אָבער אַז ער איז גערן גרייט איהם צו שיקען אין דער באַגלייטונג פֿון אַ סאָלדאַט אין „פֿעלעס“, וואו ער וועט קאָנען ריידען מיט מיר.

אַזוי זיינען מיר אַלזאָ אַלע געווען צוזאַמען, אָבער ס׳איז אונז געווען צו שווער אויף׳ן האַרצען, אַז מיר זאָלען קאָנען פֿיעל ריידען איינע מיט די אַנדערע. די איינציגע גוטע זאַך איז געווען, וואָס מען האָט אונז כמעט די גאַנצע צייט געלאָזט אַליין.

ווען מיר האָבען גענומען אָפּשיד איינע פֿון די אַנדערע, בין איך גלייך אוועק צו דעם קאָמאַנדיר און איהם געפֿרעגט, צי עס וואָלט ניט מעגליך געווען, אַז מיין זוהן זאָל פֿון סטראַטפֿאָרד אַרי־בערגענומען ווערן אין „פֿעלעס“. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַליין, פֿון זיין אייגענער אויטאָריטעט, קאָן ער דאָס ניט טאָן, אָבער ער האָט מיר געגעבען אַן עצה צו שרייבען צום „וואָר אָפֿיס“ אַ ביטע, וועלכע ער וועט גערן אונטערשטיצען. כ׳האָב גלייך געפֿאָלגט זיין ראַט און נאָך דעם זעלבען טאָג האָב איך איהם איבערגעגעבען דעם בריעף.

איך האָב זיך די גאַנצע צייט געפֿונען אין אַ מורא׳דיגען צו־שטאַנד. דער שלאָף האָט זיך בײַנאַכט אָפּגעטאָן פֿון מיינע אויגען, און איך האָב אין ערגעץ ניט געקאָנט געפֿינען קיין רוה. אַזוי ווי

עס איז מיר אונטער די דאָזיגע אומשטענדען אוממעגליך געווען צו באַזאָרגען די געשעפטען פון'ם באטאליאָן, האָב איך די ליטונג אויף עטליכע טעג איבערגעגעבען קארל'טשיק'ן, וועלכער האָט געהאט אַן אויסגעצייכענטען העלפער אין דער פּערזאָן פון הערר שולטען, אַ בראַווער, עהרליכער מאַן, וועלכער האָט די גאַנצע צייט טריי געארבייט מיט מיר צוזאַמען אלס מיין סעקרעטער. אין יענער צייט האָב איך געהאַט אַ טיף באַדערפעניש צו זיין אליין. די אומאויפ־הערליכע טרייסט־ווערטער פון מיינע מיטגעפאנגענע, אַזוי גוט ווי זיי זיינען געמיינט געווען, זיינען פאַר מיר געווען אַ מורא'דיגע נערוועז־מאַטערניש. עס זיינען דאַ מאָמענטען, ווען יעדע טרייסט ווערט אַן אינערליכע לאַסט. אַזוי ווי איך האָב אלס באַטאַליאָן־פיהרער געהאַט פון דעם קאָמאַנדיר אַ פּאַס, וואָס האָט מיר ערלויבט צו קומען אין געוויסע טיילען פון'ם גאָרטען, וועלכע זיינען געלעגען פון דער אנדער זייט פּאַרקען פון שטעכיגע דראָהט, פלעג איך יעדען טאָג אוועקגעהן אין אַן אלטער קאַסטאַניען־אלעע אויף דער מערב־זייט פון'ם „פּעלעם", וואו איך פלעג זיצען שטונדען־לאַנג און טרוי־מען פאַר זיך. קיין מענש איז דעמאָלט ניט געקומען אין דעם דאָזי־גען אָרט. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען פאַרווילדעט, אָפּגעלאָזען. דאָרט איז מיר געווען גוט, קיינער האָט מיך ניט געשטערט, און איך האָב זיך רוהיג געקאָנט אָפּגעבען מיט מיינע געדאַנקען. אלע מעגליכע זאַכען זיינען מיר דורכגעלאָפען אין מוח. צייטענווייז האָב איך געפיהלט, אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר צוריסען געוואָרן אין שטיקער, און איך האָב זיך געמוזט צווינגען, כדי ניט אויסצושרייען הויך אויף'ן קול. די פרוכט פון לאַנגע יאָהרען פון מיין בעסטער יוגענד ליגט אלזאָ צושמעטערט אויף דער ערד. ווער האָט געקאָנט זאָגען, צי זי וועט זיך ווען עס איז ווידער אויפהויבען? מילי ארעסטירט, רודאָלף אינטערנירט, די פריינט אין געפענגניש. ניט ווילענדיג זיינען מיר ארויף אויף'ן זינען די נידעריגע אינסינואציעס און פאַרדאַכטען, וואָס פוסטע יונגען האָבען אין זייער פּאַטריאָטי־שען אייפער פאַרשפּרייט איבער מיר, אַז איך ווער וואַרשיינליך באַצאָלט פון דער ענגלישער רעגירונג, כדי אונטערצוגראָבען דאָס

„דייטשטום" אין לאַגער. כ'האָב געפֿיהלט, ווי א ביטער געפֿיהל איז מיר ארויפֿגעשטיגען ביז'ן האלז. אָבער וואָס זיינען מיר סוף כל סוף אנגעגאנגען יענע מיאוס'ע ברואים!

די רוה האָט מיר גוט געטאָן. כ'האָב געפֿיהלט, ווי די כוחות זיינען מיר צוריקגעקומען און אזוי ווי איך האָב געוואוסט פֿון ערפֿאַרונג, אז די ארבייט איז דאס בעסטע מיטעל זיך צו פֿארגעסען אָן זאכען, וועלכע קאָנען ניט געענדערט ווערן, האָב איך באלד ווידער אויפֿגענומען מיין טעטיגקייט אין באַטאַליאָן. אויך מיינע פֿאָרטראגען, פֿון וועלכע איך האָב געהאט אויסגעלאָזט צוויי, האָב איך איצט פֿאָרטגעזעצט, הגם דאָס ריידען איז מיר געוואָרן גאנץ איבערדריסיג.

דערווייל איז מילי'ס שוועסטער געלונגען ארויסצורייסען ביי דער פֿאָליציי אן ערלויבעניש זיך צו זעהן מיט מילי'ן. דאָס בלוט איז מִיר אריין אין פּנים פֿאר צאָרן, ווען איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אז מען האָט די אָרעמע געהאלטען זעקס טעג נאָכאַנאנד אין א צעל, וואָס האָט ניט געהאט קיין פֿענסטער און וועמעס גאנצע מעבעל איז באשטאנען פֿון א הוילען ברעט צום שלאָפֿען און אן אָפּטרעט. אין אזעלכע צעלען פֿלעגט מען געווענליך איינשפּארען בלויז פּראָסטיטוטקעס און שכורים, וועלכע מען האָט ביינאכט ארעסטירט און אויף מאָרגען גלייך געבראכט פֿאר'ן ריכטער. ערשט ווען די שוועסטער האָט מיט איהר גאנצער ענערגיע געפֿאָדערט, אז מילי זאָל אריבערגעפֿיהרט ווערן אין אן אנדער אָרט, האָט מען זי ענדליך אָפּגעשיקט אין דעם געפֿענגעניש פֿון האָלאָוויי.

דער פֿאַל האָט שוין אָהן דעם אויך געצויגען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער עפֿענטליכקייט, און מען האָט אלזאָ געמוזט אביסעל אָפּלאָזען די לייצעס. אין דער גאנצער צייט האָט מען מילי'ן מיט קיין איין וואָרט ניט ערקלערט, פֿארוואָס זי איז ארעסטירט געוואָרן. אויף אלע פֿראגען וואָס זי האָט געשטעלט, האָט מען איהר בלויז געגעבען א לאַקאָנישען ענטפֿער: „מיר ווייסען ניט." ס'איז שווער צו זאָגען, ווי לאנג מען וואָלט איהר אזוי געלאָזען אין דער דאָזיגער אומגעווִיסהייט, ווען די פֿריינט אויף דרויסען וואָלטען זיך

ניט אָנגענומען פאר איהר. אזוי האָט די ענגלישע ארבייטער־ציימונג „דהי העראלד" געשריבען: „די פּאָליציי האָט אָפּגעשטעלט דאָס וואָכענבלאט „דער ארבייטער פריינד". פארגאנגענעם דאָנער־שטאג איז מילי ראָקער, וועלכע איז געווען פארבונדען מיט דער ציימונג, ארעסטירט און אָפּגעפיהרט געוואָרן אין ווין סטריט פּאָ־ליס סטיישאָן. אזוי ווייט ווי עס איז ביז איצט באקאנט, האָט מען געגען איהר ניט געמאכט קיין דירעקטע אָנקלאגע. אסך פון איהרע פריינט האָבען מורא, אז מען וועט זי איינפאך אינטערנירען, ניט געבענדיג איהר קיין פּראָצעס אָדער איבערהויפּט ניט ארויסשטע־לענדיג געגען איהר קיין שום קלאגע. די מיטגלידער פון די טרייד יוניאָנס אין איסטענד, וועלכע ווייסען, וואָס איהר מאן און זי האָ־בען געלייסטעט פאר דער טרייד יוניאָן באוועגונג, מוזען טאָן אלעס וואָס ליגט אין זייערע כוחות, כדי איהר צו פארזיכערן אן עהרליכען און אָפענעם פּראָצעס. מיר שלאָגען פאָר, אז לאָקאלע מיטגלידער פון'ם פארלאמענט זאָלען אויפגעפאָדערט ווערן, זיך צו ווענדען צום האָום סעקרעטער און דעם פּרעמיער־מיניסטער מיט פּאסענדע פּראַ־גען וועגען איהר פאַל."

דעם 5טען אויגוסט האָב איך געהאט א טאָפּעלטע איבעראשונג. פּאָרמיטאג האָב איך ערהאלטען דעם ערשטען בריעף פון מילי'ן. ער איז נאָך געשריבען געווארן אין ווין סטריט פּאָלים סטיישאָן, אבער איך האָב געוואוסט, אז זי איז שוין געווען זינט דעם 2טען אין האָלאָוויי. קיין סך האָט זי מיר ניט געקאָנט שרייבען, אבער פון די עטליכע שורות האָב איך געקאָנט דייטליך זעהן, אז זי האָט זיך מעהר געזאָרגט וועגען מיר, ווי וועגען זיך אליין. נאָכמיטאג איז רודאָלף אָנגעקומען אַהער אין דער באגלייטונג פון א סאָלדאט, וועלכער האָט איהם אָפּגעפיהרט פון סטראטפאָרד אין „פּעלעם". מיין ביטע איז אלזא אָנגענומען געווארן. דער יונג איז מיר גראָד געקומען אין דער רעכטער צייט, און ער אליין האָט געטאנצט פאר פרייד, ווידער צו זיין אינאיינעם מיט מיר, אפילו אין דער געפאנ־גענשאפט.

ארום יענער צייט האָבען אונז ווידער פארלאָזען א היבש ביסעל

פון אונזערע מיטגעפאנגענע, וועלכע מען האט פארשיקט נאך דער „אייל־אף־מען“. דעם 18טען יולי זיינען אפגעפאהרען אונזערע פישער־לייט. עס זיינען געווען בראווע לייט, און מעהר ווי איינער פון זיי איז מיר געווען באזונדערס ליעב. הינטער דער רויהער שאַ־לאכץ פון זייער אויסערליכקייט איז געלעגען באהאלטען פיעל האר־ציגע גוטסקייט און סאציאלעס פיהלען, און איינינע פון זיי האבען געהאט א זעלבסטשטענדיגקייט פון אורטייל, וואס מען געפינט ניט אזוי אפט.

זינט די ים־לייט זיינען אפגעפאהרען פון לאגער, האט זיך די צאהל פון די טראנספארטען געהאלטען אין איין פארמעהרען. כמעט אלע צוויי אדער דריי וואכען איז געווען א נייער אויסצוג. אויף די ליסטען האבען זיך זעהר אפט געפונען די נעמען פון פארהייראטע לייט, און איך האב יעדעס מאל געמוזט אנווענדען אלע כוחות, כדי צו פארהיטען די אָרעמע מענשען פון „פארשיקט ווערן קיין סיביר“, ווי מען האט אין לאגער גערופען אט די טראנספארטען. ס'איז גע־ווען א גרויזאם שפיל וואס איז דא אנגעטריבען געווארן, מיט דער איינציגער אבזיכט די מענשען פולשטענדיג צו פארביטערן דאס לע־בען. די לידיג־געווארענע פלעצער זיינען אצונד שוין ניט מעהר אויסגעפילט געווארן מיט נייע ארעסטירטע, נאר אויף'ן ארט פון די אוועקגעשיקטע האט מען איצט צוריקגעבראכט פון דער „אייל־אף־מען“ אזעלכע געפאנגענע, וועלכע האבען געהאט זייערע פאמיליעס אין לאנדאן. די מענשען האבען געהאט גענוג שלעכטס צו דערצעה־לען פון דעם אינזעל, און ביי די מעהרסטע פון זיי האט מען געקאנט אראפליינען פון געזיכט, אז זיי האבען פיעל אריבערגעטראגען. אסך האבען שוין זינט צוויי יאהר ניט געהאט געזעהן זייערע פאמי־ליעס. ס'איז געווען ריהרענד צו באאבאכטען, ווי די אויגען פון די מענשען האבען אויפגעלויכטען, ווען זיי האבען צום ערשטען מאל ווידער דערזעהן פאר זיך זייערע פרויען און קינדער. פון די ניי־אנגעקומענע האב איך זיך אויך דערוואוסט, אז איינער פון מיינע פריינט, דער שריפטזעצער דעליצקי, איז אראפ פון זינען און האט געמוזט אפגעפיהרט ווערן אין א משוגעים־הויז, וואו ער איז שפע־

טער געשטאָרבען. דעליצקי איז געווען א גייסטיג באַגאַבטער מענש, אָבער איינער פון יענע צאַרטע נאַטורען, וועלכע זיינען ניט געוואַקסען אריבערצוטראָגען א גרויזאַמען שיקזאל. דער געדאַנק וועגען זיין פאַמיליע, וועמען ער איז געווען איבערגעבען מיט צערט־ליכער ליעבע, האָט איהם אין גאַנצען געמאַכט מעלאַנכאָליש, ביז זיין פאַרשטאַנד איז ביסלאַכווייז פאַרפינסטערט געוואָרן און יעדע היילונג איז געווען אויסגעשלאָסען.

דעם 20טען אויגוסט איז אַרויסגעקומען א נייער באַפעהל, לויט וועלכען אלע אומפאַרהייראַטע לייט האָבען געזאָלט אָפּגעשיקט ווערן נאָך דער „איל־אָף־מען". קיין אויסנאַמען, ווי ביז אהער, האָט מען דאָס מאָל ניט געזאָלט מאַכען. די גזרה האָט מעהר ווי איינעם, וואָס האָט זיך דאָ געפיהלט גאַנץ זיכער, געטראָפען ווי א דונער פון הימעל. אַזוי ווי איך האָב געמוזט מורא האָבען, אז אין דעם דאָ־זיגען פאַל וועט עס אויך טרעפען מיין זוהן, וועלכער איז דאָ געווען קוים עטליכע וואָכען, האָב איך באַשלאָסען אויף יעדען פאַל צו דערגעהן די זאַך אויף זיכער. כ'האָב ניט געהאַט די אַבזיכט צו בעטען דעם קאָמאַנדיר וואָס פאַר עס איז טובה. כ'האָב איהם נאָר געוואָלט אין קורצען מיטטיילען, אז אין פאַל מען וועט אויף גרונד פון'ם נייעם באַפעהל אַוועקשיקען רודאָלף'ן אויף'ן אינזעל, זאָל ער זעהן, אז אויך מיין נאָמען זאָל אַרויפגעשטעלט ווערן אויף דער ליסטע.

איך האָב זיך ביז אהער פּרינציפּיעל געהאַט אָפּגעזאָגט פון יע־דער טובה וואָס איך וואָלט זיך געקאָנט פאַרשאַפען אויף גרונד פון מיין שטעלע. דאָס האָבען מיינע מיטגעפאַנגענע זעהר גוט גע־וואוסט. כ'האָב געגעסען מיט די געפאַנגענע ביים זעלבען טיש ווי פריהער, און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט דערפון צו פאַרנעמען מיין פּלאַץ אין קיך, ווי דאָס איז געווען אן אַלגעמיינער מנהג ביי די באַטאַליאָן־פיהרער. ווען דער אַלטער האָט מיר אַמאָל, בעת איך בין געלעגען קראַנק אויף מיין בעטעל, געמאַכט א פאָרשלאַג צו לאָ־זען איינאָרדנען פאַר מיר א באַזונדער געלעגער, האָב איך עס העפ־ליך צוריקגעוויזען מיט דער באַמערקונג, אז דאָס וואָס איז גוט פאַר

מיינע חברים, מוז אויך זיין גוט פאר מיר. ווען איך בין אריינגע־טראָטען אין מיין אַמט, האָט מען מיר אין ביוראָ געזאָגט, אז אלס באַטאַליאָן־פיהרער האָב איך א רעכט צו פאַרלאַנגען אן ענטשע־דיגונג פון זיבען שילינג און זעקס פּענס א וואָך פאר מיין ארבייט, א זאך וואָס איז די געפאַנגענע אין לאַגער קיינמאָל ניט באַקאַנט געווען. איך האָב ערקלערט מיינע מיטגעפאַנגענע, אז איך באַטראַכט מיין שטעלע איינפאך אלס עהרענאַמט און דערפאר מוז איך זיך אָפּזאָגען פון וואָס פאר עס איז פינאַנציעלער ענטשעדיגונג. כ'האָב עס אָבער איבערגעגעבען צו זיי, צו באַשטימען, אויב די סומע וואָס איך האָב געזאָלט קריגען וועכענטליך, זאָל פאַרווענדט ווערן פאר דעם קיך־פאָנד אָדער ניט. מיט דעם דאָזיגען פאָרשלאַג זיינען אלע געווען איינפאַרשטאַנען, און א באַזונדער דעלעגאַציע האָט וועגען דעם געלאָזט וויסען דעם מיידזשאָר מאָט, וועלכער פּלעגט אוים־צאָלען די געלדער. כ'האָב אלזאָ ביז אהער געהאַט פולשטענדיג אָפּגעהיט מיין אומאָפּהענגיגקייט סיי בנוגע מיינע מיטגעפאַנגענע, סיי אין מיינע פאַרהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער מיליטער־פאַר־וואַלטונג. צוליעב דעם גרונד האָב איך אויך איצט ניט געוואָלט בעטען דעם אַלטען צו לאָזען מיין זוהן דאָ.

ווען איך האָב פאָרגעלעגט מיין וואונש פאר דעם קאָמאַנדיר, האָט ער א שמייכעל געטאָן און געזאָגט, אז ער ווייסט נאָך דער־וויילע ניט, צי עס וועט מעגליך זיין אין באַזונדערע פאַלען צו מאַכען אויסנאַמען פון דער אַלגעמיינער רעגעל, אז ער וועט זיך אָבער באַ־מיהען, אז מיין זוהן זאָל קאָנען בלייבען דאָ. דערויף האָב איך איהם געענטפערט, אז ער דארף זיך אין דעם דאָזיגען פאַל אבסאָלוט ניט באַמיהען, ווייל איך בין ענטשלאָסען צו געהן צוזאַמען מיט מיין זוהן נאָך דער „אייל־אָף־מען".

אין עטליכע וואָכען ארום, ווען מען האָט ביים צענזאָר אין ביוראָ צוזאַמענגעשטעלט די ליסטען פון די וואָס האָבען געזאָלט אָפּגעשיקט ווערן אויף׳ן אינזעל, האָב איך געזעהן, אז אונזערע ביי־דענס נעמען זאָלען שטעהן, גלייך אויבען־אָן. שפּעטער האָט מיר דער ענגלישער קלוירק אין׳ם רעדזשיסטריישאַן אָפּיס, מיט וועלכען

איך פלעג אָפט שמועסען, דערצעהלט, אז בעת מען האָט דעם אלטען דערלאנגט די ליסטע צום אונטערשרייבען, און ער האָט דערזעהן מיין נאָמען דערויף, האָט ער ארויסגעפּלאצט מיט די ווערטער: „דער מאן דענקט, ווייזט אויס, אז עס איז א זינד צו בעטען ביי מיר א טובה.“ דערנאָך האָט ער גענומען די פעדער און אויסגע־מעקט אונזערע ביידענס נעמען פון דער ליסטע.

ארום ענדע סעפּטעמבער איז ארויסגעקומען א נייער באפעהל, לויט וועלכען אלע אינטערנירטע מיט דייטשע פרויען זאָלען אָפּגע־שיקט ווערן נאָך דער „אייל־אָף־מען“. עטליכע וואָכען שפּעטער האָט מען די דאָזיגע גזרה אויך ארויפגעלעגט אויף די וואס זיינען געווען פארהייראט מיט פרויען פון נייטראלע לענדער. איך ווייס ניט, ווער עס איז געווען פאראַנטוואָרטליך פאר אָט די דעקרעטען. איך ווייס נאָר, אז ווען די דריי באטאליאָן־פיהרער האָבען זיך טאקע וועגען אָט דעם באפעהל געווענדט צום קאָמאנדיר, האָט ער אונז ערקלערט, אז ער קאָן ליידער גאָרנישט ענדערן אין אָט די זאכען, וויל דער באפעהל איז איהם דירעקט אנגעקומען פון'ם „וואָר אָפיס“ ער זאָל דאס דורכפיהרען. אבער ווער עס זאָל ניט האָבען געווען פאראַנטוואָרטליך דערפאר, דער פאקט בלייבט פעסט, אז אָט די דעקרעטען זיינען געווען גרויזאם אויף'ן העכסטען גראד און האָבען פארשאַפט הונדערטער אָרעמע פרויען שווערע און טיפע ליידען. ס'איז געווען א ביטערער צער צו קוקען אויף אָט די אָרעמע פרויען, ווען זיי האָבען זיך ביי זייערע לעצטע באזוכען אָפּגעזעגענט מיט זייערע מענער. ווען די פאראורזאכער פון אזא אומרעכט וואָלטען געהאט די געלעגענהייט צו קאָנען פערזענליך זעהן די פאָלגען פון זייער ארבייט, וואָלטען זיי מסתמא אנדערש געהאנדעלט. אבער דאָס איז דאָך דער פלוך פון יעדער ביוראָקראטיע, וואָס איהרע טרעגער זעצען זיך אוועק מיט א לייכט הארץ צו באשטימען מיט א פאָר פעדער־שטריכען איבער שיקזאלען פון מענשען און אין ניין און ניינציג פאלען האָבען זיי גאָר קיין אהנונג ניט דערפון וואָס פאר אן אומגליק זייערע אידיאָטישע באשטימונגען ברענגען איבער אנדערע מענשען.

דעם 29טען סעפטעמבער איז דער האום סעקרעטערי בכבודו ובעצמו געקומען באקוקען דעם לאגער. אזוי ווי עס האט געהערט צו מיינע פליכטען צוזאמען מיט דעם קאמאנדיר און זיין שטאב צו פיהרען אפיציעלע געסט דורך אלע טיילען פון דעם באטאליאן־זאל און אויב נייטיג צו ענטפערן אויף געוויסע פראגען און זיי געבען געוויסע ערקלערונגען, האב איך זיך אלזא באנוצט מיט דער געלע־גענהייט פארצושטעלען פאר מר. הערבערט סעמועל די גאנצע שרעקליכקייט פון דער נייער גזרה. ער האט מיך העפליך אויסגע־הערט און צוגעזאגט צו אונטערזוכען די אנגעלעגענהייט. כ'האב געהאט דעם איינדרוק, אז ער האט נאך איבערהויפט גארנישט גע־וואוסט פון דער גאנצער זאך. יעדענפאלס איז ניט פארגעקומען קיין שום ענדערונג אין די באשטימונגען. צענדליגע פון אונזערע מיטגעפאנגענע האבען אויף גרונד פון דער נייער גזרה געמוזט מאכען די רייזע נאך דער „אייל־אף־מען".

דערביי האט מען געגען איינצעלנע נאך באגאנגען א גאנץ באַ־זונדערע אומגערעכטיגקייט. די געפאנגענע, וועלכע זיינען אנגעקו־מען צו אונז פון דער „אייל־אף־מען" און וועלכע מען האט אויסגע־ביטען אויף אנדערע פריהעריגע געפאנגענע, האבען געמוזט באצא־לען פון זייער אייגענער קעשענע דרייסיג שילינג פאר רייזע־ און טראנספארט־קאסטען, אויב זיי האבען איבערהויפט געוואלט אי־בערגעשיקט ווערן אין א לאנדאנער לאגער. ס'פארשטעהט זיך פון זיך אליין, אז די גרויסע מעהרהייט פון די אינטערנירטע אויף'ן אינזעל איז ניט אימשטאנד געווען דערצו. אבער זאגאר די ווע־ניגע, וועלכע זיינען געווען גליקליך צוזאמענצוקריגען דאס געלד, אדער וועמען די פרויען זייערע האבען מיטגעהאלפען דערצו, אפריי־סענדיג דערביי דעם לעצטען ביסען פון מויל, כדי צו האבען א גע־לעגענהייט זיך צו קאנען זעהן פון צייט צו צייט מיט זייערע מענער, — אויך די דאזיגע האבען זיך אין געוויסע פאלען ניט לאנג גע־פרעהט מיט זייער גליק. הגם אין די אנאנסען וואס זיינען ארויס־געלאזט געווארן אויף דער „אייל־אף־מען" איז אויסדריקליך ער־קלערט געווארן, אז פארהייראטע מענער וועלען אריבערגעפיהרט

ווערן אין אַלעקסאַנדרא פּעלעס, און מען האָט דערביי ניט דער־מאָנט קיין וואָרט וועגן וואָס פאַר עס איז אונטערשידען, האָט מען די דאָזיגע לייט גלייך צוריקגעשיקט אויף׳ן אינזעל, ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי זיינען געווען פאַרהייראַט מיט דייטשע אָדער אַזויגערופענע „נייטראַלע״ פרויען. נאָך מעהר: מען האָט זיי ניט צוריקגעגעבען קיין איין פּעני פון די דרייסיג שילינג וואָס זיי האָבען געמוזט איינצאָלען אין נאָקאַלאָ. עס זיינען זאָגאַר פאַר־געקומען איינצעלנע פאַלען, וואו מענשען, וועלכע זיינען אויף דעם דאָזיגען אופן צוריקגעשיקט געוואָרן, האָבען זיך באַקלאָגט פאַר דעם קאָמאַנדיר פון׳ם לאַגער אין נאָקאַלאָ און געפאָדערט צוריק זייער געלד, האָט מען זיי געענטפערט, אַז דאָ האָט קענטיג געמוזט פאַר־קומען עפּעס אַ טעות מצד דער מיליטער־פאַרוואַלטונג אין אַלעק־סאַנדרא פּעלעס. געטריבען פון׳ם הייסען וואונש צו זיין נעהנטער צו זייערע פאַמיליעס, האָבען זיך די דאָזיגע לייט פאַרלאָזט אויף דער אינפאָרמאַציע וואָס מען האָט זיי געגעבען און האָבען נאָך אַמאָל געאָפּפערט דרייסיג שילינג, כדי מען זאָל זיי ווידער אַמאָל שיקען קיין לאָנדאָן. אָבער ס׳האָט זיי גאָרנישט געהאָלפען. זיי זיינען אָהן איינזעהעניש צום צווייטען מאָל צוריקגעשיקט געוואָרן אויף׳ן אינזעל.

ארום דער דאָזיגער צייט האָבען אונז אויך פאַרלאָזען די ערשטע 250 עלטערע מענער, וועלכע זיינען אויסגעטוישט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען צענדליגע יאָהרען אין ענגלאַנד און האָבען דאָ איבערגעלאָזט זייערע פאַמיליעס. ס׳איז די אַלטע לייט זיכער ניט לייכט געווען זיך צוריקצוקערען אין אַ לאַנד, פון וואַנען זיי זיינען שוין אַזוי לאַנג געווען אָפּגעריסען און וואו זיי האָבען זיך ניט געקאָנט פיהלען היימיש. אָבער די יסורים פון דער געפאַנגענשאַפט און די ווילדע העצעריי, וועלכע זיי האָ־בען כמעט טאָג־טעגליך געמוזט פיהלען, האָט זיי אַזוי פאַרביטערט, אַז זיי האָבען געהאַט בלויז איין וואונש, וואָס פריהער און וואָס גיכער צו אַנטלויפען פון דעם דאָזיגען פּלאַץ פון אומאויפהערליכע

מאטעריעלע ליידען און זעלישע יסורים, הגם דאס איז אפט געשעהן געגען דעם ווילען פון זייערע אייגענע פאמיליעס.

דערווייל איז אויך ענטשידען געווארן דער שיקזאל פון מיין פרוי. אונזערע פריינט דרויסען האבען געטאן אלץ וואס זיי האבען נאר געקאנט אויסצואווירקען איהר באפרייאונג אדער וועניגסטענס קריגען פאר איהר אן אפענעם פראצעס, ווי עס האבען געהאט אונ־זערע גענאסען שאפירא, ל. און לענאבל. אויך קראפאטקין האט זיך זעהר שטארק באמיהט וועגען דעם, האט אבער אונטער די דא־מאלסדיגע פארהעלטעניסען ווינציג וואס געקאנט אויספיהרען. אין א בריעף, וועלכער איז געווען דאטירט דעם 4טען סעפטעמבער, האט ער מיר אויף זיין געוועהנליכען הארציגען אופן מיטגעטיילט דעם רעזולטאט פון זיינע באמיהונגען און האט מיר פארזיכערט, אז ניט קוקענדיג אויף אונזערע פארשידענע אויפפאסונגען איבער דער מלחמה האט זיך זיין באציהונג צו מיר ניט געענדערט און ער פיהלט צו מיר פונקט אזוי ווי פריהער. אויך דאס איצטיגע אומ־גליק וועט אריבערגעהן, און ער האפט, אז מיר וועלען דאן ווידער קעמפען שולטער אן שולטער פאר בעסערע און מענשען־ווירדיגערע פארהעלטענישען. דער גוטער אלטער! אזוי ווי איך האב וועגן געצווייפעלט אין זיין אויפריכטיגער סימפאטיע צו מיר.

דעם 23טען אויגוסט האט דער ליבעראלער אפגעארדענטער קינג אין פארלאמענט געשטעלט דעם האום סעקרעטערי די אנפרא־גע, צי איז איהם באקאנט, „אז מילי וויטקאפ־ראקער איז דעם 29טען יולי ארעסטירט געווארן און מען האט זי געבראכט אין האלאוויי, וואו זי ווערט באהאנדעלט אלס פארברעכער, אהן דעם אז מען זאל ביז אהער האבען ארויסגעשטעלט געגען איהר וואס פאר עס איז אנקלאגע". — דער ענטפער פון'ם האום סעקרעטערי איז געווען, „אז מילי וויטקאפ־ראקער איז ארעסטירט געווארן אין די אינטערעסען פון דער עפענטליכער זיכערקייט, אויף גרונד פון די „דעפענס אף דהי ריעלם רעגולייש‍אנס".

כדי צו געבען די באמיהונגען פאר מילי'ס באפרייאונג מעהר געוויכט, האבען די פריינט אין לאנדאן אנגאזשירט פאר איהר פאר־

טיידיגונג אן אדוואָקאט, וועלכער איז אָבער ניט אימשטאַנד געווען צו קריגען אן אָפענעם פּראָצעס. פונדעסטוועגען האָבען זיינע באַמיהונגען געהאט דעם ערפאָלג, אז מען האָט מילי'ן איבערגעגעבען א שריפט וואָס האָט געטראָגען דעם דאטום פון'ם 17טען אויגוסט און איז געווען אונטערגעשריבען פון'ם האָום סעקרעטערי הערבערט סעמועל. אין דעם דאָזיגען דאָקומענט איז ערקלערט געוואָרן, אז דער האָום סעקרעטערי האָט ארויסגעגעבען א באפעהל מילי'ן צו אינטערנירען, ווייל דאָס איז רעקאָמענדירט געווארן פון א מיליטערישער אויטאָריטעט. די אינטערנירונג ווערט דורכגעפיהרט אויף גרונד פון די „דעפענס אָף דהי ריעלם רעגולייטאָנס". אלס אויסרייד פאר דעם דאָזיגען שריט זיינען אָנגעגעבען געווארן מילי'ס „באַציהונגען צו פיינדליכע אויסלענדער". צום שלום האָט מען איהר געלאָזט וויסען, אז זי האָט זיבען טעג צייט צו אפּעלירען געגען דער דאָזיגער באשטימונג, דאן וועט איהר פאל פאָרגעלעגט ווערן פאר דער אזויגערופענער „אדווייזאָרי קאָמיטע", וועמעס פאָרשלאגען דער האָום סעקרעטערי וועט דאַן נעמען אין אָנבאטראכט.

דער אדוואָקאט האָט דערנאָך באזוכט מילי'ן אין געפענגניש, כדי פון איהר צו קריגען אלע וויכטיגע איינצעלהייטען. דערביי האָט זי איהם אויסדריקליך ערקלערט, אז זיין פארטיידיגונג האָט פאר איהר נאָר דאן א ווערט, אויב זי וועט זיין באַזירט אויף איהרע פּרינציפּיעלע אנשויאונגען. אזוי ווי מילי האָט שוין דעם 28טען אויגוסט געזאָלט פאָרקומען פאר דער „אדווייזאָרי קאָמיטע", איז דעם אדוואָקאט ניט געבליבען מעהר קיין צייט פאר ווייטערער בעראַטונג מיט איהר. דורך דעם סעקרעטער פון דער קאָמיטע, מר. בראָדריק, האָט ער געקראָגען צו וויסען, אז די אָנקלאגע געגען מילי'ן האָט זיך באַצויגען אויף פאָלגענדע דריי פונקטען: 1. אויף איהרע באַציהונגען צו דעם פיינדליכען אויסלענדער ר. ראָקער; 2. אויף איהרע באַציהונגען צו דעם פיינדליכען אויסלענדער ס. ל.; 3. אויף איהרע אקטיווע פארזוכען צו פארהינדערן דאס ארייַנטרעטען פון רוסישע אונטערטאנען אין דער ענגלישער ארמיי. דאן האָט דער אדוואָקאט אויף זיין אייגענער פאראנטוואָרטליכקייט ארייַנגעשיקט

צו דער „אדוויזארי קאמיטע“ א לאנגע שריפטליכע ערקלערונג, וועלכע האט געהאט דעם בלויזען צוועק אויסצואווירקען די באפרייאונג פון זיין קליענטין, אהן דעם אז ער זאל זיך דערביי אויף דאס מינדסטע רעכענען מיט איהרע פאליטישע איבערצייגונגען. אזוי האט ער צווישען אנדערעס ערקלערט, אז מילי האט קיינמאל ניט געהאט קיין באציהונגען צום „ארבייטער פריינד“ און אז זי האט קיינמאל ניט מיטגעארבייט אין דער צייטונג. אז זי האט ניט קיין שום סימפאטיעס צו דייטשען אדער מענשען פון אנדערע נאציאנען, וועלכע זיינען געוועזען אין קריג מיט ענגלאנד. אז זי האט קיינמאל ניט פארזוכט וועמען עס איז צו פארהינדערן אריינצוטרעטען אין דער ענגלישער ארמיי.

די גאנצע צוזאמענשטעלונג פון דער שריפט איז געוועזען לעבערליך, ווייל יעדער אגענט פון דער פאליטישער אפטיילונג אין סקאטלאנד יארד איז געוועזען אימשטאנד אין יעדער צייט צו באווייזען פונקט דעם גענענטייל דערפון. ווען מילי האט פיער און צוואנציג שעה פאר איהר פארהער געקריגען צו זעהן דעם דאקומענט, איז זי נאטירליך געוועזען אויסער זיך פאר פארדרוס, און אזוי ווי עס איז איהר ניט געבליבען קיין צייט צו פראטעסטירען געגען דעם, האט זי באשלאסען ביי איהר פארהער איינפאך צוריקצואווייזען די גאנצע ערקלערונג.

דעם 28טען אויגוסט האט מען זי געבראכט נאך וועסטמינסטער, וואו עס פלעגען אפגעהאלטען ווערן די זיצונגען פון דער „אדוויזארי קאמיטע“, וועלכע איז באשטאנען פון פינף אדער זעקס באקאנטע יוריסטען. דער פארזיצענדער האט זי העפליך איינגעלאדען זיך צו זעצען, און דאן האט זיך ענטוויקעלט דער פאלגענדער אינטערעסאנטער דיאלאג:

פארזיצענדער: „קענט איהר הערר רודאלף ראקער?“ — מילי: „איך מוז איהם דאך קענען, ווייל ער איז זינט זעכצעהן יאהר מיין מאן“ — פ. „און וואו געפינט זיך הערר ראקער איצט?“ — מ. „אין דער געפאנגענשאפט.“ — פ. „איז אייך אויך הערר ס. ל. באקאנט?“ — מ. „יא, ער איז איינער פון מיינע גענאסען.“ — פ. „וואס פאר-

שטעהט איהר אונטער געגאָסען?" — מ. „ער איז געווען אַנגעשלאָ־סען אָן דערזעלבער אנארכיסטישער גרופּע ווי איך." — פּ. „און וואו געפינט זיך הערר ל. איצט?" — מ. „אין געפענגניש." — פּ. „קענט איהר הער א. שאַפּירא?" — מ. „יאָ, אויך ער איז איינער פון מיינע גענאסען." — פּ. „און וואו געפינט זיך שאַפּירא איצט?" — מ. „אין געפענגניש." — פּ. „דאן קענט איהר געווים אויך הערר לענאַבל?" — מ. „יאָ." — פּ. „און וואו איז הערר לענאַבל אצונד?" — מ. „אין געפענגניש." — פּ. „איך מיין, אז איהר דאַרפט אויך קענען טהאָמאַס קיעל און ליליאן וואולף?" — מ. „געווים." — פּ. „איז אייך פיליכט באקאנט, וואו די צוויי זיינען איצט?" — מ. „אזוי ווייט ווי איך ווייס אין געפענגניש." — פּ. „קענט איהר אויך הערר גאַי אַלדרעד?" — מ. „יאָ, ער איז מיין שוואָגער." — פּ. „און וואו געפינט זיך גאַי אַלדרעד איצט?" — מ. „ער געפינט זיך אלס „קאָנשיענשיאַז אָבדזשעקטאָר" אין געפענגניש." — פּ. „ס'איז מערקווירדיג, וואָס אלע אייערע פריינט געפינען זיך אין געפענגניש. וואָס איז די אורזאַך דערפון?" — מ. „זיי געפינען זיך אין גע־פענגניש, ווייל זיי זיינען געגנער פון'ם מיליטאריזם און דערפאַר געגנער פון דער מלחמה." — פּ. „איהר האָט פריהער ערקלערט, אז איהר געהערט צו אַן אנארכיסטישער גרופּע. וואָס פארשטעהט איהר אונטער אנארכיזם?" — מ. „אינטערעסירט אייך ווירקליך אָט די פראַגע?" — פּ. „אַ, גאַנץ געווים. יעדענפאלס וועלען מיר אייך דאנק־באר זיין, ווען איהר וועט אונז זאָגען אייער מיינונג וועגען דעם." — מ. „אלזא גוט. איך פארשטעה אונטער אַנארכיע א געזעלשאפט־ליכען צושטאנד, וואו די עקאָנאָמישע אויסבייטונג און די פּאָליטישע אונטערדריקונג פון די ברייטע פאָלקס־מאסען דורך פּריווילעגירטע מינדערהייטען איז אוממעגליך. מיט אנדערע ווערטער, א געזעל־שאפטליכען צושטאנד, וואו די פּראָדוצירער אליין זיינען די באזי־צער און די פארוואלטער פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און פון אלע סאָציאלע רייכטימער און וואו יעדע פאָרם פון דער פּאָליטישער הערשאפט און פון'ם עקאָנאָמישען מאָנאָפּאָליזם זיינען זאכען פון דער פארגאנגענהייט. אנארכיע איז אלזא יענע פאָרם פון דער גע־

זעלשאפטליכער ארגאניזאציע, וואו עקאנאמישע גלייכהייט און פאליטישע און גייסטיגע פרייהייט זיינען פאראייניגט אין א סינטעז; וואו יעדער איינצעלנער האט די מעגליכקייט פולשטענדיג צו ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען, און וואו דאס טיפסטע סאציאלע געפיהל און די גרעסטע פערזענליכע אומאפהענגיגקייט געהען האנד אין האנד". — פ. „זיינט איהר אפט אויפגעטראטען אין פארזאמלונגען, אדער האט איהר שריפטליך אגיטירט פאר אייערע איבערציינונגען?" — מ. „כ'האב קיינמאל ניט געמאכט קיין פראפעסיע פון ריידען און שרייבען, אבער ווען איך האב עפעס געהאט צו זאגען, האב איך אויסגעדריקט מיינע מיינונגען אויף פארזאמלונגען אדער אויך שריפטליך." — פ. „איהר האט פריהער געזאגט, אז אייער גענאסע שאפירא איז אין געפענגניש. איז אייך באקאנט פארוואס ער איז פאראורטיילט געווארן?" — מ. „יא. ער איז פאראורטיילט געווארן צוליעב אן ארטיקעל, וועלכען ער האט פארעפענטליכט אין „ארבייטער פריינד". — פ. „זיינט איהר איינפארשטאנען מיט דעם דאזיגען ארטיקעל?" — מ. „מיט יעדען ווארט". — פ. „איז אייך באקאנט, אז אין איסטענד איז פארשפרייט געווארן א פלוגשריפט, וואס וואלט געמוזט ארויסרופען געפערליכע פאראורטיילען גענען דער רעקרוטען־זאמלונג?" — מ. „איך האב דערפון געוואוסט." — פ. „זיינט איהר איינפארשטאנען מיט די אידעען, וועלכע זיינען ענטוויקעלט געווארן אין דער דאזיגער שריפט?" — מ, „פולשטענדיג." — פ. „גוט. דאס איז אלעס פאר היינט. די קאמיטע דאנקט אייך פאר די אויסקונפטען און וועט ערנסט באטראכטען אייער פאל. דער רעזולטאט וועט אייך שפעטער מיטגעטיילט ווערען." — מ. „ערלויבט מיר דא צו מאכען נאך אן ערקלערונג. מיין אדוואקאט האט אריינגעשיקט צו דער קאמיטע א שריפט, וועגען וועלכער איך האב זיך ערשט שפעטער דערוואוסט. מיין געוויסען צווינגט מיך אייך צו ערקלערן, אז איך בין ניט איינפארשטאנען מיט קיין איין ווארט פון דעם דאזיגען דאקומענט."

די מיטגלידער פון דער קאמיטע האבען אויפמערקזאם אויסגעהערט די דאזיגע ערקלערונג, זיך איבערווארפענדיג מיט פיעל־

זאָגענדע בליקען. ווען מילי האָט פאַרלאָזען דאָס צימער, האָט זי נאָך געמוזט ווארטען אביסעל אין קאָרידאָר, ביז מען האָט זי צו־ריק אָפּגעפיהרט אין געפענגניש. דאָ איז צוגעקומען איהר אדוואָ־קאט און האָט איהר געמאכט פאָרוואורפען, אז זי האָט איהר זאך אליין פאַרדאָרבען. ווען זי וואָלט ניט אויסדריקליך צוריקגעוויזען זיין שריפטליכע ערקלערונג צו דער קאָמיטע, דאן וואָלט זי זיכער ארויס פריי. מילי האָט איהם גערדאנקט פאר זיין גוטען ווילען, אָבער זי האָט איהם געגעבען צו פארשטעהן, אז עס זיינען אויך דא מענשען, פאר וועלכע א באפרייאונג איז סוף כל סוף ניט אלץ אין דער וועלט. דערויף האָט ער געזאָגט: „איהר זיינט שוין אביסעל צו געוויסענהאפט, פרוי ראָקער.” — זי האָט איהם געענטפערט מיט א שמייכעל, אז עס איז אן אמת גליק, וואָס אין אזא געוויסענלאָזער צייט זיינען נאָך פאראן איינצעלנע מענשען, פאר וועמען די שטימע פון'ם געוויסען איז נאָך ניט אין גאנצען פארלאָרן געגאנגען.

אין פערצעהן טעג ארום האָט מען זי אָפּגעפיהרט אין דעם פרוי־ען־געפענגניש פון איילסבורי, אומגעפעהר פערציג מייל פון לאָנדאָן. די „אדווייזאָרי קאָמיטע” האָט אלזאָ, ווי ס'איז גאָר אנדערש ניט געווען צו ערווארטען, רעקאָמענדירט איהר אינטערנירונג. דערמיט איז פאר אונז ביידע זיכער געווארן, אז די שטונדע פון פרייהייט וועט פאר אונז ערשט דאן ווידער שלאָגען, ווען עס וועט קומען א סוף צו דער גרויסער פעלקער־אויסשלאכטונג.

קאפּיטעל 18

די ערנערונגס־פּראָגע

מיין צוזאַמענשטויס מיט׳ן דאָקטאָר — „קריגס־געריכט“ — דר. מאָפּארט — די ווייהנאַכטס־באַזוכען — די שרעקען פון „איל־אָף־מען“ — די נייע פאָרם פון די באַזוכען — הערר וועבער פון סטראַטפאָרד — רעקרוטען־זאַמלונג פאר דער ענגלישער ארמיי אין לאַגער — די גרויסע באַשרענקונג פון די פּאָרציעס — הונגער־בריעף — די ווירקונגען.

אין משך פון די לעצטע זעקס וואָכען איז עס אלץ ערגער געוואָרן, אז די שפּייזען, וועלכע די רעגירונג פלעגט אונז צושטעלען, זיינען געווען פאַרדאָרבען, אזוי אז עס פלעגט צייטענווייז קענען די גאַל בלויז א קוק געבענדיג אויף זיי. עס פלעגט כמעט ניט אריבערגעהן קיין וואָך, אָהן דעם אז די באַטאַליאָן־פיהרער זאָלען זיך מוזען וועגען דעם ווענדען צום קאָמאַנדיר. אָבער אזוי ווי דער קאָמאַנדיר האָט אין דעם פּרט ניט געהאַט קיין פרייע האַנד, נאָר איז געווען אין גאַנצען אָנגעוויזען אויף די אינסטרוקציעס פון׳ם „וואָר אָפּיס“, האָבען מיר זעלטען געהאַט ערפאָלג מיט אונזערע קלאַגעס. בלויז אין עטליכע געצעהלטע פאַלען האָט מען אונז איבערגעביטען דאָס פלייש, וואָס איז שוין געווען אין א צושטאַנד פון פוילען און האָט שטונדען־לאַנג אָנגעפילט דעם לאַגער מיט א פאַרפּעסטעטען גערוך, אויף א בעסערן סאָרט. אָט דער אומאויפהערליכער קאַמף פאר דער קוואַליטעט פון די צוגעשטעלטע לעבענס־מיטלען איז געווען אויסערגעוועהנליך ערמידענד און האָט צייטענווייז געקאָנט טרייבען א מענשען צו פאַרצווייפלונג.

אָנפאנג אָקטאָבער איז די מארגארין, וועלכע מיר פלעגן קריגען, געווען אין א צושטאנד, וואָס לאָזט זיך ניט אזוי לייכט באשרייבען. די מאכעריי, וואָס די געפאנגענע האָבען שוין פון לאנג אָן א נאָמען געגעבען „וואָגען־שמירעכץ", האָט אָפּגעגעבען פון זיך אַן עקעלהאפטען גערוך און איז איבעראל געווען דורכגע־צויגען פון גרינליכע שטרייפען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן ווי שי־מעל. בעת ווען איך בין אוועק צום קאָמאנדיר מיט א מוסטער פון אָט דער אזויגערופענער „ארטיפיציעלער פוטער", האָב איך אוועק־געשיקט קארל'טשיק'ן מיט אַן אנדער מוסטער אין שפּיטאָל, כדי דאָרט זיך צו זעהן מיט'ן דאקטאר און פרעגען זיין מיינונג וועגען דעם. איך האָב דעם אלטען ניט געטראָפען אין זיין צימער, אָבער ווען איך בין געגאנגען צוריק אין באטאליאָן האָב איך צופעליג באגעגענט דר. מאָפּארט, דעם ערשטען דאָקטאר אין לאגער, און איך האָב נאטירליך גלייך אויסגעניצט די געלעגענהייט איהם צו ווייזען די פארדאָרבענע מארגארין. ער האָט א שמעק געטאָן, אָנגעטאפּט מיטן פינגער און מיר געזאָגט, אז ער געפינט גאָרנישט וואָס אויס־צוזעצען געגען דעם. ווען איך האָב איהם דערויף באמערקט, אז מען דארף סוף כל סוף ניט זיין קיין דאָקטאָר, כדי צו דערקענען, אז אָט די מארגארין איז אין גאנצען פארדאָרבען, האָט ער זיך שרעקליך צוקאָכט און געזאָגט, אז מיר זיינען אין קריג, און אז די סאָלדא־טען קריגען אָפט אויך ניט קיין בעסערע שפּייז דערפון. א וואָרט פאר א וואָרט, ביז ער איז ענדליך געוואָרן מלא רציחה און האָט מיך געפרעגט, וואָס נאָך מיר פאָדערן אייגענטליך פאר אונזער אומ־טעטיגען לעבען. דאָ איז שוין מיר אויך איבערגעגאנגען די גאָל, און איך האָב איהם געענטפערט, אז מיר זיינען דאָך דאָ ניט פון אונזער פארגעניגען וועגען, אז מען האלט אונז דאָ מיט געוואלט, און אז דער לעצטער פון אונז איז אויך גרייט מיט פרייד מוחל צו זיין דער רעגירונג איהר פארזאָרגונג, ווען מען זאָל איהם נאָר געבען די געלעגענהייט אליין צו פארדינען אויף זיין לעבען.

דערווייל איז קארל'טשיק געווען אין שפּיטאָל און האָט דאָרט געטראָפען דעם צווייטען דאָקטאָר. ווען דער דאָזיגער האָט געזעהן

די אזויגערופענע מארגארין, האט ער גלייך ערקלערט, אז זי איז ניט צוגעפאסט פאר מענשליכען געברויך, העכסטענס וואלט מען עס געקאנט פארווענדען פאר דער פאבריקאציע פון זייף. „(נאט פיט פאר יומען קאנסאמפשאן, אנלי פיט פאר סאאפ,“ זיינען גע־ווען זיינע אייגענע ווערטער.) מען קאן פארשטעהן, אז דר. מא־פארט איז גאר ניט געווען צופרידען מיט דעם צוגעאיילטען אורטייל פון זיין קאלעגע, ווען ער האט זיך דערוואוסט וועגען דעם. ווען איך האב אלזא פארגעלעגט די זאך פאר דעם קאמאנדיר, האט ער ערקלערט, אז דר. מאפארט דענקט, אז מען קאן די מארגארין עסען, און זיין אויטאריטעט איז גענוג פאר איהם. איך האב איהם אלזא דערצעהלט וועגען דער מיינונג פון'ם צווייטען דאקטאר, פון וועל־כער ער האט שוין זיכער געמוזט הערען פריהער. מען האט גע־קאנט זעהן אויף איהם, אז די זאך איז איהם ניט געווען אנגענעם, אבער ער האט בלויז געזאגט, אז דער אנדער דאקטאר האט קיין רעכט ניט געהאט אונז צו געבען זיין מיינונג. דער סוף איז נאטיר־ליך געווען, אז דר. מאפארט איז געבליבען דער גערעכטער, און מען האט אונז ניט געגעבען קיין אנדער מארגארין, הגם די געפאנ־גענע האבען די שוידערליכע מאכעריי איינפאך אריינגעווארפען אין מיסטקאסטען.

צווישען דר. מאפארט און מיר איז זינט יענעם אומאנגענעמען אינצידענט ענטשטאנען א געוויסע שפאנונג, וועלכע האט פריהער אדער שפעטער געמוזט פלאצען. מיר פלעגען אלע דריי וואכען האבען אן אזויגערופענע „מעדיקאל אינספעקשאן", ד. ה. א דאק־טאר־אונטערזוכונג אין באטאליאן. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט יעדער געפאנגענער זיך געמוזט אוועקשטעלען א בארוועסער ביי זיין בעטעל, די הויזען ארויפגעקאטשעט ביז איבער די קניע און די ברוסט אויפגעדעקט. זומער איז דאס געווען א גארנישט, אבער אין קאלטען סעזאן איז עס געווען זעהר אומאנגענעם צו שטעהן א לענגערע צייט האלב אויסגעטאן אויף איין פלאץ, באזונדערס ביי אונז אין באטאליאן, וואו דער ווינט האט אריינגעבלאזען דורך אלע שפאלטען און דער ריזיגער האל איז, ניט קוקענדיג אויף דער היי־

צונג, קיינמאָל ניט ריכטיג ווארם געוואָרן. ס'איז געווען אין מיטען נאָוועמבער און א כמורנער, נאַס־קאַלטער טאָג, ווען עס איז ווידער אמאָל געמעלדעט געוואָרן א „מעדיקאַל אינספּעקשאָן". די געפאַנגענע זיינען געשטאַנען ביי זייערע בעטלעך, אָבער די דאָקטוירים זיינען אלץ ניט געקומען, ביז די מענשען האָבען ענדליך פארלאָרן די געדולד און האָבען זיך צוריק אנגעטאָן.

אומגעפער א שטונדע נאָך דער באשטימטער צייט האָט זיך פּלוצלינג באוויזען דר. מאָפּארט מיט זיינע אסיסטענטען. ער איז געווען זעהר בייז וואָס ער האָט די געפאַנגענע ניט געפונען אויסגעטאָן. איך האָב איהם ערקלערט, אז די מענשען האָבען כמעט א שטונדע צייט געווארט אויף איהם און געטריבען פון דער קעלט האָבען זיי זיך ענדליך אָנגעטאָן, דענקענדיג, אז די „מעדיקאַל אינספּעקשאָן" וועט היינט ניט פארקומען. אָבער ער האָט ניט געוואָלט אננעמען דעם תירוץ און ערקלערט, אז די געפאַנגענע האָבען געמוזט ווארטען אויף איהם, אלצאיינס, צי ער קומט א שעה אָדער צוויי שעה צו שפּעט. דערויף האָב איך איהם גאַנץ רוהיג געענטפערט, אז עס איז ניט אין מיין מאַכט צו האַלטען מיינע מיטגעפאַנגענע אזוי לאַנג ביי זייערע בעטען. ווען ער האָט דאָס געהערט, האָט ער פארלאָזען מיט צאָרן דעם באַטאַליאָן־פּלאַץ.

אין צעהן מינוט ארום האָט מען מיך גערופען צום קאָמאַנדיר. דער אלטער קאָמאַנדיר איז שוין זינט עטליכע וואָכען געווען קראַנק, און זיין שטעל האָט פארנומען דער קאָלאָנעל גאָרדאָן קומינג, וועלכער איז געווען באקאַנט אין גאַנצען לאַגער אלס הומאַנער און רעכטדענקענדער מאַן. ווען איך בין אריינגעקומען צו איהם אין צימער, האָב איך דאָרט געפונען דר. מאָפּארט. דער קאָלאָנעל האָט מיך געפרעגט, צוליעב וואָס פאר א גרונד איך האָב זיך ענטזאָגט צו זעהן, אז די געפאַנגענע זאָלען זיך אויסשטעלען פאר א „מעדיקאַל אינספּעקשאָן". איך האָב איהם געענטפערט, אז דאָס איז אבסאָלוט ניט דער פאַל, אז די מענשען האָבען געווארט א שטונדע צייט אויף'ן דאָקטאָר און ערשט דאַן, געטריבען פון קעלט, האָבען זיי זיך צוריק אָנגעטאָן, וואָס איז נאָך לייכטער צו פארשטעהן, ווייל צווישען

זיי איז פאראן א היבשע צאהל עלטערע מענער, וועלכע ליידען אהן דעם שוין פון כראנישע פארקיהלונגען. דר. מאפארט האט ער־קלערט, אז דאס וואס איך האב דערצעהלט שטימט ניט מיט די פאקטען, און אז איך האב איינפאך דירעקט זיך ענטזאגט אויסצו־שטעלען די געפאנגענע ביי די בעטלעך. איך האב איהם געענט־פערט, אז דא מוז זיין א מיספארשטענדניש פון זיין זייט און נאך אמאל אין קורצען ערקלערט די געשיכטע, ווי זי האט זיך אפגע־שפילט. אויף וואס דער דאקטאר האט מיט א טאן פון טיפען צארן מיר צוגעווארפען די ווערטער:

„איהר זאגט דא זאכען, וועלכע שטימען ניט מיט'ן אמת."

דאס איז פאר מיר געווען צופיעל, און איך האב איהם געענט־פערט:

„אויב איהר מאכט מיר אט דעם פארוואורף, בין איך געצוואונ־גען צו ערקלערן, אז אייער גאנצע שילדערונג פון'ם פאל איז בא־זירט אויף אומווארהייט."

דא איז דער קאמאנדיר אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ און מיט א שטרענגען טאן געזאגט צו מיר:

„דאס טארט איהר ניט זאגען!"

אין דעם זעלבען אטעם האט ער מיך אויפגעפאדערט צו זעהן, אי די געפאנגענע זאלען זיך גלייך אויסשטעלען פאר דער דאקטאר־אונטערזוכונג. איך בין אוועק צוריק אין באטאליאן און געגעבען די קאפיטאנען די נייטיגע אינסטרוקציעס. באלד נאכדעם איז פארגעקומען די אונטערזוכונג, וועלכע דער קאמאנדיר האט דאס מאל אליין בייגעוואוינט, און אלעס איז אפגעגאנגען גלאט.

אבער די זאך איז נאך דערמיט ניט געווען געענדיגט. אין א וואך ארום האט דער קאמאנדיר ווידער אמאל געשיקט נאך מיר און מיר ערקלערט, אז דר. מאפארט האט געגען מיר אריינגעטרא־גען א פארמעלע קלאגע וועגען באליידיגונג. ער האט מיר געזאגט, אז די אנגעלעגענהייט קאן האבען א שלעכטען סוף פאר מיר, ווייל איך האב דר. מאפארט אלס ענגלישען אפיציר באשולדיגט אין אומ־ווארהייט, און ער האט מיר געמאכט א פארשלאג, אז איך זאל בעטען

ענטשולדיגונג ביים דאָקטאָר. איך האָב איהם געענטפערט, אז איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט ענטשליסען דערצו, און אז איך בין גרייט צו טראָגען די פאָלגען פון מיין האנדלונג, ווארים ניט קו־קענדיג דערויף וואָס איך בין א געפאנגענער, איז מיין כבוד ניט ווייניגער ווערט ביי מיר, ווי דער כבוד פון אן ענגלישען אָפיציר. דערמיט האָט די זאַך דערגרייכט א „טויט־פונקט", ניט אהין און ניט אהער.

אין פינף אָדער זעקס טעג ארום בין איך וועגען דער דאָזיגער אַנגעלעגענהייט ווידער אמאָל גערופען געוואָרן צום קאָמאַנדיר. דאָס מאָל זיינען אויך מיידזשאָר מאָט און עטליכע אנדערע אָפי־צירען געווען דערביי, אזוי אז די זאַך האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א קריגס־געריכט. דער קאָמאַנדיר האָט מיך געפרעגט נאָך אמאָל, צי איך בין גרייט צוריקצוציהען מיינע ווערטער געגען דר. מאָפּארט. כ'האָב איהם געענטפערט, אז איך בין גרייט דערצו, אָבער בלויז דאַן, ווען דער דאקטאָר וועט איינוויליגען, אויך צוריק־צוציהען זיינע ווערטער געגען מיר. אויסערדעם האָב איך ער־קלערט, אז איך קאָן גאנץ גוט פארשטעהן, אז נאָך דעם וואָס האָט צווישען אונז פּאסירט קאָן עס דעם דר. מאָפּארט ניט זיין אנגענעם צו מוזען זיך צוזאמענטרעפען מיט מיר ביי אונזער ארבייט פאר דעם באטאַליאָן. אזוי ווי איך האלט עס דורכאויס ניט פאר וויכ־טיג צו וועלען אונטער אלע אומשטענדען אָנהאלטען א שטעלע, וואָס איך האָב אָנגענומען בלויז אונטער דעם מאָראַלישען דרוק פון מיינע מיטגעפאנגענע, בין איך גערן גרייט צו רעזיגנירען.

אצונד האָט זיך מיידזשאָר מאָט אריינגעמישט און געזאָגט:

„דערפון איז דאָך גאָר קיין רייד ניט. קיינער האָט דאָך אזוי גאָרנישט וואָס איינצואווענדען געגען אייך, באזונדערס ווען מיר אלע ווייסען, אז איהר האָט דעם פולשטענדיגען צוטרוי פון אייערע מיטגעפאנגענע."

כ'האָב איהם געענטפערט, אז דאָס אלעס איז גאנץ גוט, אָבער אז איך האָב מעהר קיין לוסט ניט צו נעמען אויף זיך אזעלכע צרות.

דער מיידזשאר האט געמאכט דעם איינדרוק, אזוי ווי איהם וואלט פלוצלינג ארויפגעקומען א גוטער געדאנק אויף'ן זינען.

„הערט אויס," האט ער זיך געווענדט צו מיר מיט א לעבהאפ־טען טאן. „האט איהר געהאט די אבזיכט צו באליידיגען דר. מאַ־פארט?"

די פראגע האט מיך אביסעל איבעראשט, און איך האב איהם רוהיג געענטפערט:

„איהר קענט מיך שוין לאנג גענוג, מיידזשאר, צו וויסען, אז עס איז ניט מיין נאטור צו באליידיגען מענשען. איך גלויב קוים, אז איינער פון אייערע אפיצירען, מיט וועלכע איך האב טאג־טעגליך צו טאן אין באטאליאן, קאן האבען אן אנדער מיינונג וועגען דעם."

„גוט אלזא," האט דער מיידזשאר געזאגט. „וואס זשע קאן איך אפהאלטען דערפון צו ערקלערן דעם דאקטאר, אז איהר האט אויף קיין פאל ניט געהאט די אבזיכט איהם צו באליידיגען?"

„דאס איז א גאנץ אנדער זאך, מיידזשאר," האב איך געזאגט. „איך וועל קיינמאל ניט איינוויליגען דאס צו זאגען דעם דאקטאר, ווייל איך וואלט עס געמוזט באטראכטען אלס א פערזענליכע באַ־ליידיגונג."

„און ווי, אז מ י ר זאלען איהם אלזא זאגען: מיר האבען געפרעגט ראקער'ן, צי ער האט געהאט די אבזיכט איך צו באליי־דיגען, און ער האט אונז פארזיכערט, אז דאס איז אבסאלוט ניט געווען דער פאל. וואלט איהר אויך געגען דעם פראטעסטירט?"

ערשט איצט האב איך זיך געכאפט, אז דער מיידזשאר האט מיר געוואלט בויען א בריק. אהן צווייפעל האט ער, אזוי גוט ווי דער קאמאנדיר, געגלויבט, אז איך האב געזאגט דעם אמת, אז איך האב דערצעהלט די געשיכטע פונקט ווי זי האט פאסירט, און אז דא מוז זיין וואס פאר עס איז מיספארשטענדעניש.

„געגען דעם האב איך גארנישט וואס איינצואווענדען," האב איך געזאגט, „איבערהויפט, ווען איך האב ווירקליך ניט געהאט אין זינען קיין שום באליידיגונג."

דערמיט איז די זאַך געווען געענדיגט. ווענינסטענס האָב איך מעהר גאָרנישט געהערט דערפון. קענטיג, אז דער דאָקטאָר האָט זיך באַנוגענט מיט דער דאָזיגער פאָרם פון דער ערקלערונג.

אָט דער דר. מאָפּארט איז איבעריגענס געווען א גאַנץ אייגענאַרטיגער כאַראַקטער. ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער דייטשען-פרעסער און ער האָט זיך ניט באַהאַלטען מיט זיינע מיינונגען. אזוי ווי ער האָט אין יעדען פון אונז געזעהן א שונא, האָט ער אָפּט געטאָן זאַכען, וועלכע מיר האָבען אנדערש ניט געקאָנט אָננעמען ווי נאָר אלס צו-להכעיס-שטיק. אזוי האָט מיר הוט איין טאָג דערצעהלט, אז דער דאָקטאָר האָט איהם צוריקגעשיקט אין באַטאַליאָן א מאָן, וועלכער איז געלעגען א לאַנגע צייט אין שפּיטאָל. דער מאָן האָט שטאַרק געליטען אויף אַסטמאַ און זיין מורא'דיג הוסטען און כאָרכלען, וואָס פלעגט אָפּט אָנהאַלטען שטונדען-לאַנג, האָט זיינע שכנים ביינאַכט ניט געלאָזט שלאָפען. אזוי ווי די געפאַנגענע האָבען זיך געהאַלטען אין איין באַקלאָגען, האָט הוט געבעטען דעם דאָקטאָר ווידער אריינצונעמען דעם מאָן אין שפּיטאָל, וואו ער האָט אייגענטליך געמוזט זיין, אָבער זיין ביטע איז פון דר. מאָפּארט שטרענג צוריקגעוויזען געוואָרן. אזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט וואָס מען הויבט אָן צו טאָן מיט דעם מאָן, האָט ער באַשלאָסען איהם צו געבען א וויטען פּלאַץ נעבען דער קיך. דאָס איז דעם קראַנקען גופא געווען זעהר ווילקאָמען, ווייל דאָ זיינען אנדערע דורך איהם ניט געשטערט געוואָרן. אָבער ווען דער דאָקטאָר האָט זיך דערוואוסט דערפון, איז ער באַשטאַנען דערויף, אז דער מאָן מוז ווידער שלאָפען אין מיטען צווישען די אנדערע געפאַנגענע, ביז וואַנען דער קאָמאַנדיר אליין האָט זיך אריינגעמישט און געמאַכט א סוף צו דער געשיכטע.

פון דער אנדער זייט אָבער האָבען מיר דר. מאָפּארט'ן געהאַט זעהר פיעל צו פאַרדאַנקען, און עס וואָלט געווען אומגערעכט דאָס צו פאַרלייקענען. ער איז עס געווען דער, וואָס האָט געשאַפען מענשען-ווירדיגע צושטענדען אין שפּיטאָל. ער האָט ניט גערוהט, ביז מען האָט איינגעשאַפט לייլאַכער און ציכלאַך פאַר די קראַנקע, דאָס

וואס איז זיינע פארגענגער קיינמאל ניט געקומען אויף׳ן זינען צו טאן. אונטער זיין לייטונג האט מען אין שפיטאל אויך באנוצט מעהר רפואות, וועלכע ער האט זיך פערזענליך באמיהט איינצו־שאפען. אויף זיין רעקאמענדאציע האט דער „וואר אפיס" ווידער ערלויבט, אז שווערע קראנקע זאלען אפגעשיקט ווערן אין דייטשען שפיטאל. ער האט באהאנדעלט זיינע קראנקע זעהר גוט און האט זיך געגעבען פיעל מיה זיי ווידער צו שטעלען אויף די פיס. אין דער באציהונג האט מען זיך גאר קיין בעסערן דאקטאר ניט געקאנט ווינשען. איינער פון אונזערע מיטגעפאנגענע, מיט׳ן נאמען ריכ־טער, וועלכער איז געווען דער הויפט־קראנקענוועכטער אין שפיטאל און האט דארט געהאט די גאנצע אינערליכע פערוואלטונג אונטער זיין רשות, האט געהאט דאס בעסטע צו זאגען וועגען דעם דאקטאר און ער האט מיר דערצעהלט א מאסע זאכען, וועלכע האבען דעם מאן ארויסגעשטעלט אין׳ם בעסטען ליכט. ריכטער האט מיר אויך איבערגעגעבען א כאראקטעריסטישען אויסדרוק פון׳ם דאקטאר: „יו מעי קיל דזשווירמענס עז מעני עז יו לייק, באט איי דאנט וואנט יו טו טארטשור דהעם." (איהר מעגט הרג׳ענען וויפיעל דייטשען איהר ווילט, אבער איך וויל ניט איהר זאלט זיי מוטשען). אזוי פול מיט ווידערשפרובען איז אפט די מענשליכע נאטור. ווען דר. מאפארט איז אין אפריל 1917 אוועקגעשיקט געווארן קיין פראנק־רייך, איז ניט געווען איינער פון זיינע קראנקע, וועלכער האט דאס ניט שטארק באדויערט.

עס האבען זיך דערנעהענטערט די וויהנאכט־טעג. דער דריי־טער קריסטמאס אין דער געפאנגענשאפט, און ס׳האט זיך נאך אלץ ניט געזעהן קיין שיין פון ערלייזונג. אזוי ווי די מענשען האבען גראד אין די וויהנאכט־טעג טאפעלט שווער געפיהלט דעם דרוק פון דער געפאנגענשאפט, האבען מיר דריי באטאליאן־פיהרער באשלאסען, זיך צו ווענדען צום קאמאנדיר, כדי אויסצוואווירקען ביי איהם, אז ער זאל באוויליגען די געפאנגענע אויפצונעמען זייערע געסט פאר און נאך די פייערטעג נאך דער רייה נאך, און די בא־זוכען זאלען געדויערן פיער שטונדען און זאלען צוגעהן אהן מילי־

טערישער אויפזיכט. אונזערע אייגענע קאַפּיטאַנען האָבען, לויט דעם פּלאַן, געזאָלט אַליין איבערנעמען די גאַנצע אָרגאַניזירונג פון דער זאַך און האָבען זיך געזאָלט ארויסהעלפען איינע די אַנדערע אין דעם קאָנטראָל פאַר דער צייט פון די באַזוכען. די געסט האָבען געזאָלט אויפגענומען ווערן אין׳ם טעאַטער־זאַל, וואו אונזער אָרקעסטער האָט יעדען טאָג געזאָלט אַראַנזשירען אַ קאָנצערט. פאַר די קינדער האָט מען געפּלאַנעוועט צו אַראַנזשירען אַ מאַריאָנעטען־טעאַטער — מיט איין וואָרט, מען האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז אַלעס זאָל זיין אינטערעסאַנט און עס זאָל ניט פעהלען קיין אָפּוועקסלונג.

אזוי ווי דער אַלטער קאָמאַנדיר איז ניט געוועזען אין לאַגער — ער האָט אין יענער צייט זיך געמוזט מאַכען אַן אָפּעראַציע—, האָבען מיר צוערשט פאָרגעלעגט די זאַך פאַר דעם קאָלאָנעל גאָרדאָן קוּמינג, וועלכער האָט, ווי מיר האָבען ערוואַרטעט, זעהר גינסטיג אויפגענומען אונזער פאָרשלאַג. אָבער אזוי ווי ער איז ניט געווען דער אייגענטליכער קאָמאַנדיר, האָט ער גאָרנישט געוואָלט טאָן אין דער זאַך, איידער ער רעדט זיך דורך וועגען דעם מיט׳ן אַלטען קאָמאַנדיר. פונדעסטוועגען האָט ער אונז צוגעזאָגט, אַז ער וועט איהם וואַרם רעקאָמענדירען אונזער פאָרשלאַג. עטליכע וואָכען פאַר קריסטמאַס איז דער אַלטער געוועזען צוריק אויף זיין פּלאַץ, אזוי אַז מיר האָבען געקאָנט פאַרהאַנדלען מיט איהם פערזענליך. נאָך אַ גאַנצע רייה פון „אויב״ און „אָבער״ האָט ער ענדליך איינגעווילליגט. דערביי האָט ער אָבער באַמערקט, אַז ער וועט גלייך מאַכען אַ סוף צו דער געשיכטע, אויב מען וועט כאַפּען אימיצען ביים שמוגלען. אַזעלכע זאַכען זיינען דעם אַלטען שטענדיג געלעגען אין קאָפּ, און אָהן אַ פּאַטרליכען סטראַשונאַק איז עס ביי איהם איבערהויפּט ניט געגאַנגען.

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן אין לאַגער, אַז דער אַלטער האָט אַנגענומען אונזער פאָרשלאַג, איז די באַגייסטערונג געווען גרויס. קיין בעסערס וואָלט מען די אָרעמע מענשען גאָר ניט געקאָנט אָנבאָטען. איך האָב גערעדט צו די לייט און זיי אויפגעפאָדערט, ניט צו מאַכען קיין דומהייטען אין דער צייט פון די באַזוכען און

צו האבען אין זינען, אז אין דעם פאל וועט דער כלל, דער גאנצער לאגער מוזען טראגען די פאלגען פאר די אומבארעכענטע האנד־לונגען פון אן איינצעלנעם. זיי האבען מיר צוגעזאגט ניט צו טאן קיין שום זאך וואס זאל קאמפראמיטירען די אונטערנעמונג, און זיי האבען פינקטליך געהאלטען זייער ווארט.

אומגעפער אכט טעג איידער עס האבען זיך אנגעהויבען די ווייה־נאכטס־באזוכען האט געקראכט א באמבע צווישען די געפאנגענע. א נייע ליסטע איז ארויסגעקומען, לויט וועלכער א גאנצע צאהל פון אונזערע קאמעראדען, צווישען זיי אסך וואס זיינען געווען פארהייראט מיט דייטשע פרויען, האבען נאך פאר די פייערטעג געזאלט אוועקגעשיקט ווערן נאך דער „אייל־אף־מען". דאס איז פאר אסך געפאנגענע געווען א שווערער קלאפ. מיר האבען זיך געווענדט צום קאמאנדיר און איהם שטארק געבעטען, ער זאל אג־ווענדען זיין גאנצען איינפלוס, כדי אפצולעגען די דורכפיהרונג פון'ם באפעהל ווייניגסטענס ביז נאך די פייערטעג. ער האט אונז צוגע־זאגט צו טאן אלעס וואס וועט איהם נאר מעגליך זיין, און ער איז אליין געפאהרען אין „וואר אפיס", כדי וועגען דעם זיך דורכצו־ריידען מיט די הויפט באאמטע. זיין ביטע איז באוויליגט געווארן, אבער די פרייד איז אונז פונדעסטוועגען דאך פארשטערט געווארן. אט די שטענדיגע מורא פאר דעם פארשאלטענעם אינזעל האט די מענשען פארפאלגט אין דער גאנצער צייט פון דער געפאנגענשאפט און האט זיי קיינמאל ניט געלאזט רוהען.

דאך זיינען די טעג פון באזוך פאר די מעהרסטע געווען א יום טוב. ס'איז געווען דאס ערשטע מאל נאך א געפאנגענשאפט פון איבער צוויי יאהר, אז די געפאנגענע האבען געקאנט איינמאל ריכטיג פארברענגען מיט זייערע אייגענע, אהן צו האבען שטענדיג אן אונטערהערער ביי דער זייט. דער וואס האט קיינמאל ניט גע־לעבט אונטער עהנליכע פארהעלטענישען, קאן קוים באגרייפען די טיפע אינערליכע באפרידיגונג פון מיינע ליידענס־חברים. דער קא־מאנדיר האט געהאלטען ווארט. מען האט געזעהן זעהר ווייניג סאל־דאטען, און די דאזיגע האבען זיך ניט געמישט צווישען די געפאנ־

גענע און זייערע באַזוכער. אין פאַרלויף פון די ערשטע טעג האָט זיך דער אַלטער אָפּט געלאָזט זעהן, כדי צו כאַפּען אַ קוק אויף דער געמישטער מאַסע און אויף די אונטערהאַלטונגען, וועלכע זיינען דאַס מאָל צוגעגאַנגען ניט לויט די מיליטערישע רעגלען. אבער ווען ער האָט געזעהן, ווי גלאַט אַלעס איז צוגעגאַנגען, איז ער געווען זעהר צופרידען און האָט אונז דרייען שפּעטער געמאַכט אַ קאָמפּלימענט פאַר דער גוטער אָרגאַניזירונג פון די באַזוכען. אָט די קריסטמאַס־באַזוכען זיינען ווירקליך געווען אַ מין נשמה'דיגע ערהוילונג פאַר די געפאַנגענע און זייערע פאַמיליעס, וועלכע האָט זיי אויף אַ שטיק צייט פאַרגיטיגט פאַר די צרות וואָס זיי האָבען געהאַט. די איינציגע שאָטען־זייט אין דעם דאָזיגען בילד זיינען געווען די וויינענדע פרויען און קינדער, וועמעס מענער און פאָטערס עס האָבען געמוזט אָפּפאָהרען נאָך דער „איל־אָף־מען“, און מיט וועמען זיי האָבען זיך אצונד געמוזט אָפּגעזעגענען אויף אַ לאַנגער צייט.

באַלד נאָך די פייערטעג איז אָפּגעגאַנגען דער טראַנספּאָרט נאָך דער „איל־אָף־מען“. אסך אַלטע פריינט האָבען זיך געמוזט שיידען פון אונז. ס'איז געווען איינפאַך אַ סקאַנדאַל. עס האָבען געמוזט אוועקגעהן מענער, וועמעס זיהן עס זיינען געצוואונגען געווען צו קעמפּען אין דער ענגלישער אַרמיי. אָבער זייערע מוטערס זיינען געבוירען געוואָרן אין דייטשלאַנד — דאָס איז גענוג געווען. איינער פון מיינע מיטגעפאַנגענע, אַ געוויסער הימעלרייך, האָט געהאַט דריי זיהן אין דער ענגלישער אַרמיי, דאָך האָט איהם דאָס ניט געקאָנט ראַטעווען פון דער „איל־אָף־מען“. אין עטליכע גאַנץ שרעקליכע פאַלען איז מיר געלונגען צו העלפען אייניגע אָרעמע מענשען. דאָס איז ניט געווען קיין לייכטע אַרבייט. איך בין איינפאַך אוועק אין „רעדזשיסטריישאַן אָפּיס“ און ערקלערט, אַז אין די און די פאַלען האָט געמוזט פאָרקומען אַ טעות, ווייל די באַטרעפענדע לייט האָבען ענגלישע און ניט קיין דייטשע פרויען, האָט מען זייערע נעמען אַראָפּגענומען פון דער ליסטע. ווען די הערען אין'ם אָפּיס וואָלטען זיך גענומען די מיה, זיך איינצוקוקען אין די פּאַלי־

ציי־באַריכטען, וואָלט דאס געוואגטע שפּיל באלד אויפגעדעקט געוואָרן. אָבער איך האָב געוואוסט, אז זיי זיינען געוועזן צו פויל דערצו. אויף אזא׳ן אופן איז מיר געלונגען אין פארלויף פון דער צייט צו פּארהיטען אומגעפער צוויי טוץ אָרעמע מענשען פון דעם אינזעל, דערמיט וואָס איך האָב זיי „חתונה געמאכט" מיט ענגלישע פרויען. איינמאָל איז דער „טעות" פּאַרריכט געוואָרן אין די ביכער, האָט מען שוין געוועגליך די מענשען מעהר ניט באלעסטיגט.

פיליכט וועט מיר דער איינער אָדער אנדערער פון מיינע לעזער מאכען דעם פאָרוואורף, אז איך האָב אין דעם פּרט ניט גאנץ ריכטיג געהאנדעלט. ס׳קאָן זיין. איך וויים אליין, אז דער מיטעל, מיט וועלכען איך האָב זיך באנוצט, איז ניט געוועזן אין גאנצען כשר. אָבער דאס אומרעכט, וואָס איז באגאנגען געוואָרן געגען אָט די אָרעמע מענשען, איז געוועזן נאָך פיעל ערגער, און דאָס דארף מען קיינמאָל ניט פארלירען פון אויג. איך האָב ניט געהאט קיין פערזענליכען פּאָרטייל דערפון, אדרבה, איך האָב דערביי ריזיקירט מיט מיין אייגענער הויט, אָבער דערפאר האָב איך געהאט דאָס אנגענעמע באוואוסטזיין, אז איך האָב ארויסגעהאָלפען עטליכע אָרעמע מענשען.

צווישען די אזוי געראַטעוועטע האָט זיך אויך געפונען אן אָרעמער אידישער שניידער פון גאליציע מיט׳ן נאָמען טומבער, וועלכער האָט מיך נאָך געקענט פון די סטרייק־באוועגונגען אין איסטענד. דער מאן האָט שטענדיג אויסגעזעהן ווי דאס פארקערפערטע עלענד און נויט. ער איז שטענדיג געוועזן קרענקליך, אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָט ער געארבייט דעם גאנצען טאָג, כדי אביסעל צו פארלייכטערן דאָס לעבען פון זיין היבשער פאמיליע, וועלכע האָט זיך געפונען אין לאנדאָן. די מורא פאר דער „אייל־אָף־מען" האָט דעם אָרעמען מענשען ניט געלאָזט רוהיג שלאָפען. יעדעס מאָל, ווען עס איז אין לאגער באקאנט געוואָרן, אז מען גרייט צו א נייע ליסטע, פלעגט ער קומען צו מיר אין הוילער פארצווייפלונג און מיט ריהרענדע ווערטער מיך בעטען, איך זאָל איהם ביישטעהן אין זיין נויט. איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט, אז זיין פרוי און

צוויי טעכטער קומען היינט איהם באזוכען, צי עס וואָלט ניט מעג־ליך געווען פאר מיר צו ריידען מיט זיי א פּאָר ווערטער. כ'האָב איהם געטאָן די טובה און אין דער באזוך־צייט בין איך ארויסגע־קומען צו זיי. ווען זיי האָבען מיך דערזעהן, זיינען זיי גלייך צוגע־קומען צו מיר. די אָרעמע פרוי האָט מיך מיט טרערען אין די אויגען געבעטען, איך זאָל באַשיצען איהר מאַן. כ'האָב זי בארוהיגט אזוי גוט ווי איך האָב געקאָנט. דאָ איז צוגעקומען די עלטסטע טאָכטער צו מיר, א מיידעל פון אומגעפער זעכצעהן יאָהר. איהר שמאָל געזיכט איז געווען באצויגען מיט א מאָדנער, כמעט דורכ־זיכטיגער בלייכקייט. מען האָט געקאָנט זעהן אויף איהר, אז זי האָט שוין פריה אין איהר לעבען זיך באַקענט מיט דער נויט. אזעל־כע צארטע מיידעל־געשטאלטען זעהט מען אָפט אין דער גרויסער גהעטאָ אין לאָנדאָנער איסטענד. זיי טראָגען די צייכענס פון אן אייגענארטיגער קרענקליכער שענקייט, און מען האָט שטענדיג דעם איינדרוק, אזוי ווי דאס טויזענט־יעהריגע אומגליק פון א גאנצער ראַסע וואָלט זיך אין זיי אויסגעארבעט. זי האָט גערעדט ענגליש מיט מיר. איהרע נשמה'דיגע טונקעלע אויגען זיינען געווען אָנגע־פילט מיט טרערען, און איהר צארטע שטימע האָט לייכט געצי־טערט.

„איהר זיינט אונזער איינציגע האָפנונג,‟ האָט זי געזאָגט. „איהר האָט דעם טאַטען שוין עטליכע מאָל געהאָלפען, איך בעט אייך, העלפט איהם אויך ווייטער. דער טאַטע איז קראַנק, אפשר קראַנקער ווי ער אליין ווייסט עס. זיין איינציג גליק איז, וואָס ער קאָן אונז פון צייט צו צייט זעהן. ווען מען זאָל איהם אוועקשיקען נאָך דער „אייל־אָף־מען‟, וועט ער דאָרט באלד שטארבען. גלויבט מיר, עס וואָלט געווען זיין סוף.‟

כ'האָב ניט ווילענדיג געוואָרפען א בליק אויף דער קלעגליכער געשטאלט פון איהר פאָטער, און מיין הארץ האָט מיר געזאָגט, אז זי איז גערעכט געווען. כ'האָב איהר ערקלערט, אז איך וועל זעלבסטפארשטענדליך טאָן אלץ וואָס וועט נאָר זיין אין מיינע

קרעפטען, אָבער זי דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז איך בין דאָך אַליין א געפאַנגענער און מיין איינפלוס גרייכט ניט ווייט.

דאַ האָט זי קינדעריש אַ שמייכעל געטאָן און געזאָגט:

„אָ, איהר קאָנט אסך טאָן. ווען איך בין נאָך געווען א קינד, האָב איך אין איסטענד געהערט פיעל ריידען פון אייך. איהר זיינט שטענדיג געווען א פאַרטיידיגער פון די אומגליקליכע. איהר וועט עס אויך איצט זיין, און דער ענגלישער קאָמאַנדיר וועט זיך ניט קאָנען שטעלען געגען אייך.“

כ'האָב ניט ווילענדיג געמוזט שמייכלען. וואָס האָב איך איהר געזאָלט ענטפערן? געגען אַזאַ גלויבען איז ניטאָ קיין ווערטער. זי איז געווען פעלזען־פעסט איבערצייגט אין דעם, אַז איך קאָן ביי דעם קאָמאַנדיר אַלעס דורכפיהרען. — נו, איך האָב די אָרעמע מענשען געהאָלפען. זיי ווייסען נאָך ביז היינט ניט, וואָסערע מיטלען איך האָב געמוזט אָנווענדען, כדי דאָס מעגליך צו מאַכען.

אויך אונזער אַלטען קאַמעראַד שטראַקע האָב איך אויף דעם אופן ארויסגעהאָלפען פון דער צרה. דער מאַן איז שוין פריהער געווען אויף דער „אייל־אָף־מען“ און איז אויף דער רעקאָמענדאציע פון'ם דאָקטאָר איבערגעשיקט געוואָרן אין „פעלעם“, ווייל ער האָט געהאַט א הילצערנעם פוס און ער האָט ניט געקאָנט ארומגעהן דאָרט אויף די שלעכטע און בלאָטיגע וועגען פון נאַקאַלאַ, וועלכע זיינען באַזונדערס אין די ווינטער־מאָנאַטען געווען אין א שוידערליכען צושטאַנד. אצונד האָט מען איהם ווידער געוואָלט צוריקשיקען אויף'ן אינזעל. איך האָב איהם געהאָלפען דורכדעם וואָס איך האָב פאַרוואַנדעלט זיין דייטשע פרוי אין אַן ענגלענדערין, און אַזוי אויף אַ קליינעם אופן געטאָן דאָס, וואָס אונזערע דיפּלאָמאַטען און שטאַאַטסמענער האָבען געטאָן מיט גאַנצע פעלקער־גרופּען, אָ ה ן ד ע ם אַז די דאָזיגע זיינען דערמיט געהאָלפען געוואָרן.

איין טאָג — ס'איז געווען דער 30טער דעצעמבער — האָב איך זיך גראָד געפונען אין'ם צימער פון לייטענאַנט סעלדאָן, מיט וועמען איך האָב געדאַרפט עפּעס ריידען. דאָס צימער איז געלעגען

האָט ביים אריינגאַנג צו אונזער באַטאַליאָן־פּלאַץ. מיר האָבן געהאַלטן אין מיטן ריידן, ווען מיר האָבן פּלוצלינג דערהערט אַ מוראדיגן געשריי. ס'האָט געקלונגען ווי דער ליאַרם פון אַ מאַסע, וועלכע קומט פּלוצלינג אריין אין ווילדן צאָרן. מיט שנעלע טריט זיינען מיר אריין אין באַטאַליאָן, וואו מיר האָבן דערזעהן פאַר זיך אַ מאָדנע סצענע. אומגעפער אַכט ביז צעהן טריט פון דעם דורכגאַנג, וואָס האָט געפיהרט פון אונזער באַטאַליאָן צו דער מזרח־זייט פון'ם „פּעלעם", האָב איך דערזעהן אַ הויכען, מאָגערן מאַן מיט אַ טויט־בלאַסען פּנים און אויגן אָנגעפילט מיט שרעק. אויף וועמען אַ מאַסע פון מיינע מיטגעפאַנגענע האָט זיך מיט ברע־נענדיגען צאָרן געוואָרפען שלאָגען. דער סאַרדזשענט איוועגס, וועל־כער האָט איהם געזוכט צו באַשיצען, איז פון די אויפגערעגטע ליים כמעט אנידערגעוואָרפען געוואָרן אויף דער ערד, אַזוי אַז ער האָט דורך אַ שטאַרקען פייף געמוזט געבען אַ סיגנאַל די סאָלדאַטען אין דער וואַך־שטוב און זיי רופען צו הילף. איך בין אַלזאָ אויך אריינגעשפּרונגען צווישען די געפאַנגענע, כדי זיי צו באַרוהיגען און כדי פון זיי צו דערגעהן, וואָס דאָ טוט זיך. אָבער איך האָב אַלץ געהערט בלויז די צאָרנדיגע אויסרופען: „דער וועבער! דער לומפּ! דער עלעפאַנטען־יעגער!" מיט דער הילף פון עטליכע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען שנעל געקומען צו לויפען, איז עס ענד־ליך געלונגען דעם מאַן, וועלכער איז שוין געווען שטאַרק צושלאָגען און צובלוטיגט, צוצושטופּען צום ארויסגאַנג, וועלכען די סאָלדאַטען האָבען שנעל פאַרכאַפּט און קיינעם מעהר ניט דורכגעלאָזט.

ווען די געפאַנגענע האָבען זיך ווי עס איז באַרוהיגט, האָב איך זיך ענדליך דערוואוסט די אורזאַך פון דער דאָזיגער אויפרעגונג. דער באַפאַלענער איז געווען דער געוועזענער באַטאַליאָן־פיהרער וועבער פון דעם אינטערנירונגס־לאַגער פון סטראַטפאָרד, וועמעס נאָמען ס'האָט אָפּגעקלונגען איבעראַל. יעדער איינער, וואָס האָט געהאַט דאָס אומגליק צו זיין אינטערנירט אין סטראַטפאָרד, האָט דעם דאָרטיגען לאַגער פאַרגעשטעלט אַלס אַ ווירקליכען גיהנום. די געפאַנגענע זיינען איינפאַך באַהאַנדעלט געוואָרן אויף אַ מורא־

דיגען אופן. די הויפט שולד אין די דאזיגע שוידערליכע צושטענ־
דען האט געטראגען אט דער וועבער, וועלכער האט באהאנדעלט זיי־
נע אייגענע לאנדסלייט אויף דעם שענדליכסטען אופן און האט
איינגעפיהרט אן אמת'ן רעזשים פון שרעק. דערצו איז ער געווען
א פארקויפטע נשמה און א כאבארניק, ביי וועמען יעדער איינער,
וואס איז נאר געווען גרייט צו באצאלען דערפאר, האט זיך געקאנט
פארשאפען אלערליי פריווילעגיעס און טובות.

וועבער האט אויך געקריגען זיין סוף אין סטראטפארד, ער איז
ארונטערגעזעצט געווארען פון זיין אמט, אבער דער סיסטעם וואס
ער האט געשאפען איז אויך שפעטער נאך געבליבען אין קראפט,
הגם אין אביסעל א געמילדערטער פארם. צוליעב אן ערנסטער
קראנקהייט האט מען איהם דערנאך אריבערגעשיקט אין דייטשען
האספיטאל, און ווען ער איז אין עטליכע וואכען ארום ארויסגע־
לאזט געווארען פון דארט אן אויסגעהיילטער, האט מען אונז גע־
וואלט באגליקען מיט זיין פערזאן. אבער ס'איז ניט געגאנגען. קוים
איז נאר וועבער אריינגעקומען אין דעם באטאליאן־פלאץ אין דער
באגלייטונג פון דעם סארדזשענט איוועגס, איז ער גלייך דערקענט
געווארען פון עטליכע פון זיינע פריהערדיגע אפפער, און עס האט
זיך אלזא אפגעשפילט די סצענע. בלויז א דאנק דעם וואס ער איז
גלייך אויף'ן שטעל דערקענט געווארן, האט ער נאך אפגעשניטען
מיט חסד. ווען ער וואלט דערגאנגען ביז'ן מיטען פון'ם גרויסען
זאל, וואלט ער זיכער געלינטשט געווארן פון די פארביטערטע מענ־
שען.

עטליכע שטונדען נאך דער דאזיגער פאסירונג האט מיך דער
קאמאנדיר געשיקט רופען צו זיך. ער איז געווען אין זיין פריוואט־
צימער און האט קענטיג געהאט בדעה צו פאהרען אין שטאדט, וואָ־
רים ער איז געווען אנגעטאן אין זיינע ציוויל־קליידער. ער האט
מיך געפרעגט, וואס עס איז געשעהן, און איך האב איהם געגעבען
די געווינשטע אויסקונפט. דערויף האט ער ערקלערט, אז עס גע־
שיקט זיך ניט, אז א מאן וואס איז איהם צוגעשיקט געווארן פון'ם
„וואר אפיס" זאל ניט קאנען האבען זיין פלאץ אין לאגער. יעדענ־

פּאָלם מוז ער באַשטעהן דערויף, אַז וועבער זאָל דאָ איינגעקוואַר־טירט ווערן.

„איהר האָט דאָך אַ שטאַרקען איינפלוס אויף אייערע לייט,“ האָט ער געזאָגט, „פּראָוואָס זאָלט איהר זיי ניט זאָגען, אַז זיי זאָלען דעם מאַן צורות לאָזען?“

כ'האָב איהם געענטפערט, אַז איך קאָן איהם נאַטירליך ניט שטערען אונז אַרויפצוצווינגען וועבער'ן מיט געוואַלט, אָבער אין דעם פאַל מוז איך איהם פונדעסטוועגען אויפמערקזאַם מאַכען דע־רויף, אַז איך קאָן ניט נעמען אויף זיך קיין שום גאַראַנטיע פאַר דעם מאַן'ס לעבען.

„וואָלט אָט דער מאַן געווען אַן אָפּפער פון זיין איבערצייגונג,“ האָב איך געזאָגט, „דאַן וואָלט איך זעלבסטפאַרשטענדליך געווען גרייט זיך אָנצונעמען פאַר איהם, אָבער קיינער קאָן ניט ערוואַרטען פון מיר, אַז איך זאָל ווערן דער אַדוואָקאַט פון אַ באַקאַנטען לומפּ.“

„אָבער וואָס זאָל איך פאָרט טאָן מיט דעם מאַן?“ האָט ער אומגעדולדיג געפרעגט. „כ'קאָן דאָך איהם ניט האַלטען אין דער וואַך־שטוב, אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע.“

„איך קאָן אייך וועגען דעם קיין שום עצה ניט געבען,“ האָב איך געענטפערט, „כ'ווייס נאָר, אַז דער מאַן וועט זיך אויך אין אַן אַנדער לאַגער ניט אויסדרעהען פון זיין שיקזאַל.“

ער האָט געשוויגען אַ ווייל, דערנאָך האָט ער מיך אויסגע־פרעגט וועגען די איינצעלהייטען פון וועבער'ס פאַרברעכען. כ'האָב איהם דערצעהלט דאָס, וואָס איך האָב געהערט פון וועניגסטענס הונדערט פון מיינע מיטגעפאַנגענע. דערויף האָט ער געזאָגט:

„דער מאַן איז זיכער אַ שופט. איך וועל איהם איבערשיקען אויף דער „אייל־אָף־מען“. אויב זיי וועלען איהם דאָרט דער'הרג'־ענען, קאָן איך זיך גאָר ניט העלפען.“

ווען די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען אוועקגעפיהרט אונזערע קאַ־מעראַדען נאָך דער „אייל־אָף־מען“, זיינען באַלד נאָכדעם צוריקגע־קומען פון דאָרט מיט אַ נייער צאָהל געפאַנגענע, האָבען מיר געבע־טען דעם קאָמאַנדיר צו פאַרלענגערן די פיער־שטונדיגע באַזוך־

ציים נאך אויף עטליכע טעג, כדי אויך די ניי־אנגעקומענע זאלען קאנען האבען דאס פארגניגען אומגעשטערט צו זעהן און צו ריידען מיט זייערע פאמיליעס, וועמען זיי האבען שוין אזא לאנגע צייט ניט אנגעזעהן אין די אויגען. דער אלטער האט זיך ניט געלאזט לאנג בעטען און איז באריימוויליג נאכגעקומען אונזער וואונש. ס'איז געווען ריהרענד צו זעהן, מיט וואס פאר א פרייד אט די מענער האבען זיך אפגעגעבען צו זייער גליק און באגריסט זייערע פרויען און קינדער, וועמען זיי האבען שוין איבער צוויי יאהר ניט געהאט געזעהן. אייניגע פרויען האבען געוויינט מיט ביטערע טרע־רען און האבען א היבשע צייט ניט געקאנט ארויסברענגען קיין ווארט פון מויל, ווען זיי האבען נאך אזא לאנגער צייט ווידער דערזעהן זייערע מענער. די קלענערע קינדער האבען נאטירליך שוין געהאט פולשטענדיג פארגעסען זייערע פאטערס.

נו, זיינען אויך אט די טעג פארביי, און ווען מיר האבען זיך אצונד געמוזט אומקערען צו דער אלטער פארם פון די באזוכען, איז די געפאנגענע געווארן שווער אויף'ן הארצען. אצונד, ווען זיי האבען ענדליך דאך אמאל געהאט די געלעגענהייט צו קאנען ריידען מיט זייערע ליעבע און טייערע אומגעשטערט און פאר א לענגערע צייט, האט זיי די אלטע מעטאדע פון די באזוכען געמוזט פארקו־מען אומערטרעגליך. איך האב דערום זיך דורכגערעדט מיט מיינע צוויי קאלעגען פון „איי" און „סי" און זיי געמאכט דעם פארשלאג, אריבערצוגעהן צום אלטען און איהם בעטען, ער זאל ניט מאכען קיין ענדערונגען און איבערלאזען די נייע פארם פון די באזוכען. ווען מיר האבען אלזא פארגעלעגט אונזער בקשה פאר דעם אלטען קאמאנדיר, איז ער געווארן אויסער זיך און האט אבסאלוט גאר־נישט געוואלט הערען דערפון. ער האט אונז ערקלערט, אז איצט, ווען ער האט אונז געגעבען דעם קליינעם פינגער און ערלויבט די וויינאכט־באזוכען, ווילען מיר אנכאפען די גאנצע האנד. מיר האבען געפרואווט אויף אלערליי אופנים פארגלעטען די זאך; מיר האבען איהם ערקלערט, אז אונזערע קאפיטאנען זיינען אויך ווייטער גרייט איבערצונעמען דעם גאנצען קאנטראל, כדי ער זאל ניט

דארפען צופיעל באשעפטיגען דערביי זיינע סאָלדאטען. אָבער ער האָט ניט געוואָלט וויסען פון קיין זאַך. דאָך האָט מען פון זיינע ווערטער געקאָנט ארויספיהלען, אז ער האָט שוין אליין געמוזט האָבען איינגעזעהן, אז ער מוז אונז מאכען געוויסע קאָנצעסיעס.

איין טאָג נאָך דער דאָזיגער אונטערהאנדלונג האָט מיך דער אָלטער געשיקט רופען אין זיין פריוואט־וואוינונג. ער איז געוועזען ציוויל געקליידט און אויסערגעווענליך לייטזעליג. איבערהויפט האָב איך געמאכט די ערפאַרונג, אז אין ציוויל איז ער געוועזען אסך צו־בענגליכער און מען האָט געקאָנט מיט איהם לייכטער אויסקומען. ס'האָט אויסגעקוקט, אזוי ווי ער וואָלט צוזאמען מיט'ן מונדיר אויך אויסגעטאָן פון זיך דעם אַלטען אדם און ער וואָלט גאר אנ־דערש געאורטיילט איבער אַלע זאכען. ער האָט מיך נאָך אמאָל געפרעגט מיין מיינונג וועגען די באַזוכען און האָט זיך אויפמערק־זאם צוגעהערט, ווען איך האָב איהם ערקלערט אַלע אורזאכען נאָך דער רייה נאָך. אזוי ווי איך האָב דעם אלטען דזשענטעלמאן שוין צו גוט געקענט און איך האָב געגוי געוואוסט, ווי אזוי מען האָט געמוזט אומגעהן מיט איהם, האָב איך געשלאָסען מיין ערקלערונג מיט די ווערטער:

„דער גאנצער לאַגער קוקט ארוים אויף א נייער פאָרם פון די באַזוכען, און ווען איהר זאָלט זיך ענטשליסען דערצו דיזעלביגע צו באוויליגען, דאן וואָלט יעדער פון מיינע מיטגעפאנגענע גע־פיהלט, אז ער איז אייך שולדיג א גרויסען דאנק דערפאַר. אָבער ווען די זאַך זאָל זיך פארציהען, און איהר וועט פיליכט שפעטער דורך פארשידענע אומשטענדען זיין געצוואונגען ביסלאכווייז דאָך צו דערפילען דעם וואונש פון די געפאנגענע, וועט אייך קיינער מעהר ניט דאנקען דערפאַר."

אָט דער ארגומענט האָט קענטיג געמאכט אן איינדרוק אויף דעם אלטען. ער האָט זיך פארטראכט א ווײלע, דערנאָך האָט ער געזאָגט, נאָך אַלץ אביסעל אומענטשלאָסען:

„נו גוט, איך וועל זעהן, וואָס מען קאָן טאָן וועגען דעם."

אין עטליכע טעג־ארום איז באוויליגט געוואָרן די נייע פאָרם

פון די באזוכען. אנשטאט די סאלדאטען האבען אונזערע קאפיטא־נען בעזאלט האלטען דעם קאנטראל אין דעם באזוך־צימער. און בעת ווען פריהער האבען מיר געקאנט זעהן אונזערע אייגענע בלויז איינמאל אלע פערצעהן טעג אויף פופצעהן מינוט צייט, איז עס פון איצט אן געבליבען ביי צוויי שטונדען יעדע וואך. ס'איז געווען דאס גרעסטע געווינס וואס מיר האבען געהאט צו פארצייכענען פאר דער גאנצער צייט פון אונזער געפאנגענשאפט. און — וואס איז געווען דאס בעסטע — מיר האבען דעם דאזיגען ערפאלג ניט געהאט קיין אנדערן צו פארדאנקען, נאר אונז אליין. ווען מיר האבען פריהער געהאט געבעטען די אמעריקאנישע געזאנדשאפט צו זארגען דערפאר, אז מען זאל אונז וועניגסטענס ערלויבען אלע פערצעהן טעג א באזוך פון א שטונדע, האט מען אונז געענטפערט, אז דאס איז אוממעגליך, ווייל דער קאמאנדיר האט ניט גענוג סאל־דאטען צו האלטען ארדנונג. אצונד איז עס מיט אמאל געגאנגען אהן סאלדאטען און צוויי שטונדען יעדע וואך.

ווען די נאכריכט האט זיך פארשפרייט אין לאגער, זיינען די ארעמע מענשען פשוט געווארן פאר'שכור'ט פון פרייד. פון אלע זייטען זיינען די געפאנגענע געקומען צו מיר, כדי מיר אויסצודריקען זייער טיפסטען דאנק פאר מיינע באמיהונגען, און עס האט מיר ווינציג וואס געהאלפען, ווען איך האב זיי געהאלטען אין איין ער־קלערן, אז מיינע צוויי קאלעגען פון „איי" און „סי" קומט דערפאר מינדעסטענס אזויפיעל קרעדיט ווי מיר.

אין מיטען יאנואר האט מיר הוט געוויזען א קאפיע פון א בריעף, וועלכער איז געווען אדרעסירט צו א געוויסען קארפעלס אין'ם „סי"־באטאליאן און האט דעם דאזיגען ווי אויך א געפאנ־גענעם מיט'ן נאמען לאמערס זעהר שטארק קאמפראמיטירט. דער בריעף איז געקומען פון'ם „וואר אפיס" און האט געלויטעט ווי פאלגט:

"Messrs. Lamers and Carpels are herewith informed in reply to their letter of the 24th of November that the

enlistment of prisoners of war is engaging the consideration of H. M. Government at the present time, and you may except a communication on the subject in due course."

(די הערדן לאַמערס און קאַרפּעלס ווערן דאָ מיטגעטיילט, אלס ענטפער אויף זייער בריעף פון'ם 24טען נאָוועמבער, אז די פראגע וועגען אויפנעמען קריגס־געפאנגענע אין דער ארמיי ווערט איצט באטראכט פון דער ענגלישער רעגירונג, און מען וועט זיי אין צייט לאָזען וויסען וועגען דעם.)

די גאנצע זאך איז מיר פּשוט געווען אומגלויבליך. איך האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אז עס האָבען זיך געקאָנט געפינען ביי אונז אין לאגער מענשען, וואָס זיינען געווען אזוי טיעף געזונקען, אז זיי האָבען געקאָנט פועל'ן ביי זיך אָנצובאָטען דער ענגלישער רעגירונג זייערע לייסטונגען אלס מעקלער פאר דער ענגלישער ארמיי, און דאָס נאָך א געפאנגענשאפט פון קרוב צו אכט און צוואנציג חדשים. כ'האָב געפרעגט הוט'ן, וואו ער האָט געקריגען אָט די קאָפּיע, און ער האָט מיר געזאָגט, אז דער צענזאָר פון „סי", מר. מיניסטער, האָט דעם אָריגינאל געלאָזט ליגען ביי זיך אויף'ן שרייב־טיש, אזוי אז איינער פון אונזערע מיטגעפאנגענע, וועלכער איז געווען אָנגעשטעלט אלס שרייבער ביים צענזאָר אין ביורא, האָט עס געקראָגען צו זעהן און אראָפּגענומען דערפון א ווערטליכע קאָפּיע. ניט קוקענדיג אויף דעם אלעמען האָט מיר די זאך דאך ניט געוואָלט אריין אין קאָפּ. ענדליך זיינען מיר געקומען צום שלום צו געהן דירעקט צום קאָמאנדיר, אלס פארטרעטער פון די דריי באטאליאָנען, און בעטען ביי איהם אן ערקלערונג וועגען דער געשיכטע.

דאָס האָבען מיר אויך געטאָן. דער אלטער האָט זיך צוערשט געמאכט, אזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט געגלויבט, און האָט ערקלערט, אז די גאנצע געשיכטע איז ניט מעהר ווי א בלאָף. אָבער ווען ער האָט באמערקט, אז דער דאָזיגער ענטפער האָט אונז ניט באפרידיגט, האָט ער געשיקט נאָך דעם צענזאָר מיניסטער, כדי צו הערען,

וואס דער דאזיגער האט געהאט צו זאגען. ווען מיניסטער איז געקומען, האט איהם דער קאמאנדיר געשטעלט די פראגע, צי ווייסט ער עפעס וועגען אזא מין בריעף. דער צענזאר האט צוערשט געענטפערט ניין, אבער ער איז אריינגעקומען אין אזא פארלעגענהייט, אז מען וואלט געמוזט זיין בלינד, כדי ניט צו מערקען, אז עפעס איז דא געווען ניט גלאט. ווען דער קאמאנדיר האט באמערקט, וואס פאר א שלעכטען איינדרוק די קענטיגע פארלעגענהייט פון'ם צענזאר האט אויף אונז געמאכט, האט ער געזוכט צו ראטעווען די סיטואציע דורכדעם וואס ער האט דעם דאזיגען נאך אמאל אויפגעפאדערט גארנישט צו פארשווייגען. ס'איז קענטיג געווען, אז ער האט דערמיט געהאט די אבזיכט ארויסצוהעלפען דעם מאן פון זיין פארלעגענהייט.

נו, איז דער לייטענאנט מיניסטער צופעליגערווייז גראד געווען יענער צענזאר, צו וועמען דער אלטער האט זיך צוליעב וואס פאר עס איז גרונד שטענדיג געטשעפעט, און וועלכען ער פלעגט זאגאר אפט פאר אונז אין די אויגען דירעקט באליידיגען. ווען דער קאמאנדיר האט איהם אלזא איצט צום צווייטען מאל אויפגעפאדערט, ניט צו פארשווייגען די ווארהייט, האט ער את די אויפפאדערונג אנגענומען ווערטליך און מיט א נידעריגער שטימע האט ער זיך מודה געווען, אז דער אריגינאל פון'ם בריעף געפינט זיך ביי איהם אין ביורא.

אצונד איז דער אלטער געווארן ריכטיג אין כעס. ער האט זיך ארויפגעווארפען אויף'ן צענזאר, איהם אויסגערופען פארשידענע נעמען און איהם געסטראשעט מיט אלע מעגליכע זאכען. דער ארעמער מענש האט ניט געוואוסט, וואו ער זאל זיך אהינטאן. אבער פאר אונז איז די זאך געווען געענדיגט, ווארים מיר האבען אצונד געוואוסט, וואו מיר האבען געהאלטען אין דער וועלט. הוט איז געווען מיט דער מיינונג, אז דער קאמאנדיר וועט די צוויי חברה־לייט גלייך אוועקנעמען פון זיין באטאליאן, אבער ווען עס זיינען אריבער צוויי טעג, אהן דעם אז עפעס זאל האבען געשעהן, האט ער די זאך באקאנט געמאכט צווישען די געפאנגענע. דער

רעזולטאט איז געווען, אז לאַמערס, קאַרפּעלס און א געוויסער גרינהוט, וועלכער איז שטענדיג ארומגעגאנגען מיט די צווייי, האָבען געקראָגען גוט אָנגעבראָכען די ביינער, און בקיצור דורכדעם וואָס די סאָלדאַטען האָבען זיך באַצייטענס אריינגעמישט, איז מעגליך געווען זיי ארויסצוקריגען פון די הענט פון די פאַרביטערטע לייט און זיי אריינצופיהרען אין דער וואַך־שטוב. פון דאָרט האָט מען זיי אוועקגעשיקט אין אן אנדער לאַגער. שפּעטער האָבען מיר געהערט, אז מען האָט זיי געבראַכט אין אינטערנירונגס־לאַגער פון פעלדהאם, וואו מען האָט דעמאָלט אינטערנירט אַלע עלזאַסער, פּאָליאקען, טשעכען א. א. וו.

צוליעב אָט דער מיאוס׳ער געשיכטע האָט זיך דער גאנצער לאַגער א צייט לאנג געפונען אין א שטאַרקער אויפרעגונג. הוט אליין איז געווען אין געפאַר געשטעלט צו ווערן פאַר א קריגס־געריכט צוליעב „אויפרייצען צו א בונט״. אָבער מען האָט די זאַך דערשטיקט, כדי ניט אויפצורייסען מעהר די אויגען. ס׳איז איינפאַך געווען א שאנדע. עטליכע טעג נאָכדעם ווי די דריי זיינען ארויסגעיאָגט געוואָרען פון׳ם „סי״־באַטאַליאָן האָט מיידזשאָר מאָט פאַרקניפּט מיט מיר א געשפּרעך, כדי צו ריידען מיט מיר וועגען אָט דער טונקעלער געשיכטע. כ׳האָב איהם גאנץ אָפען געזאָגט, וואָס איך האָב געדענקט וועגען דעם. ער איז געווען איינפאַרשטאַנען מיט מיר אין אַלע פּונקטען און האָט געזאָגט, אז מען קאָן ניט פאַרדענקען די מענשען, ווען זיי האָבען ניט געוואָלט האָבען אזעלכע חברה־לייט אין זייער מיט.

דעם 18טען יאנואר האָט אונז ווידער פאַרלאָזען א מחנה פון עלטערע לייט, וועלכע זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאנד, אין אויסטויש פאַר ענגלישע ציוויל־געפאנגענע. עטליכע פון זיי האָבען זיך נאָך אין דער לעצטער שטונדע געלאָזט איבעררייידען פון זייערע פאַמיליעס צו בלייבען אינטערנירט אין ענגלאנד. זיי האָבען עס געטאָן מיט שווערע הערצער, הגם אונטער די אומשטענדען איז דאָס געווען דאס בעסטע וואָס זיי האָבען געקאָנט טאָן. אונזער אָרקעסטער האָט די שיידענדע קאַמעראַדען געגעבען א

פראכטפולען קאָנצערט. און איך האָב אין נאָמען פון די דריי באַ־טאַליאָנען זיי געזאָגט א פּאָר ווארעמע אָפּשידס־ווערטער. ס'איז געווען א קאַלטער, אומעטיגער טאָג, ווען די אַלטע לייט האָבען פארלאָזען דעם „פּעלעס“. ווער האָט דעמאָלט געקאָנט וויסען, וואס פאר א שיקזאַל זיי זיינען אנטקעגען געגאנגען!

דעם 17טען פעברואר איז ארויס א נייער באַפעהל, לויט וועל־כען מיר האָבען פון'ם 25טען און ווייטער ניט געטאָרט קריגען פון דרויסען קיין פעקלעך, וואָס האָבען ענטהאַלטען פלייש־זאכען, ברויט, מעהל, קוכען א. א. וו. אויך אין די בופעטען האָט מען די דאָזיגע זאכען מעהר ניט געטאָרט פארקויפען. בלויז פעקלעך, וועלכע זיינען אָנגעקומען פון דייטשלאַנד, האָט מען איבערגעגעבען די געפאנגענע. אָט דער נייסטער אוקאַז פון'ם „וואָר אָפּיס“ האָט די מענשען אריינגעבראכט אין א גרויסער דערשלאָגענקייט, וואָרים גראָד אין יענער צייט, ווען די ערנערונג איז געוואָרן אַלץ ערגער און קאַרגער, זיינען פאר אונז די צופלוסען פון דרויסען געווען טאָפּעלט און דרייפאַך נויטוועגדיג. אָבער דאָס ערגסטע איז ערשט געקומען. דעם 28טען פעברואר האָט מען אויף א באַפעהל פון'ם „וואָר אָפּיס“ אויך די אַלגעמיינע פּאָרציעס אונזערע פאקלענערט אויף א היבשען אופן. די מענשען זיינען געווען ווי פארשטיינערט, ווען זיי האָבען דערזעהן די קליינטשינקע שטיקלעך ברויט, וואָס האָבען זיי פון איצט אָן געדאַרפט דינען אלס טעגליכע פּאָרציע. אַלע פּראָטעס־טען זיינען געווען ארויסגעוואָרפען. דער קאָמאַנדיר האָט אונז ניט געקאָנט העלפען, ווייל ער האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן געגען די באַפעהלען פון'ם „וואָר אָפּיס“. ער האָט אליין גאַנץ גוט באגריפען, אז מיר וועלען ניט קאָנען לאַנג אָנהאַלטען מיט אָט די פּאָרציעס. האָט זיך אויך פערזענליך באמיהט פאר אונז אין'ם קריגס־מיניס־טעריום, אבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען.

אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער איז די ערנערונגס־פראַגע איינע פון די וויכטיגסטע פּראָבלעמען. מחמת דעם איז כדאי דאָ צו באַ־האַנדלען אָט די פראַגע אביסעל אויספיהרליכער. אין פארלויף

פון די ערשטע צוויי מלחמה־יאָהרען זיינען די פּאַרציעס, וועלכע די רעגירונג האָט אונז צוגעשטעלט, געווען גענוג לויט דער קוואַנטי־טעט, כאָטש עס האָט געפעהלט די נייטיגע אָפּוועקסלונג און די קוואַליטעט און צוגרייטונג פון די שפּייזען איז אָפט געווען ווייט פון גוט. אסך פון מיינע מיטגעפאַנגענע האָבען אין דער ערשטער צייט פון דער געפאַנגענשאַפט נאָך געהאַט אביסעל געלד, אזוי אז זיי זיינען געווען אין דער לאַגע צו קויפען אין דער „קאַנטין" דאָס נייטיגסטע, אָדער עס קריגען צוגעשיקט פון זייערע פאַמיליעס. אָבער פון פעברואר 1917 אָן, ווען די פּאַרציעס זיינען באַדייטענד פארקלענערט געוואָרן און דערצו האָט מען אונז נאָך פארבאָטען צו באַציהען וויכטיגע לעבענס־מיטלען פון דרויסען, האָט זיך ענטוויקעלט א צושטאַנד, וועלכער איז פון טאָג צו טאָג געוואָרען אלץ אומערטרעגליכער און האָט פאַראורטיילט די גרויסע מעהרהייט פון די געפאַנגענע צו גרויסע הונגער־ליידען. יעדער אומפּאַרטייאישער באָאָבאַכטער האָט געמוזט צוגעבען, אז די פּאַרציעס, וועלכע מען האָט אונז צוגעטיילט, זיינען ווייט ניט גענוג געווען צו באַפרידי־גען אפילו די סאַמע נייטיגסטע באַדערפעניש. ס'איז געווען בוכ־שטעבליך צום לעבען צו ווייניג, צום שטאַרבען צופיעל.

די פראַגע, וויפיעל נאַרונג א מענש מוז האָבען יעדען טאָג, איז ניט אזוי לייכט צו ענטשיידען, זאָגאַר ווען מען נעמט אין באַטראַכט די באַזונדערע קלימאַטישע פארהעלטענישען און די באַשעפטיגונג פון די מענשען. פונדעסטוועגען גלויבען מיר, אז מיר וועלען זיין גאַנץ נאָהנט צום אמת, ווען מיר וועלען פון איין זייט נעמען אלס באַזיס פאַר אונזערע אָנגאַבען די סאַמע קלענסטע שאַצונג פאַר די נויטווענדיגסטע ערנערונגס־באַדערפענישען פון א מענשען, און פון דער אנדער זייט וועלען מיר נעמען צום פארגלייך דעם מאַקסי־מום פון'ם נאַרונגס־ווערט וואָס עס האָבען ענטהאַלטען די לעבענס־מיטלען, וועלכע מען האָט אונז צוגעטיילט. דערביי וועלען מיר זיך באַציהען אויסשליסליך אויף די אונטערזוכונגען פון באַרימטע ענג־לישע פיזיאָלאָגען, ווייל זייערע רעזולטאַטען זיינען דאָך אם פּאַ־סענדסטען פאַר די ענגלישע לעבענס־באַדינגונגען.

דער נארונגס־ווערט פון אונזער טעגליכער שפייז, בארעכענט לויט „קאלאריען“, איז דורך דער אומאויפהערליכער פארקלענערונג פון אונזערע פארציעס געווען ווי פאלגט:

ברויט	5	אונסעם	גלייך:	280	קאלאריען	טעגליך
געבראכענע סוכארעס	4	"	"	140	"	"
רייז	1	"	"	100	"	"
לינזען	2	"	"	200	"	"
גרינוואַרג	4	"	"	50	"	"
מארמעלאדע	1	"	"	100	"	"
צוקער	1	"	"	100	"	"
קארטאפעל*)	15	"	"	335	"	"
פלייש**)	3½	"	"	100	"	"
הערינג	3½	"	"	84	"	"
טיי אדער קאפע	—	"	"	—	"	"
זאלץ און פעפער	—	"	"	—	"	"

מאקסימום............1489 קאלאריען

מיר האבען דעם נארונגס־ווערט פון אונזערע פארציעס געמאסטען לויט די ציפערן פון אנערקענטע ענגלישע פיזיאלאגען, ווי דר. א. ד. וואלער, דר. ס. ראסעל־וועלס, דר. דזש. ב. ליעטהם און דר. ע. דזש. ספריגס.

דר. ספריגס האט דאמאלס ערקלערט, אז 3000 קאלאריען זיינען גענוג פאר א מאן וואס טוט לייכטע ארבייט. לויט א באריכט,

*) מיר האבען אייגענטליך געקריגען 20 אונסעם קארטאפעל פאר יעדען איינעם, אבער אזוי ווי זיי זיינען געווען זעהר שלעכט, זיינען נאך די אפפאלען געבליבען העכסטענס 15 אונסעם.

**) מען האט אונז געגעבען יעדע וואך 18 אונסעם פריש פלייש און 12 אונסעם געפיקעלט פלייש פאר יעדען מאן. אזוי ווי דאס לעצטע איז געווען פון א זעהר ביליגער קוואליטעט, איז אונזער ציפער פון 100 קאלאריען פאר 3½ אונסעם טעגליך געוויס ניט צו נידעריג בארעכענט.

וועלכער איז אויפגענומען געווארן פאר דער ענגלישער רעגירונג פון א קאָמיטעט פון דער „ראיאל סאָסייטי" און גע'חתמ'עט פון דריי פראָפעסאָרען פון פיזיאָלאָגיע, האָבען אין דער טעגליכער נאָרונג פון א מענשען געזאָלט זיין ווענינסטענס 3400 קאָלאָריען. פּראָפעסאָר א. ד. וואלער פון דער „ראיאל סאָסייטי", וועלכער האָט אין יענער צייט פיגורירט אלס עקספּערט פון'ם „האָום אָפיס", האָט ערקלערט אין א באריכט צו דער רעגירונג אין נאָוועמבער 1916: „מיר רעקאָמענדירען א מינימום פון 3000 קאָלאָריען פאר אמוניציע־ארבייטער. א לייכטער פיזישער ארבייטער דארף קריגען 3000, א וואָפען־ארבייטער 3500 קאָלאָריען."

ווען מען זאָל נאָך דערצו נעמען אין אנבאטראַכט, אז לויט דער מיינונג פון'ם פיזיאָלאָג דר. ע. דוש. ספּריגס פון'ם „האָום אָפיס", מוז פון דער פארברויכטער שפּייז אראָפּגערעכענט ווערן 12 פּראָצענט, וואס באשטעהט פון אומפארדייליכע שטאָפען, דאן האָבען מיר פאר אונזערע פּאַרציעס געהאט פאָלגענדע צאָהלען:

מאקסימום ....1489 קאָלאָריען
ארונטער 12 פּראָצ..........178 "

בלייבט.........1311 קאָלאָריען

אָבער אָט דער ציפער איז נאָך אויך געווען צו הויך, ווארים עס וואלט נאָר דאן געווען ריכטיג, ווען די קוואליטעט פון די לעבענס־מיטלען וואלט געווען אין גאנצען גוט. דאָס איז אבער ליידער ניט געווען דער פאַל, ווארים ס'איז ניט געווען די וואָך, מיר זאָלען ניט זיין געצוואונגען זיך צו באקלאָגען אויף דער שלעכטער קוואליטעט פון די פּאַרציעס, הגם דאָס האָט אונז וויניג וואס געהאָלפען. זאָגאר די רעקאָמענדאציעס פון'ם דאָקטאָר זיינען אין די מעהרסטע פאלען איינפאך צוריקגעוויזען געווארן פון'ם „וואָר אָפיס". אזוי האָט מען אונז צום ביישפּיל אין מערץ 1917 באגליקט מיט אזויגערופענע „סמעלטס", א מין קליינע פישלעך, וועלכע זיינען ווער וויים ווי לאנג געלעגען אין זאלץ. אונזערע קעכער האָבען

זיך געגעבען די גרעסטע מיה צו מאכען עפּעס פון דעם דאָזיגען מורא'דיגען שטאָף, אזוי אז מען זאָל קאָנען ווי עס איז געניסען דערפון, אָבער מען האָט געמוזט איבער א העלפט ארויסוואַרפען. קיין ערזאַץ דערפאר האָט מען אונז ניט געגעבען. דער אלטער קאָמאנדיר, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער אונטערזוכונג פון די דאָזיגע אזויגערופענע „סמעלטס“, האָט סארקאסטיש באמערקט. „דאס קוקט מיר אויס ווי שטיקער פון לוט'ס ווייב.“

אָבער עס פלעגט אויך אָפט פּאָרקומען, אז מיר האָבען איבערהויפּט גאָרנישט געקאָנט באנוצען פון די געליפערטע פּאָרציעס, אָהן דעם אז מען זאָל אונז האָבען געגעבען די מינדסטע זאַך דערפאר. אין יוני און יולי 1917 זיינען די העריגג געווען אין א צושטאַנד, וועלכער לאָזט זיך קוים באשרייבען. דעם 16טען יוני האָט דער דאָקטאָר געגעבען א באַפעהל צו פארניכטען זיבען פעסער מיט הערינג, וועלכע מען האָט צוגעטיילט די געפאנגענע פון'ם באטאליאָן „איי“. די העריגג זיינען געווען פול מיט ווערים און האָבען געהאט אן עקעלהאפטען אָנבליק. צוויי טעג שפּעטער האָט מען אונזער באַטאַליאָן צוגעשטעלט א גרויסע צאָהל העריגג, וועלכע זיינען געווען אזוי דורכגעדרונגען פון זאַלץ, אז אונזערע קעכער מיט זייער גאַנצער קאָך־קונסט האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט. דער דאקטאר האָט דערום געלאָזט אויפמאכען א נייעם פאַס און געהייסען האַלטען די העריגג פיער און צוואנציג שעה צייט אונטער ליפענדען וואַסער, כדי ארויסצוציהען די זאַלץ. נאָך אכצעהן שטונדען האָבען זיך די העריגג געפונען אין א צושטאנד פון פולשטענדיגער צופוילטקייט און האָבען מיט זייער עפוש'דיגען גערוך פארפעסטעט דעם גאַנצען לאַגער. ס'איז איינפאַך גאָרנישט געווען וואָס צו מאכען דערמיט, און דער דאָקטאָר האָט עס געמוזט אָנערקענען. ניט קוקענדיג דערויף האָט מען אונז ניט געגעבען קיין שום ערזאַץ, יאָ, מען האָט אונז מאָנאטען לאנג ווייטער צוגעשטעלט אָט די צופוילטע העריגג, ניט קוקענדיג אויף אונזערע פּראָטעסטען, און אָהן דעם אז מיר זאָלען דערפון האָבען דעם מינדעסטען נוצען. ווי עס ווייזט אויס, האָט איינע פון די פירמעס, וועלכע האָבען אין

יענער צייט געמאכט ריזיגע פּראָפּיטען מיט זייערע ליפערונגען פאַר דער ארמיי א. א. וו., אָפּגעצימבעלט דעם „וואָר אָפּיס" און איהם אריינגעשמוגעלט אַט די מורא'דיגע וואָרע. און אַזוי ווי מען האָט די ענגלישע סאָלדאַטען אויף קיין פאַל ניט געקאָנט אָנבאַטען אַזא שפּייז, האָט מען ווארשיינליך אונז געוואָלט דאָ באַנוצען אלס עקס־פּערימענט־קראָליקעס.

אַז אונזערע טענות און פּראָטעסטען זיינען ניט געווען סתם אין דער וועלט אריין און אַז עס האָט זיך דאָ ניט געהאַנדעלט וועגען קאפּריזען פון איידעלע, פארצויגענע גומענס, קאָן מען זעהן דערפון, וואָס דער ענגלישער פאַכטער, וועלכער פלעגט צונעמען ביי אונז אין לאַגער די אָפּפאַלען פון דער קיך, כדי דערמיט צו קאָרמענען זיינע חזירים, האָט דעם 23טען יוני געלאָזט וויסען אונזערע קעבער, אַז דריי חזירים זיינען ביי איהם אוועקגעפאַלען, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אָנגעפרעסען מיט דעם אָפּפאַל פון די שרעקליך געזאַל־צענע פלייש און פיש, וואָס ער האָט געהאַט אוועקגעפיהרט פון לאַגער. אָט די שפּייז איז אלזאָ פאַר די חזירים אפילו ניט געווען מעגליך צו געברויכען.

דר. דאָוו, דער נאָכפאָלגער פון דר. מאָפּארט אין שפּיטאָל, וועל־כער איז געווען אַ זעהר הומאַנער און געוויסענהאַפטער מאַן, האָט צוגעשיקט צו דער וויסענשאַפטליכער אָפּטיילונג פון'ם בריטיש מוזעאום אן אנצאָל פון די ווערים, מיט וועלכע ס'האָט איינפאַך געקישעט אין די הערינג וואָס מען האָט דעמאָלט צוגעשטעלט דעם „איי"־באַטאַליאָן. אלס ענטפער דערויף האָט ער געקריגען פאָל־גענדען בריעף, וואָס איז דעם 21טען יוני אָנגעקלעפּט געוואָרן אויף'ן שווארצען ברעט אין אלע דריי באַטאַליאָנען, און וועלכער פאַרדינט געהאַלטען צו ווערן אלס קולטור־דאָקומענט פאַר די קומענדע דורות:

British Museum (Natural History)
Cromwell Rd. S. W. June 15th, 1917.

Dear Sir:

Dr. Graham has handed me your letter of yester-day's date, in reply to which I have to say that the worm

you sent is the common Filaria Piscum, which is often abundant in edible fishes, and is perfectly harmless.

I am Yours faithfully,

(*Signed*) F. JEFFREY BELL.

(דר. גרעהעם האָט מיר איבערגעגעבען אייער בריעף פון נעכטיגען דאטום, אויף וועלכען איך קאָן אייך ענטפערן, אז דער וואָרם, וואָס איהר האָט מיר צוגעשיקט, איז דער געוועהנליכער „פילאַריאַ פיסקום“, וועלכער געפינט זיך אָפט אין גרויסע מאסען אין עסבארע פיש, און איז פולשטענדיג אומשעדליך.

איך פארבלייב אייער ערגעבענער

גע'חתמ'עט: פ. דזשעפרי בעל.)

די פאָלגען פון דער שלעכטער און ניט געניגענדער נארונג האָבען זיך אלץ שטארקער געלאָזט מערקען אין לאַגער. אסך געפאנגענע האָבען געליטען פון כראָנישע אויסשלאָגען און 75 פראָצענט פון אלע פאַלען וואָס זיינען באהאנדעלט געוואָרען אין שפיטאָל זיינען געוועזען מאָגען־ און געדערים־קראנקהייטען. זעהר הויך איז געוועזען די צאָהל פון די ברוכען וואָס די געפאנגענע האָבען זיך געמאכט ביים שטולגאַנג. אזוי ווי מיר פלעגען אָפט חדשים־לאַנג ניט קריגען קיין גרינוואַרג און מען פלעגט אונז אָנשטאָט דעם געבען שלעכטע רייז, איז הארט־לייביגקייט געוועזען אן אלגעמיין פארשפרייטע צרה אין'ם לאַגער. און אזוי ווי די ווידערשטאנדס־פעהיגקייט פון די אונטערלייב־אָרגאַנען איז ביי די מעהרסטע געפאנגענע געוועזען זעהר אָפגעשוואכט צוליעב דער שלעכטער און מאנגעלהאפטער נארונג, זיינען ענטשטאַנען די ברוכען. אונזער הויפט־קראַנקענוועכטער ריכטער, וועלכער האָט אויך געהאט אונטער זיין אויפזיכט די אינערליכע אָרגאַניזאציע פון'ם שפיטאָל, האָט מיר איין טאָג דערצעהלט, אז ער האָט אין משך פון צעהן חדשים באצויגען פון דרויסען קרוב צו פינף הונדערט ברוך־בענדער, און ווען איך האָב דאס ניט געקאָנט באגרייפען, האָט ער עס מיר באוויזען דורך זיינע ביכער.

די איבער־גרויסע מעהרהייט פון די געפאַנגענע, וועלכע האָבען זיך אין יענער צייט געפונען אין׳ם „פעלעס“, האָבען שוין געהאט געלעבט יאָהרען־לאַנג אין ענגלאנד און זיינען געווען פארהייראט מיט ענגלישע פרויען. זיי האָבען זיך אין פארלויף פון די יאָהרען געהאט אין גאנצען איינגעלעבט אין די ענגלישע לעבענס־פארהעלטענישען און האָבען געהאט גאנץ ווענינ באציהונגען מיט דער אַלטער היים. זיי האָבען אַלזאָ פון דאָרט גאָרנישט געהאט וואס צו ערווארטען, און אזוי ווי זיי האָבען אויך פון זייערע קרובים אין ענגלאַנד ניט געטאָרט קריגען קיין שום לעבענס־מיטלען, זיינען זיי כסדר געפלאגט געוואָרן פון הונגער. די פארטרעטער פון דער אמעריקאנער געזאנדשאפט האָבען אונז געהאלטען אין איין פאַרזיכערן, אז די ערנערונגס־פארהעלטענישען פון די ענגלישע ציוויל־געפאנגענע אין רוהלעבען זיינען נאָך פיעל אומגינסטיגער איידער אונזערע. דאָס ווילען מיר גאָר ניט באשטרייטען. אָבער די אינטערנירטע אין רוהלעבען זיינען פון ענגלאַנד פארזאָרגט געוואָרן אויף א ברייטען אופן מיט לעבענס־מיטלען, בעת ווען אין דייטשלאנד, וואו די מאַטעריעלע נויט איז מיט דער לענג פון דער מלחמה וואָס ווייטער אַלץ גרעסער געוואָרן, איז מען גאר ניט אימשטאנד געווען מיט אונז צו טאָן דאָסזעלבע, ווען מען וואָלט עס זאָגאר געוואָלט טאָן. אָבער די יעניגע צווישען אונז, וועמען די נויט האָט געטריבען זיך צו ווענדען צו אַלטע קרובים אָדער באקאנטע אין דייטשלאַנד, כדי צו בעטען ביי זיי הילף, האָבען ניט נאָר פון דער צענזור געקריגען צוריק זייערע בריעף, זיי זיינען נאָך אויסער דעם אויך באשטראָפט געוואָרן דערפאר וואָס זיי האָבען זיך באקלאָגט פאר אנדערע אויף זייער נויט. געוויסע געפאנגענע זיינען צוליעב אָט די „הונגער־בריעף“ פארשיקט געוואָרן אויף דער „אייל־אָף־מען“. מיט איין וואָרט: די צענזור האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיה, אז קיין איין וואָרט אפילו זאָל ניט ארויסקומען אויף דרויסען אי־בער דעם אמת׳ן צושטאַנד פון אונזערע לעבענס־באַדינגונגען.

מען דארף ניט זיין קיין עקספערט, כדי צו באגרייפען, ווי אזוי אָט דאָס שטענדיגע הונגער־ליידען האָט געמוזט ווירקען אויף דעם

גייסטיגען צושטאנד פון די מענשען. היינט צו טאג צווייפעלט מען שוין קוים וועגען דעם, אז עס זיינען פאראן ענגע באציהונגען צווישען די פיזישע באדינגונגען, אונטער וועלכע מענשען זיינען געצוואונגען צו לעבען, און זייער פסיכישען פיהלען. אין דער ווירקליכקייט האט אן אויפמערקזאמער באאבאכטער געקאנט זעהר ליכט זעהן, ווי צוליעב דער מאטעריעלער נויט איז ביסלאכוויין פארגעקומען א פולשטענדיגע גייסטיגע ענדערונג צווישען די געפאנגענע. פריהער איז געווען א גאנץ געווענליכע ערשיינונג, אז א מיטגעפאנגענער, וועלכער האט פון דרויסען געקריגען א פעקעל, זאל גערן געבען זיין שכן א פאר שטיקלעך דערפון. איז אימיצער אמאל געווען קורץ אין ברויט, איז יעדער איינער גערן געווען איהם ארויסצוהעלפען. ביי די טישען פלעגט זיך בלויז זעלטען מאכען א שטרייט איבער די צוגעטיילטע פארציעס, און די געצעהלטע עטליכע, וועלכע האבען ניט געקאנט באהאלטען זייער קראנקהאפטען עגאאיזם, זיינען פון אלעמען באהאנדעלט געווארן מיט פאראכטונג.

אבער דאס האט זיך גרינדליך געענדערט, נאכדעם ווי די נייע באשטימונגען זיינען א צייט לאנג געווען אין קראפט. די ברוטאלע אינסטינקטען פון די מענשען האבען זיך שטארק ארויסגעוויזען, און דאס מיטגעפיהל מיט די ליידענדע איז אלץ מעהר און מעהר אפגעטעמפט געווארן. האט זיך דעם איינעם אדער דעם אנדערן איינגעגעבען דורך שמוגלעריי אדער אויף וואס פאר עס איז אנדער אופן צו קריגען עפעס פון דרויסען, איז ער פארקראכען אין א ווינקעל, וואו קיינער האט איהם ניט געקאנט באמערקען, כדי דארט צו פאצעהרען דאס וואס ער האט געקראגען. אויב אנדערע האבען איהם צופעליג דערטאפט דערביי, איז ער געווארן א פארציטערטער, אזוי ווי ער וואלט באגאנגען א געמיינהייט. און ס'איז ווירקליך געווען שרעקליך אין דער אנוועזענהייט פון אנדערע אויפצועסען אן עקסטרא מאהלצייט און האבען אנגעשטעלט אויף זיך הונגעריגע אויגען פון אלע זייטען. ביי די טישען איז איצט אין פארלויף פון די מאהלצייטען כמעט קיינמאל ניט אפגעגאנגען אהן שטרייט און צאנקעריי. מען האט געקוקט מיט אפענע אויגען און געהיט, אז

דער איינער אדער דער אנדערער זאָל ביי דער פּארטיילונג פון'ם ברויט חלילה ניט קריגען א שטיקעלע מעהר. די מענשען זיינען געוואָרן פארהארטעוועט, מיסטרויאיש און גערייצט. א קליינינקייט האָט געקאָנט פּלוצלינג ארויסרופען אן אויפרעגונג אין'ם גאנצען לאַגער. גנבות זיינען פאָרגעקומען אלץ אָפטער. אסך געפאנגענע האָבען געליטען פון א מערקווירדיגער שוואכקייט פון זכרון, כאָטש זיי זיינען פריהער געווען גאנץ נאָרמאַל. ס'איז געלעגען עפּעס קראנקעס אין דער גאנצער אטמאָספערע, עפּעס וואָס האָט אנגע־וואָרפען א מרה שחורה און א פחד, און וואָס לאָזט זיך מיט דעם בעסטען ווילען ניט ריכטיג באשרייבען.

מען האָט אָפט ערקלערט,אז הונגער און נויט מאכען די מענשען דרייסטער און אונטערנעמונגס־לוסטיגער. קיין זאך איז ניט פאל־שער ווי אָט די מיינונג. הונגער און נויט מאכען די מענשען פייג און שוואך, זיי דערשטיקען אין זיי די סאָציאלע געפיהלען און אינס־טינקטען און פיהרען ביסלאכווייז צו דעם ברוטאלסטען און שארפס־טען עגאאיזם. אומאויפהערליכע מאַטעריעלע נויט איז טאקע אימ־שטאנד צו טרייבען די מענשען צו פארצווייפלונגס־אקטען, אבער זי האָט ניט די קראפט צו ענטוויקלען זייערע שעפערישע טהעטיג־קייטען און יענעם טיפען סאָציאלען פיהלען, וואָס איז ביז אהער געווען דער לייט־שטערן פון אלע גרויסע עפּאָכען פון דער געשיכטע. דאס איז אויך די אורזאך, פארוואָס אלע גרויסע און ווירקליך רעוואָלוציאָנערע באוועגונגען זיינען תמיד געקומען דאן, ווען עס איז איינגעטראָטען א געוויסע בעסערונג אין די מא־טעריעלע לעבענס־באדינגונגען און די מענשען האָבען ווידער געהאט די קראפט צו גלויבען אין דער צוקונפט.

קיינמאָל האָב איך אָט דעם אמת ניט געפיהלט אזוי טיף און אינטענסיוו ווי אין יענעם לאנגען פעריאָד פון טעגליכע הונגער־ליידען און שווערע נשמה־יסורים, וועלכע האָבען מעהר ווי איינעם פון מיינע דאמאָלסדיגע ליידענס־חברים פאר דער צייט אָפּגעשני־טען פון לעבען.

קאפיטעל 19

די ווירקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע

אונזער „שטויער־סיסטעם“ — דער קאַמף געגען די קאָרטען־שפּילער — פאַרם־ארבייטער אין קייטען — די רעדע פון באָנאר לאָו — די שווייצער געזאַנדשאַפט נעמט איבער אונזער פארטרעטונג — דער אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד — ליכט אין דער פינס־טערניש — אמעריקא טרעט אריין אין קריג — די מענער פון מזרח־אפריקא — דער ערשטער מאי — דער אלטער קאָמאַנדיר — זיין טויט — אָפּשיד פון די רוסישע פריינט — קראַפּאָטקין פארלאָזט ענגלאַנד — מאלאטעסטא וויל אויך פאָהרען קיין רוסלאַנד — אלץ איינזאמער ארום און ארום.

כדי אָפּצושטעלען די וואקסענדע נויט וועניגסטענס אויף אזוי ווייט ווי מיר זיינען געוועזן אימשטאַנד דערצו, האָב איך פאָרגע־לעגט פאר מיינע מיטגעפאנגענע א רייה פון מאסרעגלען, וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט סימפּאטיע פון אלעמען. אויף מיין פאָרשלאַג האָבען מיר שוין פריהער געהאַט איינגעפיהרט ביי אונז אין באַטאַליאָן, אז יעדער וואָס האָט דערהאַלטען פון דרויסען א פּעקעל, פלעגט צאָהלען איין אָדער צוויי פּענס אין דער באַטאַ־ליאָן־קאַסע, כדי אויך די, וועלכע זיינען ניט געוועזן אזוי גליקליך צו קריגען צופלוסען פון דרויסען, זאָלען עפּעס האָבען דערפון. אָט דער מנהג האָט אונז איינגעבראַכט יעדע וואָך א היבשע סומע, וועלכע איז געגאַנגען אין גאַנצען פארן קיך־פאָנד. יעדער איינער האָט גערן געגעבען אָט דעם ביישטייער, און עס זיינען זאָגאר געוועזן היבשע עטליכע וואוילהאַבענדע לייט צווישען אונז, וועלכע האָבען יעדעס מאָל געצאָהלט זעקס פּענס ביז א שילינג. ווען די פּעקלעך

פון דרויסען האָבען אלזא צוליעב דעם נייעם באפעהל אָנגעהויבען קומען זעלטענער, און ווען די גזרה איז נאָך שפּעטער פארשארפט געוואָרן און זיי האָבן ביסלאכווייז גאָר אויפגעהערט צו קומען, זיינען אונזערע איינגאמעס פון וואָך צו וואָך געוואָרן קלענער און א דאנק דעם די קעסט מאָגערער. איך האָב דערום געמאכט א פאָרשלאָג, אז אלע, וועלכע האָבען געקריגען צוגעשיקט געלד פון דרויסען, זאָלען אראָפּגעבען א קליינעם פּראָצענט פאר דער באטאַליאָן־קאַסע, כדי אויף אזא'ן אופן צו געבען אונזערע קעכער די מעגליכקייט צוצוגרייטען די שפּייז וואָס די רעגירונג האָט אונז צוגעטיילט אזוי נארהאַפטיג און אזוי געשמאַק ווי נאָר מעגליך. איך האָב שוין פריהער געהאט גערעדט מיט די לייט, וועלכע פלעגען קריגען געלד־זענדונגען, און זיי אָנגעוויזען אויף דער דרינגענדער לאַגע, אין וועלכער מיר האָבען זיך געפונען, און איך האָב אויך א־ין ערגעץ ניט באַגעגענט קיין ווידערשטאַנד. בלויז איינמאָל איז פארגעקומען, אז א געוויסער הערר פאָן ב. האָט זיך גאנץ פעסט אָפּגעזאָגט צו געבען זיין שטייער, און האָט זיך זאָגאר באקלאָגט וועגען דעם צום קאָמאנדיר. דער מאן איז א קורצע צייט פאר דעם אנגעקומען צו אונז פון'ם אינטערנירונגס־לאַגער פון ווייקפיעלד און עס איז איהם שווער געווען זיך צו צוגעוואוינען צו די פרייע אויפפיהרונגען, וועלכע האָבען זיך ביסלאכווייז אויסגעארבייט ביי אונז.

ווען דער קאָמאנדיר האָט מיך געפרעגט, פארוואָס מען וויל ביי דעם מאן אראָפּנעמען א טייל פון דעם געלד וואָס מען האָט איהם צוגעשיקט, האָב איך איהם ערקלערט דעם גאנצען ענין. ער האָט מיר געענטפערט, אז ער האָט גארנישט וואָס איינצואווענדען געגען אונזערע מעטאָדען, אזוי לאַנג ווי די בייטראָגען ווערן געגעבען פרייוויליג, אָבער אויב אימיצער טרעט ארויס געגען דעם, דארף מען איהם אויסצאָהלען די פולע סומע, כדי אויסצומיידען אומאנגענעמע קאָמפּליקאַציעס. איך האָב איהם ערקלערט, אז דאס איז א זעלבסטפארשטענדליכע זאך, אָבער אז ביז אהער האָט קיינער אויסער הערר פאָן ב. ניט אויפגעהויבען קיין פּראָטעסט געגען דעם. פארשטעהט זיך, אז די זאך איז ניט געבליבען אומבאקאנט, און

הערד פאַן ב. האָט זיך שפּעטער מישב געווען און געבעטען, מען זאָל איהם איבערשיקען צוריק קיין ווייקפיעלד.

מיט א שטיקעל צייט פאַר דעם האָט זיך א מאַן פון אונזער באַטאַליאָן, וועלכער האָט פאַר דער מלחמה געהאַלטען א קליינעם רעסטאָראַנט, געווענדט צום קאָמאַנדיר און געבעטען ביי איהם ערלויבעניש אריבערצוברענגען פון זיין היים א ביליאַרד. דער אַלטער האָט גאָרנישט געהאט וואָס איינצואווענדען דאַגעגען, און זינט דאַן זיינען די פריינט פון'ם ביליאַרד־שפּיל אויפגעריכט געוואָרן. באַלד האָבען זיך געפונען נאָך בעלנים דערויף, און אזוי ווי מיר האָבען ביי דער „קאַנטין" געהאט א צימליך גרויסען ליידיגען פּלאַץ, זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן נאָך צוויי ביליאַרד־טישען, וועלכע זיינען באַזונדערס אין די לאַנגע ווינטער־מאָנאַטען געווען פאַרנומען כמעט דעם גאַנצען טאָג. די אייגענטימער האָבען דערמיט פאַרדינט היבשע שטיקער געלד, אזוי אז איך האָב עס געהאַלטען פאַר פּאַסענד ארויפצולעגען אויף זיי א וועכענטליכען שטייער, כדי צו קריגען נאָך געלד פאַר אונזער קיך־פאָנד. די חברה־לייט האָט דאָס ניט שטאַרק געשמעקט, באַזונדערס איינער פון זיי האָט אונז כסדר געמאַכט שוועריגקייטען, ווען ער האָט געדאַרפט צאָהלען, הגם דאָס האָט איהם גאָרנישט געהאָלפען.

איין טאָג האָבען זיך די דריי חברה־לייט צונויפגערעדט, אָפּצושטעלען די צאָהלונגען צו דעם באַטאַליאָן. אין זייער קליינליכען עגאָאיזם האָבען זיי זיך פאַררופען דערויף, אז דער קאָמאַנדיר האָט זיי ערלויבט איינצופיהרען די ביליאַרדס, און עס איז דאַמאָלס קיין רייד ניט געווען וועגען א שטייער־צאָהלונג. מיר האָבען אַלזא געמאַכט א סוף צו דער גאַנצער געשיכטע, מיט דעם וואָס מיר האָבען זיי ערקלערט, אז פון איצט אָן וועלען די ביליאַרדס איבערגענומען ווערן פון'ם באַטאַליאָן גופא, אזוי אז אַלע איינגאַמעס וועלען געהן צום נוצען פון'ם כלל, פון אַלע געפאַנגענע. מיר האָבען די דריי לייט פאַרגעשלאָגען צו פאַרקויפען זייערע ביליאַרד־טישען דעם באַטאַליאָן פאַר א מעסיגער סומע אדער זיי ארויסנעמען פון'ם לאַגער, ווייל מיר מוזען האָבען דעם פּלאַץ פאַר אונז אַליין. איינער

פון זיי האָט זיין ביליארד צוריקגעשיקט אהיים, די אנדערע צוויי
האָבען זיך מיט אונז אויסגעגליכען. ווען מיר האָבען געזעהן, אז די
פּראָפּיטען, וואָס זיינען אריינגעקומען דורך די ביליארדס, זיינען
געווען גאנץ היבשע, האָבען מיר באשלאָסען צו קריגען א גאנץ
גרויסען ביליארד, כדי צו פארגרעסערן אונזערע וועכענטליכע איי־
נאָמעם. א פּארמעגליכער מיטגעפאנגענער, וועלכער איז אליין גע־
ווען א ליידענשאפטליכער ביליארד־שפּילער, האָט אונז אויסגעלעגט
דאָס געלד, וואָס מיר האָבען איהם בּיסלאכוויז אויסגעצאָהלט פון
אונזערע וועכענטליכע אייננאמעס. אין קנאפּע דריי חדשים איז
אויך אָט דער ביליארד געווען באצאָהלט אייגענטהום פון׳ם באטא־
ליאָן. פאר דער גאנצער איבעריגער צייט פון אונזער געפאנגענ־
שאפט זיינען די ביליארדס געבליבען דער בעסטער קוואל פון אונ־
זערע אייננאָמעס.

ווען איך האָב איבערגענומען די פיהרערשאפט פון׳ם באטאליאָן
האָב איך אויסגענוצט מיין גאנצען איינפלוס, ווענינסטענס אין אונ־
זער באטאליאָן צו באזייטיגען די געמבלעריי, די פארשידענע האַ־
זארד־שפּילען, וועלכע האָבען זיך געהאט פארשפּרייט איבער׳ן גאנ־
צען לאַגער. מיר האָבען געהאט צווישען אונז א היבשע צאָהל
ביטערע יונגען, ביי וועמען דאס האזארד־שפּיל איז נאָך פריהער
פאר דער אינטערנירונג געוואָרן א פּראָפעסיע. אָט די חברה־לייט
האָבען אצונד פיגורירט אלס אזויגערופענע באנק־האַלטער און האָ־
בען ביי זייערע קאמעראדען ארויסגעשווינדעלט די לעצטע פאָר גראָ־
שען פון קעשענע. יאָ, עס האָבען זיך זאָגאר געפונען געפאנגענע,
וועלכע האָבען געהאט גרעסערע סומען געלד און זיי האָבען אָט די
חברה־לייט דירעקט פינאנסירט, און דערפאר פלעגען זיי קריגען א
געוויסען פּראָצענט פון די פּראָפּיטען. די מאָנאָטאָנקייט פון דער
געפאנגענשאפט, דאס באדערפעניש פון די מענשען צו האָבען עפּעס,
מיט וואָס צו רייצען זייערע נערוועז, — דאָס איז געווען ווי גע־
וואונשען פאר די פּראָפעסיאָנעלע שפּילער און האָט זיי זעהר שטארק
געהאָלפען אין זייער געשעפט. עס האָבען זיך אלזאָ שטענדיג געפו־
נען גענוג געפאנגענע, וועלכע האָבען ניט געקאָנט ביישטעהן דעם

נסיון. אפט פלעגט פארקומען, אז איינצעלנע מענשען האבען פאר־שפילט אלץ וואס זיי האבען פארמאגט. באזונדערס פאר די יונגערע לייט איז אט די ליידענשאפט געווען פארדארבליך און דעמאראלי־זירענדיג אין העכסטען גראד. כ׳האב אפט געזעהן, ווי שיפ־יונגען האבען אין איין פערטעל שעה פארשפילט פעקלעך און געלדער, וואס זיי האבען געקריגען צוגעשיקט פון זייערע עלטערן אדער פון זייערע באלעבאטים, און דערנאך האבען זיי בא׳גנב׳עט זייערע אייגענע חברים, כדי נאר צו קאנען דינען צום שפיל־טייוועל.

עס זיינען געווען איינצעלנע צווישען אונז, וועמען דאס שפיל האט איינפאך פארוואנדעלט אין חיות. אזוי פלעגט פארקומען, אז געפאנגענע האבען זיך ענטזאגט צו זעהן זייערע פרויען, וועלכע זיינען געקומען צו זיי אויף באזוך, דערפאר ווייל זיי זיינען גראד געשטאנען ביים שפיל־טיש און האבען ניט געוואלט געשטערט ווערן אין זייער ליידענשאפט. אנדערע פלעגען צונעמען ביי זייערע פרוי־ען דאס לעצטע, כדי עס צו ברענגען אלס קרבן צו דער שפיל־מאניע, בעת ווען זייערע פאמיליעס אין דערהיים האבען געמוזט הונגערן. איינמאל האט מען מיר דערצעהלט וועגען א פאל, וואו א באזונדערס געזונקענער שפילער האט אפגעווארט זיין פרוי, ווען זי איז געקומען איהם באזוכען, און האט פארלאנגט זי זאל איהם געבען איהר געלד־בייטעל. ער האט ארויסגענומען אלעס וואס ער האט דארט געפונען און עס אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע. ווען די ארעמע פרוי האט איהם געבעטען, ער זאל איהר ווייניגסטענס איבערלאזען אזוי פיעל, אז זי זאל ניט זיין געצוואונגען צו געהן צופוס אהיים, האט זיך דער גראבער יונג ענטזאגט צו דערפילען איהר ביטע, אזוי אז א פרעמדער געפאנגענער, וועלכער האט אויף איהר רחמנות געהאט, האט איהר אריינגעשטופט א פאר פענס אין האנד, כדי זי זאל קאנען פאהרען. ווען דער פאל איז באקאנט געווארן אין לאגער, זיינען די געפאנגענע געווען אזוי אופגעבראכט, אז זיי האבען דעם נידערטרעכטיגען בחור גוט אנגעבראכען די ביינער.

געוויס, אזעלכע פאלען זיינען געווען אויסנאמען, אבער זיי

ווייזען דאָך, ביז צו וואָס פאַר א ווילדקייט די שפּיל־מאַניע האָט געקאָנט טרייבען די מענשען. אַן אנדער צרה׳דיגע ערשיינונג איז געווען דאָס, וואָס ביי די שפּיל־טישען פלעגען כמעט שטענדיג אויסברעכען צאַנקערייען און שטרייטיגקייטען, וועלכע האָבען ניט זעלטען געפיהרט צו געשלעגען. צוליעב דעם דאָזיגען גרונד האָט די גרויסע מעהרהייט פון מיינע מיטגעפאַנגענע אָנגענומען א פיינדליכע שטעלונג געגען די שפּילער, באַזונדערס געגען די אַזויגערופענע „באַנקירען", פון וועלכע עטליכע האָבען גאַנץ איינפאַך און אָפען געזוכט דורך פאַרשידענע שווינדלערייען אָפּצונארען די שפּילער, אַזוי אַז עס פלעגט דורכדעם אָפט ארויסקומען דער גרעסטער סקאַנדאַל.

דער אַלטער קאָמאַנדיר האָט די זאַך אין דער ערשטער צייט גענומען גאַנץ לייכט. ווען איך האָב איינמאָל גערעדט מיט איהם וועגען דעם, האָט ער סקעפּטיש געזאָגט: „דאָס זיינען זאַכען, וועלכע מען קאָן ניט פאַרהינדערן." געמבלערייַ איז, אמת, געווען פאַרבאָטען אין לאַגער, אָבער קיינער האָט זיך ניט ערנסט געקימערט וועגען דעם דאָזיגען פאַרבאָט. אין אָנהויב האָבען זיך די סאָלדאַטען געמאַכט א ספּאָרט דערפון וואָס זיי פלעגען פון צייט צו צייט באַפאַלען א „באַנק" און זיך צוטיילען צווישען זיך מיט דעם געלד וואָס זיי האָבען דאָרט פאַרכאַפּט. אָבער שפּעטער פלעגען זיי קריגען באַצאָלט פון די „באַנקירען" און פלעגען אַליין באַוואַכען די שפּילער און זיי פאַרהיטען פון יעדער געפאַר.

א קורצע צייט נאָכדעם ווי איך האָב איבערגענומען מיין שטעלע אַלס באַטאַליאָן־פיהרער, האָב איך צוזאַמענגערופען דעם באַטאַליאָן און גערעדט צו מיינע מיטגעפאַנגענע וועגען דעם איבעל, וועמעס דעמאָראַליזירענדע פאָלגען צייגען זיך ארויס אַלץ דייטליכער און דייטליכער, און איך האָב זיי ערקלערט, אַז עס מוז נעמען א סוף דערצו. כ'האָב זיך געווענדעט דירעקט צו די „באַנקירען" און די פּראָפעסיאָנעלע שפּילער און זיי געזאָגט אומגעפער פאָלגענדעס:

„מיינע הערען, איך האָב ניט בדעה צו ריידען צו אייער געווי־

סען, אייך זאָגען מוסר, ווייל איך בין איבערצייגט, אז איך וועל דערמיט גאָרנישט אויפטאָן. אויף דרויסען וואָלט עס מיר גאָר קיינמאָל ניט ארויפגעקומען אויף'ן זינען צו וועלען איינצאַמען אייער לײדענשאַפט, מחמת איך ווייס, אז אויסערליכער צוואַנג קאָן אין דעם פּרט ווינציג וואָס העלפען. אזוי לאַנג ווי איהר זיינט געווען אין אייערע געמבעל־הייזער און האָט געפּונען גענוג שוטים, וועלכע האָבען זיך געלאָזט פון אייך באשווינדלען, האָט די זאַך געקאָנט געהן איהר גאַנג. דאָ אָבער, וואו מיר זיינען געצוואונגען צו וואוינען צוזאַמען, מוז יעדער איינער אכטונג געבען, אז זיין פּערזענליכע האַנדלונג זאָל ניט זיין געגען די אינטערעסען פון דעם כלל, פון'ם גאַנצען באַטאַליאָן. ס'קאָן דערום ניט אַנגעהן ווייטער אזוי, אז איהר זאָלט האַלטען אין איין אויסלײדיגען די קעשענעס פון אייערע קאַמעראַדען און זיי דורכדעם טרייבען צו באַ'גנב'ענען זייערע שכנים. פּונקט אזוי ווייניג קאָנט איהר פאַרלאַנגען פון אונז, אז מיר זאָלען צוליעב אייך שטענדיג דולדען שטרייט און קריג. איך פאָדער אייך דערום אויף צו ליקווידירען אייער געשעפט און אויפגעבען די געמבלעריי, די האַזאַרד־שפּילען אין'ם באַטאַליאָן."

אזוי ווי די גרויסע מעהרהייט פון די געפאַנגענע איז אין דער הינזיכט געווען אבסאָלוט איינשטימיג מיט מיר, איז אונזער באַטאַליאָן באַלד באַפרייט געוואָרן פון דער דאָזיגער פּעסט, בעת ווען אין די אַנדערע צוויי באַטאַליאָנען, דער עיקר אין „איי", איז זיך דאָס שפּיל ווייטער אָנגעגאַנגען. עטליכע פון די „באַנק־האַלטער" זיינען געווען אומפאַרשעמט גענוג מיר צו מאַכען א פאָרשלאַג, אז זיי זיינען גרייט יעדען טאָג אראָפּצוגעבען א געוויסען טייל פון זייער פּראָפיט פאַר דער באַטאַליאָן־קאַסע, אָבער ווען איך האָב זיי געלאָזט זאָגען, אז מיר זיינען מוחל אזא געלד, האָבען זיי די זאַך אויפגעגעבען.

זינט דאַן איז פאַרגאַנגען איבער א יאָהר. פון צייט צו צייט פּלעגט זיך מאַכען, אז פון די נייע לייט, וועלכע זיינען אריבערגעקומען צו אונז פון דער „איל־אָף־מען", האָבען זיך געפונען א פּאָר וואָס האָבען געפּרואווט איינפיהרען צוריק דאָס האַזאַרד־שפּיל אין

באַטאַליאָן, אָבער עס איז שטענדיג געבליבען ביים ערשטען פאַרזוך, ווייל מיר פלעגען באלד מאכען א סוף דערצו. נו, האָבען מיר ווי־דער געקריגען א שטארקען צוואוואקס פון דער „אייל־אָף־מען". צווישען די ניי־אָנגעקומענע האָבען זיך אויך געפונען עטליכע טרוי־עריג־באַרימטע שפּילער, וועלכע זיינען געווען זעהר אומצופרידען דערפון וואָס מען האָט ניט געקאָנט אויפמאכען קיין שפּיל־באַנק ביי אונז אין באַטאַליאָן. איין אָוועגט, ווען איך בין צוריקגעקומען פון איינעם פון מיינע וועכענטליכע פאַרטראָגען אין דעם באַטאַליאָן־פּלאַץ, האָט מיר איינער פון אונזערע קאַפּיטאַנען דערצעהלט, אז עטליכע פון די נייע לייט האָבען אין מיין אָפּוועזענהייט געעפענט א „באַנק" און געסטראַשעט יעדען איינעם מיט קלעפּ, ווער עס וועט פּרוּווען זיי שטערען אין זייער ארבייט. אזוי ווי קיינער האָט זיך ניט געשטעלט ענערגיש געגען די ברוטאלע יונגען, האָבען זיי גע־קראָגען געשוואָלענע קעפּ, און אויף מאָרגען אין דערפריה זיינען שוין געווען צוויי שפּיל־טישען. ווען מען האָט מיר וועגען דעם געלאָזט וויסען, בין איך גלייך אוועק אויף׳ן פּלאַץ, וואו דאָס שפּיל איז שוין געווען אין פולען שוואונג. איך בין גלייך צוגעגאנגען צו דעם „בענקער" און האָב איהם געפרעגט, ווער עס האָט איהם געגע־בען דאָס רעכט דאָ אויפצומאכען א באַנק און צו באַשווינדלען זיינע קאַמעראַדען. דאָ איז דער חברה־מאַן געוואָרען אומפאַרשעמט, און אונטער דעם בייפאַל פון זיינע צוויי חברים האָט ער געזאָגט, אז ער פרעגט ביי קיינעם ניט און לאָזט זיך פון קיינעם קיין דעות ניט זאָגען. ניט פאַרלירענדיג מעהר קיין וואָרט, האָב איך אָנגענומען דעם ברעג פון דער וואָלענער דעקע, אויף וועלכער עס זיינען געלע־גען אויסגעשפּרייט די קאָרטען און דאָס זילבער־געלד, און מיט א שנעלען רוק האָב איך זי אראָפּגעריסען פון טיש, אזוי אז די מטבעות האָבען זיך לוסטיג אראָפּגעקייקעלט אויף׳ן דיעל און זיינען גיריג אויפגעקליבען געוואָרען פון מיינע ארומשטעהענדע מיטגעפאַנגענע. די דריי חברה־לייט האָבען מיר צוגעוואָרפען בייזע בליקען, האָבען אָבער קיין וואָרט ניט גערעדט און זיינען זיך אוועק זייער וועג. דערמיט איז די זאַך געווען געענדיגט.

אויף מאָרגען — כ'האָב שוין אין גאַנצען געהאַט פאַרגעסען אַן דעם קליינעם אינצידענט — רופט זיך אָן דער קאָמאַנדיר צו מיר בעת דער אינספּעקציע:

— „ווי איך הער, האָט איהר נעכטען געהאַט אַ קליינע פּאַסי־רונג הא."

אַזוי ווי איך האָב אין אָנהויב ניט געוואוסט, וואָס ער מיינט דערמיט, האָב איך איהם אָנגעקוקט מיט אַ פרעגענדען בליק.

„נו, מיט די שפּילער," האָט ער געזאָגט. „איהר זיינט דער איינציגער, וועמען עס האָט זיך ביז איצט איינגעגעבען צו האַלטען זיין באַטאַליאָן ריין פון דער דאָזיגער פּעסט. איך וואָלט גאָר ניט געגלויבט, אַז איהר וועט זיין אימשטאַנד עס צו טאָן. דערפאַר בין איך גרייט אייך צו אונטערשטיצען מיט אַלע כוחות. זאָגט מיר די נעמען פון די לייט, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אַנטקעגען אייערע אויפפאָדערונגען, און איך וועל זאָרגען דערפאַר, אַז זיי זאָלען אַי־בערגעשיקט ווערן נאָך דער „אייל־אָף־מען".

כ'האָב שמייכלענדיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איהם געענט־פערט:

„דאָס וועל איך ליבערשט ניט טאָן, ווארים דורך מיר זאָל קיי־נער פון מיינע מיטגעפאַנגענע ניט פאַרשיקט ווערן אויף'ן אינזעל. ביז אהער איז עס פאַר מיר געווען אַ לייכטע זאַך אַליין פאַרטיג צו ווערן מיט אָט די שעדליכע לייט, אָהן דעם אַז איך זאָל מוזען בעטען אייער הילף, ווייל די גרויסע מעהרהייט פון'ם באַטאַליאָן שטעהט אויף מיין זייט. אָבער ווען עס זאָל קומען אַזוי ווייט, אַז איך וועל מעהר ניט זיין אימשטאַנד אויסצואיבען אַ מאָראַלישען איינפלוס אויף די מענשען, דאַן וועל איך איינפאַך זיך צוריקציהען פון מיין אַמט."

דאָ האָט דער אַלטער אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און שמייכ־לענדיג געזאָגט:

„יו אַר איי פאַני מען." (איהר זייט אַ מאָדנער מענש.)

אָנפאַנג 1917 איז אַרוים אַ נייער באַפעהל פון'ם „וואָר אָפיס", וואָס האָט מעגליך געמאַכט אַ קליינעם טייל פון אונזערע מיטגע־

פאַנגענע זיך צו באַשעפטיגען דרויסען אלס פעלד־ארבייטער. יע־
דענפאַלס איז אַט די פּריווילעגיע געגעבען געוואָרן בלויז אונגאַרען
און עסטרייכער. געבוירענע דייטשען זיינען דערפון געווען שטרענג
אויסגעשלאָסען. עס האָבען זיך געמעלדעט א היבשע צאָהל געפאנ־
גענע, וועלכע האָבען גערענקט אויף אזא'ן אופן פטור צו ווערן פון
דער נויט אין'ם לאַגער און צו קאָנען וועניגסטענס צייטווייליג ווי־
דער זיין אינאיינעם מיט זייערע פאמיליעס. א טייל פון זיי האָבען
אויך דערביי גוט געטראָפען, ווייל מען האָט זיי אָנגעשטעלט ביי
מענשען־פריינדליכע פאַרמערס. אָבער די גרויסע מעהרהייט האָט
געמאכט שלעכטע ערפאַרונגען, און די מענשען האָבען זיך ביס־
לאכווייז אלע צוריקגעקערט אין לאַגער. אָבער זיי זיינען ניט גע־
בליבען לאַנג ביי אונז, ווייל לויט א באשטימונג פון'ם „וואָר אָפיס"
זיינען אלע די, וועלכע האָבען זיך געפּרואווט אלס פאַרם־ארבייטער
און צוליעב וואָס פאַר עס איז אורזאַך געמוזט אויפגעבען די אר־
בייט, פארשיקט געוואָרן אויף דער „אייל־אָף־מען". דאָס איז געווען
א שרייענדיגע אומגערעכטיגקייט, וואָרים די מעהרסטע פון די
אָרעמע מענשען זיינען איינפאך געווען געצוואונגען אויפצוגעבען
די ארבייט. א טייל פון זיי זיינען צוליעב די לאַנגע הונגער־ליידען
געווען אזוי אָפּגעשוואכט, אז זיי האָבען מיט זייער בעסטען ווילען
ניט געקאָנט טאָן די ארבייט, וואָס איז פון זיי געפאָדערט געוואָרן.
אנדערע האָבען זיך ניט געקאָנט האלטען אויף זייערע פלעצער, ווייל
זיי זיינען אויף שריט און טריט פארפאָלגט געוואָרן פון דער שנאה
פון די שכנים. אָבער די מעהרסטע האָבען זיך דערפאר אומגעקערט
צוריק אין לאַגער, ווייל מען האָט אויפגעהערט געבען זייערע פרויען
די וועכענטליכע אונטערשטיצונג און זיי אליין, אין זייערע אר־
בייטס־פלעצער, האָבען ניט געקאָנט פארדינען גענוג, כדי ווי עס
איז צו דערנערען זיך און זייערע פאמיליעס אין לאָנדאָן. עטליכע
מענער, וועלכער האָבען זיך שוין אויף דער „אייל־אָף־מען" געהאט
אָנגעבאָטען צו ארבייטען אויף פאַרמס, האָט מען גליידך ווי זיי
זיינען נאָר אָנגעקומען אין „פעלעם" געוואָלט אוועקשיקען נאָך לינ־
קאָלנשייר, ניט געבענדיג זיי אפילו די געלעגענהייט צו קריגען א

באַזוך פון זייערע פרויען, וועמען זיי האָבען שוין ניט געהאַט געזעהן זינט צוויי יאָהר צייט. ווען זיי האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם, האָט מען זיי גלייך אויף'ן שטעל צוריקגעשיקט אויף'ן אינזעל. די מעהרסטע לייט, וועלכע מען האָט צוריקגעבראַכט אין „פּעלעם" פון די דערפער און די פאַרמס, זיינען אויף דעם גאַנצען טראַנספּאָרט געווען געשלאָסען אין קייטען, אַ זאַך וואָס פלעגט געוועהנליך פאַרקומען בלויז ביי שווערע פאַרברעכער.

דעם 9טען מערץ האָבען אונז צוויי מיטגלידער פון דער שווייצער געזאַנדשאַפט אין לאָנדאָן אָפּגעשטאַט אַ באַזוך און אונז מיטגעטיילט, אַז זייער געזאַנדשאַפט האָט פון איצט אָן איבערגענומען די פאַרטרעטונג פון די אינטערנירטע דייטשען אין ענגלאַנד, בעת ווען די אינטערנירטע אונגאַרען און עסטרייכער זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער'ן שוץ פון דער שוועדישער געזאַנדשאַפט. אָט די נאַכריכט האָט אונז שטאַרק איבעראַשט, און די מעהרסטע האָבען דערפון געדרונגען, אַז אַמעריקאַ וועט אַצונד אויך אַריינטרעטען אין קריג. ווייטער האָבען די צוויי פאַרטרעטער געמאַכט אויף אונז אַ זעהר סימפּאַטישען איינדרוק. דער גאַנצער אופן ווי זיי זיינען זיך באַגאַנגען מיט אונז איז געווען אַנדערש, ווי מיר זיינען עס געוואוינט ביי די אַמעריקאַנער. הגם מיר האָבען נאָך דעמאָלט ניט געקאַנט וויסען, צי מיר האָבען פון דער נייער פאַרטרעטונג געזאָלט ערוואַרטען מעהר און ווירקזאַמערע אויפטואונגען פאַר אונזערע אינטערעסען, איז אָבער דער ערשטער איינדרוק געווען דורכאויס גינסטיג און האָט בארעכטיגט צו נייע האָפנונגען.

מיר האָבען אין קורצע ווערטער פאָרגעלעגט פאַר די צוויי פאַרטרעטער פון דער געזאַנדשאַפט דאָס וואָס האָט אונז אַממייסטען געדריקט, און מיר האָבען זיי געבעטען אָנצואווענדען זייער גאַנצען איינפלוס ביי דער ענגלישער רעגירונג, צו ברענגען אַ בעסערונג אין אונזערע ערנערונגס־פאַרהעלטענישען, כדי צו פאַרהיטען אַן אומפאַרמיידליכע קאַטאַסטראָפע. אויך האָבען מיר עטליכע פון אונזערע נייע־אָנגעקומענע קאַמעראַדען געגעבען די מעגליכקייט אָפּצוגעבען אַ קורצען באַריכט איבער דער שוידערליכער לאַגע פון די

געפאנגענע אויף דער איזל־אָף־מען". די צושטענדען דאָרט זיינען נאָך געווען אסך ערגער ווי ביי אונז, ווייל דאָרט זיינען די געפאנגענע אין גאנצען געווען אָנגעוויזען אויף זיך אליין און עס האָט זיי געפעהלט יעדע מעגליכקייט אריינצושמוגלען פון צייט צו צייט אין לאַגער אביסעל ברויט אדער אנדערע נייטיגע זאכען.

באזונדער געוויכט האָבען מיר אויך געלעגט אויף דער אומגלויבליכער פארשפעטיגונג פון אונזער קאָרעספּאָנדענץ. אונזער פאָסט־מייסטער לעאָנארד קופּפער, פון פּראָפעסיע א זשורנאליסט און סטענאָגראף, האָט אָרגאניזירט די פּאָסט אין באטאליאָן אויף א מייסטערהאפטען אופן, אָבער וואָס האָט דאָ געקאָנט העלפען די בעסטע אָרגאניזירונג, אז די בריעף האָבען זיך ארומגעוואלגערט וואָכען־לאַנג אין סאליסבורי האוז! ס'פלעגט טרעפען, אז צייטענוויז איז דריי און פיער טעג נאָכאנאנד קיין איינציגער בריעף ניט אָנגעקומען אין לאַגער, וואו עס זיינען אין יענער צייט געווען אינטערנירט קרוב צו דריי טויזענד געפאנגענע. לויט א סטאטיסטישער טאבעלע, וואָס אונזער פאָסטמייסטער קופּפער האָט צוזאמענגעשטעלט, זיינען אין די ערשטע מאָנאטען פון 1917 די בריעף פון דייטשלאנד צו אונז אין לאַגער געגאנגען דורכשניטליך דריי און פערציג טעג, בעת ווען פאר בריעף פון לאנדאן האָט עס געמוזט נעמען דורכשניטליך צוועלף ביז פערצעהן טעג, ביז זיי האָבען דערגרייכט צו אונז. זינט דער אינטערנירונג פון מיין פרוי האָב איך געהאט די בעסטע געלעגענהייט וואָך פאר וואָך פערזענליך זיך צו באקענען מיט דער אומבאגרייפליכער פארשלעפעניש פון אונזער פאָסט. מיר פלעגען זיך שרייבען צוויי מאָל אין וואָך, אָבער עס פלעגט אָפט פארקומען, אז עס זיינען פארביי צוויי און דריי וואָכען, אָהן דעם אז מיר זאָלען האָבען געהערט א וואָרט איינער פון אנדערן. און דאן פלעגען מיר קריגען פיער אָדער פינף בריעף מיט אמאָל. לויט וואָס פאר א סיסטעם עס איז אייגענטליך געארבייט געוואָרן אין סאליסבורי האוז, איז פאר מיר שטענדיג געבליבען א רעטעניש. די צוויי פארטרעטער פון דער שווייצער געזאנדשאפט האָבען אונז ענדליך צוגעזאָגט צו אונטערזוכען ערנסט אונזערע קריוודעס און

אנצואווענדען זייער גאנצען איינפלוס, כדי ווי ווייט מעגליך צו פארבעסערן אונזער לאַגע.

דעם 19טען מערץ האָבען די ענגלישע צייטונגען געבראַכט די ערשטע נאָכריכטען וועגען די געשעהענישען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד. דער צאַריזם געשטירצט. די פאָהן פון דער רעוואָלוציע איבער מאָסקווע און פעטראָגראַד. כ'האָב צוערשט מיינע אייגענע אויגען ניט געוואָלט גלויבען און איך האָב עס געמוזט אלע ווידער און ווידער לייענען, כדי זיך צו איבערציינגען, אז איך חלום ניט. א גרויסע, גוואלטיגע פרייד איז מיר דורך ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורך אלע גלידער. מיין הארץ האָט זיך געהויבען פאר גליק, דאָס בלוט האָט מיר געפיבערט אין די אָדערן, און א מעכטיגע בענקשאַפט האָט מיט דער גרעסטער קראַפט דורכגענומען מיין זעלע. דאָס איז געוועזען דער פלאַמען־צייכען פון א נייער צייט, דורך וועלכען דער קריג האָט סוף כל סוף געמוזט צוזאַמענברעכען. די רעוואָלוציע מוז מאַכען אַן ענד צו אָט דער פאַרריקטער מענשען־אויסשלאַכטונג און ברענגען די פעלקער די לאַנג־ערווארטעטע ערלייזונג. דאָס איז געוועזען קלאָר. אין מיין מוח האָט עס געקלאַפט און גערוישט ווי אין א שמידעריי. טויזענד געדאַנקען זיינען מיר געקומען אין קאָפּ און האָבען מיך ניט געלאָזט רוהען. נו, איז זי געקומען, די רעוואָלוציע, אויף וועלכער מיר האָבען אזוי לאַנג געהאָפט און ארויסגעקוקט. וואָס וועט זי ברענגען דער וועלט? וועלכע פאָרמען וועט זי אָננעמען? וועט זי בלויז דורכשטורמען איבער רוסלאנד אָדער אריינצִיהען אין איהר וויכער אויך אנדערע לענדער? כ'האָב געטראַכט פון דייטשלאַנד, און אַן אומעטיג געפיהל האָט מיך דורכגענומען. אָן דעם פרייסישען מיליטאַריזם קאָן די רעוואָלוציע נאָך צושמעטערט ווערן, איידער זי וועט נאָך קאָנען פולשטענדיג ענטוויקלען איהר קראַפט. אָדער האָבען די לאַנגע מלחמה־יאָהרען אויך דאָרט צופרעסען און צוטרייסעלט די יסודות פון'ם אלטען סיסטעם, אז ער וועט מעהר ניט קאָנען געבען קיין שטאַרקען ווידערשטאַנד? געוויס האָט עס געמוזט אזוי זיין. און איך האָב שוין געהערט דעם קלאַנג פון די

שטורם־גלאָקען, כ'האָב געזעהן, ווי די פון טויזענד וואונדען בלו־טענדע פעלקער גיבען זיך איינע די אנדערע די האַנד און דער שטורם־געזאנג פון'ם אינטערנאַציאָנאַל ברויזט איבער גאַנץ אייראָפּאַ. פון'ם רויטען שטראָם פון דער מלחמה וועט זיך ארויסקעמפען א נייע צייט, און די קללה פון'ם געוועזענעם וועט ווערן א ברכה פאר דער צוקונפט.

ווען איך האָב מיט אן ערך דריי וואָכען פאר דעם געלייענט אין די צייטונגען די רעדע פון באָנאר לאָו, אין וועלכער עס איז באריכטעט געוואָרן אן אָפּמאַך, לויט וועלכען אלע מיליטער־פליכטיגע רוסען וואָס געפינען זיך אין ענגלאַנד מוזען אָדער זיך אָנשליסען אַן דער ענגלישער ארמיי אָדער צוריקפאָהרען קיין רוסלאַנד, האָט מיך אָט די נאַכריכט געטראָפען ווי א דונער. כ'האָב געטראַכט וועגען די אלע בראַווע קאַמעראַדען אין איסטענד, און עס האָט מיר געשווינדעלט אין קאָפּ, ווען איך האָב זיך פאָרגעשטעלט דעם שרעקליכען יאָמער. אצונד אָבער איז אַלעס אנדערש געוואָרן. די רעוואָלוציע האָט פאר זיי פריי געמאַכט דעם וועג אהיים. קיין רגע וועלען זיי זיך ניט מישב זיין און וועלען גערן אָפּגעבען זייערע כוחות דער רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד. אין גערדיכטע מחנות וועלען זיי צוריקוואַנדערן פון'ם „גלות" אין דער אַלטער היים און וועלען קושען די ערד, פון וועלכער דער דעספּאָטיזם האָט זיי אמאָל פארטריבען. דאָ האָב איך פּלוצלונג דערפילט א ווייטאָג אין האַרצען, ווארים איך האָב זיך דערמאָנט, אז איך בין דאָ געזעסען געפאַנגען און האָב ניט געקאָנט מיטפאָהרען מיט זיי. אָט דער געדאַנק האָט מיך געהעצט און פארפאָלגט. כ'האָב געטראַכט פון מיליו'ן, און א ביטער געפיהל האָט מיך דורכגענומען. איצט מוזען זיצען און זשאַווערן דאָ, בעת ווען מיר ביידע וואָלטען דאָרט געקאָנט צולעגען א האַנד, כדי דורכצוברעכען א וועג פאר אונזערע אידעען. ס'איז געווען צום פארצווייפלען.

אין לאַגער גופא האָט די נאַכריכט וועגען די גרויסע געשעהעניש אין רוסלאַנד געמאַכט א געוואַלטיגען איינדרוק. אלע זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אז די מלחמה קאָן איצט מעהר ניט

אָנהאלטען לאנג. אין אונזער ענגערן רעוואָלוציאָנערן קרייז האָט אויפגעפלאקערט די האָפנונג אויף דעם אויסברוך פון אן אינטער־נאציאָנאלער רעוואָלוציע מיט א טיפען סאָציאליסטישען כאראַק־טער. מען האָט צוזאַמענגעזוכט וואו מען האָט נאָר געקאָנט געפי־נען א רויטע שמאַטע, געמאכט דערפון קליינע פענדלעך און זיי אָנגעשפּילעט צוקאָפּענס פון די בעטלעך. זאָגאר אונזערע פּאַטריאָ־טען האָבען זיך געפרעהט מיט דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, הגם צוליעב גאַנץ אַנדערע אורזאכען. זיי האָבען געגלויבט, אז איצט, ווען רוסלאנד איז דיסאָרגאַניזירט דורך דער רעוואָלוציע, וועט זי מעהר ניט זיין אימשטאנד צו פיהרען ווייטער די מלחמה געגען די צענטראל־מעכטע. זי וועט אלזאָ באלד מוזען שליסען מיט זיי א סעפּאַראַטען פרידען און דורכדעם פריי מאכען זייערע הענט פאר אן ענטשיידענדען קלאַפּ אויף'ן מערב־פראָנט.

און אצונד האָט אונז יעדער טאָג געבראכט נייע באריכטען. מיט פיבערהאפטער אומגעדולד האָב איך געלייענט אלע צייטונגען, וואָרים אין מיינע האָפנונגען האָט זיך אלץ אריינגעמישט אביסעל מורא, אז אין רוסלאנד קאָן זיך נאָך פיליכט דאָס רעדעל איבער־דרעהען אויף צוריק. אָבער ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אז מיליוקאָוו'ס רעגירונג איז ארונטערגעזעצט געוואָרן און די רעוואָ־לוציע געהט אָן ווייטער אין ראדיקאַלערע פאָרמען, דאן האָב איך זיך געזאָגט, אז עס איז ניטאָ מעהר וואָס מורא צו האָבען פאר א צוריקפאַל אין דעם אַלטען סיסטעם. ענדליך האָב איך אויך גע־קריגען א בריעף פון מילי'ן. פון יעדער שורה פון איהר בריעף האָט געגליהט די באגייסטערונג פאר דער נייער רוסלאנד און אין דערזעלבער צייט אויך דאָס שמערצליכע געפיהל, וואָס מיר זיינען דאָ געבונדען און קאָנען ניט זיין דערביי, ווען אין מזרח ווערט געשאפען א נייע וועלט.

דעם 7טען אפּריל האָבען די צייטונגען געבראכט די ידיעה, אז אויך אמעריקא האָט ערקלערט קריג געגען דייטשלאנד. ווען אָט די נאכריכט וואָלט געקומען מיט א מאָנאט פריהער, וואָלט זי גע־האָט א מורא'דיגע ווירקונג אויף דעם געמיטס־צושטאַנד פון מיינע

מיטגעפאנגענע. אצונד אָבער, נאָך דעם אויסברוך פון דער רוסי־שער רעוואָלוציע, האָט מען אמעריקא'ס קריגס־ערקלערונג געשענקט ווייניג באדייטונג. אדרבה, אסך האָבען אין דעם געזעהן א זיכערן צייכען, אז די מלחמה וועט זיך באלד ענדיגען, און אז דאָס אריינ־טרעטען פון די פאראייניגטע שטאַטען אין קריג האָט מעהר א דע־מאָנסטראטיווע, איידער א פראקטישע באדייטונג. ווער האָט דע־מאָלט געהאט אן אהנונג אפילו, אז דער קריגס־טייוועל וועט נאָך איבער אַנדערהאַלבען יאָהר בושעווען איבער אייראָפּא?

עטליכע וואָכען שפּעטער האָב איך דערהאַלטען א בריעף פון קראָפּאָטקין, אין וועלכען ער האָט מיר מיטגעטיילט, אז ער האָט געהאט א געלעגענהייט צו רעדען מיט אן איינפלוסרייכער פּערזאָן וועגען מילי'ס באפרייאונג. ער איז געווען מיט דער מיינונג, אז עס איז פאראן א באגרינדעטע האָפנונג, אז די זאַך וועט זיך דאָס מאָל ענדיגען צום גוטען. אין דעמזעלביגען בריעף האָט דער גוטער אַלטער געדעדט וועגען די וואונדערבארע געשעהעגישען אין רוס־לאנד, וועלכע האָבען איהם, ניט קוקענדיג אויף זיין הויכער עלטער, אנגעפילט מיט יוגענדליכער באגייסטערונג. ער האָט באדויערט, וואָס ער האָט זיך ניט געקאָנט גלייך אויפזעצען אויף'ן שיף, כדי צו זיין וואָס שנעלער דאָרט. אָבער דער ערנסטער צושטאנד פון זיינע לונגען און זיין אַלטע הארץ־קראנקהייט האָבען איהם לײדער ניט ערלויבט צו נעמען אויף זיך די שוועריגקייטען פון דער רייזע אין דער צייט פון יאָהר. מחמת דעם, האָט ער ערקלערט, מוז ער איינצאַמען זיין אַלט הארץ און אויסוואַרטען ביז דאָס וועטער וועט ווערן בעסער. אז דאָס איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך פאר איהם, קאָן איך זיך גרויס פאָרשטעלען. כ'האָב געוואוסט, ווי שטארק דער אַלטער איז געווען אינערליך צונויפגעוואקסען מיט רוסלאנד, און א גרויסע פרייד האָט אָנגעפילט מיין הארץ, בעת איך האָב גע־טראכט דערפון, אז דער צוויי און זיבעציג יעהריגער זקן וועט נאָך פאר זיין אָפּשיד פון דער וועלט האָבען די מעגליכקייט צו זעהן ווידער די רוסישע ערד, באפרייט פון'ם יאָך פון'ם צאריזם.

דעם 25טען אפריל האָט מען אונז געבראכט א טוץ לאנדסלייט

פון מזרח־אַפריקאַ. די אָרעמע מענשען האָבען זיך געמוזט פיעל אַנליידען, אורטיילענדיג נאָך דעם וואָס זיי האָבען געהאַט צו דער־צעהלען. פריהער פון אַלץ זיינען זיי געוועזען אויפגעבראַכט דערפאַר וואָס מען האָט זיי מיט זייערע פרויען און קינדער אַריבערגעבראַכט אויף מיליטער־שיפען. ביי די מעהרסטע פון זיי האָט מען אויף'ן וועג אַלצדינג צוגע'גנב'עט, אַזוי אַז זיי זיינען געבליבען פולשטענ־דיג אָהן מיטלען. זייערע פרויען האָט מען אין לאָנדאָן איינגע־קוואַרטירט אין אַ „האָום" און באַלד נאָכדעם האָט מען זיי אָפּגע־שיקט קיין דייטשלאַנד.

מיט אָט די אָרעמע מענשען האָט דער ביוראָקראַטיזם איינפאַך געשפּילט אַ טייוועלשען שפּיל. זיי זיינען אין אַפריקאַ געפאַנגען געוואָרן פון בעלגישע סאָלדאַטען און האָבען אין אָנפאַנג געזאָלט געבראַכט ווערן קיין פראַנקרייך, וואו די בעלגישע רעגירונג האָט דעמאָלט געהאַט איהר זיץ. אָבער אָט דער באַפעהל איז צוליעב וואָס פאַר עס איז גרונד ניט אויסגעפיהרט געוואָרן, און אַזוי זיי־נען די מענשען געקומען צו אונז אין לאַגער, אי דאָס מיט דער אויסדריקליכער אַנווייזונג, זיי דאָרט צו האַלטען אַזוי לאַנג, ביז מען וועט באַשליסען וואָס מיט זיי זאָל געשעהן. אָבער אַזוי ווי ס'איז אַריבער אַ שטיק צייט און מען האָט מעהר גאָרנישט געהערט וועגען דער זאַך, האָט מען איין שענעם טאָג אַוועקגעשיקט די מענ־שען נאָך דער „אייל־אָף־מען", הגם עס זיינען געווען צווישען זיי עטליכע קראַנקע. מען האָט זיך דערביי געשטיצט אויף יענער אַלטער גזרה פון'ם „וואָר אָפיס", אַז געפאַנגענע, וועלכע זיינען ניט געווען פאַרהייראַט מיט ענגלישע פרויען, האָבען בלויז אונטער באַ־שטימטע באַדינגונגען געקאָנט בלייבען אין „פעלעם". קוים האָט מען זיי נאָר אַראָפּגעלאָזט אויף'ן אינזעל, איז פלוצלינג אָנגעקומען אַ באַפעהל פון'ם „וואָר אָפיס", אַז מען זאָל זיי אויף דעם שנעלס־טען וועג אָפּשיקען קיין פראַנקרייך. אצונד האָט מען די אָרעמע מענשען געמוזט ברענגען צוריק פון „אייל־אָף־מען" אין „פעלעם", פון וואַנען זיי האָבען גלייך נאָכדעם געמוזט מאַכען זייער רייזע קיין פראַנקרייך.

דער ערשטער מאַי איז יענעם יאָהר ביי אונז פארנומען געוואָרן מיט דער רוסישער רעוואָלוציע. ווען איך האָב געבעטען דעם קאָמאַנדיר, ער זאָל אונז דעם ערשטען מאַי פּארמיטאָג געבען דעם טעאַטער־זאָל אויף עטליכע שטונדען, איז ער אין אָנפאַנג געווען אביסעל אומענטשלאָסען און האָט מיך געפרעגט, צי עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פאר קיין אומרוהען אין לאַגער. כ'האָב איהם פארזיכערט, אז עס איז אבסאָלוט ניטאָ וואָס צו טראַכטען דערפון, און איך האָב זיך הויפטזאכליך געשטיצט דערויף, אז זיין פאר גערעכטיגקייט וועט אונז דאָך ניט אָפּזאָגען אן ערשטע מאַי פייערונג, נאָכדעם ווי ער האָט פריהער ערלויבט די פּאַטריאָטען אין לאַגער צו פייערן דעם קייזער'ס געבורטס־טאָג. דאָ האָב איך איהם געהאַט. ער האָט אונז ערלויבט די פייערונג אונטער דעם באַדינג, אז איך פערזענליך זאָל איבערנעמען די פולע פאראַנטוואָרטליכקייט פאר אלעס וואָס קאָן פּאַסירען, וואָס איך האָב איהם גערן פאַרשפּראָכען.

דער גרויסער טעאַטער־זאָל איז געווען אָנגעפילט ביז אויף דעם לעצטען פּלאַץ. זאָגאר אין די צווישען־גענג און ביי דער ביהנע זיינען די מענשען געשטאַנען געדיכט צוזאַמענגעשפּארט קאָפּ אויף קאָפּ. כ'האָב גערעדט אַן ערך אָנדערהאַלבען שעה איבער דער באַדייטונג פון'ם ערשטען מאַי און איך האָב הויפּטזאכליך באַריהרט די גרויסע געשעהענישען אין רוסלאַנד. זינט מען האָט פון יאָהר 1890 אָן אָנגעהויבען צו פייערן דעם 1טען מאַי, איז קוים אריבער א יאָהר, אז איך זאָל אין דעם דאָזיגען טאָג ניט אויפטרעטען אלס רעדנער אויף וואָס פאר עס איז פאַרזאַמלונג. אָבער קיינמאָל פריהער האָבען ניט דורכגעשטראָמט אין מיר אזעלכע כוחות, ווי אין יענעם ערשטען מאַי 1917 אין דעם אינטערנירונגס־לאַגער פון אלעקסאַנדראַ פּעלעס. איך בין געשטאַנען פולשטענדיג אונטער דעם אינספּיראַטיווען איינפלוס פון די וועלט־היסטאָרישע געשעהענישען אין רוסלאַנד און איך האָב געווירקט אויף מיינע צוהערער מיט אַן אומגעהייערער קראַפט. ס'איז מיר פאָרגעקומען, אזוי ווי עפּעס אנדערש וואָלט פון מיר ארויסגערעדט. די ווערטער זיינען

מיר שפּילענדיג געפלאָסען פון מויל, און איך האָב דייטליך געפיהלט, ווי יעדער זאַץ איז אריינגעדרונגען טיעף צו מיינע ליידענס־חברים אין דער נשמה. מיר זיינען געוועזען געפאנגענע, אָבער אין יענע שטונדען האָבען מיר געפיהלט, ווי דער גייסט האָט צובראָכען יעדע קייט און אונזערע אלעמענס הערצער האָבען מעכטיג געשלאָגען אנטקעגען דער קומענדער פרייהייט.

זינט דער אלטער קאָמאנדיר האָט א קורצע ווײלע פאר קריסטמאס ווידער אויפגענומען די קאָמאנדא איבער'ן לאגער, איז מיט איהם ניט געוועזען אויסצוקומען. אין דער ערשטער צייט איז עס נאָך ווי עס איז געגאנגען, אָבער אין די לעצטע מאָנאטען האָט ער זעלטען געהאט א גוטע שעה. ס'איז קיין ספק ניט, אז שולדיג אין דעם איז געוועזען די קראנקהייט, וועלכע האָט שוין געהאט פולשטענדיג אונטערגעגראָבען זיין אלטען קערפּער, אָבער דאָס איז געוועזען א קנאַפּע טרייסט פאר אונז. אין דער צייט וואָס דער קאָלאָנעל גאָרדאָן קומינג האָט פארטראָטען דעם אלטען, איז אלצדינג אָפּגעלאָפען אויף'ן בעסטען אופן. דער קאָלאָנעל איז געוועזען א מאן, מיט וועמען מען האָט געקאָנט ריידען. ער האָט ניט פארלאָרען קיין פיעל ווערטער און איז אויסערליך שטענדיג געוועזען קיהל און איינגעהאלטען, אָבער ער האָט געהאט דאָס הארץ אויף'ן ריכטיגען פּלאַץ און זיינע אויערען זיינען שטענדיג געוועזען אָפען פאר אונזערע פאָדערונגען. ווען מיר האָבען איהם פאָרגעלעגט וואָס פאר עס איז פאָרשלאָג און מיר זיינען געוועזען אימשטאנד איהם לאָגיש צו באגרינדען, האָט מען שטענדיג געקאָנט רעכענען דערויף, אז ער וועט אונז העלפען, אזוי ווייט ווי עס איז נאָר געלעגען אין זיין מאכט. דאָס בעסטע ביי איהם איז געוועזען, וואָס ער האָט אונז קיינמאָל ניט באלעסטיגט אויף אן אומניצליכען אופן. ער האָט געמאכט פינקטליך זיינע אינספּעקציעס, געהאלטען זיינע זיצונגען אין'ם „אָרדערלי רום“, אָבער ווייטער האָט ער אונז געלאָזען פולשטענדיג צורוה און האָט זיך קיינמאָל ניט געמישט אין אָנגעלעגענהייטען פון דער אינערליכער פאַרוואלטונג.

אין דער הינזיכט אין דער אלטער קאָמאנדיר, פּראָוד וואַקער,

געווען גאַנץ אנדערש געשטימט. ער פלעגט זיך שטענדיג ארומ־טראָגען מיט דער פיקסער אידעע, אז אָהן איהם קאָן מען ניט אויס־קומען. אזוי ווי ער איז ניט קוקענדיג אויף זיין הויכער עלטער נאָך געווען אויסערגעוועהנליך אקטיוו, פלעגט ער שטענדיג ארומקריכען איבער'ן לאַגער, כדי צו זעהן, צי אלעס איז אין אָרדנונג, און דער־ביי פלעגט ער נאַטירליך אימער געפינען עפּעס, וואָס איז איהם ניט געפעלען. פלעגט זיך אָבער מאכען אמאָל, אז ער האָט גאָרנישט געפונען וואָס צו טאַדלען, איז די זאַך געוועהנליך געווען נאָך ערגער, וואָרים ער האָט עס באַטראַכט פאר א באַליידיגונג, ווען ער האָט גאָרנישט געהאט וואָס צו קריטיקירען. ער איז געווען אן אלטער סאָלדאַט, וואָס האָט פארבראַכט צענדליגע יאָהרען אין די אזיאַטי־שע קאָלאָניעס, און דאָס באַפעהלען איז ביי איהם געוואָרן א צווייטע נאַטור. ער האָט אָהן צווייפעל געהאט זעהר מענשליכע צוגען, און ווען זיין קראנקהייט האָט איהם נאָר ניט צו שטארק געפּלאָגט, פלעגט מען קאָנען ריידען מיט איהם גאַנץ פארנינפטיג און ער איז דאַן אויך געווען גרייט געוויסע זאכען נאָכצוגעבען. דערביי האָט מען אבער שטענדיג געמוזט אכטונג געבען, אז יעדע זאַך וואָס ער פלעגט נאָכגעבען, זאָל גלייך באַשטעטיגט ווערן שריפטליך, וואָרים ער איז געווען זעהר פארגעסליך. ער איז געווען שטענדיג באַשעפ־טיגט מיט זיינע געפאַנגענע, און הגם ער האָט דערביי געהאט די בעסטע אבזיכטען, האָט ער זיך דורכדעם דאָך אונז איינגעגעסען אין די ביינער, אזוי אז דער גאַנצער לאַגער פלעגט פריי אויפ־אָטעמען, ווען ער פלעגט אונז פארלאָזען אויף א קורצער צייט, און אן אנדערער פלעגט פארנעמען זיין פלאַץ. אין זיין פלייסיגער טע־טיגקייט איז ער צייטענווייז געווען רייצענד, אויך האָט ער פאר־מאָגט א געוויסען טרוקענעם הומאָר, וועלכער פלעגט אָפט אננעמען גאַנץ מאָדנע פאָרמען.

איינמאָל האָט געטראָפען, אז ער איז אין א שענעם נאָכמיטאָג גאָר אומגעריכט אריינגעקומען אין באַטאַליאָן און ס'איז קיין צייט ניט געווען צו געבען דעם באַקאַנטען צייכען, וואָס פלעגט וואָרענען די געפאַנגענע זיך צו היטען. פלוצלינג האָט זיין שאַרף אויג דער־

זעהן א מאַן, וואָס איז געלעגען אויף זיין בעטעל און געלייענט א בוך, בעת ווען ער האָט דערביי גערויכערט א ציגאַרעטעל. דער מאַן, ווערכער האָט קיין אהנונג ניט געהאַט, אז דער אַלטער האָט זיך אזוי שטילערהייט צוגערוקט גאַנץ נאָהנט צו איהם, האָט זיך גערויכערט גאַנץ רוהיג, הגם עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטען צו רויכערן ביי די בעטען, ווייל עס האָט לייכט געקאָנט ווערן א פייער. פּלוצלינג האָט דער אלטער א זעץ געטאָן מיט זיין שטעקען אויף א ברעט, אז עס האָט אָפּגעקלונגען איבער'ן גאַנצען זאַל. דעם מאַן איז פאר שרעק ארויסגעפאַלען דאָס בוך פון דער האַנד, און ער האָט ניט געוואוסט, וואו זיך אהינצוטאָן, ווען ער האָט אויף אזא אומגעריכטען אופן דערזעהן פאר זיך דעם אלטען, וועלכער האָט איהם אָפּגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס מיט א דורכבויערענדען בליק. דערנאָך האָט ער געשיקט זיין „אָרדערלי", וועלכער פלעגט איהם שטענדיג באַגלייטען, אין דעם באַטאַליאָן־ביוראָ, כדי מיך צו רופען.

כ'בין געזעסען אין ביוראָ פארנומען מיט מיינע ארבייטען און איך האָב קיין אהנונג ניט געהאַט, אז דער אַלטער קריכט ארום דאָרט אין באַטאַליאָן. דער „אָרדערלי" האָט מיר שטילערהייט דערצעהלט וואָס עס איז פאָרגעקומען, און האָט מיך געבעטען צו געהן מיט איהם. ווען דער אלטער האָט מיך דערזעהן, האָט ער אויף זיין געוועהנליכען אופן ארויסגעפּלאַצט:

„נו, וואָס זאָגט איהר אצונד? וואונדערט איהר זיך ווירקליך ניט, וואָס די גאַנצע געביידע דאָ איז ניט איינגעוויקעלט אין פלאַ־מען?"

כ'האָב זיך געהאַט געמאַכט פאר א פּרינציפּ, זיך קיינמאָל ניט צו לאָזען פון'ם אַלטען ארויסברענגען פון געדולד, און איך האָב איהם גאַנץ רוהיג געפרעגט, וואָס עס איז אייגענטליך געשעהן.

דאָ האָט ער זיך צושריען ווי א משוגענער:

„וואָס איז געשעהן, פרעגט איהר? אָט דעם מאַן דאָ האָב איך געפונען ליגען אויף זיין בעטעל און רויכערן. ער האָט גערויכערט,

געריוויכערט גאנץ רוהיג, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען די נאַטירליכסטע זאַך אין דער וועלט. וואָס זאָגט איהר דערצו?"

„דאָס איז אָהן צווייפעל געווען ניט ריכטיג פון איהם," האָב איך רוהיג געענטפערט.

„ניט ריכטיג, זאָגט איהר? קיין שאַרפער וואָרט דערפאַר האָט איהר ניט?" האָט ער געליארעמט. און פּלוצים איז זיין בליק געפאַלען אויף'ן בוך, וואָס דער „פאַרברעכער" האָט געהאַט גע־לייענט. ער האָט זיך אָנגעבויגען און עס שנעל אויפגעהויבען פון'ם בעטעל. ווען ער האָט עס אויפגעמאַכט און א קוק געטאָן אויף'ן שער־בלאַט, איז ער מיט אמאָל געבליבען שטעהן ווי פּאַראַליזירט און האָט געאָטעמט נאָך לופט. דאָס בוך האָט זיך גערופען „דזשי־זאָס אַף נאַזאַרעט".

„גאָט אין הימעל!" האָט דער אַלטער אויסגעשריען. „איז דאָס מעגליך? אַט דער מאַן באַגעהט איינעם פון די שווערסטע פאַר־ברעכענס געגען דער אָרדנונג פון'ם לאַגער און לייענט דערביי „יעזוס פון נאַזארעט". האָט מען נאָך ווען געהערט אזא זאַך? ווען עס וואָלט באַטש געווען „די פרעהליכע ווייבער פון ווינדזאָר", וואָלט איך דאָס נאָך יעדענפאַלס געקאָנט פארשטעהן. אָבער דאָ ליגט איינער אויף זיין בעטעל, רויכערט ציגאַרעטלאַך און האָט קיין אנדער זאַך ניט געפונען וואָס צו לייענען, נאָר „יעזוס פון נאַזארעט". אַזוינס איז מיר נאָך קיינמאָל ניט פאָרגעקומען אין מיין גאַנצען לעבען."

ער איז ארומגעגאַנגען האַסטיג ארויף און אראָפּ און האָט קענ־טיג ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל טאָן. פּלוצלינג איז ער געבליבען שטעהן נעבען מיר און האָט געזאָגט:

„איך וועל איבער דעם דאָזיגען מאַן ניט ארויסגעבען קיין אור־טייל, אָבער איך וואָלט וועלען, אז איהר זאָלט איהם דאָ פאַר מיר אין די אויגען זאָגען, וואָס מיט איהם זאָל געשעהן."

כ'האָב גלייך פאַרשטאַנען, אז דער אַלטער האָט דא פּשוט גע־וואָלט מיך אריינברענגען אין א פאַרלעגענהייט. אָבער ער האָט געמאַכט א טעות אין חשבון. איך האָב זיך רוהיג געווענדט צו

דעם אומגליקס־מענשען, וועלכער האָט געליענט וועגען יעזוס׳ן, בעת ווען ער איז געלעגען אויף׳ן בעטעל און גערויכערט ציגארעט־לעך, און געזאָגט צו איהם:

„ס׳איז געווען זעהר ניט ריכטיג פון אייך, צו רויכערן דאָ, ניט קוקענדיג דערויף וואָס איהר ווייסט, אז עס איז פאַרבאָטען. טוט עס מעהר ניט אין דער צוקונפט, פון אייערט וועגען אליין און כדי מיר צו פאַרשפּאָרען שוועריגקייטען.“

דער אלטער האָט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו מיינע רייד, דאַן האָט ער געמאכט א פארוואונדערטע מיענע און געזאָגט:

„און דאָס איז אלעס?“

„יאָ,“ האָב איך געענטפערט. „עס געהט דאָך אייך ניט אין דעם אז דער מאַן זאָל באַשטראָפט ווערן, נאָר גיכער אין דעם, אז ער זאָל מעהר זיין טאָט ניט ווידערהוילען. נו, איך בין גאַנץ זיכער, אז איהר וועט איהם שוין מעהר ניט איבעראַשען אויף זיין בעטעל מיט׳ן ציגארעטעל אין מויל.“

דאָ האָט דער אלטער אביסעל רשעות׳דיג געשמייכעלט און גע־זאָגט:

„איהר וועט מיר נאָך אין גיכען געבען שטונדען אין אַנאַר־כיזם. אָבער ביי מיר וועט איהר ניט האָבען קיין ערפאָלג.“

דאָס זאָגענדיג איז ער שמייכלענדיג זיך אוועק זיין וועג.

אַן אנדער מאָל האָט איהם דער וואך־האלטענדער אָפיציר גע־מעלדעט וועגען א מאַן פון מיין באַטאַליאָן, וועלכער איז ביי דער צעהלונג געקומען אביסעל צו שפּעט. ווען דער אלטער האָט איהם געפרעגט אויף דער אורזאַך פון דער פאַרשפּעטיגונג, האָט ער ארויס־געשטאַמעלט וואָס פאַר עס איז ענטשולדיגונג. דאָ איז דער אלטער קאָמאַנדיר געוואָרן בייז און האָט זיך צובייזערט אויף דעם דאָזיגען מאַן מיט די ווערטער:

„דהער איז אָנלי וואַן עקסקיוז פאָר ביאינג טו לעיט טו דהי קאָונט — ווהען יו דראָפּ דעד.“ (פאַראַן בלויז איין ענטשולדיגונג פאַר קומען צו שפּעט צו דער צעהלונג — ווען איהר פאַלט טויט אויף׳ן פּלאַץ.)

ווען מען האָט אויף׳ן באפעהל פון׳ם קאָמאנדיר אויפגעהאנגען א פייער־גלאָק אין באטאליאָן־פּלאַץ און ער האָט איינמאָל אלס פּראָבע געהייסען קלינגען, כדי צו זעהן, ווי אזוי די געפאַנגענע וועלען זיך פארהאלטען אין פאַל פון א פייער, האָט דער נייער גלאָק אָפּגעגעבען פון זיך א זעהר שוואכען קלאַנג. דאָ האָט דער אלטער איראָניש געזאָגט:

„דאָס הייסט א פייער־גלאָק? ווען איך קריץ מיט די ציינער, הערט זיך דאָך א שטארקערער געראַוש. א פייער־גלאָק, ווי איך שטעל זיך איהם פאָר, מוז צווינגען די טויטע, זיך אומצודרעהען אין זייערע קברים.“

אָבער אין פארלויף פון די לעצטע מאָנאטען, ווי געזאָגט, איז מיט דעם אלטען דזשענטעלמאן ווירקליך ניט געווען אויסצוקומען. קיין זאַך איז איהם ניט געפעלען. ער האָט געבושעוועט געגען זיינע סאָלדאטען, באליידיגט זיינע אָפיצירען און זיך און דער וועלט פארביטערט דאָס לעבען. ביי די אינספּעקציעס פלעגט עס אָפט צוגעהן ווי אין א דול־הויז. דער אלטער פלעגט קלאַפּען מיט׳ן שטעקען אויף בעטלעך, אויף טישען און בענק, אזוי אז גאנצע שטיקער פלעגען פליהען אין דער לופטען. און אז ער פלעגט ענדליך מיעד ווערן צו בושעווען און שעלטען, פלעגט ער געוועהנליך פארצווייפלט שאָקלען מיט׳ן קאָפּ און זאָגען:

„איי עם ריעלי דהי אָנלי סעין מען אין דהיס דעמד פּלעיס.“ (איך בין ווירקליך דער איינציגער פארנינפטיגער מענש אין אָט דעם פארדאָמטען אָרט.)

א קורצע צייט פאר דעם 1טען מאַי איז דער אלטער קאָמאנדיר ווידער אמאָל קראַנק געוואָרן און ער האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט זיין אַמט אויף עטליכע וואָכען. פאר דעם גאנצען לאַגער — די סאָלדאטען און אָפיצירען איינגעשלאָסען — איז דאָס געווען א ווילקאָמענע פארלייכטערונג. קיינער פון אונז האָט פונדעסטוועגען קיין אהנונג ניט געהאט, אז דער מלאך המות איז שוין געשטאַנען ביים אלטען מאן הינטער׳ן רוקען, און אז דער קאָמאנדיר האָט דעם לאַגער פארלאָזען אויף שטענדיג. דעם 18טען מאַי צווישען

אכט און ניין אזייגער אין דערפריה איז ער געשטאָרבען. זיין טויט האָט ניט ארויסגערופען קיין שום סימפאטיע, ניט ביי די געפאַנגענע און ניט ביי די סאָלדאטען אין לאַגער. דער איינדרוק פון די לעצטע חדשים איז געווען זעהר א שלעכטער. אויסערדעם האָבען דאָך איהם בלויז ווייניגע געקענט. די מעהרסטע מענשען אין לאַגער האָבען אין איהם געזעהן אן אַלטען, בייזען מאַן, וואָס איז אויך גייסטיג ניט געווען אין גאנצען אומבאַריהרט. און דאָך האָט אָט דער מאַן פארמאָגט אסך גוט־הארציגקייט און מענשליך פיהלען, וואָס איז געלעגען באהאלטען הינטער א רויהער שאָלאכץ. דער וואָס האָט איהם נעהנטער געקענט און געוואוסט ווי אומצוגעהן מיט איהם, האָט צייטענווייז ענטדעקט אין איהם אזעלכע זייטען, וועלכע מען וואָלט קיינמאָל ניט ערוואַרט צו טרעפען ביי איהם. ער האָט געהאט מעהר ווי איין שוואכע זייט, וועלכע האָט זיך דורך זיין קראנקהייט פיליכט נאָך שאַרפער אויסגעדריקט. ס'איז ניט געווען לייכט אויסצוקומען מיט איהם, אָבער מען האָט זיך אומבאַדינגט געקאָנט פארלאָזען אויף איהם. ער האָט שטענדיג געהאלטען וואָרט און האָט ניט געהאט קיין שום הינטערליסטיגעס אין זיין כאַראַקטער, מיט איין וואָרט, — ער איז געווען א דזשענטעלמאַן אָהן מורא און טאַדעל. וואָס דאָס הייסט אזוינס, האָבען מיר ליידער ערשט שפּעטער געקאָנט ריכטיג אָפּשאַצען. נאָך זיין טויט האָבען מיר זיך אלע ארומגעטראָגען מיט דער האָפנונג, אז זיין פּלאַץ וועט פארנעמען אדער דער קאָלאָנעל גאָרדאָן קומינג אָדער מיידזשאָר מאָט. אָט די אויסזיכט האָט אונז אָנגעפילט מיט טיפער צופריעדענקייט. צום באַדויערן האָט זיך אויסגעלאָזט אנדערש ווי מיר האָבען געדענקט.

אין יענער צייט האָב איך כמעט יעדען טאָג געהאַט אן עקסטראַבאַזוך פון צאָהלרייכע פריינט און גענאָסען פון'ם לאָנדאָנער איסטענד, וועלכע האָבען אלע זיך נאָך געוואָלט זעהן מיט מיר, איידער זיי זיינען אָפּגעפאָהרען קיין רוסלאנד. ביים ערשטען סיגנאַל פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָבען זיי אלע געהאַט איינגעפּאקט זייערע זאכען, כדי זיך אריבערצוקלייבען אין דער אַלטער היים. זיי

זיינען אלע געווען פול מיט באגייסטערונג און פרעהליכער ערוואר־טונג און האָבען בלויז באדויערט איין זאך — וואָס איך האָב ניט געקאָנט מיטפאָהרען מיט זיי. מיין גאנצע ליעבע און סימפאטיע איז מיטגעגאנגען מיט זיי. איך בין געווען גליקליך וואָס זיי זיי־נען געפאָהרען, און אין דערזעלבער צייט איז מיר געווען אזוי מורא'דיג שווער אויף'ן הארצען, ווען איך האָב געזעהן, ווי עס שיידען זיך פון מיר די מוטיגע יונגען, מיט וועמען איך האָב אזוי פיעל לאנגע יאָהרען צוזאמען געקעמפט און געשטריטען. כ'האָב זיך געפיהלט אזוי שרעקליך איינזאם נאָך יעדען אָפשיד, און די אינער־ליכע בענקשאפט האָט מיך כמעט פארצעהרט.

דעם 9טען מאַי האָבען מיך באזוכט טאַניא און אלעקסאנדער שאפירא, כדי זיך צו געזעגענען מיט מיר. שאפּירא, וועלכער איז איבערגעקומען זיינע זעקס חדשים אין דער ענגלישער שטאַטס־פענסיאָן, איז געווען פול מיט האָפנונג און האָט מיר געהאט צו דערצעהלען א מאסע וויכטיגע זאכען איבער די געשעהענישען אין רוסלאנד, וועגען וועלכע די ענגלישע צייטונגען האָבען גאָרנישט באַ־ריכטעט. ער האָט מיר אויך מיטגעטיילט, אז מאַלאַטעסטא איז ענטשלאָסען צו פאָהרען קיין רוסלאַנד, נאָר מען איז ניט געווען זיכער, צי די ענגלישע רעגירונג וועט איהם אלס איטאליענער ער־לויבען ארויסצופאָהרען פון לאַנד. ווען איך טראכט היינט וועגען יענעם אָפשיד אין'ם „פעלעס" און איך דערמאָן זיך, מיט וואס פאר אן ענטוזיאזם שאפּירא איז דעמאָלט געפאָהרען קיין רוסלאנד, נעמט מיך דורך א געפיהל פון ווייטאָג. ווער וואָלט עס דאמאָלס געדענקט, אז מיט זעקס יאָהר שפּעטער וועלען מיר מוזען אויפהויבען א פּראָ־טעסט־באוועגונג אין גאנץ אייראפּא, כדי ארויסצורייסען שאפירא'ן פון די לאַפּעס פון דער בארימטער „דיקטאטור פון'ם פּראָלעטאַ־ריאט", און אז די נייע הערשער פון רוסלאנד וועלען איהם בלויז איבערלאָזען די ברירה, צו בלייבען אין געפענגניש אָדער פארלאָזען די היים און אוועק קיין אויסלאנד.

אויף מאָרגען איז געקומען אלעקסאנדראָוויטש צו באַזוך, כדי צו נעמען אָפשיד פון מיר. אַניך אין איהם האָט געגליהט די באַ־

גייסטערונג פאַר דער נייער רוסלאַנד, און ער האָט שוין אין זיין געדאַנק געזעהן, ווי די רויטע פאָהן פלאַטערט איבער אַלע הויפּט־שטעט פון אייראָפּאַ. געוויס, דאָס איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וועלכע האָט איצט אויפגעהויבען דעם קאָפּ דאָרט אין מזרח, און דער שטורם־געזאַנג פון די רעבעלישע מאַסען וועט באַלד געפינען זיין אָפּקלאַנג אין דעם ווייטסטען ווינקעל פון דער אַלטער וועלט. דער יונגער ענטוזיאַסט האָט געהאָפּט און געטרוימט. זיין גלויבען האָט געקאָנט בערג איבערקערען. און ווי זיין פוס איז נאָר ווידער געשטאַנען אויף רוסישער ערד, האָט ער זיך מיט לייב און זעל אריינגעוואָרפען אין דעם וויכער פון'ם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, ביז ער איז אין עטליכע יאָהר ארום דער'הרג'עט געוואָרן פון דעניקין'ס ווייסע מחנות.

מעהר ווי איינער פון די, וועלכע האָבען דעמאָלט גענומען אָפּ־שיד פון מיר, האָט געהאַט אַן עהנליכען שיקזאַל. און זיי זיינען נאָך געווען די גליקליכסטע, וואָרים זיי זיינען געשטאָרבען מיט אַ גליהענדען הארצען פאַר דעם טריומף פון דער רעוואָלוציע, און זיי האָבען פאַרשפּאָרט צו זעהן, ווי אַ נייער דעספּאָטיזם האָט באַ־הערשט רוסלאַנד און יעדער פרייהייטליכער הויך איז אָפּגעשטאַר־בען, צוגאַנגען ווי ווינטער־שניי אין דער מערץ־זון. אַנדערע זיינען שפּעטער אליין אריבער צו די נייע הערשער און זיינען געוואָרן אַנהענגער פון'ם שטאַטס־קאַפּיטאַליזם און פון דער קאָמיסאַריאָ־קראַטיע. איך וויל צו זיי קיין טענות ניט האָבען, וואָרים סוף כל סוף קאָן קיינער ניט ארויסגעהן פון זיין אייגענער הויט, און דאָס בעס־טע וואָס איז געווען אין זיי, האָבען זיי סיי ווי סיי געהאַט אָפּגע־געבען דער פרייהייטליכער באַוועגונג.

אַנהויב יוני איז אויך קראָפּאָטקין מיט זיין געטרייער לעבענס־חבר'טע סאָפיע אָפּגעפאָהרען קיין רוסלאַנד. ער האָט מיר געשריי־בען אַ פּאָר הארציגע ווערטער צום אָפּשיד און אויסגעדריקט זיין האָפנונג, אַז אַ דאַנק מיין פעסטען געזונט וועל איך איבערקומען אַלע שוועריקייטען פון דער געפאַנגענשאַפט, ביז מיר וועלען זיך ענדליך ווידער קאָנען באַגריסען אין רוסלאַנד, אויף פרייער ערד.

כ'האָב געפיהלט, ווי עס ווערט אַלץ לײדיגער ארום מיר. אַזוי פיעל זיינע שוין אוועקגעפאָהרען, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהנט צו מיין הארצען. אצונד האָט אויך דער אַלטער פעטער פארלאָזען ענג־לאַנד. — קראָפּאָטקין איז געווען דאָס גרויסע ערייגניס פון מיין לעבען. ער האָט מיינע אידעען געגעבען א ציעל און א ריכטונג און מיך געפיהרט צו א רייפערער דערקענטעניש. כ'האָב אָט דעם מאַן געליעבט מיט דעם גאַנצען ענטוזיאזם, וועלכען א שילער קאָן נאָר ארויסווייזען פאר זיין לעהרער, און איך וואָלט צו יעדער צייט פאר איהם געגאַנגען אין פייער. זיין אומבאַגרענעצטע גוטסקייט, זיין טיף אויסגעפּרעגטע געפיהל פון גערעכטיגקייט, זיין פעסטער, אומבאַזיגבארער גלויבען אין א בעסערער צוקונפט און זיין מילדער אורטייל איבער מענשען און זאַכען האָבען געפאַנגען גענומען מיין הארץ. ס'קומט אָפט פאָר ביים לייענען א באַדייטענד ווערק, אַז מען דערפילט א וואונש, זיך אויך פערזענליך נעהנטער צו באַקענען מיט דעם פארפאַסער. פּאַסירט דאָס, מאַכט מען אָפט דורך א ביטערע אַנטוישונג. ווי אַנדערש ביי קראָפּאָטקין. דאָ האָבען זיך דער מענש און זיין ווערק אויף א וואונדערבארען אופן אויסגעפילט איינס דאָס אַנדערע. ווען מען פלעגט ריידען מיט איהם און מען האָט געהאַט א געלעגענהייט איהם צו באַטראַכטען פון דער נאָהנט, האָט מען אינסטינקטיוו געפיהלט, אַזוי און ניט אַנדערש האָט גע־מוזט אויסזעהן דער מאַן, וואָס האָט געשריבען די „געגענזייטיגע הילף". יעדעס מאָל, ווען איך האָב מיט איהם גערעדט, האָב איך זיך געפיהלט ניי אינספּירירט, און אַזוי איז עס געגאַנגען יעדען איינעם וואָס איז געקומען מיט איהם אין באַריהרונג. ער איז גע־ווען א זקן פון צוויי און זיבעציג יאָהר, און דער צושטאַנד פון זיין געזונט איז ניט געווען דער בעסטער, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט צו דער אַלטער היים, וועלכע ער האָט די אַלע יאָהרען כסדר גע־טראָגען טיף אין דער נשמה. כ'האָב געפיהלט, אַז אָט דער צוריק־קער אהיים איז געווען דער לעצטער גרויסער טריט פון זיין לעבען. אין אייראָפּא וועלען מיר זיך שוין ניט ווידערזעהן, אָבער אין רוס־לאַנד, „אויף פרייער ערד", ווי ער האָט געשריבען, דאָס איז מעגליך

געוועז. אָבער אויך אָט די האָפנונג האָט מעהר ניט געזאָלט ערפילט ווערן.

באַלד נאָך קראָפּאָטקין׳ס אָפּרייזע האָט מיך באַזוכט מאַלאַטעסטא. ער האָט זיך געפונען אין אַן אויסערגעוועהנליך האָפנונגס־פולער שטימונג. די פלאַמען־צייכענס פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבען געמאַכט א געוואַלטיגען איינדרוק אויף דעם אַלטען רעבעל, און עס איז איהם געגאַנגען אין לעבען צו פאָהרען קיין רוסלאַנד, כדי פערזענליך אַנטייל צו נעמען אין די רעוואָלוציאָנערע געשעהענישען, אָבער די ענגלישע רעגירונג האָט איהם ניט ערלויבט ארויסצופאָהרען. ניט קוקענדיג דערויף האָט ער פונדעסטוועגען ניט אויפגעגעבען די האָפנונג. אַזוי ווי מען האָט אין יענער צייט פיעל געשריבען וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטען־קאָנפערענץ, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין שטאָקהאָלם, האָט ער זיך געוואָלט פאַרשאַפען א מאַנדאַט, כדי דערנאָך פון שוועדען אריבערצוגעהן איבער דער רוסישער גרעניץ. מאַלאַטעסטאַ איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע מוז זיך אויסשפּרייטען ווייטער אין אייראָפּא, און אַז דער קריג וועט זיך ענדיגען אין אַן אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע. לויט זיין מיינונג איז די לעצטע בלוטיגע אָפענסיווע פון דער איטאַליענישער ארמיי געמאַכט געוואָרן בלויז דערפאַר, כדי צו פאַרמיידען א רעוואָלוציאָנערן אויסברוך אין איטאַליען.

אויף מיין פראַגע, ווי לאַנג די מלחמה האָט, לויט זיין מיינונג, נאָך געקאָנט אָנהאַלטען, האָט ער געזאָגט, אַז עס וועט וואַרשיינליך מעהר ניט קומען צו קיין ווינטער־שלאַכט. לויט זיין אַנזיכט האָט די גאַנצע סיטואַציע אָפּגעהאַנגען פון די געשעהענישען אין רוסלאַנד. אויב די רוסען זאָלען זיין אין דער לאַגע נאָך א שטיקעל צייט צו ווידערשטעהן די אָנגריפען פון די דייטשע ארמייען, דאַן וואָלט עס באַלד געמוזט קומען צו פרידענס־פאַרהאַנדלונגען, ווייל ביז דאַן וואָלט זיך לויט אַלע אויסזיכטען אויך אין דייטשלאַנד און עסטרייך ענטוויקעלט א רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע. אָבער אויב דאָס זאָל ניט זיין דער פאַל, און עס זאָל געלינגען אמעריקא

איבערצושיקען גרויסע מאסען סאָלדאטען קיין פראנקרייך, דאן קאָן מען מיט צימליכער ווארשיינליכקייט רעכענען דערויף, אז די מלחמה וועט דערגרייכען איהר סוף ביז קומענדען פריהלינג.

אזוי ווי מאלאטעסטא איז געווען ענטשלאָסען אָנצואווענדען אלע מיטלען, כדי צו קומען קיין רוסלאנד, האָבען מיר ביידע גע־גלויבט, אז דאָס האָט געזאָלט זיין זיין לעצטער באזוך אין אלעק־סאנדרא פּעלעס, און מיר האָבען זיך הארציג אומאַרמט, ווען מיר האָבען זיך געזעגענט איינער מיט'ן אנדערן. דער אָפּשיד פון די אלע פריינט איז מיר געפאלען שווער אויף'ן הארצען. כ'האָב גע־פיהלט אין זיך א נערוועזע אומרוהיגקייט, וועלכע האָט מיר פאר־שאַפט מעהר ווי איין ביטערע שעה. דער געדאנק צו מוזען זיצען רוהיג דאָ, אין דער צייט וואָס דאָרט אין מזרח ווערט א נייע וועלט ארויסגערופען אין לעבען, האָט מיר אלץ מעהר און מעהר געדריקט און מיר געמאכט די געפאנגענשאפט פון טאָג צו טאָג אלץ אומער־טרעגליכער. גליקליכערוויז האָבען זיך אין לאַגער באלד געמאכט געשעהענישען, וועלכע האָבען געפאָדערט מיין גאנצע ענערגיע און מיר ניט איבערגעלאָזט קיין צייט פאר אומניצליכע געדאנקען.

אין דער לעצטער וואָך פון'ם מאָנאט מאי האָבען מיר זיך דער־וואוסט, אז דער אינטערנירונגס־לאַגער אין סטראטפאָרד איז אויפ־געלייזט געוואָרן און א טייל פון די דאָרטיגע געפאנגענע וועט קומען צו אונז. אם ערגסטען אָבער איז געווען די נאכריכט, אז פון'ם 1טען יוני אָן וועט דער קאָמאנדיר פון סטראטפאָרד איבערנעמען די פיהרונג פון אונזער לאַגער און אז ער וועט די טעג קומען אהער מיט א טייל פון זיין שטאַב. דער „סטראטפאָרד קעמפּ" האָט גע־האט א שלעכטען נאָמען. אלע, וועלכע האָבען געהאט דאָס אומ־גליק צו מוזען פארברענגען דאָרט א געוויסע צייט, זיינען געווען איינשטימיג, אז דאָס איז געווען א פּלאַץ פון ברוטאלסטער מוט־ווילינקייט און געמיינסטער קאָרופּציע. יענער וועבער, וועגען וועל־מען ס'איז שוין פריהער געווען די רייד, פלעגט באהאנדלען זיינע איינגענע לאנדסלייט מיט א סאדיסטישער ברוטאליטעט. אָבער קיינער האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן געגען איהם, ווייל ער איז פּול־

שטענדיג געשטיצט געוואָרן פון דער ענגלישער מיליטער־פּאַרוואַל־טונג און יעדער, וואָס האָט זיך געשטעלט אנטקעגען איהם, האָט געמוזט ערווארטען שטרענגע שטראָפען. וועגען דעם דאָזיגען וועבער זיינען ארומגעגאנגען פארשידענע קלאַנגען. אזוי האָט מען דערצעהלט, אז ער איז אין אַפריקא געזעסען צוויי יאָהר אין געפענגניש פאר געמיינע פארברעכענס. צי דאָס איז אמת געווען, האָב איך קיינמאָל ניט געקאָנט פעסטשטעלען. ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז ער האָט געהאַט הינטער זיך א זעהר טונקעלע פארגאַנגענהייט און איז געווען א ביליגער נפש און א כאַבאַרניק. ווען וועבער איז ענדליך ארונטערגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט דורך א מענשען־פריינדליכען קאָמאַנדיר, וועלכער האָט פאר א קורצער צייט געהאַט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון'ם לאַגער אין סטראַטפאָרד, איז, אמת, איינגעטראָטען א באַדייטענדע בעסערונג אין דער באהאַנדלונג פון די געפאַנגענע, אבער די קאָרופּציע איז געבליבען און האָט ווייטער געבליהט, און אויך די ברוטאַליטעט האָט זיך אומגעקערט, ווען דער לעצטער קאָמאַנדיר האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון'ם לאַגער.

פיעל שלעכטס האָט מען אויך געהאַט צו דערצעהלען וועגען דעם ענגלישען פעלדפעבעל טרינמאַן, וועלכער איז אין סטראַטפאָרד געווען די רעכטע האַנד פון'ם קאָמאַנדיר און האָט געהאַט די געפאַנגענע פולשטענדיג אין זיינע הענט. אָט דער טרינמאַן איז געווען א מיאוס'ער, הינטערליסטיגער בחור, וועלכער פלעגט אָפט זאָגאַר שלאָגען די געפאַנגענע. אזוי האָט ער איינמאָל צו'נהרג'ט א געוויסען ביטנער, מיט וועמען איך בין געווען אינטערנירט אין דער אָלימפּיא, ווייל ער איז ניט געווען אימשטאַנד צו טראָגען א קאַסטען, מחמת ער האָט געהאַט א קורצען פוס און עס איז איהם צוליעב דעם געווען שווער צו געהן. טרינמאַן האָט אויך פאַרוואַלטעט איבער דער באַטאַליאָן־קאַסע און האָט קיינמאָל ניט אָפּגעגעבען קיין רעכענונג פון די פארברויכטע געלדער.

דאָס אלעס איז געווען באַקאַנט, און מען קאָן זיך פאָרשטע־

לען, מיט וועלכע געפיהלען מיינע מיטגעפאנגענע האבען ערוואַרט די זאכען, וועלכע האבען דאָ געזאָלט פּאַרקומען.

דעם 28טען מאַי האָט מען אונז געבראַכט א טייל פון די געפאַנ־גענע פון סטראַטפאָרד, וועלכע מען האָט איינגעקוואַרטירט אין באַטאַליאָן „איי“, וויל זיי זיינען אויף מאָרגען שוין איבערגעשיקט געוואָרען נאָך דער „אייל־אָף־מען“. צווישען זיי האָט זיך אויך גע־פונען מיין פריינד און גענאָסע ס. ל., וועלכער איז יאָהרען לאַנג געווען דער געשעפטס־פיהרער פון אונזער צייטונג. נאָכדעם ווי ער איז אַפּגעזעסען אין געפענגניש די דריי חדשים, וועלכע ער האָט געקראָגען אלס ארויסגעבער פון „ארבייטער פריינד“, האָט מען איהם געבראַכט נאָך סטראַטפאָרד. אצונד האָט ער געמוזט געהן אויף דער „אייל־אָף־מען“, און עס איז מיר געווען אוממעגליך איהם צו העלפען. מיר האָבען זיך ביידע געפיהלט אזוי גליקליך, וואָס מיר האָבען זיך ווידער געזעהן נאָך אזא לאַנגער צושיידונג, און די פּאָר שעה וואָס מיר האָבען געקאָנט זיין צוזאַמען, זיינען פאַר אונז אריי־בער ווי אין א באַרוישענדען צושטאַנד, וואָרים מיר האָבען געהאַט אזוי פיעל זאכען זיך צו דערצעהלען. ל. איז געווען א זעהר באַ־גאַבטער מענש, און זיין איינפאַכע, באשיידענע נאַטור, זיין פעסטער כאַראַקטער און זיין טיף אויסגעפּרעגט געפיהל פון פאַראַנטוואָרט־ליכקייט האָבען איהם געבראַכט זעהר נאָהנט צו מיין הארץ. ס'איז דערום געווען זעהר שמערצליך פאַר מיר צו זעהן, ווי דער ליעבער פריינד מוז זיך ווידער שיידען פון מיר, אָבער מיר האָבען זיך ביי־דע געטרייסט מיט דער האָפנונג, אז די פאָלגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע וועלען גאָר אין גיכען ברענגען א סוף צו אונזער גע־פאַנגענשאַפט.

אין לאַגער גופא איז ווידער געקומען אן אומעטיגע שטימונג, וואָרים מען האָט ניט ערוואַרט קיין שום גוטס פון'ם נייעם קאָמאַנ־דיר, און יעדער האָט געפיהלט, אז עס קומען פאַר אונז גרויסע פאַרוויקלונגען.

קאפיטעל 20

א נייער קאָמאַנדיר, נייע צרות

דער נייער קאָמאַנדיר — פעלדפעבעל טרינמאן — דער פאַרדאַכט פון די געפאנגענע געגען די „סטראטפאָרדער" — דער ערשטער צוזאמענשטויס — נייע וואַהלען — די לופט־אַטאַקע פון 13טען יוני — דער הונדערטסטער פאָרטראג — באַשרענקונגען אויף שריט און טריט — די פאַרשיקונגס־ליסטע — מיין דיסקוסיע מיט דעם קאָמאַנדיר — געשפרעך מיט מיידזשאָר מאָט — די ערשטע אַטאַקע צוריקגעשטויסען — די סעלדאָן־אפערע — די דעמאָנסטראציע אין טעאטער — לייטענאַנט סעלדאָן'ס ענדע.

אין דעם זעלבען טאָג, ווען די לייט פון סטראטפאָרד, וועלכע האָבען ביי אונז בלויז איבערגענעכטיגט, האָבען פאָרטגעזעצט זייער וועג נאָך דער „אייל־אָף־מען", זיינען צו אונז אין לאגער אָנגעקומען די איבעריגע סטראטפאָרדער געפאנגענע. עס זיינען געוועזען עטליכע טוץ מענער, וועלכע זיינען כמעט אלע איינגעקווארטירט געוואָרן אין אונזער באטאליאָן. מיינע מיטגעפאנגענע האָבען די ניי־אָנגעקומענע באַגעגענט מיט אן אויסגעשפּראָכענעם מיסטרויען, און זיי האָבען ניט געמאכט קיין פּרוּוו צו באהאלטען זייערע געפיהלען. דער פאקט, אז מען האָט אריבערגעבראכט אהער דעם גאנצען שטאָב פון דער אינערליכער פארוואלטונג פון סטראטפאָרד, האָט מיינע ליידענס־חברים געגעבען א גרונד פאר פארשידענע ערליי השערות. ס'האָט ניט גענומען לאנג און אין לאגער האָבען אָנגעהויבען זיך ארומטראָגען די ווילדסטע קלאנגען, וועלכע האָבען

איבעראל געפונען גלויביגע צוהערער. אזוי האָט מען געוואָלט האָבען, אז דער נייער קאָמאנדיר טראָגט זיך ארום מיט דער דעה צו באזייטיגען די גאנצע פארוואלטונג פון אונזער לאגער און די שטעלעם אויספילען מיט סטראטפאָרד־לייט. דער רעזולטאַט איז געווען, אז מען האָט נאָכגעשפירט מיט פּאַרדאַכט יעדען ריהר און יעדען שריט וואָס די נייע האָבען געמאכט און מען האָט זיי ארומגערינגעלט מיט א וואנט פון פיינדשאפט. איך האָב געטאָן אלץ וואָס איך האָב נאָר געקאָנט צו איבערצייגען די מענשען, אז זייער פארדאכט איז ניט באגרינדעט, און איך האָב זיי אויפגעפאָדערט צו באגעגענען זייערע נייע מיטגעפאנגענע ווי קאמעראדען, ווייל עס איז אומגערעכט צו פארדאמען מענשען אין פאָראויס אויף גרונד פון פוסטע קלאנגען. מען האָט מיך שווייגענדיג אויסגעהערט, ניט געמאכט קיין שום איינווענדונג, אָבער דער פארדאכט איז געבליבען און איז וואָס ווייטער אלץ שטארקער געוואָרן.

ס'איז געווען קלאָר, אז די נייע לייט האָבען זיך אונטער די דאָזיגע אומשטענדען ניט געקאָנט גוט פיהלען. עטליכע האָבען זיך שוין געהאט פערזענליך געווענדעט צו מיר און זיך פאר מיר באקלאָגט אויף זייער צרה. איך האָב זיי פריינדליך אויפגענומען און זיי געפּרואווט געבען צו פארשטעהן די טיפערע אורזאכען אין דער פיינדליכער האלטונג פון די אלטע געפאנגענע, מיט דעם וואָס איך האָב זיי ערקלערט, ווי שווער עס איז אונז אָנגעקומען, ביז מיר האָבען ווי עס איז אויסגעקעמפט פאר זיך מענשליכע צושטענדען אין לאגער. מחמת דעם מוזען זיי באגרייפען, אז מיר זיינען דאָ פעסט ענטשלאָסען צו קעמפען מיט אלע כוחות געגען א סיסטעם ווי אין סטראטפאָרד און צו פארטיידיגען דאָס געוואונענע. די מענשען האָבען מיר אין אלצדינג געגעבען רעכט און מיר פארזיכערט, אז זיי האָבען בלויז איין וואונש — צו לעבען אין איינהייט און פרידען מיט די אלטע באוואוינער פון'ם לאגער, נאָך מעהר דערפאר וואָס זיי זיינען מיט לייב און זעל פאר אונזער ריינערער און ניט קאָרומפּירטער אינערליכער פארוואלטונג, וועגערעכטער און ניט קאָרומפּירטער אינערליכער פארוואלטונג, ווע־

געו וועלכער זיי האָבען געהערט נאָך זייענדיג אין סטראַטפאָרד. איך האָב זיי בארוהיגט און זיי פארזיכערט, אז אלעס וועט זיך שוין פון זיך אליין איינאָרדנען, אזוי גיך ווי די אלטע געפאנגענע וועלען זיך האָבען איבערצייגט, אז די האנדלונגען פון די נייע קאמעראדען זיינען ניט געגען די אינטערעסען פון'ם כלל, פון אלע אינטערנירטע. אויסערדעם האָב איך זיי צוגעזאָגט, אז זיי קאָנען זיך צו יעדער צייט פארלאָזען אויף מיר, און אז איך וועל ניט דולדען, אז מען זאָל געגען זיי אומזיסט און אומנישט באַגעהן אומרעכט.

ס'איז אויך געווען, ווי איך האָב פאָראויסגעזאָגט. דער פאר־דאכט געגען די סטראַטפאָרדער אין אלגעמיין איז ביסלאכווייז פארשוואונדען, בלויז די לייט פון דער געוועזענער אינערער פאר־וואלטונג און עטליכע אנדערע האָט מען געהיט די טריט און זיי ניט געוואָלט טרויען, זאָגאר דאן ניט, ווען זיי האָבען געהאלטען אין איין פארזיכערן, אז זיי וועלען קיינמאָל ניט איינגעהן דערויף אנצונעמען אן אָפיציעלע שטעלע אין'ם „פעלעם".

די גרעסטע באאומרוהיגונג אין לאַגער איז ארויסגערופען געוואָרן דורכדעם וואָס דער פעלדפעבעל טרינמאַן, וועגען וועמען מען האָט דערצעהלט די ערגסטע זאכען, איז אויך אריבערגעבראכט געוואָרן אין'ם „פעלעם". דער מאַן האָט ווירקליך ניט געמאכט קיין גוטען איינדרוק. ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל באגע־גענט, האָב איך געפיהלט, אז מען מוז זיך פאר איהם היטען. דער מאַן האָט קיינעם ניט געקאָנט קוקען אָפען אין פנים אריין. אין זיין גאנצען וועזען איז געלעגען עפּעס לויערענדעס און פאלשעס. וואָס האָט זיך נאָך שטארקער געוואָרפען אין די אויגען דורך זיין איבערטריבענער פריינדליכקייט, וועלכע מען געפינט זעלטען ביי ענגלענדער. גלייך דעם ערשטען טאָג, ווען ער איז אנגעקומען אין „פעלעם", האָט ער אָפגעשטעלט עטליכע געפאנגענע און זיי גע־פרעגט, פארוואָס זיי האָבען ניט ארונטערגענומען דעם הוט פאר איהם. מען האָט איהם געענטפערט, אז דער מנהג עקזיסטירט ניט אין „פעלעם", און די געפאנגענע ווייסען בלויז פון דער פאָרשריפט

צו באגריסען אָפיצירען. דערמיט האָט ער זיך דערוויייל ווילענדיג ניט ווילענדיג געמוזט צופרידענשטעלען.

די זאך איז אָבער באלד באקאנט געוואָרן אין גאנצען לאגער. און גלייך איז ארויסגעגעבען געוואָרן די לאָזונג, אונטער קיין אומשטענדען ניט צו גריסען דעם פעלדפעבעל. פאר די סטראטפאָרדער, וועלכע זיינען געוואוינט געוועזן צו באהאנדלען טרינמאן'ען ווי אן אָפיציר, איז דאָס געווען אביסעל אומבאקוועם, אָבער אזוי ווי מען האָט גראָד אויף זיי אם מייסטען געהאט אן אויג, האָבען זיי געמוזט טאָן ווי אלע אנדערע. אחוץ דעם האָט מען מיט אָפענע אויגען געקוקט אין גאנצען לאגער און אכטונג געגעבען, אז קיינער פון זיי זאָל ניט האָבען וואָס פאר עס איז געשעפטען מיט דעם פעלדפעבעל. יעדעס מאָל, ווען מען האָט נאָר באמערקט, אז דער איינער אָדער דער אנדערער האָט גערעדט א פּאָר ווערטער מיט טרינמאָן'ן, זיינען גלייך ענטשטאַנען אלע מעגליכע קלאַנגען, און איך האָב געמוזט עטליכע מאָל אָננעמען מיטלען, כדי צו פארהינדערן געשלעגען.

דעם 4טען יוני איז דער נייער קאָמאנדיר צום ערשטען מאָל ערשינען צו דער אינספעקציע. מיידזשאָר מאָט, וועלכער האָט איהם באגלייט, האָט מיך פאָרגעשטעלט פאר איהם. ער האָט מיך באגריסט מיט גרויסער ליעבענסווירדיגקייט, האָט מיר געמאכט אלערליי קאָמפּלימענטען איבער דער ריינליכקייט אין'ם באטאליאָן און צולעצט האָט ער מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט גענומען אָפּשיד פון מיר און די קאפיטאנען. כ'בין געווען אביסעל איבעראשט, ווארים איך האָב זיך געהאט גאנץ אנדערש פאָרגעשטעלט דעם מאן נאָך די באשרייבונגען, וועלכע איך האָב איבער איהם געהערט. על כל פנים איז זיין אויסערליכער אויסזעהן גאָרנישט געווען אָנציהענד. ס'איז געווען א ריעז פון פלייש און פעטס, דאָך האָט זיין גרויסער, פולער קערפער געמאכט א קראנקהאפטען איינדרוק. מען האָט געקאָנט באמערקען אויף איהם, אז יעדער ריהר איז איהם אָנגעקומען שווער און ביטער, און ביים געהן האָט ער

זיך פעסט אַנגעשפּאַרט אָן זיין שטעקן. אין דעם אויפגעבלאָזע־נעם געזיכט איז ניט געלעגן קיין שפּור פון גייסט, און אין די אויסדרוקסלאָזע, אביסעל מוטנע אויגען האָט מען, ניט קוקנדיג אויף דער פריינדליכער מיענע, דאָך באמערקט א געוויסע קעלט, וועלכע האָט זיך ניט געקאָנט באהאלטען. ארום און ארום האָט ער געמאכט דעם איינדרוק פון אן אָפּגעלאָזענעם, גייסטיג באַ־שריינקטען מענשען. מיט דער צייט איז מיר אויך געוואָרן גאנץ קלאָר, פאַרוואָס דער פּעלדפעבעל טרינגמאַן האָט אזוי שטארק נושא חן געווען ביים קאָמאַנדיר אין די אויגען, אַז ער האָט זיך זאָגאר געקאָנט ערלויבען דירעקטע פרייהייטען געגען די אָפיצירען. די אבסאָלוטע אומפעהיגקייט פון׳ם מאַן איז איינפאך געווען אזוי גרויס, אז ער האָט ניט געקאָנט אויסקומען אָהן א באזונדערע שטיצע. אין׳ם לאגער האָט מען זיך דערצעהלט, אז דער נייער קאָמאַנדיר איז פאַר׳ן אויסברוך פון דער מלחמה געווען געפענגניש־דירעקטאָר אין דובלין. איך וויים ניט, צי אָט די באַהויפּטונג איז טאַקע געווען ריכטיג, אָבער זי האָט געהאַט זעהר פיעל וואַרשיינ־ליכקייט פאר זיך, וואָרים די גאנצע מעטאָדען פון׳ם מאַן האָבען דערמאָנט אָן א מענשען, וועלכער איז געוואוינט געווען צו הערשען איבער פאַרברעכער. מחמת דעם איז ער אויך קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד ריכטיג צו באגרייפען אונזער לאגע.

וואָכען זיינען פאַרגאַנגען, אָהן דעם אז אין לאגער זאָל האָבען וואָס עס איז פאָרגעקומען, פון וואָס מען וואָלט געקאָנט שליסען, אז אויבען האָט מען אין זינען צו ענדערן דעם באשטעהענדען צושטאַנד. דער קאָמאַנדיר איז זיך שטענדיג געבליבען גלייך אין זיין ליעבענסווירדיגקייט, און די געשעפטען זיינען אָפּגעלאָפען גלאַט. אין לאגער האָט מען זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו באַ־טראַכטען די זאַכען מיט ווייניגער פאָראורטייל, און מען איז געווען מיט דער מיינונג, אז דער קאָמאַנדיר האָט מסתמא אליין איינגע־זעהן, אז מען קאָן דאָ ניט איינפיהרען דיזעלביגע צושטענדען ווי אין סטראַטפאָרד. אויך דער פעלדפעבעל טרינגמאַן האָט ביז אהער

ניט געגעבען קיין שום גרונד זיך צו באקלאָגען אויף איהם. ער האָט זיך די גאנצע צייט שטאַרק באמיהט, זיך איינצוקויפען ביי מיר אין פריינדשאַפט און איז שטענדיג געווען זעהר העפליך. אָבער גראָד אָט די איבערטריבענע פריינדליכקייט האָט בלויז פאַרשטאַרקט מיין מיסטרוי צו דעם מאן. כ'האָב איהם דערום באַהאנדעלט העפליך, אָבער צימליך קיהל און איך האָב שטאַרק אכטונג געגעבען, אז איך זאָל זיך מיט איהם צוזאמענקומען בלויז אין אנגעלעגענהייטען וואָס האָבען געהאט א דירעקטע שייכות מיט דער פאַרוואַלטונג פון'ם באטאַליאָן.

דעם 13טען יוני האָט לאָנדאָן געהאט א מורא'דיגען אָנגריף פון דייטשע לופט־פליהער. די אטאקע איז געמאכט געוואָרן נאָכמיטאָג, און מיר האָבען פון דער טעראסע דייטליך געקאָנט זעהן די באוועגונגען פון די פליהער און דאָס שליידערן פון די באָמבעס. די אָווענט־צייטונגען האָבען געבראכט שרעקליכע איינצעלהייטען. איין באָמבע איז געפאַלען אין א שולע און האָט געטויט און שווער פאַרוואונדעט א גרויסע צאָהל קינדער. איינער פון מיינע מיט־געפאנגענע, א געוויסער דזשאַרדזש, וועלכער האָט צוליעב זיינע קראנקע אויגען פאַרבראכט אין דייטשען האָספּיטאַל, בעת דער אָנגריף איז געמאכט געוואָרן, האָט אונז צוריקקומענדיג דערצעהלט, ווי מען האָט געהאַלטען אין איין ברענגען אין האָספּיטאַל פרויען און קינדער מיט אָפּגעריסענע גלידער. ס'איז געווען איינפאַך שוידערליך. אָט די גרויזאַמע און בעסטיאַלישע מעטאָדע, צו שפּייען מיט טויט און פאַרדאַרבונג אויף א שוצלאָזער באַפעלקערונג, איז איינע פון די גרויסע אויפטואונגען פון אונזערע קריסטליכע שטאַאַטען, פאַר וועלכער דער ברוטאַלסטער בארבאר וואָלט אונז זיכער ניט מקנא געווען. ס'איז קוים מעגליך צו פאַרשטעהן, ווי אזוי מענשען האָבען געקאָנט פועל'ן ביי זיך צו באַגעהן אזעלכע מאָנ־סטער־פאַרברעכענס, וואָס זייער געמיינע און אומ'ברחמנות'דיגע ברוטאַליטעט האָט געמוזט יעדען פיהלענדען מענשען אריינטרייבען די רויטע שאַנדע אין פּנים אריין. דער קריג איז דאָך סוף כל סוף

שטענדיג געווען א געשעפט פאר אוניפאָרמירטע מערדער, אָבער צו אזא ווירטואָזיטעט פון'ם מענשען־מאָרד אין גרויסע מאסען האָט מען עס ביז אהער דאָך ניט געהאט געבראכט.

דעם 20טען יוני האָב איך געהאַלטען מיין הונדערטסטען פאָרטראג. מיינע קאמעראדען האָבען זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט, לכבוד מיר צו אראנזשירען א מאניפעסטאציע אין'ם טעאטער־זאל. זיי האָבען אלעם אזוי פאָרזיכטיג צוגעגרייט, אז איך האָב ניט געהאט די קלענסטע אהנונג דערפון. ווען די פארזאמלונג האָט זיך ווי געוועהנליך יעדע וואָך געזאָלט אָנפאנגען, האָט צוערשט קארל'טשיק, וועלכער האָט די גאנצע צייט ביי אונזערע פארזאמלונגען פיגורירט אלס פאָרזיצענדער, געזאָגט א פאָר איינלייטענדע ווערטער. דערנאָך האָט אונזער קאמעראד ווירץ פון'ם „סי"־באטאליאָן גענומען דאָס וואָרט און געהאַלטען אן איינפאכע און הארציגע רעדע, אין וועלכער ער האָט מיט ליעבע אָפגעשאַצט דעם קולטורעלען ווערט פון מיינע פאָרטראגען, וואָס זיינען פאר הונדערטער מענשען אין לאגער געווען א פרוכטבארער קוואל פון גייסטיגער אָנרעגונג, און צום שלוס האָט ער מיר אויסגעדריקט דעם הארציגסטען דאנק פון מיינע ליידענס־חברים. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט, האָט ער מיר צום אָנדענקען איבערגעגעבען א בילד, וואָס דער אונגארישער מאלער סאטאַן האָט געמאָלען. א נאקעטער ריעז, וועלכער דערשטיקט א שלאנג, און אונטער דעם די ווערטער: „זייער ראָקער צום הונדערטסטען פאָרטראג. זיינע דאנקבארע צוהערער. אלעקסאנדרא פעלעם, 1915־1916־1917“.

ווען איך האָב זיך דערנאָך אויפגעשטעלט זאָגען א פאָר ווערטער פון דאנק, האָט זיך אין זאל אויפגעהויבען א ברויזענדער בייפאל, וועלכער האָט גאָר קיין ענד ניט געוואָלט נעמען. ווען איך קוק היינט צוריק אויף דער דאָזיגער טעטיגקייט אין פארלויף פון מיין געפאנגענשאַפט, געפין איך נאָך אלץ א פרעהליכע באפרידיגונג, וואָס איך האָב אויך אין יענער מורא'דיגער צייט פון'ם געגענזייטיגען פעלקער־מאָרד געהאט אזויפיעל געלעגענהייט צו קאָנען

ווירקען פאַר דער פרייהייט און פאַר דעם סאָציאַליזם. אין יענע הונדערט פאָרטראַגען האָב איך געגעבען א פולשטענדיגע ענטוויקלונגס־געשיכטע פון די סאָציאַלע באוועגונגען פון׳ם 19טען יאָהר־הונדערט אין די ראַהמען פון די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע פארהעלטענישען. דערביי האָב איך אין קרייז פון מיינע באטראַכטונגען אויך אריינגענומען די איינפלוסען פון די דאָזיגע באוועגונגען אויף דער ליטעראַטור און די פארשידענע פילאָזאָפישע געדאַנקען־סיסטעמען. נאָך א גאַנץ אויספיהרליכער איבערזיכט איבער די פארשידענע סאָציאַליסטישע ריכטונגען און שולען פאַר דער גרינדונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער־אסאָסיאציע האָב איך זיך מיט באזונדערער ליעבשאַפט אָפּגעגעבען מיט דער געשיכטע פון׳ם אינטערנאַציאָנאַל און מיט די אידעען־גענג פון׳ם פרייהייטליכען סאָציאַליזם פון וויליאם גאָדווין ביז פּעטער קראַפּאָטקין.

דערביי האָב איך שטענדיג געלעגט באזונדערן ווערט דערויף, צו געבען מיינע צוהערער א געלעגענהייט צו פארטיפען און ווייטער אויסבילדען די אויפגענומענע איינדריקען דורך לעזען פאַסענדע ביכער. אויף אזא׳ן אופן זיינען אין לאַגער פארשפּרייט און געלייענט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס הונדערטער עקזעמפּלארען פון קראַפּאָטקין׳ס בעסטע ווערק. אחוץ דעם האָב איך אויף׳ן פאַרלאַנג פון מיינע חברים דעמאָלט צוזאַמענגעשטעלט א סיסטעמאַטישע ליסטע פון ווערק, וואָס זאָלען זיי שפּעטער פארלייכטערן דאָס שטודיום פון׳ם געגענשטאַנד. אָט די ליסטע איז קאָפּירט געוואָרן פון א גרויסער צאָהל פון מיינע מיטגעפאַנגענע און האָט זיי שפּעטער ווארשיינליך געבראַכט גוטע נוצען.

מיינע פאָרטראַגען זיינען באזוכט געוואָרן פון מענשען פון אלע געזעלשאַפטס־קלאַסען. אויסער דעם פּראָלעטאַרישען עלעמענט, וואָס האָט נאַטירליך געבילדעט די מעהרהייט, האָבען צו מיינע רעגעלמעסיגע צוהערער אויך געהערט אסך אינטעליגענטען, קינסטלער און געלעהרטע. און עס איז אויך געוועזן א היבש ביסעל פון׳ב

לאַגער פון די באַזיצענדע קלאַסען, וועלכע פלעגען יעדע וואָך קומען צו די פאַרזאַמלונגען אין'ם טעאַטער. אסך פון מיינע פּאָרטראַגען זיינען סטענאָגראַפירט געוואָרן און האָבען אויף אַזאַ'ן אופן אַרי־בערגעוואַנדערט אין דעם גרויסען אינטערנירונגס־לאַגער פון „איילאַף־מען", וואו זיי האָבען געדינט פאַר אונזערע קאַמעראַדען אלכ באַזים פון זייער פּראָפּאַגאַנדע. ווען מען לעבט יאָהרען־לאַנג מיט מענשען אויף דעמזעלבען פּלאַץ און מען קומט טאָג־טעגליך מיט זיי אין באַריהרונג, קאָן מען נאַטירליך בעסער ווירקען אויף זיי און אויספּיהרליכער ענטוויקלען יעדע באַזונדערע זייט פון א אידעע. דאָס איז אָהן שום ספק געווען א גרויסער פּאָרטייל. גע־ווים בילד איך זיך ניט איין, אַז איך האָב די אַלע הונדערטער, וועלכע האָבען יעדע וואָך זיך צוגעהערט צו מיינע ווערטער, פאַר־וואַנדעלט אין איבערצייגטע און אקטיווע אַנאַרכיסטען. דערצו זיינען נייטיג באַזונדערע איינגעבוירענע פעהיגקייטען, וועלכע דרעמלען אין'ם מענשען גופא און קאָנען ניט אריינגעטראָגען ווערן אין איהם פון דרויסען. אָבער עס איז מיר אָהן צווייפעל געלונגען אסך פון מיינע צוהערער צו געבען גאַנץ נייע אָנרעגונגען און צו צושטערן מעהר ווי איין פּאָראורטייל וואָס זיי האָבען פריהער גע־האַט. מעהר ווי איינער וואָס איז געווען דורכאויס פיינדליך צו אונזערע אידעען און זייערע טרעגער, ווייל ער האָט געשעפּט זיין גאַנץ וויסען וועגען דעם פון די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, האָט שפּעטער אויף גרונד פון מיינע פּאָרטראַגען פולשטענדיג געענדערט זיינע מיינונגען און אָנגעהויבען אויפנעמען אונזערע אָנשויאונגען מיט א טיפער פאַרשטענדניש און מיט א געוויסער סימפּאַטיע, פון וועלכע ער האָט פריהער ניט געהאַט געוואוסט.

אָבער עס איז אויך געווען א היבשע צאָהל צווישען מיינע צוהערער, וועלכע זיינען גאַנץ באַשטימט געוואונען געוואָרן פאַר אונזערע אידעען. זינט מיין צוריקקעהר קיין דייטשלאַנד האָב איך קוים גערעדט אין וואָס פאַר עס איז שטאָט, וואו איך זאָל ניט האָבען באַגעגענט דעם איינעם אָדער דעם אנדערן פון מיינע אמאָ־

ליגע צוהערער. פיעל פון זיי נעמען א טעטיגען אנטייל אין דער באוועגונג. צווישען אנדערע זאָל דאָ באזונדערס דערמאָנט ווער־ אונזער קאַמעראַד הערמאַן ריטער אין ערפורט, וועלכער האָט זיך אין דער צייט פון אונזער געמיינשאפטליכער געפאנגענשאַפט גרינדליך פארטיפט אין דער גערדאנקען־וועלט פון׳ם פרייהייטליכען סאָציאַליזם, און מיט זיין אויסגעצייכענטען רעדנער־טאַלאנט איז ער היינט איינער פון די בעסטע, וועלכע ווירקען דאָ אין לאַנד פאַר אונזערע אַנשויאונגען. און מעהר ווי איינער איז ביז אויף היינ־ טיגען טאָג געבליבען מיט מיר אין שריפטליכער פארבינדונג. מיט באזונדערער ליעבע דערמאָן איך זיך ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט אָן מיין פריינד ק., וועלכער איז אין צייט פון קריג פארוואָרפען געוואָרן קיין ענגלאַנד און איז דאָ אריינגעפאלען אין דער געפאנ־ גענשאַפט. א געוואלטיגער אָפּטימיסט, אין וועמעס נשמה דער קריג אפילו האָט ניט געקאָנט דערשטיקען דעם טיפען גלויבען אין די גוטע און שענע זייטען פון׳ם מענשען, איז ער געווען ווי גע־ שאַפען אויפצונעמען אין זיך די גרויסע אידעען פון דער פרייהייט און פון דער געגענזייטיגער הילף. דער צופאַל האָט עס געוואָלט, אז ביי זיין אָנקומען אין׳ם „פעלעם“ זאָל ער איינגעקווארטירט ווען אין׳ם „סי“־באטאַליאָן, וואו דער ענג־קעפיגער פאַטריאָטיזם פון די פארטרעטער פון׳ם „אמת׳ן דייטשטום“ האָט אין יענער צייט געפיהרט די גרענדע. אָבער ווען ער האָט באלד נאָכדעם אָנגע־ הויבען באזוכען מיינע פאָרטראַגען, דאן האָט זיך אויף א פראכט־ פולען אופן ענטוויקעלט דאָס אלעס, וואָס האָט פריהער האלב אומ־ באוואוסט אין איהם געדרעמעלט. מיר זיינען דעמאָלט געוואָרן גוטע פריינט, און איך קריג זעלטען א בריעף פון איהם, אין וועלכען ער זאָל ניט כסדר אויסדריקען זיין טיפסטע צופרידענקייט מיט דעם, וואָס דאָס לעבען האָט אונז אין יענער שווערער צייט צונויפ־ געפיהרט. איך בין דעמאָלט געקומען אין נעהנטערער באריהרונג מיט מעהר ווי איין פרעכטיגען מענשען, וועלכען איך וואָלט מסתמא אונטער געוועהנליכע אומשטענדען קיינמאָל ניט באגעגענט אין מיין

לעבען, און דאָס באוואוסטזיין, אז איך האָב אויך אין אָט די לאנגע און שווערע יאָהרען געקאָנט אויף א באדייטענדען אופן ווירקען פאר א גרויסער אידעע, געהערט צו די שענסטע ערינערונגען, וועלכע איך האָב מיטגענומען מיט זיך פון מיין געפאנגענשאַפט.

סוף יוני איז עס געקומען צום ערשטען צוזאמענשטויס צווישען אונז און דעם נייעם קאָמאנדיר. ארום יענער צייט האָט מען אונז נעמליך צוגעשטעלט יענע בארימטע הערינג, וועגען וועלכע איך האָב שוין גערעדט אין א פריהערדיגען קאפּיטעל. ס'איז געווען אוממעגליך עפּעס צו מאכען מיט דער שרעקליכער וואַרע. די גאנצע קונסט פון אונזערע קעכער און די בעסטע עצות פון'ם דאָקטאָר האָבען דאָ ניט געהאָלפען. דער רעזולטאַט איז געווען, אז מיר האָבען זיך איינפאַך ענטזאגט אָנצונעמען די פּאסקודסטוואָ, הגם מען האָט אונז אנשטאָט דעם ניט געגעבען קיין שום אנדער שפּייז. פלוצלינג זיינען הוט, לום און איך צוזאמען מיט די קיכען־שעפס פון די דריי באַטאליאָנען גערופען געוואָרען צום קאָמאַנדיר. ער האָט אונז אויפגענומען זעהר שטרענג, האָט אָנגערופען אונזער ענטזאגונג אן אָפענעם ארויסטריט געגען דער דיסציפּלין, וועלכען ער וועט אונטער קיינע אומשטענדען ניט דולדען, און האָט אונז באַפוילען, גלייך אָנצונעמען די הערינג און זיי צוגרייטען צום עסען פאר די געפאנגענע.

דער מאן האָט זיך פולשטענדיג געענדערט. די ליעבענסווירדיגקייט, וועלכע ער האָט ביז אהער לפנים געטראָגען, איז אין גאנצען פארשוואונדען, און זיין אמת'ער כאראקטער האָט זיך אצונד דייטליך באוויזען. דאָס איז געווען א מענש, וואָס האָט ניט צוגעלאָזט צו זיך קיין שום פארנינפטיגען גרונד, פאר וועמעס דער ברוטאַלער באפעהל איז געווען דאָס העכסטע געזעץ, און וועלכער האָט געגלויבט, אז ער קאָן אונז באהאנדלען ווי איינפאכע פארברעכער. ער האָט אונז אלעמען אָנגעקוקט נאָך דער רייה נאָך. אין זיינע אויגען איז געלעגען עפּעס שטרענגעס, בייזעס. אצונד האָב איך געוואוסט — דאָס איז דער מאן, מיט וועמען מיר

האָבען געהאט צו האנדלען. די שעפס פון אונזערע קיכען האָבען געזוכט איהם צו ערקלערן, אז זיי האָבען שוין אויסגעפּרואווט אַלע מיטלען מיט די פאַרדאַרבענע הערינג, כדי זיי צוצוגרייטען אזוי, אז מען זאָל זיי ווי עס איז קאָנען עסען, אָבער יעדער עקספּערימענט איז דאָ ארויסגעוואָרפען. ער אָבער האָט גאָרנישט געוואָלט הערען דערפון און געזאָגט, אויב די רעגירונג האָט אונז צוגעשטעלט אָט די הערינג, איז דאָס פאר איהם א באווייז, אז דאָס קאָן באַנוצט ווערן אַלס נארונגס-מיטעל, און דאָס מוז אומבאדינגט געשעהן.

נו, איז מיר די זאך געוואָרן צו נאריש. איך האָב איהם געענטפערט, אז דאָס קאָן אבסאָלוט ניט גילטען אַלס באווייז, וואָרים די רעגירונג האָט אונז שוין צענדליגע מאָל צוגעשטעלט פארפוילטע פלייש, וואָס האָט אויפ'ן באפעהל פון'ם דאָקטאָר געמוזט איבערגעביטען ווערן אויף אנדערעס. אויסערדעם דאַרף ער ניט פארגעסען, אז זאָגאר דאן, ווען די הערינג זאָלען זיין איינגערמאסען אין א דערטרעגליכען צושטאנד, וואָלט מען זיי געקאָנט באנוצען בלויז ווען אונזערע קעכער זאָלען זיין אין דער לאגע זיי צו מאכען ווי עס איז צוגענגליך צו אונזערע גומענס דורך אַלערליי צוראטען, ווי ציבעלעס, געווירצען א. א. וו. אבער אזוי ווי די ענגלישע רעגירונג גיט אונז בלויז די הערינג און ווייטער גאָרנישט, האָט יעדער באטאַליאָן אין יעדען אזויגערופענעם „הערינג-טאָג" געמוזט באצאָהלען פון זיין אייגענער קעשענע צוויי פונט מיט צעהן שילינג, כדי ווי עס איז צו מאכען פון די הערינג א געריכט פאר די געפאנגענע. נו, זיינען אָבער די לעצטע הערינג געווען אזוי פארדאָרבען, אז ניט קיין ציבעלעס און ניט קיין געווירצען האָבען מעהר ניט געקאָנט העלפען, ווי מיר האָבען עס שוין צו אונזער אייגענעם פינאנציעלען שאָדען פעסטגעשטעלט. זאָגאר דער עקספּערימענט, וואָס דער דאָקטאָר האָט פאָרגעשלאָגען, צו האלטען די הערינג פיער און צוואנציג שעה צייט אונטער פליסענדעס וואסער, האָט בלויז געפיהרט דערצו, אז אין קנאפּע צעהן שטונדען זיינען די הערינג

צופאלען אין שטיקער און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז זיי זיינען געווען אין גאנצען צופוילט, אזוי אז זיי האבען שטונדען לאנג פארפעסטעט די באטאליאן־פלעצער מיט זייער עפוש'דיגען גערוך. ס'איז דאך דערום ניט מעגליך צו פארלאנגען פון אונז, אז מיר זאלען ווארפען אונזער געלד אין בלאטע.

כ'האב גערעדט אביסעל מיט היץ, און דער קאמאנדיר האט מיך צוערשט אפגעמאסטען מיט א שטרענגען, פיינדליכען בליק. אבער דערנאך האט ער פלוצלינג געענדערט זיין טאקטיק און איז ווידער אמאל געווארן אויסערגעוועהנליך ליעבענסווירדיג. צום סוף האט ער אונז ערלויבט ניט אנצונעמען די הערינג, און האט באדויערט, וואס ער קאן אונז פארלויפיג ניט געבען קיין ערזאץ דערפאר, ביז די פראגע וועט ענדגילטיג ענטשידען ווערן פון'ם „וואר אפיס".

אט דער פלוצלינגער איבערקעהר האט מיר דייטליך געוויזען, וואו עס האלט מיט דעם דאזיגען מאן. כ'האב אלזא געוואוסט, וואס עס קאן קומען, און איך בין געווען פעסט איבערציינגט, אז עס וועט ניט נעמען לאנג און איך וועל מוזען מאכען מיין וועג נאך דער „אייל־אף־מען". דער אלטער קאמאנדיר פלעגט ליארעמען און טומלען, ווען מען האט ניט געטאן ווי ער האט געוואלט, אבער זיין הארץ איז געווען אהן פאלשקייט. אט דער מאן אבער איז געווען פול מיט פארבארגענע הינטער־געדאנקען, און ווען ער איז געווען אם פריינדליכסטען, האט מען איהם אם ווייניגסטען געקאנט געטרויען. די גאנצע זאך האט מיך אפגעעקעלט, און איך וואלט זיך געשעצט גליקליך, ווען איך וואלט געקאנט אוועקווארפען דעם גאנצען עסק, כדי ניט צו מוזען כסדר זיך צוזאמענטרעפען מיט אט דעם מאן, וועלכער איז מיר געווען שרעקליך דערווידער, און וועמען איך האב אויך אלס מענש ניט געקאנט רעספעקטירען. אבער איך האב געפיהלט, אז איך מוז איינצאהמען מיין ווידער־ווילען, ווארים גראד איצט בין איך געווען נייטיגער פאר מיינע מיטגעפאנגענע ווי ווען עס איז פריהער. איך בין דערום געווען ענטשלאסען אויסצוהאלטען ביז צום ביטערן סוף. אבער אפריהער האב איך געוואלט

זעהן, ווי ווייט די מענשען זיינען געשטאַנען הינטער מיר, וואָריב איך בין געווען גאַנץ קלאָר בֵיי זיך, אַז מיר האָבען גערדאַרפט ער־וואַרטען שווערע צייטען. כ׳האָב דערום צוזאַמענגערופען מיינע מיטגעפאַנגענע און פאַר זיי פולשטענדיג קלאָר געמאַכט די נייע לאַגע. דערנאָך האָב איך איבערגעגעבען אין זייערע הענט מיין מאַנדאַט, כדי זיי אויף דעם דאָזיגען אופן צו געבען די געלעגענ־הייט אָנצוטרויען אַן אַנדערן פון אונזערע רייהען מיט דער פיה־רונג פון׳ם באַטאַליאָן. אין פאַל אויב זיי זיינען מיט מיר מעהר ניט צופרידען. ביי דער וואַהל, וועלכע איז פאָרגעקומען אין צוויי שטונדען אַרום, האָבען 937 פון מיינע מיטגעפאַנגענע געשטימט פאַר און 11 געגען מיר. פינף לייט האָבען זיך צוריקגעהאַל־טען פון שטימען. כ׳האָב נאָך אַלזאָ אַלץ געהאַט דעם גאַנצען באַטאַליאָן הינטער מיר, ווי פאַר פופצעהן מאָנאַטען, ווען איך בין אַריינגעטראָטען אין מיין שטעלע.

דערווייל איז אַלעס ווידער געווען רוהיג אין לאַגער. דער קאָמאַנדיר האָט ווידער אָנגענומען זיין אַלטע ליבענסווירדיגע מיע־נע, אָבער מען האָט פונדעסטוועגען געפיהלט, אַז עפּעס וואָס איז געלעגען אין דער לופט. איין טאָג איז אויף׳ן שוואַרצען ברעט ערשינען אַ באַקאַנטמאַכונג, אַז די געפאַנגענע מוזען פון איצט אָן יעדען מיטוואָך אין דערפריה זיך אויסשטעלען אין׳ם „קאָמפּאַונד“ צום פּאַראַד, ווי אין די גוטע אַלטע צייטען. ס׳האָט אונז געקאָסט זעהר פיעל מיה, ביז מיר האָבען גע׳פּועל׳ט ביים אַלטען קאָמאַנדיר אויפצוגעבען אָט די נאַרישע און צוועקלאָזע זאַך, און מיר זיינען שוין זינט אַ לאַנגע צייט פּטור געוואָרן דערפון. אין סטראַטפאָרד זיינען אָט דאָ נאַרישע פּאַראַדען געווען אויף דער טאָגעס־אָרדנונג ביז דער לאַגער האָט זיך אויפגעלייזט, און ווי מיר האָבען שפּעטער ערפאַרען, האָט דער פעלדפעבעל טרינמאַן באאיינפלוסט דעם קאָ־מאַנדיר, זיי אויך דאָ צוריק אויפצולעבען. די געפאַנגענע זיינען אַריינגעקומען אין אַ מורא׳דיגען צאָרן, ווען זיי האָבען איבערגע־לייענט די אַנאָנסע. ניט גענוג וואָס מען האָט וואָס ווייטער אַלץ

מעהר באשניטען זייערע פּאַרציעס. אזוי אז זיי האָבען געליטען הונגער, האָט מען זיי אויך ניט צורוה געלאָזט און מען האָט זיי ווידער אמאָל געוואָלט באלעסטיגען מיט דעם אלטען אומזין. איך האָב זיך באלד צונויפגערעדט מיט מיינע קאָלעגען הוט און לום פון די באטאליאָנען „איי“ און „סי“, און מיר האָבען זיך גלייך געמעלדעט ביים קאָמאנדיר, כדי זיך דורכצוריידען מיט איהם וועגען דעם. ער האָט אונז אויפגענומען מיט זיין געמאכטער פריינדליכקייט און אונז געפרעגט וואָס מיר ווינשען. מיר האָבען איהם ערקלערט, אז דער נייער באפעהל האָט די געפאנגענע אריינגעבראכט אין א שרעקליכער אויפרעגונג, ווייל דער אלטער קאָמאנדיר האָט שוין פון לאנג אָן אויפגעגעבען די פּאַראַדען, און אונזערע מיטגעפאנגענע געהען ארום פון׳ם שטאַנדפּונקט, אז זיי זיינען ניט קיין סאָלדאטען און ניט קיין פאַרברעכער. צוליעב דעם האָבען מיר איהם געבעטען, ניט איינצופיהרען צוריק די פאַראַדען.

דער מאן האָט אויפגעעפענט א פּאָר גרויסע אויגען, ווען ער האָט דאָס געהערט. אָבער ער האָט זיך געלאָזט איינשרעקען, און דער באפעהל איז פארשוואונדען פון׳ם שווארצען ברעט צו דער גרויסער פרייד פון׳ם גאנצען לאגער.

מיר זיינען שוין פון לאנג געווען איינינ דעריבער, אז דער איניציאַטאָר, דער גאַנצער מאַכער פון אָט די אַלע זאַכען איז געווען דער פעלדפעבעל, וואָרים דער קאָמאנדיר איז געווען צו פויל, כדי אליין אויסצוטראכטען אָט די אידעען. נאָכדעם ווי דער פארזוך איינצופיהרען די פאַראַדען איז דורכגעפאלען, האָט מען זיך געפּרואווט אונז געבען אלערליי נאָדעל־שטעך, געגען וועלכע מיר האָבען זיך ניט געקאָנט פארטיידיגען. קענטיג, אז דאָס איז געשעהן מיט דעם צוועק אונז צו פּראָוואָצירען. אזוי האָט מען ביי די באַזוכען ווידער איינגעפיהרט שטרענגע און פיינליכע אונטערזוכונגען, כדי כלומר׳שט צו פארהיטען מען זאָל ניט אריינשמוגלען קיין זאַכען אין לאגער. דער אַלטער קאָמאנדיר האָט זעהר גוט געוואוסט,

אז נאָכדעם ווי מען האָט אויף א באדייטענדען אופן פארקלענערט די פּאָרציעס און שטרענג פארבאָטען אריינצופיהרען די וויכטיגסטע לעבענסמיטלען, איז די געפאַנגענע פּשוט אויסגעקומען צו הונגערן, הגם ער האָט עס נאטירליך ניט געקאָנט זאָגען אָפען; מחמת דעם איז מען ניט געווען צו שטרענג. מען פלעגט פארקוקען אויף קליינע שמוגלערייען און מען האָט אויך ניט צו שטארק באַלעסטיגט די פרויען, וועלכע זיינען געקומען באזוכען זייערע מענער. דאָס אלעס איז אצונד אנדערש געוואָרן. די אָרעמע פרויען זיינען איצט אָפט באהאנדעלט געוואָרן אויף דעם ברוטאלסטען אופן, און יעדע איינע, ביי וועלכער מען האָט געפונען א קלייניגקייט, איז גאָר אָהן צערעמאָניעס צוריקגעשיקט געוואָרן, אָהן דעם אז זי זאָל האָבען געזעהן איהר מאַן. דער פעלדפעבעל טרינמאַן איז געגאַנגען אַזוי ווייט מיט זיינע סאדיסטישע תאוות, אז ער האָט אָנגעזאָגט זיינע סאָלדאטען, ארויסצורײַסען ביי די קינדער פון די הענט שטיקלעך קוכען אָדער שאָקאָלאד, וואָס זיי האָבען מיטגעבראכט פאר זייער אייגענעם געברויך, כדי צו פארהינדערן, אז דיזעלביגע זאָלען חלילה ניט אריינפאלען אין די הענט פון די געפאנגענע. די סאָלדאטען גופא זיינען געווען שרעקליך אויפגעבראכט איבער דעם און האָבען אונז מעהר ווי איינמאָל געזאָגט: „ס'איז א שאַנדע וואָס מיר מוזען טאָן אָט די שמוציגע ארבייט, אָבער וואָס קאָנען מיר זיך העלפען?"

איז אימיצער דערטאַפּט געוואָרן ביים שמוגלען, האָט מען איהם באשטראָפט אויף אן אומערהערט שווערן אופן. אזוי האָט מען א געוויסען זוסקע אין מיין באטאליאָן אויף שטענדיג אָפּגעשניטען די באזוכען, ווייל מען האָט געכאַפּט זיין פרוי דערביי, ווי זי האָט געגעבען איהר מאַן צוויי דינע רייפטלעך טרוקען ברויט. צוויי געפאנגענע פון „איי" זיינען זאָגאר צוליעב אן עהנליכען „פארברעכען" צוריקגעשיקט געוואָרן אויף דער „אייל-אַף-מען", פון וואַנען זיי זיינען ערשט מיט א קורצער צייט פאר דעם געקומען. ס'איז געווען אן אוממענשליכער צושטאַנד, אָבער אזוי ווי דער פארבאָט

איז געקומען דירעקט פון׳ם „וואר אפיס״, האבען מיר ווינציג וואס געקאנט טאן געגען דעם.

בּיסלאכווייז האט מען אונז אונטער אלערליי תירוצים באַשרענקט די באזוך־צייט אויף א האלבע שטונדע, און דער פעלדפעבעל האט אין דער געגענווארט פון איינעם פון די סטראטעפּאַרדער געלאזט פאלען די באמערקונג, אז דאס איז נאך אויך צו לאנג דערנאך איז ארויסגעקומען א נייער באפעהל, לויט וועלכען דער טעאטער־זאל האט געקאנט באנוצט ווערן פאר די באזוכען בלויז דאן, ווען עס האט גערעגענט; דורכדעם איז א גרויסער טייל פון די געפאנגענע געצוואונגען געווען ארומצושפאצירען מיט זייערע קרובים אויף א פרייען פלאץ ביים מזרח־ארייננגאנג פון׳ם „פעלעם״, וואו די זון האט געבאקען און עס איז ניט געווען דער מינדסטער שאטען. ענדליך האט מען נאך געפּרואווט פערזענליך צו ערנידעריגען די פרויען, וועלכע זיינען געקומען צום באזוך, דערמיט וואס מען האט זיי באפוילען צו באנוצען בלויז דעם מיטען פון די ברייטע טרעפ, וועלכע האבען געפיהרט צום ארייננגאנג פון דעם „איסטערן־האל״. אזעלכע זאכען זיינען פריהער קיינמאל ניט פארגעקומען. האט עס געטראפען, אז א פרוי איז ניט קוקענדיג דערויף דאך אמאל געגאנגען אביסעל צו ווייט לינקס אדער רעכטס אויף די טרעפ, האבען איהר די סאלדאטען אויבען געהייסען צוריק ארונטערגעהן און זיך האלטען פונקט אינמיטען פון די טרעפ. אט דער אומפארשעמטער איינפיהר האט ניט געקאנט האבען קיין אנדער צוועק ווי נאר צו טאן צו להכעיס די געפאנגענע און זייערע קרובים. יעדער אייגער האט עס געפיהלט און שטומערהייט אראפגעשלונגען דעם צאר אין זיך. די פרויען האבען קריצענדיג מיט די צייהן זיך געמוזט אונטערווארפען אונטער דער דאזיגער ערנידערונג, ווארים דער קלענסטער פראטעסט וואלט איינמאל פאר אלע מאל געמאכט א סוף צו אלע ווייטערע באזוכען אדער וואלט זאגאר געקאנט פיהרען דערצו, אז זייערע מענער זאלען פארשיקט ווערן אויף דער „אייל־אף־מען״. א געוועגליכער אידיאט איין אן אפיצירסקען מונדיר,

וועלכער איז געבראכט געוואָרן מיט דעם גאנצען שטאב פון סטראטפאָרד, האט זיך זאָגאר אין פארלויף פון עטליכע באזוך־טעג געמאכט א געוואוינהייט זיך אוועקצוזעצען אויף א שטול ביים אריינגאנג פון'ם האָל און הויך אויף'ן קול אויסשרייען צו זיינע סאָלדאטען: „גיט אכטונג, אז די געסט זאָלען געהן פונקט איג־מיטען פון די טרעפ, וואָרים איך וואָלט ניט וועלען, אז מיינע שיך זאָלען באריהרט ווערן פון די קליידער פון די דאָזיגע פרויען".

די געפאנגענע האָבען מיט שטילען כעס אריבערגעטראָגען די דאָזיגע ערנידערונגען. די מורא, אז זיי קאָנען נאָך אין גאנצען פארשפילען די באזוכען פון זייערע פאמיליעס, האָט זיי שטום גע־מאכט. אָבער ס'איז געווען צו ערוואַרטען, אז עס וועט פריהער אָדער שפעטער מוזען קומען צו אן אויסברוך, און וואָס עס וועט דאן געשעהן, דאָס האָט מען ניט געקאָנט פאָראויסזעהן.

אָבער דאָס איז ניט געווען אלעס. דעם 3טען יולי איז פּלוצלינג ארויסגעקומען א נייע ליסטע פון מענשען, וועלכע האָבען געזאָלט אפגעשיקט ווערן נאָך דער „אייל־אָף־מען". אויף דער דאָזיגער ליסטע האָבען זיך אויך געפונען די נעמען פון פיער פון אונזערע מיטגעפאנגענע, וועלכע זיינען געווען פארהייראט מיט ענגלישע פרויען און האָבען געהאט זייערע פאמיליעס אין לאָנדאָן, אזוי אז עס איז גאָר ניט געווען קיין שום גרונד זיי צו פארשיקען אויף'ן אינזעל. איינער פון זיי, הערר טרינקס, איז געווען דער קאפיטאן פון אונזער 13טער קאמפאניע, וועלכער האָט זיך אין יעדען אופן באליעבט געמאכט ביי זיינע מיטגעפאנגענע. ער איז געווען א בראווער, עהרענהאפטער מאן, וועלכער האָט ביז אהער כסדר געטאָן זיין פליכט. אזוי ווי ער איז געווען אן עסטרייכער פון געבורט, האָבען איהם זיינע לאנדסלייט אויסגעקליבען אלס סעקרעטער פון א קאָמיטעט, וועמעס אויפגאבע ס'איז געווען צו פארטרעטען זייע־רע אינטערעסען ביי דער שוועדישער געזאנדשאפט. טרינקס האָט אויף יעדען אופן פארדינט דעם צוטרוי פון זיינע לאנדסלייט. ביי אלע באזוכען פון די שוועדישע געזאנדשאפט־פארטרעטער אין לא־

גער האָט ער אָהן מורא פאַרטיידיגט די אינטערעסען פון זיינע מיטגעפאַנגענע און איז דורכדעם געוואָרן א דאָרן אין די אויגען פון דער נייער פאַרוואַלטונג, אַזוי אַז מען האָט איהם אַצונד אויף דעם דאָזיגען אופן געוואָלט באַזייטיגען.

דער אַנדערער קאַנדידאַט פאַר דער „אייל־אָף־מען“ איז געוועזען דר. מיכאַעלס, די נשמה פון׳ם גאַנצען שול־ און לעהר־וועזען אין׳ם לאַגער. צוזאַמען מיט דר. סימאָנס האָט ער אין פאַרלויף פון די יאָהרען פאַראייניגט אַלע לעהר־קרעפטען, וועלכע מיר האָבען געהאַט צווישען אונז, און געשאַפען א טאַדעל־לאָזע אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט פאַרשטאַנען אַלץ פון דאָס ניי אויפצובויען, ניט קוקענדיג דערויף וואָס ביי יעדען טראַנספּאָרט נאָך דער „אייל־אָף־מען“ זיינען איהם פאַרלאָרען געגאַנגען לעהרער און שילער. דער מאַן איז דעם גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבייט און ער האָט זיך אָהן צווייפעל שטאַרק פאַרדינט געמאַכט ביי זיינע מיטגעפאַנגענע. און אָט דער מאַן האָט אַצונד פּלוצלינג געזאָלט פאַרשיקט ווערן נאָך דער „אייל־אָף־מען“. פאַרוואָס, דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. ערשט שפּעטער זיינען אונז באַקאַנט געוואָרן די אורזאַכען, וועלכע האָבען אַזוי דייטליך אָפּגעשטעמפּעלט דעם כאַראַקטער פון דעם מאַן, אין וועמעס הענט עס איז אַצונד געלעגען אונזער שיקזאַל.

ביי אונז אין לאַגער האָט זיך אויך געפונען אַן אַזויגערופענער „קריסטאַדעלפיאַן“, אַן אָנהענגער פון א רעליגיעזער סעקטע, וועלכע האָט פיעל געמיינשאַפטליכעס מיט דעם אור־קריסטענטום און וועלכע האָט באַזונדערס שטאַרק באַקעמפט די מלחמה. דער מאַן, וועלכער איז, אַגב אורחא, געווען א זעהר סימפּאַטישער כאַראַקטער, איז איין טאָג געקומען צו מיר און האָט מיך געפרעגט, צי איך קאָן איהם ניט פאַרשאַפען די מעגליכקייט צו האַלטען א פאָרטראַג איבער זיינע אָנשויאונגען. אי דאָס האָט ער דערצו געוואָלט באַנוצען די ענגלישע שפּראַך. אַזוי ווי דעם טעאַטער־זאַל האָט מען בלויז געקאָנט באַנוצען פאַר גרויסע פאַרזאַמלונגען און אויסערדעם

וואָלט מען נאָך באַדאַרפט קריגען דערפאַר א באַזונדערע ערלויבע־ניש פון׳ם קאָמאַנדיר — דער פאַקט איז, אז אין דער גאַנצער צייט פון מיין געפאַנגענשאַפט בין איך געווען דער איינציגער, וואָס האָט דאָרט געהאַלטען פּאָרטראַגען — האָב איך דעם מאַן צוגעשיקט צו דר. מיכאעלס, וועלכער פלעגט אראַנזשירען יעדע וואָך פאָרטראַ־גען אין׳ם שול־זאַל פון׳ם „סי״־באַטאַליאָן אין דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש און שפּאַניש, הויפּטזאַכליך מיט דעם צוועק צו צוגע־וואָנען דעם אויער פון די שילער צו דעם קלאַנג פון די פאַרשידענע שפּראַכען. מען פלעגט דאָרט ריידען איבער די פאַרשידענסטע פראַ־גען. מחמת דעם איז עס געווען גאַנץ גוט מעגליך, אז א „קריסטאָ־דעלפיאַן״ זאָל דאָרט אויך אַמאָל אויסדריקען זיינע אנזיכטען.

דר. מיכאעלס האָט דערפילט דעם מאַן׳ס ביטע, און לויט דער פאַרשריפט האָט ער וועגען דעם פאָרטראַג געמעלדעט דעם צענזאָר מארלי. נו, האָט ווער עס איז געמוזט פאַר׳מסר׳ן די רעדע, וועלכע איז און פאַר זיך גאָרנישט געווען געפערליך. על כל פנים, דער מאַן איז פאַרגערופען געוואָרן פאַר דעם קאָמאַנדיר און צוזא־מען מיט איהם אויך דר. מיכאעלס. אָבער אזוי ווי דער לעצטער האָט געקאָנט באווייזען, אז ער האָט דעם פאָרטראַג געמעלדעט צום צענזאָר, האָט מען מיט דעם בעסטען ווילען גאָרנישט געקאָנט האָבען צו איהם. אפנים אז דאָס האָט ערשט ריכטיג אויפגעבראַכט דעם קאָמאַנדיר געגען איהם, און ער האָט אלזאָ געזאָרגט דערפאַר, אז דער נאָמען פון דר. מיכאעלס זאָל צוזאמען מיט׳ן נאָמען פון׳ם „קריסטאָדעלפיאַן״ אוועקגעשטעלט ווערן אויף דער ליסטע פאַר דער „אייל־אָף־מען״. דאָס איז אייגענטליך ניט געווען דער איינ־ציגער פאַל פון דעם סאָרט. עס פלעגט אָפט פאָרקומען, אז געפאַנ־גענע, וועלכע זיינען אַנגעקלאָגט געוואָרן וועגען וועלכע ס׳איז קליי־נע אריבערטרעטונגען פון דער לאַגער־אָרדנונג, אָבער וועלכע מען האָט געמוזט פריישפּרעכען, איינפאַך דערפאַר ווייל עס זיינען ניט געווען קיין באווייזען געגען זיי, זיינען ביי דער נעקסטער געלעגענ־הייט איבערגעשיקט געוואָרן אויף דער „אייל־אָף־מען״. אזוי האָט

מען, צום ביישפיל, גע׳מסר׳ט א געוויסען פענער, אז זיין פרוי האט ארייגעשמוגעלט צו איהם בריעף. מען האט פון דער זאך געמאכט א גאנצען וועזען. ווען די פרוי איז ווידער געקומען באזוכען איהר מאן, האט מען זי פלוצלינג ארייגעפיהרט אין א באזונדער צימער, און א ווייבליכער דעטעקטיוו האט זי אונטערזוכט ביז אויף׳׳ן העמד. מיט איהר מאן האט מען גלייכצייטיג געטאן דאסזעלבע. געפונען האט מען אבסאלוט גארנישט. ניט קוקענדיג דערויף איז דער מאן כסדר געסטראשעט געווארן פון טריגמאן׳ן און ענדליך האט מען איהם פארשיקט אויף דער „אייל־אף־מען״. אט די געמיינע און הינטערליסטיגע מעטאדע איז געווען כאראקטעריסטיש פאר דעם נייעם סיסטעם און זיינע טרעגער. א קאמענטאר דערצו וואלט די זאך געקאנט בלויז אפשוואכען.

ווען איך האב אין דערפריה געפונען די נעמען פון די אויבענדערמאנטע מענער אויף דער ליסטע פון דער „אייל־אף־מען״, בין איך געווארן אזוי אויפגעבראכט, אז איך האב געמיינט, איך וועל דערשטיקט. ס׳איז מיר גלייך קלאר געווארן, אז דאס איז געווען בלויז אן אנהויב און אז אונזער זאך איז אומרעטבאר פארלארן, אויב עס זאל ניט איצט געגעבען ווערן קיין ענערגישער ווידערשטאנד דערצו. האב איך אלזא באשלאסען ביי זיך, איינצושטעלען אלעס אויף איין קארט און ארויסרופען אן ענטשיידונג, מעג עס קאסטען וואס עס וויל. כ׳האב געהייסען מיין זוהן, ער זאל גלייך איינפאקען אונזערע זאכען, ווייל נאך דעם וואס איך האב געהאט בדעה צו טאן, איז געווען גאנץ מעגליך, אז מיר זאלען נאך היינט צוזאמען מיט די אנדערע מוזען אפפאהרען נאך דער „אייל־אף־מען״. ווען איך בין דערנאך אוועק צום קאמאנדיר אין ביורא, האט מען מיר ערקלערט, אז דער דאזיגער איז ניט אנוועזענד. איך בין אלזא אוועק צו דעם צענזאר פון אונזער באטאליאן, מר. נודזשענט, און האב זיך פאר איהם אויסגערעדט דאס הארץ. כ׳האב גאנץ גוט געוואוסט, אז דער צענזאר קאן מיר אין דעם פרט גארנישט העלפען, אבער איך האב פונדעסטוועגען געוואלט ער זאל וויסען מיין מיינונג וועגען דער אנגעלעגענהייט. מר. נודזשענט איז געווען א

רזשענטעלמאַן פון קאָפּ ביז די פיס. די גאַנצע צייט וואָס איך האָב מיט איהם צוזאַמען געאַרבייט, האָב איך געהאַט גענוג געלע־גענהייט זיך צו באַקענען מיט זיין מענשליכקייט און זיין געפיהל פון גערעכטיגקייט, און איך בין געווען איבערצייגט, אַז ער האָט בלויז געקאָנט האָבען פאַראַכטונג פאַר דעם נייעם סיסטעם.

ווען איך האָב זיך דאָס צווייטע מאָל געמעלדעט צום קאָמאַנ־דיר, בין איך צוגעלאָזט געוואָרן. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ קאַלטען בליק און מיך געפרעגט וואָס איך וויל. כ'האָב זיך געמוזט אָנטאָן אַ כוח צו באַקעמפען מיין אויפגעבראַכטקייט, און איך האָב איהם, אַזוי רוהיג ווי איך האָב נאָר געקאָנט, פאָרגעלעגט מיין קלאַגע. ער האָט מיר געענטפערט, אַז לײדער קאָן ער גאָרנישט ענדערן אין דער זאַך, ווייל ער האָט דעם באַפעהל אַוועקצושיקען אַט די מענער נאָך דער „אייל־אָף־מען" געקריגען דירעקט פון'ם „וואָר אָפיס". כ'האָב געוואוסט, אַז ער האָט ניט געזאָגט דעם אמת, און איך האָב זיך שוין מעהר ניט געקאָנט צוריקהאַלטען.

„גוט," האָב איך געזאָגט, „אויב דאָס איז דער פאַל, דאַן בין איך געצוואונגען זיך צוריקצוציהען פון מיין שטעלע, וועלכע איך קאָן אונטער אַט די אומשטענדען בלויז באַטראַכטען אַלס אַן אומ־בכבוד'יגען אַמט. עס קוקט מיר אויס, אַז מען האָט דאָ די אַבזיכט אַרויסצושטופּען אַלע עהרליכע און מוטיגע מענער, אַזוי אַז צולעצט וועלען איבערבלייבען בלויז שוועכלינגע און שורקען, אויף וועמען מען קאָן אַרויפצווינגען יעדע ערנידעריגונג. דאָ האָט איהר מיין בענדעל. איך האָב בלויז נאָך איין וואונש: שיקט מיך צוזאַמען מיט די אַנדערע נאָך דער „אייל־אָף־מען"."

און ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, האָב איך פאַרלאָזען דאָס צימער.

אצונד איז מיר געווען לייכטער. כ'האָב זיך אַראָפּגעגערעדט פון האַרצען און איך בין געווען גרייט צו פאַרלאָזען דעם דאָזיגען פּלאַץ. כדי צו באַקעמפען מיין אינערליכע אויפרעגונג, בין איך ניט געגאַנ־גען צוריק אין באַטאַליאָן, נאָר איך האָב זיך אויפגעזוכט אַ שטילען ווינקעל אין דער אַלטער קאַסטאַניען־אַלעע, וואו קיינער האָט מיך

ניט באַלעסטיגט און איך האָב געקאָנט אומגעשטערט נאָכפאָלגען מיינע געדאַנקען. כ׳האָב דאָרט געמוזט זיצען אַ גוטע שעה צייט, ווען אַ סאָלדאַט האָט מיך פלוצלינג דערזעהן און איז שנעל צוגעקומען צו מיר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז שוין אַ האַלבע שעה, אַז ער האָט מיך ארומגעזוכט איבעראַל, ווייל מיידזשאָר מאַט וויל מיט מיר ריידען. כ׳האָב זיך אויפגעהויבען אביסעל אומווילעג און בין געגאַנגען מיט איהם. אם ליעבסטען וואָלט איך נאָך געבליבען אַ פּאָר שטונדען איינער אליין. אויף דער טעראַסע איז אונז דער מיידזשאָר שוין אנטקעגען געקומען און האָט מיך שוין פון וויטען באַגריסט אויף זיין געוועהנליכען הארציגען אופן. דערנאָך האָט ער מיך געבעטען צו געהן מיט איהם אויף אַ קליינעם שפּאַציר, וואו מיר וועלען קאָנען אומגעשטערט ריידען איבער אַלעם וואָס איז פּאָרגעקומען.

כ׳האָב אלזאָ גרינדליך אויסגעפאַקט אַלץ וואָס איך האָב געהאַט אויף׳ן הארצען. כ׳האָב ערקלערט דעם מיידזשאָר, ווי אזוי עס איז געוואָרן אַ פולשטענדיגע איבערקערעניש אין לאַגער זינט דער נייער קאַמאַנדיר איז אָנגעקומען. די מורא פון די געפאַנגענע, אַז מען וועט אויך דאָ פּרואוועו איינפיהרען סטראַטפאָרדער צושטענדען, האָט זיך ארויסגעוויזען אַלס פולשטענדיג בארעכטיגט. מען רייצט די געפאַנגענע און מען טוט זיי אַלערליי צו־להכעיס׳ן דורך אַ פּאָליטיק פון נאָדעל־שטעך און אומאויפהערליכע ערנידעריגונגען, וועלכע מען וואָלט זאָגאַר געמיינע פארברעכער ניט צוגעטיילט. אפילו אין געפענגניש זיינען פאַראַן געוויסע נאָרמען פון רעכט, בעת ווען דאָ זיינען די געפאַנגענע אונטערוואָרפען אונטער דער ברוטאַלסטער מוטוויליגקייט. אזוי האָט מען פארקירצט די באזוך־צייט און דעם טעאטער־זאַל האָט מען כמעט אין גאַנצען אָפּגעשניטען פון אונז פאר די באזוכען. אזעלכע פאָרשריפטען ווי די, אַז די קרובים פון די געפאַנגענע מוזען ביי זייערע באזוכען געהן בלויז אינמיטען פון די טרעפּ ביים אריינגאַנג צום האָל און טאָמער קומען זיי ניט נאָך פּינקטליך די פאָרשריפט, טרייבען זיי די סאָלדאַטען ארונטער פון די טרעפּ, קאָנען פון די מענשען אנדערש ניט

אויפגעפאסט ווערן ווי נאר אלס צו־להכעיס־שטיק. און ענדליך דער נייעסטער פארזוך צו פארשיקען אויף דער „אייל־אָף־מען“ עלעמענטען, וועלכע פאלען אין אומ'חן, מיט דער געהיימער אבזיכט אפצושרעקען די געפאנגענע און זיי מאכען געהאָרכזאם און אונ־טערטעניג.

„גלויבט מיר, מיידזשאָר,“ האָב איך געזאָגט, „מען פארשטעהט אין גאנצען לאגער זעהר גוט, וואָס דאָס הייסט, און איך אליין נאר זיך אויך גאָרנישט אָפּ. איך ווייס גאַנץ קלאָר, אז מען וועט מיך אין א שענעם טאָג פארשיקען אויף'ן אינזעל, ווען די צייט וועט זיין רייף דערצו. אָבער איך האָב גאָר ניט ברעה צו ווארטען אזוי לאנג, ביז עס וועט קומען מיין רייה. איך האָב קיין חשק ניט צו פיגורירען דאָ ווייטער אלס באַטאַליאָן־פיהרער. ביז אהער איז אָט די שטעלע געווען אן עהרענ־שטעלע פאר מיר, וועלכע איז געווען באזירט אויף דעם צוטרוי פון מיינע מיטגעפאנגענע, און איהר ווייסט אליין אם בעסטען, מיידזשאָר, אז איך האָב געטאָן מיין פליכט. אָבער ווירקען דאָ איינפאך ווי א מאריאָנעטקע, אין דער צייט וואָס מיינע מיטגעפאנגענע דארפען אריבערטראָגען דאָס גרעס־טע אומרעכט, דערפאר בין איך ניט צו האָבען. דאָס ערגסטע איז, וואָס אין לאגער איז מען מיט דער אלגעמיינער מיינונג, אז ניט דער קאָמאנדיר, נאָר דער פעלדפעבעל טרינמאן פיהרט דאָ די גרענדע, און צו דעם דאָזיגען מאן האָט קיינער קיין ברעקעל צוטרוי ניט.“

ריידענדיג בין איך ביסלאכייז געוואָרן צימליך אויפגערעגט, אָבער דער מיידזשאָר האָט מיר ניט איבערגעשלאָגען מיט קיין וואָרט און האָט רוהיג אויסגעהערט, וואָס איך האָב געהאט צו זאָ־גען. ער איז געווען א דזשענטעלמאן אין בעסטען זין, און איך בין געווען איבערצייגט, אז אינעווייניג ביי זיך האָט ער מיט מיר איינ־געשטימט, הגם ער האָט דאָס מיר ניט געקאָנט זאָגען אָפען. נאָכ־דעם ווי איך האָב זיך אראָפּגערעדט פון הארצען, איז געקומען א קליינע פויזע, און מיר זיינען שווייגענדיג געגאנגען אונזער וועג.

ענדליך האט דער מיידזשאר אונטערבראכען דאס שטיל־שווייגען און האט מיט א פריינדליכען טאן געזאגט:

„איהר מוזט ווידער אויפנעמען אייער שטעלע, ראקער, שוין צוליעב אייערע אייגענע קאמעראדען מוזט איהר דאס טאן. איבער די אלע זאכען, וועלכע איהר האט דא פארגעבראכט, לאזט זיך רייד־דען. יעדער איינער ווייסט, אז איהר האט דעם פולען צוטרוי פון אייערע מיטגעפאנגענע, און קיינער וויל אייך ניט טאן קיין אומ־רעכט."

„מיידזשאר," האב איך געענטפערט, „איהר פארלאנגט פון מיר זאכען, וועלכע זיינען מיר אוממעגליך. אזוי לאנג ווי די איינגע־פיהרטע באשרענקונגען וועלען ניט צוריקגענומען ווערן און אזוי לאנג ווי די נעמען פון מיינע מיטגעפאנגענע טרינקס, דר. מיכאעלס, הערמעס און האנק שטעהען אויף דער ליסטע פון די וואס זיינען באשטימט פאר דער „אייל־אף־מען", איז עס פאר מיר אוממעגליך ווידער אויפצונעמען מיין פאסטען."

„גוט אלזא," האט ער געזאגט. „איך וועל אליין ריידען מיט'ן קאמאנדיר, אבער איהר מוזט מיר אביסעל צוהעלפען און זיך ענט־שליסען צו זאגען דעם קאמאנדיר, אז איהר זיינט געווען אביסעל האסטיג, ווען איהר האט רעזיגנירט פון אייער שטעלע, און אז איהר ווילט ווידער אויפנעמען די פארהאנדלונג מיט איהם."

„דאס איז אויסגעשלאסען, מיידזשאר," האב איך געזאגט. „איהר באגרייפט דאך אליין, אז דאס איז פאר מיר אוממעגליך. איך וועל אט דעם מאן פון מיין אייגענער איניציאטיווע ניט געהן זוכען. אויב ער דארף מיך האבען, מוז ער זיך ענטשליסען צו שיקען נאך מיר."

„נו גוט," האט ער געזאגט מיט א פריינדליכען טאן. „איך וויל ניט ווייטער צושטעהן צו אייך. איך וועל די זאך פארלעגען פאר דעם קאמאנדיר. האלט זיך אויף ביי אייך אין ביורא, כדי מען זאל אייך גלייך געפינען אויף'ן פלאץ, אין פאל מען וועט אייך דארפען."

ער האט גענומען אפשיד פון מיר, און איך בין געגאנגען צוריק

אין באַטאַליאָן. ווען איך בין דאָרט אָנגעקומען, האָב איך געפונען מיינע מיטגעפאנגענע אין א פיבערהאפטער אויפרעגונג. מען איז מיך באַפאַלען פון אלע זייטען מיט פראַגען, וועלכע איך האָב גאָר ניט געקאָנט אלע פארענטפערן. אין פארלויף פון מיין אָפּוועזענהייט האָט זיך נעמליך פארשפרייט א קלאַנג, אז אויף א באַפעהל פון׳ם קאָמאנדיר האָט מען מיך ארעסטירט, כדי מיך אוועקצושיקען נאָך דער „אייל־אָף־מען“. דאָס האָט ארויסגערופען א מורא׳דיגען גערודער אין גאַנצען לאַגער. ס׳איז נאָך געווען א גליק. וואָס עטליכע פון מיינע מיטגעפאנגענע האָבען פון ווייטען באמערקט, ווי איך בין געגאַנגען שפּאַצירען מיט מיידזשאָר מאָט. אָט די נאַכריכט האָט ווי עס איז ווידער בארוהיגט די לייט, אָבער די אומרוהיגקייט איז געבליבען, וואָרים יעדער איינער האָט געפיהלט, אז עפּעס וואָס איז געלעגען אין דער לופט. אלע האָבען געוואוסט, פאַרוואָס איך בין היינט אין דערפריה געגאַנגען צום קאָמאַנדיר. עטליכע האָבען אויך געהערט, ווי איך האָב געזאָגט צו מיין זוהן, ער זאָל איינפּאַקען אונזערע זאכען. דערפאַר האָבען זיך די מענשען געפונען אין א צושטאַנד פון נערוועזער שפּאַנונג. אלע קאַפּיטאַנען זיינען געווען גרייט צו רעזיגנירען פון זייערע שטעלעס. אין גאַנצען לאַגער האָט געהערשט אן איינינקייט ווי קיינמאָל ניט פאַר דעם. פון׳ם פּאַטריאָט ביז צום אַנאַרכיסט זיינען אלע געווען ענטשלאָסען זיך איינצושטעלען פאַר מיר.

איך האָב אין קורצע ווערטער געבעטען די לייט, אז זיי זאָלען זיך האַלטען רוהיג, כדי ניט צו באַאיינפלוסען אויף אן אומגינסטיגען אופן די ענטשיידונג פון די זאכען, וועלכע האָט זיך אין דער צייט צוגעגרייט דאָרטביים קאָמאַנדיר אין ביוראָ. אצונד איז מיר די זאַך ערשט אין גאַנצען קלאָר געוואָרן. אָהן צווייפעל האָט מען דעם קאָמאַנדיר געלאָזט וויסען וועגען דער אויפרעגונג, וועלכע האָט געהערשט אין׳ם לאַגער. און אזוי ווי ער האָט געמוזט מורא האָבען, אז עס וואָלט נאָך געקאָנט קומען צו גרעסערע אומרוהען. האָט ער זיך אויף גיך דורכגערעדט מיט דעם מיידזשאָר. די זאַך איז געווען קלאָר געננוג. אן אָפענער אויפשטאַנד אין א לאַנדאָנער אינטערני־

רונגס־לאגער האט פאר דער ענגלישער רעגירונג אונטער אלע אומ־שטענדען געמוזט זיין אומבאקוועם. דעם אלטען קאמאנדיר האט זיך איינגעגעבען צו פארוואלטען צוויי יאהר צייט זיין אמט אהן דעם, אז עס זאל ווען עס איז האבען געקומען צו אן אפענער רעבע־לירונג פון׳ם גאנצען לאגער. ווען עס וואלט איצט געקומען צו אן אויפשטאנד, וואלט מען דאס אין׳ם „וואר אפיס״ אהן א שום ספק צוגעשריבען צו דער אומפעהיגקייט פון׳ם נייעם קאמאנדיר. אבער דאס האט ער אונטער אלע אומשטענדען געמוזט פארהינדערן. דער מאן איז געווען ברוטאל, אבער ער האט ניט געהאט קיין פערזענ־ליכען מוט, ווי דאס איז אפט דער פאל ביי ברוטאלע מענשען. ווען מען האט איהם צוגעשטעלט דעם רעוואלווער צום הארצען, איז ער געווארן ווייך ווי א קאטינקע. מחמת דעם האט ער זיך אפנים שנעל ענטשלאסען צו נאכגעבען.

ס׳איז ניט פארביי קיין פערטעל שעה, האט מען מיך גערופען צום קאמאנדיר. ער האט מיך אויפגענומען אין געגענווארט פון מיידזשאר מאט און איז געווען די ליעבענסווירדיגקייט אליין. לויט זיין באהויפטונג האט עס זיך געהאנדעלט וועגען א רייה פון מיס־פארשטענדענישען, וועלבע זיינען אצונד גליקליבערוויז אויפגע־קלערט. קיינער האט גארנישט וואס איינצואווענדען געגען מיר, אין געגענטייל, ער איז שטענדיג געווען מיט דער מיינונג, אז די ריינליכקייט און ארדנונג אין מיין באטאליאן זיינען די בעסטע. פון יענער פארשריפט, וועלכע צווינגט די באזוכער צו געהן בלויז אינמיטען פון די טרעפ האט ער ביז אהער איבערהויפט ניט גע־וואוסט. זעלבסטפארשטענדליך וועט ער ניט דערלאזען, אז אזעלכע זאכען זאלען ווייטער געשעהן. דערנאך האט ער צוגעזאגט, צוריק איינצופיהרען די אלטע באזוך־צייט. מיר וועלען אויך ווידער קא־נען באנוצען דעם טעאטער פאר די באזוכען, ווי פריהער. ענדליך האט ער מיך אויפגעפאדערט, צוריק אויפצונעמען מיין פאסטען.

„און וואס וועט זיין מיט די פיער מענשען, וועמעס נעמען עס שטעהען נאך אלץ אויף דער ליסטע פאר דער „אייל־אף־מען״?״ האב איך געפרעגט.

„איך וועל גלייך אַנפרעגען ביים „וואַר אָפיס",״ האָט ער געענט־פערט, „און זעהן, אז די מענשען זאָלען דאָ קאָנען בלייבען."

דערמיט איז דער אינצידענט געווען געענדיגט, אָבער ניט קור־קענדיג דערויף האָב איך זיך דאָך ניט געפיהלט גוט, ווארים איך האָב ניט געהאט קיין צוטרוי צו דעם דאָזיגען מאַן, וועלכער האָט ניט געהאט קיין שפור פון אויפריכטיגקייט אין זיך.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין באַטאַליאָן און איבערגעגעבען מיינע מיטגעפאנגענע דעם רעזולטאט פון מיין געשפרעך מיט'ן קאָ־מאנדיר האָט זיך אויפגעהויבען א פרייד אין גאַנצען לאַגער, און די לייט האָבען איינפאך ניט געוואוסט, ווי אזוי זיי זאָלען מיר אויס־דריקען זייער דאנקבארקייט. איך אליין בין פיליכט געווען דער איינציגער צווישען אַלע מיינע ליידענס־חברים, וועלכער האָט אי־נערליך ניט גענומען קיין אַנטייל אין דער דאָזיגער אַלגעמיינער פרייד.

דעם 7טען יולי — ס'איז געווען א שבת — איז עס ווידער אַמאָל געקומען צו אַן אומאנגענעמען אינצידענט, וועלכער האָט זעהר לייכט געקאָנט פיהרען צו ערנסטע פאָלגען. ס'איז געווען ארום עלף אזייגער פאַרמיטאָג. איך בין גראָד געזעסען פארנומען מיט ארבייט אין מיין ביוראָ, ווען אויף דרויסען האָט זיך פּלוצלינג דערהערט א מורא'דיגע שיסעריי, וועלכע איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ שטאַרקער. נייגיריג בין איך מיט מיין סעקרעטער ארויסגעלאָפען אויף דרויסען, וואו עס האָט זיך שוין געהאט פאר־זאמעלט א גאַנצע מאסע פון מיינע מיטגעפאנגענע ביי דעם אריינ־גאנג צום באַטאַליאָן־פּלאַץ און מיט געשפאנטער אויפמערקזאמקייט ארויפגעקוקט צום הימעל. ווען איך האָב נאָכגעפאָלגט זייערע בלי־קען, האָב איך זעהר הויך דערזעהן אומגעפער צוואנציג ביז דרייסיג פליה־מאַשינען, וועלכע האָבען זיך לאנגזאם באוועגט צום „פעלעס" צו. פון אַלע זייטען האָט מען אויף זיי געשאָסען. מען האָט גע־הערט דעם גערויש פון די שראַפּנעלען אין דער לופט, מען האָט געזעהן, ווי די קוילען האָבען געפּלאַצט, אָהן דעם אז די אַנגרייפער זאָל דורכדעם געשעהן דער קלענסטער שאָדען. ווען די פליה־מאַשי־

נען זיינען צוגעקומען צו אַ פּונקט וואָס האָט אונז אויסגעזעהן אַזוי ווי זיי וואָלטען געשטאַנען כמעט איבער אונזער „קאָמפּאונד“, האָט זיך אַ העלפּט פון זיי פּלוצלינג אַ קעהר געטאָן צו מערב צו, בעת ווען די אנדערע העלפט איז געפלויגען לאַנגזאם צום צענטער פון דער שטאָט. באַלד נאָכדעם האָבען מיר דערהערט דאס קראַכען פון די באָמבעס און געזעהן, ווי אויף איינצעלנע פּונקטען האָבען זיך אויפגעהויבען פייער־זיילען צום הימעל.

דעמזעלבען פאָרמיטאַג האָט דער דאָקטאָר געמאַכט אַן ענטדעקונג אין דעם „איי“־באַטאַליאָן, אַז דאָרט האָט אויסגעבראָכען אַן עפּידעמישע קראַנקהייט. פּערצעהן מאַן זיינען שוין געווען קראַנק אויף מאָזלען, און מען האָט נאָך פאָרלויפיג ניט געקאָנט פעסטשטעלען, ווי ווייט די קראַנקהייט האָט זיך פארשפּרייט. דער דאָקטאָר האָט אָפּגעזונדערט די קראַנקע, אַזוי ווייט ווי דאָס איז מעגליך געווען אונטער די פּרימיטיווע אומשטענדען, און האָט געהייסען שנעל מאַכען אַ דיסאינפעקציע פון׳ם גאַנצען באַטאַליאָן „איי“. דערווייל איז אָנגעקומען די באַזוך־צייט, און די געפאַנגענע, וועלכע האָבען אין דעם דאָזיגען טאָג ערוואַרט זייערע קרובים, האָבען זיך שוין געהאַט פאַרזאַמעלט אין קליינע גרופּען אויף׳ן פרייען פּלאַץ ביים אריינגאַנג, ווען מען האָט פּלוצלינג געלאָזט וויסען, אַז צוליעב דער געפאַר פון אָנשטעקונג קאָנען ניט צוגעלאָזען ווערן קיין באַזוכען.

אַסך פון די געפאַנגענע האָבען נאָך גאָר ניט געהאַט געהערט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין „איי“, אַנדערע האָבען איבערהויפּט ניט געגלויבט, אַז דערוואַקסענע מענשען קאָנען קראַנק ווערן אויף מאָזלען. דערצו איז נאָך געקומען דאָס, וואָס די געפאַנגענע האָבען זיך געפיהלט זעהר באַאומרוהיגט וועגען דעם שיקזאַל פון זייערע פאַמיליעס, צוליעב דער אַטאַקע פון די דייטשע לופט־פליהער וואָס איז פאָרגעקומען יענעם טאָג. הקיצור, ס׳איז ענטשטאַנען אַ גרויסע אויפרעגונג צווישען די געפאַנגענע, וועלכע האָבען געגלויבט, אַז מען וויל זיי איינפאַך טאָן צו להכעיס. כדי דאָס אומגליק צו מאַכען פאַרפול, האָבען זיך עטליכע סאָלדאַטען צוריקגעקערט פון דעם

אונטערשטען ארייננאנג צום „פעלעם“ און דערצעהלט, אז עס האָט אויסגעבראָכען אן אמת׳ע פּאַניק צווישען די פרויען, וועלכע זיינען דאָרט געקומען צום באַזוך. די נאַכריכט, אז עס האָט אויסגעבראָכען אַן עפּידעמיע אין לאַגער, האָט פיעל פון זיי אריינגעבראַכט אין שרעק און זאָרג. אנדערע האָבען געדענקט, אז מען וויל זיי בלויז אָפּנאַרען, און האָבען מורא געהאט, אז ביי דעם אַנגריף פּאַרמיטאג איז אריינגעשליידערט געוואָרן א באָמבע אין „פעלעם“. דורך אָט די באַריכטען פון די סאָלדאַטען איז די אויפרעגונג צווישען די געפאנגענע נאַטירליך געוואָרן נאָך גרעסער.

צוזאַמען מיט מיינע צוויי קאָלעגען פון „איי“ און „סי“ בין איך גלייך אוועק צום דאָקטאָר, כדי צו דערגעהן גענוי וואָס דאָ איז געשעהן. דער דאָקטאָר האָט אונז ערקלערט די גאַנצע געשיכטע, און מיר האָבען געמוזט איינזעהן, אז דער מאַן האָט בלויז געטאָן זיין פליכט און האָט ווירקליך אנדערש ניט געקאָנט האַנדלען, ווי אומאנגענעם דאָס זאָל ניט האָבען געווען פאַר איינצעלנע צווישען אונז. מיר זיינען אלזאָ געגאַנגען צוריק צו די געפאַנגענע, כדי זיי צו ערקלערן די זאַך און זיי וויזען, אז עס האָט זיך דאָ אויף קיין פאַל ניט געהאַנדעלט וועגען א צו־להכעיס־שטיק, נאָר אז עס איז איינפאַך געווען אן אומגליקליכע פאַרקייטלונג פון פאַרשידענע אומשטענדען, אין וועלכע קיינער איז ניט שולדיג. ס׳איז אונז אויך געלונגען לאַנגזאַם צו באַרוהיגען די מענשען, און די מעהרסטע פון זיי האָבען זיך שוין געהאַט צוגעגרייט אריינצוגעהן צוריק אין באַטאַליאָן. אין דעם מאָמענט איז אויף דער סצענע ערשינען דער לייטענאַנט סעלדאָן און האָט אויפגעפאָדערט די געפאַנגענע אָפּצולייזיגען דעם פּלאַץ. דערביי האָט ער געזאָגט א פּאָר פון זיינע געוועהנליכע וויצען. דער מאַן האָט זיכער ניט געהאַט קיין שלעכטע אבזיכטען, און אונטער אנדערע אומשטענדען וואָלטען זיינע ווערטער בלויז ארויסגערופען געלעכטער. אָבער איצט, ווען די מענשען האָבען זיך געפונען אין א מורא׳דיגער אויפרעגונג און זיינען געווען פול מיט זאָרגען וועגען זייערע פאַמיליעס, האָט אָט די טאַקטלאָזיגקייט זיי געמוזט בלויז פאַרביטערן. עטליכע פון זיי האָבען זיך

אלזא ניט געקאָנט צוריקהאלטען פון אויסשרייען פארשידענע ווער־טער צו דעם לייטענאנט. איינער האָט אויסגערופען דאָס וואָרט „רעפרעסאַליעס", מיט וואָס ער האָט געוואָלט אויסדריקען, אז מען האָט ניט צוגעלאָזט צו זיי די באזוכען בלויז צוליעב דער אטאקע פון די דייטשע לופט־פליהער. דאָס איז אָהן צווייפעל געווען א דומהייט, אָבער סעלדאָן האָט באַגאנגען נאָך א גרעסערע דומהייט, מיט דעם וואָס ער האָט געזוכט דעם מאַן צו אַרעסטירען. וואָלט ער דאָס וואָרט איינפאך איגנאָרירט אָדער געגעבען דעם מאַן א רוהיגען אויסרייד, וואָלט די זאך זיכער געווען געענדיגט. אָבער ער האָט זיך ווארשיינליך געפיהלט פארלעצט אין זיין געפיהל פון אויטאָריטעט און האָט אָנגענומען א מיטעל, וואָס איז אין דעם מאָמענט גראָד געווען דער אומפּאסענדסטער. ווען די געפאנגענע האָבען געזעהן, ווי דער לייטענאנט האָט געהאַלטען זייער קאמעראד ביים ראָק, האָבען זיי זיך ארומגעקליבען פון אלע זייטען ארום די צוויי, אזוי אז עס איז דעם ארעסטירטען ענדליך געלונגען, זיך אויסצורייסען און אוועקלויפען פון דאָרט.

אָבער אצונד האָט סעלדאָן באגאנגען נאָך אן ערגערע דומהייט. ער האָט זיך ווי א ווילדער געלאָזט לויפען נאָך דעם מאַן, כדי איהם צו כאפּען. אָבער דער דאָזיגער איז געווען פלינקער ווי ער און איז אויף גיך פארשוואונדען אין'ם „בי"־באַטאַליאָן, וואו מען האָט איהם שוין מעהר ניט געקאָנט אויסגעפינען צווישען די פיעל געפאנגענע. אין פארלויף פון אַ דער ווילדער יאגד האָבען די געפאנגענע אנגע־הויבען צו שרייען און צו פייפען, און דאָס געשריי האָט זיך פאר־שפּרייט ביז אין די באַטאַליאָנען, וואו די מענשען האָבען גאָר ניט געוואוסט, וועגען וואָס עס האָט זיך געהאנדעלט. סעלדאָן, וועלכער האָט ענדליך אליין געמוזט איינזעהן, אז ער האָט זיך בלאמירט פאר אלעמען אין די אויגען, איז אוועק א פארשעמטער און האָט זיך אין יענעם טאָג שוין מעהר ניט געלאָזט זעהן.

אָבער אין לאַגער האָבען זיך פארשפּרייט די ווילדסטע קלאנ־גען. מען האָט גערעדט דערפון, אז דער לייטענאנט האָט דעם מאַן געוואָלט שלאָגען, וואָס איז נאַטירליך געווען לעכערליך. אָבער די

מעהרסטע פון מיינע מיטגעפאנגענע האָבען זיך צוליעב דער לאנגער געפאנגענשאפט געפונען אין א קראַנקהאַפט נערוועזען צושטאנד און האָבען זיך זעהר לייכט צוגעהערט צו יעדען פוסטען קלאַנג.

אויף מאָרגען איז אין אָוונט פאָרגעקומען דער וועכענטליכער קאָנצערט פון אונזער אָרקעסטער אין׳ם טעאטער. צו די דאָזיגע קאָנצערטען פלעגען אויך יעדעס מאָל קומען ענגלישע אָפיצירען, וועלכע פלעגען אָפט מיטברענגען פריינט פון דרויסען. אזוי האָט דער אלטער קאָמאַנדיר במעט קיינמאָל ניט פארפעהלט קיין קאָנ־צערט. די אָפיצירען פלעגען זיצען אויבען אויף דער גאלעריע, בעת ווען די געפאַנגענע פלעגען פארנעמען די פלעצער אונטען אין זאַל. דער קאָנצערט יענעם אָוונט האָט זיך שוין געהאט אנגע־פאנגען, ווען לייטענאנט סעלדאָן איז ערשינען אויף דער גאלעריע צוזאמען מיט א דאמע. קוים האָבען איהם נאָר די אָנוועזענדע גע־פאנגענע דערזעהן, האָבען זיי זיך אלע ווי איין מאן אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און זיינען שטילערהייט ארויס פון זאל, בעת ווען די מוזיק האָט פלוצלינג אויפגעהערט צו שפּילען.

אָט די שטומע דעמאָנסטראציע האָט געמאכט א מערקווירדי־גען איינדרוק. סעלדאָן און די אנדערע אָפיצירען האָבען גלייך פאר־לאָזען דעם טעאטער. דאן זיינען די געפאנגענע ווידער אריינגעקו־מען און דער קאָנצערט איז זיך אָנגעגאנגען ווייטער. פיינליך איז געווען דער אומשטאַנד, וואָס מיידזשאָר מאָט, וועלכער איז געקו־מען צום קאָנצערט מיט זיין פרוי, איז אויך ארויסגעגאנגען צוזא־מען מיט די אנדערע אָפיצירען, הגם עס איז זיכער ניט געווען קיין איין מענש אין גאַנצען לאגער, וועלכער האָט אָט דעם מאן געוואָלט מיט וואָס עס איז פארלעצען. מחמת דעם איז הערר שטרעקער, דער פאָרזיצענדער פון׳ם קאָנצערט־פאראיין, דירעקט צוגעגאנגען צו איהם און איהם געבעטען אריינצוגעהן צוריק מיט די אנדערע אָפי־צירען, ווייל די גאנצע דעמאָנסטראציע האָט דאָך קענטיג ניט גע־קאָנט זיין גערינטעט געגען קיין אנדערן ווי נאָר געגען לייטענאַנט סעלדאָן. נאָך דער דאָזיגער ערקלערונג האָט זיך דער מיידזשאָר

אויך געלאָזט איבעררײדען, און צוזאמען מיט די אנדערע אָפיצירען האָט ער ווייטער בייגעוואוינט דעם קאָנצערט.

אָט די געשעהענישען האָבען געפיהרט צו א לאנגער און פיינליכער אונטערזוכונג, וועלכע האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס לייטענאנט סעלדאָן איז אריבערגעזעצט געוואָרן אין אן אנדער לאַגער. ווי איך האָב שפּעטער ערפאַרען דורך הוט'ן, איז סעלדאָן געווען אונטער דעם איינדרוק, אז איך בין געווען פיינדליך געזאָנען צו איהם און צוליעב דעם האָב איך אראנזשירט די דעמאָנסטראציע אין'ם טעאטער. פארוואָס ער איז געקומען אויף אָט דעם געדאנק, ווייס איך ניט. יעדענפאלס איז ער דערמיט געווען אומגערעכט געגען מיר, וואָרים איך האָב אבסאָלוט ניט געהאט וואָס צו טאָן מיט יענער דעמאָנסטראציע אין'ם טעאטער, וועלכע איז אין דער ווירקליכקייט פון קיינעם ניט אָרגאניזירט געווארן, נאָר איז געקומען ספּאָנטאן אויף גרונד פון די געשעהענישען וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט א טאָג פריהער. איך בין מיט דעם מאן שטענדיג זעהר גוט אויסגעקומען און איך האָב ניט געהאט קיין שום גרונד צו זיין בייז אויף איהם. ער איז געווען א קרבן פון זיין אייגענער טאקטלאָזיגקייט, און האָט זיך פאָרגעשטעלט אלערליי פארשווערונגען דאָרט, וואו עס איז בלויז געווען א גאנץ נאטירליכער רעזולטאט פון מאָדנע פארקייטעלטע אומשטענדען,

קאַפּיטעל 21

די שפּיאָנען־מגפה

קלאַנגען וועגען דער אָפּליידיגונג פון'ם לאַגער — די באַמיהונגען פון די צוויי געזאַנדשאַפטען — ראַדפאָרד קעמפּ — די „אימער־געשיכטע" און איהרע פאָלגען — הוט מוז אריבערגעהן נאָך וויקפיעלד — דער נייער באַטאַליאָן־פיהרער אין „סי" — די גרויסע האָפנונגס־לאָזיגקייט — סאָלדאַטען און אָפיצירען געגען דעם נייעם סיסטעם און זיינע טרעגער — מיין פּרוי פאר דער „אדוויזאָרי קאָמיטע".

דעם 14טען יולי האָב איך געקריגען א מערקווירדיגען בריעף פון מילי'ן. אן אגענט פון סקאָטלאַנד יארד האָט איהר גאַנץ אומ־געריכט אָפּגעשטאַט א באַזוך אין דעם פרויען־געפענגניש פון איילס־בורי און איהר געגעבען אויסזיכטען פאר איהר באַלדיגער באַפריי־אונג. דער מאַן האָט איהר דערצעהלט אלערליי זאַכען וועגען איהרע פריינט אין לאָנדאָן, וועלכע האָבען זיך די גאַנצע צייט באַמיהט וועגען איהר, און האָט געזאָגט, אז עס קאָן אויך פאר מיר, אלס איהר מאַן, בלויז זיין ווי געוואונשען צו וויסען, אז זי איז ווידער פריי און פאראייניגט מיט אונזער קינד. דערנאָך האָט ער גערעדט וועגען דער רוסישער רעוואָלוציע און האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אז אלס רוסין מוז דאָך מילי זיין זעהר צופרידען מיט די גרויסע פּאָליטישע געשעהענישען אין איהר לאַנד. אויך אין ענגלאַנד האָט מען סימפּאַטיש באַגריסט די רוסישע רעוואָלוציע, ווייל אצונד קאָן מען ווירקליך ריידען וועגען אן אליאַנץ פון פרייע שטאַטען, וועלכע האָבען זיך אלע פאראייניגט, כדי צו שטירצען דעם דייטשען מילי־טאַריזם.

מילי האָט איהם געענטפערט, אז זי האָט געוויס באגריסט די גרויסע געשעהענישען אין רוסלאנד מיט טיפער באפרידיגונג. אָבער וואָס איז שייך צו דעם מיליטאריזם, איז זי מיט דער מיינונג, אז זיינע טרעגער געפינען זיך ניט אויסשליסליך אין דייטשלאנד, נאָר אז מען האָט דאָ צו טאָן מיט א רעזולטאט פון אונזער מאָדערנער ציוויליזאציע, וואָס איז סוף כל סוף באגרינדעט אין די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באדינגונגען פון אונזער קאפּיטאליסטישער צייט.

נאָך א לאנגען שמועס וועגען פארשידענע זאכען איז דער מאַן ענדליך ארויף אויף דעם אייגענטליכען צוועק פון זיין באזוך, מיט דעם וואָס ער האָט געפרעגט מילי'ן, צי זי איז גרייט אין פאל פון איהר באפרייאונג אָפּצוגעבען א שריפטליכע ערקלערונג, אז זי וועט זיך צוריקהאַלטען פון יעדער פּראָפּאַגאנדא געגען דער מלחמה. מילי האָט איהם געענטפערט, אז דערפון קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין. עס פארשטעהט זיך פון זיך אליין, אז די פרייהייט איז פאר איהר אין יעדער באציהונג געוואונשען, אָבער אויב מען טראָגט זיך ווירקליך ארום מיט דעם געדאנק זי צו באפרייען, מוז דאָס געשעהן אָהן באדינגונגען. דערמיט האָט זיך דער געשפּרעך געענדיגט. דאָס ווייטערדיגע האָט קיינער ניט געקאָנט פאָרויסזאָגען, דאָך בין איך געווען איבערצייגט, אז נאָך דער דאָזיגער ערקלערונג וועט זיך די רעגירונג ניט ענטשליסען זי צו באפרייען.

סוף יולי האָט זיך צווישען די געפאנגענע פארשפּרייט א קלאנג, אז מען האָט בדעה אָפּצולייזיגען דעם „פּעלעס" און אז די מעהר־סטע פון אונז וועט מען פארשיקען אויף דער „אייל־אָף־מען". אזעל־כע קלאנגען האָבען זיך שוין אָפט געלאָזט הערען, אָהן דעם אז מען זאָל קאָנען פעסטשטעלען פון וואנען זיי האָבען זיך גענומען. אבער דאָס מאָל האָט די זאך אויסגעקוקט צו זיין ערנסטער, ווארים איך האָב זאָגאר געהערט, ווי אונזער צענזאָר און די אָפיצירען האָבען דערפון גערעדט. די נאכריכט האָט ארייַנגעוואָרפען מיינע מיטגע־פאנגענע אין א פארצווייפעלטער שטימונג. דער געדאנק, אז זיי וועלען אצונד זיין אין גאנצען אָפּגעשיידט פון זייערע ליעבע און טייערע, האָט ביי זיי ארויסגערופען א הויכ־גראדיגע נערוועזקייט.

די מענשען האָבען געהונגערט, געליטען אלערליי נויטען און ארי־בערגעטראָגען געדולדיג געוויסע ערנידעריגונגען, אזוי לאנג ווי זיי זיינען געווען נאָהנט צו זייערע פאמיליעס און האָבען פון צייט צו צייט אויף עטליכע שטונדען זיך געקאָנט זעהן מיט זייערע אייגענע. אצונד האָט מען אויך געזאָלט אוועקנעמען פון זיי אָט די לעצטע טרייסט זייערע.

מיר האָבען זיך שוין געפונען אין'ם פערטען מלחמה־יאָהר. די לאנגע געפאנגענשאפט האָט ארויפגעלעגט איהר שטעמפעל אויף יעדען איינעם פון אונז. די מענשען האָבען זיך געפיהלט אינערליך אפּגעלאָזען און אָפּגעשוואכט דורך לאנגען נויט־ליידען און אלערליי זעלישע יסורים. זייערע נערוועז האָבען מעהר ניט אויסגעהאלטען. זיי האָבען אלזאָ ניט געקאָנט באגעגענען די נייע־קלעפּ פון'ם שיק־זאל מיט דעמזעלבען ווידערשטאנד ווי פריהער. און אין דעם זעל־בען צושטאנד האָבען זיך געפונען די פרויען פון די געפאנגענע, די מעהרסטע פון וועלכע האָבען אין פארלויף פון די יאָהרען געמוזט אריבערטראָגען אומבאשרייבליכע ליידען און האָבען נאָך דערצו כסדר געמוזט לעבען אין אַ פיינדליכער סביבה, פול מיט גיפט און ביטערקייט.

עס זיינען געווען טרויעריגע סצענעס, וועלכע האָבען זיך אצונד יעדען טאָג אָפּגעשפּילט ביי די באזוכען. באזונדערס ווען מיר האָ־בען זיך דערוואוסט דורך די פארטרעטער פון דער שוועדישער און שווייצארישער געזאנדשאפט, וועלכע האָבען אונז ארום יענער צייט אָפּט באזוכט, אז מען מוז זיך כמעט מיט באשטימטקייט ריכטען אויף דער אָפּליידיגונג פון דעם לאגער. ניט קוקענדיג דערויף האָט דער פעלדפעבעל טרינמאן נע'פּועל'ט ביי זיך צו שיטען זאלץ אויף די וואונדען פון געוויסע פרויען, וועלכע האָבען געבעטען ביי איהם וואָס פאר עס איז אויסקינפטען, און ער האָט זיי פארזיכערט, אז דער „פעלעם" ווערט בלויז דערפאר אָפּגעליידיגט, ווייל די דיסציפּ־לין־לאָזיגקייט און דאָס אייביגע בונטעווען זיך פון די געפאנגענע האָבען די רעגירונג געצוואונגען דערצו. פאר אָט דעם געמיינעם

בחור איז זאָגאר דער ווייטאָג פון די דאָזיגע טיף־געבויגענע און פון׳ם שיקזאַל אַזוי שווער געטראָפענע פרויען ניט געווען היילִיג.

אָנפאַנג אויגוסט האָט מען באַקאַנט געמאַכט, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט אויפגעשטעלט אַן אַזויגערופענעם אַרבייטס־קעמפּ ניט ווייט פון ראַדפאָרד. געפאַנגענע, וועלכע זיינען געווען באַרייט אַריבערצוגעהן אַהין, האָבן געדאַרפט זיך מעלדען ביים צענזאָר. אויף דער פראַגע, וואָס פאַר אַן אַרבייט דאָרט וועט געטאָן ווערן, האָט מען אונז געלאָזט וויסען. אַז עס האַנדעלט זיך וועגען דער איינפיהרונג פון אַ ציגעל־פאַבריק. מעהר האָט מען ניט געקאָנט דערגעהן. הגם די געפאַנגענע האָבען ביז אַהער געהאַט זעהר טרויעריגע ערפאַהרונגען מיט אַזעלכע אַרבייטס־אָנבאָטען, ווי עס איז באַזונדערס דייטליך געווען באַוויזען געוואָרן דורך דער געשיכטע פון די אַזויגערופענע „פאַרם־אַרבייטער“, האָבען זיך פונדעסטוועגען אַסך אָנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיגען שטרוי, כדי אויף אַזאַ׳ן אופן זיך אויסצודרעהען פון דער „איל־אָף־מען“. אין אָנהויב האָבען זיך געמעלדעט בלויז פערציג מאַן, אָבער נאָכדעם ווי מען האָט זיך דערוואוסט דורך די פאַרטרעטער פון די צוויי געזאַנדשאַפטען, אַז די רעגירונג גרייט זיך פאַקטיש צו באַלד אויפצולייזען דעם לאַגער, איז זייער צאָהל באַלד געשטיגען אויף פינף הונדערט. צוויי הונדערט זיינען שוין דעם 3טען אויגוסט אָפּגעפאָהרען נאָך ראַדפאָרד.

אין דערזעלבער צייט איז באַקאַנט געוואָרן, אַז מען האָט בדעה ווידער אויפצומאַכען דעם לאַגער אין סטראַטפאָרד. דער אַלטער סטראַטפאָרדער שטאַב האָט שוין פלייסיג קאָנפערירט מיט דעם פעלדפעבעל טרינמאַן, און מען האָט מיט גרויסער פאָרזיכטיגקייט סאָרטירט די לייט, וועלכע מען האָט געדענקט מיטצונעמען קיין סטראַטפאָרד. ווער עס האָט זיך ניט געקנורעט און געלעקט ווי אַ הונט, דער האָט נאַטירליך ניט געהאַט קיין אויסזיכט מיטצוקומען. די מעהרסטע פון די געפאַנגענע זיינען יעדענפאַלס געווען ענטשלאָסען, ליעבערשט צו וואַנדערן נאָך דער „איל־אָף־מען“, איידער זיך צו בעטען מען זאָל זיי מיטנעמען אַהין אין יענעם גיהנום. ניט

קוקענדיג דערויף האָבען זיך נאָך געפונען געגוג געפאנגענע, וועלכע זיינען צוליעב זייערע פאַמיליעס געווען ענטשלאָסען צו ברענגען יעדען אָפּפער, אבי נאָר צו קאָנען בלייבען אין לאָנדאָן.

דעם 9טען אויגוסט האָט אונז באזוכט דר. פישער פון דער שווייצער געזאנדשאפט און האָט אונז געבראכט די פרעהליכע בשורה, אז אונזער לאַגער וועט לויט אלער ווארשיינליכקייט דאָך ניט אָפּגעליידיגט ווערן און אז מיר קאָנען כמעט זיכער זיין, אז מיר וועלען בלייבען דאָ. אָט די ידיעה האָט צווישען די אָרעמע מענשען ארויסגערופען אן אומגעהייערע פרייד, וואָרים מען האָט שוין געהאט אויפגעגעבען יעדע האָפנונג. די צוויי געזאנדשאפטען האָבען זיך די גאנצע צייט אויף דעם בעסטען אופן באמיהט פאַר אונז, ביז עס איז זיי נאָך א לענגערער אונטערערעדונג מיט לאָרד ניוטאָן'ן געלונגען צו דערפילען אונזער טיפסטען וואונש. עס מוז איבערהויפט דאָ באטאָנט ווערן, אז סיי די פארטרעטער פון דער שוועדישער און סיי די פארטרעטער פון דער שווייצער געזאנדשאפט האָבען ניט אויסגעלאָזט קיין מיטעל, כדי אונז בייצושטעהן אין אונזער נויט. קיין סך האָבען זיי, אמת, ניט געקאָנט אויפטאָן פאַר אונז, אבער דאס איז געווים ניט געווען זייער שולד. אין א צייט, ווען אלע גרויסמעכטע פון איירָאָפּא און דערצו נאָך די פאר־איינינגטע שטאַטען זיינען געשטאנען איינע געגען די אנדערע אויף אלע שלאכטפעלדער און געקעמפט אויף טויט און אויף לעבען, האָבען אלע שריפטליכע אָפּמאכען פון פארגאנגענע צייטען געהאט פארלאָרען זייער ווערט, און רעכט און גערעכטיגקייט זיינען אנט־לאָפען צו די הינט. ס'איז ניט געווען מעהר קיין שטימע אין איי־ראפּא, וועלכע האָט געקאָנט אויסאיבען איהר איינפלוס. קיינער האָט זיך ניט געפיהלט מעהר געבונדען צו וועלכע עס איז אָפּמאַ־כען, און די ברוטאלסטע מוטוויליגקייט האָט זיך ניט געדארפט אָנטאָן קיין שום צוואנג. אין אזא צייט איז די פארטרעטונג פון אונזערע אינטערעסען געווען א שווערע און אומדאנקבארע אויפ־גאבע. ס'וואָלט געווען אומגערעכט דאָס צו וועלען איגנאָרירען. די צוויי געזאנדשאפטען האָבען געטאָן פאַר אונז דאָס, וואָס האָט

אונטער די אומשטענדען געקאָנט געטאָן ווערן, און מעהר האָט מען פון זיי ניט געקאָנט פאַרלאַנגען, הגם אסך צווישען אונז האָבען דאס ניט געוואָלט איינזעהן.

ביי יענעם באזוך האָט אונז דר. פישער אויך מיטגעטיילט, אז די דייטשע רעגירונג האָט זיך ענדליך אויך דערמאָנט אָן איהרע געפאַנגענע לאַנדסלייט אין ענגלאַנד. ס'איז געווען א היבש ביסעל צו שפּעט, דאָך האָט מען אונז ניט פאַרגעסען. מיר האָבען אַלזאָ געקראָגען צו וויסען, אז די שווייצער געזאַנדשאַפט איז באַאויפטראגט אויסצוצאָלען צעהן מארק א מאָנאט צו יעדען אָרעמען דייטשען ציוויל־געפאַנגענעם. אָבער גענימען פון דעם דאָזיגען גליק האָבען געקאָנט בלויז די יעניגע צווישען אונז, וועלכע האָבען ניט פאַרבראכט מעהר ווי צעהן יאָהר אין אויסלאַנד, אָהן זיך צו האָבען געמעלדעט ביי א דייטשען קאָנזולאַט. דאָס איז געווען אזוי ריכטיג דייטש: קליינליך און געמיין און האַפנונגסלאָז דום.

די אַלע טויזענטער, וועלכע מען האָט אין צייט פון קריג אינטערנירט אין ענגלאַנד און וועמען מען האָט פאַרניכטעט זייער היים און עקזיסטענץ, האָבען דאס אַלעס געמוזט אריבערטראָגען דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען דייטשען. די ענגלישע רעגירונג האָט אין דעם פּרט ניט געמאכט קיין אונטערשיד, צי איינער האָט פאַר צוויי יאָהרען אָדער פאַר צוואַנציג יאָהר פאַרלאָזען דייטשלאַנד — זי האָט באַהאַנדעלט אַלעמען גלייך. זאָגאר אין דייטשלאַנד האָט מען אין א ליכטיגער שעה אָנערקענט, אז יענעם געזעץ, לויט וועלכען א דייטש האָט פאַרלאָרן זיין שטאַטס־אָנגעהעריגקייט נאָכדעם ווי ער האָט זיך ניט געמעלדעטערהייט אויפגעהאַלטען צעהן יאָהר אין אויסלאַנד, איז געווען נאריש, און מען האָט עס פאַרביטען אויף אַן אנדער געזעץ, וואָס מען האָט אבער ניט אריינגעבראכט אין קראַפט. קיין זולו־קאַפּער אָדער וואָס פאַר עס איז „ווילדען" וועט מען ניט פאַרלייקענען זיין שטאַט־אָנגעהעריגקייט נאָך אַן אָפּוועזענהייט פון צעהן יאָהר, אָבער אין דייטשלאַנד ענטזאָגט מען אָרעמע, פון אומגליק געטראָפענע מענשען, וועלכע האָבען שוין צוליעב זייער דייטשטום דורכגעמאכט דריי יאָהר פון מורא'דיגען עלענד און נויט און פון אומגעהייערע זעלישע ליידען, די צעהן מארק, וועלכע וואָל־

טען זיי אין זייער נויט געקאָנט אביסעל ארויסהעלפען. אָה שילדא, דו מיין פאָטערלאנד! און אָט דעם אונטערשיד מאכט מען נאָך היינט אין דער הערליכער צייט פון דער גרויסער דייטשער רעפּובּליק!

דעם 13טען אויגוסט איז אָפּגעגאנגען א צווייטער טראנספּאָרט נאָך ראדפאָרד. די געפאנגענע, וועלכע האָבען זיך בלויז געהאט געמעלדעט, ווייל זיי זיינען זיכער, אז מען וועט אָפּליידיגען דעם „פּעלעם", זיינען איצט נאַטירליך געווען שטארק ענטוישט, אבער זיי האָבען שוין ניט געקאָנט חרטה האָבען, ווייל דורכדעם וואָלטען זיי ריזיקירט, אז מען זאָל זיי דערפאר נאָך פארשיקען אויף דער „אייל־אָף־מען". דעם זעלבען טאָג האָט מען אונז צוריקגעבראכט זעכציג מענער, וועלכע זיינען שוין געהאט אָפּגעגאנגען מיט׳ן ערשטען טראנספּאָרט נאָך ראדפאָרד, אָהן דעם אז זיי זאָלען האָבען די קלענסטע אהנונג, פארוואָס מען האָט זיי אייגענטליך צוריקגעשיקט אין „פּעלעם". יעדענפאלס זיינען זיי געווען זעהר צופרידען צו זיין צוריק דאָ, וואָרים די ערפארונגען, וואָס זיי האָבען אין דער קורצער צייט געמאכט, זיינען ניט געווען רויזיג. דער „ראדפאָרד קעמפּ" האָט זיך נאָך געפונען אין א מין אור־צושטאנד. יעדע אכט מאן האָבען געמוזט צוזאמען שלאָפען אונטער איין ביידעל, וואו עס איז אפילו ניט געווען קיין פּלאַץ פאר פיער. די „קלאָזעטען" האָבען דערמאָנט אָן דער שטיין־צייט. די מענשען האָבען זיך געפיהלט מורא׳דיג איינזאם און שרעקליך ענטוישט. דעם 1טען סעפּטעמבער זיינען אויך די מעהרסטע איבעריגע לייט צוריקגעקומען פון ראדפאָרד. זיי האָבען באשטעטיגט אלצדינג, וואָס מען האָט אונז שוין געהאט דערצעהלט. אינטערעסאנט איז, אז עס האָט זיך ניט געהאנדעלט וועגען דער אויפשטעלונג פון א ציגעל־פאבריק, ווי מען האָט די מענשען איינגערעדט, נאר וועגען אויפבויען א האָל פאר פליה־מאשינען.

אין׳ם „סי"־באטאליאָן האָט זיך דעם 14טען אויגוסט אָפּגעשפּילט א פּאסירונג, וועלכע האָט געהאט שלעכטע פאָלגען פאר איינעם פון אונזערע מיטגעפאנגענע און געגעבען די ענגלישע צײ־

טונגען א געלעגענהייט זיך ווידער אַמאָל מיט אונז צו באַשעפטיגען. זינט א לאַנגער צייט זיינען מיר געשטאַנען אין געשעפטליכער פאַר־בינדונג מיט אן ענגלישען גרינוואַרג־הענדלער מיט'ן נאָמען דייווים, ביי וועמען די דריי באַטאַליאָנען פלעגען קויפען קאַרטאָפעל און גרינצייג. דייווים פלעגט אויך פון אונז אָפּקויפען די קיך־אָפּפאַלען פאַר זיינע חזירים און ער פלעגט קומען יעדע וואָך א פּאָר מאָל מיט זיין עזעל און וואָגען אין לאַגער. אין יענעם טאָג אלזאָ האָט דער פעלדפעבעל טריכמאַן אומגעריכטערהייט געלאָזט אונטערזוכען דעם מאַן'ס וואָגען, ביי וואָס מען האָט צווישען די קיך־אָפּפאַלען אויך געפונען צוויי צענטנער רייז. ווען מען האָט געפרעגט דייווים'ן, וואָס דאָס באַדייט, האָט ער ערקלערט, אז ער האָט די רייז געקריגען א מתנה פון דעם געפאַנגענעם דזשאהן אימער אין „סי"־באַטאַליאָן, און אז ער האָט דאָס געוואָלט באַנוצען צו שטאָפּען דערמיט זיינע חזירים. אימער און דייווים זיינען גלייך נאָכדעם אַרעסטירט און איבערגעגעבען געוואָרן צו דער פּאָליציי.

די זאַך האָט אַרויסגערופען אן אומגעהייערן גערודער אין גאַנ־צען לאַגער, וואָרים אימער איז געווען דער קיכען־שעף פון'ם „סי"־באַטאַליאָן, און די מעהרסטע פון די געפאַנגענע זיינען צוערשט געווען אונטער דעם איינדרוק, אז ער האָט די רייז, וואָס ער האָט אַרונטערגענומען פון די פּאָרציעס פון זיין באַטאַליאָן, געוואָלט פאַר־טאָן פאַר זיין פּערזענליכען נוצען.

דער פעלדפעבעל האָט זיך געבלאָזען ווי אן אינדיק און זיך געהאַלטען גרוים מיט זיין ענטדעקונג, וועלכע ער האָט זיכער גע־האַט צו פאַרדאַנקען בלויז וואָס פאַר עם איז מסירה'לע. זיינע געהיימע פאַרבינדעטע אין'ם לאַגער האָבען זיך איבעראַל געמאַכט באַמערקבאַר און געזוכט אזוי ווייט ווי מעגליך צו פאַרשאַרפען דעם פאַרדאַכט פון די געפאַנגענע. בעת ווען אין לאַגער האָבען זיך אויף אזא'ן אופן אַרומגעטראָגען די ווילדסטע קלאַנגען, האָט הוט, דער באַטאַליאָן־פיהרער פון „סי", פּלוצלינג געקריגען א באַפעהל איינצו־פּאַקען זיינע זאַכען און זיך האַלטען גרייט, אין צוויי שטונדען צייט אָפּצופאָהרען נאָך ווייקפיעלד. די קאַפּיטאַנען פון „סי" זיינען זיך

גלייך צוזאמענגעקומען צו א פארזאמלונג, צו וועלכער איך בין אויך איינגעלאדען געוואָרן. די לאַגע איז געווען אזוי פארפלאָנטערט, ווי זי האָט נאָר געקאָנט זיין. אזוי לאַנג ווי די אימער־געשיכטע איז ניט געווען פולשטענדיג אויפגעקלערט, אזוי אז יעדער איינער אין לאַגער זאָל וויסען, וואָס ער האָט צו דענקען וועגען דעם, האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין פון א געמיינשאפטליכער אקציע. אבער אן אומגעלונגענער פארזוך וואָלט געמוזט אין עטליכע שעה צייט פארניכטען די געווינסען פון די לעצטע יאָהרען. הוט אליין האָט דאָס אם בעסטען געוואוסט און ער האָט דערום געבעטען זיינע קאַמעראדען, זיך צוריקצוהאלטען פון יעדער מאניפעסטאציע אין דעם דאָזיגען קריטישען מאָמענט.

מיר האָבען די גאנצע צייט זעהר גוט געארבייט צוזאמען און זיך טריי אונטערשטיצט איינער דעם אנדערן. ס׳איז מיר דערום ניט גרינג געווען זיך צו שיידען פון הוט׳ן, באזונדערס נאָך דערפאר, ווייל מען האָט ניט געקאָנט וויסען, ווער עס וועט קומען אויף זיין פלאַץ. מיר האָבען זיך הארציג אפגעזעגענט, און איך האָב איהם שטענדיג דערמאָנט צום גוטען.

גליקליכערוויז איז וועניגסטענס די פראגע, ווער עס זאָל איבערנעמען הוט׳ס שטעלע, אזוי געלייזט געוואָרן, אז מיר האָבען זיך וועגען דעם ניט געהאט וואָס צו זאָרגען. דער „סי״־באטאליאָן האָט מיט א גרויסער מעהרהייט פון שטימען איבערגעגעבען די פיהרונג צו אונזער מיטגעפאנגענעם פריץ פאָפע. א בעסערן אויסוואהל וואָלט מען שווער געקאָנט מאכען. פאָפע איז געווען א פארמעגליכער מאַן, וועלכער איז אלזאָ אין עקאָנאָמישער באציהונג געווען פולקאָם אומאָפהענגיג. זיין מוטיגער כאראקטער און זיין אָפענע, עהרליכע נאַטור, וועלכע האָט ניט געוואוסט פון קיין הינטער־וועגען, האָט געמוזט ביי יעדען איינעם ארויסרופען אכטונג און סימפאטיע. ער איז געווען זעהר טעמפעראמענטפול, אָבער ער האָט זיך געקאָנט קאָנטראָלירען און האָט שטענדיג געוואוסט ווי ווייט ער האָט געקאָנט געהן. דערביי האָט ער געהאט אָפענע אויערען פאר די זאָרגען און נויטען פון זיינע מיטגעפאנגענע און איז תמיד געווען גרייט,

אליין אריינצולעגען די האַנד אין קעשענע, ווען עס איז געגאַנגען אין דעם ארויסצוהעלפען אימיצען פון נויט. קיין בעסערן קאָלעגע וואָלט איך זיך אלזאָ גאָר ניט געקאָנט ווינשען, און מיר האָבען אויף דעם גליקליכסטען אופן געארבייט צוזאמען און זיך שטענדיג געגענזייטיג אונטערשטיצט. הגם אונזערע פּאָליטישע אָנשויאונגען זיינען זיך אין פיעל פונקטען ווייט פאַנאַנדערגעגאַנגען, זיינען מיר זעהר נאָהנט באפריינדעט געוואָרן און זיך אלס מענער רעספּעקטירט איינער דעם אנדערן.

הוט האָט מיר פאַר זיין אוועקגעהן געגעבען א קורצען באריכט וועגען דער אימער־געשיכטע, און דאָס וואָס ער האָט מיר געזאָגט איז שפּעטער פולשטענדיג באשטעטיגט געוואָרן פון פּאָפּע'ן און די קאַפּיטאַנען אין „סי". אלע אָהן אויסנאַם האָבען געהאט די בעסטע מיינונג וועגען אימער'ן און גערעדט פון איהם ווי פון אן עהרענהאַפטען, כאַראַקטער־פעסטען מאַן; וועגען וועמען עס קאָן אבסאָלוט ניט צוגעלאָזט ווערן דער געדאַנק, אז ער האָט זיך געוואָלט פערזענליך באריכערן אויף די קאָסטען פון זיינע קאַמעראַדען. אין דער ווירקליכקייט האָט זיך דאָ אין דער גאַנצער געשיכטע געהאַנדעלט איינפאַך וועגען א געהיימען אויסטויש פון וואַרעס, וועלכער איז געווען צום נוצען פון'ם כלל, פון אלע געפאַנגענע פון „סי". אימער פלעגט פון צייט צו צייט צושטעלען דייווים'ן א צענטנער רייז, וואָס ער פלעגט אָפּשפּאָרען פון די פּאָרציעס פון די געפאַנגענע, כדי צו קריגען דערפאַר קאַרטאָפעל, גרינוואַרג א. א. וו.

די קאַרטאָפעל, וואָס די רעגירונג האָט אונז אין יענער צייט צוגעשטעלט, זיינען געווען מורא'דיג שלעכט, און דער אָפּפאַל איז געווען אזוי גרויס, אז מיר האָבען שטענדיג געמוזט צוקויפען אביסעל פון אונזער אייגענער קאַסע, כדי צו קאָנען ווי עס איז ארויפלעגען א פּאַר קאַרטאָפעל ביי יעדען מאַן אויף'ן טעלער. דער פאַקט איז, אז די דריי באטאַליאָנען האָבען געמוזט יעדע וואָך פון אייגענע מיטלען שאַפען דורכשניטליך הונדערט צעהן פונט סטערלינג, צו מאַכען עקסטרא איינקויפען, כדי די געפאַנגענע זאָלען וועניגסטענס זיין ווי עס איז באשיצט געגען די סאַמע ערגסטע הונגער־ליידען.

נו, האָט מען אונז פון׳ם 21טען יוני אָן דורך א באפעהל פון׳ם „וואָר אָפיס“ פארבאָטען איינצוקויפען קארטאָפעל, הגם זיי זיינען דרויסען געווען אין איבערפלוס. דערצו איז נאָך געקומען דאס, וואָס די רעגירונג האָט די קארטאָפעל, וועלכע זי איז געווען פאַרפליכטעט אונז צוצושטעלען, פארביטען אויף א שלעכטער סאָרט רייז, וואָס האָט נאָך דערצו מורא׳דיג געשמעקט נאָך קעראָסין. נאָר דער ביטערסטער הונגער האָט געקאָנט טרייבען די מענשען זיך צו ווארגען טאָג־טעגליך מיט אָט דער פאסקודסטוואָ. זאָגאר דער דאָקטאר האָט געמוזט צוגעבען, אז דאס איביגע רייז־עסען און דער מאנגעל אין פרישע גרינסען איז געווען די אורזאך דערפון וואָס די מעהרסטע געפאנגענע זיינען געוואָרן כראָניש קראנק אויף׳ן מאָגען. אונטער אָט די אומשטענדען וועט יעדער פארשטעהן, אז כדי זיך צו דערהאלטען ביים לעבען זיינען מיר אָפט געצוואונגען געווען צו געהן אויף פארבאָטענע וועגען, כדי ווי עס איז צו קאָנען באפרידיגען די סאמע נייטיגסטע באדערפענישען פון די געפאַנגענע.

דער „סי“־באטאליאָן האָט געהאט דעם פּאָרטייל, וואָס דאָרט האָבען זיך געפונען די מעהרסטע פארמעגליכע לייט, וועלכע האָבען נאטירליך קיינמאָל ניט געפאָדערט זייערע רייז־פּאָרציעס. זאָגאר דאָ, ווען מען האָט אונז פארבאָטען צו קריגען פון ענגלאנד גופא פאקעטען מיט לעבענס־מיטלען, זיינען אָט די מענשען א דאנק זייערע מיטלען געווען לייכט אימשטאנד, זיך דורך שמוגלעריי צו פארשאפען אלץ, וואָס זיי האָבען געדארפט, אדער זיי האָבען זיך באַצוינגען לעבענס־מיטלען פון נייטראלע לענדער. אויף אזא׳ן אופן האָט אימער, דער קיכען־שעף פון „סי“, געהאט די מעגליכקייט פון צייט צו צייט אויסצוטוישען א היבש ביסעל רייז אויף אנדערע לעבענס־מיטלען. אין ערגסטען פאל האָט מען אין דעם געקאָנט זעהן א חטא געגען דער אָרדנונג פון׳ם לאגער, אבער א פארברעכען איז עס זיכער ניט געווען. אין גענענטייל, פון אימער׳ן איז דאס זאָגאר געווען א מוטיגע לויבענסווערטע האנדלונג, וואָרים דער מאן האָט שטענדיג געמוזט איינשטעלען זיין אייגענע פערזאָן, כדי צו ברענגען זיינע מיטגעפאנגענע אומשאצבארע נוצען.

דעם אַלטען קאָמאַנדיר וואָלט עס קיינמאָל ניט ארויסגעקומען אויף׳ן זינען איבערצוגעבען אַט דעם מאַן צו דער פּאָליציי. ער וואָלט אימער׳ן אליין אָפּגע׳משפט, און דערמיט וואָלט די זאַך גע־ווען געענדיגט. אבער אונטער דעם נייעם רעזשים האָט מען פון דעם פאַל געמאכט א שטאַטס־אַפערע, כדי אריינצוּוואַרפען אימער׳ן אין אומגליק און צו קאָמפּראָמיטירען דעם גאנצען לאַגער פאר דער עפענטליכקייט. און דאָס אַלעס איז געשעהן מיט דעם צוועק צו דעמאָנסטרירען פאר דער וועלט די לויזקייט און נאכלעסיגקייט פון דער אלטער פארוואלטונג, כדי דער נייער סיסטעם און זיינע טרעגער זאָלען קאָנען ארויסשיינען אין אזא העלען ליכט ווי נאר מעגליך. אז מען האָט ניט געהאט קיין אנדער צוועק דערביי, האָט דייטליך באוויזען די פארהאנדלונג געגען אימער׳ן און דייווים׳ן, וועלכע איז פארגעקומען דעם 24טען אויגוסט. ניט גענוג וואס מען האָט אימער׳ן באשולדיגט אין געמיינער גנבה אויף׳ן חשבון פון זיינע קאמעראדען, האָט דער פעלדפעבעל טרינמאן פאר׳ן געריכט נאך געמאכט א גאנצע רייה פון ערקלערונגען, וועלכע זיינען געווען פשוט אויסגעטראכט פון קאָפּ און האָבען בלויז געהאט דעם איינ־ציגען צוועק אונז פארצושטעלען אלס אמת׳ע אויסוואורפען פון שלעכטסקייט און געמיינע תאוות.

ווי אומפארשעמט אַט דער מענש איז געווען אין זיין ליגען זאגען, דערפאר בלויז איין ביישפּיל: צוליעב דער שטרענגער באַ־שרענקונג פון די פּארציעס האָט אונז דער אלטער קאָמאנדיר גע־האָט באשטימט א שטיק לאַנד, אויף וועלכען מיר האָבען געקאָנט פלאַנצען קארטאָפּעל און פארשידענע גרינצייג. דער באָדען איז ניט געווען גרוים גענוג צו קאָנען פארזאָרגען דעם גאנצען לאגער מיט קארטאָפּעל, אָבער פונדעסטוועגען האָט עס דאָך געקאָנט זיין פאר אונז א גרויסע הילף. נו, האָט דער פעלדפעבעל ערקלערט פאר׳ן געריכט, אז אזוי גיך ווי מיר האָבען נאר געקראָגען צו וויסען, אז די רעגירונג טראָגט זיך ארום מיט דער דעה אָפּצולייזיגען דעם „פעלעס", האָבען מיר זיך גליך גענומען דערצו, אויסצורייסען די קארטאָפּעל פון דער ערד, הגם זיי זיינען נאך ניט געווען אין גאנ־

צען פארטיג. דאָס איז געווען אַ גאַנץ אומפאַרשעמטער און באַוואוסטער ליגען, וואָרים דער קאָמאַנדיר אַליין האָט אונז געגעבען דעם באַפעהל, וועלכער איז געווען אָנגעשלאָגען דריי טעג נאָכאַנאַנד אויף'ן שוואַרצען ברעט, אַז די קאַרטאָפעל זאָלען אריינגענומען ווערן. טרינמאַן האָט עס זעהר גוט געוואוסט, אָבער עס איז איהם איינפאַך געגאַנגען אין דעם, אונז פאַרצושטעלען אלס געמיינע עגאָאיסטען, און צו דעם דאָזיגען צוועק איז יעדער מיטעל געווען פאַר איהם כשר.

די זאַך איז אָפּגעלעגט געוואָרן ביז דעם 8טען אָקטאָבער, ווען אימער איז פאַר'משפט געוואָרן צו אַ יאָהר צוואַנגס־ארבייט. אזוי ווי פון די אויסזאָגען פון די עדות, וואָס די פארטיידיגונג האָט געבראַכט, איז געווען קלאָר צו זעהן, אַז אימער האָט אויף קיין פאַל ניט געהאַט די אבזיכט צו באַ'גנב'ענען זיינע חברים, האָט דער ריכטער שאַרף ארויסגעשטעלט אַ גאַנץ נייע אָנקלאַגע, באַשולדיגענדיג אימער'ן, אַז ער האָט באַ'גנב'עט דעם שטאַט. כדי צו קומען צו אָט דעם מאָדנעם שלום, איז ער דערביי ארויס פון דער מוטוויליגער פאָרויסזעצונג, אַז אַלע פּראָדוקטען, וועלכע די רעגירונג האָט אונז צוגעשטעלט, זיינען אזוי לאַנג געבליבען דאָס אייגענטום פון'ם שטאַט, ביז זיי זיינען פאַרברויכט געוואָרן. בלויז אויף גרונד פון אָט דער מעהר ווי באַשטרייטבאַרער באַהויפּטונג האָט אימער איבערהויפּט געקאָנט פאַר'משפט ווערן.

ווי ס'איז גאָר אנדערש ניט געווען צו ערוואַרטען אין יענער מיטהאַס אָנגעפילטער צייט, האָט ריכטער שאַרף אויסגענוצט די געלעגענהייט אין זיין רעדע צו ציהען אַ פּאַראַלעל צווישען דער מורא'דיגער לאַגע פון די ענגלישע ציוויל־געפאַנגענע אין רוהלעבען און אונז, פאַר וועמעס וואוילזיין די ענגלישע רעגירונג זאָרגט אין יעדער באַציהונג. און ער איז געקומען צום שלום, אַז פון אָט די געגענזאַצען קאָן מען זעהן דעם אונטערשיד אין דעם מאָראַלישען שטאַנד פון די צוויי פעלקער. איך וואָלט דעם געלערנטען ריכטער בלויז

געוואונשען צו וואוינען מיט אונז צוזאמען א צוויי אדער דריי חדשים און געניסען פון אונזער כלומר'שטען וואוילטאָג־לעבען — כ'בין זיכער, ער וואָלט באלד געוועז אויסגעקורירט. פאר דער פרע־סע איז די זאך נאטירליך ווידער געווען א טייערער ביסען, און די צייטונגען זיינען ניט מיעד געוואָרן צו פאָדערן פון דער רעגירונג, זי זאָל נאך מעהר באשניידען אונזערע פאָרציעס און אננעהן מיט אונז שטרענגער.

פאר טרינמאן'ן, וועלכער האָט אויך דאָס מאָל ווידער געשפּילט דיזעלבע מיאוס'ע און ליגנערישע ראָלע, האָט מען אין גאנצען לאַ־גער געהאט בלויז די טיפסטע פאראכטונג. זאָגאר די גאַנצע ענגלי־שע פארוואלטונג — סאָלדאטען און אָפיצירען איינגעשלאָסען — איז אין דעם פרט ניט געווען קיין אויסנאם. מען האָט שוין פון לאנג געהאט אָנערקענט, אז אימער איז ניט געווען קיין גנב. מחמת דעם האָט דער נייער רעזשים פאר יעדען געמוזט אויסקוקען נאך שרעקליכער. כדי מעגליך צו מאכען, אז אימער זאָל קריגען א נייעם פּראָצעס, האָט מען אין לאַגער געזאמעלט געלדער און צו דעם צוועק אָנגעשטעלט א טיכטיגען אדוואָקאט. פאר דעם קאָמאנדיר איז אונזער ענערגישעס אָננעמען זיך פאר אימער'ן און זיין פאמיליע געווען ווי א דאָרן אין אויג. ער האָט אונזער האנדלונג באטראכט ווי א דירעק־טע דעמאָנסטראציע געגען זיין אייגענער פערזאָן און האָט געקאָכט אין זיך פאר צאָרן. אָבער מיר האָבען זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקען, און פּאָפּע האָט איהם גאנץ רוהיג ערקלערט, אז יעדער איינער אין לאַגער איז איבערצייגט, אז אימער איז א בראווער און עהרענהאפ־טער מאַן. אויך דער אורטייל פון'ם ענגלישען געריכט קאָן ניט האָבען קיין איינפלוס אויף אָט דער אלגעמיינער אָפּשאצונג פון אימער'ס פערזענליכקייט, נאָך מעהר, יעדער באטראכט עס פאר זיין פליכט זיך אָנצונעמען פאר איהם און זיין פאמיליע.

עס ווייזט אויס, אז אויך דער „וואָר אָפיס" האָט געפונען עפּעס א פּגימה אין דער זאך, און מען איז אבסאָלוט ניט געווען צופרידען דאָרט, וואָס מען האָט דעם פאָל אזוי פאנאנדערגעלעגט אין דער

עפענטליכקייט. צוויי טעג נאָך אימער'ס פאַראורטיילונג איז דער קאָמאַנדיר נעמליך צוריקגעקומען אין לאַגער אין אַ זעהר גערייצטער שטימונג פון אַ באַזוך וואָס ער האָט אָפּגעשטאַט דעם „וואָר אָפיס“. דער אַלטער קאָמאַנדיר האָט אין קריגס-מיניסטעריום געהאַט מעהר ווי איין אַלטען פריינד, וועלכער האָט עס געמוזט באַטראַכטען פאַר אַ נידעריגער האַנדלונג, וואָס מען האָט פאַר'ן געריכט געפּרוּאווט אַזוי אַרונטערצומאַכען די אַלטע פאַרוואַלטונג, כּדי אויף אַזאַ אויפ־דרינגליכען אופן אַרויסצורוקען אין פאָדערגרונד די ווירקזאַמקייט פון'ם נייעם רעזשים. דער פאַקט אַליין וואָס מען האָט אַזוי צו זאָ־גען אַנפּאַרטרויט אַזאַ מאָראַליש נידעריגען מענשען ווי טרינמאַן מיט דער פאַרטרעטונג פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג פאַר'ן געריכט, האָט געמוזט ווירקען אָפּשטויסענד אין העכסטען גראַד און האָט ניט געוואָרפען קיין גוט ליכט אויף דעם מאַן, וועלכער האָט דאָ כּלומר'שט געפיהרט די מלוכה. וואָלט דער נייער קאָמאַנדיר ניט געוועזען אַזוי מורא'דיג באַשרענקט, און וואָלט ער געהאַט אין זיך בלויז אַ שפּור פון יענעם ריטערליכקייט־געפיהל, וואָס דער אַלטער קאָמאַנדיר האָט געהאַט, ניט קוקענדיג אויף אַלע זיינע מענשליכע שוואַכקייטען, דאַן וואָלט ער קיינמאָל ניט דערלאָזט, אַז די זאַך זאָל אַזוי ווייט קומען.

דעם 27טען אויגוסט איז אונזער מיטגעפאַנגענער קעסטנער, וועגען וועמען ס'איז שוין פריהער געוועזען די רייד, גאָר פּלוצלינג דערוויטערט געוואָרען פון'ם לאַגער. קעסטנער, וועלכער איז די גאַנ־צע צייט געוועזען דער פאַרטרעטער פון'ם „מערקעל־קאָמיטעט“ אין „פעלעם“ און איז אויך אַן אומערמידליכען אופן טעטיג געוועזען פאַר זיינע מיטגעפאַנגענע, האָט אַליין קיין אַהנונג ניט געהאַט, וואָס עס האָט געקאָנט זיין די אורזאַך פון דעם דאָזיגען שריט. ווען מיר דריי באַטאַליאָן־פיהרער האָבען געוואָלט זיך זעהן מיט'ן קאָ־מאַנדיר וועגען דעם, האָט מען אונז ערקלערט, אַז מען קאָן מיט איהם איצט ניט ריידען — אַ טאַקטיק, וואָס ער האָט זינט מיין צוזאַמענשטויס מיט איהם אָנגענומען שטענדיג. ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ קריטישער זאַך, וועלכע האָט געמוזט שנעל

ערלײדיגט װערן. אויף זײן פּלאַץ האָבען מיר געפונען לײטענאַנט מארטין, װעלכער האָט אונז ערקלערט, אז קעסטנער מוז פאַרלאָזען דעם לאַגער אויף א באַפעהל פון׳ם „װאָר אָפיס“. װען ער האָט באַמערקט, אז מיר גלױבען זיך עפּעס ניט, אז די זאַך איז װירקליך אזוי, האָט ער אונז געװיזען דעם געשריבענעם באַפעהל. יעדער פון אונז איז אפילו געװען פעסט איבערצײגט, אז הינטער אָט דער זאַך האָט געמוזט שטעקען אַן אינטריגע, אָבער געגען א באַפעהל פון׳ם קריגס־מיניסטעריום האָבען מיר זעלבסטפאַרשטענדליך ניט געקאָנט ארױסטרעטען.

אין לאַגער איז ארום דער דאָזיגער צײט װידער אײנגעטראָטען אַן אומעטיגע און געדריקטע שטימונג. די אויסזיכטען אויף א נאָהנטען שלום האָבען װידער אויסגעקוקט צו זײן פאַררוקט אין װײטער װײטקײט, און די לאַגע האָט אויסגעזעהן האָפנונגסלאָזער װי װען עס איז. אין יולי, װען עס איז אין האַאַג פאָרגעקומען א צוזאַמענקונפט פון דײטשע און ענגלישע פּארטרעטער, כדי צו פאַרהאַנדלען איבער דער פראַגע װעגען אויסטױשען ציװיל־געפאַנגענע, האָבען אסך מענשען געדענקט, אז דאָס זײנען פאַרזוכען פון דערנעהענטערונג, אויסצוטרעטען א װעג פאַר׳ן פרידען. אָבער אָט די האָפנונג איז באַלד צונישט געװאָרן, און די פאַרהאַנדלונגען האָבען זיך געענדיגט אָהן א ממשות׳דיגען רעזולטאַט. דאַן האָט מען װידער געלעגט גרױסע האָפנונגען אויף דער פּראָיעקטירטער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטען־קאָנפערענץ אין שטאָקהאָלם. אָבער װען דער טרײד יוניאָן קאָנגרעס אין בלעקפּול האָט װידער פאַרװאַרפען די באַשלוסען פון דער לײבאָר פּאַרטײ, צו שיקען דעלעגאַטען צו דער קאָנפערענץ און די ענגלישע און פראַנצױזישע רעגירונגען האָבען נאָך דערצו געפּאַסט א באַשלוס, ניט צו ערלױבען קײן דעלעגאַט צו פאַהרען קײן שטאָקהאָלם, איז געקומען א סוף צו אָט דער האָפנונג אויך. אין גרונד גענומען איז עס געװען גוט אזוי, װאָרים די גאַנצע געשיכטע װאָלט דאַך געװאָרן בלויז א קאָמעדיע. אין דער װירקליכקײט, װאָס װאָלטען זײ זיך געקאָנט זאָגען אײנע די אַנדערע, אָט די מאָדנע „סאָציאַליסטען“, װאָס די מעהרסטע פון זײ

זיינען שוין דריי יאָהר צייט געגאַנגען דורך פייער און וואַסער מיט די ערגסטע פאָלקס־שונאים און קריגס־העצער פון זייערע לענדער!

אויך די גרויסע האָפנונג, וועלכע מען האָט פריהער געהאַט געלעגט אויף דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, איז אַלץ שוואַכער געוואָרן, ווען מען האָט געזעהן, מיט וואָסערע מורא'דיגע אומשטענדען דאָס לאַנד האָט געהאַט צו קעמפפען, כדי צו קאָנען אויסהאַלטען. אָהן צווייפעל איז דאָס רוסישע פאָלק געווען מיעד פון דער מלחמה, אָבער עס איז געווען אסך לייכטער אריינצושפּרינגען אין אָט דעם ווילדען וויכער פון טויט און צושטערונג, איידער צוריק צו אנטלויפען פון איהם. פיעל רעוואָלוציאָנערען אין רוסלאַנד זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז א סעפּאַראַטער פרידען מיט דער קייזערליכער דייטשלאַנד וואָלט פאַר רוסלאַנד גופא געווען א גרויסע געפאַר. וואָרים ווען עס זאָל די דייטשען געלינגען פריי צו מאַכען זייערע ארמייען אין מזרח און זיך א וואָרף טאָן מיט אַלע כוחות אויף די פיינדליכע ארמייען אויף דעם מערב־פראָנט, דאַן וואָלט דייטשלאַנד פיליכט נאָך אַלץ געקאָנט ערוואַרטען צו האָבען א זיעג. אָבער א זיגרייכע מיליטערישע דייטשלאַנד וואָלט נויטווענדיגערווייז געמוזט ווערען דער דם־שונא פון א רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד, וואָס וואָלט אונטערשטיצט אַלע פאַרזוכען פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע און געהאָלפען דעם צאַריזם זיך ווידער אריינצוזעצען אין זאָטעל. און קיינער האָט ניט געקאָנט באהויפּטען, אז אָט די שרעקען זיינען געווען אומבאַגרינדעט. רוסלאַנד האָט זיך געפונען, ווי דער ענגלענדער זאָגט, „בעטווין דהי דעוויל ענד דהי דיפ סי“ — צווישען דעם טייוועל און דעם טיפען ים.

דערצו האָט עס אויסגעקוקט, אז די געשעהענישען אין לאַנד גופא נעמען אָן א קריטישע ווענדונג. די נאַכריכט, אז גענעראַל קאָרנילאָוו מאַרשירט מיט זיין ארמיי אויף מאָסקווע, האָט אונז אָנגעפילט מיט א טיפער זאָרג, וועלכע איז ניט געמילדערט געוואָרען דורכדעם, וואָס די ענגלישע און פראַנצויזישע צייטונגען האָבען אָט דעם רעאַקציאָנערען גענעראַל פאַרהערליכט אַלס דעם „פּאַרטיידי־

גער פון דער דעמאָקראַטיע" און דעם „רעטער פון רוסלאַנד". מיר פּערזענליך איז עס געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז רוסלאַנד איז פון אַלע זייטען געווען ארומגערינגעלט פון שונאים, וועלכע האָבען זיך אַלע פאַרבונדען, כדי צו דערשטיקען די רעוואָלוציע. אמת, אַז מיינע געגאָסען אין לאָנדאָן זיינען נאָך געווען פול מיט האָפנונג און האָבען נאָך אַלץ געשטראָמט אין גרויסע מחנות צוריק צו דער אַלטער היים. מיינע צוויי ענגלישע קאַמעראַדען קיעל און סטרוד, וועלכע האָבען מיך מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם געהאַט באַזוכט, האָבען מיר זאָגאַר דערצעהלט וועגען אַ דעמאָנסטראַציע געגען דעם קריג, וועלכע האָט זיך עטליכע טעג פאַר דעם געהאַט אָפּגעשפּילט אויף'ן וואַקזאַל, ווען אַ מחנה פון רוסען איז ווידער אַוועקגעפאָהרען. אַבער ווער האָט געקאָנט וויסען, וואָס זיי האָט ערוואַרט? פיליכט וועט שוין די קאָנטער־רעוואָלוציע האָבען געזיגט, ביז זיי וועלען אָנקומען קיין רוסלאַנד. דער פאַקט, אַז אַלע באַריכטען איבער רוסלאַנד זיינען פּערזיכטיג רעווידירט געוואָרן פון דער צענזור, האָט געמאַכט, אַז די זאַכען זאָלען דאָ פאַר אונז אויסקוקען נאָך קריטישער, ווי זיי זיינען אפשר געווען אין דער ווירקליכקייט.

אין אַט דער אַלגעמיינער האָפנונגסלאָזיגקייט האָבען זיך נאָך אריינגעמישט די טעגליכע זעלישע יסורים פון מיינע מיטגעפאַנגענע וועגען דעם שיקזאַל פון זייערע פאַמיליעס. פון מיטען יולי ביז אָנפאַנג אָקטאָבער זיינען נעמליך במעט יעדע נאַכט פאָרגעקומען דייטשע לופט־אַטאַקעס אויף לאָנדאָן, וועלכע האָבען אויגענשיינליך בלויז געהאַט דעם צוועק צו טעראָריזירען די באַפעלקערונג, וואָרים קיין סטראַטעגישע באַדייטונג האָבען אַט די מאָרד־צוגען אויף קיין פאַל ניט געקאָנט האָבען. אין די מעהרסטע פאַלען זיינען געטראָפען געוואָרן בלויז די קוואַרטאַלען פון דער אַרבייטער באַפעלקערונג, וועלכע האָבען אַם ערגסטען געליטען פון אַט די אָנגריפען. צייטענווייז זיינען געמאַכט געוואָרן צוויי און דריי אַטאַקעס אין דערזעלבער נאַכט, און זאָגאַר אין מיטען העלען טאָג פלעגט אָפט פאָרקומען, אַז לאָנדאָן איז באַפאַלען געוואָרן פון דייטשע פליה־מאַשינען. אין דער נאַכט פון'ם 1טען אָקטאָבער זיינען דייטשע לופט־פליהער

געווען לענגער ווי דריי שטונדען איבער דער הויפּט־שטאָט און האָבען אָנגעטאָן א מאַסע שאָדען.

אַזוי ווי אונזער קאָרעספּאָנדענץ איז, ווי באַוואוסט, געווען אין א צרה'דיגען צושטאַנד, זיינען די געפאַנגענע יעדען טאָג איינגעגאַנגען אין שרעקליכער אנגסט וועגען זייערע קרובים. געוועהנליך פלעגט מען אימער מוזען ווארטען פון איין באָזוך־טאָג אויף'ן אַנדערן, כדי צו דערגעהן, צי אַלע לעבען נאָך אין דערהיים. ס'איז געווען א מורא'דיגער צושטאנד פון אומאויפהערליכער זעלישער געדריקטקייט, וואָס בלויז דער קאָן פולשטענדיג פאַרשטעהן, ווער עס האָט אליין איבערגעלעבט אן עהנליכע צייט.

איבעריגענס זיינען אָט די לופט־אַטאַקעס אויך פאַר אונז פערזענליך ניט געווען אָהן געפאַר, און עס פלעגט כסדר פאָרקומען, אַז שטיקער שראַפּנעלען וואָס זיינען פון די ענגלענדער ארויסגעשאָסען געוואָרן צו די דייטשע פליה־מאַשינען, זיינען אריינגעפאַלען צו אונז אין לאַגער. אונזער „קאָמפּאונד“ איז אָפט געווען באַדעקט דערמיט. אין דער נאַכט פון'ם 20טען סעפּטעמבער זיינען אריינגעפאַלען שטיקער גראַנאַטען אין שפּיטאָל און אין'ם „איי“־באַטאַליאָן. איינער פון אונזערע מיטגעפאַנגענע אין'ם “איי“־באַטאַליאָן האָט בלויז געהאַט צו פאַרדאַנקען א גליקליכען צופאַל, וואָס ער איז ניט דערהרג'עט געוואָרן. ער איז געזעסען אויף זיין בעטעל און איז גראָד געווען באַשעפטיגט דערמיט איבערצובייטען זיין העמד, ווען א גרויס און שאַרף שטיק פון א גראַנאַט האָט זיך דורכגעריסען דורך דעם גלעזערנעם דאַך און איז אראָפּגעפאַלען דירעקט אויף דעם מאַן'ס קישען. איין מינוט שפּעטער, און דער קאָפּ וואָלט איהם צושמעטערט געוואָרן.

צו דעם אַלעמען זיינען נאָך געקומען די אינערליכע צושטענדען אין'ם לאַגער, וועלכע זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ אומערטרעגליכער, אַזוי אַז דאָס לעבען איז פאַר אונז געוואָרן אַן איינפאַכער גיהנום. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס דאָס שטענדיגע נויט־ליידען און דער עיקר די אומאויפהערליכע זעלישע יסורים האָבען די מענשען ביסלאַכווייז אָפּגעשטומפּט און זיי וואָס ווייטער געמאַכט

אלע גלייכגילטיגער. באזונדערס איז דאס געווען דער פאל אין׳ם „איי״־באטאליאָן, וואו דער סאָציאלער אינסטינקט צווישען די געפאנגענע איז פון לאנג אָן געווען שוואכער ענטוויקעלט, איידער אין „בי״ און „סי״. זינט דער צייט וואָס מען האָט ביי אונז אזוי זיכער גערעדט וועגען דער אָפּליידיגונג פון׳ם לאגער, זיינען אסך פון מיינע מיטגעפאנגענע געוואָרן אומרוהיג און איינגעשראָקען. זיי האָבען כסדר מורא געהאט, אז מען קאָן אונז נאָך פּילייכט דאָך אוועקשיקען פון דאנען, און זיי זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז מען מוז אויסמיידען אלצדינג, וואָס וואָלט געקאָנט געבען דער רעגירונג וואָס פאר עס איז אויסרייד פאר איהר האנדלונג.

דער פעלדפעבעל און זיינע אדיוטאנטען האָבען זיך באנוצט מיט דער דאָזיגער געלעגענהייט, כדי אָט די שוואכליכע עלעמענטען נאָך מעהר איינצושרעקען און צו פארזעען צוויסטיגקייטען אין אונזערע רייהען. ס׳איז איהם בּיסלאכווייז געלונגען ארומצוקלייבען ארום זיך א קרייז פון גינסטלינגע, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען עטליכע באָרדעל־האלטער און באזיצער פון געמבלינג־הייזער, וועלכע האָבען שוין אָפט געהאט געמאכט באקאנטשאפט מיט ענגלישע געפענגענישען, און אָט די נידעריגע עלעמענטען זיינען געוואָרן פארדעטער געגען זייערע אייגענע חברים, און האָבען אונטערגעטראָגען טרינקמאַן׳ן אלצדינג, וואָס איז אָנגעגאנגען אין לאגער. האָט מען איינעם פון אָט די בחורים געכאפּט ביי דער האנד, האָט ער נאטירליך ניט גוט אָפּגעשניטען, אָבער דאָס איז זעלטען ווען געלונגען. דער רעזולטאט איז געווען, אז קיינער האָט זיך ניט געפיהלט זיכער. דער מיסטרוי האָט זיך ארייגע׳גנב׳עט איבעראל אין גאנצען לאגער. יעדע קלייניגקייט איז פארדעכטיגט געווארן. מען האָט געפיהלט, אז מען ווערט געלויערט און שפּיאָנירט פון שורקען, און יעדער איינער האָט געציטערט פאר זיין אייגענעם שאָטען. עס פלעגט פּאָרקומען איין מאָל נאָך׳ן אנדערן, אז געפאנגענע זיינען גאנץ פּלוצלינג און כלומר׳שט אויף א באזונדער באפעהל פארשיקט געוואָרן נאָך דער „איזל־אָף־מען״, און אָט דער פאקט האָט נאָך די מענשען מעהר ענטמוטיגט. ס׳איז געווען דער ערגסטער פעריאָד

אין פארלויף פון מיין גאנצער געפאנגענשאפט, ערגער ווי די מוראַ'דיגע צייט אין דער „אָלימפּיא“. דאָרט האָט געהערשט אָפענע ברוטאַליטעט, אָבער די געפאנגענע גופא האָבען זיך געהאלטען פעסט צוזאמען, און מען האָט ניט געדארפט שטענדיג מורא האָבען, אז מען קאָן פארראטען ווערן פון פאַלשע ברידער. אָבער דאָ האָט מען געלעבט אין א פארגיפטעטער אטמאָספערע און מען איז איבעראל געווען ארומגערינגעלט פון הינטערליסטיגקייט און אינטריגעס.

און דאָס איז ניט געווען בלויז ביי אונז אזוי. אויך די סאָלדאַטען און אָפיצירען האָבען געהאסט דעם פעלדפעבעל ווי די פעסט, וואָרים זיי האָבען געוואוסט, אז ער האָט איבעראל ארומגעשפּיאָנירט און פארשפרייט אלערליי צרות. ס'איז געווען אן אָפענער סוד, אז דער קאָמאנדיר פלעגט אָפזיצען מיט אָט דעם שרעקליכען מענשען שטונדען־לאַנג ביי זיך אין צימער און אויסהערען פון איהם אלערליי עצות. בלויז די אבסאָלוטע אומפעהיגקייט פון דעם קאָמאנדיר האָט געקאָנט ערקלערן די מעגליכקייט פון אָט דעם אומווירדיגען פארהעלטעניש. דער קאָמאנדיר האָט ניט געטרויט זיינע אייגענע אָפיצירען, אָבער אָט דער מיאוס'ער קריכער איז ביי איהם געווען באגלויבט און ער האָט איהם פולשטענדיג געהאט אין זיינע הענט. ער פלעגט זיך גערן צוהערען צו אלע מסירה'לעך און איינריידענישען פון דעם פעלדפעבעל און האָט פיליכט אליין ניט באַגריפען, ווי שטארק ער האָט זיך פאר אלעמען קאָמפּראָמיטירט דורך אָט דער אָפענער אָפּהענגיגקייט פון זיין פעלדפעבעל. ס'האָט אלזאָ אנדערש ניט געקאָנט זיין, אז יעדער מאן מיט כאראַקטער האָט געמוזט פיהלען בלויז פאראַכטונג פאר דעם נייעם רעזשים, וואָס זיין מאָראלישע נידעריגקייט האָט זיך יעדען איינעם גלייך ביים ערשטען בליק געמוזט ווארפען אין די אויגען.

א טייל אָפיצירען זיינען געווען אזוי אויפגעבראכט, אז זיי האָבען אין זייערע געשפרעכען פאר מיר אין די אויגען גאָר ניט באהאַלטען זייער פאראַכטונג. אבער אזוי ווי עס איז אויך צווישען זיי געווען א פּאָר, וועלכע האָבען זיך געפרואווט צופּאסען צו דעם נייעם סיסטעם, האָט אויך אין יענע קרייזען געהערשט א שטענדי־

נער מיסטרוי, און מען פלעגט זיך נאָר דאן גאנץ פריי אויסריידען דאָס הארץ, ווען מען האָט זיך אין יעדער באציהונג געפיהלט זיכער. איינער פון די אָפיצירען האָט מיר מעהר ווי איינמאָל, ווען ס'איז געקומען צו רייד וועגען דעם קאָמאנדיר, געזאָגט: „אָט דער מאַן האָט ניט אין זיך קיין שפּור פון א דזשענטעלמאַן." און אַן אַנדערער האָט זיך נאָך דער פאראורטיילונג פון דזשאָן אימער אויסגעדריקט פאר מיר מיט פאָלגענדע ווערטער: „איהר מוזט זעהן פּטור ווערן פון אָט דעם רשע דעם פעלדפעבעל, איהם איינפאַך אויסרויכערן! אונז זיינען ליידער די הענט געבונדען. אָבער איהר האָט דעם גאנצען לאגער הינטער זיך, און עס וועט דאָ ווערן דער טייוועל ווייסט וואָס פאר א צושטאנד, ווען מען זאָל אָט דעם באַנדיט ניט קאָנען פארטרייבען פון דאנען."

נאָך מעהר אפשר ווי די אָפיצירען האָבען די סאָלדאטען פיינט געהאט דעם פעלדפעבעל, ווייל זיי זיינען יעדע רגע געווען אויסגעזעצט צו זיינע געמיינע שטוקעס. אזוי פלעגט ער פאר'מסר'ן יעדען סאָלדאט, וועמען ער האָט געטראָפען אויסריידענדיג א וואָרט מיט איינעם פון אונז. ס'איז, אמת, געווען א פאָרשריפט, וועלכע האָט פארבאָטען די סאָלדאטען צו ריידען מיט די געפאנגענע, אָבער די די פאָרשריפט איז שוין לאנג געווען פארגעסען, און קיינער האָט זיך מעהר ניט אומגעקוקט אויף איהר. דאָס איז געווען א גאנץ נאַטירליכע זאך, וואָרים ביי דער אלטעגליכער באריהרונג פון די סאָלדאטען מיט אונז איז עס איינפאַך געווען אומפארמיידליך און מיר האָבען געמוזט ריידען איינע מיט די אנדערע, סיידען מען וואָלט יעדען אָנגעהאנגען א שלאָס אויף'ן מויל. אָבער דער פעלדפעבעל, וועלכער האָט זיך קענטיג אָפּגעלעגט דערויף, דאָ מיט דער צייט איינצופיהרען סטראטפאָרדער צושטענדען, האָט גע'מסר'ט יעדען איינעם, וואָס האָט זיך פארזינדיגט געגען אָט דער אלטער פאָרשריפט.

אויף אזא'ן אופן איז ביסלאכווייז ענטשטאנען א דיקע, אומדורכדרינגליכע וואנט פון אָפענער און באהאלטענער שנאה צווישען דעם קאָמאנדיר און זיין פעלדפעבעל פון איין זייט און אלע אנדערע

באַוואוינער פון׳ם לאַגער פון דער אנדער זייט. ביז אין דעם „סטעפ אַפּיס״ האָט זיך אויסגעצויגען דער האס געגען טרינמאַן׳ן, וועלכער האָט אחוץ דעם קאָמאנדיר ניט געהאט קיין איין ווירקליכען פריינד אין לאַגער. איינמאָל איז איינער פון די ענגלישע שרייבער וואָס זיינען געווען אַנגעשטעלט אין „סטעפ אַפּיס״ געקומען צו מיר אַ שטארק אויפגערעגטער און געזאָגט:

„גיט אכטונג, ראָקער! דער קאָמאנדיר וויל אייך פארשיקען אויף דער „אייל־אָף־מען״, ווייל טרינמאַן האָט איהם ערקלערט, אז אזוי לאנג ווי איהר זייַנט דאָ, איז אוממעגליך צו שאפען אָרדנונג אין׳ם לאַגער.״

די נאַכריכט איז פאר מיר ניט געווען קיין שום איבעראַשונג, וואָרים איך האָב זעהר גוט געוואוסט, אז דער פעלדפעבעל איז מיר געווען אַ דם שונא. און אזוי ווי איך האָב שוין פון לאַנג געהאט שלום געמאכט מיט׳ן געדאנק, אז איך וועל אין אַ שענעם טאָג פאַר־שיקט ווערן אויף׳ן אינזעל, האָב איך געענטפערט דעם מאַן, אַז די גאַנצע געשיכטע אַרט מיך אבסאָלוט ניט, ווייל דאָס לעבען דאָ האָט מיר שוין אָהן דעם אויך שרעקליך דערעסען. אָבער דאָ איז ער געוואָרן אויסער זיך און געזאָגט:

„איהר מוזט עס זעהן פאַרהינדערן, אויב איהר ווילט ניט פאַר־לייכטערן אָט דעם מיאוס׳ן קריכער די ארבייט זיינע. גיט עס גלייך איבער אייערע לייט, כדי זיי זאָלען וויסען, וואָס זיי האָבען צו טאָן.״

דער קאָמאנדיר האָט זיך פונדעסטוועגען מישב געווען און זיך אָפּגעהאַלטען פון זיין שריט. ער איז איבערהויפּט ניט געווען דער מאַן, וואָס האָט געקאָנט פאַסען אַ שנעלען באַשלוס, ווען ער האָט דערביי געדארפט מיט עפּעס ריזיקירען. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס מיר האָבען דעם פעלדפעבעל קיינמאָל ניט געקאָנט בייקומען. ער איז געווען זעהר ליסטיג און ביטרע און האָט מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט אויסגעמידען, אונז צו געבען וואָס פאַר עס איז גרונד, וואו מיר זאָלען איהם קאָנען כאַפּען ביי דער האַנד. אָבער אויך ער האָט ענדליך געהאט זיין שוואכע שטונדע,

ווען ער האָט געקריגען זיין פּסק. נאָר וועגען דעם שפּעטער.

דער 10טער סעפּטעמבער איז געווען א יום טוב פאַר אונז. אונזער אָרקעסטער האָט געגעבען זיין הונדערטסטען קאָנצערט און צו פייערן דעם דאָזיגען טאָג איז אויסגעארבייט געוואָרן א גלענצענד פּראָגראַם מיט דער פינפטער סימפאָניע אלס מיטעלפּונקט. דער קאָנצערט־פאַראיין האָט אין משך פון די יאָהרען זעהר פיעל אויפגעטאָן און האָט געקאָנט מיט שטאָלץ צוריקקוקען אויף זיין טעטיגקייט. אויף אזא׳ן אופן איז די אָנערקענונג, וואָס מיינע מיטגעפאנגענע האָבען ארויסגעצייגט צו דעם קאפּעלמייסטער אנטאָן ווייסט און זיינע קאַמעראַדען, געווען א כשר פאַרדינטע. דער טעאַטער־זאַל איז יענעם אווענט געווען געדיכט באזעצט. אויף דער גאַלעריע האָבען זיך געפונען אלע אָפיצירען מיט זייערע צאָלרייכע פריינט, נאָר דער קאָמאַנדיר האָט געפעהלט. ווען איך בין אויף מאָרגען ביי דער אינספּעקציע ארומגעגאַנגען מיט איהם אין באַטאַליאָן־זאַל, האָט ער מיך געפרעגט, ווי אזוי דער קאָנצערט איז מיר נעכטען אָווענט געפעלען. „אויסגעצייכענט“, האָב איך געענטפערט. דאָ האָט ער א שמייכעל געטאָן אויף זיין געוועהנליכען צוקער־זיסען אופן און געזאָגט: „איי עם סאָרי, איי קוד׳נט בי דהער, באט איי העד טו גאָו טו טשוירטש.“ (ס׳טוט מיר לייד, וואָס איך האָב ניט געקאָנט זיין דאָרט, אָבער איך האָב געמוזט געהן אין קירכע.) כ׳האָב זיך געמוזט איינהאלטען, ניט ארויסצופּלאַצען מיט א געלעכטער. אָבער אצונד איז מיר געווען גאַנץ קלאָר, אז דער מאַן האָט ווירקליך ערגעצוואו געמוזט זיין א נעפּענגניש־דירעקטאָר.

דעם 20טען סעפּטעמבער האָב איך פון מיין פרוי געקריגען א בריעף, אין וועלכען זי האָט מיר געלאָזט וויסען, אז איהר פאַל וועט אין עטליכע טעג ארום ווידער פאָרקומען פאַר דער „אדוויזאָרי קאָמיטע“. כ׳האָב געוואוסט, אז אונזערע רוסישע פריינט האָבען זיך די גאַנצע צייט באַמיהט אויסצוווירקען מילי׳ם באפרייאונג, אָבער איך האָב ניט געלעגט קיין שום האָפנונג אויף אָט דער טעטיגקייט. איך בין דערום געווען איבעראַשט, וואָס מען האָט זיך איצט, פּופּצעהן מאָנאַט נאָכדעם ווי זי איז ארעסטירט געוואָרן,

ווידער אמאָל געוואָלט פארנעמען מיט דער אַנגעלעגענהייט.

אין עטליכע טעג ארום האָבען מיך באַזוכט מיין פרוי'סביידע שוועסטער, פאָלי און ראָוז, און האָבען מיר געבראכט די נאכריכט, אַז מילי איז שוין ערשינען פאר דער „אדווייזאָרי קאָמיטע". ראָוז האָט זאָגאר געהאט די געלעגענהייט זיך צו קאָנען זעהן און ריידען מיט איהר אין דער פארלאמענט־געביידע, וואו די קאָמיטע פלעגט אפהאלטען איהרע זיצונגען. דער רעזולטאט פון דער פארהאנדלונג איז ווירקליך געוועזן איבעראשענדיג. ווען מילי איז פאָרגעפיהרט געוואָרן פאר דער קאָמיטע, האָט זי דער פאָרזיצענדער זעהר העפליך באַגריסט און געפרעגט, צי זי איז ווירקליך ענטשלאָסען צו פאָהרען קיין רוסלאנד. און ווען מילי האָט אויף דער דאָזיגער פראגע געענטפערט יאָ, האָט ער געזאָגט, אַז ער האלט עס אין דעם פאַל פאר זיין פליכט, זי אויפמערקזאם צו מאכען דערויף, אַז די צושטענדען אין רוסלאנד זיינען איצט אויסערגעוועהנליך שלעכט. מילי האָט איהם געענטפערט, אַז די צושטענדען קאָנען זי ניט אָפהאלטען, אָבער אַז זי מוז פריהער פון אלץ פאָדערן, אַז מען זאָל אויך מיר און אונזערע צוויי זיהן געבען די ערלויבעניש, צו קאָנען מיטפאָהרען מיט איהר.

אָט די פאָדערונג האָט דעם פאָרזיצענדען אויסגעקוקט אביסעל מאָדנע, און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס קאָן דאָך ניט געהן, ווייל איך בין א דייטש, און רוסלאנד געפינט זיך אין קריג מיט דייטשלאנד. דערויף האָט איהם מילי געענטפערט, אַז איך האָב אין רוסלאנד אסך פריינט, וועלכע וועלען זיך אויף יעדען אופן אָננעמען פאר מיר. אויסערדעם איז זי פעסט איבערצייגט, אַז די רוסישע רעגירונג וועט ניט מאכען קיין שום שוועריגקייטען, און אַז איך וועל לייכט קאָנען אריינפאָהרען אהין.

דער פאָרזיצענדער האָט זיך עטליכע מינוט צייט שטילערהייט באַראַטען מיט זיינע קאָלעגען. דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צו מילי'ן און געזאָגט:

„אָבער איהר קאָנט דאָך ניט פארלאנגען, אַז מען זאָל אייערע עלטערן זוהן ערלויבען צו פארלאָזען דאָס לאנד. אייער זוהן גע־

פינט זיך אין מיליטער־פּליכטיגען עלטער, און איהר מוזט באַגרייפען, אַז מיר קאָנען איהם אויף קיין פאַל ניט שיקען קיין רוסלאַנד.״

„דאָס באַגרייף איך טאַקע ניט,״ האָט מילי רוהיג געענטפערט. „אונזער זוהן האָט דיזעלביגע אַנשויאונגען וואָס מיר און וועט קיינמאָל ניט שפּילען די ראָלע פון׳ם סאָלדאַט. מחמת דעם איז די זאַך דאָ גאַנץ אַנדערש. אויסערדעם האָב איך זיך געפיהלט באַרעכטיגט אייך צו שטעלען אַזאַ פאָדערונג. איהר האַלט מיך שוין פופצעהן מאָנאַט אין געפענגניש אָהן מיר צו געבען אַ פּראָצעס. פאַרוואָס באַהאַנדעלט איהר מיך אַנדערש, ווי איהר האָט באַהאַנדעלט מיינע קאַמעראַדען שאַפּיראָ, ל. און לענאַבל? ס׳איז דערום בלויז רעכט פון מיין זייט, ווען איך פאַרלאַנג, אַז מען זאָל אונז אַלע געבען די ערלויבעניש צו פאָהרען קיין רוסלאַנד. ניט קוקענדיג דערויף וואָס איהר ווייסט גאַנץ גענוי, וועלכע מיינונגען איך פאַרטרעט, האָט איהר מיך איינגעשפּאַרט צוזאַמען מיט פרויען, מיט וועלכע איך האָב ניט קיין שום גייסטיגע געמיינשאַפטליכקייט. דאָס הייסט ניט, אַז איך האָב וואָס עס איז איינצואווענדען געגען מיינע מיטגעפאַנגענע, אָבער צווישען זיי האָבען זיך אויך געפונען פּראָסטיטוטקעס, וועלכע זיינען געווען אָנגעשטעקט מיט מורא׳דיגע קראַנקהייטען, און מיר זיינען געצוואונגען געווען, צו באַנוצען צוזאַמען מיט די דאָזיגע פרויען די געשיר, טואַלעט, באָד א. א. וו.״

די הערען האָבען זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע מיט פאַרלאָרענע בליקען. ס׳איז זיי קענטיג געווען זעהר פּיינליך צו הערען ריידען וועגען אַזעלכע זאַכען.

„אָבער איהר איבערטרייבט געוויס אַביסעל,״ האָט דער פאָרזיצענדער געזאָגט מיט אַ פריינדליכען טאָן.

„איך איבערטרייב גאָרניט,״ האָט מילי רוהיג געענטפערט. „אויב עס גערט אייך אין דעם אויסצוגעפינען דעם אמת, וועט איהר מיך צו יעדער צייט געפינען גרייט, אייך צו ברענגען די באַווייזען. איבעריגענס, האָב איך אָט די זאַכען דאָ בלויז דערמאָנט, כדי איהר זאָלט מיר שפּעטער ניט קאָנען מאַכען קיין פאָרוואורף, אַז איך האָב געשוויגען, ווען איך בין געשטאַנען פאַר אייך, און אַז איך

האָב ניט געהאַט קיין מוט דאָ פאַרצוברענגען אַט די שענדליכקייט."

„איהר האָט אלזאָ בדעה צו ריידען איבער אָט די זאַכען, ווען איהר וועט זיין פריי?" האָט געפרעגט דער פאָרזיצענדער.

„יאָ, איך וועל רייהען וועגען דעם," האָט מילי ענטשלאָסען געזאָגט. „פאַראַן א באַליידיגונג פון דער מענשליכער ווירדע, וועלכע מען קאָן ניט פארגעסען. און ווען עס איז וועל איך דאָך ווידער פריי זיין."

די הערן פון דער „אדוויזאָרי קאָמיטע" האָבען זיך א ווײַלע געשושקעט צווישען זיך. נאָך א קליינער פויזע האָט דער פאָרזיצענדער ווידער גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט צו מילי'ן:

„אָבער מיר זיינען ווירקליך ניט אימשטאנד צו רעקאָמענדירען דאָס ארויספאָהרען פון אייער עלטערן זוהן, פרוי ראָקער."

„דאן גיט מיר די געלעגענהייט צו ריידען מיט מיין מאַן, כדי איך זאָל זיך קאָנען אייניגען מיט איהם איבער דער דאָזיגער פראגע," האָט מילי געענטפערט.

די הערן האָבען זיך ווידער אמאָל אָנגעבויגען איינע צו די אַנדערע, כדי זיך שטילערהייט צו באַראַטען. עס זיינען אריבער עטליכע מינוט, ביז מען איז געקומען צו א באַשלוס. ענדליך האָט דער פאָרזיצענדער מיטגעטיילט מילי'ן, אז די קאָמיטע האָט באַשלאָסען צו דערפילען איהר וואונש, זיך צו קאָנען זעהן און ריידען מיט מיר, און צו דעם צוועק וועט פאָרקומען א צוזאמענקונפט צווישען אונז דעם 4טען אָקטאָבער אין די צימערען פון דער „אדוויזאָרי קאָמיטע". דערמיט איז די פארהאנדלונג געווען צו ענד, און מילי איז צוריק אָפגעפיהרט געוואָרן נאָך איילסבורי.

אָט די נאַכריכט איז מיר אין גאנצען געקומען אומערוואַרטעט, און איך האָב קוים געקאָנט אויפפאַסען דעם געדאַנק, אז מיר וועלען זיך ווידערזעהן נאָך אזא לאַנגער צייט. אָבער ביסלאַכווייז בין איך געוואָרן רוהיגער, און א טיפע פרייד האָט מיך דורכגענומען. ס'איז מיר אפילו ניט געווען גאַנץ קלאָר, וואָס פאר א צוועק מען האָט געהאַט מיט אָט דער צוזאמענקונפט, אָבער דאָס איז מיר איצט געווען אַלצאיינס, אבי מיר וועלען זיך נאָר קאָנען זעהן און ריידען

איינער מיט'ן אנדערן. ביז דעם 4טען אָקטאָבער איז נאָך געווען צו וואַרטען צוויי וואָכען, און איך האָב געפיהלט, אז די צייט וועט זיך פאַר מיר ציהען זעהר לאַנג. צום גליק האָט אונז אין לאַגער ניט געפעהלט קיין אָפּוועקסלונג, אזוי אז די צייט איז אריבער שנעלער ווי איך האָב זיך געקאָנט פאָרשטעלען.

דעם 24טען סעפּטעמבער נאָכמיטאג האָט דער קאָמאנדיר גענו־מען זיין „אורלויב". יעדער איינער אין לאַגער איז געווען צופרי־דען, וואָס ער וועט דעם מאַן א צייט לאַנג ניט דאַרפען זעהן, וואָ־רים שוין דער אָנבליק זיינער אליין איז די מענשען געווען דער־ווידער. אויף מאָרגען איז פּאָפּע פלוצלינג א שרעקליך אויפגערעג־טער געקומען צו מיר און מיר דערצעהלט, אז אונזער מיטגעפאנגע־נער קרעבס אין'ם „סי"־באַטאַליאָן האָט נאָר וואָס געקריגען א באַ־פעהל איינצופּאקען זיינע זאכען, ווייל ער מוז אין צוויי שטונדען ארום אָפּפאָהרען נאָך דער „אייל־אָף־מען". קרעבס איז געווען דער סעקרעטער פון'ם קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאט די אויפגאבע צו פאַרטרעטען אונזערע לאַנדסלייט ביי דער שווייצער געזאנדשאפט. ער איז געווען א בראַווער מאַן, וועלכער האָט ביז אהער דערפילט זיין פליכט עהרליך און אָהן מורא. אזוי ווי מען האָט געגען דעם מאַן אבסאָלוט גאָרנישט געקאָנט אויסזעצען, האָבען מיר ביידע גלייך איינגעזעהן, אז ער האָט אָט די פּלוצלינגע שטראָף געהאט צו פאַר־דאַנקען בלויז זיין שטעלע. מיר האָבען אלזאָ גענומען לוס'ן און מיר זיינען גלייך אריבער צום קאָמאנדיר'ס אָפּיס, כדי צו דערגעהן די אורזאך פון אָט דעם שריט. אָבער דער קאָמאנדיר איז דאָך געווען אויף „אורלויב", און מען האָט אונז בלויז געזאָגט, אז דער באַפעהל קומט דירעקט פון'ם „וואָר אָפיס".

די גאַנצע געשיכטע איז געווען צו דורכזיכטיג. קיינער פון אונז האָט אפילו אויף קיין איין רגע ניט געצווייפעלט אין דעם, אז דער קאָמאנדיר האָט אלעס געוואוסט, נאָך מעהר, אז ער האָט אליין, פילייכט זיך לאָזענדיג איבעררעדען פון זיין באַליעבטען פעלדפע־בעל, דירעקט געפיהרט דערצו, אז קרעבס זאָל אוועקגעשיקט ווערן פון'ם לאַגער. נאָך אָפּשטויסענדער האָט געמוזט ווירקען דאָס,

וואָס ער האָט דעם פּלאַן געלאָזט אויספיהרען ערשט דאַן, ווען ער איז שוין ניט געווען אַנוועזענד. אָט די קליינליכע און הינטער־ליסטיגע מעטאָדע האָט געמוזט אָפּעקלען יעדען מענשען מיט א כאַראַקטער. האָניג אויף די ליפּען און גיפט אין הארצען, דאָס איז געווען דער אמת'ער צייכען פון יענעם קלעגליכען רעזשים. קיין עהרליכער מאַן איז מעהר ניט זיכער געווען אין אָט דעם גיהנום, וואו נאָר לומפּען און פאררעטער האָבען זיך געקאָנט פיהלען באַ־וואָרנט.

אזוי ווי קרעבס האָט שוין אין צוויי שעה ארום געמוזט פאר־לאָזען דעם לאַגער, האָבען מיר אין דער קורצער צייט גאָרנישט גע־קאָנט טאָן, אַז דער באפעהל זאָל צוריקגעצויגען ווערן. וואָרים אויב עס האָט זיך ווירקליך געהאנדעלט וועגען א באפעהל פון'ם „וואָר אָפיס”, ווי מען האָט אונז געזאָגט, איז געווען בלויז איין מיטעל, מיט וועלכען מיר האָבען זיך געקאָנט באַנוצען: מיר האָבען גע־מוזט בעטען די שווייצער געזאנדשאפט אריינצוטראָגען א פּראָטעסט געגען קרעבס' פארשיקונג. מיר האָבען אלזאָ גלייך געשריבען צו דער געזאנדשאפט, אז מען זאָל אונז שנעל ווי מעגליך אָפּשטאַטען א באזוך.

אין צוויי טעג ארום האָבען אונז באזוכט דר. פישער און מאַיאָר איזלער פון דער געזאנדשאפט, כדי אויסצוהערען אונזער פארלאַנג. איך בין באאויפטראגט געוואָרן פון מיינע מיטגעפאנגענע, סיסטע־מאַטיש צוזאמענצושטעלען אונזערע קלאַגעס געגען דעם איצטיגען רעזשים אין „פּעלעם” און עס פאָרלעגען פאר די פארטרעטער פון דער געזאנדשאפט, און האָב זיך פאָרגענומען צו דערפילען אָט די אויפגאבע פולשטענדיג, אָהן א שום צוריקהאַלט, ניט קוקענדיג דער־רויף וואָס די פאַלגען זאָלען ניט זיין. כ'האָב דערום באלויכטען דעם איצטיגען סיסטעם און זיינע טרעגער ביז אויף'ן גרונד און באטאָנט מיט באזונדערער קראפט, אז דעם קאָמאנדיר פעהלט יעדע פעהיגקייט צו פארנעמען אזא פאראנטוואָרטליכען פּאָסטען, ווייל ער האָט ניט דעם ווילען, ניט די גייסטיגע ריהרעוודיגקייט זאָגאר האלב־וועגס צו קאָנען פארשטעהן און מענשליך אויפנעמען

אונזערע נויטען און באַדערפעגישען. דער פאַקט, אז דער קאָמאַנ־דיר לאָזט זיך אין אלע זיינע באַשלוסען באאיינפלוסען פון א נידע־ריגען מענשען ווי דער פעלדפעבעל טרינמאן, איז דער בעסטער באַווייז פאר דער מאראלישער געזונקענקייט פון׳ם איצטיגען סיס־טעם. דערנאָך האָב איך נאָך דער רייה נאָך אויסגערעכנט אלע געשעהענישען פון די לעצטע חדשים און אויף דעם שאַרפסטען אופן קריטיקירט אלע איצטיגע צושטענדען אין׳ם לאַגער. דערביי האָב איך זיך כסדר באמיהט צו ציהען א פאַראַלעל צווישען דער איצטי־גער אָרדנונג און דעם גוטען ווילען און די טאַדעל־לאָזע עהרליכקייט פון אלטען קאָמאַנדיר. צום שלום האָב איך גערעדט וועגען דער קרעבס־געשיכטע און געבעטען די פּאַרטרעטער פון דער געזאַנד־שאַפט אָנצואווענדען זייער גאַנצען איינפלוס, אז מען זאָל קרעבס׳ן צוריקשיקען אהער אין לאַגער, וואָרים אויב עס זאָל נאָר ווערן א געוואוינהייט צו פאַרשיקען פון׳ם לאַגער יעדען אויפריכטיגען מאַן, וועלכער נעמט זיך אָן פאר די אינטערעסען פון זיינע מיטגעפאַנ־גענע, דאַן קאָן איבערהויפּט ניט זיין מעהר קיין פראַגע וועגען פאַר־טרעטען אונז פאר דער ענגלישער רעגירונג.

נאָך מיר האָט גערעדט פאַפּע, כדי אויף א גרינדליכען אופן צוצוגעבען דאָס, וואָס איך האָב דאָ און דאָרט פאַרגעסען צו דער־מאָנען.

דר. פישער און מאיאָר איזלער האָבען אונז צוגעזאָגט צו טאָן אלעס וואָס וועט נאָר ליגען אין זייער מעגליכקייט, אָבער ביידע האָבען ניט פאַרפעהלט אונז אויפמערקזאַם צו מאַכען דערויף, אז צוליעב דער אויסערגעוועהנליך שווערער לאַגע איז פאַראַן ווייניג אויסזיכטען צו ערוואַרטען א גינסטיגע האַנדלונג פון דער ענגלישער רעגירונג.

כדי אונזערע פאָדערונגען צו געבען מעהר געוויכט, און באַזונ־דערס כדי צו ווייזען דעם קאָמאַנדיר, אז מיר זיינען ענטשלאָסען ניט צו לאָזען אריבערגעהן איבער אונז יעדע געמיינע און אומפאַר־שעמטע האַנדלונג אָהן א פּראָטעסט, האָבען מיר אין עטליכע טעג ארום צוגעשיקט צו דער שווייצער געזאַנדשאַפט א מאַסען־פּעטיציע,

וועלכע איז אונטערגעשריבען געוואָרן פון אַלע געפאנגענע פון די דריי באַטאַליאָנען און אין וועלכער עס איז קלאָר און אָפען אויסגע־דריקט געוואָרן, אז אויב מען וועט פארשיקען אונזערע פארטרוי־ענס־לייט און אויף אַזאַ'ן אופן מאכען יעדע ווירקזאַמע פאַרטיידיגונג פון אונזערע אינטערעסען פאר א געוועגליכען פארם, מוזען מיר זיך אין דער צוקונפט פרייוויליג אָפזאָגען פון יעדער ווייטערער פארטרעטונג.

דאָס איז געווען א שווערער קאַנאָן, אָבער געהאָלפען האָט עס אונז ווינציג וואָס. גליקליכערוויז האָט זיך באלד נאָכדעם געמאכט עפּעס, וואָס האָט אונז געגעבען די מעגליכקייט זיך אליין צו העל־פען, דורך וואָס מיר זיינען איינמאָל פאר אלע מאָל באפרייט גע־וואָרן פון איינעם פון די גרעסטע רשעים אין לאַגער.

קאפיטעל 22

אין דער פּאַרלאַמענט־געביידע

אונזער ווידערזעהן — פאר דער „אדוויזאָרי קאָמיטע" — מיר זאָלען ביידע פאָהרען קיין רוסלאנד — דער פעלדפעבעל טרינמאן אויסגע־פייפט — טרינמאן שלאָגט איינעם פון אונזערע מיטגעפאַנגענע — דאָס קריגס־געריכט — טרינמאַן׳ס סוף — פארלייכטערונג אין לאַגער — די אַלטע פון „לייברערי האָל" — דער פערטער קריסטמאס — דער האָום סעקרעטערי זאָגט אָפּ מיין רייזע קיין רוסלאנד — דער טויט פון אָטאָ שרייבער — אונזער פאַל אין דער ענגלישער פרעסע און אין פּאַרלאַמענט — דאָס אָפּפאָהרען פון די עלטערע לייט קיין דייטשלאַנד.

אזוי איז ענדליך אָנגעקומען דער 3טער אָקטאָבער. דער געדאַנק, אז איך וועל אויף מאָרגען ווידערזעהן מיין מוטיגע לעבענס־חבר׳טע, האָט מיך געמאכט איבער־גליקליך. כ׳האָב כמעט די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט געקאָנט צומאכען און איך בין שוין גאַנץ פריה געוועזן אויף די פיס. פאר צעהן אזייגער האָב איך זיך איבערהויפּט ניט געדאַרפט ריכטען, אז מען וועט מיך קומען נעמען. מיינע נערוועז זיינען געוועזן געשפּאַנט ווי א בויגען, און ס׳האָט מיר אויסגעקוקט, אז עס וויל גאָר קיין סוף ניט נעמען צו די פּאָר שטונדען, וואָס איך האָב נאָך געמוזט וואַרטען. אָבער ס׳איז געוואָרן צעהן און עלף אזייגער, אָהן דעם אז מען זאָל האָבען געשיקט נאָך מיר. א שטאַרקע אומרוהיגקייט האָט מיך באהערשט און מיך ארומגעוואָרפען פון אָרט צו אָרט. אָבער שטונדע נאָך שטונדע איז פארביי, אָהן דעם אז איך זאָל עפּעס האָבען געהערט. כ׳האָב

זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז די „אדוויזאָרי קאָמיטע" האַלט פּיליכט אַף איהרע זיצונגען נאָכמיטאַג, און איך האָב נאָך אַלץ ניט אויפגעגעבען די האָפנונג, אַבער דער נאָכמיטאַג איז אויך אַריבער, און קיינער האָט ניט געשיקט נאָך מיר. אַצונד איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מען האָט אונז אָפּגענאַרט. אין אָנפאַנג האָב איך עס גאַר ניט געקאָנט באַגרייפען, אָבער ביסלאַכווייז האָב איך געדענקט, אַז איך פאַרשטעה וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אַ ביטער געפיהל האָט מיך דורכגענומען, וואָרים איך האָב געטראַכט פון מילי'ן. כ'האָב דאָך צו גוט געוואוסט, וואָסערע טיפע זעלישע יסורים אָט דער טאָג האָט איהר געמוזט פאַרשאַפען. כ'האָב זיך געמוזט אָנטאָן אַ כוח צו קאָנען באַהערשען מיין אינערליכע אויפגעבראַכטקייט. מעהר פון אַלץ אַבער האָט מיך געמוטשעט די מורא, אַז מען האָט זי פּיליכט באַשטראָפט פאַר איהר דרייסטע און אָפענהאַרציגע האַלטונג פאַר דער קאָמיטע. מיין שכל האָט, אמת, געקעמפט געגען אָט דעם געדאַנק, אָבער די ביטערע ערפאַרונגען פון די לעצטע יאָהרען האָבען געהאַט שטאַרק צוטרייסעלט מיין גלויבען אין דעם רעכט-באַוואוסטזיין פון די מענשען. אַלצדינג איז היינט געוועזן מעגליך.

אַכט יסורים-פולע טעג זיינען פאַרביי, אָהן דעם אַז איך זאָל האָבען געהערט עפּעס וועגען דער אַנגעלעגענהייט. דעם 12טען אָקטאָבער האָב איך ענדליך געקריגען פון מילי'ן אַ בריעף, וועלכער האָט געטראָגען דעם דאַטום פון'ם 5טען. פון איהר בריעף האָט מען געקאָנט זעהן, ווי מורא'דיג אָט די לעצטע ענטוישונג האָט איהר געטראָפען.

„איך פיהל זיך אַליין ווי אַ פאַרברעכער," האָט זי געשריבען, „וואָס איך האָב דערוועקט אין דיר אָט די האָפנונג. אַבער ווי אַזוי האָט עס מיר גאָר געקאָנט אַרויפקומען אויף'ן זינען, צו צווייפלען אין דעם וואָרט פון מענער, וועלכע פאַרנעמען אַזאַ הויכע און פאַרענטוואָרטליכע שטעלע? ס'קאָן זיין, אַז אָט די הערדן דענקען, אַז זיי האָבען צו אונז קיין שום פאַרפליכטונגען ניט. און דאָך האָב איך ביז אַהער געגלויבט, אַז אַ געגעבען וואָרט איז הייליג, אַלצאיינס,

צי עס ווערט געגעבען צו א קעניג אדער א בעטלער. אבער מיר זיינען ניט קיין בעטלער, מיר זיינען געגנער פון די באשטעהענדע געזעלשאפטליכע איבלען, געגנער, וועלכע קעמפען מיט אן אפענעם ציעל („צו געוויסענהאפט“, ווי א הערר פון׳ם זעלבען קלאס האט מיר אנומאלט געזאגט), און דאס איז אין אונזער צייט קענטיג א פארברעכען.“

אבער וואס מיך האט אם מייסטען אינטערעסירט, איז געווען דער אומשטאנד, וואס צו דעם דאזיגען שטארק אויפגעבראכטען בריעף איז געווען צוגעלעגט א צעטעלע פון דער אויבערשטער צענזור־פארוואלטונג, מיט דער באמערקונג, אז פרוי ראקער מוז אפנים האבען א טעות, ווייל אונזער צוזאמענקונפט פאר דער „אדוויזארי קאמיטע“ קומט ערשט פאר דעם 17טען אקטאבער. איך האב אט די איינזעהעניש קוים געקאנט באגרייפען, און איך האב זיך געוואונדערט, וואס דער צענזאר האט איבערהויפט געלאזט דורכגעהן מילי׳ס שארפע ציילען. על כל פנים, פון די עטליכע צוגעלעגטע שורות איז געווען דייטליך צו זעהן, אז מיר וועלען זיך פונדעסטוועגען דאך זעהן. צי דא האט זיך פאקטיש געהאנדעלט וועגען א מיספארשטענדניש, צי מילי׳ס צארנדיגע ווערטער האבען די העררן בייז געמאכט, דאס איז נאטירליך געווען שווער צו ענטשיידען. אבער דאס איז מיר אין יענעם מאמענט געווען גאנץ גלייכגילטיג. די הויפט זאך איז געווען: דא איז געשטאנען גענוי טאג און דאטום פון אונזער געפלאנטער צוזאמענקונפט, און דאס מאל האב איך מעהר קיין צווייפעל ניט געהאט.

ס׳איז געווען א מיאוס׳ער, אומעטיגער הערבסט־טאג, דער 17טער אקטאבער. די גאנצע נאכט האט עס גערעגענט, און ס׳האט נאך אלץ געגאסען ווי מיט צעבערס פון הימעל. כ׳האב זיך שוין גאנץ פריה געהאט אויפגעהויבען פון מיין געלעגער, ווייל די טאטשענדע אומגעדולד האט דאך מיר קיין רוה ניט געגעבען. צייטענווייז איז מיר געקומען דער געדאנק: „און ווי, אויב עס זאל אויך אצונד ווידער אמאל זיין אומזיסט?“ אבער איך האב זיך דאס מאל געפיהלט אזוי זיכער, אז אט דער געדאנק האט מיר ניט געקאנט

פאַרשאַפען קיין שום שרעק. א פערטעל פאר צעהן אזייגער האָט זיך באוויזען א דעטעקטיוו, וועלכער איז געקומען נאָך מיר. ס'האָט נאָך אלץ שרעקליך גערעגענט, אָבער איך האָב יענעם פריהמאָרגען געפיהלט אזוי לייכט אויף'ן הארצען, אז די וועלט איז מיר קיינמאָל נים פאַרגעקומען שענער ווי היינט. מיר זיינען צוערשט געפאָהרען א קורצע שטרעקע מיט דער „אנדערגראונד", דערנאָך האָבען מיר גענומען א „באס", וואָס האָט אונז געזאָלט צופיהרען ביז צו דער פּאַרלאַמענט-געביידע. הגם איך האָב שוין זינט דריי יאָהר צייט נים געהאט אראָפּגעשטעלט קיין פוס אין דער שטאָט, האָב איך נים גענומען קיין באזונדער אינטערעס אין דעם זעלטענעם אָנבליק, וואָרים מיינע געדאנקען זיינען כסדר געווען פארנומען מיט אנדערע זאכען. ס'איז געווען אומגעפער האלב עלף, ווען מיר האָבען דער־גרייכט אונזער ציעל. מיין באגלייטער האָט מיך פאַרגעפיהרט פאר דעם סעקרעטער פון דער קאָמיטע, מר. בראָדריק, וועלכער האָט מיך העפליך באגריסט און אונזביידען אריינגעפיהרט אין א וואַרט־צימער. כ'האָב איהם געפרעגט, צי מיין פרוי איז שוין דאָ. „ניין," האָט ער געזאָגט, „אָבער מיר ערוואַרטען זי יעדע רגע."

פּלוצלינג איז מיר ארויפגעקומען דער געדאנק, אז מען קאָן פיליייכט האָבען די אבזיכט אונז באזונדער צו פאַרהערען, אָהן אונז צו געבען די געלעגענהייט זיך צו קאָנען זעהן און ריידען איינער מיט'ן אנדערן. גאַנץ ספּאָנטאַן האָבען זיך ביי מיר ארויסגעריסען די ווערטער:

„מיר וועלען זיך דאָך קאָנען זעהן און ריידען איינער מיט אנדערן?"

„גאַנץ באשטימט," איז געווען דער ענטפער. „דאָס איז דאָך דער צוועק פון אייער זיין דאָ."

כ'האָב זיך אנידערגעזעצט אויף א שטול גאַנץ נאָהנט צום פענסטער און איך האָב ארויסגעקוקט אין דעם כמורנעם, רעגענ־דיגען וועטער. אלערליי געדאנקען האָבען זיך מיר געפּלאָנטערט אין קאָפּ. אזוי האָב איך געמוזט זיצען אומגעפער א פערטעל שעה, ווען די טיר האָט זיך פּלוצלינג געעפענט און א דאַמע איז אריינגע־

קומען אין צימער. גלייך נאָך איהר איז אריינגעקומען מילי. מיר האָבען זיך אריינגעוואָרפען אין די אָרעמס, אָבער אונזערע ליפּען זיינען געבליבען שטום. אונזערע הערצער זיינען דאָך געווען אזוי פול, ווי אזוי האָבען מיר דאן געקאָנט ריידען. כ'האָב געזעהן בלויז די גרויסע, טונקעלע אויגען אָנגעשטעלט אויף מיר און געפיהלט דעם טיפען, טרערען־פולען בליק, וועלכער האָט מיר אלעס געזאָגט, אלעס אויפגעעפענט. מר. בראָדריק האָט אונזערע צוויי באַגלייטער געגעבען א שטומען צייכען, און זיי האָבען צוזאַמען מיט איהם שטי־לערהייט פאַרלאָזען דאָס צימער. אצונד זיינען מיר אלזאָ געווען איינע אליין, אָבער ס'איז פאַרביי א היבשע צייט, איידער די צונגען האָבען זיך ווי עס איז געקומען באַוועגען, אזוי אז מיר האָבען גע־קאָנט ריידען איבער דער נייער לאַגע.

מילי איז געווען מיט דער מיינונג, אז מען וועט אונז ביידען און אונזער זיהנדעלע ערלויבען צו פאָהרען קיין רוסלאַנד, אָבער זי האָט שטאַרק געצווייפעלט אין דעם, צי מען וועט אויך דיזעלבע ערלויבעניש געבען אונזער עלטערן זוהן, וועלכער איז געווען אינ־טערנירט צוזאַמען מיט מיר אין „פּעלעס". איך האָב זיך שוין פריהער געהאַט דורכגערעדט מיט רודאָלף'ן וועגען דער זאַך. ער איז געווען פּונקט אזוי ווי איך איבערראַשט פון דער גאַנצער געשיכטע און האָט מיך געהאַלטען אין איין בעטען, אז איך זאָל פון זיינעט־וועגען די זאַך ניט לאָזען פאַלען. ס'איז געווען א זעלטענע געלעגענהייט, וועלכע מיר האָבען דאָ געהאַט, און רודאָלף האָט זיך גע־בעטען ביי מיר, אז איך זאָל אָט די געלעגענהייט ניט ארויסלאָזען פון דער האַנד, וואָרים פריהער פון אלץ געהט עס איהם אין דעם, אז מיר זאָלען זיין פריי. ער האָט אין דעם זין אויך געשריבען צו דער מוטער, אָבער מילי האָט נאָך דעם בריעף ניט געהאַט דער־האַלטען. רודאָלף איז געווען א פּרעכטיגער בחור, יונג און פול מיט ענערגיע, און ער איז געווען איבערצייגט, אז ער וועט לייכט איבערקומען די געפאַנגענשאַפט. אין דעם פּרט האָבען מיר זיך ווירקליך ניט געדאַרפט זאָרגען. מיר זיינען אלזאָ ביידע געקומען צו דער איינשטימונג, אז אויב עס וועט קיין אנדער ברירה ניט זיין,

זאָל מען לאָזען פאַלען די פאָדערונג, אַז רודאָלף זאָל מיטפאָהרען מיט אונז.

אזוי האָט אודאי געמוזט אריבערגעהן אומגעפער אַ שטונדע, ווען דער סעקרעטער און אונזערע צוויי באגלייטער זיינען ווידער אריינגעקומען אין צימער. מר. בראָדריק האָט זיך געווענדט צו מיר מיט דער פראגע, צי איך וויים, פארוואָס מען האָט מיך געבראכט אהער. איך בין געווען אביסעל איבעראשט און איהם געענטפערט, אז פון מיין פרוי'ס בריעף האָב איך ארויסגענומען, אז די קאָמיטע ווינשט אויך מיך צו זעהן, כדי צו קאָנען ענטשיידען איבער אונזער פאַל. דערויף האָט ער מיר ערקלערט, אז דאָס איז נים אזוי. אלס דייטש קום איך איבערהויפּט נים אין באטראכט פאר דער קאָמיטע, וועלכע האָט זיך דאָ צו פארנעמען אויסשליסליך מיט דעם פאַל פון מיין פרוי. מען האָט מיך בלויז דערפאר געבראכט אהער, איך זאָל זיך קאָנען דורכריידען מיט מיין פרוי איבער אונזערע אנגעלעגענ־הייטען, כדי לייכטער צו מאַכען פאר איהר צו קומען צו אן ענטשיי־דונג.

אָט די ערקלערונג האָט ארויסגערופען אין מיר געמישטע גע־פיהלען, ווייל איך האָב זי נים געקאָנט אין גאנצען באגרייפען. אָבער דער פאקט, אז מיר האָבען זיך נאָך אזא לאנגער צושיידונג געקאָנט ווידערזעהן און ריידען איינער מיט'ן אנדערן, האָט מיך מיט אלצדינג איבערגעבעטען.

אין עטליכע מינוט ארום איז מילי פארגערופען געוואָרן פאר דער קאָמיטע. דער פאָרזיצענדער האָט זי באגריסט מיט די ווער־טער:

„נו, פרוי ראָקער, זיינט איהר נאָך אלץ ענטשלאָסען צו פאָהרען קיין רוסלאנד?"

„גאנץ באשטימט," האָט מילי געענטפערט, „אָבער בלויז אונ־טער דעם באדינג, אז מיין מאַן זאָל מיטפאָהרען מיט מיר."

„געוויס, געוויס!" האָט דער פאָרזיצענדער צוגעשטימט. „אָבער די קאָמיטע קאָן זיך נים ענטשליסען פאָרצושלאָגען, אז מען זאָל אויך ערלויבען אייער עלטערן זוהן ארויסצופאָהרען פון לאנד.

יעדענפאַלס מאַך איך אײך אויפמערקזאַם דערויף, אַז מיר צווינגען אײך ניט צו פאַרלאָזען ענגלאַנד."

און ווען מילי האָט אויף אַט די ווערטער גאַרנישט באַמערקט, האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט:

„איהר פאַרשטעהט, פרוי ראָקער, מיר צווינגען אײך ניט צו פאָהרען קײן רוסלאַנד."

„כ'פאַרשטעה," האָט מילי קורץ געזאָגט.

דערנאָך האָט דער פּאָרזיצענדער זי געפרעגט, צי מיר האָבען נאָך וואו עס איז א וואוינונג. מילי האָט געענטפערט, אַז יאָ און האָט באַטאָנט, אַז הויפּטזאַכליך זײנען מיר פאַראינטערעסירט אין אונזער ביבליאָטעק און עטליבע קלײניגקײטען. דער פאָרזיצענדער האָט ערקלערט, אַז אונטער די הײנטיגע אומשטענדען קאָנען מיר כמעט ניט דענקען דערפון מיטצונעמען אונזער ביבליאָטעק קײן רוסלאַנד. דאָס בעסטע וואָלט דערום געווען, אַז זי זאָל זיך מיט מיר באַראַטען, ווי אַזוי מיר דענקען אײנצואָרדנען אונזערע אַנגע־לעגענהײטען. דערמיט האָט זיך דער פאַרהער געענדיגט, און מילי האָט זיך צוריקגעקערט צו מיר אין צימער. בעת ווען זי האָט גראָד געהאַלטען דערבײ מיר צו דערצעהלען, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, האָט זיך מר. בראַדריק ווידער באַוויזען אויף דער סצענע און מיך געבעטען מיטצוגעהן מיט איהם, ווייל די קאָמיטע האָט דאָך באַ־שלאָסען מיך צו זעהן.

איך בין אַרײנגעפיהרט געוואָרן אין א זאַל, וואו זיבען הערען זײנען געזעסען אין א האַלב־קרייז אַרום א גרויסען טיש. דער פּאָר־זיצענדער, אַן אינטעליגענט און ענערגיש אויסזעהענדער מענש, האָט מיך העפליך געבעטען צו נעמען פּלאַץ. די הערען האָבען מיך אויפמערקזאַם אָנגעקוקט. עטליכע פון זיי האָבען שטילערהייט אויסגעטוישט באַמערקונגען אײנע מיט די אַנדערע. דערנאָך האָט זיך דער פּאָרזיצענדער געווענדט צו מיר און מיט דער דייטליכער באַטאָנונג פון'ם יוריסט מיך געפרעגט:

„איהר ווילט אַלזאָ פאָהרען קײן רוסלאַנד, הערר ראָקער?"

„ווען איך זאָל האָבען די מעגליכקייט דערצו, גאַנץ געוויס," האָב איך געענטפערט.

„האָט איהר פריינט אין רוסלאַנד?" האָט ער ווייטער געפרעגט.

„יאָ, א היבש ביסעל," איז געווען מיין ענטפער.

„ווי איך הער, זיינט איהר באפריינדט מיט דעם פירסט קראָ־פּאָטקין," האָט ער געזאָגט.

"יאָ, מיר קענען זיך שוין אומגעפער צוואַנציג יאָהר," האָב איך געענטפערט.

„אייער פרוי האָט מיט אונז גערעדט וועגען אייער ביבליאָטעק. וואָס דענקט איהר דערמיט צו טאָן? איהר באַגרייפט דאָך, אז עס איז איצט ניט מעגליך מיטצופיהרען אייערע ביכער מיט אייך קיין רוסלאַנד?"

„כ'האָב קיינמאָל ניט געטראַכט דערפון," האָב איך געענטפערט. „ווען מען זאָל מיר געבען א מעגליכקייט צו געהן אויף א טאָג אדער צוויי אהיים, וואָלט איך שנעל געקאָנט ערליידיגען אָט די אנגעלע־גענהייט."

„איך גלויב קוים, אַז מען וועט אייך אין דער הינזיכט מאַכען וואָס פאר עס איז שוועריגקייטען," האָט דער פאָרזיצענדער געזאָגט. „יעדענפאַלס האָט זיך די „אדוויזאָרי קאָמיטע" ענטשלאָסען צו באהאַנדלען אייער פאַל אלס אן אויסנאַם און צו רעקאָמענדירען, אז מען זאָל אייך ערלויבען צו באגלייטען אייער פרוי און אייער קליינעם זוהן קיין רוסלאַנד, מיט דעם באדינג נאַטירליך, אויב די רוסישע רעגירונג איז גרייט אייך אויפצונעמען."

דערמיט איז אויך מיין פארהער געווען צו ענד, און איך האָב א פרעהליכער פאַרלאָזען דאָס צימער. ווען איך בין צוריקגעקומען צו מילי'ן, האָב איך דאָרט געפונען איהר שוועסטער ראָוז און אונ־זער אלטע פריינדין מילי זאַבעלינסקי, וועלכע האָט אונז געבראַכט אונזער קליינעם זוהן. די פרייד איז נאַטירליך געווען גרויס. באַ־זונדערס דער קליינער חברה־מאַן האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פאר שמחה און האָט ארומגעטאַנצט פון איינעם צום אנדערן

פון אונז. נאָכדעם ווי מיר האָבען פאַרבראַכט אומגעפער א שטונדע צוזאַמען, איז מר. בראָדריק ווידער געקומען און האָט אונז ערקלערט, אז מען האָט צוגעגרייט א מאָלצייט פאַר מילי'ן און פאַר מיר. מיר האָבען זיך הארציג אָפּגעזעגענט מיט אונזער קינד און מיט די ליעבע פריינט און מיר זיינען אוועק מיט דעם סעקרעטער, וועלכער האָט אונז אריינגעפיהרט אין דעם פּאַרלאַמענט־רעסטאָראַנט, וואו מיר האָבען געפונען א קליינעם טיש געגרייט פאַר אונז. נאָך די אַלע לאַנגע מאָנאַטען פון דער געפאַנגענשאַפט און די ביטערע ערפארונגען, וועלכע מיר האָבען געהאַט דורכגעמאַכט, האָט אונז אָט די אויפמערקזאַמקייט אויסגעקוקט גאַנץ מאָדנע. אלס געפאַנגענער האָט מען אין יענער מורא'דיגער צייט שוין גאָר ניט ערוואַרט מעהר באַהאַנדעלט און רעספּעקטירט צו ווערן אלס מענש.

נאָך'ן עסען האָט מען אונז ווידער געלאָזט אליין; מיר האָבען געקאָנט בלייבען צוזאַמען אומגעשטערט ביז פינף אזייגער נאָכמיטאָג און זיך זאָגען איינס דאָס אנדערע אַלעס, וואָס מיר האָבען געהאַט אויף'ן הארצען. דער געדאַנק, אז אונזער געפאַנגענשאַפט וועט זיך באַלד ענדיגען, אז מיר וועלען גאָר אינגיכען ווידער זעהן אונזערע פריינט אין רוסלאַנד און צוזאַמען מיט זיי אַרבייטען פאַר דעם טריומף פון דער רעוואָלוציע, האָט אונז אָנגעפילט מיט טיפער צופרידענקייט און האָט אונז דורכגעשטראָמט ווי א באַלזאַם דורך אַלע גלידער. אז עס איז ענדליך געקומען די שטונדע, ווען מיר האָבען זיך געמוזט געזעגענען, האָבען מיר זיך אומאַרמט מיט פרעהליכע הערצער, וואָרים מיר זיינען ביידע געווען פעסט איבערצייגט, אז די צושיידונג וועט איצט לאַנג ניט געדויערן. ווער וואָלט דעמאָלט געדענקט, אז עס וועט נאָך פאַרגעהן א גאַנץ יאָהר, ביז מיר וועלען זיך ווידערזעהן.

אונטער א גוס־רעגען בין איך מיט מיין באַגלייטער צוריקגעפאָהרען צום „פּעלעם". ס'איז געווען אן עקעלהאַפטע וועטער, אבער ביי מיר אין הארצען איז געווען פריהלינג, אַלעס האָט אין מיר געיובעלט און איז געווען פול מיט האָפנונג. ס'איז געווען א קורצע ווײלע פאַר זעקס, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין „פּעלעם". רודאָלף,

קארל'טשיק, די קאפיטאנען און עטליכע אנדערע פריינט האָבען מיך שוין ערוואַרט מיט אומגעדולד און זיינען געווען געשפאנט צו וויסען דעם רעזולטאַט פון אונזער צוזאמענקונפט. ס'האָט ניט גענומען לאַנג, און די נאַכריכט האָט זיך פארשפרייט אין גאנצען לאַגער. יעדער איינער האָט מיר פארגונען מיין גליק, אָבער דער געדאַנק, אז זיי מוזען מיך פארלירען, האָט אלעמען טרויעריג געמאכט, און מיר אליין איז געוואָרן אזוי שווער אויף'ן הארצען, ווען איך האָב געטראַכט דערפון, אז איך דארף איבערלאָזען מיינע ליידענס־חברים אונטער אָט די שרעקליכע באַדינגונגען.

אויף מאָרגען אין דערפריה זיינען מיך די אָפיצירען באַפאַלען און געוואָלט האָבען גענויערע אויסקינפטען. די „גלאָוב" האָט נעמליך געבראַכט א קורצען נאָטיץ איבער אונזער פארהער פאר דער „אדוויזאָרי קאָמיטע", אונטער דער סענזאַציאָנעלער אויפשריפט: „מר. רודאָלף ראָקער, דהי מאָוסט פראָמינענט מען אין אלעקסאנדרא פעלעס, איז גאָאינג טו ראָשיא" (הערר רודאָלף ראָקער, דער פראָמינענסטער מאַן אין אלעקסאנדרא פעלעס, פאָרט קיין רוסלאַנד). דורך אָט דעם נאָטיץ אין דער צייטונג האָבען זיך די ענגלישע באַאמטע פון'ם לאַגער דערוואוסט וועגען דער גאנצער אנגעלעגענהייט.

באַלד נאָכדעם האָט מיך דער לייטענאנט מארטין אוועקגערופען אָן א זייט, כדי צו ריידען מיט מיר וועגען אן אומאנגענעמער פאַסירונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פארלויף פון מיין אָפּוועזענהייט. קארל'טשיק האָט מיר נאָך נעכטען ביינאכט געהאט דערצעהלט די געשיכטע, אזוי אז איך האָב געוואוסט דערפון. ווען מיידזשאָר מאָט, וועלכער האָט נעכטען געמאכט די אינספעקציע אויף'ן פּלאַץ פון'ם קאָמאנדיר, איז אריינגעקומען אין באַטאַליאָן גלייך הינטער דעם פעלדפעבעל טרינמאַן, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט א הויכער פייף, אויף וועלכען מען האָט גלייך אָפּגעענטפערט פון פארשידענע זייטען. דער מיידזשאָר, וועלכער איז געווען באַליעבט ביי אלע געפאַנגענע, האָט זיך קענטיג געפיהלט זעהר אומבאַקוועם, הגם קארל'טשיק, וועלכער האָט מיך פארטראָטען, האָט איהם גלייך פאַר־

זיכערט, אַז אַט די דעמאָנסטראַציע איז געווענדעט אויסשליסליך געגען דעם פעלדפעבעל. טרינמאַן, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, אַז די געפאַנגענע ווילען דערמיט אויסדריקען זייער מיסאַכטונג צו איהם, האָט קוים געקאָנט באַהאַלטען זיין צאָרן, און ער האָט געזאָגט צו דעם מיידזשאָר:

„דאָ זעהט מען, אַז ראָקער פאַרשטעהט ניט, ווי אַזוי צו האַלטען זיינע לייט אין אָרדנונג.“

ווען דער לייטענאַנט האָט מיר אַלזאָ אצונד פאָרגעהאַלטען וועגען דער פּאַסירונג, האָב איך איהם גאַנץ אָפען אַרויסגעזאָגט, אַז איך קאָן אויף קיין פּאַל ניט זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַזעלכע זאַכען, ווייל דער פעלדפעבעל רופט זיי אַליין אַרויס. כ׳האָב איהם ערקלערט, אַז דורך זיין אומפאַרשעמטען שפּיאָנען־סיסטעם און דורך זיינע אָפענע אינטריגעס געגען דער אינערער פּאַרוואַלטונג גראָבט טרינמאַן סיסטעמאַטיש אונטער יעדע נאַטירליכע דיסציפּלין צווישען די געפאַנגענע, און מען מוז זיך בלויז וואונדערן, וואָס עס האָט נאָך ביז איצט ניט פּאַסירט קיין ערגערס דערפון. מאַרטין איז געווען איינער פון די עלטסטע אָפיצירען אין לאַגער און האָט פון אייגענער ערפאַרונג געוואוסט, אַז אַזעלכע זאַכען זיינען פריהער קיינמאָל ניט פּאָרגעקומען. ווען איך האָב איהם אַלזאָ גאַנץ אָפען אַרויסגעזאָגט מיין שטאַנדפּונקט איבער דעם אינצידענט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט זיך וועגען דעם דורכריידען מיט דעם פעלדפעבעל. כ׳האָב איהם ערקלערט, אַז איך האָב ווייניג האָפנונג, אַז דאָס וועט עפּעס העלפען. טרינמאַן האָט זיך צוגעוואוינט דערצו צו באַטראַכטען די געפאַנגענע אַלס אַרעסטאַנטען, און אַט דער סיסטעם מוז פריהער אָדער שפּעטער פיהרען צו שלעכטע פּאָלגען. מאַרטין האָט ערקלערט, אַז ער וויל פונדעסטוועגען דאָך ריידען מיט איהם, און ער האָט מיך געבעטען צו טאָן אַלעס וואָס איז מיר נאָר מעגליך, צוריקצוהאַלטען מיינע מיטגעפאַנגענע פון אומרוהען.

זינט מען האָט טרינמאַן׳ן אויסגעפייפט, איז ער געווען אין גאַנצען אויסער זיך. ער איז אַרומגעלאָפען ווי אַ ווילדע חיה און האָט ניט געוואוסט, צו וועמען ער זאָל אויסלאָזען זיין כעס. קענטיג

אז לייטענאַנט מארטין האָט איהם דערצעהלט וועגען אונזער געשפּרעך, וואָס האָט איהם נאטירליך געמוזט נאָך מעהר אויפברענגען געגען מיר. אין דעם דאָזיגען צושטאַנד האָט ער פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער זיך, און זיין קלוגע צוריקהאלטונג, וועלכע האָט אונז קיינמאָל ניט געגעבען די מעגליכקייט איהם צו קאָנען פּאַקען ביי וואָס עס איז, איז מיט אמאָל געבראָכען געוואָרן. אזוי איז אלעס געקומען, ווי עס האָט געמוזט קומען. דעם 20טען אָקטאָבער — ס'איז געווען א שבת און גלייך נאָך די באַזוכען — האָט זיך אין לאַגער פּלוצלינג פאַרשפּרייט די נאַכריכט, אז דער פּעלדפּעבעל האָט נאָר וואָס געשלאָגען איינעם פון אונזערע מיטגעפאנגענע, א געוויסען מילער, אין „סי"־באַטאַליאָן, און דערנאָך האָט ער איהם מיט דער הילף פון א סאָלדאט פאַרשפּאַרט אין א צעל. די נאַכריכט האָט יעדען איינעם געטראָפען ווי א דונער. נאָך קיינמאָל פריהער האָב איך ניט געזעהן מיינע מיטגעפאנגענע אין אזא אויפרעגונג. אלעס האָט געשריען, געליאַרעמט, געטומעלט. מען האָט פאַרוואָרפען דעם פּעלדפּעבעל, וועלכער האָט זיך אין ערגעץ ניט געוויזען, מיט די שענדליכסטע נעמען. ס'האָט אויסגעזעהן ווי אין א דולהויז.

ווען ס'איז געקומען די צייט פון דער צעהלונג, האָבען זיך די באַטאַליאָנען „בי" און „סי" ענטזאגט צו פאָלגען און מען האָט זיי אויף קיין פאַל ניט געקאָנט באַוועגען זיך אויסצושטעלען. אזוי ווי מילער האָט געהערט צו זיין באַטאַליאָן, איז פּאָפּע אוועק צום קאָמאַנדיר, אָבער ווי שטענדיג אין קריטישע מאָמענטען איז ער ניט געווען אין אָפיס און מען האָט איהם אין ערגעץ ניט געקאָנט געפינען. פּאָפּע האָט זיך דערום געווענדעט צום מיידזשאָר און איהם ערקלערט, אז עס איז פאַראַן בלויז איין מיטעל די לייט צו באַרוהיגען, און דאס איז, מען זאָל מילער'ן באַלד באַפרייען און איהם לאָזען צוריקגעהן אין באַטאַליאָן. אן אָפיציר, וועלכער איז געווען דערביי, ווען די גאַנצע געשיכטע איז פאָרגעקומען, האָט מיט די שטאַרקסטע ווערטער אויסגעדריקט זיין אויפגעבראַכטקייט איבער טרינמאַן'ס ווילדע באַנעמונג, און דער מיידזשאָר האָט ניט געטראַכט

קיין רגע און ארויסגעלאזט מילער'ן פון צעל. ערשט נאכדעם ווי עס איז באקאנט געווארן אין גאנצען לאגער, אז מילער איז באפרייט, האבען זיך די געפאנגענע אויסגעשטעלט צו דער צעהלונג. וואלט זיך דער פעלדפעבעל אין דעם טאג געוויזען אין לאגער, וואלט מען איהם זיכער צוריסען אויף שטיקער, אזוי אויפגעבראכט זיינען די געפאנגענע געוועז. אט דער געמיינער פייגלינג האט זיך אין סטארטפארד געקאנט ערלויבען צו שלאגען שוצלאזע געפאנגענע, אבער דא איז די זאך אנדערש געוועז, ווי ער האט עס צו זיין שאדען געזאלט אויסגעפינען.

נאך דער צעהלונג בין איך אוועק צו פאפע'ן, כדי צו דערגעהן די איינצעלהייטען פון דער פאסירונג. פאפע האט גלייך גערופען מילער'ן, און דער דאזיגער האט מיר אלזא ערקלערט, ווי אזוי די גאנצע זאך האט זיך אפגעשפילט. מילער האט אין דעם טאג גע־האט זיין פרוי ביי זיך צו גאסט און איז געשטאנען מיט איהר ביים אריינגאנג צו דעם „איסט־האל", ווען ס'האט געקלונגען דער סיג־נאל, אז די באזוך־צייט איז געווען צו ענד. די מעהרסטע געפאנ־גענע האבען זיך שוין געהאט צוריקגעצויגען, ווען מילער האט זיך צוגעגרייט צו געזעגענען זיך מיט זיין פרוי. פלוצלינג איז דער פעלדפעבעל אויף א פראוואצירענדען אופן צוגעלאפען צו דער פרוי און אנגעהויבען שרייען אויף איהר, זי זאל זיך אפטראגען אהיים. די פרוי האט ניט געענטפערט מיט קיין ווארט אויף אט דער גראָ־בער באליידיגונג און האט זיך געלאזט האסטיג געהן. אצונד האט זיך טרינמאן געווענדעט צו מילער'ן און געשריען צו איהם: „גאו אין, יו באגער!"

מילער האט ניט געוואלט אריבערטראגען אט די באליידיגונג און האט געפרעגט דעם גראבען יונג, ווי ער קומט איהם צו זידלען אויף אזא'ן אופן. דא איז טרינמאן געווארן מלא רציחה, האט אנגעכאפט דעם מאן ביים אקסעל און מיט דער הילף פון א סאל־דאט, וואס ער האט צוגערופען, האט ער איהם מיט סטוסאקעס און בריקעס אריינגעווארפען אין א צעל. דארט האט ער מיט ווילדען צארן ביי מילער'ן ארונטערגעריסען דעם ראק פון לייב און איהם

אוועקגעוואָרפען אין א ווינקעל. דערביי האָט ער ארויסגעקייכט די ווערטער: „איף יו סעי ענאדהער וואָירד, איי שעל טהראָו יו אין דהעט קאָרנער לייק יור קאָוט.“ (אויב דו רעדסט נאָך איין וואָרט, וועל איך דיך א שליידער טאָן אין יענעם ווינקעל ווי דיין ראָק.) דערנאָך האָט ער פארהאַקט די טיר הינטער זיך און איז א צאָרנדיגער אוועק זיין וועג.

דער גראָביאן האָט זיך דאָ פארקאָכט א מיאוס׳ע קאשע, און עס איז געווען אונזער זאָך אצונד, אויסצוניצען די געלעגענהייט, כדי איינמאָל פאר אלע מאָל צו מאכען א סוף צו דער געפערליכער ראָלע פון אָט דעם שרעקליכען מענשען. מיר האָבען געזאָרגט דערפאר, אז נאָך דעמזעלבען טאָג זיינען אוועקגעשיקט געוואָרן בריעף צו דער שוועדישער און שווייצערישער געזאנדשאפט, אין וועלכע מען האָט זיי געלאָזט וויסען וועגען די פאסירונגען. פונדעסטוועגען איז מיר גלייך קלאָר געוואָרן, אז מיר מוזען אליין צולעגען א האנד, כדי צו פארטרייבען טרינמאן׳ן פון׳ם לאגער. ביז וואנען די צוויי געזאנדשאפטען וועלען זיך קאָנען ווענדען צו דער ענגלישער רעגירונג און מיט איהר פארהאנדלען, וועט אריבערגעהן מעהר ווי איין טאָג. דערוויילע וועט די אויפרעגונג אין לאגער ווידער איינגעשטילט ווערן. ס׳איז געווען קלאָר, אז דער קאָמאנדיר וועט אָנווענדען אלע מיטלען, כדי צו ראטעווען זיין שיצלינג, און טרינמאן וועט אין ערגסטען פאל ארויסקומען דערפון מיט א „בלויען אויג“. דאס אלעס האָב איך גאנץ דייטליך פאָרויסגעזעהן און עס איז מיר געווען פולשטענדיג קלאָר, אז דאָ וואָלט בלויז זעלבסט־הילף געקאָנט פיהרען צום ציעל.

אויף מאָרגען איז ניט געווען קיין אינספעקציע, וואָרים ס׳איז געווען א זונטאג. די אויפרעגונג צווישען מיינע מיטגעפאנגענע האָט זיך שוין געהאט איינגעשטעלט, ווייל טרינמאן האָט זיך אין ערגעץ ניט געוויזען. מאָנטאג איז ווידער געווען אינספעקציע, און אזוי ווי עס איז געווען א געפאר, אז דער פעלדפעבעל וועט ווי געוועהנליך באגלייטען דעם קאָמאנדיר און זיין שטאב אויף זיין גאנג דורך די דריי באטאליאָנען, האָט מען אונטער אלע אומשטענדען

געמוזט זעהן, אז דאָס זאָל ניט געשעהן. איך האָב זיך דערום שנעל דורכגערעדט מיט מיינע צוויי קאָלעגען פון „איי" און „סי" און איך האָב זיי געמאכט א פאָרשלאָג, זיך גלייך צו ווענדען צו דעם קאָמאַנדיר און ווירקען אויף איהם, אז ער זאָל ניט מיטנעמען טרינמאַן'ן צו דער אינספּעקציע. אין פאַל אויב ער וועט ניט איינגעהן דערויף, זאָלען מיר צוזאַמען מיט אַלע קאַפּיטאַנען זיך צוריקציהען פון אונזערע שטעלעס. פּאָפּע איז גלייך געוועזען איינפאַרשטאַנען דערמיט, נאָר לום האָט זיך געקוויינקעלט און געזאָגט, אז די זאַך וועט זיך שוין פון זיך אליין אויסגלייכען. אַבער ווען איך האָב איהם קלאָר פאַנאַנדערגעלעגט אַלע איינצעלהייטען, האָט ער זיך ענדליך ערקלערט גרייט מיט אונז מיטצוגעהן.

מיר זיינען אַלע דריי אַוועק צו דעם צימער פון'ם קאָמאַנדיר, אַבער ער איז ניט געוועזען אַנוועזענד. אָנשטאָט איהם האָבען מיר געפונען מיידזשאָר מאָט און לייטענאַנט מאַרטין. איך האָב זיך גלייך געווענדעט צום מיידזשאָר מיט דער פראַגע:

„איז עס די אבזיכט פון'ם קאָמאַנדיר, אז דער פעלדפעבעל טרינמאַן זאָל בייוואוינען די היינטיגע אינספּעקציע?"

דער מיידזשאָר האָט מיך אָנגעקוקט איבעראַשט און געענטפערט מיט אַן אומזיכערן טאָן:

„כ'קאָן אייך וועגען דעם ניט געבען קיין אויסקונפט, ווייל איך האָב נאָך היינט דעם קאָמאַנדיר ניט געזעהן. אַבער ווי איז, ווען ער זאָל דאָך האָבען די אבזיכט?"

„אויב דאָס וואָלט געווען דער פאַל," האָב איך געענטפערט, „דאַן וואָלט איך דאָ געמוזט אין נאָמען פון מיינע צוויי קאָלעגען, פון אַלע קאַפּיטאַנען און אין מיין אייגענעם נאָמען אָפּגעבען די ערקלערונג, אז מיר זיינען געצוואונגען זיך צוריקצוציהען פון אונזערע פּאָסטען. אין אַנבאַטראַכט פון די פּאָסירונגען פון פאַרגאַנגענעם שבת וואָלטען מיר געמוזט זיך אָפּזאָגען פון יעדער פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָרים מען קאָן דאָך ניט ערוואַרטען פון די מענשען, אז זיי זאָלען רוהיג אַריבערטראָגען דעם אַנבליק פון א מענשען,

וואָס האָט געקאָנט פועל'ן ביי זיך צו שלאָגען איינעם פון אונזערע מיטגעפאנגענע."

מען האָט געקאָנט זעהן אויף'ן מיידזשאָר'ס פּנים, אז ער האָט זיך געפיהלט זעהר געטראָפען דורך מיין ערקלערונג. איך בין געווען איבערצייגט, אז אינעווייניג ביי זיך אין הארצען האָט ער גערעכטפארטיגט אונזער שטעלונג, וואָרים ער איז געווען א דזשענטעלמאן, וועלכער האָט ניט געקאָנט האָבען קיין שום סימפּאטיע פאר א מענשען ווי טרינמאן. ער האָט זיך צוריקגעהאלטען פון יעדען קאָמענטאר און געזאָגט פריינדליך, אז ער וועט לאָזען וויסען דעם קאָמאנדיר וועגען אונזער ערקלערונג. דער רעזולטאַט איז גע־ווען, אז יענעם טאָג איז איבערהויפּט ניט פאָרגעקומען קיין אינ־ספּעקציע.

נאָכמיטאָג האָט מען פאָרגערופען מילער'ן פאר א קריגס־געריכט. אַנשטאָט אָנצוקלאָגען דעם קלעגליכען בחור טרינמאן, האָט מען זיך פאקטיש ענטשלאָסען דערצו, צו באגליקען זיין קרבן מיט אן אָנקלאגע. ווי עס ווייזט אויס, האָט מען געהאט די אבזיכט אָפּצושרעקען דעם מאן, כדי צו ראַטעווען דעם פעלדפעבעל. מיר האָבען אָנגעבעטען מילער'ן ער זאָל זיך ניט לאָזען באאיינפלוסען ניט דורך גוטע ווערטער, ניט דורך סטראשונקעס, און מיר האָבען איהם פארשפּראָכען אונזער פולע סאָלידאריטעט. ווי פּאָפּע, וועל־כער האָט אלס זיין באטאליאָן־פיהרער געמוזט ביישטיין די פאר־האנדלונג, האָט מיר שפּעטער דערציילט, האָט מילער דערפילט זיין אויפגאבע מיט מענליכער ענטשלאָסענקייט. הגם מען האָט גערעדט צו איהם גאנץ שטרענגע דבורים און מעהר ווי איינמאָל אויפמערק־זאם געמאכט דערויף, אז ער שטעהט דאָ ניט פאר קיין געריכט פון געשווארענע, האָט ער זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקען, נאָר ער האָט דערציילט אלעס ווי עס איז געווען, אָהן מורא און צוריקהאלטונג. דער פעלדפעבעל האָט אלעס אָפּגעלייקענט און קאלטבלוטיג ער־קלערט, אז ער איז גרייט צו נעמען אלצדינג אויף זיין שבועה. זאָגאר ווען דער סאָלדאַט, וועלכער האָט ביי־געוואוינט די גאנצע סצענע, האָט פּונקט פאר פּונקט באשטעטיגט מילער'ס ערקלערונג, האָט

טרינמאַן נאָך אַלץ געהאַלטען אין איין לייקענען און האָט זיך פאַררופען אויף זיין שבועה. ווילענדיג ניט ווילענדיג איז מען גע־צוואונגען געוועזן מילער׳ן פריי צו לאָזען.

טרינמאַן׳ס שיקזאל איז אַלזאָ איצט געוועזן פאַרזיגעלט, וואָרים אויך דער קאָמאַנדיר האָט ענדליך געמוזט איינזעהן, אַז ער האָט דעם מאַן לענגער ניט געקאָנט האַלטען. אַז עס איז איהם אָנגעקו־מען שווער זיך צו שיידען פון זיין ליעבלינג, דאָס האָט מען געקאָנט באַגרייפען. אויף מאָרגען נאָך דער פאַרהאַנדלונג געגען מילער׳ן האָט ער געשיקט רופען פּאַפּע׳ן, לוס׳ן און מיך, כדי אין דער געגענ־וואַרט פון מיידזשאָר מאָט און לייטענאַנט מאַרטין צו האַלטען פאַר אונז א דרשה און אונז אויס׳מוסר׳ן. ער האָט אָנגענומען זיין שטרענגסטע מיענע און האָט אונז אָנגעקוקט נאָך דער רייה נאָך מיט שטראָפענדע בליקען. דערנאָך האָט ער גערעדט אין א שאַרפען טאָן מכח די צושטענדען אין לאַגער און האָט אונז באַשולדיגט אַלס געגנער פון יעדער דיסציפּלין און אָנפיהרער פון רעבעלישע שטיק אין לאַגער, וואָס קאָן אונז סוף כל סוף נאָך טייער קאָסטען.

דאָ האָט מיר ענדליך געפּלאַצט די געדולד, און איך בין איהם גאַר אָהן דרך ארץ אריינגעפאַלען אין די רייד.

„אויב אימיצער האָט אונטערגעגראָבען יעדע נאַטירליכע דיס־ציפּלין אין לאַגער,” האָב איך געזאָגט, „איז דאָס דער פעלדפעבעל טרינמאַן. טרינמאַן האָט זיך פאַרבונדען מיט דעם אָפּפאַל פון׳ם גאַנצען לאַגער. ער האָט אַרומגעקליבען אַרום זיך די נידעריגסטע עלעמענטען, געוועזענע אַלפאָנסען, באָרדעלען־האַלטער און באַזיצער פון געמבלינג־הייזער, און מיט זייער הילף האָט ער אָנגעפיהרט די שענדליכסטע אינטריגעס געגען דער אינערער פאַרוואַלטונג. זיין נידערטרעכטיגער שפּיאָנען־סיסטעם האָט געמאַכט דאָס לעבען פון מיינע מיטגעפאַנגענע פאַר א גיהנום. אָט דער מאַן האָט געדענקט. אַז ער קאָן אונז באַהאַנדלען ווי געוועהנליכע אַרעסטאַנטען. וואַר־שיינליך איז דאָס געשעהן דערפאַר, ווייל ער האָט געזוכט זיינע באַקאַנטע אויסשליסליך אין יענע קרייזען. ער פלעגט זיך כסדר באַרימען פאַר זיינע געטרייע לייט אין די אויגען, אַז ער וועט מיך

און מיינע קאַמעראַדען פאַרשיקען אויף דער „אייל־אָף־מען“. ס׳איז
זיכער ניט די זאָרג פאַר דער אייגענער פּערזאָן, וועלכע באַוועגט
מיך דאָ פאַרצוברענגען אַט די זאכען. איך בין גערן גרייט נאָך
היינט אַפּגעשיקט צו ווערן נאָך דער „אייל־אָף־מען“. אָבער וואָס
פאַר אן איינדרוק האָבען אַט די סטראַשונקעס געמוזט מאַכען אויף
די מענשען? אונזערע מיטגעפאַנגענע האָבען אונז אויסגעוועהלט,
ווייל זיי האָבען צוטרוי צו אונז, און ווען זיי האָבען אַלזאָ געמוזט
זעהן, ווי א באַנדע פון שפּיאָנען און מאַראַלישע אויסוואורפען, אונ־
טער טרינמאַן׳ס לייטונג, האָבען אנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי צו
אונטערגראָבען אונזער ווירקזאַמקייט, האָט עס געמוזט קומען דערצו,
אז זיי זאָלען ארויסטרעטען אנטקעגען אַט דער שענדליכער מעטאָדע.
יעדער מענש מיט פינף געזונטע חושים מוז פאַרשטעהן, אז טרינ־
מאַן איז דער מאַן, וועלכער האָט ארויסגערופען רעבעלישע שטיק
אין לאַגער און אונטערגעגראָבען יעדע נאַטירליכע אָרדנונג. און
ווען אַט די בעסטיע פון א מענשען האָט נאָך געהאַט די העזה אויפ־
צוהויבען זיין האנד געגען איינעם פון אונזערע מיטגעפאַנגענע און
איהם אויף׳ן שמוציגסטען אופן צו באַשימפּען, דאַן דאַרף מען זיך
ניט וואונדערן, ווען די מענשען האָבען פאַרגעסען אַלע פאַרשריפטען
און אין זייער גערעכטער אויפגעבראַכטקייט רעבעלירן זיי געגען דער
גראָבער באַליידיגונג, וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן. ס׳איז ווירקליך
גענוג, וואָס מיר זיצען דאָ יאָהרען פון אונזער לעבען אומשולדי־
גערהייט געפאַנגען, אָבער מיר וואָלטען געמוזט זיין הינט, ווען מיר
זאָלען צוגעבען, אז מען זאָל אונז נאָך מיסהאַנדלען קערפּערליך.
אונטער דעם אַלטען קאָמאַנדיר זיינען אַזעלכע זאכען קיינמאָל ניט
פאָרגעקומען. א מענש ווי טרינמאַן איז אוממעגליך אין א לאַגער
פון ציוויל־געפאַנגענע, און מיר מוזען זיך אָפּזאָגען דערפון, איבער־
צונעמען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר זאכען, וועלכע דער פעלד־
פעבעל טרינמאַן האָט דורך זיינע אומריינע האַנדלונגען אליין פאַר־
אורזאַכט.“

כ׳האָב גערעדט מיט א היבש ביסעל טעמפּעראַמענט און איך
האָב געזעהן, ווי אויף דעם קאָמאַנדיר׳ס געזיכט האָבען זיך געביטען

די קאלירען פאר כעס און פארדרוס. בעת איך האב דעם פעלד־פעבעל אנגערופען א בעסטיע האט ער איינפאך א ציטער געטאן. אבער מיר איז געווען אלצאיינס, ס'האט געקאנט קומען, וואס עס האט געוואלט. אט דער מאן האט זיך ניט געזאלט איינבילדען, אז איך וועל פאר איהם זיך בויגען און דרייען.

נאך מיר האט געערדט פאפע, וועלכער האט זיך אויך ניט צו־ריקגעהאלטען, ניט באנוצט קיין פארשטעלטע ווערטער און מיר אויף אן אויסגעצייכענטען אופן אונטערשטיצט. דא האט דער קאַ־מאנדיר פלוצלינג ווידער אנגענומען זיין מילדען פנים און ערקלערט אויף דעם פריינדליכסטען אופן פון דער וועלט, אז ער האט ניט אנגעהויבען צו וויסען פון די אלע זאכען, און אז ער האט בלויז איין איינציגען וואונש, צו ארבייטען מיט אונז הארמאניש.

דערמיט איז די זאך געווען געענדיגט. מיר זיינען געווען גאנץ זיכער, אז טרינמאן מוז פארלאזען דעם לאגער. אויך איז יעדען פון אונז געווען קלאר, אז אצונד, ווען דער קאמאנדיר האט פארלארן זיין בעסטע שטיצע, וועט אנהויבען בלאזען א נייער ווינט אין לאגער. ער האט אומבארינגט געמוזט פיהלען, אז ער האט דאס שפיל געגען אונז פארלארן, און אזוי ווי ער איז ניט געווען קיין ענטשלאסענער כאראקטער, האט מען בלויז געקאנט אננעמען, אז ער וועט דעם קאמף אויפגעבען. די גרעסטע צרה איז געווען די פולשטענדיגע אומפעהיגקייט פון'ם מאן, וועלכע וואלט פריהער אדער שפעטער געמוזט פיהרען דערצו, אז ער זאל זיך אויסזוכען עפעס א נייעם גינסטלינג און זיך איבערגעבען צו איהם אין די הענט, און דאן וואלט זיך די טראגעדיע אנגעהויבען פון דאס ניי. על כל פנים, דערווייל איז דער זיג געווען אונזערער. אין גאנצען לאגער האט געהערשט אן אומגעהייערע פרייד, און דעם פעלדפע־בעל'ם נפשות זיינען ווי גיפטיגע ווערים פארקראכען אין זייערע ווינקלען און האבען פון איצט אן ניט געוואגט מעהר קיין קאפ אויפצוהויבען.

אין פארלויף פון דער גאנצער צייט האט זיך דער פעלדפעבעל אין ערגעץ ניט געוויזען, ביז ער איז ענדליך דעם 28טען אקטאבער

אוועקגעפאָהרען. כ'האָב צופעליגערווייז געהאַט עפּעס צו טאָן אין דעם „סטעף אָפיס" און איך האָב איהם דאָרט געזעהן זיצען אין אַ ווינקעל. קיינער האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. דער מאַן האָט אויסגעזעהן אַ דערשלאָגענער, און ווען ער האָט מיך דערזעהן, האָט זיך זיין געזיכט פאַרקרימט.

„אַ וואונדערבארער טאָג היינט," האָט דער טשיף קלוירק זיך אָפּגערופען צו מיר, און האָט אַ פינטעל געטאָן מיט די אויגען.

ס'איז געווען אַ מיאוס וועטער, אין דרויסען האָט געגאָסען אַ שרעקליכער רעגען, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט.

„יאָ, אַ שענער טאָג," האָב איך געזאָגט גלייכגילטיג.

אָבער דער אנדערער האָט געוואָלט טרייבען דאָס שפּיל נאָך ווייטער, און ער האָט געזאָגט:

„איהר האָט זיך, הייסט עס, ענטשלאָסען ניט צו פאָהרען נאָך דער „אייל־אָף־מען", הערר ראָקער?"

ס'איז מיר געווען דערווידער זיך צו רייצען און ווייטער צו דערנידעריגען דעם געפאַלענעם העלד, הגם ער האָט ניט פאַרדינט מען זאָל איהם שאָנעווען, און דערום האָב איך קורץ געענטפערט:

„איך וועל העכסט וואַרשיינליך באַלד פאָהרען קיין רוסלאַנד."

דערנאָך האָב איך שנעל אָפּגע'פּטר'ט דאָס וואָס איך האָב געהאַט צו טאָן, און איך בין צוריק אוועק אין באַטאַליאָן.

ווען איך בין אָנגעקומען אהין, האָט מיר מיין סעקרעטער געזאָגט, אַז דער צענזאָר מיניסטער וויל מיך זעהן. איך בין אוועק צו דעם צענזאָר אין צימער, וואו איך האָב געפונען אַלע צענזאָרען פון'ם לאַגער ביי אַ פלאַש בראָנפען. אַלע האָבען פרעהליך געלאַכט, ווען איך בין אריינגעקומען, און האָבען מיך באַגריסט מיט ליאַרמענדער פריינדליכקייט.

„ווי איך זעה, געפינט איהר זיך אין אַן אויסגעצייכענטער שטימונג, מיינע הערען," האָב איך זיך אָפּגערופען.

„יאָ," האָט געענטפערט מיניסטער. „דאָס פייערן מיר היינט

א געבורטסטאָג, און איהר וועט זיך דאָך געוויס ניט אָפּזאָגען צו טרינקען מיט אונז א גלעזעל.“

דערנאָך האָט ער מיך געבעטען זיצען און האָט מיר אָנגעבאָטען א ציגאַר.

„געוויס ניט, מיינע העררען,“ האָב איך געזאָגט, „אָבער מעג מען פרעגען, וועמעס געבורטסטאָג דאָס איז?“

„דער, וועמעס געבורטסטאָג מיר פייערן, איז לײדער ניט אנוועזענד, ווייל ער האלט גראָד דערביי צו פאַרלאָזען אָט די גאַסט־פריינדליכע היים,“ האָט מיניסטער מיט א קלוגען שמייכעל געזאָגט. „לאָמיר איהם דערמאָנען צו גוטען. צו געזונד, מיינע העררען!“

און אלע האָבען פרעהליך אויסגעליידיגט זייערע גלעזער.

אלזאָ אויך דאָ איז די פרייד געווען גרויס, וואָס מען איז ענדליך פּטור געוואָרן פון דעם פעלדפעבעל.

דער קאָמאַנדיר האָט פון איצט אָן אויסגעזעהן גאָר ווי אן אנדער מענש. ער איז שטענדיג געווען פול מיט פריינדליכקייט און האָט מיך פאַרשאָטען מיט קאָמפּלימענטען. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען מיט זיין שטאַב מאַכען די אינספּעקציע, פלעגט ער מיך באַגריסען מיט אויסערגעוועהנליכער העפליכקייט. דערנאָך פלעגט ער זיך אומקוקען אין גאַנצען באַטאַליאָן און זאָגען צו זיינע באַגלייטער:

„דאָס איז מיין בעסטער באַטאַליאָן. אלעס איז דאָ ריין און פּונקט.“

דערנאָך פלעגט ער זיך פּלוצלינג א קעהר טאָן צו מיר און זאָגען:

„דאָס איז א גרויסער פאַרדינסט פאַר דעם פיהרער.“

אָט דער לויב־געזאַנג זיינער איז פאַר מיר שטענדיג געווען ווי א פּאַטש אין פּנים, ווארים איך האָב צו גוט געוואוסט, אז די ווערטער קומען איהם ניט פון הארצען. צייטענווייז פלעגט ער מיך אויך פרעגען, ווען מען וועט מיך שיקען קיין רוסלאַנד. כ'האָב פאַרשטאַנען, אז עס איז איהם שטאַרק געגאַנגען אין דעם, פון מיר פּטור צו

ווערן. אָבער אזוי ווי איך האָב די גאנצע צייט גאָרנישט געהערט וועגען אונזער זאַך, האָב איך איהם ניט געקאָנט געבען קיין אויס־קונפט.

אָנהויב נאָוועמבער האָט מען אונז געבראַכט א גרופּע אַלטע לייט פון „לייברערי האָל“, אן אָרעמען־הויז ניט ווייט פון לאָנדאָן. איינער פון די מענער איז אויף׳ן וועג צוזאַמענגעבראָכען און מען האָט איהם געמוזט אַרויפבּרענגען אויף׳ן בארג אין א טראָג־בעטעל. זאָגאר די ענגלישע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען דאָך שוין געווען גע־וואוינט צו אַלערליי טרויעריגע סצענעס, זיינען געווען אויפגע־בּראַכט איבער דעם. פאַרוואָס מען האָט אָט די אָרעמע מענשען, וועלכע האָבען דאָך קיינעם קיין שום שלעכטס ניט געטאָן, געבּראַכט אהער, דאָס איז געווען שווער צו באַגרייפען. איינער פון די לייט, וועלכער האָט געלעבט דריי און פופציג יאָהר אין ענגלאַנד און געהאַט דריי זיהן אין דער ענגלישער ארמיי, האָט זיך באַלד נאָך זיין אָנקומען אהער ענטשלאָסען, זיך צו לאָזען אָוועקשיקען נאָך דייטשלאַנד, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אז ער וועט ניט קאָנען אויסהאַלטען א לענגערע געפאַנגענשאַפט. ווי אומבּאַשרייבליך טרויעריג דאָס אַלעס איז געווען!

א קורצע צייט נאָכדעם ווי עס זיינען אָנגעקומען די זקנים פון „לייברערי האָל“ האָט מען אונז ווידער אַמאָל געבראַכט א טראַנס־פּאָרט פון אַלטע לייט, פון וועלכע די מעהרסטע זיינען געווען איבער זעכציג יאָהר. צווישען זיי האָט זיך אויך געפונען א פּראַכטפולער אַלטער פון זיבעציג יאָהר, מיט׳ן נאָמען טשאַרלס אַללען. דער מאַן איז געווען א פישער פון הול, האָט געהאַט אכט קינדער און האָט ניט גערעדט קיין וואָרט דייטש. דריי זיהן זיינע האָבען געדינט אין דער ענגלישער ארמיי, איינער איז שוין געהאַט געפאַלען אין פראַנקרייך. דער מאַן האָט ניט געקאָנט ניט קיין פאָטער ניט קיין מוטער, און איז דערצויגען געוואָרן פון א שאָטלענדער, וועלכער האָט איהם דערצעהלט, אז זיין פאָטער איז געווען א שאָטלענדער און זיין מוטער א דייטשע פרוי. אַללען איז צופעליג געבוירען גע־וואָרן אין דייטשלאַנד און איז אַלס קינד פון זעקס מאָנאַט געקומען

קיין ענגלאַנד. אַזוי ווי ער האָט זיך אַבסאָלוט געפֿיהלט אַלס ענג־לענדער, האָט ער זיך נאַטירליך ניט געמעלדעט ביי דער רעגיסטרי־רונג פֿון די אַזויגערופֿענע „פֿיינדליכע אויסלענדער". ווען מען האָט דאָס שפּעטער אויסגעפֿונען, איז דער אַלטער מאַן פֿאַר'משפּט גע־וואָרן צו פֿערצעהן טעג געפֿענגניש און צעהן פֿונט געלד־שטראָף. דאָס איז אין יענער צייט געווען אַ זעהר מילדע שטראָף. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער ריכטער אָנערקענט דאָס שרעקליכע פֿון דעם גאַנצען פּראָצעס געגען דעם אַלטען מאַן און ער האָט זיך באַמיהט איהם צו באַהאַנדלען אַזוי מילד ווי ער איז נאָר אימשטאַנד געווען, ניט פֿאַרלעצענדיג די בוכשטאַבען פֿון'ם געזעץ. דער אַלטער אַללען האָט מיט אַ מערקווירדיגער געדולד אַריבערגעטראָגען דאָס אומרעכט וואָס מען האָט איהם אָנגעטאָן. ער איז געווען זאָרגלאָז, מונטער, און האָט ניט געוואוסט פֿון קיין טרויער. ס'איז געווען אַ פֿאַרגע־ניגען דעם מאַן אָנצוקוקען. זיין פּרעכטיגער כאַראַקטער־קאָפּ מיט די פֿרישע באַקען, מיט די לעבהאַפֿטע אויגען און מיט דער שניי־ווייסער באָרד וואָלטען געקאָנט דינען אַלס מאָדעל פֿאַר אַ מאָלער. ער איז שטענדיג געווען גוט אויפֿגעלעגט, האָט געזונגען דעם גאַנ־צען טאָג און האָט געהאַט יעדען איינעם אַלס פֿריינד.

דער לאַגער איז ארום יענער צייט ווידער מורא'דיג אָנגעפֿילט געוואָרן. מען האָט אונז ווידער געהאַט צוגעשיקט אַ גאַנצע צאָהל לייט פֿון דער „אייל־אָף־מען", וועלכע האָבען אַלע געזאָלט צוריק־געשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד, אָבער זיי זיינען דאָ אַלע געזעסען אויף אַן אָרט, און קיינער האָט ניט געוואוסט, ווען די רייזע וועט פֿאָרטגעזעצט ווערן. פֿינף מאָל האָבען די מענשען שוין געהאַט אוועקגעגעבען זייער באַגאַזש און זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן פֿון די אַנדערע, אָבער אין דעם לעצטען מאָמענט זיינען זיי נאָך אַלע גע־בליבען דאָ. זעבצעהן חדשים זיינען אויף אַזאַ'ן אופֿן פֿאַרגאַנגען. די אָרעמע מענשען זיינען געווען אַזוי פֿאַרביטערט, אַז זיי האָבען מעהר קיינעם קיין וואָרט ניט געוואָלט גלויבען. אויף אַלע זייערע פּראָטעסטען האָט מען זיי געהאַלטען אין איין פֿאַרזיכערן, אַז די דייטשע רעגירונג איז פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר דער דאָזיגער מורא'־

דיגער פאַרשלעפּונג, וואָס איז אויך פאַקטיש געווען דער פאַל. דערצו איז נאָך געקומען דאָס, וואָס מען האָט אין נאָוועמבער ווידער אַמאָל פאַרקלענערט די פּאַרציעס, דורך וואָס די געפאַנגענע זיינען אריינ־געטריבען געוואָרן אין אַ געפערליכער שטימונג.

ס'איז שוין געווען איבער אַ מאָנאַט, זינט מען האָט אונז געהאַט געגעבען די אויסזיכט צו קאָנען פאָהרען קיין רוסלאַנד. באַלד נאָך אונזער פאַרהער פאַר דער „אַדווייזאָרי קאָמיטע“ האָבען מיינע פריינט אוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו קראָפּאָטקין'ן, ער זאָל פּועל'ן ביי דער רוסישער רעגירונג צו לאָזען וויסען דער ענגלי־שער רעגירונג, אַז זי האָט גאָרנישט וואָס איינצואווענדען געגען אונזער קומען. אָבער מיר האָבען וועגען דעם מעהר גאָרנישט גע־הערט און געזעהן. ענדליך, דעם 27טען נאָוועמבער, האָב איך פון מילי'ן געקריגען אַ בריעף, אין וועלכען זי האָט מיר געלאָזט וויסען, אַז זי האָט דערהאַלטען פון.ם האָום סעקרעטערי אַ צושריפט, לויט וועלכער איהר אינטערנירונג האָט נאָך פאָרלויפיג ניט געקאָנט אויפ־געהויבען ווערן. ווי ס'האָט אויסגעזעהן, איז אָט די ענטשיידונג געקומען דורך די לעצטע געשעהענישען אין רוסלאַנד. דאָרט איז קערענסקי'ס רעגירונג אין אָקטאָבער אַרונטערגעזעצט געוואָרן, און די באָלשעוויקעס האָבען געהאַט איבערגענומען די מאַכט אין זייערע הענט. די ענגלישע פרעסע איז געווען פול מיט זאָרג און האָט וועגען די נייע מענער קיין גוט וואָרט ניט געהאַט צו זאָגען, וויל מען האָט מורא געהאַט, אַז זיי קאָנען נאָך שליסען אַ באַזונ־דערן שלום מיט דייטשלאַנד.

מילי האָט נאָך אפילו אַלץ געהאָפט, אַז נאָכדעם ווי די איצטיגע לאַגע אין רוסלאַנד וועט אַביסעל קלאָרער ווערן, וועט מען אונז פילייכט דאָך נאָך געבען די מעגליכקייט צו פאַרלאָזען ענגלאַנד. אָבער איך האָב זיך מיט אָט דער האָפנונג ניט געקאָנט טיילען. אָבער ווען מיר האָבען דערנאָך אין דער לעצטער העלפט פון דע־צעמבער געקראָגען צו וויסען, אַז צווישען רוסלאַנד און דייטשלאַנד איז עס געקומען צו אַ וואָפענשטילשטאַנד, האָב איך געוואוסט גאַנץ באַשטימט, אַז יעדע האָפנונג איז פאַר אונז פאַרלאָרן. אָבער איין

זאַך האָט מיר אין יענער צייט פון אלע באריכטען אין די צייטונגען אויסגעקוקט צו זיין קלאָר: די רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט זיך געגעבען א מעכטיגען רוק נאָך לינקס. דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון מאַלאַטעסטאַ, וועלכער האָט מיך א קורצע צייט פאר קריסטמאַס באַזוכט, ווייל ער האָט נאָך אלץ געגלויבט, אז מיר וועלען אין גיכען פאָהרען קיין רוסלאנד.

אזוי איז אָנגעקומען דער פערטער קריסטמאַס. אין לאַגער האָט געהערשט אן אומעטיגע שטימונג, און עס זיינען געווען בלויז ווייניגע צווישען אונז, וועלכע זיינען נאָך געווען גאַנץ נאָרמאַל. כ'האָב געהאַט צוגעזאָגט די קראנקע אין שפּיטאָל, אז איך וועל זיי באַזוכען אין דעם וויינאַכט־אָוועגט און זיי האַלטען א קורצע רעדע. ס'איז מיר זעהר שווער אָנגעקומען צו ריידען אין יענעם אָוועגט, אבער איך האָב ניט געקאָנט ענטווישען אָט די אָרעמע מענשען, וועלכע זיינען דאָך נאָך געווען אין אן ערגערער לאַגע ווי מיר אנדערע, און איך האָב געפּרואווט מיט עטליכע הארציגע ווערטער צוריק אָפּפרישען זייער צובראָכענעם מוט. אָבער אין די באַטאַליאָנען איז די אַטמאָספערע געווען שווער און דריקענד. ווי א קאָשמאַר איז עס יעדען איינעם געלעגען אויף'ן הארצען, און מען האָט עס ביי די מעהרסטע געקאָנט אראָפּלייענען פון פּנים, ווי מורא'דיג איינזאַם און פאַרלאָזען זיי האָבען זיך געפיהלט. נאָך א יאָהר, און דאס משוגעים־הויז וואָלט געווען פאַרטיג.

דעם 28טען דעצעמבער זיינען ווידער געקומען עטליכע געפאַנגענע פון דער „איילּ־אָף־מען“. פון זיי האָב איך זיך דערוואוסט, אז אונזער פריינד און גענאָסע אָטאָ שרייבער איז געשטאָרבען פון א הארצשלאַג. כ'האָב געקענט שרייבער'ן זינט די לעצטע צוואנציג יאָהר. אין פאַרלויף פון אָט דער גאנצער צייט איז ער געווען אומערמידליך טעטיג פאר דער דייטשער באַוועגונג אין לאָנדאָן און האָט באַזונדערס ביי געטראָגען דערצו, צו פאַרזאָרגען די גענאָסען אין דייטשלאנד מיט פאַרבאָטענע פּראָפּאַגאנדא־ליטעראַטור. און אָט דעם מאַן, וועלכער איז זיין גאַנץ לעבען לאַנג געווען א בייזער נעגנער פון'ם מיליטאַריזם און פון'ם קייזערליכען רעזשים אין דייטש־

לאַנד, איז באַשערט געווען צו שטאַרבען אין אן אינטערנירונגס־לאַגער, בעת ווען די ענגלישע צייטונגען זיינען ניט מיעד געוואָרן צו ריידען וועגען א מלחמה פאר דעם זיג פון דער דעמאָקראטיע אין אייראָפּא.

אינמיטען יאנואר האָט מיר מילי געשריבען, אז זי האָט געקריגען נאָך א בריעף פון'ם „האָום אָפיס“, אין וועלכען מען האָט איהר מיטגעטיילט, אז עס איז איהר און אונזער קליינעם זוהן ערלויבט צו פאָהרען קיין רוסלאנד. אָבער מיר איז די ערלויבעניש אָפּגעזאָגט געוואָרן. אצונד האָבען מיר וועניגסטענס געוואוסט, וואו מיר האָבען געהאלטען אין דער וועלט. מילי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דערפון, צו פארלאָזען ענגלאנד אָהן מיר. דערמיט איז פאר אונז אָפּגעשניטען געוואָרן יעדע האָפנונג צו ווערן פריי איידער דער קריג וועט זיך ענדיגען.

דעם 21טען יאנואר האָט מר. דזש. קינג אינטערפּעלירט דעם האָום סעקרעטערי וועגען אונזער פאַל און איז ענערגיש ארויסגעטראָטען פאר מילי'ס באפרייאונג, אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָט דאָס דאָך ניט געבראַכט וואָס פאר עס איז ווענדונג אין איהר שיקזאַל.

אויך „דהי הערלאַלד“ האָט ווידער אמאָל געפּרואווט אויפמערקזאם מאכען די עפענטליכע מיינונג אויף אונזער פאַל און דעם 11טען פעברואר 1918 האָט זי געבראַכט פאָלגענדען נאָטיץ:

„אויף דעם ענערגישען פּראָטעסט פון די פאָלקס־קאָמיסארען פאר אויסלענדישע אָנגעלעגענהייטען איז די ענגלישע רעגירונג ענדליך געווען געצוואונגען צו באפרייען צוויי רוסישע סאָציאליסטען, טשיטשערין און פּעטראָוו. מען האָט אויך ערלויבט פרוי פּעטראָוו, א געבוירענע דייטשקע, וועלכע איז געווען אינטערנירט אין איילסבורי, מיטצופאָהרען מיט איהר מאַן. אָבער די פאָדערונג פון דער רוסישער רעגירונג האָט זיך באַצויגען ניט בלויז אויף אָט די צוויי סאָציאליסטען, זי גילט פאר אלע רוסען, וועלכע געפינען זיך אין אן עהנליכער לאַגע. צו די „אנדערע“ פאַלען געהערט אין ערשטער ליניע דער פאַל פון מילי וויטקאָפּ־ראָקער, איינע פון די

מערקווירדיגסטע פיגורען צווישען די רוסישע סאָציאַליסטען דאָ אין לאַנד, וועלכע איז שוין ניינצעהן מאָנאַט אָפּגעזונדערט פון איהר פּאַמיליע. דעם 28טען יולי 1916 איז זי פּלוצלינג ארעסטירט געוואָרן. מען האָט זי געבראַכט אין ווין סטריט פּאָליס סטיישאָן, אָהן איהר צו ערלויבען זיך צו געזעגענען מיט איהר אכט־יעריגען זוהן*), וועלכער איז געווען אין גאַנצען אָפּהענגיג פון איהר. אין עטליכע טעג ארום האָט מען זי פון דאָרט אריבערגעפיהרט אין האָלאָוויי פּריזאָן. איהרע פריינט האָבען באַלד פאַר איהר אנגאַזשירט אַן אדוואָקאַט, וועמען ס'איז אויך געלונגען, מיט דער הילף פון'ם פּאַרלאַמענט־מיטגליד דזש. קינג, פאָרצובערענגען איהר פאַל פאַר דער „אדווייזאָרי קאָמיטע". אַ ווירקליכע פּאַרטיידיגונג איז יעדענפאַלס געווען אוממעגליך, ווייל מען האָט דאָך געגען איהר ניט געמאַכט קיין אָפענע און באַשטימטע אָנקלאַגע. איהר מאַן, רודאָלף ראָקער, האָט געלעבט דאָ אין לאַנד איבער צוואַנציג יאָהר און איז געווען רעדאַקטאָר פון'ם „ארבייטער פריינד" און פון'ם סאָציאַל־פילאָזאָפישען זשורנאַל „זשערמינאַל". באַזיצענדיג גוטע פעהיגקייטען און הויכע כאַראַקטער־אייגענשאַפטען, איז ער געוואָרן דער פיהרער פון דער ארבייטער־באַוועגונג אין איסטענד, וועמעס נשמה און אינספּיראַטאָר ער איז די גאַנצע צייט געווען. ווען מען האָט איהם ארעסטירט דעם 2טען דעצעמבער 1914 אלס אזויגערופענעם „פיינדליכען אויסלענדער", האָט אָט די האַנדלונג ארויסגערופען דעם איינשטימיגען פּראָטעסט פון אלע אָפּטיילונגען פון דער טרייד יוניאָן באַוועגונג אין איסטענד. דעם 20טען סעפּטעמבער 1917, נאָך אַ געפאַנגענשאַפט פון פופצעהן מאָנאַט, איז מילי וויטקאָפּ־ראָקער ווידער אמאָל גערופען געוואָרן פאַר דער „אדווייזאָרי קאָמיטע". מען האָט איהר ערקלערט, אַז נאָך נייע באַטראַכטונגען

---

*) דאָס איז ניט אין גאַנצען ריכטיג. אונזער אינגעלע איז גראָד געקומען אהיים פון דער שולע, ווען מילי איז ארעסטירט געוואָרן. אָבער מען האָט איהר ניט ערלויבט צו לאָזען וויסען אַ באַקאַנטע פאַמיליע אין הויז וועגען איהר ארעסט, אזוי אַז דאָס קינד איז געבליבען איינער אליין אין דעם אַפּאַרטמענט.

האָט מען באשלאָסען, איהר צו געבען די ערלויבעניש צו פאָהרען קיין רוסלאנד. זי האָט געדאנקט דער קאָמיטעט, האָט אָבער ערקלערט, אז עס איז איהר אוממעגליך צו מאכען די רייזע קיין רוסלאנד אָהן איהר מאַן. דערנאָך האָט מען אויך איהר מאַן געבראכט פאר דער קאָמיטע. דעם 17טען אָקטאָבער זיינען זיי ביידע ערשינען אין האוז אף קאמאנס, וואו מען האָט זיי נאָך א קורצען פארהער געלאָזט וויסען, אז די „אדוויזארי קאָמיטע" האָט באשלאָסען צו רעקאָמענדירען, אז מען זאָל זיי ביידען צוזאמען מיט זייער קינד ערלויבען צו פאָהרען קיין רוסלאנד. זינט דאן זיינען ווידער אריבער דריי חדשים, ביז מען האָט ענדליך געלאָזט וויסען מילי וויטקאָפּ־ראָקער, אז עס איז איהר ערלויבט צוזאמען מיט איהר אכטיעריגען איינגעל צו פאָהרען קיין רוסלאנד, אָבער אָהן איהר מאַן. נאָך דער ענטשיידונג אין דעם פאַל פון פעטראָוו שיינט אונז, אז אַט דער באַשלוס האָט ווייניג בארעכטיגונג. די פראַגע שטעהט אצונד אזוי: זאָל מען פריי לאָזען רודאָלף ראָקער, אדער זאָל מילי וויטקאָפּ־ראָקער באַשטראָפט ווערן דערפאר, ווייל דער „האָום אָפיס" איז ניט פעהיג ארויסצוגעבען א פאסענדען אורטייל?"

דערווייל האָט די ענגלישע רעגירונג אויך געקריגען פון רוסלאנד אן אָפיציעלע נאָטע, אין וועלכער מען האָט איהר מיטגעטיילט, אז די רוסישע רעגירונג וועט ניט מאכען קיין שום שטערונגען צו מיין אריינפאָהרען אהין. אָבער דאָס האָט אלעס גאָרנישט געהאָלפען. די ענגלישע רעגירונג איז איינמאָל פאר אלע מאָל געווען ענטשלאָסען מיר אָפּצוזאָגען די ערלויבעניש צו פאָהרען קיין רוסלאנד. וואָסערע אורזאכען עס האָבען זי געקאָנט פיהרען דערצו, דאָס איז געבליבען איהר געהיימניס.

דעם 11טען פעברואר האָבען די ענגלישע צייטונגען געמעלדעט, אז רוסלאנד האָט געשלאָסען פרידען מיט דייטשלאנד. אָט די נאָכריכט האָט אריינגעבראכט מיינע ליידענס־חברים אין א פרעהליכער שטימונג. מען האָט ווידער געוואגט צו האָפען, און אין דעם דאָזיגען ערשטען שלום־אָפּמאך האָט מען געזעהן א זיכערן צייכען,

אז די מלחמה האלט ביים סוף. אבער מיר אליין איז געווארן שווער אויף'ן הארצען, ווארים דער שלום פון ברעסט־ליטאווסק האט מיר אויסגעקוקט אלס דער ערשטער טויט־קלאפּ פאר דער רוסישער רעוואלוציע. ווי ס'איז געווען צו אורטיילען פון די באריכטען אין די צייטונגען, האט דער פרייסישער מיליטאריזם ברוטאל ארויפגע־שטעלט דעם פוס ביי די רוסען אויף'ן קארק. רוסלאנד איז געווען פולשטענדיג אונטערווארפען אונטער די דייטשע ארמייען. אלע צוזאגען וועגען א „גערעכטען שלום אהן אנעקסירונגען" זיינען מיט שפּאטישען געלעכטער פארווארפען געווארן פון די רעגירענדע קלא־סען אין דייטשלאנד, ווייל רוסלאנד איז געלעגען אויף דער ערד און האט זיך ניט געקאנט מעהר ווערען. דער בארימטער זעץ מיט'ן פויסט, וואס גענעראל האפמאן האט דערלאנגט אויף דעם פאר־האנדלונגס־טיש פון ברעסט־ליטאווסק, איז געווען א פויסט־קלאפּ, וואס דער מיליטאריזם האט געגעבען דער צוקונפט פון איירא׳פא. אלע סימפאטיעס, וואס די קייזערליכע דייטשלאנד האט נאך דא און דארט געקאנט האבען אין דער וועלט, האבען דורך דער שענד־ליכער פארגוואלטיגונג פון רוסלאנד געמוזט אין גאנצען דערשטיקט ווערן. צוליעב דעם גרונד האט יענע העכסט־רעאקציאנערע קליקע, וועלכע האט זינט די לעצטע יארן פול געמאכט גאנץ דייטשלאנד מיט איהר נארישן נקמה־געשריי, ניט דאס קלענסטע רעכט צו פּרא־טעסטירען געגען דעם ברוטאלען געוואלט־אקט פון ווערסאיל, ווא־רים דאס איז געווען זי, וועלכע האט סאנקציאנירט דעם געוואלט־פרידען פון ברעסט־ליטאווסק און איהם גערעכטפארטיגט אלס דאס רעכט פון'ם שטארקערן.

ס'איז געווען אינמיטען פעברואר, ווען מען האט ענדליך בא־שלאסען זיך צו נעמען ערנסט צו דעם איבערשיקען פון די עלטערע לייט קיין דייטשלאנד. די ארעמע מענשען, וועלכע מען האט זעכ־צעהן מאנאט נאכאנאנד געהאט ארומגעפיהרט ביי דער נאז, האבען צוערשט גאר ניט געוואלט גלויבען אין דעם, אבער דאס מאל איז עס וויר‎קליך געווען ערנסט. א גרויסע צאהל גוטע פריינט און בא־קאנטע האבען אין יענע טעג גענומען אפּשיד פון אונז. צווישען

זיי האָבען זיך אויך געפונען מיין אלטער קאַמעראַד ריכאַרד קלאַזע און הערמאַן קאַלענבאַך, וועלכער איז געקומען צו אונז פון סטראַט־פאָרד, און וועמען מיין פריינד ל. האָט מיר ווארם רעקאָמענדירט. קאַלענבאַך איז געווען אן אייגענאַרטיגער כאַראַקטער, וועלכער האָט אין זיין לעבען דורכגעמאַכט א מאָדנע פאַרוואַנדלונג. ער איז געקומען אלס יונגער ארכיטעקט קיין זיד־אפריקא, וואו ער האָט פאַר זיך געוואונען אן אויסגעצייכענטע פּאָזיציע. ער האָט ליעב געהאַט די פריידען פון'ם לעבען און איז געווען א טעגליכער גאַסט אין די גרויסאַרטיגע קלובען פון יאָהאַניסבורג, ביז ער האָט זיך פּלוצלינג דורך א צופאַל באַקענט מיט דעם בארימטען אינדיער מאָהאַנדאַס קאַראַמכאַנד גאַנדהי, וועמען מען רופט היינט אין גאַנץ אינדיע „מאַהאַטמאַ — די „גרויסע נשמה". אַט דער זעלטענער מאַן, וועלכער האָט זינט די לעצטע יאָהרען געפאַנגען די הערצער פון גאַנץ אינדיע מיט זיין געוואַלטיגער פּערזענליכקייט, איז אצונד געוואָרן דאָס גרויסע געשעהעניש אין קאַלענבאַך'ס לעבען. גאַנדהי'ס אידעען און איבערהויפּט זיין וואונדערבאַר ריינער און מילדער כאַראַקטער האָבען געמאַכט אויף איהם א געוואַלטיגען איינדרוק און פּלוצלינג געגעבען זיין לעבען א גאַנץ אנדער ריכטונג. פון דעם אמאָליגען לעבע־יונג איז געוואָרן א באַוואונדערער פון'ם אסקעטיזם און פון'ם באַנוגענען זיך מיט גאָרנישט. ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן גאַנדהי'ן און געלעבט מיט איהם צוזאַמען אויף א פאַרם אין פעניקס נעבען דורבאַן. ווען גאַנדהי האָט צוזאַמענגעשמידט די אזיאַטען אין זיד־אפריקא צו יענער מעכטיגער באַוועגונג פון'ם פּאַסיווען ווידערשטאַנד געגען דער רעגירונג, וועלכע האָט ערשט באַקאַנט געמאַכט זיין נאָמען אין ברייטע ווייטע קרייזען, איז קאַלענבאַך געשטאַנען געטריי ביי זיין זייט און איז געגאַנגען מיט איהם צוזאַמען אין געפענגניש.

קאַלענבאַך האָט מיר דערצעהלט געוויסע אינטערעסאַנטע זאַכען פון'ם לעבען פון דעם גרויסען אינדיער, וועלכער פלעגט איהם שטענדיג שוועבען פאַר די אויגען אלס אומדערגרייכבאַר ציעל. איך זאָג אומדערגרייכבאַר, ווארים אין דעם דאָזיגען אייראָפּייער האָבען נאָך

אלץ געווירקט די אלטע נייגונגען פון זיין ראַסע און די גע׳ירש׳ענטע פאַרשטעלונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָבען אצונד כסדר געלעבט אין קריג מיט דער נייער דערקענטעניש. אזוי איז אין זיין לעבען פאָרגעקומען א גאנצע רייה פון אינערליכע קאָנפליק־טען, וועלכע ער האָט געזוכט מיט אלע מיטלען אויסצוגלייכען, אָבער דאָס איז איהם קיינמאָל ניט ריכטיג געלונגען. גאַנדהי האָט פון צייט צו צייט געשריבען צו זיין פריינד פון אינדיע. כ׳האָב גע־לייענט פארשידענע פון די דאָזיגע בריעף און איך האָב זיך שטענ־דיג געפיהלט געטראָפען פון דער גרויסער מילדקייט און פון דער איינפאכער, ניט פּרעטענציעזער גלויביגקייט, וואָס האָט ארויסגע־רעדט פון די דאָזיגע שורות. קאַלענבאַך האָט זיך געהאַט פעסט פאָרגענומען נאָך דער מלחמה צו פאָהרען קיין אינדיע, כדי צו בלייבען שטענדיג פאראייניגט מיט גאַנדהי׳ן. צי ער האָט דער־גרייכט זיין ציעל, ווייס איך ניט.

דאָס „אהיים־שיקען" פון אזויפיעל פון אונזערע עלטערע לייי־דענס־חברים האָט אין אסך געפאנגענע נאָך פאַרשטאַרקט די האָפ־נונג, אז דער סוף פון דער מלחמה איז נאָהנט. דער פאַקט, אז ביז אהער האָט מען די מענשען שטענדיג אין דער לעצטער מינוט צו־ריקגעהאַלטען און אצונד האָט מען גאָר אומגעריכטערהייט געענ־דערט די מעטאָדע, איז פאר מעהר ווי איינעם צווישען אונז געווען א צייכען, אז הינטער די קוליסען האָט עפּעס געמוזט פאָרגעהן. קיין צווייפעל, מען האָט זיך שוין גענומען גרייטען צום שלום. מחמת דעם האָט מען געזוכט באַצייטענס ארויסצו׳פּטר׳ן אזויפיעל מענשען, וויפיעל ס׳איז נאָר מעגליך געווען. אזוי איז פאר אסך פון אָט די אזוי שווער געפּרואוווטע מענשען זייער הארציגסטער וואונש געוואָרן דער פאָטער פון׳ם געדאַנק. מען האָט ווידער גע־וואָלט האָפען, און מען האָט געהאָפט. און ס׳איז געווען גוט אזוי, וואָרים אָט די פאַלשע האָפנונגען האָבען מעהר ווי איינעם פון אונז פאַרהיט פון לאַנגזאַם איבערגעהן צום וואַנזין.

קאפיטעל 23

איינצעלהאַפט און מאַסען־אינטערנירונג

ווירקונג פון דער געפאַנגענשאַפט אויף דער געמיט־שטימונג — לאַגער־פּסיכאָלאָגיע — קלאַסען־געגענזאצען — די מאַסען־באַאיינפלוסונג — די טראַגעדיע פון אונזערע שול און בילדונגס־אינסטיטוציעס — די געבײַדע פון דער „יאָנג מענס קריסטשען אסאָסיאיישאן" — די כינעזישע וואַנט פון גייסטיגער באַשרענקטקייט — גייסטיגער אונטערגאַנג — דער קינעמאַטאָגראַף — באַטראַכטונגען.

ס'איז צייט צו באַטראַכטען אביסעל גענויער די ווירקונגען פון דער אינטערנירונג אויף דעם געמיט־צושטאַנד פון די געפאַנגענע. גראַד אויף אַט דעם געביט טרעט ארויס בולט'ער און דייטליכער ווי איבעראל דאָס אומזיניגע און פארברעכערישע פון'ם גאַנצען אינטערנירונגס־סיסטעם.

דער פּסיכישער צושטאַנד פון'ם מענשען איז שטענדיג ענג פארקניפּט מיט זיינע צייטווייליגע פיזישע באדערפענישען און מיט די מאַטעריעלע באַדינגונגען, אונטער וועלכע ער לעבט. יעדער פּסיכישער איינדרוק איז דער רעזולטאט פון דער קערפּערליכער דרויסען־וועלט, וועלכע רינגעלט אונז ארום, א גייסטיגע אָפּשפּיגלונג פון די מאַטעריעלע פאַקטען, מיט וועלכע מיר קומען אין באַריהרונג. טראַדיציעס און פּערזענליכע ערינערונגען אָן פארגאנגענע צושטענדען פון אונזער לעבען טרייבען צו מאכען געוויסע פארגלייכען און גיבען דעם פּסיכישען פיהלען א באַשטימטען שטעמפּעל. אָבער אזוי ווי די אויסערליכע פארהעלטענישען פון אונזער לעבען זיינען ניט תמיד גלייך, דערפאר קאָנען אויך די איינדריקען, וועלכע

דער מוח נעמט אויף, ניט זיין שטענדיג דיזעלביגע און מוזען צו־ליעב דעם ארויסרופען אין אונז פארשידענע שטימונגען.

אין דער געפאַנגענשאַפט געהט צו דאָס דאָזיגע בייטען זיך פון׳ם פסיכישען פיהלען אסך שנעלער ווי אין׳ם נאָרמאלען לעבען, אויך מאַניפעסטירט עס זיך אין פיעל שטאַרקערע גייסטיגע אויפ־טרייסלונגען. און אזוי ווי די געפאַנגענשאַפט אָן און פאר זיך איז אַן אומנאָרמאלער צושטאַנד, איז אויך דאָס פסיכישע פיהלען פון׳ם געפאַנגענעם מעהר אָדער װעניגער אומנאָרמאַל און קאָן אונטער געוויסע אומשטענדען אָננעמען דירעקט פאַטאָלאָגישע פאָרמען. דערביי שפילט נאַטירליך א וויכטיגע ראָלע דער סאָרט געפאַנגענ־שאַפט. ביי א מענשען, וואָס איז פאר׳משפט צו איינזאמער פאר־האַפטונג און וועמעס דרויסענדיגע וועלט איז באַשרענקט בלויז אויף דעם ענגען רוים פון זיין צעל, איז יעדער גייסטיגער איינדרוק א ריין פערזענליכער. זיין פסיכישער צושטאַנד איז כמעט אין גאנצען אָפהענגיג פון זיינע אייגענע ערינערונגען און די פארגלייכען מיט דער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך אצונד. איבער דעם מין איינדריקען ענטשיידעט קודם כל דער פערזענליכער טעמפעראמענט און דער גייסטיגער ענטוויקלונגס־גראַד פון׳ם געפאַנגענעם. די נשמה־איינדריקען פון א מענשען וואָס געפינט זיך אין איינצעל־האַפט קאָנען אָפט זיין זעהר טיף, מחמת די איינזאמקייט איבט דאָך אוים א מעכטיגע ווירקונג אויף דעם אינערליכען לעבען. אָבער די איינזאמע פארהאפטונג — באַזונדערס ווען זי גערויערט א לאַנגע צייט — קאָן אויך פיהרען צו נאַרישער אידיאָטסטווא. דאָס טרעפט הויפטזאַכליך ביי מענשען, וועלכע האָבען ניט קיין רייכען אינער־ליכען לעבען און זיינען צוליעב דעם מעהר אָנגעוויזען אויף דער געזעלשאַפט פון אנדערע. אָבער איןביידע פאַלען איז דאָס פסי־כישע פיהלען פון אזעלכע געפאַנגענע אסך וועניגער אויסגעזעצט די שטאַרקע און פלוצלינגע אויפטרייסלונגען, וועלכע זיינען פשוט אומפארמיידליך ביי א מאסען־געפאַנגענשאַפט.

אין אַן אינטערנירונגס־לאַגער, צום ביישפיל, וואו עס געהט אָן רעגעלמעסיג און אומאונטערבראָכען אַן אומאויפהערליכער פאר־

קעהר צווישען עטליכע טויזענט מענשען, זיינען אויך די זעלישע אויסווירקונגען נאַטירליכערווייז גאַנץ אנדערש. די גייסטיגע איינ־דריקען, וועלכע דער איינצעלנער נעמט אויף, טראָגען דאָ ניט שטענ־דיג קיין פּערזענליכען כאַראַקטער, זיי זיינען גיכער ענג פאַרבונדען מיט די איינדריקען און געפיהלען פון די מיטגעפאנגענע. אָט דער איינפלוס פון דער אומגעבונג איז אָפט אזוי שטאַרק, אז ער לעשט צייטענווייז אין גאַנצען אויס די אורשפּרינגליכע נשמה־שטימונגען פון׳ם איינצעלנעם אָדער ער גיט זיי א גאַנץ אנדער אויסדרוק. אזוי ענטשטעהט נעבען דער פּסיכאָלאָגיע פון׳ם איינצעלנעם נאָך א באַזונדערע קאָלעקטיווע שטימונג־אַטמאָספערע, א מין לאַגער־פּסי־כאָלאָגיע, וועלכע מוז מיט צווינגענדער נויטווענדיגקייט ארויסקו־מען פון די איינפלוסען פון׳ם שטענדיגען צוזאַמענלעבען. די פּער־זענליכע ליידען, פריידען, האָפנונגען און ענטוישונגען, צו וועלכע דער איינצעלנער געפאַנגענער איז אויסגעזעצט, לאָזען איבער מעהר אָדער ווייניגער באַשטימטע איינדריקען ביי זיינע ליידענס־חברים און רופען אין זיי ווידער ארויס באַזונדערע זעלישע צושטענדען.

אזעלכע מאסען־באַאיינפלוסונגען טרעטען צייטענווייז ארויס מיט אזא איבערמעכטיגער קראַפט, אז אפילו קריטיש־געשטימטע נאַטורען קאָנען זיך קוים אויסדרעהען פון זיי, און אין געוויסע פאַ־לען לאָזען זיך די מענשען הינרייסען צו האַנדלונגען, וועלכע זיינען פולשטענדיג אין ווידערשפּרוך מיט זייער פּערזענליכער איבערציי־גונג. דערפון קומט עס, וואָס דער פּסיכישער צושטאַנד פון די געפאַנגענע אין א מאסען־לאַגער איז אזוי שטארק קאָמפּליצירט און מוז דעם אויבערפלעכליכען באָאָבאַכטער פיהרען צו גאַנץ פאלשע שלוסען. דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס די באַריכטען אין די צייטונגען איבער די אינטערנירונגס־לאַגערען, וועלכע זיינען דאָך געוועהנליך אויסשליסליך די רעזולטאַטען פון שנעלע, אויבערפלעכליכע באַזוכען, זיינען אין אזא שרייענדען ווידערשפּרוך מיט די אייגענט־ליכע פאַקטען.

דאָ פאַנגט זיך גלייכצייטיג אָן די גרויסע טראַגעדיע פון די קריגס־געפאַנגענע ציוויל־לייט. אָט די מענשען זיינען גאָר פּלוצלינג

ארויסגעריסען געוואָרן פון׳ם קרייז פון זייערע פאַמיליעס און פון זייערע נאָרמאַלע לעבענס־באַדינגונגען און אונטערוואָרפען געוואָרן אַהן א שום איבערגאַנג אונטער א שטרענגען מיליטער־סיסטעם, וואָס האָט זיי אויף דעם ברוטאַלסטען אופן באַוויזען זייער אומגליקליכע לאַגע און זייער אבסאָלוטע רעכטלאָזיגקייט. אין די מעהרסטע פאַלען האָבען זיך די מיליטערישע באַאמטע אפילו ניט געגעבען די מיה צו וועלען ריכטיג פאַרשטעהן די לאַגע פון די געפאַנגענע. אין אסך פאַלען זיינען זיי איבערהויפּט ניט פעהיג געווען, זיך צו קאָנען מאַכען וואָס פאַר עס איז קלאָרען באַגריף איבער דעם געמיטצושטאַנד פון די מענשען. אין גרונד גענומען, איז דאָס א גאַנץ נאַטירליכע זאַך, ווייל יעדער מיליטערישער סיסטעם גרינדעט זיך אויף בלינדער געהאָרכזאַמקייט און אויף דער באַדינגונגס־לאָזער אונטערוואַרפונג פון זיינע אונטערגעגעבענע. דאָ איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען און באָאָבאַכטונגען. דער מענש — איבערהויפּט ווען ער האָט נאָך דאָס אומגליק צו זיין א געפאַנגענער — איז ביי די מיליטער־באַאמטע אין די אויגען בלויז א טויטער נומער. אזוי זיינען מיר אויך אין דער אָפיציעלער שפּראַך באַצייכענט געוואָרן ניט אלס מענשען, נאָר אלס „באַדים״, אלס קערפּערס.

אונטער די דאָזיגע אומשטענדען ענטשטעהט צווישען די געפאַנגענע און דער מיליטער־פאַרוואַלטונג שוין פון אָנפאַנג אָן א ריס, אַן אָפּגרונד, וואָס מוז ווערן אַלץ טיפער און דערווייטערטער, וואָס וועניגער עס איז פאַראַן ביי די מיליטערישע באַאמטע דער ווילען אדער די פעהיגקייט זיך אריינצוטראַכטען אין דער ווירקליכער לאַגע פון די געפאַנגענע. אין פאַרלויף פון מיין גאַנצער געפאַנגענשאַפט האָב איך געטראָפען פאַרהעלטניסמעסיג זעהר וועניג אָפיצירען, וועלכע זיינען געווען אַן אויסנאַם פון דעם דאָזיגען כלל און וועלכע האָבען זיך ווירקליך גגעבען די מיה צו פאַרשטעהן און זיך געגויער באַקענען מיט די געפאַנגענע. און אָט די געצעהלטע עטליכע זיינען ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטען. אָבער אין אַלע פאַלען האָבען אָט די מענער דורך זייער טאַקט און זייער

מענשען־פריינדליכער באַנעמונג געוואונען די אומבאַגרענעצטע סימפּאַטיע און רעספּעקט פון די געפאַנגענע, וואָס האָט זיך ציי־טענווייז אויסגעדריקט איינפאַך אין רירענדע פאָרמען.

און אינטערנירונגס־לאַגער ווי אין אַלעקסאַנדראַ פּעלעס מיט זיינע קרוב צו דריי טויזענד ציוויל־געפאַנגענע וואָלט מען גאַנץ גוט געקאָנט פאַרגלייכען מיט אַ קליינער שטאָט מיט אַלע צווייגען פון איהר אינערליכער פאַרוואַלטונג, איהרע קלאַסען־אונטערשידען און איהרע פּראָפעסיאָנעלע אָפּטיילונגען. דער גאַנצער אונטערשיד איז געווען דער, וואָס די שטאָט שטעלט פאָר אַ נאַטירליכען בנין, וואו יעדער איינוואוינער האָט זיין באַשטימטען ווירקונגס־קרייז און איז מעהר אָדער ווייניגער אימשטאַנד זיך צו רעכענען מיט זיינע פּער־זענליכע נייגונגען און באַדערפעניסען, בעת ווען די אינטערנירטע ציוויל־לייט אין „פּעלעס" זיינען געווען צו פאַרגלייכען מיט אַ פאַר־שידענפאַרביגען קאָאָס פון אַלע מעגליכע עקזיסטענצען, וועלכע זיי־נען פּלוצלינג ארויסגעריסען געוואָרן פון זייערע געוואוינהייטסמעס־סיגע לעבענס־באַדינגונגען און דורך דרויסענדער מאַכט פאַרוואָרפען געוואָרן אַהער.

הגם אָט די אַלע מענער זיינען געווען קרבנות פון׳ם זעלבען שיקזאַל, וואָס האָט זיי אומגעריכטערהייט אַריינגעפּרעסט אין דער־זעלבער לאַגע, איז די געפאַנגענשאַפט פונדעסטוועגען דאָך ניט גע־ווען אימשטאַנד אָפּצומעקען אָדער לכל הפּחות ווי עס איז אויסצו־גלייכען די קלאַסען־ און בילדונגס־אונטערשידען, וועלכע האָבען זיי אין געוועהנליכען לעבען אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. אָט די אונטערשידען זיינען אויך ווייטער באַשטאַנען אין׳ם לאַגער, הגם אין פאַרענדערטע פאָרמען, און אָפטמאָל האָבען זיי זיך נאָך פאַר־שאַרפט און געוואָרן שרייענדע געגענזאַצען. הויפּטזאַכליך איז דאָס געווען דער פאַל, ווען די אינערליכע פאַרוואַלטונג פון׳ם לאַגער איז אָנפאַרטרויט געוואָרן צו פּערזאָנען, וועלכע האָבען געהאַט אַ ברייט געוויסען און האָבען ניט געמאַכט קיין גרויסען וועזען פון רעכט און גערעכטיגקייט.

ס׳איז ניט צו באַשטרייטען, אַז אַ געוויסע צאָהל פון רייכע ציי־

וויל־געפאנגענע האבען זיך זעהר פארדינט געמאכט מיט זייער איג־טערעס פאר דעם אלגעמיינעם וואוילזיין פון זייערע מיטגעפאנגענע. מאנכע פון זיי האבען שטענדיג געהאט אן אפענע האנד, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם צו לינדערן די נויט פון זייערע ארעמערע ליידענס־חברים. עס זיינען זאגאר געווען עטליכע, וועל־כע האבען זיך פון זייער אייגענער איניציאטיווע געווענדט צו מיר און מיר געהאלטען אין איין פארזיכערן, אז איך קאן אין דרינגענדע פאלען שטענדיג רעכענען אויף זיי. דאס מוז נאך מיט מעהר פרייד אנערקענט ווערן, ווייל די גרויסע מעהרהייט פון די געפאנגענע, וואס זיינען געווען געבענשט מיט ערדישע גיטער, האט זיך כמעט שטענ־דיג אויף אן אומאנגענעמען אופן ארויסגעצייגט דורך דעם מאנגעל אין סאציאלען געפיהל. פאר די מעהרסטע פון אט די לייט איז דאס אכטונג געבען אויף זייער פיזישען איך געווען א מין לעבענס־בארוף. זיי האבען קיינמאל ניט ארויסגעוויזען דעם קלענסטען אינטערעס פאר דער אומגליקליכער לאגע פון זייערע ארעמערע מיטגעפאנגענע, אויף וועלכע זיי פלעגען געוועהנליך אראפקוקען מיט נארישען שטאלץ פון אויבען אראפ. מיט דער הילף פון זייער געלד פלעגען זיי זיך קויפען אלע מעגליכע פריווילעגיעס, און זעהר אפט איז דאס געשעהן אויף'ן חשבון פון'ם כלל.

ס'איז לייכט צו פארשטעהן, אז ביי דריי טויזענט מענשען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען פארטראטען אלע סאציאלע קלא־סען און פראפעסיעס, האט די געפאנגענשאפט געמוזט ארויסרופען די פארשידענארטיגסטע זעלישע איינדריקען און געפיהלען. אין אט דער באציהונג האבען די פריהערדיגע לעבענס־פארהעלטענישען פון'ם איינצעלנעם געשפילט א באזונדערס וויכטיגע ראלע, ווייל זיי האבען אהן אויפהער און כמעט אומבאוואוסט ארויסגעפאדערט צו מאכען פארגלייכען צווישען דעם וואס איז, און דעם וואס איז געווען. ס'איז לייכט צו פארשטעהן, אז פאר א מאן, וואס האט אויף דרויסען געפיהרט א גרויסען אדער אפילו בלויז א פארהעלטניסמעסיג רייכען לעבען, האבען די פרימיטיווע און מאנגעלהאפטע פארהעלטענישען פון'ם לאגער־לעבען געמוזט זיין באזונדערס שווער אריבערצוטרא־

גען. און דאָך האָט ער אין פארגלייך מיט זיינע אָרעמערע מיטגע־
פאַנגענע געהאט דעם גרויסען פאָרטייל, וואָס ער האָט זיך א דאנק
זיינע פינאנציעלע מיטלען געקאָנט פארשאפען פיעל באקוועמליכ־
קייטען, וועגען וועלכע די גרויסע מעהרהייט פון די געפאנגענע האָט
ניט געקאָנט חלום'ן אפילו. דאָס ווערטעל פון פיליפ פון מאקע־
דאָניע, אז קיין מויער איז ניט צו הויך, איבער וועלכען אן אייזעל
אָנגעלאָדען מיט גאָלד זאָל ניט קאָנען געפינען זיין וועג, האָט זיך
אויך ביי אונז ארויסגעוויזען אלס אמת, און די שטרענגסטע מיטלען
פון די מיליטער־באאמטע זיינען קיינמאָל ניט געווען אימשטאנד
עפעס צו ענדערן אין דער דאָזיגער אנגעלעגענהייט.

נאָך א וויכטיגער אומשטאנד איז געווען, צי דער געפאנגענער
האָט זיך פריהער אויפגעפיהרט אומאָפהענגיג אין לעבען, אדער צי
דאָס געפיהל פון דער פערזענליכער ווירדע איז ביי איהם געווען
באזונדערס שטארק ענטוויקעלט. אין דעם דאָזיגען פאל האָט ער
געמוזט אויפנעמען אלע געווענליכע באשרענקונגען, וועלכע די מילי־
טערישע דיסציפלין האָט אויף איהם ארויפגעלייגט, אלס פערזענליכע
ערנידעריגונגען. די טעגליכע צעהלונגען, די צענזור פון זייער קאָ־
רעספאָנדענץ, די דערפילונג פון אלע מיליטערישע פאָרשריפטען,
וועלכע זיינען אזוי אָפט געווען געגען יעדען געזעץ פון לאָגיק און
פון געזונטען מענשען־פארשטאנד און האָבען בלויז געקאָנט ער־
קלערט ווערן דורך דאָס פולשטענדיגע ניט קענען די אייגענטליכע
לעבענס־פארהעלטענישען, זיינען פאר אזעלכע מענשען געווען א
קוואל פון אומאויפהערליכע נשמה־ליידען, וועלכע האָבען זיי ניט
זעלטען געטריבען ביז דעם ראנד פון פארצווייפלונג. וואָס פאר עס
איז „קלייניגקייט", וועלכע האָט ניט געמאכט קיין שום איינדרוק
אויף דעם דורכשניטס־געפאנגענעם, פלעגט זיי אָפט ארייגוואַרפען
אין א מורא'דיגער אויפרעגונג, און אָט די אומאויפהערליכע געמיט־
באוועגונגען האָבען מיט גרויזאמער זיכערקייט אונטערגעגראָבען
דעם גאנצען נערווען־סיסטעם פון די אומגליקליכע.

מען וואָלט אין דעם פרט געקאָנט ברענגען א מאסע ביישפילען.
אָבער איין אומשטאנד, וואָס האָט יעדע שעה דערמאָנט דעם גע־

פאַנגענעם אָן דעם אונטערשיד צווישען זיין פריהערדיגען לעבען און דער געפאַנגענשאַפט און אויף אַזאַ'ן אופן גענוצט זעהר שטאַרק באַאיינפלוסען זיין געמיט־לעבען, פאַרדינט דאָ באַזונדערס דערמאָנט צו ווערן. נאָך מעהר דערפאַר, ווייל זיינע ווירקונגען האָבען זיך ניט אויסגעשטרעקט בלויז אויף באַשטימטע קאַטעגאָריעס פון מיינע מיטגעפאַנגענע, נאָר זיי האָבען ארויפגעלעגט זייער שטעמפעל אויף יעדען איינעם פון אונז. איך רעד דאָ וועגען דעם פולשטענדיגען מאַנגעל אין וואָס פאַר עס איז פּריוואַט־לעבען. נאָר אַ מענש, וואָס איז אליין געוועזן אינטערנירט אַ לענגערע צייט, קאָן זיך מאַכען אַ פאָרשטעלונג וועגען אָט דעם מורא'דיגען איבעל. פאַר אַנדערע איז עס אין גאַנצען אוממעגליך צו באַגרייפען אַזאַ צושטאַנד אין זיין גאַנצער שרעקליכקייט און צו קאָנען אויף ריכטיג אָפּשאַצען זיינע אומגליקליכע פאָלגען.

מען האָט זעהר פיעל געשריבען וועגען די שוידערליכע פאָלגען פון דער איינצעלהאַפט, פון דער איינזאַמער פאַרהאַפטונג אויף דעם געמיט־צושטאַנד פון די געפאַנגענע, און איך בין דער לעצטער צו צווייפלען אין דער געוויכט פון די ארויסגעבראַכטע באַווייזען. אבער איך טראַכט ניט איבער קיין רגע אפילו צו ערקלערן, אַז אַ יאָהרען־לאַנג ענג צוזאַמענלעבען פון עטליכע טויזענט מענשען מוז פיהרען צו ניט ווייניגער געפערליכע פאָלגען ווי די איינצעלהאַפט. דאָס איז באַזונדערס דער פאַל, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דערוואַקסענע באַיאָהרענטע מענער, וואָס איז דאָך אין אלגעמיין געוועזן דער פאַל ביי די געפאַנגענע פון'ם אלעקסאַנדראַ פעלעס.

דער געדאַנק אָן און פאַר זיך איז שרעקליך, אָבער די נאַקעטע פאַקטען איבערשטייגען אלעס, וואָס די דרייסטסטע פאַנטאַזיע איז אימשטאַנד אויסצוקלערן. שטעלט זיך פאָר דעם צושטאַנד פון אַ מענשען, וועמען מען האָט פלוצלינג אָפּגעריסען פון זיין פריוואַטען לעבען, און וועלכער איז אַלזאָ געצוואונגען צו לעבען איין, צוויי, דריי אָדער פיער יאָהר צוזאַמען מיט צוויי הונדערט, פינף הונדערט אָדער טויזענט מענשען. די פלעצער זיינען אַזוי אָנגעפילט, אַז אַ שטענדיגע קערפּערליכע באַריהרונג איז אין גאַנצען אוממעגליך צו פאַרמייד־

ליך. ליגט ער ביינאכט אויף זיין בעטעל און שטרעקט אויס אביסעל זיינע צוויי אָרעמס אָן א זייט, קאָן ער דאָס ניט טאָן, אָהן אָנצוטאפען דערביי זיינע שכנים פון לינקס און רעכטס. ער איז קיינמאָל ניט אויף קיין איין רגע אליין. זאָגאר די באהאלטענסטע און אינטימסטע באדערפענישען קאָן ער דורכפיהרען בלויז אין געגענווארט פון אנדערע. ער האָט קיינמאָל קיין צייט ניט צו קאָנען ריכטיג צוזאמענעמען זיינע געדאנקען, מחמת מען האָט ביי איהם צוגענומען יעדע מעגליכקייט, זיך אויסצודרעהען בלויז אויף איין מינוט אפילו פון די אומאויפהערליכע שטערונגען דורך זיין אומגעבונג. ער זיצט אויף זיין בעטעל, כדי עפעס צו לייענען אדער איבער עפעס נאָכצודענקען, אָבער איינעם פון זיינע שכנים פארווילט זיך פלוצלינג צו קלאפען מיט א האמער, אדער שפילען אויף דער הארמאָניקא, אדער ער דערצעהלט ווידער אמאָל דיזעלבע אויסגעדראָשענע געשיכטע וועגען דער מלחמה, מיט וועלכער ער האָט שוין הונדערט אנדערע מענשען אומצעהליגע מאָל געלאנגוויילט. אינמיטען דערינען לאָזען זיך הערען די ליעבליכע קלאנגען פון פארשידענע גראמאָפאנען, פון וועלכע איינער שפילט אן אריע פון „טריסטאן און איזאָלדע“ און דער אנדערער דעם „אלטען דעסויער“ אדער עפעס אן אנדער ביליג גאסען־לידעל.

די אומפארמיידליכע פאָלגע פון אזא צושטאנד איז די ענטוויקלונג פון א קראנקהאפטער גערוועזקייט, וועלכע באפאלט אויך ביסלאכוויז די שטארקסטע נאָטורען, און וועלכע נעמט אָן וואָס וויטער אלץ ערגערע פאָרמען. די קלענסטע קליינינקייט פיהרט אָפטמאָל אין א רגע צו די שארפסטע באליידיגונגען און ניט זעלטען צו אָפענע געשלעגען.

ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אז גראָד די אינטעליגענטערע עלעמענטען און מענשען מיט א פיין ענטוויקעלטערער נשמה האָבען אונטער דעם דאָזיגען צושטאנד געמוזט לידען אם גרויזאמסטען. פאר אָט די מענשען איז די געפאנגענשאפט געווען אן אומאויפהערליכע מאַטערניש, וועלכע האָט ניט זעלטען געפיהרט צו א פולשטענדיגער גייסטיגער צושטערונג פון איינצעלנע געפאנגענע. כ'האָב

געקענט צענדליגע פאַלען, וואו מענער מיט איידעלע נאַטורען און פיינע געמיטער זיינען מיט דער צייט געוואָרן אזוי מורא'דיג נער־ווען, אז זיי פלעגען אבזיכטליך באַגעהן קליינע זינד געגען דער לאַגער־דיסציפלין און דירעקט ארויספאָדערן א באשטראָפונג, כדי אויף אזא'ן אופן פאר א שטיקעל צייט צו אנטלויפען פון'ם אומענד־ליכען ליארם און גערויש פון'ם לאַגער און געפינען אביסעל רוה אין דער צעל. אנדערע האָבען דירעקט געשריבען צום קאָמאנדיר, אז ער זאָל זיי לאָזען איינשפּארען אויף עטליכע טעג אין א צעל, כדי זיי זאָלען זיך כאָטש פאר א פּאָר טעג קאָנען באפרייען פון די שרעק־ליכע פּאָלגען פון א שטענדיגען צוזאמענלעבען מיט אנדערע. איך בין איבערצייגט, אז א היבשע צאָהל פון די אינטעליגענטערע גע־פאנגענע וואָלטען גערן געווען גרייט צו פארבייטען זייער אינטער־נירונג אויף איינזאמע פארהאַפטונג, מיט דעם באַדינג, אז מען זאָל ניט צונעמען ביי זיי די מיטלען פאר א גייסטיגער באשעפטיגונג. אין יענע שמערצפולע יאָהרען האָב איך ערשט ריכטיג געפיהלט די גאנצע שוידערליכע באַדייטונג פון דאָסטאָיעווסקי'ס נאָטיצען „פון א טויטען־הויז".

דער סאָציאַלער אינסטינקט איז אָהן צווייפעל א גאנץ באַדיי־טענדע און טיף איינגעוואָרצעלטע אייגענשאפט אין'ם מענשען, אָהן וועלכער יעדע ענטוויקלונג פון אונזער ראַסע און יעדע קולטור וואָל־טען ניט מעגליך געווען. אָבער ס'איז ניט דער איינציגער אינס־טינקט. מען קאָן דעם מענשען בכלל אָנרופען א סאָציאַל וועזען, אָבער מען דאַרף דערביי ניט פארגעסען, אז אין איהם זיינען אויך פאראַן שטאַרקע אינדיווידועלע טריבען, וועלכע האָבען א באַדיי־טענדען איינפלוס אויף זיין פערזענליכקייט־געפיהל. ער דערפילט זיינע סאָציאַלע פליכטען און זוכט די פריידען און אנגענעמליכקיי־טען פון'ם געזעלשאפטליכען לעבען, אָבער דאָס געשעהט שטענדיג נאָר אונטער דער פאָרויסזעצונג, אז ער זאָל האָבען א היים, — ווי אָרם און באַשיידען זי זאָל ניט זיין —, וואוהין ער זאָל זיך קאָנען רעגעלמעסיג צוריקציהען, כדי צו לעבען פאר זיך און באַפרידיגען זיינע פריוואטע באַדערפענישען. זאָגאר דער פארברעכער, וועלכער

האָט געאַרבייט דעם גאַנצען טאָג צוזאַמען מיט זיינע ליידענס־חברים, האָט זיין צעל, וואו ער קאָן ווידער זיין פאַר זיך אַליין מיט זיינע געדאַנקען.

א פולשטענדיגע פאַרניכטונג פון'ם פּריוואַט־לעבען פאַר'סם'ט די בעסטע סאָציאַלע באַציהונגען און דער'הרג'עט דעם געגענזייטיגען רעספּעקט. מענשען, וועלכע זיינען געצוואונגען כסדר צו לעבען צוזאַמען אין ענגסטער געמיינשאַפט מוזען מיט דער צייט ווערן איבערדריסיג איינע די אַנדערע. פון'ם געפיהל פון איבערדריסיגקייט ענטשטעהט בּיסלאַכווייז אַ דירעקטע אָפּנייגונג, וועלכע קאָן זיך אונטער אומשטענדען פאַרוואַנדלען אין אויסגעפּרעגטער פיינדשאַפט און טויטליכען האַס. קיינמאָל איז מיר אָט דער גרויזאַמער אמת ניט אַזוי שטאַרק באַשטעטיגט געוואָרן, ווי אין די יאָהרען פון מיין געפאַנגענשאַפט.

ווי שטאַרק עס איז צווישען מיינע מיטגעפאַנגענע געוועזען ענטוויקעלט דאָס באַדערפעניש נאָך אַ געוויסער פּריוואַטער אָפּגעשלאָסענקייט, און ווי אַזוי עס האָט צולעצט געפונען אויסוועגען, וועלכע זיינען אין גרונד גענומען געוועזען בלויז זעלבסט־נאַרעריי, באַווייזט פאָלגענדער ביישפּיל: אין זומער 1915, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין „פּעלעם", האָט מען אונז זאָגאַר ניט ערלויבט צו האָבען נעבען אונזערע בעטלעך אַ שטול אָדער אַ קעסטעל אויף צו באַהאַלטען אונזערע איבערגעבליבענע ברויט־פּאָרציעס. דער קאָמאַנדיר, אַן אַלטער סאָלדאַט, האָט געהיט מיט אָפענע אויגען, אַז דער דאָזיגער פאַרבאָט זאָל חלילה ניט אַריבערגעטראָטען ווערן. דערביי האָט ער אַבסאָלוט ניט געהאַט קיין שלעכטע אַבזיכט, וואָרים ער איז אין אַלגעמיין געווען אַ גאַנץ מענשען־פריינדליכער כאַראַקטער, וועמעס קאַפּריזען זיינען אונז, אמת, געווען אומאַנגענעם, וועלכער האָט אָבער קיינמאָל ניט געוואָלט טאָן קיין רשעות. נאָר אין יענער צייט האָט ער נאָך ניט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר די באַדערפעניש ען און נויטען פון די געפאַנגענע. אָבער בּיסלאַכווייז איז די שאַרפסטע מיליטערישע דיסציפּלין ניט געווען אימשטאַנד אויפצוהאַלטען דעם דאָזיגען צושטאַנד. די געפאַנגענע האָבען זיך פאַ־

בריצירט פון אלטע קאסטענס טישלעך, שטולען און שאַפקעס, וועלכע האָבען, אמת, אויסגעזעהן גאנץ פרימיטיוו, און האָבען זיכער ניט ביוגעטראָגען דערצו, צו פארשענערן דעם אָנבליק פון׳ם לאַגער. אַט די אלע נייע אויפטואונגען זיינען צוערשט באַקעמפט געוואָרן פון די לאַגער־באַאמטע, אָבער ניט קוקענדיג דערויף האָט מען זיי שוין מעהר ניט געקאָנט אָפּשאַפען, אזוי אז דער קאָמאַנדיר האָט קיין ברירה ניט געהאט און האָט זיך סוף כל סוף געמוזט צוגעוואוינען דערצו.

אין ווינטער 1916 האָבען איינצעלנע פון מיינע מיטגעפאנגענע אָנגעהויבען אויפשטעלען ארום זייערע געלעגערס דינע הילצערנע געשטעלען, וועלכע זיי פלעגען דאן באהענגען מיט עטליכע דעקעס, אזוי אז עס איז ענטשטאַנען א דין ווענטעל, וואָס האָט אָפּגעזונדערט די בעטען איינע פון די אנדערע. אָט דער פארזוך איז אין א קורצער צייט נאָכגעטאָן געוואָרן פון הונדערטער. דער גאנצער לאַגער האָט דורכדעם געקראָגען א מאָדנעם אויסזעהן, וואָס האָט געמוזט ארויסרופען א גרויל ביי דעם קאָמאַנדיר, וועלכער איז אלס אלטער סאָלדאט געוועזן געוואוינט בלויז צו גראדע ליניעס און שארפע אָפּגרענצונגען. דער רעזולטאַט איז אלזאָ געוועזן, אז די אזויגערופענע „ביידלעך" זיינען פארבאָטען געוואָרן. אָבער דער פארבאָט האָט גאָרנישט געהאָלפען. אין א קורצער צייט ארום איז ארויס א נייער פארבאָט, אָבער די צאָהל פון די ביידלעך האָט זיך אויף א באַדייטענדען אופן פארמעהרט. איך האָב דערנאָך געזעדט מיט דעם קאָמאַנדיר און געזוכט איהם קלאָר צו מאַכען די טיפערע אורזאַכען פון אָט דער אריבערטרעטונג פון דער דיסציפלין. אין אָנפאַנג האָט ער פון גאָרנישט געוואָלט הערען און איז באַשטאַנען דערויף, אז די „ביידלעך" מוזען ארונטערגענומען ווערן. אבער אין א קורצער צייט ארום האָט ער זיך באַרעכענט און אָנגעהויבען באַטראַכטען די זאַך אין אַן אנדער ליכט. גלייך נאָכדעם איז ערשינען א נייער באַפעהל, לויט וועלכען ס׳איז געוועזן ערלויבט אויפצושטעלען די „ביידלעך" פון אכט אזייגער אין אָוונט ביז אויף מאָרגען זיבען אזייגער אין דערפריה. אויף דעם אופן האָט דער קאָמאַנדיר

געדענקט וועניגסטענס אין פארלויף פון טאָג צו באַזייטיגען דעם איבעל. אָבער אויך דאָס איז געווען אומזיסט. די מענשליכע נאַטור האָט געפאָדערט איהר רעכט און האָט זיך סוף כל סוף ניט געלאָזט אונטערדריקען דורך קיין שום זאַך. אין דער לעצטער צייט פון מיין געפאַנגענשאַפט האָט דער לאַגער געמאַכט דעם איינדרוק פון א ציגיינער־קאָלאָניע און האָט געהאַט א מיאוס'ן און אָפּשטויסענדען אויסזעהן פאר דעם באַזוכער. און דאָך וואָלט קיין מאַכט אין דער וועלט ניט געווען אימשטאַנד מעהר אָפּצושטעלען דאָס בויען פון די „ביידלעך”. אַזאַ מין פאַרזוך וואָלט די מענשען איינפאַך געטריבען צו פאַרצווייפלונג, און די מעהרסטע וואָלטען געווים ניט געקוקט אויף קיין שום באַשטראָפונג, אַבי נאָר אויפצוהאַלטען אָט די טרויעריגע און פרימיטיווע פאָרם פון א כלומר'שטען „אליין־זיין”.

כדי כאָטש ווי עס איז אָפּצוקערען דעם געפאַנגענעם'ס געדאַנקען פון זיין טרויעריגער לאַגע, איז פאַראַן בלויז איין מיטעל: — באַשעפטיגונג. אָהן וואָס פאר עס איז טעטיגקייט, פון וועלכען סאָרט זי זאָל ניט זיין, וואָלט א געפאַנגענשאַפט פון יאָהרען לאַנג פשוט געווען אומערטרעגליך. אין דער ערשטער צייט פון דער אינטערנירונג ווייזט זיך דאָס באַדערפעניש נאָך באַשעפטיגונג, אמת, ניט אזוי דייטליך ארוים. דער ניי־אָנגעקומענער איז אין אָנפאַנג באַרוישט פון די אייגענאַרטיגע איינדריקען פון אָט דער נייער וועלט, אין וועלכער מען האָט איהם פלוצלינג אריינגעוואָרפען. די ערינערונג אָן זיין פריהערדיגער אומגעבונג, זיין פאַמיליע א. א. וו. איז נאָך צו פריש, אז ער זאָל זיך קאָנען גלייך אריינפּאַסען אין זיין נייער לאַגע. די מעהרסטע ניי־אָנגעקומענע קאָנען זיך צוערשט גאָר ניט פאָרשטעלען, אז זייער אינטערנירונג איז א ריכטיגע. געוועהנליך שרייבען זיי צו זייער ארעסט צו א טעות פון דער לאָקאַלער פּאָליציי און לעבען מיט דער האָפנונג, אז די זאַך וועט זיך דאָך באַלד מוזען אויפקלערן און מען וועט פאר זיי ווידער אויפעפענען דעם טויער צו דער פרייהייט. אונטער אַזעלכע זעלבסט־נאַרערייען גהען אָפּט אריבער וואָכען און מאָנאַטען, איידער דער געפאַנגענער באַגרייפט אויף ריכטיג די גאַנצע ערנסטקייט פון זיין לאַגע.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך איינגערמאסען באקענט מיט די פאר־העלטעגישען פון׳ם לאַגער, ציהט איהם די אומגעזונטע אטמאָספערע גאָר אומבאַמערקטערהייט אריין אין איהר נעץ. ער הויבט אָן זיך גריבלען, א מאָדנע נערוועזקייט, פון וועלכער ער האָט פריהער קיינ־מאָל ניט געוואוסט, נעמט איהם ביסלאכווייז דורך. די ערצעהלונגען און ערפאַרונגען פון זיינע מיטגעפאַנגענע פארשנעלערן נאָך אָט דעם אייגענאַרטיגען זעלישען פּראָצעס, ביז עס קומט ענדליך א מאָמענט, ווען די אינערליכע אומרוהיגקייט באַפאַלט איהם מיט אַזאַ מאכט, אז זיינע אייגענע געדאַנקען ווארפען אויף איהם אָן א שרעק. ער פיהלט אלזאָ, אז עפּעס מוז געשעהן, כדי איבערצוקומען אָט דעם קריטישען צושטאַנד, און דאָס באַדערפעניש נאָך וואָס פאר עס איז באַשעפטיגונג קריגט איבער איהם די אויבער־האַנד.

ביי דעם ניי־אָנגעקומענעם ווערט דער וואונש נאָך וואָס פאר עס איז טעטיגקייט צוערשט אויף קיין פאַל ניט באַשטימט דורך דער אויסזיכט אויף א געוויסען פארדינסט אדער דורך דעם אינער־ליכען דראַנג, עפּעס צו טאָן. ניין, די באַשעפטיגונג איז פאר איהם פריהער פון אלץ א מין אָפּיום, וואָס גיט איהם די מעגליכקייט, ווייניגסטענס אויף א שטיקעל צייט אריבערצוטראָגען די טרויעריגע ווירקליכקייט. ס׳איז אמת, אז זאָגאר די בעסטע און אנגענעמסטע באַשעפטיגונג איז ניט אימשטאַנד צו פארנעמען אין גאנצען די געדאַנקען פון׳ם געפאַנגענעם און איהם מאכען פארגעסען אָן דער הויפּט צרה פון דער אינטערנירונג, אָבער זי קאָן איהם מאכען די געפאַנגענשאַפט ערטרעגליכער און מילדערן איהרע אומפארמייד־ליכע פאָלגען. וואָס מעהר געלעגענהייט דער איינצעלנער האָט אלזא צו באַפרידיגען זיין טעטיגקייטס־אינסטינקט, אלץ בעסער העלפט דאָס איהם איבערצוקומען די מאָנאָטאָניע פון די טרויעריגע שטונדען, טעג און וואָכען. אָבער אומגליקליכערווייז זיינען די מעגליכקייטען, וואָס די געפאַנגענע האָבען אין דעם פּרט געהאַט, געוועז אַזוי מאנגעלהאַפטיג און באַשרענקט, אז בלויז א קליינער טייל פון מיינע מיטגעפאַנגענע איז געוועז אימשטאַנד צו קאָנען באַפרידיגען זייער דראַנג נאָך טעטיגקייט.

עטליכע טוץ פון מיינע מיטגעפאנגענע זיינען געווען באשעפטיגט, כדי צו פארזארגען די אלגעמיינע באדערפענישען פון׳ם לאגער. זיי האבען געארבייט אין די קיכען, מאגאזינען און ביוראס, אנדערע האבען געהאט די אויפגאבע צו רייניגען די באדערפעניש־אנשטאלטען, בעדער, וואש־פלעצער א. א. וו., און אנדערע ווידער זיינען געווען אנגעשטעלט אלס קויהלען־טרעגער. פאר די דאזיגע ארבייטען האבען די לייט געקריגען א קליינעם געהאלט פון דריי ביז זיבען שילינג א וואך. אין דער ערשטער צייט פון אונזער געפאנגענשאפט אין „פעלעם“ זיינען די געפאנגענע, וועלכע האבען פארנומען אט די שטעלעס, געווען אנגעשטעלט פערמאנענט, און עס פלעגט גאנץ זעלטען פארקומען, אז דער איינער אדער דער אנדערער פון זיי זאל געביטען ווערן. שפעטער אבער, ווען דאס באדערפעניש נאך ארבייט האט זיך אלץ שטארקער געלאזט מערקען, איז די נאכפראגע פון די ארעמערע געפאנגענע נאך אט די אין אלגעמיין ניט זעהר אנגענעמע באשעפטיגונגען געווארן אלץ דרינגליכער, אזוי אז די אינערליכע פארוואלטונג איז געצוואונגען געווען צו בייטען די ארבייטער אלע זעקס וואכען, כדי וואס מער געפאנגענע זאלען כאטש אויף א קורצער צייט קאנען זיין באשעפטיגט און כדי זיי אויך אויף דעם אופן צו געבען די מעגליכקייט צו פארדינען א פאר שילינג. אט דער נייער איינפיהר האט אונז געמאכט געוויסע שוועריגקייטען און איז ניט געווען לטובה פון די אלגעמיינע אינטערעסען אין׳ם לאגער, אבער אזוי ווי פון צוויי צרות איז דאס געווען די קלענערע, האט מען זיך געהאלפען אזוי גוט ווי מען האט געקאנט.

אין דער לעצטער צייט פון מיין געפאנגענשאפט האבען עטליכע לאנדאנער פירמעס באשעפטיגט א קליינע צאהל פון זייערע פרייהערדיגע ארבייטער, דער עיקר זייגער־מאכער, גראווירער, גאלדשמידען און קערב־מאכער. די געפאנגענע האבען געארבייט אין באזונדערע ווערקשטאטען. מען האט זיי געצאהלט טרייד יוניאן שכירות, פון וועלכע די רעגירונג פלעגט טעגליך אראפנעמען א האלבע קרוין (60 סענט) פאר די קעסט וואס זי האט זיי געגעבען. אויסערדעם האט דער „אלעקסאנדרא פעלעם טראסט“ געהאל־

טען אומגעפער הונדערט און פופציג געפאנגענע, וועלכע ער האָט באַשעפטיגט טײלװײז אין זײנע גערטנער, טײלװײז צום אויסבעסערן פון די שאָסײען און פּאַרקען. יעדער אײנער פון אָט די אַרבײטער האָט געקריגען פיער שילינג און זעקס פּענס (א דאלאר און 10 סענט) א וואָך. הגם די מעהרסטע פון אָט די לײט זײנען געװען פּולשטענדיג אָרים, איז עס ניט געװען אויסשליסליך דער קלײנער געהאלט, וואָס האָט זײ צוגעצויגען, נאָר קודם כל דאָס דרינגענדע באַדערפעניש נאָך וואָס פאר עס איז טעטיגקײט. עס מוז דא אויך באַמערקט ווערן, אז גראָד די ארבײטער, וועלכע דער טראָסט האָט באַשעפטיגט, זײנען אויך געװען די, וואָס האָבען זיך גײסטיג אַם בעסטען אויפגעהאלטען. די ארבײט אויסער דעם פּאַרשאָלטענעם גדר פון שטעכיגע דראָהטען, אין דער פרײער נאַטור, האָט געהאט א באַרוהיגענדע װירקונג אויף דעם געמיט־צושטאַנד און אויף די נערװען פון די מענשען און האָט ארויסגערופען אין זײ נאָרמאלערע שטימונגען, אײדער דאָס איז מעגליך געװען אין דער מורא'דיג נערװעזער אטמאָספערע פון'ם לאַגער.

אלע איבעריגע געפאנגענע, וועלכע האָבען געהאט דעם װאונש, זיך אויף וואָס פאר עס איז אופן צו באשעפטיגען, האָבען דאס געמוזט טאָן אויף זײער אײגענעם חשבון. צו דעם דאָזיגען צוועק האָט מען זײ אין יעדען באטאליאָן באשטימט געװיסע פּלעצער, וואָס זײ האָבען באנוצט אלס װערקשטאַטען. א טײל פון די, וועלכע פלעגען דאָרט ארבײטען, זײנען געװען געלערנטע שנײדער, וועלכע האָבען זיך טײלװײז באשעפטיגט דערמיט צו נעהען נײע קלײדער פאר די פּארמעגליכערע געפאנגענע, טײלװײז מיט רעפּארירונגס־ארבײט, פּאַרריכטענדיג די אַלטע קלײדער פון זײערע אָרעמערע קאַמעראַדען פאר א קלײנעם פּרײז. אבער די מעהרסטע פון די געפאנגענע האָבען זיך פּאַרנומען מיט דער פּאַבריצירונג פון אלע מעגליכע סאָרטען האָלץ־ארבײטען, ווי בילדער־ראַהמען, האַנדשוה־קעסטלעך, שאַכטלען און עהנליכע זאכען. אנדערע ווידער האָבען פאבריצירט שפּילצײג פאר קינדער, צינענע רינגען, בײטעלעך, אדער זײ האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט שניצערײען פון האָלץ און בײן.

אָבער לײדער זײנען די ארבײטס־פלעצער געװען צו קלײן צו קאָנען כאָטש אויף װיפיעל עס איז באפרידיגען די אלגעמײנע פאָדערונגען, אזוי אז בלויז א פארהעלטניסמעסיג זעהר קלײנע צאָהל מענשען האָט דאָרט געקאָנט ארבײטען. דערצו איז געװען נאָך אן אנדער גרויסע צרה. אין די באַטאַליאָנען „איי" און „בי" האָבען זיך די װערקשטאַטען געפונען אין דעם זעלבען פלאץ, װאו די געפאַנגענע האָבען געמוזט שלאָפען און זאָגאר בײטאָג זיך אויפהאַלטען דאָרט, אין פאַל װען עס איז געװען א שלעכט װעטער. אזוי װי די ארבײטס־פלעצער גופא זײנען אלזאָ געװען צו קלײן ארײנצונעמען אלע די, װעלכע האָבען געהאַט דעם װאונש דערצו, האָט זיך מיט דער צײט ענטװיקעלט בײ די געפאַנגענע די שלעכטע געװאוינהײט צו ארבײטען אויף די בעטען. דאָס איז, פארשטעהט זיך, ניט געװען אין אײנקלאַנג מיט די פאָרשריפטען פון'ם לאַגער און איז צוערשט שטאַרק באַקעמפט געװאָרן. אָבער דאָס באַדערפעניש נאָך באַשעפטיגונג האָט זיך ארויסגעװיזען צו זײן שטאַרקער װי אלע פאָרשריפטען און רעגולאַציעס, אזוי אז עס איז ענדליך געקומען א צײט, װען מען האָט שוין דעם איבעל מעהר ניט געקאָנט אָפּשאַפען. דאָס איז װידער אמאָל געװען א באַװײז דערפאַר, אז די מענשליכע נאַטור איז שטאַרקער װי דער טויטער בוכשטאַב פון'ם געזעץ, און אז יעדער באַפעהל, אפילו װען ער קומט מיט די בעסטע און פארנינפטיגסטע אבזיכטען, איז גאָרנישט װערט, װען ער קאָן ניט געהאַלטען װערן.

די אומגינסטיגע לאַגע פון די װערקשטאַטען און דאָס ארבײטען אויף די בעטען האָבען געפיהרט דערצו, אז דורך דאָס שטענדיגע האַמערן, זעגען, פײלען א. א. װ. איז דער גאַנצער לאַגער געװען פול מיט אלע מעגליכע גערוישען, װעלכע האָבען אײנפאַך אָפּגעשניטען יעדע מעגליכקײט פאַר װעלכע ס'איז גײסטיגע טעטיגקײט, א צרה, װאָס האָט זיך באַזונדערס שװער געלאָזט פיהלען אין די לאַנגע װינטער־מאָנאַטען, װען די געפאַנגענע זײנען צוליב'ן שלעכטען װעטער געצװאונגען געװען צו פארברענגען דעם גרעסטען טײל פון טאָג אינעװײניג אין די באַטאַליאָנען.

אזוי איז עס געקומען, אז דורך דער טעטיגקײט פון אײן טײל

פון די געפאנגענע איז די באַשעפטיגונג פון'ם אנדערן טייל כסדר געווען געשטערט און אין אסך פאלען איז זי אין גאנצען צונישט געמאכט געוואָרן. אַט דער אומגליקליכער צושטאַנד האָט געפיהרט צו אומאויפהערליכע רייבערייען אין לאַגער און האָט אסך פון מיינע מיטגעפאנגענע אריינגעוואָרפען אין א הויכגראַדיגער נערוועזקייט, וועלכע איז אַלץ אומערטרעגליכער געווארן, וואָס לענגער די געפאַנגענשאפט האָט אָנגעהאַלטען. באזונדערס האָבען די עלטערע לייט געליטען אונטער אַט די פארהעלטענישען. ווען דער מענש האָט דערגרייכט א געוויסע עלטער, צייגט זיך ביי איהם שטאַרקער ארויס דאָס באדערפעניש נאָך רוה. ער איז ווייניגער עמפּפענגליך פאר די פריידען און פאר דעם גערויש פון'ם עפענטליכען לעבען און קאָן בעסער אָפּשאצען די שטילע צוריקגעצויגענקייט. פאר די אלטע לייט איז דערום דער אומאויפהערליכער ליארם אין לאַגער געווען א קוואַל פון אומאויפהערליכע יסורים, וועלכע האָבען איינצעלנע צווישען זיי ביינאַה געטריבען צו פארצווייפלונג. ס'האָט ניט זעלטען געטראָפען, אז אַלטע מענער מיט טרערען אין די אויגען פלעגען קומען צו מיר, כדי זיך צו באקלאָגען פאר מיר אויף זייערע צרות. אבער וואס האָב איך געקאָנט טאָן, זיי צו העלפען? פארבאָטען די אנדערע צו ארבייטען וואָלט איינפאַך געהייסען, אריבערטראָגען די אומצופרידענקייט פון'ם איינעם טייל אויף דעם אנדער טייל. כדי ווייניגסטענס עפּעס צו טאָן, האָב איך באשטימט די געפאנגענע, אז צווישען צוויי און פיער אזייגער נאָכמיטאג זאָל ניט געמאכט ווערן קיין ליארם, כדי צו געבען די עלטערע לייט א קליינעם אָפּרוה, פאר וועלכען זיי האָבען גאר ניט געוואוסט ווי מיר אָפּצודאנקען. אבער זאָגאר אַט די קליינע באַשרענקונג איז ניט זעלטען צוטרייסעלט געוואָרן דורך דער אומאיינזעהעניש פון איינצעלנע געפאנגענע.

אָבער ערגער פון אלעמען איז געווען די יעניגע פון מיינע מיטגעפאנגענע, וועלכע האָבען זיך געוואָלט אויף וואָס פאר עס איז אופן אָפּגעבען מיט א גייסטיגער טעטיגקייט. אין דעם פרט האָבען מיר געהאט צו קעמפען מיט אזעלכע שוועריגקייטען, ווי אין קיין שום אנדער לאגער. ס'איז געווען א פראכטפולער מענשען־מאַטעריאַל,

וואָס האָט זיך אין 1915 צוזאַמענגעפונען אין „פּעלעם“, און וואָס איז אין גייסטיגער הינזיכט געשטאַנען אָהן אַן ערך העכער ווי די שפּעטערדיגע באַוואוינער פון לאַגער. צווישען זיי האָט זיך אויך געפונען אַ גאַנצע רייהע פון אויסגעצייכענטע לעהרער אויף אַלע מעגליכע געביטען. ווען דער אַלטער קאָמאַנדיר האָט די מענשען אָפּגעגעבען דריי באַזונדערע פּלעצער פאַר אונטעררייכט־ און שטודיר־צוועקען, האָט זיך אין אַ קורצער צייט ענטוויקעלט אַ רייך גייסטיג לעבען. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן היבשע עטליכע קלאַסען צו לערנען פאַרשידענע וויסענשאַפטען און פרעמדע שפּראַכען, וואָס זיינען באַזוכט געוואָרן פון מעהר ווי זיבען הונדערט שילער. ס'איז געווען באַזונדערס דר. סימאָניס, אַ מאַן פון ברייטע קענטעניסען און אַ זעלטענער כאַראַקטער, וועלכער האָט זעהר פיעל אויפגעטאָן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון'ם בילדונגס־וועזען. ס'האָט זיך איהם איינגעגעבען צוצוציהען אַלע קרעפטען וואָס זיינען געווען אין לאַגער און זיי פּלאַנמעסיג צוזאַמענפאַסען. און וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען, איז שפּעטער אויף אַ גליקליכען אופן פאָרטגעזעצט געוואָרן פון דר. מיכאַעלס און זיינע צאָלרייכע מיטאַרבייטער. זייט ביי זייט מיט דעם אונטעררייכט האָט מען אַראַנזשירט וויסענשאַפטליכע פאָרטראָגען, וועלכע האָבען זיך באַשעפטיגט מיט די פאַרשידענסטע זאַכען. די לעהרער האָבען זיך אָפּגעגעבען צו זייער אויפגאַבע מיט אינער־ליכער לוסט און מיט גרויסער איבערגעבענקייט, און פאַר זייער מיה זיינען זיי אויף אַ גרויסען אופן באַפרידיגט געוואָרן דורך דער פליי־סיגקייט און דער גייסטיגער לעבעדיגקייט פון זייערע שילער. אין משך פון זעקס חדשים האָט זיך אויף אַזאַ'ן אופן ענטוויקעלט אַ קליינע הויכשול, וועלכע איז געווען דער שטאָלץ פון'ם לאַגער.

אָבער דאָ האָט די יונגע אונטערנעמונג געקריגען דעם ערשטען קלאַפּ. אַ טייל פון די לעהרער איז פאַרשיקט געוואָרן אויף דער „אייל־אָף־מען“ און מיט זיי אַ היבשע צאָהל שילער. דער קלאַפּ איז געווען שווער אַריבערצוטראָגען, פונדעסטוועגען האָבען די פּיה־דער פון דער אינסטיטוציע אָנגעווענדט זייערע בעסטע כוחות, אויס־צופילען די ליידיג געבליבענע פּלעצער און אָנגעהן ווייטער מיט זיי־

ער ארבייט. אָבער קנאַפּע צוויי מאָנאַט שפּעטער איז שוין געקו־מען דער צווייטער קלאַפּ. אויך דעמאָלט איז עס ווידער געווען די „אייל־אָף־מען", וואָס האָט געפאָדערט איהרע קרבנות. נאָך א צווייט און דריט מאָל האָט זיך די אָרגאַניזאַטאָרען איינגעגעבען ווי עס איז צוזאַמענצושטוקעווען די מיט געוואַלט פאַנאַנדערגעריס־סענע גלידער, כדי באַטש ביז א געוויסען גראַד אויפצוהאַלטען דאָס גאַנצע. אבער די לאַגע איז געוואָרן אוממעגליך צו דערהאַלטען, און א נייער און לעצטער קלאַפּ האָט פאַרניכטעט אַלעס ביז'ן סאַמע גרונד. די לעהרער, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבען, האָבען פאַר־לאָרען דעם חשק אנצופיהרען ווייטער דעם אויסזיכטלאָזען קאַמף, און די שילער איז עס ניט געגאַנגען בעסער. דערצו זיינען די ניי־אָנגעקומענע ניט געווען דיזעלבע סאָרט מענשען ווי די קאַמעראַדען, וועלכע מיר האָבען פאַרלאָרען. איבער זעקס חדשים זיינען אין לאַגער איבערהויפּט מעהר קיין שולען ניט געווען. אבער אזוי ווי מען האָט ביי די געפאַנגענע אין די באַטאַליאָנען „בי" און „סי" ניט צוגענו־מען די פּלעצער, וועלכע זיינען געווען באַשטימט פאַר די שולען, האָבען די איינצעלנע מענשען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט אָפּגעבען מיט א גייסטיגער טעטיגקייט, וועניגסטענס געהאַט א שטילען ווינ־קעל, וואו זיי האָבען זיך געקאָנט באַשעפטיגען מיט זייער שטודי־רען, אָהן דעם זיי זאָלען געשטערט ווערן פון'ם אייביגען ליאַרם פון'ם לאַגער.

ערשט ארום סוף פון'ם יאָהר 1916 איז געמאַכט געוואָרן א נייער פּאַרזוך, ווידער צו אָרגאַניזירען די שולען. א טייל פון די אלטע לעהרער צוזאַמען מיט נייע קרעפטען, וועלכע זיינען דערווייל אָנגעקומען אין לאַגער, האָבען גענומען די איניציאַטיווע צו שאַפען עפּעס נייעס. א דאַנק דער ענערגיע און דעם אָרגאַניזאַציאָנס־טאַלאַנט פון אָט די מענער האָט זיך די יונגע אונטערנעמונג אין א קורצער צייט קרעפטיג אנטוויקעלט. עס זיינען אלזא ווידער געווען קלאַסען, וואו יעדער איינער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו נעמען אונטערריכט אין פרעמדע שפּראַכען אדער אין באַשטימטע צוויי־גען פון דער וויסענשאַפט. ס'האָט זיך פאָרמירט א ספּעציעלער

צירקעל, וואו מען פלעגט זיך איבען אין ריידען שפּאניש און פראנ־צויזיש. דערצו פלעגען געהאלטען ווערן פאָרטראגען איבער דייטשע ליטעראטור, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און אנדערע געגענשטאנדען — הקיצור, די ניי־געגרינדעטע אינסטיטוציע איז געווען אין א געזונטען און בליהענדען צושטאנד.

אן ערך זעקס חדשים צייט איז זיך די זאך אנגעגאנגען איהר רוהיגען וועג, ווען עס איז געקומען א ניי אומגליק איבער די שולען. דאָס מאָל איז עס ניט געווען די „אייל־אָף־מען"־צרה, וואָס האָט געשטעלט זייער עקזיסטענץ אין געפאר, נאר אן אנדער אורזאך. די אומגליקליכע „רעפּאטריאירונג", דאָס צוריקשיקען פון געפאנ־גענע קיין דייטשלאנד, וועלכע איז פאר הונדערטער אינטערנירטע ציוויל־לייט אויסגעוואקסען צו א טראגעדיע אָהן א סוף, איז צו־געגרייט געוואָרן. פון אלע לאגערן זיינען צו אונז צוגעשיקט גע־וואָרן געפאנגענע, וועלכע האָבען אין א קורצער צייט געזאָלט אָפּ־פאָהרען קיין דייטשלאנד. אזוי האָט זיך דער לאגער אלץ מעהר און מעהר אָנגעפילט, ביז מען איז צולעצט געצוואונגען געווען אוועק־צושטעלען בעטען אויך אין יענע פלעצער, וועלכע האָבען ביז אהער געדינט אויסשליסליך אלס קלאסען־ און לעזע־צימערען. מען האָט אונז געזאָגט, אז עס האנדעלט זיך בלויז וועגען צוויי אדער העכס־טענס דריי וואָכען. אָבער פון די וואָכען זיינען געוואָרן חדשים און פון די חדשים א יאָהר, און מען האָט נאָך אלץ קיין סוף ניט געזעהן דערצו.

פאר דעם גאנצען שול־וועזען, ווי איבערהויפּט פאר דעם גייס־טיגען לעבען אין'ם לאגער, איז דאָס געווען א גרויסער קלאַפּ. אין פארלויף פון די זומער־מאָנאטען האָבען זיך די לעהרער און די שילער ווי עס איז געקאָנט איינאָרדנען אין די באזונד־צימערען פון'ם „איסטערן האָל" אויף עטליכע שעה אין טאָג. אָבער ווען דער קאל־טער סעזאָן איז געקומען, האָבען די שולען אין גאנצען געמוזט איינ־שטעלען זייער געבענשטע טעטיגקייט, מחמת עס איז געווען אבסאָ־לוט אוממעגליך צו ארבייטען אין די אייז־קאלטע צימערען. פון דעצעמבער 1917 אָן האָבען די שולען פּראקטיש אויפגעהערט צו

עקזיסטירען, און די שטימונג צווישען די גייסטיג געניינטע עלעמענ־
טען אין לאגער איז געווען זעהר געדריקט. מען האט אונז אפילו
געהאלטען אין איין ערקלערן, אז די דייטשע רעגירונג איז פאראנט־
ווארטליך פאר דער אומבאגרייפליכער פארשלעפונג פון דער „רעפא־
טריאירונג", אבער דאס איז געווען א קנאפע טרייסט פאר די מענ־
שען. דער פאקט איז געווען, אז דאס גייסטיגע לעבען אין לאגער
איז כמעט אין גאנצען אפגעטויט געווארן, ווייל הונדערטער פון
אונזערע מיטגעפאנגענע זיינען געצוואונגען געווען זיך צו ענטזאגען
פון יעדער גייסטיגער טעטיגקייט, מחמת מען האט ביי זיי אוועקגע־
רויבט יעדע מעגליכקייט אנצוגעהן מיט זייער לערנען און שטודירען.

צו דעם אלעמען איז נאך צוגעקומען נאך אן אומשטאנד, וואס
האט זעהר פיעל ביינעטראגען דערצו צו פארשאפען די פארביטער־
רונג צווישען דעם אינטעלעקטועלען עלעמענט. אין 1916 האט זיך
מר. ניועל, דער פארטרעטער פון דער „יאנג מענ'ס קריסטשיען אסא־
סיאיישאן", געשטעלט אין פארבינדונג מיט דר. סימאנים און מיט
דער אינערליכער פארוואלטונג פון'ם לאגער. דער רעזולטאט פון
אט דער פארהאנדלונג איז געווען, אז די דערמאנטע קערפערשאפט
האט זיך פאפליכטעט אויפצושטעלען א ספעציעלע געביידע, וואס
זאל דינען אויסשליסליך פאר די צוועקען פון לערנען און שטודירען.
מר. ניועל האט אליין געהאט אנגעקוקט די אלטע שול־צימערען,
וועלכע מיר האבען געהאט אין לאגער, און איז געקומען צו דער
איבערצייגונג, אז זיי זיינען בשום אופן ניט צוגעפאסט צו די פאדער־
רונגען. און דאך, וואס װאלטען די געפאנגענע שפעטער ניט גע־
געבען דערפאר, אז מען זאל זיי ווענינסטענס לאזען זיך באנוצען
מיט אט די פרימיטיווע און אומבאקוועמע שטיבער!

נאך א לאנגען ישוב הדעת האט די י. מ. ק. א. באשלאסען
אויסצוגעבען א סומע פון טויזענט פונט סטערלינג, כדי אויפצו־
שטעלען א געביידע, וואס זאל זיך באקוועם צופאסען צו אלע פאדער־
רונגען. די י. מ. ק. א. האט זיך אנגעבאטען צוצושטעלען דעם
נייטיגען בוי־מאטעריאל און שפעטער צו באזארגען די אינערליכע
אויסשטאטונג פון די צימערען, בעת ווען די געפאנגענע האבען זיך

פאַרפליכטעט אַליין אויסצופיהרען די גאַנצע בוי־ארבייט. אַן אינ־טערנירטער ארכיטעקט מיט׳ן נאָמען גינטהער האָט געמאַכט דעם פּלאַן פון דער געביידע און האָט איבערגענומען די טעכנישע לייַ־טונג פון דער ארבייט. אין דער ערשטער צייט האָבען זיך געפונען גענוג פרייוויליגע ארבייטער, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין דעם בויען. ערשט שפּעטער, ווען מען האָט די מעהרסטע פון אָט די לייט אוועקגעשיקט נאָך דער „אייל־אָף־מען“, האָט מען געצאָהלט די, וואָס האָבען פארנומען זייער פּלאַץ, א פּאָר שילינג א וואָך, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרן טיילווייז דורך די געפאַנגענע גופא, טיילווייז דורך געוויסע פּריינט פון דר. סימאָנים.

דורך א רייה פון אומשטענדען האָט זיך די בוי־ארבייט פאַר־שלעפּט אָהן א שיעור. טיילווייז איז עס געקומען דורכדעם, וואָס אין דער צייט פון מלחמה איז ניט לייכט געווען צו קריגען די נייטיגע בוי־מאַטעריאַלען, אזוי אז גינטהער און זיינע לייט האָבען אָפט געמוזט ווארטען וואָכען־לאַנג, ביז זיי האָבען ווידער געקאָנט אָנגעהן מיט דער ארבייט. פון דער אנדער זייט איז גינטהער גע־צוואונגען געווען נאָך יעדען טראַנספּאָרט צו דער „אייל־אָף־מען“ צוזאַמענצוקריגען נייע מענשען צו דער ארבייט, דורך וואָס עס איז נאַטירליך פארלאָרען געגאַנגען אסך צייט. עס זיינען אויך גע־ווען אַסך געפאַנגענע, וועלכע האָבען באַשולדיגט דעם יונגען בוי־מייסטער, אז ער האָט מיט א כיוון פארצויגען די ארבייט, כדי דורכדעם צו פארהינדערן, אז מען זאָל איהם ניט פארשיקען אויף׳ן אינזעל, וואָרים ער איז געווען אומפּארהייראַט. גינטהער האָט דאָס אפילו אָפּגעלייקענט, אָבער א קערנדעל אמת האָט פונדעסט־וועגען געקאָנט זיין אין דעם, און פון א ריין מענשליכען שטאַנד־פּונקט באַטראַכט, האָט מען עס אויך געקאָנט פארשטעהן. קורץ און גוט, די זאַך האָט זיך געצויגען ביז קריסטמאַס 1917.

ווען מען האָט שוין געהאַלטען אזוי ווייט, האָט זיך דעם נייעם קאָמאַנדיר פארוועלט איינאָרדנען אין דער נייער געביידע רעגי־רונגס־ווערקשטאַטען. בלויז דורך אונזער ענערגישען פּראָטעסט

ביי מר. ניועל איז געלונגען די זאך צו פאַרהינדערן. דער לעהרער־קאָלעגיום האָט שוין געהאט אויסגעארבייט א דעטאַלירטען פּלאַן, ווי אזוי מען זאָל באנוצען די איינצעלנע צימערען אין פארלויף פון׳ם טאָג, ווען דער קאָמאנדיר האָט פּלוצלינג געלאָזט וויסען, אז נאָך דער אָווענט־צעהלונג, וועלכע פלעגט אין די ווינטער־מאָנאַטען פאָרקומען צווישען פיער און פינף אזייגער נאָכמיטאג, טאָר די געביידע מעהר ניט באנוצט ווערן. נו, זיינען גראָד די ווינטער־מאָנאטען געווען אם פאסענדסטען פאר לערנען און שטודירען, ווייל אין יענער צייט פון יאָהר האָבען די געפאַנגענע געהאָט א טאָפּעלט באדערפעניש אויף וואָס פאר עס איז אופן צו פאַרטרייבען די טרויעריגע מאָנאָטאָניע פון זייער פינסטערן לעבען. מחמת דעם האָבען די לעהרער און די פאָרטרעטער פון׳ם טורן־פאריין שוין אין נאָוועמבער געבעטען ביים קאָמאַנדיר די ערלויבעניש צו באַנוצען די צימערען פון דער נייער געביידע, וועלכע זיינען שוין דאן געווען פאַרטיג, אָבער אָט די פאַרנינפטיגע פאָדערונג איז איינפאך אָהן צערעמאָניעס אָפּגעזאָגט געוואָרן.

און אצונד איז געקומען דער לעצטער קלאָפּ — דער פאַרבאָט צו קאָנען באנוצען די נייע געביידע נאָך דער אָווענט־צעהלונג. דערמיט זיינע אלע האָפענונגען פון די לעהרער און זייערע דריי הונ־דערט שילער, אזוי ווי די האָפענונגען פון אסך אנדערע געפאַנ־גענע, מיט איין קלאָפּ פּלוצלינג פארניכטעט געוואָרן און דאָס גייס־טיגע לעבען פון׳ם לאגער איז געווען פאר׳משפט צום טויט.

די ווירקונג, וואָס אָט דער אומזיניגער פאַרבאָט האָט געהאט אויף דעם גייסט פון די געפאַנגענע, לאָזט זיך קוים באשרייבען. ס׳איז געשאַפען געוואָרן א פארביטערונג, וואָס האָט קיינמאָל מעהר ניט געקאָנט באזייטיגט ווערן, און זועלכע האָט נאָך געמוזט ווערן אלץ טיפער און טיפער, ווייל יעדער איינער האָט געוואוסט, אז אין אנדערע לאגערען האָבען די ביידלעך פון דער י. מ. ק. א. גע־קאָנט באנוצט ווערן דעם גאנצען טאָג ביז ניין אזייגער אין אָווענט. אויך האָט מען אין די ענגלישע צייטונגען געלייענט די באריכטען

וועגען דער געביידע פון דער י. מ. ק. א. אין רוהלעבען. אַט די גע־ביידע האָט שוין געהאט עקזיסטירט זינט 1915, און די ענגלישע ציוויל־געפאנגענע האָבען דאָרט איינגעאָרדענט א קליינע אוניווער־זיטעט, וואו זיי האָבען זאָגאר געהאט די מעגליכקייט אָפּצוגעבען זייער עקזאמען. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען האָט מען זיך ניט געקאָנט וואונדערן, וואָס די מענשען זיינען ביסלאכווייז אריינ־געקומען אין אזא צושטאַנד, וואָס האָט געמאכט אלץ שווערער און שווערער צו ריידען צו זיי אויף א פארנינפטיגען אופן

זינט צעהן וואָכען זיינע אלע שולען געווען געשלאָסען, דער טורן־פאראיין און אנדערע אָרגאניזאציעס האָבען זיך געהאלטען ביים אויפלייזען, ווייל די געפאנגענע האָבען ניט געהאט קיין פּלאץ, וואו זיי זאָלען זיך קאָנען אויף וואָס פאר עס איז אופן באַשעפטיגען. און דאָ איז געשטאַנען א פארטיגע געביידע, גוט איינגעאָרדענט און ספּעציעל געשאפען פאר דעם דאָזיגען צוועק, און האָט ניט געקאָנט באנוצט ווערן, ווייל א ברוטאלער מאכט־באפעהל, וואָס האָט גע־פאטשט יעדען געזונטען אורטייל אין פּנים אריין, האָט די געפאנ־גענע ניט דערלאָזט דערצו. די גאנצע זאַך וואָלט געקאָנט געבען אומשעצבארען מאַטעריאל פאר א מארק טוויין'שע הובאָרעסקע, ווען די פאָלגען וואָלטען ניט געווען אזוי אויסערגעוועגליך טרויעריג.

דערביי איז אבסאָלוט ניט געווען קיין שום גרונד פאר אָט דער אידיאָטישער גזרה. די באהויפּטונג פון'ם קאָמאנדיר, אז דאָס בא־נוצען פון דער נייער געביידע אין די אָווענט־שטונדען וואָלט גע־קאָנט פיהרען צו וואָס פאר עס איז פארזוך צו אנטלויפען, איז גע־ווען פונקט אזוי נאריש ווי דער פארבאָט גופא און זעהר כאראק־טעריסטיש פאר דעם גייסטיגען וועזען פון'ם מאַן. אָט דער מאַן האָט ניט געהאט די קלענסטע פאַרשטענדעניש פאר די נויטען און באדערפענישען פון די געפאנגענע. זיין גייסטיגע באשריינקטקייט איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט קיינמאָל גאָר ניט געפּרואווט זיך באקענען מיט זיי. דער אלטער קאָמאנדיר פלעגט אונטערשטי־צען יעדען פארזוך פון די געפאנגענע, זיך ווי עס איז צו באשעפ־

טיגען, וואָרים ער האָט געגוי געוואוסט, אַז טעטיגקייט איז געווען דער איינציגער מיטעל, וואָס האָט געקאָנט מאַכען די געפאַנגענ־שאַפט ערטרעגליך פאַר די מענשען. ער האָט גענומען אַן אײנ־טערעס אין דער ענטוויקלונג פון די ספּאָרט־פאַראיינען אין לאַגער און האָט קיינמאָל ניט פאַרפעהלט קיין געלעגענהייט, אַליין צו ערמוטיגען אַזעלכע זאַכען. ער האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס די שולען באַדייטען פאַר די געפאַנגענע, באַזונדערס פאַר דעם יונגערן עלעמענט, און וועלכען דער טריב צו לערנען איז נאָך געווען שטאַרק ענטוויקעלט.

דער אַלטער קאָמאַנדיר פלעגט קיינמאָל ניט מאַכען קיין אינ־ספּעקציע, אָהן דעם אַז ער זאָל אויך אָפּשטאַטען אַ באַזוך אין די שולען און ריידען אַ פּאָר ווערטער מיט די לעהרער. ער פלעגט ריידען מיט די באַטאַליאָן־פיהרער איבער אַלע אינסטיטוציעס אין לאַגער און איז שטענדיג געווען גרייט צו העלפען ענטוויקלען דעם באַשעפטיגונגס־אינסטינקט פון די געפאַנגענע, אַזוי ווייט ווי ער האָט נאָר געקאָנט.

דער נייער קאָמאַנדיר האָט ניט געהאַט דעם מינדסטען אינטע־רעס פאַר אָט די זאַכען. זיי זיינען פאַר איהם געווען אבסאָלוט אומוויכטיג, און עס וואָלט איהם גאָר קיינמאָל ניט ארויפגעקומען אויף'ן זינען זיך דורכצוריידען מיט די באַטאַליאָן־פיהרער וועגען דעם. מען האָט זאָגאר אָפּט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט פּשוט ניט געקאָנט באַגרייפען, פאַרוואָס די מענשען האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט אַזעלכע זאַכען. ביי די אינספּעקציעס פלעגט ער קיינמאָל ניט אריינקומען אין די קלאַס־צימערען. מיט די לעהרער האָט ער גערעדט בלויז דאַן, ווען די דאָזיגע זיינען געקומען צו איהם מיט אַ ביטע, וועלכע ער פלעגט בלויז אין זעלטענע פאַלען באַוויליגען. איך בין איבערצייגט, אַז אָט דער מאַן אַליין האָט קיינמאָל ניט געפיהלט אין זיך דעם וואונש פאַר וואָס פאַר עס איז גייסטיגער טעטיגקייט. מחמת דעם איז איהם קענטיג געווען אומ־מעגליך צו באַגרייפען, אַז אַזעלכע וואונשען האָבען זיך געקאָנט

דערוועקען אין אנדערע און דערצו נאָך ביי געפאנגענע. אזוי לאַנג ווי ער האָט נאָר געהאַט זיין טרינמאַן נעבען זיך, האָט מען איהם גענומען אוועק'גנב'ענען דעם גאנצען לאגער.

די געביידע פון דער י. מ. ק. א. איז סוף כל סוף געוואָרען דער געגענשטאַנד פון'ם ביטערסטען שפּאָט אין לאַגער. עס זיינען גע־ווען אזעלכע, וועלכע האָבען געקאָנט אריינקומען אין כעס, ווען מען האָט בלויז גערעדט דעריבער. כ'האָב געקאָנט א גאנצע צאָהל געבילדעטע לייט צווישען מיינע מיטגעפאנגענע, וועלכע האָ־בען זיך שטענדיג אויסגעצייכענט דורך זייער פארנינפטיגען און באַרעכענטען אורטייל. אָבער דורך די פיעלע ענטוישונגען און באַזונ־דערס דורך דעם לעצטען באפעהל פון'ם קאָמאַנדיר, וואָס האָט פארבאָטען די געפאנגענע אריינצוקומען אין דער נייער געביידע נאָך דער אווענט־צעהלונג, זיינען אָט די מענער געוואָרען אזוי שטאַרק פארביטערט, אז זיי פלעגען אָפט קומען צו די אומזיניגסטע שלוסען. אזוי האָט מיר איינמאָל א גאנץ אינטעליגענטער מאַן ערקלערט, אז די ענגלישע רעגירונג האָט קענטיג די אבזיכט סיס־טעמאטיש אָפּצושניידען אלע גייסטיגע שטרעבונגען פון די דייטשע ציוויל־געפאנגענע, כדי ניט צו דערלאָזען, אז די קענטעניסען, וואָס זיי קאָנען זיך מיט דער צייט פארשאַפען דאָ אין דער געפאנגענ־שאַפט, זאָלען שפּעטער צוניץ קומען דעם דייטשען שטאַאט.

כ'האָב געזוכט איהם קלאָר צו מאכען דעם אומזין פון אזא מין השערה, מיט דעם וואָס איך האָב איהם צווישען אנדערעס אויך אָנגעוויזען אויף דעם פאַקט, אז די געביידעס פון דער י. מ. ק. א. אין דעם אינטערנירונגס־לאַגער אויף דער „אייל־אָף־מען" זיינען אָפען פאר די אינטערנירטע אָהן א שום באַשרענקונג, אזוי אז עס לאָזט זיך אלזאָ ניט ריידען וועגען אזא אבזיכט פון דער ענגלישער רעגירונג. אָבער מען האָט דעם מאַן ניט געקאָנט אָפּווענדען פון זיין מיינונג, און ער האָט ענדליך געזאָגט, אז אויב מען קאָן פיליכט ניט ריידען וועגען א באַשטימטער אבזיכט, מוז מען אָבער צוגעבען,

אז די ערפארונגען, וועלכע מיר האָבען ביז איצט געמאכט דאָ אין לאַגער, גיבען אונז פולשטענדיג א רעכט פאר אזא פאַרדאַכט.

די הויפט צרה איז געלעגען אין דעם גאנצען סיסטעם. די אינטערעסען פון ביינאה דריי טויזענט מענשען זיינען געלעגען אין גאנצען אין די הענט פון איין איינציגען מאן, וועלכער האָט געקאָנט אויף א מוטוויליגען אופן באשטימען וואָס ער האָט געוואָלט. איז אָט דער מאן א ברייטער כאראקטער, וואָס זעהט אין די געפאַנגענע פריהער פון אלץ מענשען, וועלכע זיינען ניט דורך זייער אייגענער שולד אריינגעקומען אין דער דאָזיגער לאגע, וועט ער פון זיך אליין דערפילען זייערע בארעכטיגטע וואונשען און באדערפענישען. דורכדעם ווערן פארמידען אסך אומאנגענעמע רייבונגען, און די פארביטערונג פון די מענשען, וועלכע איז אן אומפארמיידליכע פאָלגע פון דער געפאנגענשאַפט גופא, קריגט וועניגסטענס ניט קיין פערזענליכע שארפקייט.

אָבער וואו געפינט מען אזעלכע מענער? זיי זיינען אויסערגעווענליך זעלטען, און וועניגער פון אלצדינג איז דער מיליטערישער סיסטעם אימשטאַנד צו ענטוויקלען אזעלכע כאַראקטערען. אין די מעהרסטע פאלען איז דער קאָמאנדיר ניט אזוי ברייט־הארציג און אזוי פריי פון פאראורטהייל, און דער טויטער בוכשטאַב פון זיינע רעגולאציעס איז ביי איהם וויכטיגער ווי דאָס געפיהל פון מענשליכקייט. די געפאנגענע זיינען פאר איהם אין בעסטען פאל געוועזענע מענשען, טויטע נומערן, וועלכע צעהלען זיך מעהר ניט. מחמת דעם באגרייפט ער אויך ניט דעם פארדארבליכען איינפלוס, וואָס יעדער אומזיניגער באפעהל מוז אויסאיבען אויף דעם געמיטצושטאַנד פון די געפאַנגענע. הגם ער זעהט די געפאַנגענע כמעט יעדען טאָג, האָט ער פונדעסטוועגען ניט די קלענסטע אהנונג, וואָס עס געהט פאָר אינעווייניג ביי די דאָזיגע מענשען, און וויפיעל פארבאָרגענע טראגעדיעס עס שפילען זיך אָפּ יעדען טאָג, פארביי וועלכע ער און זיינע אָפיצירען געהען אין די מעהרסטע פאלען פארביי, אָהן זיך אומצוקוקען אפילו. ס'איז זעלטען געווען דער

בייזער ווילען, וואָס איז געוואָרן דאָס טאָג־טעגליכע אומגליק פון די געפאנגענע — די טרינמאנס זיינען גליקליכערווייז ניט זעהר צאָהלרייך — נאָר די אבסאָלוטע אומפארשטענדניש פון די מי־ליטער־באאמטע, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבען ווי א דיקע וואנט צווישען די דאָזיגע און זיי. און אָט דער צושטאנד, ווי געזאָגט, איז געווען באגרינדעט אין דעם סיסטעם פון דער אינטערנירונג גופא.

אין׳ם זומער פון 1916 האָט דער אלטער קאָמאנדיר געמאכט א פּראָבע, אפּגעבענדיג די געפאנגענע א שטיק לאנד פאר דער ענט־וויקלונג פון גערטנער. יעדער מאן, וואָס האָט געהאט לוסט און ליעבע צו דער דאָזיגער ארבייט, האָט געקראָגען אן אזויגערופענעם „פּלאָט" פון אומגעפער 65 קוואדראט־פוס, וואָס ער האָט געקאָנט באפלאנצען נאָך זיין אייגענעם געשמאק נאָך. לײדער איז דאָס שטיק לאנד, וואָס מען האָט די געפאנגענע געגעבען פאר דעם דאָ־זיגען צוועק, ניט געווען זעהר גרויס, אזוי אז בלויז אכציג פּערזאָנען האָבען געקאָנט פארזאָרגט ווערען מיט „פּלאָטס", אָבער דער פּרואוו איז געקרוינט געוואָרען מיט אזא ערפאָלג, אז דעם קומענדען יאָהר האָבען די געפאנגענע שוין געקריגען פיער הונדערט „פּלאָטס", און ניט קוקענדיג דערויף איז די נאָכפראַגע געווען אסך גרעסער. די מענשען זיינען כמעט דעם גאנצען טאָג געווען באשעפטיגט אין זייערע גאָרטענדלאך, און הגם דאָס שטיקעלע לאנד, וואָס יעדער האָט געקאָנט באארבייטען, איז געווען אזוי קליין, זיינען די רעזול־טאטען צייטענווייז געווען גאנץ ערשטוינליך. א טייל האָבען גע־פלאנצט בלויז בלומען און האָבען אין דעם געפונען זייער גרעסטע פרייד. אָבער די מעהרסטע זיינען געווען פּראקטישער און האָבען געפלאנצט סאלאָד, קרויט, רעטאך און זאָגאר טאָמאטעס. ס׳איז געווען א פארגעניגען צו קוקען אויף די דאָזיגע לייט, בעת זיי האָבען געארבייט. דער פינסטערער און מידער געזיכט־אויסדרוק, דער באראקטעריסטישער צייכען פון דער געפאנגענשאפט, איז פאר־שוואונדען און האָט געמאכט פּלאץ פאר א פריידליכער און זאָרג־

לאַזער מיענע. קיין ארבייט האָט ניט געווירקט אויף די געפאַנ־גענע אזוי גוט, ווי די באַשעפטיגונג אין דער פרייער נאטור, וואָס מען האָט באַזונדערס אַם בעסטען געקאָנט באַמערקען אין פאַרלויף פון די אומענדליכע גרויע ווינטער־מאָנאַטען.

וואָס לענגער עס האָט געדויערט די געפאַנגענשאַפט, אַלץ מעהר און מעהר איז דאָס באַדערפעניש נאָך באַשעפטיגונג ביי מיינע מיטגעפאַנגענע אוועקגערוקט געוואָרן אין הינטערגרונד. די פאַר־שידענע ספּאָרט־פאַראיינען האָבען זיך ביסלאַכווייז אין גאַנצען אויפגעלייזט; בייגעטראָגען דערצו האָבען דער עיקר די שרעקליכע ערנערונגס־פאַרהעלטענישען, וועלכע זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ערגער. אָבער אויך דער זין פאַר גייסטיגער באַשעפטיגונג איז אַלץ מעהר פאַראַליזירט געוואָרן און האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר אַ בלייערנער גלייכגילטיגקייט, וועלכע האָט זיך ביי אַ טייל געפאַנ־גענע ענטוויקעלט צו אַ פולשטענדיגער אידיאָטסטווא. קאָנצערטען און פאָרטראַגען זיינען אַלץ ערגער באַזוכט געוואָרן. דער טעמפּער דרוק פון׳ם געפאַנגען־זיין האָט די מענשען פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט און לאַנגזאַם אָבער זיכער אָפּגעטויט אין זיי יעדען אינ־טערעס.

בלויז איין אינסטיטוציע איז געווען אַן אויסנאַם פון דער דאָזיגער רעגעל — דער קינאָמאַטאָגראַף. דער „קינאָ“ איז אין 1916 איינגעפיהרט געוואָרן אין לאַגער און איז באַגריסט געוואָרן מיט פרייד פון די מעהרסטע געפאַנגענע. פאַר אונז זיינען די „קינאָ“־אָוועטען געווען וויכטיג ניט בלויז צוליעב דער אונטערהאַלטונג, זיי האָבען אונז אויך איינגעבראַכט אַ גוטען פּראָפיט, וועלכער איז פאַרוועגדעט געוואָרן לטובת די קיכען. פאַר די פילמס האָבען מיר נאַטירליך געמוזט צאָהלען, און מיר האָבען געהאַט גענוג צרות אויסצושטעהן מיט דער צענזור. פאַר אַ לאַנגער צייט איז געווען בלויז איין פאָרשטעלונג אַ וואָך, וועלכע איז שטענדיג געווען גלענ־צענד באַזוכט. און ווען מיר האָבען שפּעטער איינגעפיהרט צווייז „קינאָ“־אָוועטען, איז דער באַזוך דורכאויס ניט פאַרקלענערט גע־

וואָרן. די אורזאַך לאָזט זיך אייגענטליך לייכט ערקלערן. ס'איז זיכער ניט געווען די אַנציהונגס־קראַפט, וואָס דער „קינאָ" אָן און פאַר זיך האָט געהאַט אויף די געפאַנגענע, שוין דערפאַר ניט, ווייל די פילמס, וועלכע מען האָט אונז ערלויבט, האָבען אין די מעהרסטע פאַלען געבראַכט די באַנאַלסטע זאַכען וואָס מען וואָלט זיך נאָר געקאָנט פאָרשטעלען. ניין, דאָ איז געלעגען נאָך א טיפערע אור־זאַך, וועלכע איז פון גרויסען אינטערעס.

קיין אנדער אונטערהאַלטונג אָדער באַשעפטיגונג, פון וואָס פאַר א סאָרט זי זאָל ניט זיין, איז ניט געווען אימשטאַנד אזוי אַרויס־צורייסען דעם געפאַנגענעם פון זיין סביבה, איהם אזוי פולשטענדיג מאַכען פאַרגעסען זיין לאַגע, ווי דער „קינאָ". צי ער האָט געאַר־בייט אין דער ווערקשטאַט אָדער געזעסען אין קלאַס, צי ער האָט דורכגעפיהרט וואָס פאַר עס איז ספּאָרט אָדער ער האָט זיך צוגע־הערט צו די קלאַנגען פון דער מוזיק, שטענדיג איז געווען א געווי־סער עפּעס, וואָס האָט איהם כסדר געלאָזט פיהלען די ענגע גרעני־צען פון דער געפאַנגענשאַפט. פיללייכט איז אויך דער „קינאָ" ניט געווען אימשטאַנד אין גאַנצען צו באַזייטיגען דאָס דאָזיגע אומהיימ־ליכע געפיהל, אָבער ער האָט איהם באַפרייט מעהר ווי אַלעס אנדערע פון דעם דריקענדען יאָך פון זיין אַלטעגליכער אומגעבונג. ס'איז געווען אזוי צו זאָגען א פאַרבינדונג מיט דער דרויסענדיגער וועלט, וועלכע איז, אמת, געווען בלויז א טוישונג, אָבער וועלכע האָט איהם פונדעסטוועגען לייכטער געמאַכט פאַרגעסען אָן דער מאָנאָ־טאָניע פון דער גרויער ווירקליכקייט, ווי יעדע אנדערע אונטער־האַלטונג.

אין זיינע געדאַנקען האָט ער אַליין געלעבט אין די לאַנד־שאַפטען, וועלכע האָבען פאַרבייגעשוועבט פאַר זיינע אויגען, ער האָט זיך אַליין געפונען אין דעם גערודער פון די באַנהויפען, איז געפאָהרען אויף שיפען און אייזענבאַנען און האָט פערזענליך אנטייל גענומען אין די דראַמעס, וועלכע האָבען זיך פאַר איהם אָפּגע־שפּילט. וואָס דאָס צויבער־מעשה'לע פאַר'ן קינד, דאָס איז געווען פאַר דעם געפאַנגענעם דער „קינאָ".

כ׳האב געקענט א גאנצע צאהל פון מענשען, צווישען זיי פאר־שידענע קינסטלער, וועלכע האבען דרויסען פרינציפיעל ניט באזוכט קיין „קינא״ און זיינען געווען דם־שונאים פון אט דער נייער איינ־ריכטונג, ווייל זיי האבען, מיט רעכט אדער מיט אומרעכט, אין איהר געזעהן א געפאר פאר דער ווירקליכער קונסט. אבער אין דער געפאנגענשאפט זיינען זיי געווארן רעגעלמעסיגע „קינא״־באזוכער. נאך יעדער פארשטעלונג פלעגען זיי, אמת, אפגעבען די ערגסטע אורטיילען איבער דעם וואס זיי האבען געזעהן און פלעגען שווערען הייליג, אז דאס איז געווען די לעצטע פארשטעלונג וואס זיי האבען בייגעוואוינט, אבער דאס נעכסטע מאל זיינען זיי ווידער געווען דארט. זיי זיינען ניט קוקענדיג אויף אלע זאכען געווען אונטערוווארפען אונטער דעם זעלבען פסיכישען דראנג ווי זייערע איבעריגע ליידענס־חברים, און דאס ריין מענשליכע האט סוף כל סוף געהאט אויף זיי א גרעסערע אנציהונגס־קראפט ווי דער אב־סטראקטער באגריף פון קונסט.

אבער דאס זיינען אלץ זאכען, וועלכע קומען איינעם ערשט פיעל שפעטער צום פולען באוואוסטזיין.

קאפיטעל 24

דאָס לעצטע גליק

די אינטערנירונג אין האָלאנד — א בייזע שטוקע — אויף דער „רעפּאַטריאירונגס"־ליסט קיין דייטשלאַנד — דער לעצטער פּאָרטראַג — אַפּשיד־סצענעס — מיידזשאָר מאָט און ליוטענאַנט מאַרלי — אָפּשיד פון'ם „פּעלעס" — אין ספּאלדינג — די לעצטע סצענעס אין באָסטאָן — אויף דער שיף „סינדאָראָ" — דאָס אָנקומען אין ראָטערדאַם — מיין פּאַרזוך צו אַנטלויפן — אין דייטשלאַנד — אויסגעוויזען — ביי דאמעלא ביוועגהויז — ענדע.

אין דער זעלבער צייט, וואָס דער אויסטויש פון דייטשע און ענגלישע ציוויל־געפאַנגענע איז ענדליך געוואָרן א פאַקט, איז צווישען די צוויי רעגירונגען אויך צושטאַנדגעקומען נאָך אן אנדער אָפּמאַך, וועגען וועלכען מען האָט שוין לאַנג געהאַט גערעדט. די מורא'דיגע ווירקונגען פון דער לאַגער־געפאַנגענשאַפט אויף דעם געמיט־צושטאַנד פון די אינטערנירטע זיינען געווען אַזוי בולט, אַזוי אומבאַשטרייטבאַר, אַז מען האָט ענדליך אויך אין די הערשענדע קרייזען איינגעזעהן, אַז עפּעס מוז געשעהן, כדי צו פאַרהיטען פון א קאַטאַסטראָפע. צווישען די אויסגעטוישטע געפאַנגענע האָבען זיך אויף ביידע זייטען געפונען א היבשע צאָהל מענער, וועלכע זיינען אראָפּ פון זינען אין פאַרלויף פון זייער אינטערנירונג. אָט די מורא'דיגע ערשיינונג האָט פיליכט דאָך אביסעל א פּלאָג געטאָן דאָס געוויסען פון די מאַכט־האָבער אויף ביידע זייטען, אַזוי אַז מען האָט ענדליך אָפּגעמאַכט צווישען זיך, אַז געפאַנגענע, וועלכע האָבען שוין זינט אַנהויב מלחמה געמוזט אָפּפינסטערן זייער לעבען

הינטער שטעכיגע דראָהט און גראַטעס, אָבער דער עיקר אַזעלכע, ביי וועמען די דאָקטוירים קאָנען פעסטשטעלען אַ הויכגראַדיגע נער־וועזקייט און טיפע נשמה־ליידען, זאָלען אינטערנירט ווערן אין אַ נייטראַלען לאַנד, וואו מען זאָל זיי דורך בעסערע לעבענס־באַדינגונגען און גרעסערע פּערזענליכע פרייהייט קאָנען געבען אַ געלעגענהייט זיך צו דערהוילען פון די פאָלגען פון דער געפאַנגענשאַפט.

סוף יאַנואַר איז ביי אונז אַרויסגעלאָזט געוואָרן די ערשטע אָנאָנסע, אַז געפאַנגענע, וועלכע גלויבען, אַז זיי זיינען צוליעב זייער שוואַכען געזונט באַרעכטיגט אינטערנירט צו ווערן אין האָלאַנד, זאָלען זיך מעלדען צום דאָקטאָר פאַר אַן אונטערזוכונג. די ערשטע אונטערזוכונג איז געמאַכט געוואָרן פון'ם ענגלישען דאָקטאָר אין דעם לאַגער. דערנאָך זיינען די יעניגע, וועלכע דער דאָקטאָר האָט אויסגעפונען אַלס פּאַסענדע קאַנדידאַטען, שפּעטער נאָך אַמאָל אונטערזוכט געוואָרן פון אַ דאָקטאָר פון'ם „האָום אָפיס", וועלכער האָט דאַן באַשטימט, וועמעס נאָמען זאָל אַרויפגעשטעלט ווערן אויף דער „האָלענדישער ליסטע". אויף דער ערשטער אויפפאָדערונג האָבען זיך גלייך געמעלדעט עטליכע הונדערט געפאַנגענע, אָבער פון זיי האָט מען בלויז אויסגעקליבען אַ קליינעם טייל, מחמת די מעהרסטע לייט זיינען גענומען געוואָרן פון'ם גרויסען אינטערנירונגס־לאַגער פון נאָקאַלאָ, אויף דער „אייל־אָף־מען", וואו די פּאַרהעלטענישען זיינען דאָך, ווי באַוואוסט, געווען נאָך אָהן אַן ערך ערגער, איידער ביי אונז.

איך האָב זיך אין יענער צייט געפונען אין אַ צושטאַנד, אַז עס איז מיר געווען וועניג וואָס מקנא צו זיין. אַ האַרטנעקיגע מאָגען־קראַנקהייט, וואָס איך האָב זיך אָפּגעשפּאַרט אין דער געפאַנגענשאַפט, האָט מיך געצוואונגען ווידער אַריינצוגעהן אין שפּיטאָל אויף עטליכע וואָכען. כ'האָב ניט געקאָנט אויפהאַלטען אין זיך קיין שום שפּייז, זאָגאַר וואַסערדיגע מילך האָט מיין מאָגען ניט געקאָנט פאַרדייען. דער אַלטער דר. דאַוו, אַ בראַווער און מענשענפריינדליכער מאַן, האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיה מיך ווידער צו שטעלען אויף די פיס. נאָך דריי וואָכען צייט בין איך אויך געווען אַזוי

ווייט דערהוילט, אז איך האָב געקאָנט ווידער אויפנעמען מיין ארבייט אין באַטאַליאָן, אָבער איך האָב געפיהלט, אז מיין פעסטער געזונט פון פריהער איז געווען שטאַרק צוטרייסעלט. פאַקטיש האָב איך שפּעטער אין אמסטערדאם זיך געמוזט אונטערוואַרפען אַ זעהר שמערצליכע אָפּעראַציע, כדי פּטור צו ווערן פון דער צרה.

אָבער ערגער ווי יענע קערפּערליכע ליידען איז געווען די גייסטיגע דערשלאָגענקייט, וועלכע איז דאַמאָלס געלעגען אויף מיר ווי אַ שווערע לאַסט און וועלכע האָט זיך דורך דער קראַנקהייט פיליכט נאָך שטאַרקער געלאָזט פיהלען. אלע באַמיהונגען פון מיינע פריינט דרויסען, אויסצואווירקען די באַפרייאונג פון מיין פרויזיינען דורכגעפאַלען, אַזוי אַז מיר האָבען מעהר גאָרנישט געהאַט וואָס צו האָפען. מילי האָט זיך אפילו איצט, פּונקט ווי פריהער, געהאַלטען זעהר מוטיג, אָבער פון איהרע בריעף האָב איך געקאָנט ארויספיהלען די אינערליכע פאַרביטערונג, וואָס די אומזיסטע און צונישט געוואָרענע האָפנונגען האָבען ביי איהר איבערגעלאָזט. דער געדאַנק, אַז איך מוז וואָס עס איז טאָן, כדי צו געפינען אַן אויסוועג פון דעם דאָזיגען אומערטרעגליכען צושטאַנד, האָט מיך אָהן אויפהער פאַרפאָלגט, אָבער וואָס עס האָט געזאָלט געשעהן, דאָס האָב איך נית אָנגעהויבען צו וויסען. שוין אין דעצעמבער, ווען ס׳האָט אויסגעקוקט, אז די פראַגע צו אינטערנירען ציוויל־געפאַנגענע אין נייטראַלע לענדער נעמט אָן ממשות׳דיגע פאָרמען, האָב איך זיך וועגען דעם דורכגערעדט מיט דר. פּישער פון דער שווייצער געזאַנדשאַפט, וועלכער איז געקומען נעמען אַפּשיד פון אונז און איז באַלד נאָכדעם צוריקגעפאָהרען נאָך דער שווייץ. כ׳האָב איהם געפרעגט, צי מען וועט אויך ערלויבען די פרויען פון די אינטערנירטע, וועלכע דאַרפען אויף׳ן ראַט פון די דאָקטוירים אָפּגעשיקט ווערן אין נייטראַלע לענדער, צו פאָהרען צוזאַמען מיט זייערע מענער. דר. פּישער איז געווען מיט דער מיינונג, אַז עס איז יעדענפאַלס פאַראַן אַ וואַרשיינליכקייט דערצו. שוין דאַמאָלס איז מיר ארויפגעקומען דער געדאַנק, זיך אָנצוכאַפּען אָן אָט דעם לעצטען מיטעל. נאָר שפּעטער, ווען עס איז אריבער איין וואָך נאָך דער

אנדערער, אָהן דעם אז מען זאָל מאכען א שריט ווייטער אין דער דאָזיגער אנגעלעגענהייט. האָב איך אויך אָט די האָפנונג אויפגע־געבען.

אָבער ענדליך איז דער לאנג דיסקוטירטער פּראָיעקט דאָך אויס־געפיהרט געווארן. א קליינער טייל פון מיינע מיטגעפאנגענע איז שוין געווען אָפּגעפאָהרען נאָך האַלאנד, און זיי האָבען אונז פון דאָרט צוגעשיקט די בעסטע ידיעות. דער לאַגער פון די אינטער־נירטע דייטשע ציוויל־געפאנגענע אין האָלאנד האָט זיך געפונען גאנץ נאָהנט פון האטעם, א דערפעל ניט ווייט פון צוואָלע. דער וואס האָט געהאט די מיטלען דערצו, האָט געקאָנט וואוינען פריי־וואַט. די געפאנגענע אָהן מיטלען זיינען איינגעקווארטירט געוואָרן אין לופטיגע קאזארמעס, אָבער זיי האָבען אויף דעם גאנצען טאָג געקאָנט פארלאָזען דעם לאַגער און ארומגעהן אין דער גאנצער געגענד ארום. דאָס עסען איז געווען זעהר גוט, און נאָך די מורא'־דיגע יאָהרען פון דער געפאנגענשאפט האָט אָט דער פּלאָץ דאָ געמוזט אויסקוקען ביי די מענשען ווי א פּשוט'ער גן עדן.

אין מיטען פעברואר איז שוין אָפּגעגאנגען א צווייטע פּארטיע נאָך האָלאנד. נאָך דער דאָזיגער האָט געזאָלט אָפּגעהן בלויז נאָך איין טראנספּאָרט, וויל ארום און ארום האָבען אין האָלאנד געזאָלט איינגעקוואַרטירט ווערן ניט מעהר ווי זעכצעהן הונדערט מאַן. איך האָב זיך ערנסט דורכגערעדט מיט מיין זוהן און זיך אויך אן עצה געהאלטען מיט מיינע פריינט און פּארוואנדטע, וועלכע האָבען מיך באזוכט. אלע האָבען מיר געראטען אויסצוניצען די געלעגענהייט און זיך מעלדען פאר האָלאנד. וואָלט איך געהאט די גאראנטיע, אז מען וועט ערלויבען מילי'ן מיט מיר מיטצופאָהרען, דאַן וואָלט איך זיכער אפילו קיין רגע ניט איבערגעקלערט, אָבער אזוי ווי איך בין אין דעם פּרט גאָרנישט געווען זיכער, האָב איך זיך אלץ געקווינ־קעלט און ניט געקאָנט קומען צו קיין באשלוס. נו, איז אצונד גע־ווען בלויז איין געלעגענהייט. דעם 26טען פעברואר זיינען אָנגע־נומען געוואָרן מעלדונגען פאר דער לעצטער ליסטע. ווען איך זאָל פארלירען אָט די געלעגענהייט, דאַן וואָלט פאר א היבשער צייט

ניט געווען מעהר קיין שום האָפנונג. האָב איך אַלזאָ נאָכגעגעבען דעם דרינגענדען פאַרלאַנג פון מיין זוהן און פון די ליבע פריינט פון דרויסען און איך האָב זיך געמעלדעט פאַר האָלאַנד. די דאָק־טאָר־אונטערזוכונג איז געווען גינסטיג פאַר מיר, און דר. דאָוו האָט מיר געזאָגט, אז איך קאָן מיט זיכערקייט רעכענען דערויף, אז איך וועל ארויפגעשטעלט ווערן אויף דער ליסטע. וואָלט איך געהאַט די געלעגענהייט זיך אפריהער גרינדליך דורכצוריידען מיט מילי'ן וועגען אלצדינג, דאַן וואָלט מיר געווען פיעל גרינגער זיך צו ענטשליסען. אָבער ס'האָט דאָך גענומען אַזויפיעל צייט זיך דורכצושרייבען מיט איהר, אזוי אז עס איז גאָר ניט געווען צו דענקען וועגען דעם. כ'האָב עס דערום געמוזט איבערלאָזען פאַר איהרע שוועסטער, איהר צו ערקלערן אלצדינג, ווען זיי וועלען זיך מיט איהר זעהן ביי דעם נעכסטען באזוך.

דעם 5טען מערץ איז ערשינען די לעצטע ליסטע מיט די נעמען פון די מענשען, וועלכע האָבען געזאָלט אָפּפאָהרען קיין האָלאַנד. מיין נאָמען איז ניט געווען צווישען זיי. באַלד נאָכדעם האָט מען אויף'ן שוואַרצען ברעט אויך אָנגעשלאָגען די נייסטע „רעפּאַטריאירונגס"־ליסטע נאָך דייטשלאַנד, און דאָ איז מיין נאָמען געשטאַנען גלייך אויף'ן ערשטען פּלאַץ. כ'האָב זיך געפרעגט, וואָס דאָס האָט געקאָנט באַדייטען. איז דאָ געלעגען א טעות, אָדער איז דאָס געווען אן אינטריגע פון דער פּאָליטישער פּאָליציי? איך בין געווען גאַנץ קלאָר ביי זיך, וואָס א „רעפּאַטריאירונג" אונטער די דאַמאָלדיגע פאַרהעלטעניששען האָט געקאָנט הייסען פאַר מיר. מען וואָלט מיך אין דייטשלאַנד, אזוי לאַנג ווי די מלחמה האָט אָנגעהאַלטען, זיכער ניט געלאָזט ארומגעהן פריי, נאָר מען וואָלט מיך באַגראָבען ערגעץ אין א קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער א געפענגניש, וואו איך וואָלט געווען אָפּגעריסען פון מיינע ליעבע און פון דער גאַנצער וועלט.

אָבער וואָס איז דאָ געווען צו מאַכען? כ'האָב אפילו געקאָנט אויפהויבען א פּראָטעסט געגען מיין „רעפּאַטריאירונג" קיין דייטשלאַנד און בעטען דעם קאָמאַנדיר, ער זאָל אראָפּנעמען מיין נאָמען

פון דער ליסטע. אָבער דאָס האָב איך ניט געוואָלט, וואָרים איך האָב ניט געוואָלט בעטען ביי דעם דאָזיגען מאַן קיין שום טובה. אויסערדעם וואָלט א מעגליכע ענטזאגונג פון זיין זייט געמוזט אויפגענומען ווערן פון מיר אלס פּערזענליכע ערנידעריגונג. כ'האָב זיך דערום געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אז מיר האָבען דאָך סיי ווי סיי געמוזט פאָהרען דורך האָלאַנד, און איך האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אז מען זאָל מיך קאָנען צווינגען צו פאָהרען קיין דייטשלאַנד, ווען איך האָב געוואָלט בלייבען אין האָלאַנד. כ'האָב גערעדט מיט מיין זוהן און מיט פאַרשידענע פריינט איבער דער זאַך, אָבער זיי זיינען אַלע געוועזן מיט דערזעלבער מיינונג. מיר האָבען דאָך אלע ניט געהאַט קיין אהנונג דערפון, אז די מלחמה האָט אומגעוואָרפען אַלע פאַרהעלטענישען אין אייראָפּא און האָט אויך די אזויגערופענע נייטראַלע לענדער אריינגענומען אונטער איהר צוואַנג.

דעם 6טען מערץ האָב איך געהאַלטען מיין לעצטען פאָרטראַג אין'ם טעאַטער, ס'איז געוועזן דער הונדערט ניין און דרייסיגסטער. ווען איך האָב צום שלום נאָך גערעדט עטליכע באַזונדערע ווערטער, כדי זיך צו געזעגענען מיט מיינע צוהערער, איז עפּעס געלעגען א מין טיפער טרויער איבער דער גאַנצער פאַרזאַמלונג. מיר גופא איז געווען שווער אויף'ן הארצען, וואָרים אין פארלויף פון די לאַנגע מאָנאַטען האָט זיך צווישען אָט די מענער און מיר ענטוויקעלט א הארציג פארהעלטעניש, און מעהר ווי איינער פון זיי איז אויך אלס מענש זעהר שטאַרק צוגעבונדען געוואָרן צו מיר.

אויף מאָרגען האָבען מיך באַזוכט מילי'ס שוועסטער פּאָלי און ראָוז מיט דעם אינגעלע און מיינע אלטע פריינט לאַזאַר און מילי זאבעלינסקי, כדי צו נעמען אָפּשיד פון מיר, וואָרים מען האָט אונז געלאָזט וויסען, אז דער טראַנספּאָרט פון די מענשען, וועלכע זיינען געווען באַשטימט פאר האָלאַנד און דייטשלאַנד, וועט שוין אין עטליכע טעג ארום אָפּגעהן. ס'איז געווען א שווערע צושיידונג. כ'האָב זיך געפיהלט אזוי שטאַרק צוגעבונדען צו די ליעבע פריינט, מיט וועמען איך האָב די אלע לאַנגע יאָהרען געטריי זיך געטיילט

מיט פריידען און ליידען, אז עס איז מיר ווירקליך ניט לייכט געוועזן זיך מיט זיי צו שיידען. באזונדערס שווער איז מיר געוואָרן דער געדאַנק, אז איך וועל פיליכט אויף אַ לאַנגער צייט ניט קאָנען זעהן מיין אינגעלע. כ'האָב, אמת, געוואוסט, אז ער איז אין גוטע הענט און אז איך דאַרף זיך אין דעם פּרט וועגען איהם ניט זאָרגען, אָבער דאָ האָב איך ווענינסטענס געהאַט די מעגליכקייט צו קאָנען זעהן דעם קליינעם הארציגען בחור'ל אַלע פערצעהן טעג אויף אַ פּאָר שטונדען. אָבער אויך דאָס האָט מען געמוזט איבערקומען.

באַלד נאָך די באַזוכען האָט מען אונז געלאָזט וויסען, אז מיר וועלען שוין דעם 9טען מערץ דאַרפען אָפּפאָהרען נאָך דעם „רעפּאַטריאירונגס"־לאַגער אין ספּאַלדינג. אונזערע מיטגעפאַנגענע האָבען לכבוד אונז אַראַנזשירט אַ גרויסען אָפּשיד יום טוב אין לאַגער, אָבער עס האָט אין יענעם לעצטען אָוונט ניט געוואָלט הערשען קיין רעכטע, יום טוב'דיגע שטימונג. היבשע עטליכע מוטיגע מענער, וועלכע האָבען זיך שטאַרק פאַרדינט געמאַכט פאַר דעם גאַנצען לאַגער, האָבען אַצונד געזאָלט אָפּפאָהרען פון דאַנען, צווישען זיי אויך פריץ פּאָפּע, דער באַטאַליאָן־פיהרער פון „סי", און יעדער איינער האָט שוין פון פאָרויס געפיהלט, וואָס די צוקונפט וועט דאָ ברענגען. ווען איך האָב ביים שלום פון דער פייערונג גענומען דאָס וואָרט, כדי צו זאָגען די איבערבלייבענדע שיקזאלס־חברים נאָך אַ פּאָר הארציגע ווערטער צום אָפּשיד, האָב איך ערשט ריכטיג געפיהלט, וואָס איך בין די גאַנצע צייט געווען פאַר די דאָזיגע מענשען. כ'האָב געזעהן די זאָרגען־פולע און ליידענדע פּנים'ער שטום געווענדט אויף מיר און איך האָב אין דעם מידען גלאַנץ פון די אויגען געלייענט, וואָס עס איז פאָרגעגאַנגען אין יעדען איינעמס נשמה. אַ טייל פון די עלטערע לייט האָבען זיך גאָר ניט געגעבען קיין מיה, צוריקצוהאַלטען זייערע טרערען.

כ'האָב גערעדט צו זיי אין איינפאַכע ווערטער און זיי אויפגעפאָדערט, ניט צו לאָזען פאַלען דעם מוט, ווייל די מורא'דיגע קאַטאַסטראָפע קאָן דאָך ניט אייביג אָנהאַלטען. אָבער פריהער פון אַלץ האָב איך אַפּעלירט צו זיי צו האַלטען פעסט די געווינסען, וואָס

מיר האָבען אין פארלויף פון די יאָהרען זיך ערוואָרבען דורך אומ־אויפהערליכע און שווערע קעמפפען, און זיי ניט לייכטזיניג אויפגע־בען, ווייל בלויז אויף אזא׳ן אופן וועלען זיי זיין אימשטאַנד איבער־צוקומען דאָס שווערע, וואָס איז זיי נאָך פילייכט באשערט דאָ צו ליידען. און צום סוף האָב איך זיי געזאָגט א הארציגען „זייט גע־זונט" און אויסגעדריקט די האָפנונג, אז יעדער פון זיי וועט מיר געדענקען צו גוטען. ווען איך האָב געענדיגט האָבען זיי זיך אַלע אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און זיינען אין לאנגע רייהען דורכגעגאנגען פארביי מיר, כדי מיר צו דריקען די האנד.

אזוי איז ענדליך געקומען די נאַכט. דער לאַגער איז געווען שוואַך באלויכטען, און א טיפע שטילקייט האָט געהערשט ארום און ארום. מיינע ליידענס־חברים זיינען שוין לאנג געלעגען אויף זייערע הארטע געלעגערס, הגם מעהר ווי איינער צווישען זיי האָט אין יענער נאַכט ניט געקאָנט געפינען קיין רוה. איך בין נאָך אַלץ געזעסען מיט מיין זוהן און מיט קארל׳טשיק׳ן אין באַטאַליאָן־ביורא. מיר האָבען גערעדט צווישען זיך שטיל, כדי ניט צו שטערען די אנדערע, ווען א געזאַנג האָט פּלוצלינג דערגרייכט צו אונזערע אויערען. עס זיינען געווען די ליעבע קאַמעראַדען פון׳ם געזאַנג־פאראיין, וועלכע האָבען זיך ניט געקאָנט לעגען שלאָפען, איידער זיי האָבען מיר אזוי שפּעט ביינאַכט נאָך געזונגען א ליעד צום אָפּשיד.

אָבער מיר איז געווען אזוי שווער, פּונקט ווי א בארג וואָלט מיר געלעגען אויף דער נשמה. הגם איך האָב ניט אָנגעהויבען צו וועלען שלאָפען, האָב איך זיך פונדעסטוועגען געפיהלט מיעד און פארמאטערט נאָך די אַלע אָפּשיד־סצענעס פון די פארגאנגענע שטונ־דען. כ׳האָב געוואוסט, אז מיינע מיטגעפאנגענע זיינען מיר געווען זעהר איבערגעגעבען, אָבער ערשט דאמאָלס האָב איך געפיהלט, ווי שטארק עס איז געווען דער באנד, וואָס האָט מיך מיט זיי געהאַט פאַרבונדען. כ׳האָב געטראַכט וועגען די אַלע באווייזען פון ליעבע און סימפּאטיע, וואָס איך האָב אין פארלויף פון די לעצטע שטונדען געקריגען, און איך האָב זיך געוויסערמאסען געשעמט. וואָס האָב איך נאָך אַלעם דעם געטאָן, צו פארדינען אָט דעם צוטרוי פון מיינע

ליידענס־חברים? געווים, איך האָב ניט דורכגעלאָזט קיין געלע־גענהייט, כדי זיך אָנצונעמען פאר זייערע אינטערעסען. כ'האָב צוויי יאָהר צייט געטראָגען אויף מיינע פּלייצעס דעם אומאנגענעמען און אומדאנקבארען אמט פון באטאַליאָן־פיהרער און זיך געמוזט פארשאפען דערפאר געוויסע פערזענליכע צרות. אָבער דאָס איז דאָך סוף כל סוף געווען א פליכט, וועלכע איך האָב פרייווילליג גע־נומען אויף זיך. און מיט גרויסער צופרידענקייט האָב איך גע־טראכט דערפון, אז אויך אָט די ארבייט איז ניט געווען אומזיסט. כ'האָב געהאט א געלעגענהייט בייצושטעהן מעהר ווי איינעם פון מיינע ליידענס־חברים און צו טאָן פאר זיי זאכען, וועלכע מען קאָן ערשט אין דער געפאנגענשאפט ריכטיג אָפּשאצען. מעהר ווי איינ־מאָל איז מיר פארגעקומען, אזוי ווי איך וואָלט געווען דער זאַמעל־פונקט פאר אלע פערזענליכע ליידען און וויטאָגען אין לאגער. איך בין באקאנט געוואָרן מיט טראגעדיעס, פון וועלכע אנדערע האָבען קיין אהנונג ניט געהאט, וואָרים מעהר ווי איינער צווישען מיינע מיטגעפאנגענע האט פאר מיר אויפגעעפענט זיין הארץ, כדי זיך צו פארשאפען וואָס פאר עס איז פארלייכטערונג. כ'האָב יעדען איינעם אויסגעהערט און געהאָלפען וואו איך האָב נאָר געקאָנט. און דאָס דאָזיגע באוואוסטזיין האָט מיר גוט געטאָן.

דער שלאָף האָט זיך אין אָט דער לעצטער נאכט אָפּגעטאָן פון מיינע אויגען. די לעצטע נאכט. — כ'האָב עס זיך קוים געקאָנט פארשטעלען. אַלצדינג איז מיר פאָרגעקומען ווי א לאנגער, לאנגער חלום. ווען ס'האָט ענדליך אָנגעהויבען צו טאָגען, האָב איך זיך אויפגעהויבען פון מיינע דריי ברעטער, וויל איך האָב מעהר ניט געקאָנט איינליגען אויף מיין געלעגער. אויך רודאָלף איז אויפגע־שטאנען, אזוי אז מיר האָבען אין די פריהע מאָרגען־שטונדען נאָך געקאָנט זיין אביסעל אליין. דער ליעבער, גוטער יונג! מיט וואָס פאר א ליעבע און צערטליכקייט ער האָט זיך די גאנצע צייט גע־זאָרגט וועגען מיר, און ווי ער האָט זיך דאָס געפרעהט, וואָס די טויערען פון דער געפאנגענשאפט וועלען זיך אצונד ענדליך עפענען פאר מיר. ער איז געווען פול מיט האָפנונג און פעסט איבערצייגט,

אז מיר װעלען זיך אין קורצען װידערזעהן. איך אליין אָבער האָב זיך געפיהלט זעהר דערשלאָגען, דאָך האָב איך פארבאָרגען די גע־היימע צװייפלען, װעלכע האָבען מיך געמוטשעט, כדי איהם ניט טרויעריג צו מאַכען.

נאָך׳ן פריהשטיק בין איך אװעק אין דער מיליטער־פארװאַל־טונג, כדי זיך צו געזעגענען מיט די פּאָר אָפיצירען, װעלכע איך האָב אין פארלויף פון מיין געפאנגענשאפט װירקליך געלערענט צו שאַצען און אכטען. מיידזשאר מאַט איז געװען זעהר גערוהרט, װען איך בין געקומען נעמען אָפּשיד פון איהם. ער האָט מיר געגעבען זיין פאָטאָגראפיע צום אָנדענקען און מיר געװאונשען גליק אויף מיין נייעם װעג. װען איך האָב שוין געהאַלטען ביים אװעקגעהן, האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּגערופען צו מיר, אזוי װי ער װאָלט געטראָפען װאָס איך טראַכט:

„האָט גאָרנישט קיין מורא װעגען אייער זוהן. איך װעל זאָר־גען דערפאר, אז מען זאָל איהם ניט אװעקשיקען נאָך דער „אייל־אָף־מען", דורכדעם װאָס איך װעל איהם אָנשטעלען אין מיין ביוראָ."

ער האָט פּינקטליך געהאַלטען זיין װאָרט.

װען איך בין אריינגעקומען צו דעם ליוטענאַנט מארלי, דעם צענזאָר פון׳ם „איי"־באטאליאָן, האָט ער מיך שטילערהייט אװעק־גענומען אָן א זייט און מיך געפרעגט, װי עס שטעהט מיט מיינע געלד־אנגעלעגענהייטען.

„פיהלט זיך ניט באַליידיגט, הערר ראָקער," האָט ער פריינד־ליך געזאָגט. „װען מען איז געװען אזוי לאַנג אינטערנירט װי איהר, איז עס גאַנץ נאַטירליך, אז עס זאָלען איינעם אויסגעהן די מיטלען. איהר װעט מיר פארשאַפען א גרױס פארגעניגען, װען איהר װעט מיר ערלויבען אייך צו אנטלייהען די צעהן פונט, װאָס איך איז געזעצליך ערלויבט צו האָבען ביי זיך, ארויספאָהרענדיג פון לאַנד. נאָך דער מלחמה קאָנט איהר מיר דאָס געלד צוריקשיקען."

אין פארלויף פון מיין געפאנגענשאפט האָב איך געהאַט א גע־לעגענהייט זיך צו באַקענען מיט אָט דעם מאַן און איהם צו שאַצען אלס מענש, אָבער אויף דעם דאָזיגען אָנבאָט האָב איך זיך ניט גע־

ריכט. כ׳האָב זיך געמוזט אָנטאָן א כוח צו קאָנטראָלירען מיין אינערליכע באוועגונג. דערנאָך האָב איך איהם הארציג געדאנקט און איהם פארזיכערט, אז איך האָב שוין אליין די ערלויבטע צעהן פונט סטערלינג. אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט אָפּטשעפּען פון מיר ביז איך האָב געעפענט מיין בריף־טאַש און איהם געוויזען דאס געלד.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין באַטאַליאָן, זיינען מיינע מיט־געפאנגענע געשטאַנען געדיכט צונויפגעשפּארט, כדי מיר נאָך אמאָל צו דריקען די האנד צום אָפּשיד. די יעניגע, וועלכע האָבען מיט מיר צוזאמען געזאָלט פארלאָזען דעם „פּעלעם", זיינען שוין געשטאַ־נען גרייט מיט זייער באַגאַזש. נאָך א קליינע ווילע, און מיר האָ־בען אָפּמארשירט צו דעם פרייען פּלאַץ ביים אַריינגאַנג צו דעם „איסטערן האָל", באגלייט פון די הויכע גליק־וואונשען פון די איבער־געבליבענע. דאָרט האָבען זיך שוין געפונען מיין זוהן, קארל׳טשיק, לאַהר און די קאַפּיטאַנען, כדי מיר צו זאָגען דעם לעצטען „פּאָהר געזונט". ווען אלע פּארמאַליטעטען זיינען ענדליך געווען פארטיג, איז דער מיידזשאָר פּלוצלינג צוגעגאַנגען צו מיין זוהן און האָט איהם ערלויבט, מיך צו באגלייטען ביז צום צוג. דאָס איז געווען די לעצטע שענע טובה, וואָס דער בראַוער מאַן האָט מיר געטאָן.

באַלד נאָכדעם האָט אָפּגעקלונגען דער באַפעהל צום אָפּמארשי־רען, און אין א שנעלען טעמפּאָ איז מען אונטער א שטאַרקער מיליי־טערישער וואַך ארונטער דעם באַרג צום באַנהויף, וואו אונזער צוג איז שוין געשטאַנען גרייט. איך האָב פארנומען א פּלאַץ צוזאמען מיט פריץ פּאָפּע, זיין ברודער און נאָך א פּאָר פריינט אין א וואַגאָן. נאָך א לעצטע אומארמונג מיט רודאָלף׳ן, און דער צוג האָב זיך גענומען ריהרען. לאַנגזאם איז דער באַנהויף פארשוואונדען פון אונזערע בליקען. מיינע קאמעראַדען האָבען זיך אלע געפונען אין א פרעהליכען צושטאַנד, נאָר אין מיר האָט קיין פרייד ניט געוואָלט אויפקומען. איך בין געזעסען ביים פענסטער פארזונקען אין גע־דאַנקען, און איך האָב ארויסגעקוקט אין דער ווייטען, ניט הערענדיג קיין שום זאַך וואָס איז אָנגעגאַנגען ארום מיר. די גאַנצע לאַנגע

יאָהרען פון דער געפאנגענשאפט זיינען נאָך אמאָל אין א מורא'דיגער דייטליכקייט אויפגעשטיגען ביי מיר אין מוח, און עס איז מיר פאָרגעקומען, אזוי ווי דאָס אלעס וואָלט זיך אָפּגעשפּילט אויסער דער ווירקליכקייט, ווי אין א חלום. אלצדינג האָט מיר אויסגעקוקט אזוי מאָדנע, אזוי צומישט און אומפארשטענדליך. כ'האָב געטראכט וועגען מילי'ן, וועגען די ליעבע און טייערע אין דערהיים און וועגען די אלע אָרעמע מענשען, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אין „פּעלעס". א געפיהל פון ווייטאָג האָט מיך דורכגענומען. ווי לאַנג, אָה, ווי לאַנג נאָך?

און דאן איז מיר מיין אייגענע לאגע ווידער געקומען אויף'ן זינען. כ'האָב זיך ארויסגעלאָזט אויף גאָט'ס בארָאָט. ווער האָט געקאָנט וויסען, וואָס עס איז מיר נאָך פאָרגעשטאַנען! מיינע חברים ארום מיר האָבען אלע געהאט א באַשטימטען ציעל פאר די אויגען. די איינע זיינען צוריקגעפאָהרען אין דער אלטער היים, די אנדערע האָבען געזאָלט בלייבען אין האָלאנד, נאָר איך בין געפאָהרען אָהן א באַשטימטען, אָהן א זיכערן ציעל. אן אומגעהייערע פוסטקייט האָט זיך פאנאנדערגעעפענט פאר מיינע אויגען ווי אן אָפּגרונד, גרייט מיך צו פארשלינגען. כ'האָב געפיהלט, אזוי ווי איך וואָלט פּלוצלינג פארלאָרן יעדען באָדען אונטער מיינע פיס און אומבאַקאנטע מעכטע וואָלטען מיך ארונטערגעשלעפּט אין דער טיפסטער טיפעניש, אין דאָס אומערגרינדליכע. אָבער די פריינט האָבען מיך ענדליך ארויסגעריסען פון מיינע פינסטערע חלומות און מיך צוריקגערופען אין דער ווירקליכקייט. אויף דרויסען איז געווען פריהלינג, און די זון האָט ארונטערגעלאכט מיט א ווארעמען גלאַנץ פון הימעל אראָפּ. אלע האָבען געלאַכט, געפּלוידערט און זיך געפרעהט. אפילו די סאָלדאטען, וועלכע האָבען אונז באגלייט, זיינען געווען פרעהליך געשטימט און האָבען זיך געמאכט ניט זעהענדיג, ווען די פארבאָטענע פלעשלעך זיינען אריבער פון איינעם צום אנדערן אין דער רייה.

אונזער נעכסטער ציעל איז געווען דער „רעפּאטריאירונגס"-לאַגער אין ספּאלדינג, וואו מיר האָבען געזאָלט בלייבען א וואָך

צייט, איידער מיר זיינען געפאָהרען ווייטער. מען האָט אונז דער־צעהלט פארשידענע זאכען מכּת דעם לאַגער אין ספּאלדינג. גאָר־נישט קיין גוטע זאכען. מען האָט אונז געזאָגט, אז א טייל פון׳ם סטראַטפאָרדער שטאָב האָט דאָרט געפיהרט די ממשלה, און אז די דאָזיגע לייט האָבען געפונען זייער פארגעניגען אין דעם, צו מאַטערן און אויף א שענדליכען אופן צו עקספּלואַטירען זייערע לאנדסלייט. מיר האָבען דערום ניט ערוואַרט קיין שום גוטס, נאָר דער געדאנק, אז מיר וועלען דאָרט בלייבען העכסטענס זעקס ביז זיבען טעג, האָט ניט צוגעלאָזט קיין שלעכטע שטימונג. פריץ פּאָפּע און איך האָבען אויסערדעם שוין פון פריהער געהאט אָפּגעמאכט, ענערגיש ארויס־צוטרעטען געגען וועלכע ס׳איז בייזוויליגקייטען און צו־להכעיס־שטיק, וואָס וועלען דאָרט פאָרקומען.

ס׳איז געווען אומגעפעהר דריי אזייגער נאָכמיטאָג, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין ספּאָלדינג. פון׳ם וואקזאל ביז׳ן לאַגער איז געווען א היבשע שטרעקע, וועלכע מיר זיינען געגאנגען צופוס. די באַפעלקערונג האָט אונז באַטראַכט מיט נייגיריגע אויגען, נאָר אָהן וואָס פאר עס איז פיינטשאַפט. ווען מיר זיינען ענדליך אָנגעקומען אין לאַגער, אן אלטער „וואָרקהאוז“, האָט זיך אָנגעפאנגען דאָס גע־וועגליכע אומענדליכע רעגיסטרירען און צעהלען, ביז מיר זיינען דאָס אויך סוף כּל סוף איבערגעקומען. דער לאַגער איז שוין געווען אָנגעפילט מיט מענשען, וועלכע זיינען געקומען פון דאָגלאס און נאָקאלאָ און געוואַרט דאָ צו קאָנען פאָהרען ווייטער. כ׳האָב דאָ געפונען עטליכע אלטע באַקאנטע, וועלכע זיינען פריהער אמאָל גע־ווען אין „פּעלעם“, צווישען זיי אויך מיין ליעבען פריינד ק., וועל־בער איז נאַטירליך געווען זעהר איבעראשט מיך דאָ צו טרעפען.

די אינערליכע פאַרוואַלטונג איז באשטאנען כמעט אויסשליס־ליך פון סטראַטפאָרד־לייט, וועלכע זיינען פריהער געווען ביי אונז אין „פּעלעם“. זיי האָבען אונז באַהאַנדעלט מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט און האָבען זיך געגעבען די גרעסטע מיה אונז צו מאכען די פּאָר טעג אזוי אנגענעם ווי נאָר מעגליך. נאָך די אלע זאכען וואָס מיר האָבען פריהער געהאט געהערט, איז דאס פאר אונז

געווען אן אנגענעמע איבעראשונג, ווארים מיר האבען זיך געריכט אויף צרות. מיר האבען אויך איצט געהאלטען אָפען די אויגען, אבער מיר האבען ניט געקאָנט ענטדעקען דאס מינדסטע, וואָס זאָל באַטש אויף וויפיעל עס איז האבען גערעכטפארטיגט די קלאנגען, וועלכע האבען זיך ארומגעטראגען אין „פעלעס“ וועגען דעם לאגער אין ספאלדינג. דער לאגער גופא איז געווען זעהר פרימיטיוו איינגעארדענט און האָט ניט געהאט קיין באקוועמליכקייטען. אבער דערויף האָט זיך דאָך קיינער ניט געריכט.

פיער טעג נאָך אונזער אָנקומען — ס'איז געווען דעם 13טען מערץ — איז פארגעקומען די אונטערזוכונג פון אונזער באַגאַזש. די אַרבייט איז צוגעגאַנגען אונטער דער אויפזיכט פון א לאָנדאָנער דעטעקטיוו־אינספעקטאָר. נייע קליידער, נייע שיך און נייע וועש, ווי אויך בריעף און פאָטאָגראפיעס, האָבען ניט געטאָרט מיטגענומען ווערן. אָבער מען איז גאָר ניט געווען אזוי שטרענג מיט דער אונטערזוכונג. באזונדערס די סאָלדאטען, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער אונטערזוכונג, האָבען פארמאכט די אויגען פאר א שילינג, וואָס מען האָט זיי בשתיקה אריינגערוקט אין דער האנד. איך האָב מיט א כיוון ניט מיטגענומען קיין פיעל באגאזש, כדי זיך אויסצודרעהען פון אומאנגענעמליכקייטען. ווען ס'איז געקומען די רייה צו מיין רענצעל, האָט זיך דער אינספעקטאָר גאַנץ פריינדליך אָפּגערופען צו מיר:

„כ'נעם אָן, אז איהר האָט שוין די נאָז פול פון ענגלאנד, הערר ראָקער.“

איך האָב אָנגעקוקט דעם מאַן איבעראשט, אָבער ער האָט פריינדליך געשמייכעלט און געזאָגט:

„איך קען אייך פון די פארזאמלונגען אין לאָנדאָן.“

איך בין אלזאָ געווען איבערצייגט, אז גראָד ביי מיר וועט מען מאכען א גרינדליכע אונטערזוכונג, אבער ס'האָט זיך גאָרנישט אָנגעהויבען. קוים וואָס מען האָט א קוק געטאָן אין מיין רענצעל. כ'האָב שפּעטער נאָך א היבשע ווײלע גערעדט מיט דעם אינספּעקטאָר און איך האָב זיך גאָר ניט געהאט וואָס צו באַקלאָגען.

דעם 15טען מערץ איז ענדליך געוועזן דער טאָג פון דער אָפּרייזע. מיר זיינען פאָרמיטאָג אָפּגעפאָהרען נאָך דער האַפּענשטאָט באָסטאָן, וועלכע געפינט זיך גאַנץ נאָהנט פון ספּאַלדינג. יעדער פון אונז איז געוועזן פעסט איבערצייגט, אז אצונד, ווען אונזער באַגאַזש איז שוין געוועזן אונטערזוכט און פארזיגעלט, וועלען מיר מעהר ניט האָבען קיין וועיטערע הינדערנישען. אבער מיר זיינען געבליבען אומאַנגענעם אנטוישט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין באָסטאָן, האָבען מיר שוין ביים אראָפּגעהן פון צוג געהערט זידלערייען און געשרייען. דערנאָך האָט מען אונז צוזאַמענגעטריבען ווי א סטאַדע שאָף אין א באַזונדער אָפּטיילונג פון׳ם באַנהויף, וואו עס האָט ווידער געוואָלט פאָרקומען אן אונטערזוכונג. א יונגער לייטענאנט מיט אן אנצאָהל סאָלדאטען האָבען אונז געהאלטען אין איין זידלען און באַליידיגען אויף דעם גראָבסטען און שמוציגסטען אופן. באַזונדערס דער לייטענאַנט האָט זיך אויפגעפיהרט ווי א משוגענער. ער האָט געשריען, געשימפּט, ארומגעטומעלט ווי א צוקאָכטער דערוויש אָהן אויפהער, כאָטש עס איז ניט געוועזן די מינדסטע אורזאַך דערצו. דערנאָך איז מען ארויפגעפאַלען אויף אונזער באַגאַזש, כדי צו זוכען עפּעס פארבאָטענעס. טאָמער האָט איינער ניט געקאָנט אזוי גיך געפינען זיין שליסעל, האָט מען גאָר אָהן צערעמאָניעס אויפגעבראָכען זיין רענצעל און ארויסגעוואָרפען אלץ וואָס דאָרט איז געוועזן אויף דער שמוציגער ערד. נייע זאַכען זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן, אנדערע צובראָכען אין שטיקער. ביי עטליכע פון מיינע מיטגעפאַנגענע האָט מען זאָגאר קאָנפיסקירט די טשעמאָדאַנעס, וועיל זיי זיינען כלומר׳שט געוועזן נייע. נו, האָבען זיי זיך געדארפט ברעכען דעם קאָפּ, ווי אזוי און אין וואָס ווידער איינצופּאַקען זייערע זאַכען. ווען דער צופאַל האָט צוגעשפּילט, אז ער האָט געקאָנט ערגעץ אויסקראַצען א שמוציגען קויהלען־זאַק, דער האָט זיך געמעגט שעצען גליקליך.

איינצעלנע פון אונז זיינען אָפּגעפיהרט געוואָרן אויף א באַזונדער פּלאַץ און זיי האָבען זיך געמוזט אויסטאָן אין גאַנצען נאַקעט, כדי דורכצומאַכען א פּיינליכע אונטערזוכונג. מען האָט זיך ביי

די מענשען געראַיעט אין די פארבאָרגענסטע טיילען פון זייער קער־פער, כדי צו זעהן, צי זיי האָבען גאָרנישט באהאַלטען דאָרט. און דאָס אַלעס איז געשעהן אונטער אומאויפהערליכע מורא׳דיגע זידלע־רייען און סטראַשונקעס. קיינמאָל פריהער האָב איך ניט בייגע־וואוינט אן עהנליכע עקעלהאַפטע סצענע. איך אליין האָב געהאט גליק, וואָרים קיינער האָט זיך ניט געקימערט ניט וועגען מיר און ניט וועגען מיין באַגאַזש.

דאָס איז געווען א פיינער אָפשיד פון ענגלאַנד, וואָס וועט ביי יעדען פון אונז בלייבען אין זכרון, אזוי לאַנג ווי ער לעבט. נאָך דאָס גאַנצע נויט־ליידען און די אַלע נשמה־יסורים פון א לאַנגער געפאַנגענשאַפט, וועלכע איז געווען פאַרבונדען מיט אומצעהליגע פּערזענליכע ערנידעריגונגען, איז דאָס געווען דער לעצטער אַקט. ס׳איז ניט וואַרשיינליך, אז די ענגלישע רעגירונג האָט געהאַט א ידיעה וועגען אָט די זאַכען. ס׳איז גיכער אָנצונעמען, אז מיר האָבען געמוזט אויסשטעהן די ברוטאַלע מוטוויליגקייט פון א יונגען, ניט רייפען חברה־מאַן, וועלכער האָט אויף זיין אופן געפיהרט קריג מיט די הונען, ווייל א דירעקטער אָנטייל אויף די שלאַכטפעלדער פון אייראָפּא וואָלט דאָך געווען אביסעל צו געפעהרליך פאַר איהם. אבער דאָס וואָס מען האָט אזא לייכטזיניגען און אומפאַראַנטוואָרטליכען מענשען אָנפאַרטרויט מיט אזא וויכטיגער אויפגאַבע, איז זיכער גע־ווען א גראָבער טעות.

נאָכדעם ווי מיר זיינען אויך איבערגעקומען אָט די לעצטע צרה, האָט מען אונז ענדליך אַריבערגעפיהרט אויף דעם האָלענדישען דאַמפער „סינדאָרא״, וועלכער האָט אונז געזאָלט ברענגען קיין ראָ־טערדאַם. די מעהרסטע פון מיינע ליידענס־חברים זיינען נאָך גע־ווען אין גאַנצען צוטומעלט פון דער שרעקליכער באהאַנדלונג אין באָסטאָן, ווען זיי זיינען אַרויפגעקומען אויף׳ן שיף. דערפאַר האָט די אויפנאַמע, וואָס מיר האָבען דאָ געקריגען, געווירקט אזוי וואונ־דערבאַר און בארוהיגענדיג. שוועסטער פון׳ם „רויטען קרייץ״ האָ־בען אונז באַגריסט אויף א הארציגען אופן און זיך באַמיהט אנצו־ווייזען יעדען איינעם זיין פּלאַץ. ס׳איז ניט געווען מעהר קיין

בייזערן זיך, קיין קאָמאַנדירען, נאָר בלויז פריינדליכע ווערטער און א מענשליך פארשטעהן. אסך פון מיינע מיטגעפאַנגענע האָבען גאָר ניט געוואוסט, וואָס מיט זיי איז געשעהן, און מעהר ווי איינער האָט געפיהלט, ווי די אויגען זיינען איהם געגען זיין ווילען פייכט געוואָרן. מען איז אַלזאָ דאָך נאָך געווען א מענש און מען איז אויך פון אנדערע נאָך באהאַנדעלט געוואָרן אלס מענש. מען האָט עס שוין כמעט געהאט פארגעסען אין די אַלע יאָהרען פון יאָמער און פון שווערער נויט.

אזוי ווי יעדער איינער האָט זיך געשפּאָרט פּאָרויס, מען זאָל איהם אָנווייזען זיין פּלאַץ צום שלאָפען, האָב איך זיך אוועקגע־שטעלט מיט א פריינד אביסעל אָן א זייט, כדי צו לאָזען די אנדערע זאָלען זיך פריהער פארזאָרגען. מיר זיינען ביידע געשטאַנען אָנגע־שפּאַרט אָן דעם פּארענטש פון שיף און האָבען ארויסגעקוקט אויף'ן ים, יעדער פארטיפט אין זיינע געדאנקען, אזוי אז מיר האָבען גאָר ניט באמערקט, וואָס ארום אונז איז פּאָרגעקומען. ווען מיר האָבען זיך ענדליך אומגעקוקט, זיינען שוין אונזערע קאמעראַדען אַלע גע־ווען פארזאָרגט, נאָר מיר האָבען נאָך ניט געוואוסט, וואו אונזער פּלאַץ איז. מיר האָבען זיך געווענדעט צו א שוועסטער. זי האָט פריינדליך געשמייכעלט און האָט אונז אויפגעשלאָסען א שענע קאַיוטע, וועלכע האָט געהאט צוויי בעטען. ווי דאָס האָט אַלעס אויסגעזעהן, אזוי ריין און בלאנק און היימליך. און די ווייסע ליי־לאַכער אויף די בעטען. ניין, ס'איז ווירקליך געווען צו שען. דאָס איז דאָך געווען גראָד ווי אין יענע אַלטע צייטען, וועלכע זיינען שוין פון לאַנג געלעגען הינטער אונז, און וועגען וועלכע מען פלעגט נאָך בלויז צייטענווייז ביינאכט חלומ'ן. נאָכדעם ווי אונזערע אויגען האָבען זיך גענוג אָנגעזעטיגט מיט אָט דער גאנצער הערליכקייט, זיינען מיר אריין אין דעם גרויסען זאַל. איבעראַל געגרייטע טישען, באקוועמע שטולען צום זיצען, טאַדעל־לאָזע אָרדנונג און האָלענדישע ריינליכקייט. פריץ פּאָפּע און א פּאָר פריינט זיינען שוין געזעסען ביי א גלאָז ביר און האָבען אונז פארשפּעטיגטע באגריסט מיט א פרעהליכען צורוף. מיר האָבען זיך אוועקגעזעצט ביי זייער טיש,

און אונזערע בליקען האָבען דורכגעוואַנדערט איבער'ן גאַנצען זאַל. זיינען דאָס ווירקליך נאָך געווען די אַלטע מענשען, אויף וועמען די לאַנגע געפאַנגענשאַפט האָט אַרויפגעדריקט איהר שווערען שטעמפּעל? מען האָט אומעטום געזעהן צופרידענע מיענעס און מען האָט געהערט פרעהליך געלעכטער. ס'האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי דאָ וואָלט פאָרגעקומען אַ פּולשטענדיגע באַנייאונג פון די זעלען. נאָר פון צייט צו צייט האָט מען אויף וואָס פאַר עס איז געזיכט געקאָנט באַמערקען אַ פאַרזאָרגטע מיענע און אַן אומרוהיג אַרומקוקען זיך, אַזוי ווי דער מענש וואָלט געוואָלט אויסגעפינען אויף זיכער, צי איז דאָס אַלעס טאַקע ווירקליכקייט און ניט קיין שענער חלום, וואָס באַצויבערט זיינע חושים.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ווען די „סינדאָראַ" האָט אויפגעהויבען דעם אַנקער און זיך אָוועקגעלאָזט מיט האַלבען דאַמף איבער דער לענג פון'ם ענגלישען ברעג. דאָס וועטער איז געווען וואונדערבאַר מילד און דער ים גלאַט ווי אַ שפּיגעל. אַזוי גיך ווי ס'האָט אָנגעהויבען ווערן פינסטערליך איז די רייזע אונטערבראָכען געוואָרן און די שיף האָט זיך פאַראַנקערט גאַנץ נאָהנט פון'ם ענגלישען ברעג. איך בין געווען אַזוי אויסגעמאַטערט פון די אַלע נייע איינדריקען פון'ם פאַרגאַנגענעם טאָג און פון די שווערע צווייפלען איבער מיין נאָהנטער צוקונפט, וועלכע האָבען מיך אומאויפהערליך פאַרפאָלגט, אַז איך בין אין יענער ערשטער נאַכט אויף דער „סינדאָראַ" אַריינגעפאַלען אין אַ טיפען, רוהיגען שלאָף, וואָס האָט געדויערט ביז'ן פריהמאָרגען.

די „סינדאָראַ איז שוין ווידער געפאָהרען, ווען איך בין אַרויף אויף'ן פאַרדעק. דער הימעל איז געווען בלוי, די זון האָט וואַרם געשטראַלט און אַ מילד ווינטעל האָט לייכט געבלאָזען איבער'ן ים. מיר זיינען אצונד געפאָהרען דירעקט צו האָלאַנד צו. דער ענגלישער ברעג איז שוין לאַנג געווען פאַרשוואונדען פון אונזערע אויגען. ווער האָט געקאָנט וויסען, צי מיר וועלען נאָך ווען עס איז ווידער זיין אין יענעם לאַנד, וואָס איז פאַר מעהר ווי איינעם פון אונז געוואָרן אַ צווייטע היים? איך האָב זיך אצונד געמוזט

ערנסט אָפּגעבען דערמיט אויסצוגעפינען א מעגליכקייט, ווי אזוי איך זאָל קאָנען בלייבען אין האָלאנד. קודם כל איז עס געגאנגען אין דעם, אָנצוטאַפּען דעם דופּק, כדי צו דערגעהן, וואו און צו וועמען מען דאַרף זיך ווענדען דעם ווענדען.

צווישען די האָלענדישע שיף־סטיואַרדס האָט זיך אויך געפונען א יונגער מאַן, וואָס האָט געמאכט א זעהר סימפּאַטישען איינדרוק. כ'האָב שוין געהאט גערעדט מיט איהם א פּאָר מאָל און געפונען אין איהם א זעהר אינטעליגענטען מענשען. איהם האָב איך דאָס היינט געוואָלט אָנטאַפּען ביים דופּק און, אויב נויטיג, איהם אָנפאַרטרויען מיין לאַגע. באַלד נאָך'ן מיטאָג האָב איך איהם באַמערקט אויף'ן הינטערשטען פאַרדעק, אָנגעשפּאַרט אָן דעם פּאַרענטש און רויכערענדיג זיין פּיפּקע. איך בין צוגעגאנגען צו איהם און האָב פאַרבונדען מיט איהם א געשפּרעך. מיר האָבען גערעדט מכח דער מלחמה און זיינען בּיסלאַכווייז ארויפגעקומען אויף'ן סאָציאַליזם, און אצונד האָב איך צו מיין פרעהליכער איבעראַשונג זיך דערוואוסט, אז ער איז געווען א מיטגליד פון'ם „נאַציאָנאַל ארביידס סעקרעטאַריאַט", די סינדיקאַליסטישע טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציע פון האָלאנד. ווען איך האָב איהם מיטגעטיילט, אז איך בין אן אלטער פריינד פון דאָמעלאַ ניווענהויז, איז ער געווען זעהר דערפרעהט און האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט אונזער ליעבען אלטען שוין אָפט געהערט ריידען. אצונד איז דאָס אייז געווען געבראָכען, און איך האָב געפיהלט, אז איך האָב געקאָנט ריידען צו איהם אָפען. כ'האָב איהם אלזאָ פאַרטרויט מיין גאנצע לאַגע און איהם געבעטען מיר צו העלפען.

דער יונגער מאַן איז גלייך געווען גרייט און האָט מיך געבעטען, איהם צו ענטשולדיגען אויף א ווײַלע, ווייל ער וויל גלייך זיך ערקונדיגען, ווי אזוי די פאַרהעלטענישען זיינען אין דעם פּרט. אין א פערטעל שטונדע ארום איז ער צוריקגעקומען און האָט מיר ערקלערט, אז אויף א לעגאַלען אופן אָהן א באזונדער ערלויבעניש קאָן איך ניט בלייבען אין האָלאנד. ער האָט זיך דורכגערעדט מיט עטליכע קאַמעראַדען און זיי זיינען געקומען צום שלום, אז איך

זאָל ריידען מיט דעם שיף־דאָקטאָר, אויף וועמען איך קאָן זיך רוהיג אָנפאַרטרויען, ווייל ער איז אַ מאַן מיט פּריוואַטליכע אַנ־שויאונגען, וועלכער וועט זיכער טאָן אַלץ, וואָס וועט נאָר זיין אין זיין מאַכט.

כ׳האָב געפאָלגט אָט די עצה און אויפגעזוכט דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט געמאַכט אַ זעהר סימפּאַטישען איינדרוק. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו מיר, ווען איך האָב איהם פאָר־געלעגט מיין בקשה און דערנאָך האָט ער מיר ערקלערט, אַז ער איז גערן בּאַרייט מיר צו העלפען, אָבער דערווייל ווייסט ער נאָך ניט, ווי דאָס קאָן געשעהן. ער מוז זיך דערום נאָך מישב זיין איבער דעם ענין און ער וועט מיר שפּעטער לאָזען וויסען, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן.

דערווייל איז ווידער געוואָרן פינסטער, און אונזער שיף האָט זיך פאַראַנקערט ניט ווייט פון דעם האָלענדישען ברעג. אויף מאָר־גען אין דערפריה האָט מיך דער דאָקטאָר געשיקט רופען צו זיך און מיר ערקלערט, אַז דער איינציגער מענש, וואָס וואָלט מיר געקאָנט העלפען, איז זיין קאָלעגע אין דעם עמיגראַנטען־הויז פון ראָטער־דאַם, אויף וועמען איך קאָן זיך רוהיג פאַרלאָזען. דאָס איז געווען אַ שוואַכע אויסזיכט, אָבער איך האָב זיך געמוזט צופרידענשטעלען מיט דעם ענטפער, ווייל איך האָב ניט געזעהן קיין אַנדער אויסוועג פאַר זיך. ווען מיר האָבען ענדליך דערגרייכט ראָטערדאַם, איז דער דייטשער קאָנסול אַרויפגעקומען אויף׳ן שיף, כדי אונז צו באַגריסען. דערנאָך האָט מען אונז גוט אונטערזוכט און אונז אָפּגעפיהרט אין דעם עמיגראַנטען־הויז, וואו מיר האָבען געזאָלט פאַרברענגען די נאַכט. ווען מיר זיינען דאָרט אָנגעקומען, האָט מען די לייט, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר דייטשלאַנד, אָפּגעטיילט פון די אַנ־דערע און זיי אָפּגעגעבען פּלאַץ אין אַ באַזונדער זאַל. איך האָב נאָך דעם זעלבען אָוונט אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו דאַמעלאַ ניוועניהויז און איהם געבעטען, ער זאָל מיך באַזוכען אַזוי שנעל ווי מעגליך. ווי איך האָב שפּעטער ערפאַרען, איז דער אַלטער אין יע־

נער צייט געלעגען זעהר קראַנק אין בעט, אזוי אז ער האָט ניט געקאָנט דערפילען מיין וואונש.

אויף מאָרגען אין דערפריה האָב איך ענדליך געהאט א געלע־גענהייט צו ריידען מיט דעם דאָקטאָר. איך האָב שוין פון אָנפאנג אָן געהאט ווענינ האָפנונג, אז עס האָט מיר געקאָנט קומען וואָס פאר עס איז הילף פון אָט דער זייט, און מיין פאָרגעפיהל האָט מיך ניט אָפגענאַרט. ווען איך האָב דעם דאָקטאָר ערקלערט מיין פאַל, האָט ער מיר גאָר אָהן צערעמאָניעס געענטפערט, אז ער איז ניט בכוח מיר צו העלפען, וויל עס האנדעלט זיך דא וועגען אן אָפמאַך צווישען דער דייטשער און ענגלישער רעגירונג, אין וועלכען ער קאָן אלס אונטערטאַן פון א נייטראַלען שטאַט זיך ניט אריינמישען.

„און וואָס וועט געשעהן, אויב איך וועל זיך ענטזאגען צו פאָה־רען קיין דייטשלאַנד?" האָב איך געפרעגט.

„איך קאָן אייך נאָר ראַטען דאָס ניט צו טאָן," האָט ער געענט־פערט אביסעל אויפגעבראכט. „מען וועט אייך איינפאַך מיט גע־וואַלט צווינגען דערצו."

„איז דאָס אייער לעצט וואָרט?" האָב איך געפרעגט נאָך אמאָל.

ער האָט געשוויגען א ווײַלע, דערנאָך האָט ער מיט א קוויינ־קעלדיגען טאָן געזאָגט:

„ס'איז מיר אוממעגליך אייך צו העלפען, אָבער איך וויל אייך געבען א גוטע עצה, וועלכע קאָן אייך יעדענפאלס זיין ניצליך. עטליכע מייל הינטער ראָטערדאם פארקירעוועט זיך דער צוג, וואָס דאַרף אייך ברענגען קיין דייטשלאַנד, אין אן אויסגעקרימטער ליניע, וואו ער מוז פאָהרען לאַנגזאם. ווען איהר זאָלט דאָרט וואָגען צו מאַכען דעם פארזוך און פאָרזיכטיג אראָפּשפרינגען, אזוי אז איהר זאָלט זיך ניט צושעדיגען, וועט אייך קיינער ניט נאָכיאָגען. אָבער קוים וועט איהר נאָר זיין אין זיכערקייט, וועט מען אייך ניט ענט־זאגען די ערלויבעניש דאַ צו בלייבען."

וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? כ'האָב נאַטירליך ניט געוואוסט, צי דער מאַן האָט געזאָגט דעם אמת, אָדער דאָס איז געווען בלויז א מיטעל אויף א גוטען אופן פטור צו ווערן פון מיר. קיין אנדער

אויסוועג איז דאָך ניט געווען. יעדער ארויסגאנג פון׳ם עמיגראנטען־הויז איז געווען שטרענג באוואכט פון סאָלדאטען, אזוי אז עס האָט מיר אויסגעקוקט אין גאנצען אויסגעשלאָסען צו אנטלויפען פון דאָ־נען, באזונדערס ווען מען איז ניט באקאַנט מיט די איינריכטונגען פון דער געביידע, ווי דער פאַל איז געווען מיט מיר.

ס׳איז געווען אומגעפער עלף אזייגער פאַרמיטאג, ווען מען האָט אונז אונטער שטרענגסטען קאָנטראָל אָפּגעפיהרט צום צוג. כ׳האָב גלייך פארנומען א פּלאַץ ביי איינעם פון די צוויי פענסטער, כדי צו זיין צוגעגרייט אויף אלע פאַלען. נאָך אן אומענדליכען ווארטען האָט זיך דער צוג סוף כל סוף גענומען ריהרען. כ׳האָב געמוזט מיט געוואַלט אונטערדריקען מיין אומגעדולד. מיר האָט זיך אויסגע־דאכט, אז די מינוטען זיינען אויסגעצויגען געוואָרן אין שטונדען. ענדליך, צוויי אָדער דריי מייל הינטער ראָטערדאם, איז די גע־שווינדקייט פון׳ם צוג ביסלאכווייז פארקלענערט געוואָרן. ווען עס וואָלט כאָטש געווען ביינאכט, וואָלט איך זיך יעדענפאלס געקאָנט ריכטען אויף אן ערפאָלג, אָבער אינמיטען העלען טאָג האָט מיר די זאך אויסגעקוקט מעהר ווי פּראָבלעמאטיש. אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? ס׳איז געווען די לעצטע קאָרט, וועלכע איך האָב געהאַט אין דער האנד, און איך בין געווען ענטשלאָסען זי אויסצו־שפּילען. כ׳האָב שוין די גאנצע צייט געהאט אויסגעקוקט אויף א פּאַסענדען פּלאַץ וואו אראָפּצושפּרינגען. ווען דער מאָמענט האָט מיר אויסגעזעהן צו זיין גינסטיג, האָב איך שנעל אויפגעעפענט די טיר און בין מיט אימפּעט ארויסגעשפּרונגען פון צוג, צו דער גרוי־סער איבעראשונג פון מיינע קאַמעראדען, וועלכע האָבען גאָר ניט אנגעהויבען צו וויסען, וואָס דאָס האָט געזאָלט באדייטען. הגם איך בין גוט געשפּרונגען, איז אבער די געשווינדקייט פון׳ם צוג נאָך געווען אזוי שטארק, אז איך בין אנידערגעוואָרפען געוואָרן אויף דער ערד. אָבער איך האָב באלד געפיהלט, אז איך האָב זיך ניט באשע־דיגט — די פּאָר ריצען אויף די הענט און די קניע רעכענען זיך ניט — און איך בין שנעל צוריק געווען אויף די פיס.

פאַר מיר איז געלעגען א פלאַך שטיק לאַנד, וואָס איז געווען

דורכגעשניטען פון א שמאָלען שטעג, וועלכען איך האָב אצונד געזוכט צו דערגרייכען. דאָ האָב איך מיט אמאָל דערהערט קולות און געשרייען הינטער מיר און דעם סקריפּענדען קלאנג פון די ברעמזען. כ׳האָב זיך האַסטיג אומגעקוקט און באמערקט, אז מען האָט אפּגעשטעלט דעם צוג. האָב איך גענומען לויפען אזוי שנעל ווי איך האָב נאָר געקאָנט. אָבער דאָס געשריי הינטער מיר האָט זיך פארשטארקט, און ווען איך האָב לייכט אומגעדרעהט דעם קאָפּ, האָב איך דערזעהן, אז זעקס האָלענדישע סאָלדאטען האָבען מיר מיט אלע כוחות נאָכגעיאָגט. צום אומגליק זיינען מיר אויך אנטקעגען געקומען דריי שאָסיי־ארבייטער, וועלכע זיינען אויפמערקזאם געוואָרן דורך דעם געשריי און דורכדעם וואָס דער צוג האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אויף׳ן מיטען וועג. וועגען אנטלויפען איז שוין אונטער די דאָזיגע אומשטענדען מעהר ניט געווען צו טראַכטען.

די ארבייטער, וועלכע האָבען נאַטירליך ניט געקאָנט וויסען, וועגען וואָס עס האָט זיך געהאנדעלט, האָבען מיר אויף גיך פארשפּאָרט דעם וועג. אין א פּאָר מינוט זיינען אויך אָנגעקומען די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען מיך גענומען און מיך צוריקגעבראכט צום צוג. מיינע מיטגעפאנגענע זיינען נאַטירליך אלע געלעגען ביי די פענסטער און האָבען אויפגערעגט נאָכגעפאָלגט דעם פארריקטען שוישפּיל. בלויז די ווענינגסטע פון זיי האָבען באגריפען, וועגען וואָס עס האָט זיך דאָ געהאנדעלט. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום צוג, האָבען עטליכע אָנגעהויבען צו שימפען און מיר צוואוואָרפען אלערליי פאָרוואורפען. אָבער די אנדערע האָבען זיי שנעל שטיל געמאַכט. מען האָט מיך אריינגעפיהרט אין א באַזונדער וואגאָן, וואו עס האָבען זיך געפונען די סאַניטערע באַאמטע און די שוועסטער פון „רויטען קרייץ“. די מענשען האָבען מיך באהאנדעלט מיט פיעל גוטסקייט און מיר אָנגעבאָטען א גלאָז וויין זיך צו שטארקען. אייניגע האָבען מיך געפרעגט, פארוואָס איך האָב געפרואווט אנטלויפען. כ׳האָב זיי אין קורצען דערצעהלט מיין לאַגע, און אצונד האָבען זיי ערשט באַגריפען דעם אינערליכען צוזאמענהאנג פון די זאַכען.

אצונד איז אלעס געווען אויס. כ׳האָב געטראַכט פון מילי׳ן,

פון די קינדער און די אַלע פריינט, וועלכע איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט. קיינער פון זיי וועט איצט ניט וויסען, וואָס מיט מיר איז געשעהן. אָט דער געדאַנק האָט מיך אַם מעהרסטען געמוטשעט, וואָרים וואָס מיט מיר גופא וועט געשעהן, איז מיר אין יענע שטונדען געווען אַלצאיינס. אָבער וואָס האָט דאָ געהאָלפען דאָס גאַנצע טראַכטען. ס'איז געווען פאַרפאַלען, דאָס געשעהענע האָט ניט געקאָנט אַנדערש ווערן, און אַצונד איז בלויז געגאַנגען אין דעם צו באַגעגענען דעם שיקזאַל, וואָס די פאָלגען זאָלען ניט זיין. לאַנגזאַם זיינען געקראָכען די שטונדען, ביז מיר זיינען ענדליך פאַרנאַכט דורכגעפאָהרען גנעזען, די לעצטע האָלענדישע סטאַנציע. גלייך נאָכדעם האָבען מיר זיך געפונען אויף דייטשען באָדען. אַ קורצע שטרעקע פון האַסום, די ערשטע דייטשע גרעניץ־סטאַנציע, איז אונזער צוג אויף אַ שטיקעל צייט געבליבען שטעהן. הינטער אַן אַראָפּגעלאָזענעם צאָל־טויער זיינען געשטאַנען עטליכע בלאַסע קינדער, וועלכע האָבען מיט זייערע דינע שטימעלעך געזונגען „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס“. דערנאָך האָבען זיי אויסגעשטרעקט די הענטעלעך און געבעטען אַ נדבה. דאָס איז געווען אַ טרויעריגער צייכען.

אויף דער באַן־פּלאַטפאָרמע אין האַסום האָב איך באַמערקט אַ דייטשען אָפיציר און עטליכע סאָלדאַטען, די ערשטע וואָס זיינען מיר ווידער געקומען פאַר די אויגען זינט זיבען און צוואַנציג יאָהר. נאָך אַ קורצען אָפּשטעל איז אונזער צוג געגאַנגען ווייטער קיין גאָהך, די איינגענטליכע גרעניץ־סטאַנציע, וואו מיר האָבען זיך געדאַרפט אָפּשטעלען. אין ווייניגער ווי אַ האַלבע שעה זיינען מיר דאָרט אָנגעקומען. לאַנגזאַם האָט זיך דער צוג אויסגעליידיגט. גלייך אין באַנהויף האָט זיך אויך געפונען דער רעגיסטרירונג־ און קאָנטראָל־פּלאַץ, פון וואַנען די צוריקוואַנדערער פון ענגלאַנד זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן ווייטער נאָך די פאַרשידענע טיילען פון דייטשלאַנד. מען האָט אונז אַריינגעפיהרט אין אַ גרויסען צימער, וואו אונזער באַגאַזש איז קודם כל שטרענג אונטערזוכט געוואָרן. צייטונגען, ביכער, איבערהויפּט יעדעס שטיקעל באַשריבען אָדער באַ־

דרוקט פּאַפּיר האָט מען ביי אונז צוגענומען. די קאָנפיסקירטע זאַכען זיינען איינגעפּאַקט געוואָרן אין באזונדערע איינהילונגען און באַזאָרגט געוואָרן מיט באַשטימטע צייכענס. דערנאָך האָט מען אונז געזאָגט, אז אויב מיר וועלען עס פֿאַרלאַנגען, וועט מען אונז די זאַכען אין עטליכע וואָכען אַרום צוריק אומקערען.

ווען אלע זיינען אויף דעם אופן אָפּגעפּאַרטיגט געוואָרן, האָט מען אונז געהייסען זיך האַלטען רוהיג, ווייל דער אויבער־לייטענאַנט וויל ריידען א פּאָר ווערטער צו אונז. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז דער אויבער־לייטענאנט מערק אין גאַהך געוועזן א פּראָטעסטאַנטישער פּאסטאָר, וועלכער האָט בעת דער מלחמה אויס־געביטען זיין גלח'ישען מאנטעל אויף דעם ראָק פון'ם קעניג און האָט אצונד דאָ ביי דער גרעניץ דערפילט זיין דינסט. דער מאַן האָט גערעדט וועגען דעם גרויסען קריג, וועלכען מען האָט ארויפגעצוואונ־גען אויף דייטשלאנד, וועגען דעם אומ'ברחמנות'דיגען „אלביאָן" און וועגען דעם קומענדיגען זיג. ער האָט אונז צוגעגרייט דערצו, אז מיר וועלען געוויסע זאכען אין דייטשלאנד ניט געפינען אזוי, ווי אסך האָבען זיך עס פאָרגעשטעלט. יעדער איינער מוז טראָגען א טייל אין די אלגעמיינע נויטען, כדי דאָס פאָטערלאנד זאָל זיין אימ־שטאַנד בייצושטעהן אנטקעגען די שונאים. דערנאָך האָט ער אונז באקאָנט געמאכט מיט אלע פאָרמאליטעטען, וועלכע מיר האָבען פון איצט אָן געדארפט דערפילען, וואָרים הגם מיר זיינען אצונד פרייע מענער, מוזען מיר אָבער קיינמאָל ניט פארגעסען, אז אויך די פריי־הייט מוז האָבען איהר בעל הבית, כדי אויפצוהאלטען אָנשטענ־דיגקייט און אָרדנונג. יעדער פארנינפטיגער מענש וועט דאס איינ־זעהן, העכסטענס א „פארריקטער אנאַרכיסט" קאָן דאָס פיליכט ניט פארשטעהן. דאָס איז אָהן א שום ספק געוועזן א רייב אין זייט פאר מיר, וואָרים ס'איז געוועזן קלאָר, אז מען האָט דעם אויבער־לייטענאנט שוין געהאט אויפגעקלערט וועגען מיין פערזאָן און איהם דערצעהלט וועגען מיין פארזוך צו אנטלויפען. נאָך אָט דעם רייב אין זייט האָט ער גערעדט וועגען דעם, אז די ענגלענדער האָבען עפּעטרס געמאכט א פארזוך אויף דעם וועג פון דער „רעפּאטריאי־

רונג" אריינצושמוגלען קיין דייטשלאנד אומזויבערע עלעמענטען און שפּיאָנען. מחמת דעם איז עס די פליכט פון יעדען גוטען דייטש צו לאָזען וויסען דער דייטשער פּאָליציי וועגען יעטוועדען פאַר־דאַכט וואָס איז נאָר פאַראַן. ענדליך האָט ער נאָך געפרעגט, צי עס איז פאַראַן אימיצער פון די אָנגעקומענע, וועלכער האָט שכל געהאט דורכצושמוגלען ענגליש געלד. אַזעלכע געלדער מוזען גלייך אויף'ן שטעל אָפּגעליפערט ווערן, אָבער די דייטשע רעגירונג צאָהלט דערפאַר אויס דעם פולען ווערט אין דייטש געלד. צום סוף איז געקומען דער אומפאַרמיידליכער „הויך" פאַר'ן קייזער, און די זאַך איז געוועזען איבערגעקומען.

נאָך דער רעדע האָט דער אויבער־לייטענאנט פלוצלינג אויס־גערופען מיין נאָמען און מיך געבעטען צו צוקומען נעהנטער. כ'האָב איהם געפאָלגט און בין צוגעגאנגען אין מיטען צימער. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגע־רופען גראָד ניט מיט קיין אומפריינדליכען טאָן:

„וואָס פאַר נארישקייטען האָט איהר דאָס געמאכט?"

איך האָב זיך געפיהלט מורא'דיג פאַרמאַטערט נאָך די אַלע אויפרעגענדע איבערלעבענישען פון די פאַרגאַנגענע שטונדען, און מיין גאנצער קערפּער האָט געשמאַכט נאָך רוה. כ'האָב איהם דע־רום אין קורצען געענטפערט, אז צוליעב ריין פיזישע אורזאַכען בין איך פאַרלויפיג ניט אימשטאַנד איהם צו געבען גענויערע אויס־קינפטען איבער מיין האנדלונג, אזוי אז ער מוז האָבען געדולד ביז מאָרגען. ער האָט די גאַנצע צייט פון מיר קיין אויג ניט אראָפּגע־נומען און האָט מסתמא אליין געמוזט באמערקען, אז עס איז ניט ראַטזאַם היינט נאָך ווייטער צוצושטעהן צו מיר.

„גוט," האָט ער געזאָגט אין דעם זעלבען רוהיגען טאָן ווי פריי־הער. „איך בין גרייט, אייך מאָרגען אויסצוהערען."

אצונד האָבען אונז עטליכע סאָלדאַטען אָפּגעפיהרט אין א שול־געביידע, וואָס איז געלעגען אביסעל אויסער דער שטאָט. מען האָט די זאכען אין דער שולע טיילוויז איבערגעשטעלט און דאָרט איינגע־אָרדענט א קוואַרטיר און קעסט־פּלאַץ פאַר די צוריק־פאָהרער פון

ענגלאנד. די וועטשערע האָט שוין געוואַרט אויף אונז. ס'איז געווען אַן אָרעמע מאַלצייט. אַ קליין שטיקעל ברויט און אַ קרויט־זופּ, וועלכע האָט קענטיג אָנגעזעהן וועניג פעטס. ביים אויסטיי־לען פון דער זופּ האָט מען אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלען גאָרנישט איבערלאָזען אין די שיסלען. ליעבערשט צוויי מאָל נעמען זופּ, האָט די שוועסטער געזאָגט, איידער עפּעס זאָל אומזיסט געהן אין ניוועץ. דאָס איז אָהן אַ שום ספק געווען גאַנץ פאַרנינפטיג, אבער איך האָב עס ביי מעהר ווי איינעם פון מיינע שיקזאַלס־חברים געקאָנט באמערקען אויף'ן געזיכט, אַז ער איז ניט געווען באַזונ־דערס ענטציקט פון די דייטשע צושטענדען. מען האָט זיך דאָך אויך דאָרט אין ענגלאַנד ניט פאָרגעשטעלט, אַז די לאַגע איז אַ גלענצענדע, אָבער מען האָט פונדעסטוועגען פאָרט ניט געגלויבט, אַז עס האַלט ווירקליך אַזוי שלעכט. שוין דעם ערשטען אָוונט האָבען מיר עטליכע געזאָגט, אַז זיי האָבען באַדויערט, וואָס זיי זיינען ניט געבליבען אין ענגלאַנד.

אין דער שול־געביידע זיינען געווען צוויי זאַלען אויסגעשטעלט מיט בעטען. אָבער אונזער צאָהל איז דאָס מאָל געווען אַזוי גרויס, אַז ניט אַלע האָבען דאָ געקאָנט געפינען אַ פּלאַץ צו שלאָפען. איך האָב זיך געפונען צווישען די, פאַר וועמען ס'איז קיין פּלאַץ ניט געווען. אַ סאָלדאַט האָט אונז צוריקגעפיהרט אין שטאָט אריין און אונז אָפּגעזעצט אין קליינע גרופּען ביי פאַרשידענע איינוואוינער. איך אַליין און נאָך דריי פון מיינע קאַמעראַדען האָבען געפונען אַ קוואַרטיר אין אַ מין וואָגען־שטאַל. די איינריכטונג איז געווען זעהר פּרימיטיוו. אַ דינע שיכט פון שטרוי איז געלעגען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, און דערצו האָט יעדער פון אונז געקריגען אַ קאָלדרע. מיר זיינען ניט געווען פאַרצערטעלט, און איך בין געווען צופרידען, וואָס איך האָב ענדליך געקאָנט אויסשטרעקען די מידע גלידער. געשלאָפען בין איך אין יענער נאַכט ניט קיין סך. מיין גאַנץ ביז אהעריג לעבען האָט פאַרבייגעצויגען פאַרביי מיר אין אומקלאָרע בילדער, און די געדאַנקען זיינען האַסטיג געלאָפען איינע נאָך די אַנדערע. ערשט באַגינען צו טאָג בין איך אריינגעפאַלען אין אַן

אומרוהיגען האלב־דרעמעל, פון וועלכען מיינע חברים האָבען מיך באלד אויפגעוועקט. מיר האָבען זיך ארומגעוואשען ביים ברונען און זיך אָפּגעווישט מיט אונזערע טאַשענטיכלעך, אזוי גוט ווי ס'איז נאָר געגאנגען. דערנאָך זיינען מיר אוועק צוריק אין דער שולע, וואו מיר האָבען צוזאמען מיט די אנדערע געגעסען אָנבייסען. ס'איז באשטאנען פון א שטיק ברויט מיט אזויגערופענער „מאַרמעלאַדע" און עפּעס אן אומבאשטימטע פליסיגקייט, וועלכע מען האָט גערופען קאפע.

נאָכדעם ווי מיר זיינען פארטיג געוואָרן מיט'ן עסען, זיינען מיר אלע אין דער באגלייטונג פון א סאָלדאַט אוועק צום באנהויף, וואו עס איז שוין געווען גאנץ לעבעדיג. דאָס ווייטער־פאָהרען פון די צוריקגעקומענע איז צוגעגאנגען לויט א גאנץ איינפאכען פּרינציפּ. באלד נאָך אונזער אָנקומען האָט מען יעדען איינעם געפרעגט, וואוהין ער וויל פאָהרען. ווען איינער האָט אָנגערופען א באשטימטע שטאָט, האָט מען איהם געפרעגט אויף דעם אדרעס פון וואָס פאר עס איז קרוב אָדער באקאנטען, צו וועמען א באאמטער האָט גלייך אָפּגעשיקט א טעלעגראמע. האָט אימיצער ניט געקאָנט אָנגעבען קיין גענויען אדרעס, האָט מען טעלעגראפירט צו דער פּאָליציי פון יענער שטאָט און געבעטען גענויע אויסקינפטען. אזוי גיך ווי עס איז אָנגעקומען אן ענטפער, האָט מען דעם צוריק־וואנדערער פאַר־זארגט מיט א באַן־בילעט און, אויב ער איז געווען גאָר אָהן מיטלען, מיט א צעהן פּעניג שטיק אויף'ן וועג, אזוי אז ער האָט געקאָנט אָפּפאָהרען גלייך מיט'ן נעכסטען צוג. די יעניגע, וועלכע האָבען אבסאָלוט קיינעם ניט געהאט, צו וועמען צו פאָהרען, זיינען געבלי־בען עטליכע טעג אין גאַהך, פון וואנען מען האָט זיי געוועהנליך אָפּגע־שיקט אין דעם „רעפּאטריאירונגס"־לאגער אין דאָרטמונד. דאָרט האָט מען זיי געגעבען וואָס פאר עס איז ארבייט, אזוי אז זיי האָבען דערנאָך געקאָנט ווערן זעלבסטשטענדיג.

דאָס ווייטער־פאָהרען איז אין די מעהרסטע פאלען צוגעגאנגען אָהן שוועריקייטען און אָהן יעדע פארשלעפּונג. ווען מיר זיינען געקומען אויף'ן באנהויף, איז שוין דאָרט געלעגען א היבשע צאָהל

ענטפּערס פון פאַרשידענע שטעט אויף די טעלעגראַמעס וואָס מען האָט געהאַט ארויסגעשיקט, אזוי אז אסך פון מיינע קאַמעראַדען האָבען גלייך געקאָנט פאַרלאָזען גאָהך. די איבעריגע זיינען אָפּגע־פאָהרען אין פאַרלויף פון טאָג אָדער אויף מאָרגען. ס'איז זעלטען פאָרגעקומען, אז איינער האָט געמוזט בלייבען לענגער ווי דריי טעג אין גאָהך. בלויז אין באַזונדערס צווייפעלהאפטע פאַלען זיינען די מענשען געבליבען לענגער.

ס'איז געווען אומגעפער ניין אזייגער אין דערפריה, ווען דער אויבער־לייטענאַנט מערק האָט זיך באַוויזען. ער האָט אונז באַ־גריסט מיט א פריינדליכען גוט מאָרגען און האָט זיך גלייך אוועק־געזעצט ביי זיין ארבייטס־טיש אינמיטען זאַל, וואו ער האָט אונ־טערגעשריבען פּאַפּירען, אויסגעהערט באַריכטען אדער ארויסגעגע־בען באַפעהלען. איך בין די גאַנצע צייט געזעסען אין הינטער־גרונד און געוואַרט אויף דעם וואָס האָט מיט מיר געזאָלט געשעהן. פּלוצלינג האָב איך דערהערט, ווי דער אויבער־לייטענאַנט האָט מיט א הויכער שטימע געפרעגט:

„איז הערר ראָקער שוין דאָ?“

איך בין צוגעגאַנגען צו זיין טיש. ער האָט מיך פריינדליך באַגריסט און געזאָגט:

„נו הערר ראָקער, איך דענק, אז איהר האָט מיר היינט געוואָלט געבען געוויערע אויסקינפטען. מעג איך אייך בעטען, אריינצוגעהן מיט מיר אין מיין צימער.“

מיט די ווערטער האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ, און איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך איהם אין א קליינעם, זעהר פּרימיטיוו איינגעאָרדענטען צימער, וואו ער האָט זיך אנידערגעזעצט ביי א שמאָלען טיש און מיר אָנגעבאָטען א שטול.

כ'האָב זיך שוין די גאַנצע צייט געהאַט מישב געווען מיט זיך אליין, וואָס איך זאָל איהם זאָגען, און איך בין ענדליך געקומען צום שלוס, אז איך זאָל איהם אדער דערצעהלען אלצדינג אָדער גאָרנישט איבער מיין פּערזאָן און איבער דער אורזאַך פון מיין פאַרזוך צו אנטלויפען. ווען ער האָט מיך אַלזאָ אָנגעקוקט פול מיט

ערוואַרטונג, כדי צו הערען מיין „ווידוי", האָב איך מיט אַ פעסטער שטימע געזאָגט:

„כ'האָב זיך איבערלעגט די זאַך, הערר אויבער־לייטענאַנט, און איך וואָלט פריהער פון אַלץ געוואָלט וויסען, צו וועמען איך רייד. אויב איך דאַרף אין אייך ניט זעהן קיין אַנדער זאַך ווי נאָר דעם פּרייסישען אָפיציר, דאַן וואָלט עס פּילייכט איבערהויפּט ניט געהאַט קיין צוועק צו ריידען, ווייל איהר וועט דאָך מיך וואַרשיינליך ניט פאַרשטעהן ריכטיג. איך מיין דאָ נאַטירליך אַבסאָלוט ניט מיט אַט די ווערטער אייך אויף וואָס פאַר עס איז אופן אָנצוטרעטען. כ'האָב איינפאַך געוואָלט אָנדייטען דערמיט, אַז עס זיינען פאַראַן מענשען מיט געוויסע גייסטיגע איינאָרדנונגען, וועלכע זיינען ניט געאייגענט צו באַטראַכטען איינעם'ס מאָטיווען און האַנדלונגען אונטער אַן אַנדער געזיכטס־פּונקט ווי דעם געזיכטס־פּונקט פון זייער פּראָפעסיע. מחמת דעם וואָלט דאָ יעדע רייד איבערהויפּט געווען אַרויסגעוואָרפען און וואָלט ניט אייך, ניט מיר זיין אויף וואָס פאַר עס איז אופן ניצליך. אַביסעל אַנדערש וואָלט עס געווען, ווען איך זאָל קאָנען ריידען צו אייך אַלס מענש צו מענש. אין דעם דאָזיגען פאַל וואָלט איך געקאָנט רוהיג אַוועקוואַרפען אָן אַ זייט אַלע פאַלשע באַטראַכטונגען און אייך שילדערן די זאַכען, ווי זיי זיינען."

ער האָט מיך אָפּגעמאָסטען מיט אַן אייגענאַרטיגען בליק, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט לייענען ביי מיר אין האַרצען. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט אין אָנפאַנג אַליין ניט געוואוסט קלאָר ביי זיך, וואָס ער זאָל אין דעם פאַל טאָן. ענדליך האָט ער אויף זיין רוהיגען אופן געזאָגט:

„גוט אַלזאָ, רעדט צו מיר אַלס מענש צו מענש. איך וועל פּרואווען אייך פאַרשטעהן."

נו, האָב איך איהם צוערשט גאַנץ אָפען און אָהן אַ שום צוריקהאַלטונג אויפגעקלערט איבער מיין פּערזאָן און מיינע אָנשויאונגען. כ'האָב געוואוסט, אַז איך האָב סיי ווי סיי מעהר גאַרנישט וואָס צו פאַרלירען און בין געווען ענטשלאָסען, אָפען און קלאָר אַרויסצוטרעטען פאַר מיין איבערצייגונג. כ'האָב זיך אָפען ער־

קלערט אלס אַנאַרכיסט און אויך ניט פאַרשוויגען פון איהם, אז איך האָב מיט אסך יאָהרען צוריק געמוזט פאַרלאָזען דייטשלאַנד צוליעב מיין רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדא. כ'האָב איהם געזאָגט, אז איך בין די אלע יאָהרען כסדר געווען טעטיג פאַר מיינע אידעען, און אז איך בין איצט מעהר ווי ווען עס איז איבערצייגט אין דער ריכ־טיגקייט פון אָט די אידעען. דערנאָך האָב איך איהם ערקלערט מיינע אנזיכטען איבער דעם קריג און דערביי האָב איך מיט פולער שאַרפקייט באַטאָנט מיין אַנטי־מיליטאַריסטישען שטאַנדפּונקט. נאָכדעם ווי איך האָב איהם אויף אַזאַ'ן אופן פולשטענדיג באַקאַנט געמאַכט מיט מיין פּערזאָן און מיינע מיינונגען, האָב איך איהם ערקלערט די אורזאַכען, וועלכע האָבען מיך באַוואויגען צו פאַרלאַנ־גען, אז מען זאָל מיך אינטערנירען אין האָלאַנד. כ'האָב איהם גע־זאָגט, אז איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט די אַבזיכט זיך צו לאָזען איבערשיקען צוריק קיין דייטשלאַנד, אז מען האָט מיך אַזוי צו זאָגען געגען מיין ווילען געבראַכט אַהער און אז דאָס איז אויך געווען די אורזאַך פון מיין פאַרזוך צו אַנטלויפען.

„און אצונד ווייסט איהר אַלעס,“ האָב איך געשלאָסען מיין ערקלערונג. „כ'האָב אייך מעהר גאָרנישט וואָס צו זאָגען און איך דאַרף בלויז אָפּוואַרטען, וואָס מיט מיר וועט געשעהן.“

דער אויבער־לייטענאַנט האָט מיך די גאַנצע צייט אויסגעהערט מיט דער געשפּאַנטסטער אויפמערקזאַמקייט. כ'האָב געקאָנט זעהן אויף איהם, אז מיינע ווערטער האָבען אויף איהם געמאַכט אַ שטאַר־קען איינדרוק. ווען איך האָב געענדיגט, האָט ער עטליכע מינוט געשוויגען. דערנאָך האָט ער מיר אריינגעקוקט פעסט אין די אויגען און געזאָגט:

„ס'איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך הער אַזעלכעס פון אַ מענשען. און איהר רופט זיך ווירקליך אַנאַרכיסט?“

„יאָ,“ האָב איך געענטפערט.

„אָבער דאָס איז דאָך שרעקליך,“ האָט ער געזאָגט. „אונטער אַנאַרכיע פאַרשטעהט מען דאָך אַ צושטאַנד פון אַבסאָלוטער אומ־אָרדנונג, און ס'איז דאָך אוממעגליך, אז מען זאָל אַזעלכע פאַרהעל־

טעגישען באַצייכענען אלס ווינשענסווערטען ציעל פון דער מענש־ליכער געזעלשאפט.״

„איבער דעם וואָס איז אָרדנונג און אומאָרדנונג קאָנען זיין פארשידענע מיינונגען,״ האָב איך געענטפערט. „מיר, צום ביישפּיל, גלויבען, אז א גרעסערע אומאָרדנונג, ווי זי פארקערפּערט זיך אין דער היינטיגער געזעלשאפט, איז איינפאך אוממעגליך. ניט בלויז איז איהר כלומר׳שט קריסטליכע עטיק אין שרייענדען ווידערשפּרוך מיט יעדער ערשיינונג פון אונזער עקאָנאָמישען, פּאָליטישען און סאָציאַלען לעבען, נאָר דעם זעלבען מורא׳דיגען קאָנטראסט געפינט איהר אויף אלע געביטען פון געזעלשאפטליכער טעטיגקייט. דעם איינעם׳ס ברויט איז דעם אנדערן׳ס טויט. און פון צייט צו צייט נעמען די סאָציאַלע געגענזאַצען אָן אזעלכע שרעקליכע פאָרמען, אז זיי ענדיגען זיך אין מורא׳דיגע קאַטאַסטראָפען. דער אומגליקליכער קריג איז דער בעסטער באווייז פאר דער ריכטיגקייט פון מיין באַ־הויפּטונג. אָבער אזא צושטאַנד קאָן מען דאך בשום אופן ניט אָנרופען אָרדנונג. אויב דאָס וואָרט האָט איבערהויפּט א זין, דאן קאָן עס דאָך בלויז באדייטען א האַרמאָנישע אויסווירקונג פון אלע געזעלשאפטליכע כוחות. אבער וואו געפינט מען זי היינט? אי־בעריגענס קאָן איך ניט איינזעהן, פארוואָס עס זאָל זיין אזוי שרעק־ליך זיך צו רופען אנארכיסט. די איבערצייגונג איז דאָס העכסטע, וואָס א מענש קאָן זיך דערווערבען, אלצאיינס צי זי טראָגט א רע־ליגיעזען, פּאָליטישען אָדער סאָציאַל־עטישען כאַראַקטער. עס וואָלט אייך זיכער ניט אנגענעם געווען, ווען איך וואָלט אייך דערצעהלט וואָס פאר עס איז באָבע־מעשה, אָנשטאָט אייך צו זאָגען דעם גאַנ־צען אמת. און מיר דוכט, אז מען דאַרף שטענדיג שעצען דעם אמת, ניט קוקענדיג פון וואָס פאר א זייט ער קומט.״

„גאַנץ געווים איז מיר ליעבער, ווען איהר זאָגט מיר דעם אמת,״ האָט ער געענטפערט. „אָבער די זאכען, איבער וועלכע איהר רעדט דאָ, ליגען איינגעפונדעוועט אין אונזער נאַטור. דער מענש איז אומפאָלקאָם, און אויך דער שענסטער אידעאַל וועט אָהן גאָט׳ס הילף גאָרנישט קאָנען ענדערן אין די דאָזיגע זאכען.״

„דאָס, זעהט איהר, איז א מיינונג, מיט וועלכער איך קאָן ניט איינשטימען,“ האָב איך געזאָגט, „און זיכער איז זי איינע פון די הויפּט אורזאכען, וואָס איך רוף זיך אנארכיסט. אָבער די טרעגער פון דער היינטיגער געזעלשאַפטס־אָרדנונג האַנדלען דאָ אליין ניט לויט דעם דאָזיגען פּרינציפּ. זיי פאַרלאָזען זיך בשום אופן ניט אויף גאָט'ס הילף, נאָר מישען זיך ביי יעדער געלעגענהייט אריין אין דעם בורא'ס ארבייט.“

ס'האָט זיך אַלזאָ ענטוויקעלט א לאַנגער שמועס איבער דעם, וואָס איך האָב פאַרשטאַנען אונטער אַנאַרכיזם, און איבער מיין שטעלונג צו רעליגיאָן, צו דער מאָנאַרכיע און צו אַלע אנדערע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס. איך האָב גלייך געזעהן, אז מיין געגנער האָט אחוץ די געוועהנליכע פּזמונים אין דער בירגערליכער פּרעסע קיינמאָל ניט געהערט עפּעס מכח די דאָזיגע זאכען. דאָך וואָלט עס געווען אן אומרעכט געגען איהם, ווען איך זאָל איהם דאָ איינפאַך פאַרשטעלען אלס בלינדען נאָכפאָלגער פון אַלטע, טראַדיציאָנעלע אנשויאונגען. ער האָט באַזעסען א געוויסע פרייקייט פון'ם אורטייל און אן אופן, ווי אויפצופאַסען די זאכען, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט א זעהר סימפּאַטישען איינדרוק, זאָגאַר דאָרט, וואו אונזערע מיינונגען זיינען געווען פולשטענדיג אנטקעגענגעזעצט. צולעצט האָט ער אַליין איינגעזעהן, אז די אידעען, וועלכע איך האָב פאַרטראָטען, זיינען געקומען פון מיין טיפסטער און אינערסטער איבערצייגונג און האָבען זיך געשטיצט אויף ערפאַרונגען, וועלכע מען האָט ניט געקאָנט אוועקמאַכען מיט דער האַנד. ער האָט דערום געגעבען דעם געשפּרעך אן אנדער ווענדונג, זאָגענדיג:

„איך באַגרייף ניט, פאַרוואָס מען האָט אייך אינטערנירט אין ענגלאַנד. מיט אייערע אידעען האָט מען דאָך אייך אויף קיין פאַל ניט געקאָנט באַטראַכטען אלס א פאַרטיידיגער פון דער דייטשער מלוכה.“

„דאָס האָט מען העכסט וואַרשיינליך טאַקע ניט געטאָן,“ האָב איך געענטפערט. „אָבער מיין פּראָפּאַגאַנדע איז ניט געווען גע־

ריכטעט בלויז געגען א באשטימטער נאציאָנאַלער איינהייט פון'ם היינטיגען סיסטעם, נאָר געגען יעדער פאָרם פון דער באשטעהענדער עקאָנאָמישער און שטאַטליכער אָרדנונג, אָהן אונטערשיד פון די נאַציאָנאַלע און פאָליטישע אָפּגרענצונגען. צוליעב דעם האָט מען מיך ארעסטירט און אומשעדליך געמאכט."

מיר האָבען נאָך גערעדט א צייט לאַנג איבער די פארהעלטע־נישען אין רוסלאנד און איבער דער אינטערנירונג פון מיין פרוי. צום סוף האָט ער מיר גאנץ אָפען געזאָגט, אז ער האָט שוין פאר מיין אָנקומען אין גאָהך געהערט וועגען מיר, זיך טרעפענדיג דאָ מיט פארשידענע צוריקפאָהרער, וועלכע זיינען געוועזן אינטערנירט צוזאמען מיט מיר.

„א טייל פון זיי האָבען אייך פאָרגעשטעלט אלס אן אמת'ן טייוועל," האָט ער מיט א שמייכעל געזאָגט. „אנדערע ווידער האָבען אייך פשוט אויפגעהויבען אין הימעל און האָבען זיך ניט געקאָנט גענוג אָנדערצעהלען וועגען דער איבערגעבענקייט און ענערגיע, מיט וועלכע איהר האָט פארטראָטען די אינטערעסען פון אייערע לאנדס־לייט געגענאיבער דער ענגלישער פארוואלטונג. אָבער מען האָט אונז אויך פיעל דערצעהלט וועגען אייערע פאָרטראָגען און מען האָט אָפט באהויפטעט, אז איהר האָט זעהר שטארק אטאקירט די דייטשע רעגירונג און באזונדערס דעם דייטשען קייזער."

איך האָב א ציה געטאָן מיט די אקסלען און געשוויגען.

„אָט אָפּנים, אז איהר ווילט זיך ניט פארשפרייטען איבער אָט די זאכען?" האָט ער געפרעגט.

„וואָס זאָל איך דערויף ענטפערן?" האָב איך געזאָגט. „איהר קאָנט דאָך ניט פארלאנגען פון מיר, איך זאָל נעמען ערנסט די אלע נארישע זאכען, וועלכע זיינען איבער מיר פארשפרייט געוואָרן, און אז איך זאָל זיך וועגען דעם פארענטפערן. אין פארלויף פון מיין געפאנגענשאפט בין איך זיך צוזאמענגעקומען מיט מענשען, וועלכע האָבען אויף גרונד פון זייער גאנצען גייסטיגען געשטעל געזעהן אין יעדען וואָרט, וואָס איך האָב אויסגערעדט, א פולשטענדיגען הויך־פארראט אָדער א מאַיעסטעטס־באליידיגונג. איך האָב אין אלע

מיינע פאַרטראגען געהאט די אבזיכט צו ווירקען פאר מיינע אידעען און איבערצייגונגען. אז די טענדענץ פון מיינע לעקציעס האָט ניט געקאָנט זיין ווינשענסווערט פאר דער דייטשער רעגירונג, דאָס ווייסט איהר שוין, און דאָס באשטרייט איך גאָר ניט. אָבער זיי זיינען פונקט אזוי ווייניג געווען ניצליך פאר וואָס פאר עס איז אנדער שטאַטליכער אָרגאַניזאציע. וועגען דעם דייטשען קייזער האָב איך איבערהויפּט ניט גערעדט, ווייל די טעמעס, וועלכע איך האָב באַהאַנדעלט, האָבען מיט זיין פערזאָן אבסאָלוט גאָרנישט געהאט וואָס צו טאָן.“

„און ווען מען זאָל אייך אצונד פריי לאָזען?“ האָט ער געזאָגט. „איהר ווייסט גענוי, אין וואָס פאר א געדריקטער לאַגע אונזער פאַטערלאנד געפינט זיך. וואָלט איהר אויך פּנים אל פּנים מיט אָט די מורא'דיגע פארהעלטענישען געווירקט פאר אייערע אידעען?“

וואָס האָב איך דעם מאן געקאָנט ענטפערן? ווען איך וואָלט איהם אפילו געזאָגט, אז איך וועל אונטער די געגענוווערטיגע פארהעלטענישען אָפּשטעהן פון יעדער פּראָפּאַגאַנדא, וואָלט ער מיר דען געקאָנט גלויבען, נאָך דעם אלעם וואָס איך האָב איהם געהאט דערצעהלט? און אויסער דעם וואָלט איך עס געמוזט באטראכטען אלס פערזענליכע פיגהייט, ווען איך וואָלט פאר אָט דער אָפענער פראגע פון מאן צו מאן געמאכט א טריט צוריק. כ'האָב דערום געענטפערט קלאָר און באשטימט:

„הערר אויבער־לייטענאנט, איינס פון די צוויי: אדער מען האָט אן איבערצייגונג, אדער מען האָט ניט קיין איבערצייגונג. פאַר מיר איז די איבערצייגונג ניט דאָס, וואָס די כלי מיט דעם הייליגען ברויט אין דער קאַטוילישער קירכע, וועלכע מען ווייזט יעדען יום טוב דעם גלויביגען און דערנאָך פארשליסט מען זי ווידער אין שאַפע. ווען איהר שטעלט מיר אלזאָ אזוי די פראגע, דאן בלייבט מיר ניט קיין אנדער ברירה, נאָר אייך צו ענטפערן: יאָ, איך וואָלט אויך איצט איבעראל אויפגעטראָטען פאר מיין איבערצייגונג, ווען נאָר איך וואָלט געהאט א געלעגענהייט דערצו.“

קענטיג אז ער האָט פון מיר קיין אנדער ענטפער ניט ערוואַרט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט און האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ — א צייכען, אז אונזער געשפּרעך איז געווען צו ענד. ווען איך האָב זיך שוין צוגעגרייט צו געהן, האָט דער אויבער־לייטענאַנט נאָך אַמאָל געעפענט דעם געשפּרעך.

„נאָך איין מאָמענט, הערר ראָקער,“ האָט ער געזאָגט. „אסך צוריקגעקומענע פון ענגלאנד, וועלכע זיינען דורכגעפאָהרען דאָ דורך אַט דער גרעניץ־סטאַנציע, האָבען אונז דערצעהלט, אז א דאַנק דעם סובמארין־קריג לאָזט זיך אין ענגלאנד שטאַרק מערקען א גרויסער מאנגעל אין לעבענס־מיטלען. איך ווייס, אז מען דאַרף אזעלכע באריכטען אויפנעמען מיט פאָרזיכטיגקייט. עס וואָלט מיר דערום געווען זעהר ליעב צו הערען אייער מיינונג וועגען דעם.“

„הערר אויבער־לייטענאַנט,“ האָב איך געזאָגט, „איך בין איי־בערצייגט, אז ביי יענע מענשען איז דער וואונש געווען דער פאַטער פון'ם געדאנק. איך בין אפילו אליין געווען אינטערנירט און איך קאָן ניט אורטיילען איבער די אלגעמיינע צושטענדען אין ענגלאנד פון אייגענער אָנשויאונג. אָבער פון די צאָהלרייכע פריינט, וועלכע פלעגען מיך באזוכען, ווייס איך, אז קיין מאנגעל איז אין ענגלאנד ניטאָ. מען האָט באשרענקט דעם געברויך פון געוויסע ארטיקלען ווי פּוטער, צוקער און טיי, אבער ווייטער קאָן מען אלע לעבענס־מיטלען קריגען אזוי פיעל וויפיעל מען וויל נאָר.“

ער האָט א ווייל געקוקט פארטראכט פאר זיך און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„איך אליין גלויב אויך, אז אייער אורטייל איז נעהנטער צום אמת.“

ווען ער האָט זיך נאָך אמאָל געווענדט צום געהן, האָב איך איהם געפרעגט, וואָס מיט מיר וועט אצונד געשעהן.

„וואָס מיט אייך וועט געשעהן,“ האָט ער פריינדליך געענטפערט, „ווייס איך ניט. איך בין בלויז אימשטאַנד אייך צו געבען אויס־קונפט איבער דער פּראָצעדורע פון אייער פאַל. פון די ערקלערונגען, וואָס איהר האָט געמאכט, וועל איך צוזאמענשטעלען א באריכט און

עס צושיקען דאָרט וואו מען דאַרף. אזוי גיך ווי אייער זאַך וועט ענטשידען ווערן אין בערלין, וועל איך קריגען ווייטערע באַפעהלען.״

„און ווי לאנג קאָן דאָס געדויערן?״ האָב איך געפרעגט.

„אויך וועגען דעם קאָן איך אייך ניט געבען קיין אויסקונפט, הערר ראָקער,״ איז געווען זיין ענטפער. „פיליכט דריי וואָכען, פיליכט דריי מאָנאט, פיליכט אויך א יאָהר. אזוי ווי איך בין איבערצייגט, אז איהר האָט מיר געזאָגט דעם גאנצען אמת, וועט איהר אין פארלויף פון אייער זיין דאָ ניט האָבען קיין שום באַלעס־טיגונגען, אָבער מיט דעם באַדינג, אז איהר גיט מיר אייער עהרענ־וואָרט, אז איהר וועט ניט מאכען קיין פארזוך צו אנטלויפען.״

כ׳האָב איהם געגעבען מיין וואָרט דערויף. דערמיט איז אונזער ערשטע אונטעררעדונג געווען געענדיגט.

ס׳איז געווען א שלעכטע בשורה וואָס דער אויבער־לייטענאנט האָט מיר אָנגעזאָגט, אָבער ענדערן האָט מען דא גארנישט געקאָנט, דאָס האָב איך אליין איינגעזעהן. מעהר פון אלץ האָט מיר גע־דריקט דער געדאנק, אז ניט מילי, ניט מיינע איבעריגע קרובים וועלען קריגען פון מיר וואָס פאר עס איז צייכען, אז איך לעב. איך בין פאר זיי פּלוצלינג ווי פארשוואונדען פון דער וועלט, און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס פון מיר איז געוואָרן. אחוץ דעם האָב איך זיך ניט געקאָנט גענוג אָפּוואונדערן איבער דעם רוהיגען און פריינד־ליכען אופן, ווי אזוי דער אויבער־לייטענאנט האָט מיך באהאנדעלט. כ׳האָב געהאט ערווארט גאָר עפּעס אנדערש אין דייטשלאנד, און מיין איבערראַשונג איז דערום ניט געווען קליין. איבעריגענס האָט דער אויבער־לייטענאנט ניט געמאכט מיט מיר קיין שום אויסנאַם. אין פארלויף פון דער צייט וואָס איך האָב זיך אויפגעהאלטען אין גאָהך האָב איך אָפט געהאט א געלעגענהייט איהם צו באָאָבאכטען. ער האָט פאר יעדען איינעם געהאט א גוט וואָרט און איז זאָגאר צו זיינע סאָלדאטען שטענדיג געווען גוט און פריינדליך. יעדענ־פאַלס דאַרף מען דערביי ניט פארגעסען, אז ער איז ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער סאָלדאַט.

ס׳האָט זיך איצט אָנגעהויבען פאר מיר א רייה פון לאנגע, אומענדליכע טעג אין אָט דעם קליינעם וויסטען שטעטעל. איך האָב זיך ארייגעצויגען אין דער שול־געביידע, וואו איך פלעג עסען מיינע מאָלצייטען און וואו איך האָב געהאט מיין בעט. יעדען טאָג פלעג איך געהן צוויי מאָל צום באָנהויף. די סאָלדאָטען און זייערע עלצטע האָבען זיך באָנומען זעהר גוט צו מיר. יעדער פון זיי האָט שוין געווי געוואוסט ווער איך בין. ווארשיינליך האָבען מיינע געוועזענע מיטגעפאנגענע זיי דערצעהלט עפּעס וועגען מיר. עטליכע סאָלדאָטען האָבען זיך אויסגעגעבען פאר מיר אלס סאָציאל־דעמאָקראטען און האָבען געזוכט א געלעגענהייט צו קאָנען שמועסען מיט מיר. ס׳האָט ניט גענומען לאנג, בין איך געווען באקאנט אין גאנצען שטעטעל. זאָגאר דער קאטוילישער גלח האָט אויסגעדריקט דעם וואונש, זיך צו באקענען מיט מיר און האָט געהאט מיט מיר א לאנגען געשפּרעך וועגען דער מלחמה און מכח דער שטעלונג פון די קאטאָליקען אין ענגלאנד א. א. וו. די צייט, ווען איך בין ניט געווען אין דער שול אדער אויף׳ן באָנהויף, האָב איך זיך ארומגעשלייעט אין די גאסען אָדער איך פלעג ארייגעהן אין וואָס פאר עס איז שענק, כדי זיך אויסצורוהען. אזוי זיינען אריבער די טעג אין שווערער לאנגוויל. יעדע וואָך פלעגט אָנקומען א נייער טראנספּאָרט פון ענגלאנד. דאָס זיינען פאר מיר געווען די אנגענעמסטע שטונדען, וואָרים איך פלעג דאן שטענדיג טרעפען א מאסע אלטע באקאנטע, צווישען אנדערע אויך מיין גענאָסע אלבערט ווייזהייט, וועלכער איז ניט ווייניג איבעראשט געווען מיך דאָ אזוי אומגעריכטערהייט צו זעהן. אָבער אין א פּאָר טעג צייט פלעגען די נייאָנגעקומענע ווידער פארשווינדען, און איך פלעג ווידער בלייבען איינער אליין אין דעם גרויסען שול־זאל, ביז דער נעכסטער טראנספּאָרט איז אָנגעקומען. בלויז איין סאָלדאט האָט זיך, לויט דער פאָרשריפט, געפונען מיט מיר ביינאכט ביים שלאָפען געהן.

איינע פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען, וועלכע האָט זיך מיר גלייך געוואָרפען אין די אויגען אין פארלויף פון יענע טעג, איז געווען די אלגעמיינע מלחמה־מידקייט, וואָס האָט זיך אומעטום

געלאָזט באמערקען. איבעראַל, וואוהין מען איז נאָר געקומען, האָט מען געשימפט אויפ'ן קריג און ערוואַרט מיט אומגעדולד דעם פריי־דען. אין אָנהויב איז מיר פאָרגעקומען זעהר מאָדנע, ווען איך האָב געהערט, אויף וואָס פאר אן אָפענעם און שטרענגען אופן סאָלדאטען פלעגען ארויסטרעטען געגען דער מלחמה. ניט ווילענדיג האָט זיך ביי מיר געיאָוועט א חשד, אז מען האָט אפשר בדעה מיך אויף אזא'ן אופן אויסצופאָרשען. אָבער איך האָב באלד איינגעזעהן, אז אָט דער פאַרדאַכט איז אין גאנצען געווען אומבאַגרינדעט. מען איז איינפאך געוואָרן מיעד פון'ם קריג און מען האָט זיך שוין מעהר ניט געשעמט עס אָפען ארויסצוזאָגען. אָבער דערביי האָבען זיך די מענשען פאַרהאַלטען דורכאויס פּאסיוו, און איך האָב ניט געהערט קיין וואָרט פון אויפגעבראכטקייט געגען דער רעגירונג. ס'איז גראָד געווען די צייט, ווען עס איז אויף דעם מערב־פראָנט פארגעקומען די גרויסע און לעצטע אָפענסיווע פון די דייטשע ארמייען, ביי וועלכער הונדערט טויזענטער מענשען זיינען אויף א געוויסענלאָזען אופן אומזיסט און אומנישט אויסגעשלאכט געוואָרן. אָבער יעדער איי־נער, מיט וועמען איך האָב דעמאָלט גערעדט, איז געווען מיט דער מיינונג, אז אָט די אָפענסיווע מוז נאָך געמאכט ווערן, כדי ענדליך צו דערגרייכען דעם פרידען. „אָבער דאן א סוף!“ דאָס איז געווען די סטערעאָטיפּע פראַזע, וועלכע מען האָט געקאָנט הערען איבעראַל, דאמאָלס האָב איך געהאט דאס באשטימטע געפיהל, אז די מלחמה קאָן שוין מעהר לאנג ניט געדויערן. אָבער אין דערזעלבער צייט בין איך אויך געווען איבערצייגט ביי זיך, אז די אַלטע דייטשלאנד האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

מיט דעם אויבער־לייטענאנט האָב איך אין פארלויף פון דער צייט עפּטערס געהאט גערעדט. זיין באַנעמונג צו מיר איז שטענדיג געווען די זעלביגע. איינמאָל האָט ער מיך געפרעגט, ווי אזוי איך פארברענג דאָ די צייט. כ'האָב איהם געזאָגט, אז איך פיהל זיך צימליך לאנגווייליג, ווייל אויסער די צייטונגען האָב איך גאָרנישט וואָס צו לייענען. דאָ האָט ער מיר געגעבען זיין פריוואט־אדרעס און מיך געבעטען, איך זאָל איהם באזוכען און זיך אויסקלייבען

עטליכע ביכער פון זיין ביבליאָטעק. כ'האָב מיט פרייד אָנגענומען די פריינדליכע איינלאַדונג און איך האָב אצונד וועניגסטענס געהאַט עפּעס צו לייענען, כדי אויף א בעסערן אופן צו קאָנען אויספילען די לײדיגע צייט.

אויך די אויבער־שוועסטער אין דער שולע האָט מיך באהאַנדעלט מיט גרויסער אויפמערקזאַמקייט און פלעגט גערן פאַרפיהרען א געשפּרעך מיט מיר. איינמאָל, ווען זי האָט באמערקט, אז איך האָב גראָד גאָרנישט וואָס צו לייענען, האָט זי מיר געבראַכט א גאַנצען פּעקעל מיט ראָמאַנען פון ווילהעלם ראַאבע און אנדערע. דערביי האָב איך באמערקט, ווי זי האָט פון'ם פּעקעל אוועקגענומען א קליין ביכעלע, וואָס האָט וואַרשיינליך דורך א צופאַל פאַרבלאָנדזשעט צווישען די אנדערע ביכער. כ'האָב געפרעגט, וואָס פאַר א שענע זאַך זי האָט נאָך דאָרט, אָבער זי האָט ערקלערט, אז דאָס קאָן מיך יעדענפאַלס ניט פאַראינטערעסירען. נו, האָב איך איהר געבעטען, זי זאָל מיר דאָך ווייזען דאָס ביכעלע. ס'איז געווען א קורצע לעבענס־געשיכטע פון'ם הייליגען פראַנסיס פון אַזיזי. אָבער ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם נאָמען פון דער פאַרפאַסערין, האָט זיך ביי מיר ניט ווילענדיג ארויסגעריסען אן אויסרוף פון איבעראַשונג.

„פאַני אימלע!" האָב איך געזאָגט איבעראַשט.

„קענט איהר די דאַמע?" האָט מיך די שוועסטער נייגעריג געפרעגט.

„יאָ," האָב איך געענטפערט מיט א שמייכעל. „דאָס הייסט איך האָב זי געקענט. אָבער ס'איז שוין איבער צעהן יאָהר זינט דאַן. מיר האָבען זיך באַקענט אין לאָנדאָן."

„דאָס איז יעדענפאַלס געווען אין פאַרלויף פון איהר רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד, בעת זי איז נאָך געווען אן אַנאַרכיסטקע," האָט די שוועסטער געזאָגט. „יאָ, זי האָט זינט דאַן דורכגעמאַכט א גרויסע פאַרוואַנדלונג. ס'איז א וואונדערבאַרע פרוי, מיר זיינען אַלע באַגייסטערט פון איהר. ניט קוקענדיג דערויף וואָס זי איז פולשטענדיג בלינד, האַלט זי וואָך פאַר וואָך איהרע לעקציעס. זי

לעבט איצט אין א קלויסטער אין מינכען־גלאַדבאַך. אבער זי קומט אויך אַפט אהער אין גאָהך. וואָלט עס אייך אינטערעסירט, זי צו זעהן?"

„ניין, ניין," האָב איך געזאָגט. „אויב זי האָט געפונען איהר פרידען, וויל איך זי ניט שטערן. עס וואָלט איהר פיליכט אויך ניט געווען אנגענעם, ווייל דורך מיר וואָלט זי זיך דערמאָנט אָן איהר פארגאנגענהייט."

איך האָב שוין אין ענגלאנד געהאט געהערט, אז פאני אימלע איז געוואָרן א סאָציאל־דעמאָקראטקע, אָבער אז די ענטוויקלונג האָט די געוועזענע אַנאַרכיסטקע געפיהרט אזש ביז אין שויס פון דער קאַטוילישער קירכע, דערפון האָב איך גאָרנישט געוואוסט. כ'האָב געבעטען די שוועסטער, זי זאָל מיר איבערלאָזען דאָס ביכעלע אויף א פאָר שטונדען און איך האָב אלזאָ געלייענט, וואָס די געוועזענע רעבעלין האָט היינט געהאט צו זאָגען. דאָס וואָס זי האָט זיך גראָד אויסגעקליבען פראנסים פון אזיזי אלס איהר ליעבלינגס־הייליגען, איז אייגענטליך געווען א באווייז דערפאר, אז עס האָט נאָך געלעבט אין איהר עפּעס פון איהר פארגאנגענהייט, אָהן דעם אז זי זאָל דאָס פיליכט האָבען געוואוסט.

אזוי זיינען אריבער ביינאַה דריי וואכען און איך האָב נאָך אלץ ניט געוואוסט, וואָס מיט מיר וועט געשעהן. איין אָוועגט — ס'איז געווען דער 10טער אפריל — בין איך ווידער אמאָל געווען איינער אליין אין דעם פוסטען שול־זאָל, ווען דער טעלעפאָן האָט פּלוצלינג געקלונגען. אזוי ווי עס איז קיין אנדערער ניט געווען אויפ'ן פּלאַץ, בין איך אליין צוגעגאנגען צום טעלעפאָן און גע־פרעגט, מיט וועמען מען וויל ריידען.

„איז הערר ראָקער דאָרט פאראן?" האָט געפרעגט אימיצער, אין וועמען איך האָב דערקענט די שטימע פון'ם אויבער־לייטענאנט.

„דאָס בין איך אליין, הערר אויבער־לייטענאנט," האָב איך געענטפערט.

„אָ, דאָס איז גוט," האָט ער געזאָגט. „הערט, הערר ראָקער, די

ענטשיידונג וועגען אייער פאַל איז נאָר וואָס אָנגעקומען. אזוי ווי איהר זיינט געווען לענגער ווי צעהן יאָהר אין אויסלאַנד און איהר האָט זיך אין פארלויף פון דער דאָזיגער צייט קיינמאָל ניט געמעלדעט אין א דייטשען קאָנסולאַט, האָט איהר פארלאָרן אייער רעכט אלס דייטשער אונטערטאַן. צוליעב דעם ווערט אייך ענטזאָגט דאָס אריינפאָהרען קיין דייטשלאַנד, און איהר מוזט פאָהרען צוריק קיין האָלאַנד. קומט מאָרגען אין דערפריה ארום ניין אזייגער מיט אייער באַגאַזש צום באַנ-הויף. צעהן אזייגער געהט אָפּ דער צוג צו דער האָלענדישער גרעניץ. אלעס אנדערע וועלען מיר מאָרגען אראַנזשירען."

כ'האָב איהם הארציג געדאַנקט פאַר דער שנעלער ידיעה וואָס ער האָט מיר געגעבען און איהם צוגעזאָגט, אז איך וועל מאָרגען פינקטליך זיין אויפ'ן פּלאַץ. ווי א שטראָם פון פליסיגקייט איז מיר דורך דורך'ן גאַנצען קערפּער. כ'האָב קוים געטרויט מיינע אייגענע חושים, און מיין הארץ האָט געקלאַפּט אין א געוואַלטיגען דראַנג נאָך פרייהייט. עפּעס בעסערס וואָלט מיט מיר גאָר ניט געקאָנט פּאַסירען. כ'האָב געפיהלט, אז איך וואָלט געקאָנט אויסשרייען הויך אויפ'ן קול פאַר ענטציקונג. דער געדאַנק, אז איך וועל אצונד ענדליך קאָנען שרייבען צו מילי'ן און צו די ליעבע פריינט, כדי זיי אויסצולייזען פון דער מאַטערענדער אומגעוויסהייט, האָט מיך אָנגעפילט מיט גליק. מיין אזויגערופענע שטאַטלאָזיגקייט איז, אָהן א שום ספק, געווען בלויז א תירוץ, אן אויסרייד, כדי אויף אזא'ן אופן פטור צו ווערן פון מיר. אסך פון מיינע פריהערדיגע ליידענס-חברים האָבען זיך געפונען אין דערזעלבער לאַגע ווי איך, אָהן דעם אז מען זאָל זיי צוליעב דעם האָבען צוריקגעוויזען. אבער דאָס אלעס האָט מיך איצט אבסאָלוט ניט געאַרט. ס'איז דאָך געווען מיין איינציגער וואונש, צו זיין אוועק פון דאַנען.

אויף מאָרגען אין דערפריה בין איך שוין באַצייטענס געווען אויף. כ'האָב די גאַנצע נאַכט כמעט ניט צוגעמאַכט קיין אויג, וואָרים די פרייד האָט מיך ניט געלאָזט שלאָפען. די גוטע שוועסטער האָט מיר פאַרזאָרגט מיט גענוג שפּייז פאַר דער רייזע און האָט זיך

הארציג אָפּגעזעגענט מיט מיר. ווען איך בין אָנגעקומען אויף'ן באנהויף, איז שוין דער אויבער־לייטענאנט געווען דאָרט.

„נו, הערר ראָקער," האָט ער זיך אָפּגערופען, ווען ער האָט מיך דערזעהן, „ווי געפעלט אייך די ענטשיידונג?"

„אין מיין איצטיגער לאגע, הערר אויבער־לייטענאנט, וואָלט איך זיך קוים געקאָנט ווינשען עפּעס בעסערס דערפון," האָב איך געענטפערט.

„דאָס דענק איך אויך," האָט ער פריינדליך געזאָגט, „און דער־פאר פרעה איך זיך פון אייערטוועגען."

דאָס זאָגענדיג האָט ער מיר דערלאנגט א פּאַפּיר, וואָס האָט מיר געזאָלט דינען אלס „פּאַס" פאר די האָלענדישע באַאמטע און וואָס האָט ענטהאַלטען פאָלגענדע ווערטער:

„צ י י ג נ י ס

דער ש ט א ט ל אָ ז ע ר צוריק־וואנדערער פון ענגלאנד, ר ו ד א ל ף ר אָ ק ע ר, ווערט צוריקגעשיקט נאָך האָלאנד אויף א באַפעהל פון'ם גענעראל־קאָמאנדא 7, א. ק., ווייל עס ווערט איהם ענטזאָגט דאָס אריינפאָהרען קיין דייטשלאנד.

גאָהך, דייטשע גרעניץ־סטאַנציע, 11טען אפּריל, 1918

מערק, אויבער־לייטענאנט."

ווען דער צוג איז אריינגעפאָהרען אין באנהויף, האָט מיר דער אויבער־לייטענאנט פריינדליך געגעבען די האנד און מיר געוואונשען אַלדאָס גוטס. נאָך איהם זיינען צוגעקומען אלע סאָלדאטען און האָבען מיר הארציג געדריקט די האנד צום אָפּשיד. ארום צעהן אזייגער פאָרמיטאָג איז דער צוג אָפּגעגאנגען. ער האָט געהאַט גאנץ ווייניג פּאַסאַזשירען. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין האַסום, די לעצטע דייטשע גרעניץ־סטאַנציע, האָבען מיר אלע געמוזט ארויס־געהן פון צוג, ווייל מען האָט געדאַרפט אונטערזוכען אונזער באַגאַזש.

כ'האָב קוים אראָפּגעשטעלט א פוס אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווען א מאַן איז צוגעקומען צו מיר און האָט מיך געפרעגט:

„איהר זיינט דאָך הערר ראָקער?"

„יאָ," האָב איך געענטפערט.

„זייט אזוי גוט און קומט מיט מיר אין ביוראָ," האָט ער מיך אויפגעפאָדערט.

ער האָט מיך אריינגעפיהרט אין א קליינעם צימער און האָט מיר גראָד געוואָלט עפּעס זאָגען, ווען דער טעלעפאָן האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען צו קלינגען. מיין באַגלייטער איז האסטיג צוגעגאנגען צו דעם אפּאראַט. אין א ווייל ארום האָט ער געזאָגט:

„דאָס רעדט דער אויבער־לייטענאנט מערק אין גאָהך. ער וויל מיט אייך ריידען א פּאָר ווערטער."

דאָס זאָגענדיג האָט ער מיר איבערגעגעבען זיין פּלאַץ ביים טעלעפאָן.

„האַלאָ," האָב איך געזאָגט.

„זיינט איהר עס אליין, הערר ראָקער?" האָט געפרעגט די שטימע פון'ם אויבער־לייטענאנט. „שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר א צופאַל. נאָר וואָס איז אָנגעקומען אהער א נייער טראנספּאָרט פון מענשען. צווישען זיי געפינט זיך אויך א דאַמע, וועלכע איז די גאַנצע צייט געווען אינטערנירט צוזאַמען מיט אייער פרוי. אויב עס גערהט אייך שטארק אין דעם צו ריידען מיט דער דאַמע, דאַן קומט מיט'ן נעכסטען צוג צוריק אהער. איהר וועט דאַן קאָנען היינט נאָכמיטאָג אָפּפאָהרען קיין האָלאַנד.

מיר איז געווען גאַנץ מאָדנע אויף'ן הארצען. גערן וואָלט איך צוריקגעלאָפען, כדי צו הערען עפּעס נייעס איבער מילי'ס לאַגע. אָבער מען האָט די גאַנצע לעצטע טעג געהאַט געזעדט דערפון, אז די דייטש־האָלענדישע גרעניץ וועט אויף א שטיקעל צייט פאַרמאַכט ווערן. ווער ווייס? פיליכט וויל מיר דאָ דער צופאַל אָפּטאָן א שפּיצעל און איך וועל מוזען בלייבען זיצען אין דייטשלאנד. איך האָב געפיהלט אינסטינקטיוו, אז איך טאָר זיך ניט אויסזעצען די דאָזיגע געפאַר. איך האָב דערום געפרעגט דעם אויבער־לייטענאנט,

צי די דאַמע האָט עפּעס געזאָגט וועגן דעם געזונט־צושטאַנד פון מיין פרוי.

„אייער פרוי איז געזונט און מונטער,“ האָט ער פריינדליך געענטפערט.

„אויב דאָס איז דער פאַל, הערר אויבער־לייטענאַנט,“ האָב איך געזאָגט, „דאַן ציה איך בעסער פאָר, צו פאָהרען ווייטער. אין דער־זעלבער צייט דאַנק איך אייך פון גאַנצען הארצען פאַר דער פריינד־ליכקייט, וואָס איהר האָט מיר באוויזען.“

„גוט אַלזאָ,“ איז געווען זיין ענטפער. „פאָהרט אין גאָט׳ס נאָמען. און נאָך עפּעס: ווערט אַמאָל צוריק א קריסט.“

„שנעלער, שנעלער,“ האָט מיך אָנגעטריבען מיין באַגלייטער. „דער צוג געהט באַלד אָפּ.“

כ׳האָב שנעל געכאַפּט מיין באַגאַזש און בין אַרויסגעלאָפען. קוים בין איך נאָר אריין אין וואַגאָן, האָט זיך שוין דער צוג גענומען ריהרען. אזוי האָב איך אַלזאָ דורך א ריינעם צופאַל זיך אויסגע־דרעהט פון יעדער אונטערזוכונג. יעדענפאַלס וואָלט מען ביי מיר סיי ווי גאָרנישט געפונען, וואָרים איך האָב ווירקליך ניט געפיהרט קיין שום פאַרבאָטענעם ביי מיר.

אין א האַלב שעה ארום זיינען מיר אָנגעקומען אין גענעפּ. ווען איך בין ארויס פון צוג און האָב זיך געלאָזט שנעל געהן צום אַרויסגאַנג, איז צוגעקומען צו מיר א האָלענדישער אָפיציר און האָט געפאָדערט צו זעהן מיין פּאַס.

„קיין פּאַס האָב איך ניט,“ האָב איך געזאָגט, „אָבער פיליכט וועט זיין גענוג פאַר אייך דאָס דאָזיגע פּאַפּירעל.“

דאָס זאָגענדיג, האָב איך איהם דערלאַנגט מיין אויסווייזונגס־באַפעהל. דער יונגער לייטענאַנט האָט דאָס צייגניס געלייענט איינ־מאָל און נאָך אַמאָל, דערנאָך האָט ער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אזוי ווי עפּעס וואָלט איהם דאָ געווען אומפאַרשטענדליך. ענדליך האָט ער מיך געפרעגט:

„ווי איז דאָס, זיינט איהר דען ניט קיין דייטש?“

„איך ווייס ניט, וואָס איהר פאַרשטעהט אונטער דעם," האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

„נו, צי איהר זיינט געבוירען געוואָרן אין דייטשלאַנד, און צי אייערע עלטערן זיינען געווען דייטשען," האָט ער געזאָגט.

„דאָס יאָ," האָב איך געזאָגט, „אָבער פריהער איז אין דייטשלאַנד געווען אַ געזעץ, לויט וועלכען אַ דייטש האָט, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין אויסלאַנד און אונטער געוויסע באַדינגונגען, געקאָנט פאַרלירען זיין שטאַטס־אָנגעהעריגקייט. און אין אַט דער לאַגע געפין איך זיך איצט."

„דערפון האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט," האָט ער געזאָגט.

„אויב איהר זיינט אַ דייטש, קאָן מען דאָך ביי אייך ניט אוועקרויבען אייער שטאַטס־אָנגעהעריגקייט."

„איהר זעהט דאָך אָבער פון מיין פאַל, אַז אַזעלכע זאַכען זיינען מעגליך," האָב איך געענטפערט.

„יאָ, דאָס זעה איך," האָט ער געזאָגט, אָבער איך האָב געקאָנט באַמערקען אויף איהם, אַז ער האָט נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַזאַ זאַך איז מעגליך געווען. ענדליך האָט ער מיך געפרעגט, צי איך וועל איהם פיליייכט ערלויבען אַראָפּצונעמען אַ קאָפּיע פון מיין צייגנים.

„מיט פאַרגעניגען," האָב איך געזאָגט.

אַז ער איז פאַרטיג געוואָרן מיט דער קאָפּיע, האָט ער מיך געפרעגט, צי איך ווייס, אַז אויסלענדער וואָס האָבען ניט די נייטיגע מיטלען צום לעבען, ווערן איצט אויך אין האָלאַנד אינטערנירט.

איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך האָב גאָרנישט געוואוסט דערפון, ווייל איך בין די גאַנצע צייט פון דער מלחמה געווען אינטערנירט אין ענגלאַנד.

„אויסערדעם," האָב איך געזאָגט, „פאַרמאָג איך דערווייל צעהן פונט סטערלינג און איך האָב גענוג פריינט אין האָלאַנד, וועלכע וועלען זיך פאַר מיר אָננעמען."

„וואוהין דענקט איהר צו פאָהרען?" האָט ער געפרעגט.

„נאָך הילוועׂרסום,“ איז געווען מיין ענטפער.

„האָט איהר דאָרט האָלענדישע פריינט?“ האָט ער ווייטער געפרעגט.

„יאָ,“ האָב איך געזאָגט.

„מעג מען פיליכט וויסען דעם נאָמען?“

„אויב עס אינטערעסירט אייך, מיט פארגעניגען,“ האָב איך געענטפערט מיט א געוויסער איראָניע. „איך פאָהר צו מיין פריינד דאָמעלא ניוועׂנהויז.“

„אָ, דעם קענען מיר,“ האָט דער יונגער לייטענאנט געזאָגט און איז פּלוצלינג געוואָרן גאַנץ פריינדליך. „איהר קאָנט רוהיג פאָהרען, ס׳וועט אייך דאָ גאָרנישט געשעהן.“

כ׳האָב געמוזט ווארטען צוויי שטונדען אין גענעפּ, ביז דער צוג איז אָפּגעגאנגען קיין אוטרעכט, און איך האָב באנוצט די צייט, כדי גלייך אָנצושרייבען א בריעף צו מילי׳ן. אין אוטרעכט האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף א קורצער ווייל. ס׳איז געווען אום־געפער פיער אזייגער נאָכמיטאג, ווען איך בין אָנגעקומען אין הילוועׂרסום. כ׳האָב איבערגעלאָזט מיינע זאכען אויף דער באַן און איך בין אוועק צופוס נאָך שאָקלאאן, וואו ניוועׂנהויז האָט געוואוינט. ס׳איז געווען א הערליכער פריהלינג־טאָג, און אין מיין הארצען איז אויך געווען פריהלינג. כ׳האָב געפיהלט נייע כוחות פון לעבען אין מיר און איך האָב געוואוסט, אז איך בין איבער־געקומען דאָס ערגסטע.

ווען איך בין ענדליך צוגעקומען צום הויז, האָב איך געפונען דעם גוטען אלטען אויף דער קליינער וועראנדע. מיר האָבען זיך איבער צעהן יאָהר ניט געהאט געזעהן. ער איז געוואָרן שניי־ווייס, און די עלטער האָט ארויפגעלעגט איהר דייטליכען שטעמפּעל אויף זיין קרעפטיגען קערפּער. מיר האָבען זיך הארציג אומארמט און זיך שטום געדריקט די הענט. דאָ איז אויך ארויסגעקומען מוטער בערטא, ניוועׂנהויז׳ס פרוי, און האָט מיך פריינדליך באגריסט. און אצונד האָט זיך אָנגעפאנגען א דערצעהלען. און מיר האָבען זיך געהאַט אזוי פיעל צו זאָגען, אזוי פיעל געדאנקען אויסצוטוישען.

איך האָב אַלע ווײַלע געמוזט אויפהויבען מײַנע אויגען צו דעם אַלטען פרײַנד. כ'בין נאָך געווען גאָר אַ יונגער אינגעל, ווען איך האָב איהם אין 1891 צום ערשטען מאָל געזעהן אין בריסעל. דערמאָלט איז ער געווען אין דער פולער קראַפט פון זײַן מענליכקייט, און זײַנע דרייסטע ווערטער אויף דעם צווייטען קאָנגרעס פון'ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל האָבען געפונען אַ באַגייסטערטע אויפנאַמע באַזונדערס אין די הערצער פון אונז יונגע. היינט אָבער איז ער געווען אַ זקן, וועלכער איז שוין געשטאַנען בײַם ראַנד פון'ם קבר. זײַנע באַוועגונגען זײַנען געווען לאַנגזאַם, און איין האַנד האָט בײַ איהם כסדר געציטערט. אָבער אין דעם קראַנקען קערפּער האָט נאָך אַלץ געלעבט דער אַלטער גייסט און דערזעלבער פעסטער ווילען, וואָס קיין מאַכט האָט ניט געקאָנט בויגען. ס'איז געווען אַ רייך, גרויס לעבען, וואָס האָט זיך דאָ לאַנגזאַם אויסגעלאָשען, אָבער וואָס האָט נאָך איצט, ניט קוקענדיג אויף דער עלטער און ניט קוקענדיג אויף אַלע קערפּערליכע קראַנקהייטען, אַרויסגעשיקט איבעראַל די פונקען פון עמפּערונג, כדי דורכצוברעכען דעם וועג פאַר אַ פרייער צוקונפט. אַ שטומע עהרפורכט איז איבער מיר געקומען, ווען איך האָב געקוקט אויף דעם דאָזיגען זקן, וועלכער האָט אַלצדינג געאָפּפערט פאַר זײַן אידעאַל און איז קיינמאָל ניט ענטוישט געוואָרן.

און איך האָב געטראַכט וועגען די קעמפען, וועלכע זײַנען אונז פאָרגעשטאַנען, און וועלכע די מלחמה האָט אומבאַדינגט געמוזט אַרויסרופען. אצונד בין איך ווידער פריי געווען, דערלייזט פון די באַנדען פון אַ צודריקענדער געפאַנגענשאַפט, וועלכע האָט פאַרצעהרט דעם קערפּער און אָפּגעטעמפּט דעם גייסט. אַ טיף געפיהל פון פרייד האָט מיך דורכגענומען, איך בין געווען גרייט.